STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10132

REVOLUTSYE UN REGRESYE

Rudolf Rocker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רודאָלף ראָקער

רעוואָלוציע און רעגרעסיע

איבערגעזעצט פון דייטשן מאַנוסקריפּט דורך
חיים בראַקאַזש

בוכגעמיינשאַפט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
בוענאָס איירעס, 1963

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — סאַן לואיס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאַלט:

זייט

אין האָלאַנד	9
צוריק אין היימלאַנד	32
אַ פּאַטאַלער אָנהייב	48
דער יאַנואַר־אויפשטאַנד און זיינע קאָנסעקווענצן	59
דער צווייטער אויפשטאַנד אין בערלין	73
די לאַנד־קאָנפערענץ פון די געווער־אַרבעטער אין ערפורט	84
די לאַנד־קאָנפערענץ אין בראַאונשווייג	98
די מינכענער ראַטן־רעפּובליק	106
גוסטאַוו לאַנדאַאוערס סוף	120
די פרייד פון שוץ־אַרעסט	132
דער קאַפּ־פּוטש	150
ידיעות פון רוסלאַנד	175
די אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד	185
די פאָרגעשיכטע פון דעם סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל	202
די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־קערפּערשאַפט	216
רוסישע עמיגראַנטן אין בערלין	234
שפּאַנישע געסט אין דייטשלאַנד	266
סאָפיאַ קראָפּאָטקין אין בערלין	291
פּאָליטישע פליטים און אַנדערע געסט פון אַלע לענדער	300
מיין רייזע דורך שוועדן	325

ערשטער באַנד

אין האלאַנד

אַ לאַנגע געפאַנגענשאַפט מוז אויף יעדן מענטש איבערלאָזן סימנים; אַפילו דער שטאַרקסטער כאַראַקטער קאָן זיך שוין קיינמאָל נישט אינגאַנצן באַפרייען פון איר השפעה. דאָס דאָזיקע איז ספעציעל גילטיק פאַר דעם לאַנגן אַרעסט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו די באַדינגונגען זענען אינגאַנצן אַנדערש ווי אין אַ געוועינלעכער תפיסה. און מען פילט זיי אַ סך שווערער. די כסדר אומזיכערע לאַגע פאָדערט דאָרט פון דעם מענטש מער ווידערשטאַנד־כוח און האַלט אים תמיד אין אַ צושטאַנד פון נערוועזער געשפּאַנטקייט, וועלכע ווערט וואָס אַ מאָל אומדערטרעגלעכער. דער געוועינלעכער אַרעסטאַנט איז גיכער בכוח שלום צו מאַכן מיט זיין גורל, ווי שווער ער זאָל נישט זיין. ער קען דאָס פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער זיצט אין תפיסה און ווייסט גענוי, ווען עס וועט זיך פאַר אים ווידער עפענען די טיר צו דער פרייהייט. דער, וואָס זיצט אָבער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, פילט זיך פריי פון שולד, און דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין מוז אים נאָך מער פאַרביטערן, ווען ער האָט אינדרויסן אַ פאַמיליע, וועלכע איז אָנגעוויזן אויף זיינע פאַרדינסטן און זי מוז אַציגד ליידן פאַר זאַכן, פאַר וועלכע ער איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך און וועלכע זענען בלויז דער פועל־יוצא פון דעם צופאַל פון זיין געבורט. דאָס ערגסטע אָבער איז, וואָס ער ווייסט קיינמאָל נישט ווי לאַנג זיין געפאַנגענשאַפט וועט דויערן, בפרט ווען עס גייט אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר אין טרויעריקער מאָנאָטאָנעקייט און די אויסזיכטן אין דער צוקונפט ווערן וואָס אַ מאָל טונקעלער.

צו דעם אַלעם קומט נאָך צו דער פּרט, וואָס אַזאַ געפאַנגענער בלייבט די גאַנצע צייט אַפילו אויף קיין איין רגע נישט אַליין און ער האָט קיינמאָל נישט קיין געלעגנהייט זיך אינערלעך צו קאָנצענטרירן. דער רעזולטאַט דערפון איז אַ שטענדיקע גערייצטקייט, וואָס וואַקסט מיט די יאָרן און קומט וואָס אַ מאָל שאַרפער צום אויסדרוק, אַזוי אַז עס דערפירט אָפטמאָל צו אומאַנגענעמע אינצידענטן, וועלכע מען קאָן נישט אויסמיידן אין קיין שום מאַסן־לאַגער, אין וועלכן מען בלייבט אַ לענגערע צייט אין געפאַנגענשאַפט.

איך אַליין בין בעת די לעצטע צוויי יאָר פון מיין אינטערנירונג אַזוי פאַר־

נומען געווען מיט דער אינערלעכער פאַרוואַלטונג פון לאַגער, אַז איך האָב קוים צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט אומניצלעכע גריבלענישן; פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט אַנדערע דאגות, וואָס האָבן מיר אָפּטמאָל זייער שווער געמאַכט דאָס לעבן און פאַרלאַנגט גרויסע אַנשטרענגונגען פון מיין ווילנסקראַפט. די מלחמה האָט נישט בלויז אַ סוף געמאַכט צו מיין לאַנגיעריקער טעטיקייט אינ־דרויסן, נאָר זי האָט אויך שווער געטראָפן אונדזער גאַנצע פאַמיליע. מילי איז צוויי יאָר געזעסן אין תפיסה אין איילסבערי; אונזער עלטערער זון איז כמעט דריי יאָר געווען אינטערנירט און צוויי פון מיינע שוואָגערס האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל.

עס איז אמת, אַז די אינערלעכע לאַגער־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט צוגענומען מיין גאַנצע צייט און ענערגיע, האָט מיר אַ סך געהאָלפן אָפּצולענקען מיינע געדאַנקען פון מיין אייגענער לאַגע; דערפאַר אָבער האָט מיר דער לעצטער פעריאָד פון מיין טעטיקייט כמעט יעדן טאָג פאַרשאַפט נייעם פאַרדרוס, וואָרים איך האָב מיך די גאַנצע צייט געפונען מיט דעם נייעם קאָמאַנדאַנט אין אַ מלחמה־צושטאַנד, און געווען איז דאָס דאָזיקע נאָך אומאַנגענעמער, ווייל עס האָט יענעם פאַרשוין אין זיין קליינקעפלדיקער באַגרענעצטקייט לחלוטין גע־פעלט די מינדסטע פאַרשטענדעניש פאַר דער כסדר־וואַקסנדיקער פאַרערגע־רונג פון דער לאַגע לאַגע ביי די געפאַנגענע. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז כמעט אוממעגלעך וועלכע ס׳איז ניצלעכע אַרבעט, ווייל אַלדינג, צו וועלכן מען האָט זיך היינט געהאַט דערשלאָגן, איז מאָרגן דורך ביוראָקראַטישער טעמפּ־קייט צוריק בטל געוואָרן און מען האָט עס ווידער אויפסניי געמוזט אויס־קעמפן. אַזאַ מצב איז שווער לאַנג אויסצוהאַלטן און ער איז אַ סך ערגער ווי ברוטאַלע געוואַלט, וואָרים ער שאַפט כסדר און אָן שום זין און סיבה וואָס אַמאָל נייע אינערלעכע קריזיסן, וועלכע מאַכן דעם מענטשס לעבן פאַר אַ גיהנום.

דעריבער, ווען איך האָב מיך ענדלעך געפונען אויף האָלענדישן באָדן, נאָך דער נישט ווילנדיקער אַוואַנטורע, אין דער דייטשער גרענעץ־שטאָט גאָך, וואָס האָט זיך אומדערוואַרט פאַר מיר אַליין אויסגעלאָזט צום גוטן, האָב איך מיך געפילט ווי באַפרייט פון אַ קאָשמאַר, אָבער אויך אינגאַנצן פאַרמאַטערט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען באַלד אונטערגעקומען נייע דאגות, אָבער איך בין לפּחות געווען פריי און האָב געקאָנט מאַכן מיינע אייגענע פּלענער, ווי אַזוי זיך אָן עצה געבן קעגן זיי, אַ זאַך וואָס מען איז אין דער געפאַנגענשאַפט נישט בכוח צו טאָן.

זינט מיין אַוועקפאָרן פון אַלעקסאַנדראַ פּאַלאַס אין דער ערשטער וואָך פון מערץ האָב איך סיי פון מילי און סיי פון מיינע קרובים און פריינט אין לאָנדאָן נישט געהאַט קיין שום ידיעה, און די דאָזיקע אומזיכערקייט האָט מיך שטאַרק באַזאָרגט. דער געדאַנק, אַז מילי קאָן נישט האָבן קיין שום אַנונג, וואָס מיט מיר איז געשען און זי מוז זיך אַוודאי זייער מצער זיין וועגן מיין גורל, איז מיר

געלעגן ווי אַ באַרג אויף דער נשמה; איך האָב דאָך געוווּסט פון מיין אייגענער דערפאַרונג, אַז גראָד אין דער געפאַנגענשאַפט ריכט מען זיך אויף דעם ערגסטן, ווייל מען האָט נישט קיין שום מעגלעכקייט צו קענען אויף אַ וועלכן ס'איז אופן אויף עפּעס זיך נאָכצופרעגן. איך האָב אַפילו באַלד געשריבן צו מילי, ווען איך בין אָנגעקומען קיין גענעף, אָבער מיר האָבן דאָך געלעבט אין אַ מלחמה־צייט, ווען קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן, ווען עס וועט אָנקומען אַ בריוו און אויב ער וועט בכלל אָנקומען. מיין געדולד איז דעמאָלט טאַקע געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן נסיון, וואָרים איך האָב נישט באַקומען קיין ענטפער אויף אַלע מיינע בריוו און עס האָט געדויערט מער ווי דריי חדשים, ביז איך האָב ענדלעך באַקומען פון ענגלאַנד דעם ערשטן סימן פון לעבן.

איך בין געפאָרן קיין הילווערסום, היות איך האָב חוץ דעם אַדרעס פון דאמעלא ניוועגהויז נישט געהאַט קיין שום אַנדערן. איך האָב באַלד פון אָנהייב בדעה געהאַט זיך צו באַזעצן אין אַמסטערדאַם, ווייל דאָרט האָב איך גיכער געקאָנט האָפן צו געפינען אַ באַשעפטיקונג, וואָס זאָל מיר קענען געבן אַ באַשיידענע אויסקומעניש. איך האָב געהאַט אין אַמסטערדאַם אַ גאַנצע ריי אַלטע פריינד, וועלכע וואָלטן מיר אפשר אין דער דאָזיקער זאַך געקאָנט ניצלעך זיין, אָבער איך האָב קודם־כל געמוזט געוואָר ווערן, ווו איך קאָן זיי געפינען, און דערין האָט מיר דער אַלטער אין הילווערסום צום בעסטן געקאָנט מיטהעלפן.

ווען איך בין אין יענעם פאַר מיר אַזוי געדענקווערטן 15טן אַפּריל נאָך האַלבן טאָג אָנגעקומען קיין הילווערסום און זייער האַרציק אויפגענומען געוואָרן פון ניוועגהויז און זיין פרוי, האָב איך מיך געפילט ווי ניי געבוירן. עס איז אַ מאָדנע געפיל, ווען מען קומט פּלוצלינג אַריין נאָך אַ לאַנגער געפאַנגענשאַפט אין אַ נייער וועלט. נאָך דעם טרויעריק־וויסטן קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט זיין שטענדיקן געפילדער און פיינלעכער אומרואיקייט, ווו אַלדינג איז אויסגערעכנט בלויז אויף די פּרימיטיווסטע באַדערפעניש, אַזוי אַז מען פאַרגעסט ביסלעכווייז די מינדסטע באַקוועמלעכקייטן אין לעבן און מען פילט זיך קוים ווי אַ מענטש, זעט אויס אַזאַ בייט פון אַלע באַדינגונגען כמעט ווי אַ חלום. איך בין שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט געהאַט געזעסן מיט אַלטע פריינט אין אַ ריין און באַקוועם איינגעאָרדנט צימער ביי אַ ווייס־געדעקטן טיש און געגעסן, אַז אַלדינג האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי נישטווירקלעך. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך פּאַס מיך גאָרנישט אַריין אין דעם דאָזיקן אָנגענעמען, מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט איינגעאָרדנטן צימער און האָב מיך געפילט אַ ביסל זשעני רט אין דער דאָזיקער פריינטלעכער סביבה, ווו אַלץ האָט געהאַט אַ זין און איז געווען צוגעפּאַסט צום פּערזענלעכן געשמאַק.

ווען מיר זענען נאָכן עסן אַריבערגעגאַנגען אין דעם אַלטנס באַקוועמען און פּרעכטיק איינגעאָרדנטן אַרבעט־צימער און איך האָב צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט ווידער דערזען אַ גרויסע און תוכן־רייכע ביבליאָטעק,

האָט דאָס האַרץ אין מיר ערשט אויף אַן אמת אָנגעקוואָלן. אַזעלכע זאַכן קאָן מען ערשט ריכטיק אָפּשאַצן, ווען מען מוז זיך אָן זיי באַגיין אַזאַ לאַנגע צייט. איך האָב בעת מיין לעצטער געפאַנגענשאַפט נישט קיין סך געלייענט, אַרום און אַרום אפשר אַ טוץ ביכער. מיר האָט געפעלט צייט צום לייענען, ווייל איך בין פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט געווען פאַרנומען מיט דער פאַרוואַל־טונג פון לאַגער. קודם כל אָבער האָט מיר געפעלט די נייטיקע אינערלעכע געדאַנקען־פּאַרטיפונג, וואָס איז אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער קיינמאָל נישט מעגלעך צו דערגרייכן און אַן וועלכער עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַ ריכטיקן שטודיום. איך בין שוין געווען צופרידן, ווען איך האָב געקאָנט דורכ־לייענען די עטלעכע צייטונגען, וואָס זענען אונז אין דער געפאַנגענשאַפט געווען דערלויבט.

מיר האָבן זיך געהאַט אַ סך צו דערציילן, אָבער אין יענעם ערשטן נאָכ־מיטאָג האָבן מיר קוים באַוויזן פאַרטיק צו ווערן מיט דעם אויספרעגן און ענטפערן איינער דעם אַנדערן. עס זענען געווען אַזוי פיל זאַכן, פון וועלכע איך האָב גאָרנישט געוווּסט. איך האָב נישט געהאַט קיין שום באַגריף, וואָס עס איז געוואָרן מיט די פיל פריינט מיינע אויפן קאָנטינענט און איך האָב געהאַלטן אין איין פרעגן אויף דעם און אויף יענעם, וואָס איז מיר ביים אָנהייב פון דער מלחמה פאַרשוווּנדן געוואָרן פון האָריזאָנט. ווען איך האָב מיך לסוף געוואָלט געזעגענען, כדי נאָך צו קענען פאַר נאַכט אָנקומען קיין אַמסטערדאַם האָט ניווענהויז מיך שטאַרק אָפּגערעדט דערפון און געזאָגט, אַז איך מוז קודם כל האָבן אַ קליינעם אָפּרו און מוטער בערטאַ האָט ענערגיש צוגעשטימט דערצו. מסתמא האָבן זיי אין מיר דערקענט, אַז איך דאַרף מיך אָפּרוען, ווארים איך בין געווען אינגאַנצן אויסגעדאַרט און די מלבושים האָבן מיר אַראָפּ־געהאָנגען פון לייב, ווי ביי אַ סטראַשידלע. איך אַליין האָב געפילט, אַז עס גייען מיר אויס די כוחות און אַז איך מוז אַ ביסל קומען צו זיך, איידער איך נעם מיך צו מיין נייער אַרבעט.

אין דער געפאַנגענשאַפט, ווו די נערוון זענען תמיד אָנגעשטרענגט, בעיקר ווען מען איז נאָך דערצו באַלאָדן מיט אַ גרויסער פּערזענלעכער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, אַזוי ווי עס איז געווען ביי מיר, האָט מען זעלטן אַ געלעגנהייט זיך אַרומצוזען, אַז מען צעפּטרט די כוחות, וועלכע עס איז ביי די שווערע לעבנס־באַדינגונגען נישט מעגלעך צוריק צו באַקומען. מען פּרוווט גיכער יעדע אינערלעכע שפּאַנונג גובר צו זיין דורך נאָך גרעסערע שפּאַנונגען, ווייל מען קאָן זיך נישט העלפן אויף אַן אַנדערן אופן, און דאָס דאַזיקע מוז אונ־טערגראָבן אַפילו דאָס בעסטע געזונט, אויב עס דויערט אַ לענגערע צייט. די אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענצן פון אַזאַ צושטאַנד באַווייזן זיך געוועגלעך ערשט דעמאָלט, ווען די אָנטשפּאַנונג קומט פּלוצלינג אָן, און ווער עס קאָן זיי בייקומען אָן אַ קערפּערלעכן שאָדן, מעג זיך שאַצן גליקלעך. אויך איך

האָב דייטלעך געפילט, אַז עס וועט קומען אַ רעאַקציע, דאָך האָב איך גע־גלויבט, אַז אַ קורצער אָפּרו וועט מיך ווידער צוריקשטעלן אויף די פיס.

די פריינטלעכע איינלאַדונג פון ניוועןהויז און זיין פרוי וואָלט מיר ביי אַנדערע באַדינגונגען געווען זייער צום האַרץ, אָבער ביידע זענען געווען אַלטע לייט און נישט גאָר ביים בעסטן געזונט. דער אַלטער האָט פאַרלוירן אַ סך פון זיינע כוחות, זינט איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען אין אַמ־סטערדאַם. זיין רעכטע האַנט האָט שטענדיק געציטערט און זיינע באַוועגונגען זענען געווען פאַמעלעך און געמאָסטן, ווי דאָס טרעפט אָפט ביי מענטשן, וועלכע האָבן אַריבערגעטרעטן דעם ביבלישן עלטער. וואָס שייך מוטער בערטאַ, איז זי שוין לאַנג געווען געליימט אויף ביידע פיס און האָט קוים מיט מי זיך געקאָנט באַוועגן אין שטוב מיט דער הילף פון אַ שטעקן, בעת אויף דער גאַס האָט מען זי תמיד געמוזט פירן אויף אַ שטול מיט רעדער. איך האָב דעריבער נישט געקאָנט פון מיר אויסבאַהאַלטן, אַז מיין אָנוועזנהייט וועט פאַר זיי ביידע מוזן ברענגען אַזעלכע שוועריקייטן, וואָס קאָנען פאַר זיי נישט זיין לטובה, און איך האָב זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נישט מאַכן קיין זאָרגן צוליב מיר, וואָרים עס וועט מיר נישט זיין שווער צו דינגען אין אַמסטערדאַם אַ צימער, ווו איך וועל מיך קענען אויסרוען און זיך ווידער אָננעמען מיט כוחות.

אָבער זיי האָבן דערפון גאַרנישט געוואָלט הערן. דער אַלטער האָט גע־זאָגט, אַז אין אַמסטערדאַם האָב איך גאָר קנאַפּע מעגלעכקייטן צו קומען צו זיך, ווי עס דאַרף צו זיין. „דו וועסט דאָרט אַוודאי, האָט ער געזאָגט, באַלעגערט ווערן פון אַ גאַנצער מחנה מענטשן, וואָס וועלן האָבן צו דיר כלערליי בקשות, וועלכע מען קאָן נישט אָפּזאָגן. קיין אמתן אָפּרו וועסטו דאָרט נישט האָבן, דאָס וואָלט אָבער געווען דורכאויס נישט ריכטיק און לייכט געקאָנט ברענגען שלעכטע קאָנסעקווענצן. טאָ בלייב דעריבער דערווייל ביי אונז, וואָרים צו פאָרן קיין אַמסטערדאַם וועסטו קיינמאָל נישט פאַרשפּע־טיקן. דאָ וועט דיר קיינער נישט שטערן און דו וועסט באַלד אַליין איינזען, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט פאַר דיר אַ רואיק אָרט נאָך די אַלע יאָרן פון שטענדיקער אויפרעגונג און כסדרדיקע צרות. אונז וועסטו דאָ אַוודאי גאָרנישט שטערן, אַדרבה, מיר וועלן באמת צופרידן זיין דיך צו האָבן ביי אונז. אויב עס גייט דיר אין דעם, באַלד זיך צו זען מיט אייניקע פון דיינע פריינט, וועל איך מיך דערוויסן, ווו זיי געפינען זיך און זיי פאַרבעטן אַהער אויף אַ באַזוך“.

עס איז אַזוי געבליבן. איך האָב געוווינט צען טעג מיט מיינע אַלטע פריינט אין הילווערסום; עס זענען באמת געווען טעג פון אָפּרו, ווי איך וואָלט זיי אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען בעסער. אין דעם דאָזיקן פריינטלעכן, שטילן הויז האָט געהערשט אַ מחיהדיקע רואיקייט. נאָך די ביטערע און אומ־רואיקע יאָרן פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער האָב איך מיך געפילט ווי אַרי־

בערגעפירט אויף אַ ווייטער אינזל, ווו דאָס לעבן איז אַרומגערינגלט מיט אַ שטילקייט, וועלכע ווערט פון קיינעם נישט געשטערט. עס איז בלויז געווען איין ווייטיקדיקער פונקט אין דער אידיליע פון יענע שלוּוהדיקע טעג. איך האָב יעדן טאָג מיך געריכט צו באַקומען אַ בריוו פון מילי, אָבער איך בין אַלע מאָל ווידער אַנטטוישט געוואָרן. נאָר דאָ האָט מען גאָרנישט געקאָנט ענדערן.

דאָס וועטער איז געווען גוט. די טעג זענען געווען אָנגענעם און זוניק און די ביימער האָבן שוין געבלישטשעט אין דער ערשטן פרילינג־גרינס. איך פלעג געווענלעך יעדן טאָג פאַר דעם פרישטיק מאַכן אַ שפּאַציר אויף אַ שעה. דערנאָך האָב איך געשריבן בריוו צו מיינע פריינט אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבן פון מיר נישט געהערט שוין אַ לאַנגע צייט. דער אַלטער פלעגט דעמאָלט אין זיין אַרבעט־צימער טון די רעדאַקציע־אַרבעט פאַר De Vrije Socialist וואָס פלעגט דערשיינען צוויי מאָל אין וואָך. נאָך מיטאָג פלעגן מיר געווענלעך נעמען די מוטער בערטאַ אין דער רעדער־שטול און מיט איר געפאָרן איבער די שטילע, מיט ביימער אַרומגעצוימטע גאַסן. זי האָט דערפון געהאַט גאָר אַ גרויסע הנאה.

בערטאַ ניווענהויז איז געווען אַ מאָדנע כאַראַקטער. מען האָט געקענט מיינען, אַז אַ פרוי, וועלכע עס האָט געטראָפן אַזאַ גרויס אומגליק, וועט שווער אַריבערטראָגן אַזאַ טרויעריקן גורל. אַזאַ מום ווירקט בדרך כלל זייער דער־דריקנדיק אויף דעם געמיט, בעיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן אומהייל־באַרער מחלה, וועלכע מאַכט אַ מענטש אינגאַנצן הילפלאָז. מענטשן, וועלכע זענען באַלאָדן מיט אַזאַ שווערער משא, קאָנען שוין נישט האָבן פון לעבן קיין סך נחת. עס איז אוודאי מעגלעך, אַז אויך בערטאַ האָט געהאַט אירע מרה־שחורהדיקע טעג, ווען איר אומגליקלעכע לאַגע האָט שווערער געדריקט אויף איר באַוווסטזיין. דאָך אויב דאָס איז טאַקע אַזוי געווען, האָט זי עס נישט געגעבן קיינעם צו באַמערקן. זי איז קיינמאָל נישט געווען פאַרדאגהט און קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף דער גרויסער צרה, וואָס האָט זי געטראָפן. איר נאַטירלעכע פריילעכקייט האָט אויפגעהייטערט דאָס גאַנצע הויז און אַריינ־געבראַכט אין אַ גוטער שטימונג יעדן, וואָס איז געקומען מיט איר אין קאָנ־טאַקט. זי האָט פאַרמאָגט אַ געזונטן און איינגעבוירענעם הומאָר, וועלכער האָט געקאָנט ספּעציעל אויפכאַפּן די קאָמישע זייטן פון לעבן און אירע שפּאַסיקע באַמערקונגען וועגן מענטשן און זאַכן, וואָס זי האָט געקאָנט איבערגעבן מיט אַ מערקווירדיק מינע־שפּיל, האָבן תמיד אַריינגעבראַכט אירע צוהערער אין אַ געהויבענער שטימונג.

און פונדעסטוועגן האָט מוטער בערטאַ אויך געהאַט אירע געהיימע זאָרגן, וועלכע זי פלעגט אָבער בלויז זעלטן אַרויסווייזן. זי איז געווען צוגע־בונדן מיט גרויס ליבשאַפט צו איר מאַן, וועלכן זי האָט ממש באַוווּנדערט. טאָמער האָט ער זיך אַ מאָל עפּעס בלויז אַ קלייניקייט נישט גוט געפילט,

פלעגט זי שוין באַפאַלן אַן אינערלעכע אומרואיקייט. איך דערמאָן מיך נאָך היינט אַ סצענע, וואָס איר איינדרוק איז ביז איצט געבליבן ביי מיר פריש. ווען איך בין אין איינעם אַ טאָג אַרויס פון מיין צימער, כדי אַריינצוגיין אין דער אַלגע־מיינער וווינונג, האָב איך איבערראַשט בערטאַן, וואָס האָט געהאַט צוגעלייגט איר אויער צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צום אַלטנס אַרבעט־צימער. איר קערפּערלעכע אומבאַהאָלפנקייט האָט איר געשטערט בייצייטנס זיך צוריק צו ציען. זי האָט מיר דעריבער געגעבן אַ שטומען ווינק, אַז איך זאָל פאַרבייגיין. ווען זי איז אין עטלעכע מינוט אַרום אַריינגעקומען אין וווינצימער, האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן: „עס איז גאָרנישט. אָבער ווי באַלד איך הער נישט אַ לענגערע ווילע זיין מאַשין קלאַפּן, באַפאַלט מיך תמיד אַ מאָדנער פּחד. איך האָב דעמאָלט תמיד דאָס געפיל, אַז ער איז ביי דער אַרבעט איינגעשלאָפן, כדי זיך שוין קיינמאָל נישט אויפצוכאַפּן“. איר מורא איז נישט געווען אָן אַ יסוד, וואָרים די טעג פון דעם ליבן אַלטן זענען שוין געווען געציילטע און בלויז עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיין גרויס האַרץ אויפגעהערט אויף תמיד צו קלאַפּן.

די צווישנפּויזעס בייטאָג און בעיקר די אָוונטן, ווען יעדער האָט געהאַט אָפּגעטון זיין אַרבעט, זענען געווענלעך באַשטימט געווען צום פאַרברענגען און זיי פלעגן תמיד זיין גאָר אינטערעסאַנט, ווייל אין אָוונט פלעגן אָפט קומען אויך עטלעכע פריינט צו גאַסט און זיך באַטייליקט אין די שמועסן. ניוועגהויז איז געווען אינפאָרמירט וועגן אַ סך זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב אין דער געפאַנגענשאַפט לחלוטין נישט געוווּסט. אָבער אַפילו די ידיעות, וועלכע ער פלעגט באַקומען בעת דער מלחמה, זענען נישט תמיד געווען קיין זיכערע און האָבן זיך אָפט געשטיצט אויף פּוסטע קלאַנגען, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער עס האָט זיי געלאָזט אין גאַנג. אַזוי אַרום האָט דער אַלטער באַקומען עטלעכע טעג פאַר מיין אָנקום אַ ידיעה פון דער שווייץ, אַז רודאָלף גראָסמאַן (פּיער ראַמוס), דער אַרויסגעבער פון „דערקענטעניש און באַפרייאונג“ אין ווין, איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ קריגסגעריכט און עטלעכע טעג שפּעטער דערשאָסן געוואָרן. דער שרייבער פון דעם בריוו איז געווען אַ באַקאַנטער פאַציפיסט, וועלכן ניוועגהויז האָט פערזענלעך געקענט, און ער האָט פאַרזיכערט, אַז די דאָזיקע ידיעה איז צו אים דערגאַנגען פון אַ באַגלויבטן קוואַל. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער גאַנצער מעשה איז נישט געווען קיין איין וואָרט אמת. אין יענער „צייט פון די גרויסע שקרים“, ווי העלמוט פאָן געֶרלאַך האָט אָנגערופן די תקופה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען אַזוי אַרום פאַרשפּרייט געוואָרן אַ סך נישט קאָנטראָלירטע קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר נישט געשטויגענע מעשיות. טייל פון זיי זענען בכיוון אויסגעטראַכט געוואָרן צוליב אַ באַשטימטן צוועק, אין אַנדערע האָט אָפט געשטעקט אַ קערנדל אמת, אָבער עס איז דורכגעגאַנגען דורך אַזוי פיל קאַנאַלן, ביז מען האָט לסוף נישט געקאָנט

אונטערשיידן די וואָרהייט פון דער דיכטונג. אויך אויף דעם דאָזיקן געביט האָט די מלחמה אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן, אַז קיינער האָט זיך שוין נישט גע־קאָנט אָריענטירן אין אָט דעם לאַבירינט פון פאַלשקייט און צעמישונג.

ניוועגהויז גופא האָט זיך געפילט זייער נידערשלאָגן דורך דער נייער לאַגע, וואָס די מלחמה האָט גורם געווען. ער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אַזוי שטאַרק באַקעמפט דעם מיליטאַריזם און איצט געמוזט צוזען, ווי די רויטע כוואַליע האָט זיך אויסגעשפרייט איבער לענדער און פעלקער, איינשלינגענדיק אָן שום ווידערשטאַנד אַלץ, וואָס האָט דעם לעבן געגעבן אַ זין און ווערט, האָט נישט געקאָנט מיט אַ רואיק געמיט שלום מאַכן מיט דעם שרעקלעכן פאַקט, וואָס האָט טיף צעוויייטיקט זיין נשמה. ער האָט מיט אַ לאַנגער צייט פריער פאָראויסגעזען די מלחמה און שוין אויף דעם קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַ־ציאָנאַל אין בריסעל (1891) פאָראויסגעזאָגט, אַז דער באַוואָפנטער שלום איז דאָס משוגענע באַוואָפענונג־געיעג פון די מלוכות מוז אומפאַרמיידלעך פירן צו אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פון אַ ריזיקן פאַרנעם, אויב די אַרבעטערשאַפט פון אַלע לענדער וועט נישט בייצייטנס דערזען די סכנה און זיך צוגרייטן צו אַ קעגנרעאַקציע. דערפאַר האָט ער שפּעטער געשאַפן דעם אַנטימיליטאַריסטישן אינטערנאַציאָנאַל און געפּרוּווט האַמעוען אַ באַוועגונג, וועלכע מוז דערפירן צו אַ רעצידיוו פון אָפענעם באַרבאַריזם און בטל מאַכן אַלע דערגרייכונגען, וועלכע זענען אויסגעקעמפט געוואָרן דורך גרויסע קרבנות.

ווען עס האָט זיך לסוף צעפלאַקערט די מלחמה, און די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען פון אַלע לענדער, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן פון דער קאַטאַסטראָפע, האָבן זיך אונטערטעניק צוגעשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון זייערע רעגירונגען און אונטער דעם איינפלוס פון זייערע פירער האָבן זיי מפקיר געווען אַלע עיקרים, וועלכע זיי האָבן אַמאָל געפּרעדיקט, האָט דער אַלטער זיך געמוזט פילן שטאַרק נידערשלאָגן, ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געמוזט זען, ווי זיינע ערגסטע דערוואַרטונגען זענען שטאַרק איבערגעשטיגן געוואָרן.

פון די לאַנגע שמועסן, וואָס איך האָב דעמאָלט מיט אים געפירט, האָב איך געקאָנט דייטלעך אַרויספילן, וואָס פאַר אַ געמיט דער אַלטער האָט געמוזט האָבן, ווען ער האָט ביים סוף פון זיינע יאָרן איינגעזען, אַז אַלע זיינע וואָרענישן זענען געווען אַרויסגעוואָרפן און דער רויטער מבול האָט אַצינד דורכגעבראָכן אַלע דאַמבעס, ביז ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעשטורעמט. ווען מיר האָבן אין איינעם אָן אָוונט גערעדט וועגן קראָפּאָטקינס שטעלונג צו דער מלחמה און איך האָב דעם אַלטן דערציילט, ווי פּיאָטער האָט זיך שוין זינט יאָרן גע־ריכט אויף דער מלחמה, פאַר וועלכער ער האָט קודם כל פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט די אויסערן־פּאָליטיק פון דער דייטשער רעגירונג, האָט ניוועגהויז געזאָגט מיט אַן ערנסטער שטים:

„אַז די קייזערלעכע רעגירונג איז צום מיינסטן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם אויסברוך פֿון דער מלחמה און אַז זי איז פֿון איר שוין לאַנג צוגעגרייט געוואָרן, דאָס איז זיכער. יעדער פֿון אונז ווייסט, אַז די מיליטאַריזירונג פֿון אייראָפּע האָבן מיר בעיקר צו פֿאַרדאַנקען דייטשלאַנד. אָבער די מסקנות, צו וועלכע קראָפּאָטקין און צוזאַמען מיט אים אַ סך באַקאַנטע אַנאַרכיסטן אין פֿראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער זענען געקומען דורך דעם דאָזיקן היס־טאָרישן פֿאַקט, זענען לויט מיין מיינונג טעותדיק. ווען אַפֿילו דייטשלאַנד זאָל פֿאַרלירן די מלחמה, אַ זאַך וואָס איז היינט כמעט ווי זיכער, וועט דאָס בשום אופֿן נישט זיין קיין זיג פֿון פֿראַנצויזישן פֿאָלק איבער דעם פּרייסישן מיליטאַריזם, נאָר אַ זיג פֿון דער מיליטעריש־קלעריקאַלער רעאַקציע אין פֿראַנקרייך, וועלכע קאָן זיך לייכט פֿאַרוואַנדלען אין אַ נייעם באָנאַפּאַרטיזם, וואָס וואָלט געמוזט האָבן אַ צעשטערערישן איינפֿלוס אויך אין אַנדערע לענדער".

דעם אַלטן האָבן צום מיינסטן געערגערט די גייסטיקע השפּעות, וואָס די מלחמה האָט געמוזט מיט זיך ברענגען. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס אויסגעפֿינען אַ זכות אויף מלחמה מוז אין דעם מענטש פֿאַרשטאַרקן די איבערצייגונג, אַז אַלע פֿונדאַמענטאַלע געזעלשאַפֿטלעכע ענדערונגען קענען דערגרייכט ווערן נאָר דורך ברוטאַלער מאַכט. דער דאָזיקער געדאַנק אָבער האָט געמוזט, לויט זיין מיינונג, געפֿינען אַן אָפּקלאַנג אויך אין די ברייטע שיכטן פֿון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג נאָך דער מלחמה. אויך ער האָט געהאַלטן, אַז נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע דאַרף מען זיך ריכטן אויף גרויסע אויפֿשטאַנדן און אפֿשר אויף אמתע רעוואָלוציעס אין אַ סך לענדער. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אַזעלכע מרידות וואָלטן אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער שרעקלעכער מאַסן־נויט און מאַכט־היפּנאָז, וואָס די מלחמה וועט אומעטום איבערלאָזן, לייכט געקאָנט אַראָפּ־געפֿירט ווערן אויף וועגן, וואָס וועלן צוגרייטן אַ באָדן פֿאַר אַ נייער רעאַקציע, ווי דאָס איז שוין דייטלעך געווען צו זען אין רוסלאַנד, וווּ די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור האָט זיך שוין געגרייט צו באַזייטיקן מיט כּוח אַלע אַנדערע סאָציאַ־ליסטישע ריכטונגען מיט דעם אויסרייד, אַז דאָס דאָזיקע איז נייטיק כּדי צו פֿאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. ניווענהויז האָט שוין דעמאָלט געזען דערין די ערשטע סימנים, אַז די אַנטירעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן און וועט זיך וואָס אַ מאָל מער אויסברייטערן, אויב זי וועט נישט דורך נייע געשעענישן צעפּעשטעלט ווערן, וואָרים אויף דעם דאָזיקע פֿאַטאַלן וועג איז נישטאָ קיין צוריק.

„מען האַלט טאַקע", האָט ער געזאָגט, „אַז די געשיכטע חזרט זיך נישט אי־בער, אָבער אַלע דערפֿאַרונגען ווייזן אונז, אַז אַזעלכע איבערחזרונגען טרעפֿן זיך דאָך, ווען אַפֿילו אין אַנדערע פֿאָרמען און ביי נייע פֿאַרהעלטענישן. די גרויסע געפֿאַר איז היינט דאָס אויפֿפֿרישן דעם גייסט פֿון 1793, וואָרים די מענטשן נאָך דער מלחמה וועלן זיין מער געניגט אויפֿצונעמען אַזעלכע השפּעות ווי

די אידעען פון 1789, וועלכע האָבן באמת געעפנט אַ וועג פאַר אַ נייער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע. אויך דעמאָלט האָט די מלחמה געהאָלפן זיך אַריינצוקריגן אין זאָטל דער יאַקאָבינער־דיקטאַטור, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר באַרופן צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע און געוואָלט דורך דער גיליאָטינע־לאָגיק צווינגען די מענטשן אָנצונעמען זייער כלומרשט גליק, ביז עס זענען לסוף צעשטערט געוואָרן אַלע כללים פון מענטשלעכקייט און אַ נאַפּאָלעאָן האָט געקאָנט איבערנעמען די ירושה. ווער קאָן וויסן, צי עס לויערט שוין נישט היינט אין רוסלאַנד אָדער ערגעץ אַנדערש אַ נייער באָנאַפּאַרטע און וואַרט, אַז עס זאָל קומען זיין צייט".

ניווענהויז איז לחלוטין נישט געווען קיין שוואַרצזעער, וועלכן די עלטער האָט אַראָפּגעפירט פון זיינע איבערצייגונגען. ער איז געווען, להיפך, מער ווי ווען עס איז איבערצייגט, אַז אַ נייע אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג צו סאָציאַליזם קאָן נאָר דורכגעפירט ווערן אויף דעם וועג פון דער פרייהייט, אָבער ער איז נישט געווען געניג בלינד זיך צו לאָזן פאַרפירן פון פוסטע לאָזונגען און האָט איינגעזען די געפאַר, וואָס באַדראָט די גאַר נאָענטע צוקונפט. אין גאַנצן לעבן פון דעם דאָזיקן באמת גרויסן מענטש איז נישט געווען קיין פלוצלינגער איבערגאַנג. יעדע נייע דערקענטעניש איז צו אים געקומען דורך גרויסע אינערלעכע קאַמפן, אָבער נאָך דעם ווי זי האָט זיך ביי אים אָפּגעזעצט און פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטער איבערצייגונג, האָט ער נישט פאַרזוימט קיין איין רגע מיט דעם באַקענען זיך צו איר, וואָס עס זאָלן נישט געווען זיין די קאָנסעקווענצן.

אינספּערירט פון רייַנסטער מענטשנליבע, האָט ער אַמאָל אַלס פּרעדיקער פון דער לוטעראַנישער קירכע געפּרוּווט זי געווינען פאַר וויטגייענדיקע רעפאָרמען לטובת דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג; אָבער ווען ער האָט איינגעזען, אַז זיינע באַמיאונגען קענען נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג, האָט ער אַנטשלאָסן זיך געזעגנט מיט דער קירכע און געווידמעט אַלע זיינע כוחות דער יונגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וועלכע איז באַלד דורך זיין אומדערמידלעכער טעטיקייט גאָר הויך געשטיגן און ער אַליין האָט דורך זיין הויכער אינטעליגענץ, שיינע מידות און ערלעכן כאַראַקטער באַלד פאַרנומען אין איר דאָס ערשטע אָרט. אַזוי אַרום איז ער ביסלעכוויז געוואָרן איינע פון די באַקאַנטסטע און געריכטסטע פּערזענלעכקייטן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און זיין נאָמען איז געווען גוט באַקאַנט אין אַלע לענדער. אין יאָר 1888 איז ניווענהויז געוויילט געוואָרן אַלס ערשטער סאָציאַליסטישער פאַרשטייער אין האָלענדישן פאַרלאַמענט, אָבער די דערפאַרונג, וואָס זיין פאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט האָט אים געגעבן, האָט אים ביסלעכוויז איבערצייגט, אַז אויף דעם דאָזיקן וועג קאָן נישט געפונען ווערן קיין לייזונג צו דער סאָציאַלער פראַגע. די דאָזיקע איבערצייגונג האָט אים אויך באַוויגן גרינטלעך צו רעווידירן זיינע מאַרקסיסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. זיין

מוטיק פאַרטיידיקן די אָפּאָזיציע פון די יונגע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט דאָרט אַרויסגערופן צו אים אָפענע שנאה מצד די אַלטע סאָציאַליסטישע פירער, מיט וועלכע ער איז געווען באַפריינדט לאַנגע יאָרן. האָט אים אויף אַזוי ווייט לייכ־טער געמאַכט זיין נייע עוואָלוציע, אַז ער האָט איינגעזען צו וואָס פאַר אַ שלעכטע קאָנסעקווענצן עס מוז פירן יעדע גייסטיקע אפטרופּסות. ער האָט דעריבער זיך געזעגנט מיט דער אַלטער פּאַרטיי, אַזוי ווי ער האָט זיך פריִער געזעגנט מיט דער קירכע און איז קאָנסעקווענט דערגאַנגען צו דעם אַנאַרכיזם.

דאָמעלאַ ניוּוענהויז, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, האָט אין לויף פון די יאָרן אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ נישט גאָר קליין פאַרמעגן פאַר דער אידעע, וואָס איז אים געווען צום האַרץ. ווען איך האָב אים דעמאָלט ווידער באַגעגנט, איז זיין אַלטע הכנסה געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט, אָבער די ליבשאַפט און סימפּאַטיע, וואָס דער אַלטער קעמפער האָט זיך איינגעשאַפט ביי די האָלענדישע אַרבעטער און אויך אין אַנדערע קרייזן, האָבן נישט דער־לאָזט, אַז מען זאָל דעם אַלטן מאַן ביים סוף פון זיין לעבן לאָזן אויסגיין פאַר נויט. דורך דעם אַזוי גערופענעם דובעלטיע־פאָנד *) איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פאַר די צוויי אַלטע לייט זייער היים אין הילווערסום און עס איז זיי געזיכערט געוואָרן אַ באַשיידענע אויסקומעניש, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן ליידן קיין נויט און דער אַלטער זאָל ביז צו זיין טויט קענען פאָרזעצן זיין טעטיקייט.

אויף דעם ערשטן זונטיק נאָך מיין אָנקומען האָט מיר דער אַלטער צוגעגרייט אַן איבעררעאַשונג. נאָכמיטאָג זענען געקומען הערמאַן שטענצלייט און יאָזעף שוועבער פון אַמסטערדאַם אויף אַ באַזוך. דאָס איז געווען אַ פריידיקע געשעע־ניש, צו וועלכער איך בין נישט געווען צוגעגרייט. הערמאַן שטענצלייט איז געווען איינער פון די אַלטע וועטעראַנען פון דער דייטשער באַוועגונג אין לאָנדאָן, מיט וועלכן איך בין זינט אַ סך יאָרן געווען באַפריינדט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע אַרויסגעשיקטע פון בערלין, ווען דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ איז אין 1878 דורכגעפירט געוואָרן דורך ביסמאַרקן אין רייכסטאַג. נאָך זיין אַרויסשיקונג איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד, וווּהין עס איז בערך אין דער זעלבער צייט אויך געקומען יאָהאַן מאָסט, מיט וועלכן ער האָט נאָך אין בערלין צוזאַמענגעאַרבעט. שטענצלייט איז אויך געווען איינער פון די מיטגרינדער פון דער פרייהייט און ער האָט זינט 1879 אַקטיוו זיך באַטייליקט אין אַלע פאַזן פון דער דייטשער באַוועגונג אין לאָנדאָן, ווו ער איז אין עלטער פון 83 יאָר געשטאָרבן, אַ קורצע צייט אידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

איך האָב געוווּסט, אַז שטענצלייט איז אין אָנהייב פון דער מלחמה אַוועק פון ענגלאַנד, איך האָב אָבער פון דעמאָלט אָן נישט געהערט פון אים און געמיינט, אַז ער געפינט זיך ערגעץ־ווו אין דייטשלאַנד. מיין פרייד איז דערי־

*) די דובעלטיע איז אַ קליינע זילבערנע מטבע אין ווערט פון צען סענט.

בער געווען גרעסער, אַזוי אומגעריכט ווידער צו זען מײַן אַלטן פריינט. לויט ווי ער האָט מיר דערציילט, איז ער איבער עפּעס אַ מאָטיוו צוריקגעשיקט געוואָרן פון דער דייטשער גרענעץ. ער איז דעמאָלט געפאָרן קיין אַמסטערדאַם, ווו ער האָט געפונען טישלעריי־אַרבעט און אַזוי אַרום פאַרדינט אויף חיונה.

אויך מיט יאָזעף שוועבער האָב איך מיך שוין געהאַט באַקענט אין פּאַריז. ער איז פון זיין פריִער יוגנט אָן געווען טעטיק אין דער באַוועגונג און האָט זינט אַ לענגערער צייט געוווינט אין לאָנדאָן. ווי אַ געבוירענער עסטרייכער האָט ער נאָך צוזאַמען מיט זיין פרוי זיך געקאָנט ראַטעווען קיין האָלאַנד, ווען דאָס דייטשע מיליטער איז אַריין קיין בעלגיע, און ווי אַ געשיקטער דימענטן־שלייפער האָט ער דאָרט געפונען אַ גוטע שטעלע.

מיר האָבן דעמאָלט אין יענעם נאָכמיטאָג פאַרבראַכט שיינע און סטימונג־לירנדיקע שעהען. איך האָב מיך פון מיינע ביידע פריינט דערוווסט, אַז אין אַמסטערדאַם געפינט זיך אַ גרויסע צאָל דייטשע פּליטים, צווישן זיי אויך עטלעכע, וואָס זענען געווען צוזאַמען מיט מיר אינטערנירט אין ענגלאַנד. שוועבער האָט מיר פאָרגעשלאָגן, איך זאָל נאָך אין דעם זעלבן אָוונט פאָרן מיט אים און מיט שטענצלייטן קיין אַמסטערדאַם, אָבער קעגן דעם זענען באַלד אַרויסגעטרעטן דער אַלטער און בערטאַ און דערקלערט, אַז איך מוז נאָך כאָטש איין וואָך בלייבן, כדי נישט ווידער באַלד אַריינפאַלן אין אַ נייעםווירוואַר. ווען מיר האָבן לסוף זיך געזעגנט, האָט מיר שוועבער געזאָגט, אַז ער וועט דעם אַנדערן זונטיק קומען נאָך מיר.

די רואיקע און שטילע טעג אין הילווערסום זענען שנעל פאַרביי. ווען שוועבער איז אין אַ וואָך אַרום געקומען נאָך מיר און אונז דערציילט, אַז ער האָט שוין געדונגען פאַר מיר אַ צימער, האָט מען מיך שוין מער נישט אָפּגעהאַלטן. מיינע ביידע אַלטע פריינד האָבן זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און מיך געבעטן, אַז איך זאָל צו זיי אָפט קומען, וואָס איך האָב טאַקע אַ סך מאָל געטון.

שוועבער האָט מיר ביי אַ דייטשן חבר מיט דעם נאָמען גראַבאָווסקי, וועל־כער האָט לאַנגע יאָרן געוווינט אין דיסעלדאָרף, פאַרשאַפט אַ פיין און ביליק צימער, וואָס האָט אינגאַנצן באַפרידיקט מיינע פאָדערונגען. ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהין, האָבן מיר געטראָפן שטענצלייטן און עטלעכע אַנדערע חברים, וואָס האָבן אונז אָפּגעוואַרט. די ידיעה וועגן מיין אָנקומען קיין האָלאַנד איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן, אַזוי אַז איך בין אין די נאָענטסטע טעג, ווי ניוועב־הויז האָט פאַראויסגעזאָגט, באַזוכט געוואָרן פון פאַרשידענע מענטשן, וואָס האָבן פון מיר פאַרלאַנגט כלערליי אינפאָרמאַציעס, וואָס איך בין בלויז אין גאָר ווייניק פאַלן אימשטאַנד געווען צו טון.

נאָך די רואיקע טעג אין הילווערסום האָב איך מיך געפילט ווי איך וואָלט פּלוצלינג ווידער אַריינגעפאַלן אין אַן אומרואיקער וועלט און איך האָב כמעט חרטה געהאַט, וואָס איך האָב מיך נישט צוגעהערט צו דער עצה פון מיינע אַלטע פריינט צו בלייבן ביי זיי נאָך אַ געוויסע צייט. די אַלטע נערוון־שפּאַנונג

האָט זיך ווידער געלאָזט פילן, און חוץ דעם האָב איך באַמערקט, אַז נאָך עפּעס איז ביי מיר נישט אין אָרדענונג, וואָרים איך בין אָפט באַפאַלן געוואָרן פון אַ גרויסער מידקייט, וואָס איך האָב פריִער קיינמאָל נישט געהאַט. עס איז מיר אַ סך מאָל געווען ווי אַ נעפּל פאַר די אויגן; פון צייט צו צייט האָבן זיך אויך באַוויזן לייכטע וויטיקן אין די פאַרדייאונג־אָרגאַנען, וואָס זענען אָבער תמיד גיך פאַרביי. ווען איך האָב אַ מאָל גערעדט וועגן דעם מיט שטענצלייטן, האָט ער מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל מיט אים גיין צו איינעם אַ האָלענדישן מעדיקער, מיט וועלכן ער איז געווען באַפריינדט. איך האָב אַזוי געטון, אָבער דער מעדיקער האָט ביי מיר נישט געקאָנט פעסטשטעלן קיין שום באַזונדערס און ער האָט געהאַלטן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ רעאַקציע פון דער געפענג־עניש־צייט, וואָס קאָן בלויז דורך אַ לענגערן אָפּרו באַזייטיקט ווערן.

בעת מיין ווײלן אין הילווערסום האָב איך געשריבן צו אַ גאַנצער רײ אַלטע פריינט, כדי זיי מודיע צו זיין וועגן מיין ניי וווינאָרט, צווישן זיי אויך צו פריץ פּאַפּע, מיט וועלכן איך האָב אין מערץ אונטערגענומען די רייזע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער קיין האָלאַנד. פּאַפּע איז דעמאָלט אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך צווישן דער דייטשער און ענגלישער רעגירונג, אַז די שווער־קראַנקע געפאַנגענע זאָלן אַריבערגעפירט ווערן קיין האָלאַנד, געשיקט געוואָרן צום לאַגער אין האַטעם. אונזערע פּאָליטישע מיינונגען זענען זיך וויט פונאַנדער־געגאַנגען, וואָרים פּאַפּע איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום סאָציאַלער באַוועגונג. פונדעסטוועגן האָבן מיר אין אַלעקסאַנדראַ פּאַלאַס אין דער פאַר־וואַלטונג פון לאַגער, ווו ער איז געווען דער פאַרשטייער פון דעם באַטאַליאָן C, אַ לאַנגע צייט צוזאַמען געאַרבעט, און מיר האָבן זיך געשעצט און רעספּעקטירט אַלס מענטשן. פּאַפּע איז געווען אַ פיינער מענטש, וועלכן עס איז שטאַרק אָנגע־גאַנגען דער גורל פון זיינע מיטגעפאַנגענע, און מיר האָבן ביי די שווערסטע באַדינגונגען תמיד אין פולער האַרמאָניע אָרנטלעך דערפילט אונזער אויפגאַבע.

איך האָב מיך דעריבער שטאַרק דערפרייט, ווען ניוועןהויז האָט מיר אין אַ קורצער צייט אַרום צוגעשיקט פּאַפּעס ענטפער אויף מיין בריוו. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט נאָענט פון האַטעם געדונגען אַ קליינע הייזקע און מיך געבעטן, אַז איך זאָל באַלד צו אים קומען צו גאַסט, כדי מיך אַ ביסל אָפּצורוען. היות איך האָב געפילט, אַז אַ קורצער אָפּרו קאָן מיר ניצלעך זיין, האָב איך באַלד אָנגענומען די פריינטלעכע איינלאַדונג און בין אין אַ וואָך אַרום געפאָרן קיין צוואָלע. האָלאַנד איז אַ קליין לאַנד און עס איז דאָרט נישט פאַרהאַן קיין לאַנגע רייזעס. אין עטלעכע שעה בין איך שוין געווען אין צוואָלע, ווו פּאַפּע האָט מיך אָפּגעוואַרט אויף דעם פעראָן און מיך באַגריסט מיט פרייד. מיר זענען אין אַ דראָזשקע געפאָרן צו דעם שכנותדיקן האַטעם, אַ קליין שטעטל אינמיטן אַ לאָנקע, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ווילדע בלומען. די הייזקע, ווו פּאַפּע מיט זיין ברודער האָבן געוווינט, איז געשטאַנען אינמיטן אַ קליין וועלדל און האָט געמאַכט אַ גאָר פריינטלעכן איינדרוק. פּאַפּע האָט שוין געהאַט

געהערט וועגן מיין אַוועקטורע אין דייטשלאַנד און ער איז פאַרשטייט זיך געווען זייער בייגעריק זיך צו דערוויסן מיינע איינדריקן פון דאָרט. נאָכדעם ווי איך האָב אים בעת דעם מאַלצייט אויסדערציילט אַלע מיינע איבערלעבונגען, זינט מיר האָבן זיך צעשיידט אין ראַטערדאַם, זענען מיר אַוועק צום לאַגער אין האַטעם, ווו איך האָב באַגעגנט אַ סך פון מיינע געוועזענע מיטגעפאַנגענע, וועלכע האָבן מיך באַגריסט מיט באַשיינפערלעכער פרייד.

אין פאַרגלייך מיט די קאָנצענטראַציע־לאַגערס אין ענגלאַנד איז דער לאַגער אין האַטעם געווען אַ קליינער גן עדן. דער לאַגער האָט זיך געפונען אונטער דער השגחה פון רויטן קרייץ און די מענטשן זענען דאָרט גוט און מענטשלעך באַהאַנדלט געוואָרן. ווער עס האָט געהאַט געלט, האָט געקאָנט דאָרט ערגעץ אין דער אומגעגנט זיך דינגען אַ דירה און לעבן אויף זיין אייגענעם חשבון. די אַנדערע האָבן געוווינט אין לאַגער, זיי האָבן זיך אָבער געקאָנט פריי באַוועגן אין דער גאַנצער געגנט און אָנהאַלטן באַציאונגען מיט דער האָלענדישער באַפעלקערונג. די קליינע הייזקעס זענען געווען באַקוועם איינגעאָרדנט און דאָס עסן גוט און בשפע. פון דער אייביקער נויט און קרענק־לעכער איבערגעשפּאַנטקייט, וואָס מאַכט פון יעדן קאָנצענטראַציע־לאַגער אַ גיהנום, איז דאָ נישט געווען קיין שום סימן. די איינציקע זאָרג, וואָס האָט אויך דאָ געמאַטערט די מענטשן, איז געווען די אומגעוויסהייט וועגן דעם גורל פון זייערע משפחות, וואָס אַ סך האָבן געהאַט איבערגעלאָזט אין ענגלאַנד; וואָרים הגם זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך איבערצושרייבן מיט זייערע משפחות, האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט זיי פאַרגיטיקן די לאַנגע צעשיידונג.

די טעג זענען געווען וואַרעם און זוניק. מיר האָבן יעדן טאָג געמאַכט לאַנגע שפּאַצירן איבער דער בלומיקער לאַנקע, ווו מען האָט זעלטן באַגעגנט אַ מענטש. די וווּנדערלעכע לאַנדשאַפט און די טיפע רואיקייט, וואָס האָט גע־הערשט אומעטום, האָט גוט געווירקט אויף מיינע נערוון און איך האָב מיך גאָר גיך דערפילט מיט נייע כוחות אין די אָוונטן פלעגן געוועגלעך קומען צו גאַסט עטלעכע פריינט און די שעהען זענען אונז אַוועק אין אָנגענעמער פאַרחלומטקייט און אין אינספּירירנדיקע שמועסן. פריץ פּאָפּע און זיין ברודער האָבן געטון אַלדינג, כדי דאָס פאַרברענגען דאָרט מיר צו מאַכן אויף ווי ווייט מעגלעך אָנגענעם און איך בין זיי דאַנקבאַר געווען דערפאַר.

איך וואָלט מסתמא געווען געבליבן נאָך אַ וואָך מיט די פּאָפּעס, וועלכע האָבן זיך זייער די מי געגעבן מיך איבערצורעדן דערצו, ווען דאָס וואָלט נישט געווען צונישט געוואָרן דורך אַ פּאַסירונג, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי משונה־דיק ווי לעכערלעך. אין זעקסטן טאָג נאָך מיין אָנקומען האָט זיך פּלוצלינג פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן אַריינמאַרשירט קיין האָלאַנד און שוין איינגענומען עטלעכע שטעט. קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען די דאָזיקע ידיעה האָט זיך גענומען, היות אָבער זי איז קודם געלאָזט געוואָרן אין גאַנג צווישן דער האָלענדישער באַפעלקערונג, האָט מען

איר צוגעגעבן מער באַדייטונג, ווי מען וואָלט דאָס אפשר געוועז געטון אין אַן אַנדער פאַל. ווען פּאָפּעס ווירט האָט עס אונז דערציילט און דערבײַ באַמערקט, אַז מען האָט שוין לאַנג זיך געריכט אויף אַזאַ אָנפאַל, האָבן שוין אַלע גע־גלויבט, אַז אין דער דאָזיקער זאַך מוז שטעקן עפּעס אַן אמת.

פריץ פּאָפּע און איך זענען באַלד אַוועק אין לאַגער, כדי צו הערן, וואָס מען ווייסט דאָרט פון דער זאַך. ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען, האָט זיך אונז אויסגעוויזן, ווי מיר וואָלטן אַרײַן אין אַ משוגעים־הויז. אַלע זענען געווען באַהערשט פון אַן אמתער פּאַניק און יעדער האָט זיך באַמיט צונויפ־צונעמען די פּאָר בידנע זאַכן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. מען האָט אונז דער־ציילט, אַז עס איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפעל אויסצולייזדיקן דעם לאַגער און די דייטשע אינטערנירטע צוריק צו שיקן קיין ענגלאַנד. קיינער האָט אונז נישט געקאָנט זאָגן, ווער עס האָט אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן באַ־פעל, אָבער אַלע זענען געווען אינגאַנצן זיכער, אַז עס איז געווען אַזאַ באַפעל. אָט דאָס טאַקע האָט די מענטשן אַרײַנגעוואָרפן אין אַזאַ בהלה און ביי זיי צוגענומען דעם שכל. דער געדאַנק, אַז מען וועט אפשר נאָכאַמאָל מוזן אויס־שטיין אַלע צרות פון אַ לאַגער געפאַנגענשאַפט, פון וועלכער זיי זענען קוים פּטור געוואָרן, איז פאַר די מײַנסטע געווען שרעקלעך. עס האָבן דאָ נישט גע־האָלפן קיין שום שכלדיקע מאָטיוון און קיין שום לאָגישע באַטראַכטונגען; די צעטומלטע מענטשן האָבן פון קיין זאַך נישט געוואָלט הערן און זענען געווען באַהערשט בלויז פון איין געדאַנק: זיך אַרויסצובאַקומען פון דאַנען.

אין עטלעכע מינוט איז דער גאַנצער לאַגער געוואָרן ליידיק און די מענטשן זענען מחנותווייז שנעל אַוועק צו דער דייטשער גרענעץ, וואָס איז נישט געווען גאָר ווייט. יעדער האָט געשלעפּט מיט זיך, וואָס ער האָט געקאָנט, טייל אַפילו גרויסע קופערטן, הגם דער שכל הישר וואָלט זיי געווען באַדאַרפט אונטערזאָגן, אַז מיט אַזאַ משא וועלן זיי קיינמאָל נישט קענען דערגיין צו דער גרענעץ.

איצט האָט אויך פּאָפּע זיך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז די דייטשע רעגירונג האָט איבער אַ וועלכן ס'איז מאָטיוו באַשלאָסן צו אינוואַדירן האָלאַנד. ווען ער האָט מיך געפרעגט, וואָס טראַכט איך צו טון ביי אַזעלכע באַדינגונגען, האָב איך אים געזאָגט, אַז פאַר מיר וואָלט געווען צום בעסטן צוריקצופאָרן מיט דעם נאָענטסטן צוג קיין אַמסטערדאַם, ווייל אויב די זאַך איז טאַקע אמת, וואָלט איך דאָרט לייכטער געקאָנט מיך דערצידירן צו עפּעס און וואָלט געהאַט גענוג פריינט, וואָס זאָלן מיר באַהילפיק זיין. ער האָט מודה געווען, אַז איך בין גערעכט און שטאַרק באַדויערט, וואָס עס האָט גענומען אַזאַ גיכער און פלוצלינגדיקער סוף צו אונזער צוזאַמענזיין. אין אַ שעה אַרום בין איך שוין געווען אין צוג קיין אַמסטערדאַם, וווהין איך בין אָנגעקומען, נאָך אײדער עס איז נאַכט געוואָרן. ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, איז אין דער גאַנצער משונהדיקער געשיכטע נישט געווען קיין איין וואָרט אמת. ווי פּאָפּע האָט מיר שפּעטער געשריבן, זענען אַלע מענטשן נאָך אין דעם זעלבן

אונט צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין. מסתמא האָט די גאַנצע זאַך זיך געגו־מען פון עפּעס אַ פּוסטן קלאַנג, וועלכער איז דורך דעם איבערגיין פון איינעם צום אַנדערן אַזוי שטאַרק איבערגעטריבן געוואָרן, ביז ער האָט דערפירט צו אַן אמתער פּאַניק.

ביי מיין צוריקקומען האָב איך געטראָפן ביי שוועבער אַ סך בריוו, אָבער קיין איין שורה נישט פון מילי אָדער פון מיינע אַנדערע קרובים. דאָס האָט נישט געקאָנט זיין קיין פּשוטע זאַך. עס איז מיר וואָס אַ מאָל געוואָרן קלאָרער, אַז מען האָט איבער עפּעס אַ סיבה נישט אָפּגעגעבן מילין די גרויסע צאָל בריוו מיינע. אין יענער שווערער צייט האָט אַלץ געקאָנט טרעפן. היות די דאָזיקע שטענדיקע אומגעוויסהייט איז מיר לסוף שווער געוואָרן איבערצו־טראָגן, האָב איך מיך אַנטשלאָסן צו שיקן אַ בריוו צום ענגלישן האָום סעק־רעטערי און פון אים בעטן ידיעות וועגן מיין פאַמיליע. איך האָב אַפילו געהאַט קנאַפּ בטחון, אַז אַזאַ בריוו וועט גענומען ווערן אין אַכט. דאָך האָב איך געוואָלט לפּחות האָבן געטון אַלדינג, וואָס עס איז ביי יענע באַדינגונגען בכלל מעגלעך געווען צו טון. קודם כל האָב איך מיך מיישב געווען ווי אַזוי איך זאָל מיין בריוו צוזאַמענשטעלן. צו שרייבן אין דעם פאָרמעלן סטיל, אַזוי ווי מען פלעגט שרייבן צו אַזעלכע לייט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַרויסגעוואָרפן און עס וואָלט מסתמא טאַקע גאָרנישט געווען געהאָלפן. איך האָב דעריבער באַשלאָסן נישט צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַ מענטש מיט אַ קאַלטער לונגען־לעבער, נאָר מיך אויסצודריקן אָפנהאַרציק. מיין בריוו איז געווען העפלעך, אָבער אָן שום קאָנ־ווענציאָנעלע באַפּוצונגען. איך האָב דעם מיניסטער נישט געזאָגט, ווי אַזוי ער זאָל באַטראַכטן מיין ענין, נאָר ווי אַזוי איך אַליין באַטראַכט אים. דאָס הויפּטגעוויכט פון מיין שרייבן האָב איך געלייגט דערויף, קלאָר אויפצווייזן דעם מיניסטער, אַז עס וואָלט שווער געווען צונויפצופּאָרן די אַזוי גערופענע מלחמה־צילן פון זיין רעגירונג מיט אירע פּראַקטישע האַנדלונגען, ווי דאָס באַווייזט גראָד מיין פאַל גאַנץ דײַטלעך. די רעגירונג זאָגט טאַקע, אַז אין דער דאָזיקער מלחמה גייט וועגן אָפּשאַפן דעם פּרייסישן מיליטאַריזם, אָבער ווען דאָס זאָל טאַקע אַזוי זיין, וואָלט עס קוים געווען צו באַגרייפן, אַז ביי אַ מענטש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן שאַרף באַקעמפט, נישט בלויז דעם פּרייסישן, נאָר יעדן מין מיליטאַריזם, זאָל מען צונעמען די זעלבע רעכט, וועלכע די רעגירונג אַנערקענט יעדן געפאַנגענעם פּרייסישן יונקער אין ענגלאַנד. אַפילו דעם עקסט־רעמסטן דײַטשן פּאַטריאָט דערלויבט מען, אויב ער איז אויסגעטוישט געוואָרן קיין דײַטשלאַנד, מיטצונעמען זיין פרוי. מיין פרוי אָבער האַלט מען אָן שום סיבה ווײַטער אין געפענגעניש און מען זאָגט איר אָפּ דאָס רעכט, וואָס עס האָט יעדער אַנדערער דײַטשער ציוויל־געפאַנגענער. וואָס פאַר אַ מיינונג די ענגלישע רעגירונג זאָל האָבן וועגן מיינע פּערזענלעכע אָנשויאונגען, מוז מען דאָך אָבער מודה זיין, אַז אַ מענטש, וואָס האָט העכער צוואַנציק יאָר געלעבט אין ענגלאַנד ווי אַ פּאָליטישער פּליט און זיין דײַטשע בירגערשאַפט שוין לאַנג

פאַרלוירן, זאָל כאָטש מעגן פאַרלאַנגען באַהאַנדלט צו ווערן אַזוי ווי אַלע אַנדערע.

איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט דעם מיניסטער דערויף, אַז דאָס אַדווייזאָרי קאָמיטי האָט בשעתו געהאַט באַשלאָסן צו דערלויבן מיין פרוי און מיר אַרויסצופאָרן קיין רוסלאַנד. דער דאָזיקער באַשלוס איז וואָס אַן אמת שפּעטער, אויף וויפל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מיר, ווידער בטל געוואָרן, און מיין פרוי איז געגעבן געוואָרן די ברירה צו פאָרן קיין רוסלאַנד אָן מיר אָדער ווייטער צו בלייבן אין געפענגעניש. היות איך געפין מיך איצט ווי אַ פרייער מענטש אין האָלאַנד, מיין איך, אַז איך קאָן על פּי יושר פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אויך מיין פרוי און אונדזער ייִנגערן זון געבן די דערלויבעניש, זיי זאָלן צו מיר קומען, נאָכדעם ווי מען האָט אונז בלויז אויף דעם גרונט פון אונזער פּאָליטישער איבערצייגונג געהאַלטן פיר יאָר צעשיידט.

איך האָב מיר דעמאָלט געמאַכט אַ קאָפּיע פון דעם דאָזיקן בריוו, וועלכע איז שפּעטער נאָך מיין אַנטלויפן פון דייטשלאַנד, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, אַריינגעפאַלן צו די נאַציס אין די הענט. דאָס איז מיר זייער אַ שאָד, ווייל דער פולער טעקסט פון יענעם בריוו וואָלט זיך גאָר גוט געפּאַסט צו די דאָזיקע זכרונות.

קיין ענטפער אויף מיין בריוו האָב איך קיינמאָל נישט באַקומען, אָבער אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך ענדלעך דערהאַלטן צוויי בריוו פון מילי. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי מיר איז געווען אויפן געמיט, ווען איך האָב נאָך אַזאַ לאַנגער צייט ווידער געהאַט פאַר מיר אַ בריוו, געשריבן מיט מיליס האַנט. פון אירעביידע בריוו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין השערה איז געווען ריכטיק. נאָכדעם ווי מען האָט זי דריי חדשים לאַנג געהאַלטן אין פולשטענדיקער אומגעוויסהייט און איר פאַרשאַפט דערמיט אַ סך יסורים, האָט מען איר פּלוצלינג איבערגעגעבן כמעט אַ טוץ בריוו פון מיר. פאַר וואָס מען האָט איר מיינע בריוו אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן, איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ רעטעניש ביז צום הייגטיקן טאָג. בכל אופן איז מיין בריוו צום מיניסטער נישט געווען קיין אַרויסגעוואָרפענע זאַך, און הגם איך האָב מיך נישט געקאָנט ריכטן, אַז ער וועט דערפילן מיין פאַרלאַנג און דערלויבן מילי און פערמין אַוועקצופאָרן קיין האָלאַנד, איז מיר מיטאַמאָל אַראָפּגענומען געוואָרן פון האַרץ אַ שווערע משא, וואָס האָט מיך די גאַנצע צייט געדריקט. פון איצט אָן האָב איך יעדע וואָך באַקומען פון מילי אַ בריוו אָדער צוויי. אויך פון מיין זון רודאָלף האָבן באַלד אָנגעהויבן אָנצוקומען די ערשטע בריוו פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער.

איך האָב איצט ענדלעך מיך געמוזט אַרומזען צו באַקומען אַ באַשעפטיקונג, וואָרים די קליינע סומע, וואָס איך האָב געהאַט מיטגעברענגט פון ענגלאַנד, איז שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. אַלס איינבינדער האָב איך אין אַמסטערדאַם נישט געקאָנט געפינען קיין אַרבעט, וואָרים דער האָלענדישער ביכער־מסחר

האָט מחמת דער מלחמה זיך געפונען אין אַ שווערן קריזיס. אָבער איך האָב געהאַט מזל. שוועבער האָט מיר פאַרשאַפט אַ האַלב טוץ יונגע האָלענדער, וואָס האָבן געוואָלט ביי מיר נעמען שפּראַך־לעקציעס. חוץ דעם האָט מיך דער צו־פאַל צונויפגעפירט מיט איינעם פון מיינע געוועזענע מיטגעפאַנגענע אין ענג־לאַנד מיט דער נאָמען קראַטאַ, וועלכער פלעגט ווי אַן אַלטער סאָציאַליסט רעגלמעסיק קומען צו מיינע לעקציעס אין אַלעקסאַנדראַ פּאַלאַס און האָט זיך דאָרט מיט מיר גוט באַפריינדט. קראַטאַ איז געווען אַ קליינהענדלער, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געוווינט אין בריסל. אַ גאַנצע ריי פון זיינע דעמאָלטיקע געשעפטפריינט זענען נאָך דעם מלחמה־אויסברוך אַנטלאָפן קיין אַמסטערדאַם און דאָרט ווייטער געפירט זייערע מסחרים. קראַטאַ האָט זיי אַ סך דערציילט וועגן מיין טעטיקייט אין געפאַנגענלאַגער און מיך באַקענט מיט פאַרשידענע פון זיינע אַלטע פריינט, וועלכע זענען געווען אַנהענגער פון סאָציאַליסטישע אידעען. די דאָזיקע ווילע מענטשן האָבן מיר פאַרגעלייגט צו האַלטן אַלע צוויי וואָכן רעפעראַטן וועגן ליטעראַטור־געשיכטע אין אַ קליינעם קרייז, פאַר וועלכע מען האָט מיר געצאָלט אַ קליינעם האָנאָראַר. צו יענע פאַרזאַמלונגען פלעגן שטענדיק קומען אַ צען־צוועלף מענטשן און זיי זענען פאַרגעקומען אין פּריוואַטע וווינונגען. אַזוי ווי איך האָב געהאַט צו טון מיט אַן אינטעליגענטן צוהער־רער־עולם, האָבן יענע רעפעראַטן מיר גופא פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן און זיי געהערן צו די אָנגענעמסטע דעראינערונגען, וואָס איך האָב דעמאָלט מיט־גענומען פון אַמסטערדאַם. אַזוי אַרום בין איך באַלד געווען אימשטאַנד צו פאַרדינען אויף אַ באַשיידן אויסקומעניש און געקאָנט מיט אַ רואיק געמיט קוקן אין דער צוקונפט.

אין אַמסטערדאַם איז אין יענער צייט געווען אַ גרעסערע צאָל פּאָליטישע פּליטים, בעיקר דייטשע, וועלכע די מלחמה האָט געהאַט פאַרטריבן פון דעם היימלאַנד. אַ טייל פון זיי פלעגט זיך יעדן שבת אין אָוונט צונויפטרעפן אין אַ לאָקאַל פון שטאָט־צענטער, ווו עס זענען רעגלמעסיק פאָרגעקומען רעפעראַטן און דיסקוסיעס. שטענצלייט, שוועבער און עטלעכע אַנדערע דייטשע חברים, וואָס פלעגן יעדע וואָך באַזוכן יענע פאַרזאַמלונגען, האָבן מיך באַלד נאָך מיין אָנקום מיטגענומען צו איינעם פון יענע צונויפטרעפן, ווו איך האָב אויך ווידער באַגעגנט טייל אַלטע באַקאַנטע. יענע פאַרזאַמלונגען זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פון אַ קליינער גרופּע דייטשע ספּאַרטאַקיסטן, צווישן זיי אויך עטלעכע פּער־זענלעכע פריינט פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג. אין יענעם קרייז זענען געווען ספּעציעל דריי מענער, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אָנגעזען צוליב זייער רירעוודיקייט, אַ געוויסער האַמער, דער אַרכיטעקט אָקסעל און ווילהעלם פּיק, דער שפּעטערדיקער פירער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און היינט דער פּרעזידענט פון דער מזרח־דייטשער רעפּובליק. אויך האַמער און אָקסעל האָבן נאָך דער מלחמה געשפּילט אַן אַקטיווע ראָלע אין דער דייטשער קאָמוניסטישער באַוועגונג; האַמער איז אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום אינ־

גאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן פון האָריזאָנט, בעת אַקסעל האָט זיך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער צוריקגעקערט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און זיינע אַלטע פּאַרטיי־פריינט באַקעמפט פונקט אַזוי אַנטשלאָסן, ווי ער האָט זיי פריער גע־לויבט. דער איינציקער פון יענעם קרייז, וואָס איז ביז היינט אַרויס בשלום פון אַלע אינערלעכע קאַמפן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז געווען ווילהעלם פּיק, וועלכער האָט תמיד אין דער ריכטיקער צייט פאַראויסגעזען אַלע וואַקלענישן פון דער אין מאָסקווע אָנגעצייכנטער ליניע און דעריבער געקאָנט מיט אַ קלוגער אויסרעכענונג זיך האַלטן פעסט אויף זיין אָרט. פּיק האָט שוין אויך דעמאָלט אָנגעהאַלטן ענגע באַציאונגען מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווּסט, פלעגט ער בעת דער מלחמה אָפט אַריבערפאָרן די גרענעץ, כדי זיך צו באַטייליקן אין געהיימע פאַרזאַמלונגען.

איך האָב בעת מיין ווילן אין אַמסטערדאַם רעגלמעסיק זיך באַטייליקט אין יענע פאַרזאַמלונגען, תחילת בלויז ווי אַ שטילער צוהערער, כדי מיר צו שאַפן אַ קלאָר בילד וועגן די שטרעבונגען פון די דאָזיקע מענטשן; שפּעטער אָבער האָב איך גענומען אַ לעבהאַפטיקן אָנטייל אין די וכוחים און אַליין אויך געהאַלטן אַ גאַנצע ריי רעפעראַטן, כדי באַקאַנט צו מאַכן די צוהערער מיט מיינע אייגענע אָנשויאונגען. דערמיט אָבער בין איך באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ שאַרפער מחלוקה מיט די וואָרטפירער, וואָס האָבן ביז דעמאָלט געגעבן דעם טאָן אויף יענע פאַרזאַמלונגען. דאָס דאָזיקע איז צום ערשטן מאָל געשען נאָך מיינעם אַ רעפעראַט וועגן די פאַרשידענע ריכטונגען אין סאָציאַליזם, וועלכער האָט געפירט צו היציקע וכוחים, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע וואָכן. מיינע קעגנער זענען אַלע געווען פאַרברענטע מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן מיט דער גאַנצער פאַרביסנקייט, וואָס איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר יענער ריכטונג אין דייטשלאַנד, זיך באַמיט אָפּצוּוואַרפן מיינע אַפּיקורסישע מיינונגען, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז עס זאָלן זיך אין זייערע קרייזן אַריינבאַקומען פרעמדע השפּעות. דאָס איז אָבער נישט געווען אַזוי פּשוט, ווארים איך האָב דאָ געהאַט דעם פאָרצוג, וואָס נישט בלויז איך בין געווען בקי אין דער אַנטוויקלונג־געשיכטע פון דער מאַרקסיסטישער לערע, נאָר דורך לאַנגע דערפאַרונגען אין אויסלאַנד בין איך אויך גרינטלעך באַקאַנט געוואָרן מיט די אַנדערע ריכטונגען, סיי דורך מיינע אייגענע באַטראַכטונגען, סיי דורך דעם פלייסיקן שטודירן זייער ליטעראַטור, פון וועלכער מיינע קעגנער האָבן קוים געהאַט אַן אָנונג. דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן זייערע ראיות קעגן מיר געמוזט כמעט איינגאַנצן נעמען פון דער באַקאַנטער בראָשור פון רוסישן מאַרקסיסט גריגאָרי פּלעכאַנאָוו, „אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם“, וועלכע איז אין איר בלינדער שנאה אַ גאָר קנאַפּ צוגעפּאַסטער קוואַל, וואָס זאָל דינען ווי אַ יסוד פאַר אַ זאַכלעכער דיסקוסיע.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען, וואָס אַזעלכע פעסטע מאַרקסיסטן ווי האַמער

און אָקסעל פלעגן אין זייערע באַוויזן קעגן מיר תמיד זיך באַמִיען צו דער־קלערן די שטעלונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער מלחמה מיט דעם פאַרראַט און דער פערזענלעכער פּחדנות פון אירע פירער. אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט זיך קוים געלאָזט פאַרבינדן מיט די פּרינציפּן פון דעם מאַטעריאַליסטישן געשיכטע־באַנעם, וואָס באַמיט זיך צו דערקלערן אַלע היס־טאָרישע געשעענישן מיט די אַלע מאָל פאַרשידענע פּראָדוציר־באַדינגונגען. ווען איך האָב זיי דעריבער געענטפערט אַ ביסל איראָניש, אַז מענטשלעכע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן ווי מוט און פּחדנות קאָנען דאָך בשום אופן נישט האָבן צו טון מיט די פּראָדוציר־באַדינגונגען, בפרט ווען מיליאָנען קלאַסן־באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַריער זענען ביז איצט בלינד נאָכגעגאַנגען זייערע פירער, האָבן זיי געפּרוווט זיך אַרויסצוהעלפן מיט דריידלעך, וואָס האָבן אָבער געהאַט קנאַפּ מזל ביי דער פאַרזאַמלונג.

איך וואָלט נאָך געוואָלט באַמערקן, אַז ווילהעלם פּיק איז צווישן זיינע נאָענטסטע חברים אין האָלאַנד נאָך געווען דעמאָלט דער טאָלעראַנטסטער. ער האָט זיך תמיד געפלייסט צו האַלטן ביי אַ זאַכלעכקייט, וואָס פאַרדינט אַ שבח. און איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו פערזענלעכע אָנפאַלן, וועלכע זענען ביי האָ־מער און אָקסעל געווען אַ גאַנץ געוועגלעכע זאַך. ווען זיי האָבן טייל מאָל שוין צופיל אַריבערגעכאַפּט די מאָס, פלעגט ער זיך אַפּילו אָפּט אַנטשולדיקן פאַר מיר. עס איז דעריבער זייער שווער צו פאַרשטיין, אַז דער זעלבער מענטש האָט שפּעטער געקאָנט ווערן אַ מליץ יושר אויף אַלע פאַרברעכנס פון דער רוסי־שער מלוכה און געפינען אַ זכות אויף אַלדינג, וואָס איז אין קרעמל געפּלאַנט און אויסגעפירט געוואָרן. פּיק איז דעמאָלט, ווען איך האָב מיך מיט אים באַקענט, נישט געווען קיין מענטש מיט גרויסע גייסטיקע פעאיקייטן און ער איז דאָס אויך שפּעטער נישט געוואָרן; אָבער ער איז בכל אופן געווען אַ מענטש, וועלכן מען האָט פערזענלעך געקאָנט רעספּעקטירן. ערי־ך מיזאַם האָט שפּעטער אים אַמאָל אָנגערופן „אַ גוטער פּרייסישער פעלדפעבל" און ער האָט מסתמא גוט געטראָפן. אָבער עס איז אַ גרויס אומגליק, ווען מען גיט איבער אַ פעלדפעבל אין די הענט אַריין דעם גורל פון מיליאָנען מענטשן, וואָרים עס איז נישטאָ קיין ערגערס ווי די מאַכט פון אויפגעקומענע.

יענע פאַרזאַמלונגען אין אַמסטערדאַם, וועלכע זענען געפירט געוואָרן ביז דעם וואַפנשטילשטאַנד, האָבן געבראַכט עפּעס גוטס. דורך מיין אויפטרעטן דאָרט איז צום ערשטן מאָל אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ גאַנץ נייער טאָן אין יענע פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן געוווּנען וואָס אַ מאָל מער אָנהענגער צווישן די שטענדיקע צוהערער, פון וועלכע עס האָט שפּעטער אַ גרעסערע צאָל זיך אָנ־געשלאָסן צו אונדזער באַוועגונג אין דייטשלאַנד.

דער זומער איז שוין כמעט געווען פאַרביי, ווען איך בין פּלוצלינג שווער קראַנק געוואָרן. פון דער דאָזיקער קראַנקהייט האָב איך נאָך שפּעטער אין דייטשלאַנד געליטן אַ לאַנגע צייט. די ערשטע סימנים האָבן זיך געהאַט געוויזן

שוין אַ לאַנגע צייט פריִער. איך האָב אָפּט געליטן פון שטאַרקע שווינדל־אַטאַ־קעס און מיך געפילט פאַרמאַטערט. שפּעטער האָבן זיך באַוויזן שטאַרקע ווײ־טיקן, וואָס זענען לסוף געוואָרן נישט צום אויסהאַלטן, אַזוי אַז איך האָב מיך ענדלעך געמוזט דעצידירן אויפצוזוכן דעם זעלבן מעדיקער, וועלכער האָט מיך שוין פריִער געהאַט באַהאַנדלט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ געדערים־בלוטונג, וואָס וועט מסתמא נישט קענען אַנדערש באַזייטיקט ווערן ווי נאָר דורך אַן אָפּעראַציע. ער האָט מיר רעקאָמענדירט דערצו אַ יונגן כירורג, וועלכער האָט נאָך אַ גרינטלעך באַטראַכטן מיך דערקלעט, אַז עס האָט זיך ביי מיר געמאַכט אַ שאַרפער געשוויר, אַן אַזוי גערופענער געדערים־פיסטל, וואָס איז לויט זיין מיינונג אַ רעזולטאַט פון דער שלעכטער דערנערונג אין לאַגער. זיין עצה איז געווען, אַז איך זאָל אין משך פון אַ וואָך אַריין אין שפּיטאָל, ווו ער אַליין וועט דורכפירן אַן אָפּעראַציע. איך האָב געפאָלגט זיין עצה, ווייל די אומדערטרעגלעכע ווייטיקן האָבן מיר נישט איבערגעלאָזט קיין אַנדערע ברירה. אין אַ וואָך אַרום בין איך אָפּערירט געוואָרן. די ווייטיקן זענען ביסלעכווייז פאַרשוואונדן, אָבער איך האָב מיך געפילט אַזוי שוואַך, ווי קיינמאָל נישט פריִער אין מיין גאַנץ לעבן. נאָך צען טעג האָב איך געקאָנט אַרויס פון שפּיטאָל, אָבער די בלוטונגען האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט און מיך אָפּט אַריינ־געבראַכט אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער דערשעפּונג.

בערך אַ וואָך נאָכדעם ווי איך בין אַרויס פון שפּיטאָל, — איך בין נאָך אינדערפרי געלעגן אין בעט — האָב איך געהערט אַז אינדרויסן קלאַפּט עמעצער אין דער הויזטיר. די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז צו מיר דער־גאַנגען אַ שטים פון קאָרידאָר און איך האָב געהערט, ווי עמעצער האָט אָנגע־רופן מיין נאָמען. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר פון מיין צימער און פאַר מיר איז געשטאַנען מילי און פערמין, אונזער יינגערער זון, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ קינד פון צען יאָר. איך בין געווען אַזוי איבערראַשט, אַז איך האָב נישט געקאָנט גלויבן מיינע אויגן און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. אָבער עס איז נישט געווען קיין חלום, נאָר אַ גרויסע, דערפרייענ־דיקע ווירקלעכקייט. קיינמאָל פריִער אין מיין לעבן האָב איך נישט געפילט אַזאַ טיף נשמהדיק גליק. מיר זענען אַלע דריי לאַנג געזעסן האַרציק אַרומגע־נומען, נישט קענענדיק אַרויסברענגען קיין איין באַגריסונג־וואָרט.

ווען מיר זענען פאַמעלעך ווידער צו זיך געקומען, האָט מילי מיך גע־פרעגט, פאַרוואָס איך האָב זי נישט אָפּגעוואַרט ביי דער שיף. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב גאָרנישט געוווּסט וועגן איר קומען, ווייל קיינער האָט מיר דערפון נישט געשריבן. דעמאָלט האָט זי מיר בקיצור דערציילט אַלדינג, וואָס מיט איר איז געשען.

מיט אַ וואָך צוריק איז פּלוצלינג געקומען אַ באַאַמטער פון סקאָטלאַנד־יאַרד אין דער תפיסה פון איילסבערי און איר געזאָגט, אַז ער האָט דעם באַ־פעל זי צו ברענגען אין האָם אָפיס אין לאָנדאָן. צו וואָס פאַר אַ צוועק האָט ער

איר נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט זאָגן. ווען זי איז אַהינגעקומען, האָט מען זי אַריינגעפירט צום אונטער־שטאַטסעקרעטאַר, וועלכער האָט זי העפלעך אויפגענומען און איר מיטגעטיילט, אַז ער האָט די מיסיע, איר צו וויסן צו טון, אַז דער האָט סעקרעטערי האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַקומען פון איר מאַן פון אַמסטערדאַם אַ פיינעם און געפילפולן בריוו (a dignified and eloquent letter), אין וועלכן עס איז אויסגעדריקט געוואָרן דער פאַרלאַנג איר צו דערלויבן אַוועקצופאָרן קיין האָלאַנד. דער מיניסטער האָט דעריבער באַשלאָסן צו דערפילן דעם פאַרלאַנג און ער עצהט איר זיך צוצוגרייטן צו דעם באַלדיקן אַוועקפאָרן.

ווען מילי האָט געפרעגט, צי מען וועט איר דערלויבן אַוועקצוגיין אויף איין טאָג צו אונזער צַלטער וווינונג, ווייל נאָר דאָרט קאָן זי זיך צוגרייטן צו דער רייזע, האָט איר דער סעקרעטאַר דערקלערט, אַז דאָס דאָזיקע איז מחמת געוויסע סיבות נישט מעגלעך, אָבער מען וועט איר דערלויבן אַ טאָג פאַר דעם אַוועקפאָרן צו וווינען אין אַ האָטעל אין לאָנדאָן, ווו זי וועט קענען זען אירע עלטערן און שוועסטערס, וועלכע וועלן זי פאַרזאָרגן מיט אַלעם, וואָס זי באַדאַרף. ער האָט איר אויך צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר באַצייטנס צו וויסן טון, כדי איך זאָל זי קענען אָפּוואַרטן אין ראָטערדאַם ביי דער שיף. דערמיט איז דער שמועס פאַרענדיקט געוואָרן.

אין צוויי טעג אַרום איז מילי אַרויס פון דער תפיסה און אונטער אַ באַוואַכונג געבראַכט געוואָרן אין אַ קליינעם האָטעל אין לאָנדאָן, ווו זי האָט דעם טאָג געקאָנט פאַרברענגען מיט אירע עלטערן און שוועסטערס. אַפילו ווען אַ ב־זער אַלטע פריינדין מיליע סאָבעלינסקי האָט געבראַכט פערמינען, האָט מען איר דערלויבט אָן שום שטערונג צו פאַרבלייבן עטלעכע שעה מיט מילי און די אַנדערע.

צומאָרגנס אינדערפרי זענען מילי און פערמין געבראַכט געוואָרן אויף דער שיף. די רייזע, וואָס וואָלט ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען באַדאַרפט דויערן זיבן אָדער אַכט שעה, האָט געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן טאָג. די שיף איז געשטאַנען אונטער דער השגחה פון רויטן קרייץ; דאָך האָבן די עטלעכע פאַסאַזשירן נישט געטאָרט ביינאַכט אויסטאָן זייערע מלבושים און זענען באַלד ביים אַרויפקומען אויף דער שיף פאַרזאָרגט געוואָרן מיט רעטונג־גאַרטלען, ווייל מען האָט תמיד זיך געמוזט ריכטן אויף דייטשע אונטערוואַסער־שיפן. ווען די שיף איז ענדלעך אָנגעקומען קיין ראָטערדאַם, בין איך פאַרשטייט זיך נישט געווען אויפן אָרט, היות איך האָב פון דעם אַלעם נישט אָנגעהויבן צו וויסן. פאַרוואָס מען האָט מיר נישט צו וויסן געטון, ווי מען האָט צוגעזאָגט מילין, איז שווער צו זאָגן, אָבער איך האַלט, אַז דאָס איז נישט געטון געוואָרן בכיוון, היות מען האָט אַלע אַנדערע צוזאָגן יאָ געהאַלטן.

מילי האָט תחילת געמיינט, אַז איך האָב אפשר פאַרשפּעטיקט די באַן און זי האָט געוואַרט אַ שעה נאָך אַ שעה אויף מיין אָנקומען, ביז צען אַזייגער

אין אָוונט. אָבער ווען איך בין נאָך אַלץ נישט געקומען, האָט זי זיך דעצידירט צו פאָרן מיט דעם נאָענטסטן צוג קיין אַמסטערדאַם און מיך אויפצוזוכן אין מיין וווינונג.

זי איז אָנגעקומען קיין אַמסטערדאַם קורץ פאַר צוועלף אַזייגער און האָט בדעה געהאַט צו נעמען אַ דראָזשקע, כדי אָנצוקומען צו מיר. אָבער זי האָט זיך באַלד אָנגעטראָפן אויף אַ נייער שוועריקייט, ווייל מען האָט איר, ווי מען פלעגט זיך דעמאָלט נוהג זיין, פאַר דעם אַריינגיין אין דער שיף צוגענומען אַלע שריפטלעכע פאַרצייכענונגען. זי האָט טאַקע געדענקט מיין אַדרעס, אָבער דאָס נישט קענען די שפּראַך האָט גורם געווען, אַז דער קוטשער, מיט וועלכן זי האָט געוואָלט פאָרן צו מיר, האָט נישט געקאָנט טרעפן, וואָס פאַר אַ גאַס זי מיינט.

היות זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, האָט זי געפרעגט דעם קוטשער, צי ער ווייסט אפשר די אַדרעס פון דאַמעלאַ ניוועגהויז. — „יאָ, געוויס", האָט ער געענטפערט, „אָבער ניוועגהויז וווינט אין אַן אַנדערער שטאָט און היינט גייט שוין נישט קיין באַן קיין הילווערסום".

לסוף האָט ער איר פאַרגעלייגט זי אָוועקצופירן אין אַן אַכסניה נאָענט פון וואָקזאַל, ווו זי וועט קענען איבערנעכטיקן. מאָרגן אינדערפרי וועט זי אפשר קענען אויסגעפינען מיין אַדרעס און אויב דאָס וועט איר נישט געלינגען, זאָל זי פאָרן מיט דער באַן קיין הילווערסום, ווו יעדעס קינד וועט איר ווייזן, ווו ניוועגהויז וווינט. עס איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה. דער מענטש האָט זיי בײדע אַוועקגעפירט אין אַ קליינער אַכסניה, אָבער אויך דאָרט האָט קיינער גאָרנישט געקאָנט דערגיין פון דער אַדרעס וואָס מילי האָט זיי געזאָגט פון אויסנווייניק; אַזאַ גאַס האָט מען נישט געקאָנט געפינען אין גאַנצן שטאָט־פּלאַן.

נאָך אַן אומרואיקער נאַכט זענען בײדע ווידער געווען אינדערפרי אויף די פיס. די מענטשן אין האָטעל האָבן דערווייל געמאַכט פאַרשידענע פּרוּוון, ביז עס איז איינעם איינגעפאַלן, אַז די גאַס קאָן אפשר זיין צעראַם סטראַאַט. עס איז טאַקע געווען די גאַס, וואָס מילי האָט מיט אַ טאָג פריִער נישט געקאָנט געפינען.

איצט אָבער האָט מען פאַרגעסן אַלע דאגות. מיר זענען נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג ביי די שווערסטע באַדינגונגען ענדלעך ווידער געווען גליקלעך פאַר־אייניקט. אויך פערמין האָט זיך שטאַרק געפרייט, וואָרים ער איז מיט גרויס ליבשאַפט געווען צוגעבונדן צו אונז און עס איז אים אַוודאי נישט געווען לייכט צו זיין צעשיידט פון אונז. מילי האָט שלעכט אויסגעזען; מען האָט געקאָנט אין איר באַמערקן, אַז די געפאַנגענשאַפט ביי אַזעלכע פיינטלעכע באַ־דינגונגען האָט שטאַרק אָנגעגרירט איר געזונט. אָבער איצט זענען מיר ווידער געווען צוזאַמען און האָבן געוווסט באַשטימט, אַז מיר וועלן געפינען אונזער וועג אין דער נייער וועלט, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן.

צוריק אין היימלאַנד

די ידיעה וועגן דעם וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און די אַליאירטע איז אין האָלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער באַגריסט געוואָרן מיט פריידיקער באַגייסטערונג. פון אַלע אַמסטערדאַמער קירכעס האָבן גע־קלונגען די גלאָקן, כדי אָנצוזאָגן דער וועלט די פריילעכע בשורה. דורך אַלע גאַסן האָבן געפלייצט מחנות מיט שטראַלנדיקע פּנימער, מענטשן, וואָס האָבן לייכט אָפּגעאָטעמט, ווייל עס איז פון זיי ענדלעך פאַרשוווּנדן דער שווערער קאָשמאַר, וואָס האָט זיי געדריקט פיר יאָר לאַנג. עס האָט ווידער אויפגעשיינט אַ האָפענונג אין לעבן; מען האָט ווידער געזען פאַר זיך אַ צוקונפט און מען האָט דערוואַרט פון איר גרויסע זאַכן.

אין משך פון דער לעצטער וואָך האָבן די געשעענישן איבערגעיאָגט איינע די אַנדערע. די ידיעה וועגן דעם מאַטראָזן־אויפשטאַנד אין קיל, דעם 3טן נאָוועמבער 1918, איז געווען דער ערשטער צייכן, אַז עס האָט געגומען אַ סוף צו דער מלחמה. דערנאָך זענען געקומען די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין מינכען, בערלין און אַנדערע טיילן פון לאַנד, וואָס האָבן דערפירט צו דער אַבדיקאַציע פון פאַרשידענע דייטשע פירשטן. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט גע־מאַכט דאָס אַנטלויפן פון קייזער און קרוינפרינץ קיין האָלאַנד, דעם 10טן נאָוועמבער 1918. דאָס איז געווען דער ביטערער סוף פון דעם האָענצאָלערנ־טום. דאָך האָט קיינער נישט געפילט קיין מיטלייד צו די אויף גרויסקייט־מאַניע ליידנדיקע נאַראָנים, וואָס זייערע טפשותדיקע און טעמפּ־חוצפהדיקע רעדעס האָבן אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט אַריינגעבראַכט אין כעס גאַנץ אייראָפּע. דער זעלבער מאַן, וואָס האָט אַזוי אָפט געקלימפּערט מיט דער שווערד און פאַראַדירט מיט דער אויסדערוויילטקייט זיינער פון גאָט, האָט אין דער דעצידירנדיקער שעה נישט אַרויסגעוויזן קיין ברעקל מוט און רק איינזינען געהאַט צו ראַטעווען זיין אייגענע פעל און די אחריות אַרויפצוואַרפן אויף אַנדערע. דאָס קעניגרייך, וואָס ביסמאַרק האָט צונויפגעשמאָלצן מיט זיבן און פערציק יאָר צוריק דורך אַ בלוטיקער מלחמה, איז אין אַ נאָך בלוטיקערער קאַטאַסטראָפע מיט חרפה פאַרשוווּנדן. אַ נייער באַוויז, אַז אַפילו די שטאַרק־

סטע מאַכט איז נישט מער ווי אַ צעברעכלעכע כלי, וואָס ווערט לייכט צע־שפּאָלטן, ווען זי דאַרף זיך פאַרמעסטן מיט אַ שטאַרקערער מאַכט.

איז אַט אַצינד אויך פאַר מיר געקומען די שעה, איך זאָל ווידער קענען זען דאָס לאַנד, וואָס איך האָב אַמאָל געמוזט פאַרלאָזן. אַ זאַך, וואָס האָט זיך מיר פריִער נישט געוויזן אַפילו אין חלום, איז איצט דורך דער מלחמה מקוים געוואָרן. דער געדאַנק אַהיימצוקומען האָט זיך מיר אויסגעוויזן כמעט ווי אַ חלום. עס זענען שוין געהאַט פאַרבייגעלאָפן זעקס און צוואַנציק יאָר, זינט איך האָט געזען דייטשלאַנד צום לעצטן מאָל. ווי אַזוי וועל איך עס אַצינד טרעפן נאָך די גרויסע פעלקער־הריגות? איך בין אַוועק קיין אויסלאַנד ווי אַ יונגערמאַן און הגם איך האָב תמיד געהאַט אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט די דייטשע חברים, האָב איך דאָך מיר אָפּגעגעבן אַ קלאָרן רעכענונג, אַז עס וועט מיר נישט גרינג זיין זיך ווידער איינצולעבן אין די נייע באַדינגונגען. איך האָב אָבער פעסט געגלויבט, אַז די רעוואָלוציע וועט מיר די זאַך לייכטער מאַכן. קיין אַרבעט וועט מיר נישט פעלן. דאָס גאַנצע לאַנד וועט מוזן אויפסניי אי־בערגעבויט ווערן. איך האָב אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע קאָן נישט בלייבן אָן השפּעה אויף דער נייער פאַרמירונג פון דייטשלאַנד. באַזיגטע פעלקער זענען לייכטער צום אויפנעמען סאָציאַלע איבער־קערענישן און מער גענייגט אַריינצודרינגען ביז צום סאַמע תוך פון די זאַכן. איך בין דעריבער געווען אין אַ שטאַרק געשפּאַנטער דערוואַרטונג.

צום ליבסטן וואָלט מיר געווען זיך צוריקצוקערן צו מיין רייניש היימ־לאַנד, אָבער דער גאַנצער לינקער ריין־ברעג איז געווען באַזעצט פון די אַלי־אירטע אַרמייען, אַזוי אַז עס איז דערווייל נישט געווען דערפון צו טראַכטן. חוץ דעם האָט מיך פריץ קאַטער, דער פאָרזיצער פון דער פרייער פאַראייניקונג פון די דייטשע סינדיקאַטן שטאַרק צוגערעדט, אַז איך זאָל באַלד פאָרן קיין בערלין, ווייל דאָרט דאַרף מען האָבן יעדע מיטהילף אין דער באַוועגונג. האָבן מיר זיך בכן האַרציק געזעגנט מיט די גוטע פריינט אין אַמסטערדאַם, כדי זיך צו לאָזן אין אָן אומבאַשטימטער צוקונפט אַריין.

דעם אָוונט פאַר דעם אַוועקפאָרן האָבן מיר פאַרבראַכט מיט דאָמעלאַ ניווענהויז און זיין פאַמיליע, וואָס האָט אין די ווינטער־חדשים געוווינט אין אַמסטערדאַם. איך האָב געפילט, אַז דער אָפּשייד מיט אונז קומט אים נישט אָן גרינג. איך האָב אים בעת די זיבן חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין האָלאַנד, זייער אָפט געזען און פלעג אַ סך מאָל זיין מיט אים צוזאַמען גאַנצע טעג. עס האָט דעריבער נישט געקאָנט זיין, אַז מיר זאָלן נישט אויך רייך־מענטשלעך ווערן זייער נאָענט צווישן זיך. איך האָב געוווּסט, אַז ער קוקט נישט אויף דער נייער לאַגע, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן, מיט קיין סך האָפענונג, אַזוי ווי איך און אַ סך אַנדערע. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אין זיין צייטונג De vrije Socialist זייער סקעפּטיש אָפּגעשאַצט דעם זיג פון באָלשעוויזם אין רוסלאַנד און אין דער אַזוי גערופע־

נער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט געזען דעם שורש פון אַ נייער טיראַניע, וואָס וועט ווערן אַ בייז אַנשיקעניש פאַר דעם סאָציאַליזם, אויב זי וועט נישט באַצייטנס צעשטערט ווערן. דאָס איז אַגב אויך געווען מיין מיינונג. איך האָב זייער גוט באַנומען די באַזאָרגטקייט פון דעם אַלטן, איך האָב אָבער געגלויבט, אַז די וויטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע וועט ממילא צערייסן דאָס צוואַנג־העמד פון דער דיקטאַטור און אַרויספירן דעם סאָציאַליזם אויף דעם רעכטן וועג.

אויך אין יענעם געזעגענונג־אָוונט האָבן מיר פאַרשטייט זיך גערעדט וועגן די גרויסע געשעענישן פון דער צייט און פון דער אַרבעט, וואָס דאַרף געטון ווערן אין דייטשלאַנד. דער אַלטער האָט מיך שווייגנדיק אויסגעהערט און בלויז פון צייט צו צייט געמאַכט עטלעכע קורצע באַמערקונגען. שפּעטער אָבער איז ער פּלוצלינג זייער ערנסט געוואָרן און געזאָגט אויף זיין שטילן און רואיקן שטייגער:

„איך וואָלט זייער נישט געוואָלט צונישט מאַכן דיינע האָפענונגען, אָבער איך האָב מורא, אַז דו און מיר אַלע וועלן נאָך דערלעבן אַ סך ביטערע אַנט־טוישונגען. אפשר איז דאָס די זקנה, וואָס וויזט מיר אַ סך זאַכן אַנדערש. ווען מען איז שוין אַריבער די זיבעציק און מען באַטייליקט זיך שוין נישט אין די געשעענישן אַזוי אַקטיוו, ווי מען וואָלט דאָס וועלן, ווערט מען פאַרזיכטיקער און אפשר אויך פּחדנותדיקער אין די דערוואַרטונגען. ווען די רעוואָלוציע זאָל געווען אויסברעכן אין פראַנקרייך, וואָלט איך מסתמא אַנדערש געטראַכט וועגן דער לאַגע. אָבער לענדער ווי רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך, וואָס זענען יאָרהונדערטער לאַנג אונטערדריקט געוואָרן דורך אַן אָפענעם אָדער האַלב־מאַסקירטן אַבסאָלוטיזם, זענען תמיד גענייגט שלום צו מאַכן מיט נייע פאָרמען פון דעספּאָטיזם, ווייל די געהאָרכזאַמקייט איז ביי זיי געוואָרן אַ צווייטע נאַ־טור. צום ערגסטן וועלן, לויט אַלע סימנים, די זאַכן זיך אויספּאָרמירן אין רוסלאַנד, ווו די דיקטאַטור טראָגט אויף זיך די מאַסקע פון פרייהייט, וואָס וועט פאַרבלענדן אַ סך, וועלכע מיינען ערלעך, אַז זיי דינען דער רעוואָלוציע און דעם סאָציאַליזם. אויב אַלע סימנים נאַרן נישט אָפּ, אַנטוויקלט זיך דאָרט אַ נייער אַבסאָלוטיזם, וואָס וועט האָבן אַ השפּעה אויף גאַנץ אייראָפּע. ווי טיף די דאָזיקע השפּעה וועט אַריינדרינגען און ווי לאַנג זי וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די מענטשלעכע מוחות, קאָן קיינער נישט פאָראויסזאָגן. אָבער דאָס וועט נישט זיין קיין גוטע השפּעה. אין דייטשלאַנד אָבער איז די רעוואָלוציע דערווייל נאָר אַ צעטומלונג־מיטל, כדי צו דערגרייכן אַ גינסטיקן שלום און אויפצו־האַלטן די אייניקייט פון דעם רייך. אויב זי וועט אויסוואַקסן צו אַן אמתער רעוואָלוציע, מוז ערשט די צוקונפט ווייזן. דער סאָציאַליזם, וועלכן מען האָט דאָרט ביז איצט געקענט, איז געווען אַזוי אומטאָלעראַנט און דאָגמאַטיש און איז אַזוי שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער פּריסישער מיליטערישער דיסציפּלין, אַז ער האָט פּאַראַליזירט דאָס דענקען פון די מענטשן און באַלד

אין שורש דערשטיקט יעדע זעלבשטענדיקע באַוועגונג. עס איז דעריבער זייער צווייפלהאַפטיק, אויב די איצטיקע געשעענישן קענען דאָרט דערפירן צו אַ גיכער ענדערונג, וועלכע איז אומבאַדינגט נייטיק, כדי צו דערגרייכן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך אָבער וועט דער דאָזיקער צו־שטאַנד צושפּילן דער רעאַקציע, וואָרים זיגערישע לענדער זענען בדרך כלל נישט קיין גינסטיקער באָדן פאַר טיפערע סאָציאַלע ענדערונגען".

„אָבער אויב אַזוי איז עס דאָך אונזער אומבאַדינגטער חוב צו שטערן אַזאַ מין אַנטוויקלונג און טון אַלץ וואָס איז מעגלעך, כדי צו דערפירן צו אַזאַ ענדערונג", האָב איך געזאָגט.

„אומבאַדינגט!" האָט ניוועגהויז געענטפערט. „איך באַדויער נאָר, וואָס איך קאָן אייך שוין דערביי נישט צוהעלפן אויף דעם אופן, ווי איך וואָלט עס געוואָלט. אָבער איך וועל פונדעסטוועגן נאָך טון, וואָס איך וועל זיין בכוח. מען טאָר זיך קיינמאָל נישט מיאש זיין פון אַ גערעכטער זאַך, אויב מען וויל זיך נישט מיאש זיין פון זיך אַליין. אָבער לייכט וועט דאָס נישט זיין, און מען דאַרף גוט אָפּשאַצן די מניעות, אויב מען וויל זיי בייקומען".

ווען מיר האָבן זיך ענדלעך גענומען גרייטן צום געזעגענען, האָט דער אַלטער אַרומגענומען מילי און מיך מיט אַ קענטיקער גערירטקייט און מוטער בערטאַ האָט נאָכגעטון זיין ביישפּיל. ביידע האָבן אונז געווונטשן פון גאַנצן האַרץ גליק און דערפאָלג אין אונזער קומענדיקער אַרבעט. איך האָב געהאַט דאָס אומקלאָרע געפיל, אַז איך וועל שוין מער נישט זען דעם אַלטן פריינט און עס איז מיר געוואָרן שווער אויפן האַרץ. עס איז טאַקע געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן זיך געזעהן. איך בין גראָד געווען אויפן קאָנגרעס פון דעם פרייען אַרבעטער פאַראיין אין שטוטגאַרט (1922), ווען מיר האָבן באַקומען די ידיעה וועגן זיין טויט. זיין פרוי האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער מיר געשיקט דאָס לעצטע בילד פון דעם נפטר. עס איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם מיט קרענץ און בלומען אַרומגערינגלטן בר מינן אין זיין אַרבעט־צימער אין הילווערסום, וואָס איז מיר געווען אַזוי גוט באַקאַנט. דער מוטיקער אַלטער איז געלעגן אין זיין אָרון אויסגעצויגן ווי צום שלאָף. די מאַיעסטעט פון טויט האָט דאָס מענלעך שיינע פּנים מיט דער ווייסער באָרד נאָך מער פאַרגייסטיקט. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער נביא, וואָס האָט ענדלעך געפונען מנוחה. און אַ נביא איז ער טאַקע געווען, וואָרים ער האָט דעם גאַנצן דעמאָלסטיקן מצב פון אייראָפּע ריכטיקער אָפּגעשאַצט ווי דער רוב פון אונז. די רייד, וואָס ער האָט צו מיר גערעדט ביים געזעגענען זיך אין יענעם אָוונט פון נאָוועמבער 1918, זענען מיר תמיד געבליבן אין זכרון.

דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי האָבן מיר פאַרלאָזט אַמסטערדאַם, מילי, אונזער יינגערער זון פערמין, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, און איך. מיר האָבן געהאַפּט אָנצוקומען קיין בערלין נאָך אין זעלבן טאָג שפּעט

ביינאַכט, אָבער דער צוג האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט אויפן וועג אויף לאַנגע שעהען, אַזוי אַז עס איז שוין געווען גאָר שפּעט, ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער האָלענדישער גרענעץ־סטאַציע אָלדענזאַל. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו בלייבן דאָרט איבער נאַכט און דעם אַנדערן טאָג גאַנץ פרי אַריבערצוגיין די דייטשע גרענעץ. ווען מיר זענען ענדלעך דעם אַנדערן טאָג אָנגעקומען אויף דער דייטשער זייט אין בענטהיים, איז דער וואָקזאַל געווען פול באַזעצט מיט מענטשן. די מיינסטע זענען געווען סאָלדאַטן, וואָס זענען צוריקגעפאָרן אהיים. קיין רעוויזיע פון באַגאַזש האָט מען בכלל נישט געמאַכט; מען האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. היות אַלע בילעטן־פענסטערלעך זענען געווען פאַרמאַכט, האָב איך געפרעגט אַ באַגאַזש־טרעגער, ווו איך קאָן דאָ קויפן אַ בילעט, ער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין אַ רייזע־דערלויבעניש. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז נישט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז אָן אַזעלכער קאָן איך נישט פאָרן און ער האָט מיר געוויזן דאָס אָרט, ווו עס ווערן אַרויסגעגעבן די דערלויבענישן. אין אַ ווינקל פון וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, ביי וועלכן עס זענען געזעסן אַן אָפיציר און עטלעכע סאָלדאַטן. איך האָב מיך געמוזט אַוועקשטעלן, ביז עס איז געקומען צו מיר די ריי און געבעטן דעם אָפיציר אַ באַשטעטיקונג פאַר דריי מענטשן. ער האָט מיך געפרעגט אויף אַ דאָקומענט, וועלכן איך האָב פאַרשטייט זיך נישט געהאַט. אָבער איך האָב נאָך געהאַט די לעגיטימאַציע, וואָס מען האָט מיר אויסגעשטעלט מיט זיבן חדשים צוריק אין גאַך פאַר מיין אַרויסשיקונג קיין האָלאַנד, און איך האָב זי אים געוויזן. ער האָט זי איבערגעלייענט און גראָב געזאָגט:

„אָבער אויב מען האָט אייך ווי אַ שטאַטלאָזן אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד, קאָן איך דאָך אייך נישט געבן קיין דערלויבעניש צו פאָרן קיין בערלין. איר מוזט מיט דעם נאָענטסטן צוג צוריקפאָרן קיין האָלאַנד".

„דאָס איז געווען מיט זיבן חדשים צוריק", האָב איך געענטפערט. „עס דאַרף אייך מסתמא באַקאַנט זיין, אַז זינט דעמאָלט איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד אַ קליינע ענדערונג און די אַלטע געזעצן האָבן שוין פאַרלוירן זייער גילטיקייט".

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט גדלות און אַראָגאַנטיש געזאָגט: „וואָס פאַר אַ געזעצן עס זענען היינט אין דייטשלאַנד, האָב איך צו זאָגן, נישט איר".

„וועגן דעם האָב איך אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג", האָב איך רואיק געזאָגט. „נישט איר און נישט קיין אַנדערער האָט דאָס רעכט צו פאַרווערן אַ געבוירענעם דייטש אַריינצופאָרן אין זיין געבוירנלאַנד. די ענגלישע רעגירונג האָט גאָרנישט געפרעגט אויף מיין שטאַטלאָזיקייט און מיך איינגעזעצט אַלס דייטש אויף פיר יאָר אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. איך מיין דעריבער, אַז וואָס עס איז דעם ענגלענדער געווען ליב, מוז אייך אַלס דייטש זיין ניחא".

דאָ איז ער אַריין אין אַ ווילדן כעס, האָט אַ טראַסק געטון מיט דער פויסט

אויפן טיש און אַ געשריי געטון: „איך טו נאָר מיין פליכט און פאָדער פון אייך, איר זאָלט מיר מער נישט שטערן“.

דאָ בין איך אויך אַריין אין כעס און געשריגן אים אין פּנים אַריין: „און איך זאָג אייך, אַז איך וועל מיך נישט רירן פון אָרט, ביז איר וועט מיר נישט דערלויבן אַ זאַך, וועלכע איר זאָגט נישט אָפּ קיין שום אַנדערן דייטש!“

אונזער מחלוקה האָט דערווייל צוגעצויגן אַ צענדליק סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך נייגעריק צוגעהערט צום שמועס. איינער פון זיי, אַ מאַן אין די מי־טעלע יאָרן, וואָס האָט געהאַט אויף דעם אָרעם אַ באַנד מיט דער אויפשריפט S. R. (סאָלדאַטן־ראַט), האָט מיך געפרעגט, צי איך קאָן באַווייזן, אַז איך בין טאַקע אַ דייטש. איך האָב אים געוויזן מיין אַרויסשיקונג־באַפעל, אויף וועלכן עס איז דייטלעך געווען באַמערקט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין מאַינץ, בין אַ זון פון אַ דייטשן בירגער.

„אויב דאָס איז אַזוי, הער לייטנאַנט“, האָט ער געזאָגט, זיך ווענדנדיק צום אָפיציר, „זע איך נישט אייך, ווי אַזוי מיר קענען פאַרווערן דעם דאָזיקן מאַן און זיין פאַמיליע אַריינצופאָרן קיין דייטשלאַנד. אויב עס זאָל עפּעס נישט זיין אין אָרדענונג, טאָ זאָלן זיי דאָרט אין בערלין באַשליסן וועגן דעם“.

אויך די אַרומשטייענדיקע סאָלדאַטן האָבן געהאַט די זעלבע מיינונג. דע־מאָלט איז דער יונגער הער פלוצלינג אַראָפּגעפאַלן אַ ביסל פון זיין האָפער־דיקייט און האָט געזאָגט אָנגעברוגזט: „נו, פון מיינעטוועגן!“ — דערמיט איז די זאַך געווען דערליידיקט. דער פריינטלעכער זעלנער פון דעם סאָלדאַטן־ראַט האָט נאָך געשמועסט מיט מיר אַ ווײַלע און איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ווען איך האָב מיך ענדלעך געקליבן אַוועקצוגיין, האָט ער נאָך גע־זאָגט: „דער צוג גייט אַוועק אומגעפער אין צוואַנציק מינוט אַרום קיין בערלין. אויב איר ווילט נאָך ערשט קויפן בילעטן, וועט ווערן צו שפּעט. גייט פּשוט נאָך די סאָלדאַטן, וואָס פאָרן קיין בערלין, און נעמט מיט אייער באַגאַזש מיט זיך אין וואַגאָן אַריין, וואָרים אויב איר וועט אים אויפגעבן, וועט מען אים זיכער צוגנבענען“.

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט, געפאָלגט זיין עצה און איך האָב גוט געטון. מיר זענען באַגעגאַנגען די סאָלדאַטן מיט האַק און פּאַק און קיינער האָט אונז נישט געטשעפּעט, מיר האָבן נאָך געהאַט דאָס מזל צו פאַרכאַפּן דריי פּלעצער אין אַן אָפּטיילונג פון ערשטער קלאַס. אין יענע טעג האָט מען נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן די פאַרשידענע באַן־קלאַסן און מען האָט פּשוט זיך אַוועקגעזעצט, ווו עס איז אויסגעקומען. אין אונזער אָפּטיילונג זענען אַ חוץ אונז געזעסן בלויז סאָלדאַטן. די מייסטע האָבן אויסגעזען מיד און אָפּגעשוואַכט. טייל זענען געשלאָפן די גאַנצע צייט. די אַנדערע האָבן גע־שמועסט וועגן דער נייער לאַגע אין דייטשלאַנד. וועגן דער מלחמה האָט קיי־נער נישט גערעדט. פון די שמועסן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שטימונג פון

די דאַזיקע מענטשן איז נישט געווען קיין געהויבענע און זיי האָבן געקוקט אין דער צוקונפט אַריין מיט געמישטע געפילן. פאַר מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אינדרויסן אויף דעם מלחמה־פעלד, האָט עס געמוזט זיין טאָפּלט שווער שלום צו מאַכן מיט די נייע באַדינגונגען.

„דאָ וועט שוין גאָרנישט העלפן", האָט געזאָגט אַן עלטערער באַבערדיק־טער סאָלדאַט. „די מלחמה איז פאַרלוירן און מיר מוזן טון אַלץ וואָס איז מעג־לעך, כדי ביסלעכווייז ווידער צו זיך צו קומען. וואָס מיר דאַרפן איצט, איז אַ שטאַרקע האַנט און אָרדענונג אין לאַנד".

„ריכטיק!" האָט געזאָגט אַ גאָר יונגער בחור מיט אַ טעמפּ פּנים אין אַן אוניפאָרם, וואָס איז אויף אים געווען צו גרויס. דעריבער פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס מען לאָזט אַזאַ פאַרשוין ווי ליבקנעכט רואיק טון, וואָס ער וויל. דעם דאָזיקן יאַט האָט מען שוין לאַנג באַדאַרפט אָוועקלייגן".

מילי האָט געוואָרפן אויף מיר אַ פּיל באַדייטנדיקן בליק. די ברוטאַלע גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער יענע ווערטער זענען אַרויסגערעדט געוואָרן, האָבן באמת געמאַכט אַן אָפּשרעקנדיקן איינדרוק. אַפילו ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די ווערטער פון אַ פּראָנט־סאָלדאַט, ביי וועלכן דאָס אָוועקלייגן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מלאכה, דאַרפן נישט גענומען ווערן אַזוי גענוי אויף דער האָר, זענען די דאָזיקע דיבורים דאָך געווען כאַראַקטעריסטיש. די דאָזיקע, וואָס האָבן אין אַ קורצער צייט אַרום אומגעבראַכט קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג, זענען אין תוך געווען, פּונקט ווי יענער יונגער סאָלדאַט, מענטשן, וועלכע די מלחמה האָט אינגאַנצן פאַרחיהשט. וואָס מיך האָט צומ־מיינסטן געקלעמט, איז געווען דער פאַקט, וואָס איך האָב סיי אין בענטהיים, סיי דאָ אין צוג צווישן די אַהיימפאָרנדיקע סאָלדאַטן נישט געקאָנט אויסגע־פינען קיין שום סימן פון דער רעוואָלוציע. נישט ווילנדיק זענען מיר געקומען אין געדאַנק די ווערטער פון מיין אַלטן פריינט ניוועןהויז, וועלכער האָט די דייטשע רעוואָלוציע אָנגערופן „אַ צעטומלונג־מיטל". אויב דער גייסט אין לאַנד גופא איז נישט געווען בעסער, האָט מען שוין באמת געקאָנט מורא קריגן פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס די פאַרלוירענע מלחמה האָט אַרויסגערופן.

אונזער צוג איז געווען איינער פון די וויניקע שנעלצוגן, וועלכע זענען נאָך דעמאָלט געווען אין דייטשלאַנד. ער האָט זיך בלויז אָפּגעשטעלט אויף די הויפּט־סטאַציעס אָסנאַבריק, האַנאָווער, סטענדאַל און עטלעכע אַנדערע. עס זענען אַריינגעשטיגן און אַרויסגעשטיגן סאָלדאַטן; בלויז זעלטן האָט מען געזען אַ ציווילן. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס גאַנצע פאָלק זאָל האָבן אַריינ־געקראָכן אין די זעלנערישע בגדים. עס איז געווען אומגעפער זעקס אַזייגער אין אָוונט, בעת מיר זענען אָנגעקומען צום שלעזישן וואָקזאַל אין בערלין. נאָך גרויס מי איז מיר ענדלעך געלונגען צו באַקומען אַן אַלטע שמוציקע דראָזשקע, וואָס זאָל אונז פירן צו דער קאַפּערניק־גאַס, ווו פריץ קאַטער האָט געוווינט. דאָס אַלטע פערד איז געווען אַזוי אויסגעדאַרט און אויסגע־

הונגערט, אַז עס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דער קוטשער האָט זיך אַפילו נישט באַמיט אונטערצוטרייבן די בידנע חיה, ווייל דאָס האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צוועק. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט אַביסל אויפצוכאַפּן דאָס בילד פון די גאַסן, אויף וויפל די קאַרגע באַלייכטונג האָט דאָס דערלויבט. דער אַנבליק איז נישט געווען קיין געהויבענער. בערלין איז אַמאָל געווען באַקאַנט ווי איינע פון די ריינסטע הויפּטשטעט אין איראָפּע, אַצינד אָבער האָבן די גאַסן, דורך וועלכע מיר זענען געפאָרן, געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. מען האָט דערקענט, אַז זיי זענען שוין לאַנג נישט געקערט געוואָרן. אויך די הייזער האָבן טרויעריק אויסגעזען. כמעט פון יעדן הויז זענען געווען אַראָפּגעשיילט שטיקער פון דער אויסערלעכער באַפּוצונג, אַזוי אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי באַפאַלן פון צרעת. כמעט אַלע געשעפטן זענען געווען פאַרמאַכט און די וויסטאַוועס נישט באַלויכטן. די שפּורן פון דער לאַנ־גער מלחמה זענען אומעטום געווען קענטיק און האָבן אָנגעוואָרפן אַ מרה שחורה.

ווען מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט, ווו מיר האָבן באַדאַרפט, איז דאָס הויז שוין געווען פאַרמאַכט. דער קוטשער האָט אָנגעקלונגען. אין דריטן שטאָק האָט זיך געעפנט אַ פענצטער און אַ קרעפטיקע מענער־שטים האָט געפרעגט, ווער עס איז. „דריי רייזנדער פון אויסלאַנד, וואָס זענען נאָר וואָס אָנגעקומען”, האָב איך געענטפערט. „איין רגע!”, האָט זיך דערהערט אַ קול פון דער פינסטערניש. באַלד דערנאָך האָבן מיר געהערט שאַרנדיקע טריט אין פאָדערהויז; די שווערע טיר האָט זיך געעפנט און פאַר אונז איז געשטאַנען פריץ קאַטער, וועלכער האָט אונז האַרציק אויפגענומען. אין דער וווינונג האָבן מיר געטראָפן די גאַנצע פאַמיליע פאַרזאַמלט אַרום אַ גרויסן רונדן טיש ביים אָוונטברויט. אַלע האָבן אונז פריינטלעך געדריקט די האַנט ווי אַלטע פריינט, הגם מיר האָבן זיך קיינמאָל פריער נישט געהאַט געזען. מוטער קאַטער האָט באַלד געבראַכט פון דער קיך דריי טעלער און מיר זענען באַלד געזעסן צוזאַמען מיט די אַנדערע ביים טיש, כדי צו עסן אונזער ערשטע מאָלצייט אין דעם נייעם דייטשלאַנד. עס איז ווייט נישט געווען קיין גרויס־אַרטיקע סעודה און מיר האָבן באַלד געפילט, אַז ביי דער פאַמיליע קאַטער איז נישט פאַרהאַן קיין גרויסע שפע. יעדער האָט געהאַט פאַר זיך אַ גרויסן טעלער קרויט־זופּ מיט ווייניק קרויט און אַ סך וואַסער, אין וועלכן מען וואָלט אַפילו מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז קוים געקאָנט געפינען אַ פעטס־אויג. דער־נאָך האָט זיך באַוויזן אויפן טיש אַ גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל, פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ פאַרע און וואָס זענען געווען באַגאָסן מיט אַ ברוינעם סאָס. מוטער קאַטער האָט געוויסנהאַפטיק צוגעטיילט יעדן זיין חלק. אונז האָט זי געגעבן אַ ביסל מער, היות מיר האָבן דעם גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט גע־געסן. אונזער פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער פּריווילעגיע איז פריינטלעך אָפּגעוואָרפן געוואָרן. נאָך דעם עסן זענען אַלע טעלער געווען אַזוי אָפּגעריי־

ניקט, גלייך ווי מען וואָלט פון זיי בכלל נישט געהאַט געגעסן. צום סוף איז נאָך געקומען אַ טעפּעלע „קאַווע״, אין וועלכער עס האָט זיך נישט געפונען קיין שמץ פון דאָזיקן מין און וואָס מיר האָבן געטרונקען אָן מילך און אָן צוקער.

מיר איז ביים עסן געוואָרן שווער אויפן געמיט. נישט ווייל עס איז געווען אַזוי קנאַפּ. וואָס פאַר אַנדערע איז געווען גענוג, האָט פאַר אונז אויך גע־קאָנט סטייען. אָבער עס איז מיר פיינלעך געווען, וואָס די דאָזיקע ווילע מענטשן האָבן זיך געמוזט טיילן מיט אונז מיט דעם ביסן. איך האָב דעריבער גע־פרעגט פריצן, צי עס וואָלט נישט בעסער געווען, אַז מיר זאָלן זיך דערווייל אַריינצייען אין אַ באַשיידענעם האָטעל, ביז מיר וועלן געפינען אַ דירה. דאָ האָבן זיך אַלע שטאַרק צעלאַכט און פריץ האָט מיר דערקלערט, אַז ביי די היינטיקע באַדינגונגען קאָן מען דערפון גאָרנישט טראַכטן אַפילו. „איר בלייבט דערווייל ביי אונז״, האָט ער געזאָגט, ביז מיר וועלן פאַר אייך געפינען אַ וווינונג. מאָרגן אינדערפרי מוזט איר זיך באַלד איינמעלדן ביי דער פּאָליציי. דערנאָך וועט איר קריגן אייערע ראַציאָניר־קאַרטן און איר מוזט דעמאָלט זען ווי אַזוי דערמיט אויסצוקומען״.

נאָך דעם עסן איז די פאַמיליע אַוועק אין אַן אַנדער צימער און מיר זענען נאָך געבליבן מיט פריצן אַ ווײלע אַליין. ער האָט אונז דערקלערט די גאַנצע לאַגע און דערציילט טייל פּרטים, וואָס זענען אונז ביז דעמאָלט געווען אומ־באַקאַנט. אין אַלגעמיין איז ער געווען גאָר אָפּטימיסטיש, הגם ער האָט נישט פאַרבאָרגן, אַז עס וועט מסתמא מוזן דויערן אַ לענגערע צייט, ביז מען וועט קענען טראַכטן וועגן אַן אמתער פאַרבעסערונג פון דעם לעבנסשטייגער, ווייל עס איז איצט אַ דוחק אין אַלעם.

היות מיר זענען געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער רייזע, האָט אונז פריץ צוגעאיילט, מיר זאָלן זיך גיין אָפּרוען, ווייל מיר וועלן צו־מאָרגנס האָבן אַ סך זאַכן צו באַזאָרגן. ער און זיין פרוי האָבן אונז אָפּגע־טרערן זייער איינן שלאָפצימער, וואָס עס איז אונז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער פיינלעך. אָבער פריץ האָט אויף זיין ענערגישן שטייגער אָפּגעוואָרפן אַלע אונזערע איינווענדונגען און געזאָגט: „מאַכט אייך נישט דערפון קיין עגמת נפש. עס האַנדלט זיך דאָך בלויז אין אַ נויטפאַל אויף עטלעכע טעג. איך ווייס, אַז איר וואָלט פאַר מיר אין אַן ענלעכן פאַל געטון דאָס זעלבע״.

כאָטש מיר זענען ביידע געווען זייער דערשעפּט, האָבן מיר זיך אין יענער ערשטער נאַכט גאָר ווייניק געקאָנט אויסרוען. די געשעענישן פון דעם פאַר־גאַנגענעם טאָג זענען געווען צו פריש־צאַפּלדיק און נישט מסוגל אונז אַריינ־צופירן אין שלאָף.

צומאָרגנס זענען מיר שוין באַלד אינדערפרי געווען אויף די פיס. נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן אונזער באַשיידענעם פרישטיק, זענען מיר מיט פריצן

געגאַנגען צו דער נאָענטער וואַרשעווער גאַס, ווו די סינדיקאַליסטן האָבן געהאַט זייער ביוראָ. דאָס איז געווען אַ געשעפט־לאָקאַל מיט עטלעכע הינטערשטע צימערן. דער לאָקאַל איז געווען באַשטימט פאַר אַ בוכהאַנדלונג, אָבער נאָך נישט ווי געהעריק איינגעאָרדנט, ווייל די נייע אונטערנעמונג האָט עקזיסטירט ערשט עטלעכע וואָכן. די הינטערשטע צימערן זענען געווען פאַרנומען דורך דער אַדמיניסטראַציע־קאָמיסיע פון דער באַוועגונג און דער רעדאַקציע פון סינדיקאַליסט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען באַלד נאָך דער מלחמה.

אַ ביסל שפּעטער זענען אַריינגעקומען די חברים פראַנץ באַרוויך, דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער באַוועגונג, מאַקס ווינקלער, דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, ה. גריגער און עטלעכע אַנדערע חברים. זיי האָבן אונז האַרציק באַגריסט, הגם זיי האָבן מיך ביז דעמאָלט געקענט בלויז פון נאָמען. די מיינסטע פון זיי האָבן נאָך געטראָגן די זעלנערישע גראָע אוניפאָרמען. דאָס האָט אונז תחילת געוווּנדערט, אָבער עס איז אונז באַלד קלאָר געוואָרן, ווען מיר זענען שפּעטער אַרויס אויף דער גאַס און געזען, אַז כמעט יעדער צווייטער מענטש איז געווען אָנגעטון אין אַן אוניפאָרם. די מענטשן האָבן פּשוט נישט געהאַט עפּעס אַנדערש אָנצוטון אָדער זיי האָבן געוואָלט דאָס ביסל מלבושים, וואָס איז זיי אפשר געבליבן, נישט אָפּניצן פאַר דער צייט.

מיר האָבן באַלד ווידער זיך געמוזט לאָזן אין וועג אַריין, כדי צו דערליידיקן אונזערע ענינים. פריץ קאַטער האָט אונז באַגלייט צו דער פּאָליציי־סטאַנציע פון זיין געגנט, ווו עס האָבן שוין געוואַרט עטלעכע מענטשן. אַ פּאָליציי־באַאַמטער האָט אונז באַגריסט מיט די ווערטער: „די הערן וועלן אַזוי גוט זיין נעמען אַ פּלאַץ, ביז עס וועט קומען זייער ריי“. איך בין אינגאַנצן צעחושט געוואָרן, ווען איך האָב דאָס דערהערט. אַזאַ העפלעך לשון האָב איך אין מיין יוגנט קיינמאָל נישט געהערט פון אַ דייטשן פּאָליציאַנט. אין דער פּאָליציי פלעגט מען דעמאָלט תמיד מער שרייען ווי רעדן, און עס איז פאַר אַ פּראָסטן בירגער גאָרנישט געווען קיין פאַרגעניגן צו האָבן צו טון מיט נאַטשאַלסטווע. אויב איך האָב ביי אונזער אָנקומען קיין בעטהאַם און אויף דער רייזע פון דאָרט קיין בערלין גאַנץ ווייניק געקאָנט באַמערקן עפּעס פון דער רעוואָלוציע, האָט מיר די העפלעכקייט פון דער בערלינער פּאָליציי מיט־אַמאָל געוויזן, אַז די רעוואָלוציע איז באמת געווען אין גאַנג. אַז אפילו די פּאָליציי אין דייטשלאַנד קאָן זיין העפלעך, איז טאַקע געווען אַ רעוואָלוציאָנער אויפטו.

ווען עס איז ענדלעך געקומען צו מיר די ריי און איך האָב געזאָגט דעם באַאַמטן מיין פאַרלאַנג, האָט ער מיך געפרעגט אויף אַ לעגיטימאַציע, וואָס איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט.

„האָט איר אפשר אַ באַקאַנטן אין בערלין, הער ראָקער, וואָס קאָן באַשטעטיקן אייערע דערקלערונגען?“ האָט דער באַצירק־פאַרשטייער העפלעך געפרעגט.

„יאָ, איך", האָט געזאָגט פריץ קאַטער, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו דעם נאָכפרעגן און ער איז צוגעגאַנגען צו מיר.

„אָ, איר, הער קאַטער", האָט געזאָגט דער באַאַמטער, וועלכער האָט גע־קענט פריצן. „אויב אַזוי איז די זאַך דערליידיקט". אונזערע נעמען זענען איינגעשריבן געוואָרן אין פּאָליציי־רעגיסטער און איך האָב באַקומען דעם איינמעלדונג־שיין.

פון דאָרט זענען מיר אַוועק צום באַציר־קאָמיטעט פאַר שפּייז־פאַרזאָרגונג אין דער פראַנקפורטער אַלעע. דאָרט האָבן זיך שוין געהאַט צונויפגעזאַמלט אַ סך מענטשן, מיינסטנס פרויען. ווען די ריי איז ענדלעך אָנגעקומען צו אונז, זענען אונזערע נעמען ווידער אַריינגעשריבן געוואָרן אין אַ רעגיסטער און אַזוי אַרום האָבן מיר ענדלעך באַקומען אונזערע ראַציאָניר־קאַרטן, אָן וועלכע מען האָט דעמאָלט נישט געקאָנט קויפן קיין שום זאַך אַפילו אין ווערט פון אַ פעניג. ווען מיר האָבן זיך ענדלעך געלאָזט אַהיים, זענען מיר געווען טויט־הונגעריק. מיט וואָס צו פאַרן איז כמעט נישט געווען. די קנאַפּע צאָל טראַמ־ווייען, וואָס האָבן צירקולירט מיט לאַנגע איבעררייסן, זענען געווען אַזוי אי־בערגעפולט, אַז מען האָט בלויז זעלטן געקאָנט פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ. מיט דער הויכבאַן איז אויך נישט געווען בעסער. אַלע וואַגאָנען זענען פול געווען ביז צום דערשטיקט ווערן און הונדערטער מענטשן זענען געשטאַנען אויף די טרעפּלעך און האָבן זיך געקלאַמערט פונדרויסן ביי די טיר־קליאַמקעס און שטאַנגען, כדי נישט אַראָפּצופאַלן בעת דעם פאָרן. דער זיכערסטער און בעס־טער וועג איז דעריבער געווען צופוס, ווען עס וואָלט נישט געווען אַזוי ווייט.

דאָס גאַסנבילד, פון וועלכן מיר האָבן אין דעם פריערדיקן אָוונט באַקו־מען בלויז עטלעכע איינדריקן, האָט ביי טאָג נישט אויסגעזען בעסער. די גאַסן און הייזער אין מזרח פון דער ריזיקער שטאָט האָבן זיך געפונען אין אַ צו־שטאַנד פון פולשטענדיקער אָפּגעלאָזנקייט. אַ סך שויפענסטער זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, ווייל די שויבן זענען געווען צעבראָכן. די וויטרא־ווען פון סחורות זענען געווען ליידיק, און האָבן געמאַכט אַ טרויעריקן איינ־דרוק. אויך די מענטשן האָבן אויסגעזען זייער צעבראָכן. די מיינסטע אויסגע־דאַרט און מען האָט פון זייערע פאַרביטערטע פּנימער געקאָנט דערקענען דאָס לאַנגע נויט־ליידן. קיין גוט דערנערטע מענטשן האָט מען אין יענער אַרבעטער־געגנט בכלל נישט געזען. די מענטשן זענען געווען אָרים געקליידט, אָבער נישט אָפּגעריסן. זייערע מלבושים זענען לרוב געווען באַדעקט מיט פאַרביקע לאַטעס, ווייל מען האָט מסתמא געמוזט אויסניצן יעדעס שטיקל שטאָף, וואָס איז נאָר געווען צו באַקומען, אָבער אָפּגעריסן איז קיינער נישט געווען.

די דייטשן זענען בכלל גרויסע פריינט פון חיות. איך האָב מיך דעריבער געחידושט, וואָס מיר האָבן אויף דעם לאַנגן וועג נישט באַגעגנט נישט קיין קאַץ און נישט קיין הונט. ווען איך האָב געפרעגט פריצן וועגן דעם, האָט ער גע־ענטפערט מיט אַ ביטערן הומאָר: „זיי זענען אַלע געגאַנגען אויף דער פּאַטעלניע.

ווען עס איז שוין נישט געווען קיין סך צו פרעסן, האָט מען זיי אַליין אויפגעפרעסן. ווער עס האָט זיך דערצו נישט געקאָנט דעצידירן, ביי דעם האָבן אַנדערע, וואָס זענען נישט קיין מפונקים, אויפגעכאַפּט די חיות אויף דער גאַס. אָבער אין די פּאַטעלניעס זענען די מיינסטע געגאַנגען". איך האָב באַמערקט, אַז מילי האָט געמאַכט אַ גרימאַסע און זיך געמוזט צעלאַכן, הגם די זאַך איז גאָרנישט געווען קיין געלעכטער.

ווען מיר זענען אהיימגעקומען, האָבן מיר מיט אַן אמת וואָלפישן אַפּעטיט איינגעשלונגען אונזער מאָלצייט, וואָס האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אונז. עס איז געווען אַ מעלזופּ און קאַרטאָפל מיט ריבן. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער ליבהאָבער פון ריבן, אָבער דאָס מאָל האָב איך באַדויערט, וואָס איך קאָן נישט עסן צוויי מאָל אַזוי פיל. נאָך דעם עסן האָב איך באַגלייט פריצן צו דער ביוראָ פון פאַראיין אויף דער וואַרשעווער גאַס. דאָרט האָט זיך גערודערט ווי אין אַ טויבנשלאַג. די חברים זענען געגאַנגען אריין און אַרויס אין מינדסטנס אַ טוץ חברים פון אַלע טיילן פון בערלין און פון דער אומגעגנט האָבן שוין אַ לאַנגע צייט געוואַרט אויף פריצן. מיינסטנטייל האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן פאַרזאַמלונגען, צו וועלכע מען האָט פאַרלאַנגט רעדנער. איך בין באַלד באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע און האָב פון די מיינסטע באַקומען אַ גוטן איינדרוק. מיר איז קודם כל געפעלן די אויפריכטיקייט און חברישקייט פון די מענטשן. מען האָט באַלד געפילט, אַז זיי זענען געווינט געווען צום זעלבסטשטענדיקן דענקען און האַנדלען און האָבן באַשיידן און געוויסנהאַפּט אויסגעפירט זייער מיסיע. איך האָב אין יענעם אָוונט צום ערשטן מאָל געזען די חברים קאַרל האַפנער, טעאָדאָר שוסטער, פּאַול לאַנגע, עריך האַרטוויג, הערמאַן מאַרש, אַלץ פּרעכטיקע מענטשן, מיט וועלכע עס איז מיר באַלד אויסגעקומען צו ווערן גאָר היימיש. דאָס דריקנדיקע געפיל, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געהאַט אריינגעגנבעט צו מיר, איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן. איך האָב מיך באַלד דערפילט ווי אין דער היים אין קרייז פון די דאָזיקע ווילדע און אינטעליגענטע מענטשן און איינגעזען, אַז עס איז דאָ פאַרהאַן אַ פּרוכבאַרער באָדן פאַר ערנסטער אַרבעט, וואָס האָט צוגעזאָגט גוטע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט.

דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר זיך אָנגעזעגנט פאַר נויקעלן, כדי אויפצוזוכן ווילהעלם ווערנער; זיין אַדרעס האָב איך מיך דערוווסט פון קאַטערן. מיר האָבן ביידע געברענט פאַר אומגעדולד זיך ווידער צו טרעפן מיט דעם אַלטן פריינט, מיט וועלכן מיר זענען זינט לאַנגע יאָרן געווען אַזוי האַרציק פאַרבונדן. ווערנער איז באַלד נאָך מיין אינטערנירונג אין לאָנדאָן אַוועק קיין דייטשלאַנד. אין אָנהייב מלחמה האָט נאָך די ענגלישע רעגירונג דערלויבט, אַז דייטשן, וועלכע זענען שוין געהאַט אַריבער די עלטער פון מיליטער־פליכט, זאָלן קענען אויסוואַנדערן דורך האָלאַנד קיין דייטשלאַנד. ווערנער האָט מחמת זיין דייטשן אָפּשטאַם פאַרלוירן זיין שטעלע, און היות ער האָט אַלס דייטש

נישט געהאַט קיין אויסזיכט צו באַקומען אַרבעט ערגעץ אַנדערש, האָט ער זיך באַלד דעצידירט אויסצוניצן די גינסטיקע געלעגנהייט, וועלכע ער וואָלט שוין שפּעטער קיינמאָל נישט געווען געהאַט. דאָס דעמאָלטיקע העצן קעגן דייטשן אין דער ענגלישער פּרעסע און דאָס אַרעסטירן אַ סך פון זיינע אַלטע פריינט אין לאָנדאָן האָט אים נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס, און היות ער אַליין האָט זיך יעדן טאָג געקאָנט ריכטן, מען זאָל אים אינטערנירן און צעשיידן פון זיין פאַמיליע, איז אים דער באַשלוס נישט אָנגעקומען שווער. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר פון אים גאָרנישט געהערט.

עס איז געווען אַרום עלף אינדערפרי, ווען מיר זענען אָנגעקומען צום הויז 31־30 אויף דער בערגשטראַסע, ווו ווערנער האָט זינט עטלעכע יאָר אָנ־געפירט מיט אַ קליינער דרוקעריי. מיר האָבן אים געטראָפן באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט. ווען ער האָט אונז דערזען, האָט ער באַלד אָפּגעשטעלט זיין מאַשין און איז אונז אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. זיינע גרויסע בלויע אויגן האָבן געשטראַלט פון פריידיקער איבערראַשונג. ער האָט אונז תיכף גענומען אין זיין וווינונג אויף דעם דריטן שטאָק פון דעם זעלבן הויז, ווו מיר האָבן ווידער געזען די מוטער ווערנער און אירע ביידע טעכטער סילוויאַ און לעטיע, וואָס האָבן אונז מיט גרויס פרייד באַגריסט. איצט ערשט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דערציילן, צו וועלכן עס האָט אַ לאַנגע צייט גאָרנישט געוואָלט נעמען קיין סוף. וואָרים מיר האָבן געהאַט אַזויפיל זיך צו זאָגן, זינט מיר האָבן זיך געזען דאָס לעצטע מאָל אין לאָנדאָן.

„איך האָב אייך שוין די לעצטע פּאָר וואָכן אויסגעקוקט מיט אומגעדולד", האָט ווילהעלם געזאָגט, „וואָרים איך האָב טאַקע געוווּסט, אַז איר שטעקט ערגעץ־ווו אין האָלאַנד, איך האָב אייך אָבער נישט געקאָנט שרייבן, ווייל איך האָב נישט געוווּסט אייער אַדרעס".

ווען איך האָב אים געפרעגט, פונוואַנען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן אונזער ווײלן אין האָלאַנד, איז ער אַוועק אין דערבייאיקן צימער און באַלד צוריקגע־קומען מיט אַ בריוו, וועלכן ער האָט לאַכנדיק מיר דערלאַנגט. איך בין שנעל דורכגעלאָפן מיט דעם בליק די עטלעכע שורות, אין וועלכע עס האָט זיך געזאָגט:

גאָך, 25. IV. 1918.

צוריקגעפאָרן לויט אַ פאַראָרדענונג.

הער רודאָלף ראָקער איז מיט עטלעכע טעג פריִער צוריקגעשיקט געוואָרן קיין האָלאַנד.

די אונטערשריפט איז געווען אומדייטלעך. איבער די עטלעכע שורות האָט זיך געפונען אַ רויטער שטעמפּל מיט דער אויפשריפט: גרענעץ־וואַכפּאָסטן גאָך, באַן־סטאַציע.

„און ווי אַזוי ביסטו געקומען צו דער דאָזיקער ידיעה?" האָב איך גע־

פרעגט דערשטוינט. דערויף האָט ער מיר דערקלערט, אַז אין אָנהייב אַפּריל איז דער חבר אַלבערט ווייזהייט, וואָס איז אַ לענגערע צייט געווען צוזאַמען מיט מיר אינטערנירט אין ענגלאַנד, אויסגעטוישט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. ווייזהייט האָט מיך געטראָפן אין גאָך, איידער ער האָט געקאָנט אַוועקפאָרן קיין בערלין און פון אים האָט זיך ווערנער דערוווסט וועגן מיין דעמאָלטיקן אויפהאַלטן זיך אין דער דייטשער גרענעץ־שטאָט. ער האָט דעמאָלט באַלד געשריבן צו דעם גרענעץ־אַמט אין גאָך, אַז ער איז גרייט מיך אויפצונעמען צו זיך און מיך אויסהאַלטן. אַלס ענטפער האָט ער באַקומען די אויבן גע־בראַכטע שורות.

ווען מיר האָבן ענדלעך געוואָלט זיך געזעגענען ,כדי נישט צו שטערן אונזערע פריינט ביים מיטאָג, האָט ווילהעלם געזאָגט מיט אַ טאָן, וואָס האָט אויסגעשלאָסן אַן אָפּזאָג: „דערפון איז נישטאָ וואָס צו רעדן! איר עסט מיט אונז. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זיך גראָד געפינען אַ שטיק פלייש אין טאָפּ און מיר וועלן זיך דערמיט ערלעך טיילן מיט אייך“.

איך האָב אים פאַרוווּנדערט געפרעגט, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אַזאַ נאַשעריי אין דער דאָזיקער שווערער צייט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז צווישן זיינע קליענטן געפינען זיך אויך עטלעכע פויערים פון דער בערלינער אומ־געגנט און פאַר זיי מאַכט ער דרוק־אַרבעט נאָר פאַר שפּייז־פּראָדוקטן. די דאָ־זיקע טראַנזאַקציעס קומען נישט פאָר אַזוי אָפט, אָבער ווען עס מאַכט זיך גראָד, האָט דעמאָלט די פאַמיליע אַ שטיקל יום טוב.

מיר זענען נאָך דעם עסן נאָך געבליבן צוזאַמען עטלעכע שעה און גערעדט פאַרשטייט זיך וועגן דער נייער לאַגע אין דייטשלאַנד, פון וועלכער ווערנער האָט נישט געהאַט קיין גרויס נחת רוח. צום מיינסטן עגמת נפש האָט אים פאַרשאַפט די מחלוקת אין דער דייטשער אַרבעטערשאַפט. „די דייטשע אַרבע־טער זענען אַ משונהדיק פאָלק“, האָט ער געזאָגט. „פּופציק יאָר לאַנג איז פאַר זיי די איינע אומטיילבאַרע סאָציאַל דעמאָקראַטיע געווען אַ מין פעטיש, צו וועלכן מען האָט אָן רחמנות מקריב געווען יעדע פרייע גייסטיקע אַנטוויקלונג. דאָך נאָכדעם ווי די מלחמה האָט די דאָזיקע פאַרבינדונגען צעריסן, פאַלן זיי אַריין אין דעם אַנדערן עקסטרעם און האָבן אַלע מאָל אַ נייע שפּאַלטונג“.

ווען איך האָב באַמערקט, אַז דאָס דאָזיקע געשעט כמעט תמיד אין ענלעכע סיטואַציעס, האָט ער צושטימענדיק געזאָגט: „געוויס! דאָס איז אויך מיין מיינונג. די עקזיסטענץ פון פאַרשידענע ריכטונגען קאָן אַפילו זיין זייער ניצ־לעך פאַר דער געדאַנקען־אַנטוויקלונג און פאַר באַזייטיקן טייל משוגעתן, אויב מען קאָן נאָר פועלן ביי זיך צו מאַרשירן באַזונדער און פאַראייניקט צו דער־לאַנגען דעם קלאַפּ. אָבער אָט דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבן. דאָס אינער־לעכע אַרומרייסן זיך און דער צוועקלאָזער קאַמף פאַר דער פאַרטיי־העגעמאָניע פאַרנעמט היינט אַ גרעסערן פּלאַץ ווי דער קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא. די רעאַקציע איז נאָך ווייט נישט באַזיגט; זי מאַכט זיך נאָר היינט כלומרשט

געפּגרט, ווייל זי האָט נישט קיין אַנדערע ברירה. אָבער דורך דעם אינער־לעכן קאַמף אין דער אַרבעטערשאַפט געווינט זי צייט ווידער צו זיך צו קומען. איך האָב מורא, אַז אפשר אין אַ גאַר קורצער צייט אַרום וועלן מיר זיך געפינען פאַר אַן אייזערנעם בלאָק, קעגן וועלכן אַ דורך און דורך דעמאָראַליזירטע אַרבעטער־באַוועגונג וועט זיך נישט קענען קיין עצה געבן, בפרט אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן אונטערשטיצן יעדע רעאַקציע, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דער באָלשעוויזם „זאָל זיך פאַרשפּרייטן אין אייראָפּע".

פּאַקטיש האָט ווערנער שוין דעמאָלט בעסער אָפּגעשאַצט די לאַגע אין דייטשלאַנד ווי אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבן מחמת די צופיל ביימער נישט געקאָנט זעען דעם וואַלד. איך האָב ווילהעלמען דערציילט וועגן מיין לעצטן שמועס מיט דאָמעלאַ ניווענהויז, מיט וועלכן ער איז זינט אַ סך יאָרן געווען פּערזענלעך באַפריינדט. ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט פּאַרטראַכט: „איך מיין, אַז דער אַלטער דאָרט זעט די אַנטוויקלונג פון די זאַכן קלאָרער ווי מיר דאָ".

עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, ווען מיר האָבן זיך צעשיידט. מיר האָבן זיך פון דעמאָלט אָן געזען כמעט יעדע וואָך און ביידע זענען מיר געווען זייער גליקלעך, וואָס מיר האָבן ענדלעך ווידער געפונען אונדזערע אַלטע פריינט.

צום גליק האָט זיך אויך פאַר אונזער דירה־פּראָבלעם באַלד געפונען אַ לייזונג, ביז ווערנער האָט אונז שפּעטער געקאָנט פאַרשאַפן אַן אייגענע וווי־נונג אין נויקעלן אין גאַר אַ נאָענטער שכנות פון אים. מיר האָבן שוין געהאָט געוווינט ביי דער ווילער פאַמיליע קאַטער עטלעכע טעג, ווי איינער פון אונ־זערע אַלטע פריינט פון לאָנדאָן, אַלבערט דרעגער, האָט אונז באַזוכט און אָנגעזאָגט די אָנגענעמע בשורה, אַז ער האָט פאַר אונז געפונען אַ קליין צימער. עס איז געווען ביי אַן ערשט נישט לאַנג חתונה־געהאַט פּאָרפּאָלק, נאָענט פון דער שטראַלאוער אַלעע, וואָס האָט געהאַט אַ דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קיך, אָבער דאָס קלענערע צימער האָבן זיי כלל נישט באַנוצט און זענען דערי־בער געווען צופרידן עס אָפּצוטרעטן אויף דערווייל פאַר אונז, ביז מיר וועלן געפינען עפּעס בעסערס. דער מאַן, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע וואָכן פריער געהאַט צוריקגעקומען אַלס סאָלדאַט פון רוסלאַנד, איז געווען אַ סימפּאַטיזירער פון אונזערע אידעען. מיר האָבן זיך נאָך אין דעם זעלבן טאָג אַריבערגעצויגן. דרעגער און עטלעכע אַנדערע חברים האָבן אונז פאַרשאַפט אַן אַלטן טיש, אַ פּאָר געניצטע שטולן, עטלעכע קיך־מכשירים און אַ ביסל געפעס. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך דערווייל איינגעאָרדנט, ווי עס האָט זיך געלאָזט און געפירט אונזער אייגענע באַלעבאַטישקייט. אונזער לאַגע איז אַוודאי נישט געווען גלענ־צנדיק, אָבער מיר זענען שוין געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן לכל הפחות ווי נישט איז געקאָנט וווינען אַליין און נישט פאַלן צו לאַסט אויף פריץ קאַטער און זיין פאַמיליע.

מיר האָבן זיך קוים געהאַט איינגעאָרדנט אין אונזער נייער דירה, ווי איך בין פּלוצלינג ערנסט קראַנק געוואָרן. די סימנים האָבן זיך שוין געהאַט גע־וויזן מיט עטלעכע טעג פריִער, איך האָב אָבער מיילן גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, כדי איר נישט אָנצוטון קיין עגמת נפש; חוץ דעם האָב איך נישט צוגע־געבן דער זאַך קיין גרויסע באַדייטונג און געמיינט, אַז עס וועט פון זיך אַליין ווידער גוט ווערן. ווען מיר זענען אַוועקגעפאָרן פון אַמסטערדאַם, איז די וווּנד, וואָס איז מיר געהאַט געבליבן פון דער אָפּעראַציע, נאָך נישט געווען פאַרהיילט. דער האָלענדישער מעדיקער האָט מיר דעריבער געראָטן אָפּצולייגן מיין אַוועק־פאָרן אויף עטלעכע וואָכן, וואָס וואָלט מסתמא געווען דאָס בעסטע, וואָס איך האָב באַדאַרפט טון. איך האָב מיך אָבער נישט געקאָנט דעצידירן דערצו, וויל איך האָב ווי צום גיכסטן געוואָלט קומען קיין דייטשלאַנד. איצט האָט די וווּנד ווידער אָנגעהויבן שטאַרק צו בלוטיקן און דער גרויסער בלוט־פאַרלוסט האָט מיך אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך בין אין איינעם אַ טאָג אַוועקגעפאַלן. איך האָב בלי ספק נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס עסן, בעיקר איז דאָס ברויט געווען זייער שלעכט, וואָרים מען האָט צוגעמישט צום מעל כלערליי פּסולתדיקע שטאָפן, כדי דאָס ברויט זאָל האָבן די באַשטימטע וואָג. דערצו איז דאָס ברויט קיינמאָל נישט געווען גוט אויסגעבאַקן, אַזוי אַז מען האָט מיט דער האַנט געקאָנט אויסקוועטשן וואַסער פון דעם טייג.

איך האָב באַקומען שטאַרקע מאָגן־שמערצן, וואָס האָבן מיך נישט אָפּגע־לאָזט ביי טאָג און ביי נאַכט. פריץ קאַטער האָט מיר באַלד געשיקט אַ מעדיקער זיינעם אַ פריינט, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט מיר. דאָס איז געווען אַלפרעד בערנשטיין, אַ פערזענלעכער פריינט פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג, וועלכער האָט ביידע פאַר זייער אַרעסט אין עטלעכע חדשים אַרום געהאַלטן פאַרבאָרגן אַ לאַנגע צייט ביי זיך אין דער היים. בערנשטיין איז געווען אַ ווילער מענטש, תמיד גרייט צו העלפן. אַן אַלטער סאָציאַליסט, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט אַ סך פון אונזערע חברים און האָט אַרויסגעוויזן אַ סך סימפּאַטיע פאַר אונזערע אידעען.

ער האָט געהאַלטן, אַז עס האָבן זיך ביי מיר געמאַכט מאָגן־געשווירן און ער האָט מיר פאַרשריבן ברויט פאַר קראַנקע און מילך. נאָך אַ ביסל מאַטער־ניש איז אונז לסוף באַוויליקט געוואָרן פון דער באַשטימטער קראַנקנקאַמיסיע איין ברויט פאַר קראַנקע אין אַ וואָך און אַ האַלב גלאָז מילך אַ טאָג. דאָס האָט קוים געסטייעט, כדי די נשמה צו דערהאַלטן. ווען איך האָב מיך אין עטלעכע וואָכן אַרום געקאָנט אויפהייבן פון בעט, בין איך געווען אַזוי שוואַך, אַז איך האָב קוים געקאָנט שטיין אויף די פיס און איך האָב כסדר געליטן פון קאָפּשווינדל־אַטאַקעס. בלויז דער געטרייער הילף פון ווילהעלם ווערנער און פון עטלעכע אַנדערע פריינט און קודם כל דער ליבשאַפטלעכער השגחה פון מילי האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס איך בין ביסלעכווייז ווידער געקומען צו די כוחות.

אַ פֿאַטאַלער אָנהייב

בעת איך בין אינדערהיים געלעגן קראַנק, איז אין בערלין אויסגעבראָכן דער ערשטער אויפשטאַנד פון די ספּאַרטאַקיסטן, און די בלוטיקע אונטערדריקונג קעגן אים מיט אירע שוידערלעכע באַגלייט־דערשיינונגען האָט מיט איין קלאַפּ צעשטערט יעדע האָפענונג אויף אַ פֿאַראייניקונג פון די אַרבעטער פאַר אַ וועלכן ס'איז ציל. פאַר די מיינסטע איז דער אויפשטאַנד געקומען אינגאַנצן אומגעריכט, הגם עס האָט נישט געפעלט קיין צינד־שטאָף. שוין ביי דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע איז די אַרבעטערשאַפט געווען געשפּאַלטן אויף פאַרשידענע פיינטלעכע לאַגערן. שולדיק דערין איז געווען די נבזהדיקע האַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי און פון די גרויסע צענטראַלע סינדיקאַטן בעת דער מלחמה. די גרויסע מערהייט פון דער פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט איז ביז צום סוף געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער מיט די אָנהענגער פון דער קייזערלעכער מיליטערישער פּאָליטיק. צוערשט איז דאָס געשען מיט דעם נישטיקן אויסרייד, אַז דייטשלאַנד איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ ברייט אָרגאַניזירטער קאָנספּיראַציע מצד די שונאים אין אויסלאַנד, וועלכע באַמיִען זיך כלומרשט צו צעשטערן די דייטשע אימפּעריע, כדי פּטור צו ווערן פון אַן אומבאַקוועמען קאָנקורענט. אַזוי אַרום האָט די מלחמה באַקומען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פון זייערע אָנהענגער אין די אַרבעטער־פאַראיינען דעם שטעמפּל פון פאַרטיידיקונג־מלחמה, וואָס איז מיט געוואַלד אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דייטשלאַנד, הגם יעדער מענטש מיט אַ ביסל פּאָליטישן חוש האָט גוט געוווּסט, אַז די דייטשע רעגירונג גופא איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר דעם משוגעתדיקן וואַפנגעיעג פון די אייראָפּעאישע מלוכות און דורך איר אַרויספאָדערנדיקער אויסערן־פּאָליטיק האָט זי זינט די לעצטע פערציק יאָר געמאַכט די מלחמה־געפאַר פאַר אַ פּערמאַנענטן צושטאַנד.

ווען די מיליטערישע דערפאָלגן פון דער דייטשער אַרמיי־אָנפירונג אין ערשטן און אין צווייטן מלחמה־יאָר האָבן געגעבן אויסזיכטן אויף דייטשלאַנדס אַ זיג, האָבן אַפילו אַ סך פון די איינפלוסרייכסטע פאַרטיי־פירער געענדערט

זייער תחילתדיקן שטאַנדפּונקט פון אַ כלומרשטער פּאַרטיידיקונג־מלחמה און קאָנקורירט מיט די גרעסטע דייטשע מלחמה־העצער אין רעקאָמענדירן אַן אומבאַגרענעצטע אַנעקסיע־פּאָליטיק, וואָס זאָל ווידער איינפירן אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג אויף דעם קאָנטינענט, וועלכע זאָל זיין לטובה נישט נאָר פאַר די דייטשן, נאָר אויך פאַר דער אייראָפּעאישער אַרבעטערשאַפט.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז עס האָט זיך אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ביסלעכוויז אַנטוויקלט אַן אָפּאָזיציע, וואָס האָט שוין נישט געקאָנט לענגער שלום מאַכן מיט איר געוויסן ווייטער זיך צו האַלטן ביי דער אומבאַדינגטער מלחמה־פּאָליטיק פון דער גרויסער מערהייט, וואָס איז געווען אַ חוזק אויף אַלע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. אַזוי אַרום איז שוין אין דעצעמבער 1915 דערגאַנגען צו אַן אינערלעכער שפּאַלטונג, בעת צוואַנציק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן האָבן געשטימט קעגן די מלחמה־קרעדיטן, וואָס די רעגירונג האָט געפאָדערט, און האָבן נאָכגעטון דעם ביישפּיל, וועלכן קאַרל ליבקנעכט און אָטאָ רילע האָבן שוין פריער געהאַט געגעבן. נאָך אַ סך שאַרפע וויכוחים מיט דער מערהייט האָבן די אָנהענגער פון דער דאָזיקער אָפּאָזיציע אין רייכסטאַג זיך פאַראייניקט אין אַ באַזונדערער גרופּע אונטער דעם נאָמען אַרבעט־געמיינשאַפט, וועלכע איז פון דעמאָלט אָן געגאַנגען איר אייגענעם וועג, נישט אָרויסטרעטנדיק אָבער פון דער אַלטער פּאַרטיי, מיט וועלכער זי איז געווען אינערלעך צוזאַמענגעבונדן דורך דער לאַנגיעריקער טעטיקייט פון פאַר דער מלחמה. אָבער די באַציאונג פון דער מערהייט צו די אָפּגעשפּאָלטענע איז מיט דער צייט געוואָרן אַזוי פיינטלעך און אומדערטרעגלעך, אַז עס איז אוממעגלעך געוואָרן פאַר זיי לענגער צו פאַרבלייבן אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי. בעת דעם אָסטער־פייערטאָג פון 1917 האָט דעריבער די אַזויגערופענע אַרבעטער געמיינשאַפט דורכגעפירט צוזאַמען מיט אירע אָנהענגער אין לאַנד אַ קאָנפערענץ אין גאָטאַ און עס איז דאָרט באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן די אומאָפּהענגיקע דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי, צו וועלכער עס האָבן זיך צווישן אַנדערע אויך אָנגעשלאָסן קאַרל קאַוטסקי און עדואַרד בערנשטיין. דאָס איז געווען די אָפענע שפּאַלטונג. די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס איז העכער פערציק יאָר בייגעקומען יעדע אינערלעכע צעפּאַלונג און צוזאַמענגעהאַלטן אירע אָנהענגער אונטער דער רוט פון אייזערנער דיסציפּלין, וואָס האָט נאָר געקאָנט געשען מיט דעם כוח פון איר גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט, איז לסוף צעבראָכן געוואָרן. נישט קיין אידעאָלאָגישע קעגנזאַצן, וועלכע עס איז נישט מעגלעך געווען אויסצוגלייכן, האָבן דערפירט צו דער דאָזיקער שפּאַלטונג. די אָנהענגער פון דער נייער פּאַרטיי זענען געשטאַנען אויף דעם באָדן פון דעם זעלבן סאָציאַלדעמאָקראַטישן פּראָגראַם ווי די מערהייט, פון וועלכער זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט. אָבער די פאַנאַטישע און ממש ביישפּיללאָזע אומטאָלעראַנץ פון די ראשי המדברים פון דער אַלטער פּאַרטיי, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט צו דער רעגירונג מיט לייב און לעבן און פאַר־

שריגן פאַר אַ פאַררעטער יעדן, וואָס האָט זיך דערוועגט צו צווייפלען אין דייטשלאַנדס אומשולדיקייט אין דער מלחמה אָדער וואָס האָט נישט מסכים געווען זיך כסדר אונטערצוואַרפן אַ בלינדער דיסציפּלין, וועלכע האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום שכל־מאָטיוון — אָט דאָס דאָזיקע האָט פאַר זיי נישט איבערגעלאָזט קיין אַנדערע ברירה.

אָבער אויך צווישן די אומאָפּהענגיקע זענען געווען גרויסע טאַקטישע מיינונג־פאַרשידנקייטן, וועלכע האָבן זיך נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם אַנשליסן זיך פון די ספּאַרטאַקיסטן, אַ קליינע, אָבער ענערגישע גרופּע, וועלכע האָט זיך געזאַמלט אַרום קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג. עס איז זיי אָבער בשותּפותדיק געווען דער ווידערשטאַנד קעגן דער אַנעקסיע־פּאָליטיק פון די מערהייט־סאָציאַליסטן און די האָפענונג צו קענען געווינען די דייטשע אַרבעטערשאַפט פאַר אַ באַלדיקן שלום. ווען די לאַגע פאַר דייטשלאַנד איז אין די לעצטע מלחמה־יאָרן געוואָרן וואָס אַמאָל האָפענונגלאָזער און דער צוגעזאָגטער זיג איז נישט געקומען, האָט זיך וואָס אַמאָל דייטלעכער געלאָזט מערקן ביי דער באַפעלקערונג די מלחמה־מידקייט און זי האָט פאַרשאַפט די אומאָפּהענגיקע בעיקר אין בערלין און אין די גרויסע אינדוסטריע־געביטן, אַ גרויסע צאָל אַנהענגער. די גרויסע שטרייקן בעת די לעצטע מלחמה־יאָרן אין די אַמוניציע־פאַבריקן און אין אַנדערע וויכטיקע אונטערנעמונגען פאַר דער מלחמה־אינדוסטריע האָבן געגעבן דייטלעך געוויזן די גערייצטע שטימונג אין לאַנד, הגם די מערהייט־סאָציאַליסטן אין די פאַראייניגטע האָבן כסדר זיך באַמיט צו האַמעווען די דאָזיקע ספּאָנטאַנע באַוועגונגען פון די אַרבעטער און זיי איינגערעדט מיט כלערליי צוזאָגן צוריקצוגיין צו דער אַרבעט.

אָט אַזעלכער איז געווען דער צושטאַנד פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען דער מיליטערישער פראָנט איז ענדלעך צעקלאַפּט געוואָרן און די פּאָליטישע מאַכט איז אַריינגעפאַלן צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס האָט נאָך איר אַזוי לאַנג געשטרעבט, ווי אַ רייפע פרוכט אין מויל. דעמאָלט אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט אַ טראַגישער דייטלעכקייט, אַז אירע פירער האָבן נישט געוווּסט, וואָס זיי זאָלן אָנהייבן צו טון מיט דער דאָזיקער מאַכט און מורא געקריגן זי צו באַניצן, בכדי אָפּצורוימען פון וועג אַלע איבערבלייבענישן פון דעם אַלטן רעזשים און לייגן די פונדאַמענטן פאַר א ניי דייטשלאַנד, וואָס זאָל קענען פאַרנעמען אַ נייעם פּלאַץ צווישן די אייראָפּעאישע פעלקער. אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז אין די לאַנגע יאָרן פון פּאַרלאַמענטאַרישער רוטין און גייסטלאָזן ביוראָקראַטיזם שוין געווען גייסטיק אינגאַנצן פאַרטעמפּט און נישט פעאיק צו קיין שום שעפערישער טאָט. די פירער מיט דעם גרעסטן איינפלוס איז דער באַוועגונג און בעיקר פריץ עבערט, דער שפּעטערדיקער מלוכה־פּרעזידענט, האָבן אַפילו אויך געפרווּט מיט אַלע מעגלעכקייטן אָפּצושוואַכן די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון פאָלק און פירן אויף געזעצלעכע

וועגן. נאָך אין 8טן נאָוועמבער, א טאָג ערב דעם פּראָקלאַמירן די רעפּובליק, האָט דער פּראָוועראַטס פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף פון דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, וואָס האָט אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק צו רו און צווישן אַנדערע זאַכן צוגעזאָגט צו פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין דער רעגירונג". דאָס מיינט צו זאָגן, אין דער אַלטער רייכסרעגירונג! דער לעצטער רייכסקאַנצלער פון דער קייזערלעכער רעגירונג, פּרינץ מאַקס פאָן באַדען, האָט מיט דער הסכמה פון אַלע מיניסטאָרן איבערגעגעבן עבערטן דעם אַמט פון רייכסקאַנצלער, נאָכדעם ווי עבערט האָט אים צוגעזאָגט „צו זאָרגן פאַר רו און אָרדענונג". עבערט האָט דערויף אין זיין נייעם אַמט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער וועט פּרוּוון צו שאַפן אַ נייע רעגירונג מיט די פּאַרטייען פון דעם אַלטן רייכסטאַג. דאָס אַלדינג באַווייזט, אַז ער און זיינע אָנהענגער זענען נאָך ערב דער רעוואָלוציע געווען אַנטשלאָסן ווייטער צו רעגירן מיט די פּאַרטייען פון דעם אַלטן רייכסטאַג.

אָבער די געשעענישן אין מינכען, בראַאונשווייג, פראַנקפורט און אַנדערע ערטער האָבן געטריבן אויך די בערלינער אַרבעטערשאַפט זיך צו דערוועגן אויף אַן אַנטשלאָסענעם שריט. אַ רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכער האָט שוין עקזיסטירט זינט אַ יאָר ווי אַ געהיימע קערפּערשאַפט און איז באַשטאַנען פון אומאָפּהענגיקע און ספּאַרטאַקיסטן האָט שוין זינט עטלעכע טעג געפּלאַנט אַ באַוואָפנטע מאַניפעסטאַציע, אָבער די רעגירונג האָט דאָס דערשנאָפּט און געלאָזט אַרעסטירן אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע אַרבעטער־פירער, צווישן זיי קאַרל ליבקנעכט און ערנסט דוימיג. דערמיט איז דאָס מעסטל געווען איבערגעפּולט, און כדי אויסצומיידן די געפאַר פון אַ מיליטערישער דיקטאַטור, האָט דער קאָמיטעט פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכער האָט זיך דערווייל געהאַט פאַרוואַנדלט אין אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן, פאַרעפנטלעכט אַ קורצן אויפרוף, אין וועלכן די אַרבעטער און סאָלדאַטן זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם 9טן נאָוועמבער די פאַבריקן און די קאַזאַרמעס און זאָלן אַרויס אויף די גאַסן, כדי צו פּראָקלאַמירן אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק. דער דאָזיקער אויפרוף איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון צען באַקאַנטע פירער פון די אומאָפּהענגיקע און ספּאַרטאַקיסטן.

דעם 9טן נאָוועמבער אינדערפרי האָבן געדיכטע מחנות באַוואָפנטע אַרבעטער און סאָלדאַטן געשטראָמט אויף די גאַסן און כמעט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין ווידערשטאַנד. מיטאָגצייט האָט די רעוואָלוציע געהאַט דערגרייכט אַ בלוטלאָזן נצחון. אַפילו די מערהייט־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע, האָבן געמוזט שלום מאַכן מיט די געשעענע פאַקטן און אָנערקענען די נייע לאַגע, אויב זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן יעדע השפעה אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָט פיליפּ שיידעמאַן ענדלעך צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג זיך אַנט-

שלאָסן צו פּראָקלאַמירן פאַר דעם רייכסטאַג־בנין די רעפּובליק, וועלכע איז שוין מיט עטלעכע שעה פריער געהאַט געוואָרן אַווירקלעכקייט. *)

אַזוי אַרום איז דער גורל געווען געחתמעט. מיט עטלעכע שעה שפּעטער זענען עבערט און שיידעמאַן אַוועק אין דעם באַראַטונג־צימער פון די אומאָפּהענגיקע אין רייכסטאַג, כדי זיי פאַרצולייגן אַ דערווייליקע קאָאַליציע־רעגירונג פון ביידע פּאַרטייען. מען קאָן פאַרשטיין, אַז די אָנפירער פון די U. S. P. D. האָבן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג נישט אויפגענומען מיט קיין גרויסער באַגייסטערונג. דעם רוב פון זיי וואָלט נישט גרינג אָנגעקומען צוזאַמענצואַרבעטן מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיי זינט יאָרן פאַרשריגן אין דער עפנטלעכקייט פאַר פאַררעטער. די מיינונגען האָבן זיך טאַקע צעטיילט. בעת קאַרל לעדעבור און עטלעכע אַנדערע האָבן זיך לגמרי אָפּגעזאָגט צו זיצן מיט עבערטן און שיידעמאַנען ביי איין טיש, האָט די מערהייט זיך אָנטשלאָסן צו באַזייטיקן אַלע פּערזענלעכע מאָטיוון און אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג מיט געוויסע באַדינגונגען. די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע באַדינגונגען זענען געווען: אַז די נייע רעגירונג זאָל באַשטיין נאָר פון סאָציאַלדעמאָקראַטן און אַז זעקס פאָלקס־קאָמיסאַרן זאָלן באַזאָרגט ווערן מיט גלייכע רעכט; אַז די עפנטלעכע מאַכט זאָל זיך געפינען אין די הענט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן און פאַר דעם דאָזיקן צוועק זאָל אויף דעם שנעלסטן אופן פאַררופן ווערן אַן אַלגעמיינע באַראַטונג פון די ראַטן אין גאַנצן לאַנד; אַז די פראַגע פון אַ קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג זאָל באַהאַנדלט ווערן ערשט דעמאָלט, ווען די באַדינגונגען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, וועלן זיין געזיכערט.

די מערהייט־סאָציאַליסטן האָבן מסכים געווען אויף די דאָזיקע באַדינגונגען און באַשטימט פריץ עבערט, פיליפּ שיידעמאַן און קאַרל לאַנדסבערג פאַר פאָלקס־דעלעגאַטן, בעת די אומאָפּהענגיקע האָבן באַשטימט פאַר זייערע פאַרטרעטער הוגאָ האַזע, ווילהעלם דיטמאַן און עמיל באַרט. דער לעצטער איז געווילט געוואָרן, נאָכדעם ווי קאַרל ליבקנעכט האָט אָפּגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אין דער נייער רעגירונג. אָבער דער דאָזיקער פאַראייניקונג איז נישט באַשערט געווען קיין לאַנגער קיום און זי איז נאָך צוויי חדשים זיך צעפאַלן. לויט דעם גאַנצן מצב פון די זאַכן האָט מען זיך נישט געקאָנט ריכטן אויף עפּעס אַנדערש. די מערהייט־סאָציאַליסטן האָבן זיך אין משך פון זייער אַנטוויקלונג אַזוי טיף איינגעלעבט אין דעם פּאָליטישן געדאַנקענגאַנג פון דעם בירגערטום, אַז זיי זענען שוין בכלל נישט פעאיק געווען צו קיין שום

---

*) שיידעמאַן האָט שפּעטער דערציילט אין זיינע מעמוארן פון אַ סאָציאַלדעמאָקראַט, אַז עבערט האָט ביז צום סאַמע סוף געוואָלט אויסמיידן די רעוואָלוציע און ער איז געוואָרן „רויט פאַר כעס", וואָס מען האָט פּראָקלאַמירט די רעפּובליק. אָבער אויך ער האָט לסוף געמוזט מיט גוטן אָדער מיט בייזן שלום מאַכן מיט די פאַקטן, וועלכע מען האָט שוין נישט געקאָנט ענדערן.

רעוואָלוציאָנערער טאַט. דעריבער האָבן זיי באַלד פון אָנהייב אָן געפּרוווט וואָס גיכער זיך צו דערשלאָגן צו אַ קאָנסטיטואירונג־פאַרזאַמלונג, ווו זיי וועלן קענען פאָרזעצן זייער אַלטע פּאַרלאַמענטאַרישע קליינאַרבעט און טיילן צווישן זיך און דעם בירגערטום די מאַכט, וועגן וועלכער עס איז זיי אין תוך געגאַנגען. זיי האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, אַז אַ רעוואָלוציע איז אַ פאַרענדיקן אויף כוח מיט אַ פאַרעלטערט סיסטעם און זי מוז מיט אומגעצעלצע מיטלען שאַפן די יסודות פאַר אַ נייער אָרדענונג, וואָס אָן זיי האָבן די אויסגעקעמפטע דערגרייכונגען קיין שום האַפט נישט.

די דייטשע נאָוועמבער־רעוואָלוציע האָט צוליב דער פאַרלוירענער מלחמה געהאַט אַ זיג אויף אַ גרינגן אופן; אָבער עס איז געווען מער ווי אַ נאַרישקייט צו מיינען, אַז דערמיט זענען די כוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט באַזיגט. די ריזעדיקע קאַטאַסטראָפע האָט זיי בלויז צעטומלט און געליימט זייער וויי־דערשטאַנד־כוח. די דייטשע אַרמייען האָבן אויף די שלאַכטפעלדער פון מערב געהאַט זייער וואַטערלאָ, אָבער דערמיט איז נאָך ווייט נישט געווען געבראָכן דער גייסט פון מיליטאַריזם, וואָס האָט ווייטער געלעבט אין די אָפיצירן פון דער אַלטער אַרמיי, אין די פּרייסישע יונקערס און אין זייערע אַליאירטע, די מאַגנאַטן פון דער גרויס־אינדוסטריע, און בלויז געוואַרט אויף דער געלעגנהייט ווידער צו באַקומען די מאַכט.

אין אַלע אינסטיטוציעס פון דער דייטשער רעפּובליק זענען נאָך געזעסן די באַאַמטע פון דער קייזערלעכער רעגירונג, וועגן וועלכע עס האָט זיך קוים געלייגט אויפן שכל, אַז זיי זאָלן האָבן באַקומען אַן אַנדער דעה. קודם כל איז דאָס גאַנצע געריכט־וועזן נאָך געלעגן אין די הענט פון די זעלבע אַלטע ביוראָקראַטישע יוריסטן, וועלכע האָבן זיך תמיד געהאַט אויסגעצייכנט מיט זייערע שטאָק־רעאַקציאָנערע מיינונגען. יעדער מענטש מיט אַ ביסל שכל האָט געמוזט באַגרייפן, אַז דאָ דאַרף קודם געמאַכט ווערן אַן ענדערונג, און דאָס האָט נאָר געקאָנט געשען דורך אַ רעוואָלוציאָנערער צווישן־תקופה, וועלכע האָט געמוזט קומען פאַר די נייע איינפירונגען. בלויז אַ נאַר האָט געקאָנט גלויבן, אַז אין אַ לאַנד מיט אַזאַ פּילצאַליק און קאָנסערוואַטיוו געשטימט בירגערטום, וואָס זיין נעבעכדיקע פּיליסטער־מאָראַל איז קיינמאָל נישט פּעאיק געווען צו קיין ממשותדיקע מעשים, וועט אַ קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג זיך קענען דערשלאָגן צו וועלכע עס איז אַנטשיידנדיקע מיטלען. רעוואָלוציעס האָבן זייער אייגענע לאָגיק. ווער עס ווייסט נישט דערפון, דאַרף זיך נישט חידושן, ווען מען טוט אים אין איינעם אַ טאָג אַ זאָג: „אַראָפּ פון טורעם, דו האָסט געענדיקט!" אַזוי ווי דאָס איז שפּעטער געשען מיט די דייטשע סאָציאַליסטן.

קיין שום מענטש, וואָס האָט דורכגעלעבט יענע צייט, וועט נישט קענען מאַכן קיין פאָרוואורף די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן, פאַרוואָס זיי האָבן נישט באַנוצט זייער מאַכט כדי איינצופירן אין דייטשלאַנד אַ סאָציאַליסטיש מילע־

ניום. דערצו איז די דייטשע אַרבעטערשאַפט באמת נאָך נישט געווען רייף. די סאָציאַליסטישע דערציאונג, וואָס זי האָט באַקומען זינט צענדליקער יאָרן, האָט זי טאַקע געמאַכט פּילבאַר פאַר וואַל־דערפאָלגן, אָבער זי האָט זי נישט געמאַכט פעאיק צו אַן ערנסטער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין זין פון סאָציאַליזם. וואָס יעדער מוז איר אָבער יאָ פאַרוואַרפן און די געשיכטע וועט עס איר קיינמאָל נישט קענען מוחל זיין, איז דער חטא, וואָס אין מטורפדיקער פאַרבלענדעניש האָט זי דעם אינעווייניקסטן שונא געגעבן די געלעגנהייט צו־נויפצוזאַמלען זיינע צעשפּרייטע כוחות און באַלד אין עטלעכע וואָכן אַרום ווידער אונטערגערוקט די באַוואָפנטע מאַכט דער רעאַקציע אין די הענט אַריין.

דער פאַקטישער רעפּרעזענטאַנט פון דער דייטשער מיליטערישער רעאַקציע איז געווען דאָס פּרייסישע יונקערטום, אַ ווילדע גייסטלאָזע, פון דער קליינלעכסטער אייגננוציקייט באַהערשטע קאַסטע, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקאָנט באַהאַלטן דעם שטאָל־ריח פון איר פאַרגאַנגענהייט און איז תמיד געווען דער מיטלפּונקט פון יעדער רעאַקציע אין דייטשלאַנד. עס איז געווען דייטשלאַנדס געשיכטלעכער בייזער גורל, וואָס עס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אָנפירונג פון אַ קולטור־אָרימען, האַלב־פעאָדאַלן מיליטערישן שטאַט ווי פּרייסן, אין וועלכן דאָס יונקערטום האָט, מחמת זיין מיליטערישער השפּעה, תמיד געשפּילט די ערשטע פידל. עס האָט דעריבער באַדאַרפט זיין די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער דייטשער רעוואָלוציע אַ סוף צו מאַכן איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט דער פאַרשאַלטענער מאַכט פון די פּרייסישע יונקער, כדי צו זיכערן די צוקונפט פון לאַנד. דאָס האָט אָבער נאָר געקאָנט געשען דורך דעם אונטערגראָבן ביי די יונקערס דעם הויפּט־קוואַל פון זייער פּאָליטישן איינפלוס און אַרויפליגן די האַנט אויף די גרויסע ריטער־מאַיאָנטקעס פון דער אַנדערער זייט עלבע.

די בירגערלעכע רעוואָלוציאָנערן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע זענען נישט אינספּירירט געוואָרן פון קיין שום סאָציאַליסטישע מאָטיוון, האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן קענען באַפרייען פראַנקרייך פון דער פּאָליטישער אויבערהערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון די גייסטלעכע נאָר באופן, אַז זיי וועלן צונעמען די פאַרמעגנס ביי די אַריסטאָקראַטישע ערד־אייגנטימער און צעטיילן די פעלדער צווישן די פּויערים, דורך דעם איז ביי די פאַרטיידיקער פון אַלטן רעזשים צוגענומען געוואָרן יעדע ווייטערדיקע השפּעה אויף דעם גורל פון לאַנד. דווקא די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אירע אָנהענגער אין די אַרבעטער־פאַרבאַנדן האָבן זיך באַדאַרפט פילן באַזונדערס ראוי פאַר אַזאַ מין אויפגאַבע. די פאַרצעלירונג פון די גרויסע ערד־אייגנטומס וואָלט געווען פון גאָר גרויסער וויכטיקייט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אויב אַפילו זי זאָל געווען דורכגעפירט ווערן נישט אין זין פון סאָציאַליזם, נאָר בלויז צוליב פּאָליטישע טעמים ווי אין פראַנקרייך. זי וואָלט געווען צוגעבונדן צו דער רעפּובליק די מאַסע פון קלענערע און

מיטעלע פויערים, וועלכע זענען שפּעטער אַלע געטריבן געוואָרן אין לאַגערן פון דער קאָנטררעוואָלוציע.

אָבער די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט נישט בלויז נישט באַקעמפּט דאָס אייגנטום־רעכט פון די יונקערס, ווען זי האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט דערמיט אַ סוף צו מאַכן; זי האָט אַפילו נישט געטראַכט אָנצורירן דאָס פאַר־מעגן פון די דייטשע פירשטן. בעת די האַלב־פאַרהונגערטע מאַסן זענען וואָס אַמאָל טיפער פאַרזונקען געוואָרן אין נויט, האָט די רעפּובליקאַנישע רעגירונג אויסגעצאָלט די געוועזענע לאַנד־האַרן פאַנטאַסטישע סומעס פאַר אַנטשעדיקונג און פליייסיקע געריכטן האָבן זיך באַמיט, אַז עס זאָל יענע פאַראַזיטן נישט פאַרלוירן גיין קיין איין פעניג.

אַזעלכע טיפע ענדערונגען האָט פאַרשטייט זיך בלויז די רעוואָלוציע געקאָנט דורכפירן. די געשיכטלעכע באַדייטונג פון אַלע רעוואָלוציעס איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעטון זאַכן, וועלכע זענען שוין געווען אומפאַרמיידלעך. בלויז צוליב פאַרגעניגן האָבן פעלקער קיינמאָל נישט געמאַכט קיין רעוואָלוציעס. זיי זענען תמיד געקומען ערשט דעמאָלט, ווען די סאָציאַלע באַדינגונגען זענען שוין געווען אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז דעם פאָלק איז בלויז געבליבן דאָס מיטל פון אַליינהילף, כדי צו קענען ווייטער עקזיסטירן. ווען די פירער פון דער נומעריש אַזוי שטאַרק אָרגאַניזירטער דייטשער אַרבעטערשאַפט וואָלטן לגבי די פּרייסישע יונקערס און די דייטשע פירשטן געווען באַנוצט בלויז אַ העלפט פון דער גרינטלעכקייט, וואָס דער זיגערישער פאַשיזם האָט שפּעטער אָנגעווענדט לגבי זיי, קאָנפיסקירנדיק דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער אַרבעטערשאַפט און פון אַלע אינסטיטוציעס, וואָס זי האָט פאַר זיך געשאַפן אין משך פון לאַנגע יאָרן, וואָלט דייטשלאַנד און די וועלט זיך געווען איינגע־שפּאָרט דעם שוידערלעכן עפּיזאָד פון דריטן רייך און זיינע בלוטיקע באַגלייט־דערשיינונגען.

עס האָט זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן דייטלעכער, אַז ביי מאַסנבאַוועג־גונגען איז נישט אַזוי וויכטיק די טעכנישע פאַראייניקונג ווי דער גייסט, וואָס באַהערשט זיי. אָרגאַניזאַציעס אָן אַן אינערלעכן ברען און גייסטיקער אָנרעגונג זענען בלויז אַ כוח אויף דעם פּאַפּיר, וואָס ווערט באַלד צונישט, ווען עס קומט צו דער פייער־פּראָבע. אָט אַזוי האָט געענדט פּאַסירט אין דייטשלאַנד. אַוודאי איז אויך דאָרט געווען אַ גרויסע צאָל ערלעכע און אַנטשלאָסענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו פאַרשאַפן דער רעוואָלוציע אַ ברייטער טעטיקייט־פעלד, ווען די צייט איז דערצו געקומען, אָבער זיי זענען געווען בלויז אַ קליינע מינדערהייט, וואָס איז נישט געווען בכוח צו באַזייטיקן אין איין רגע די רע־זולטאַטן פון אַ שווערן פאַרטיי־דרוק און צו פאַראייניקן די מאַסן צו אַן איינ־הייטלעכער אַקציע. די פירער פון דער אַלטער באַוועגונג אָבער האָבן פון סאַמע אָנהייב זיך באַמיט צו פאַראַליזירן דעם ווידערשטאַנד־כוח פון די אַרבעטער און צו לייגן אַ קייט אויף דער רעוואָלוציע. דעריבער האָבן זיי שפּעטער גע־

מוזט שניידן דאָס, וואָס זיי האָבן פריִער געזייעט. פאַר זיי איז די רעוואָלוציע טאַקע געווען אַן אָפּקומעניש ווי ניוועןהויז האָט עס מיט אַ פיינעם חוש אָנגערופן.

ביים שאַפן די סאָציאַליסטישע רעגירונג האָבן די מערהייט־סאָציאַליסטן זיך אַפילו מתחייב געווען אָפּצולייגן דאָס צונויפרופן אַ קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג אַזוי לאַנג, ביז די רעכט, וואָס זענען אויסגעקעמפט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, וועלן זיין געזיכערט, אָבער דעם דאָזיקן צוזאָג האָט מען קיינמאָל נישט געהאַלטן. די גאַנצע מערהייט־סאָציאַליסטישע פרעסע און די פאַרטייפאַרשטייער זענען גאַר געווען דערפאַר, אַז עס זאָל באַלד געוויילט ווערן אַ נייער רייכסטאַג, וועלכער זאָל באַשטימען די צוקונפט פון דעם נייעם דייטשלאַנד, און די בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן פאַרשטייט זיך אונטערגעשטיצט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג מיט דעם פולן מויל. דיביידע פראַקציעס אין דער רעגירונג האָבן זיך דעריבער געאייניקט איבערצולאָזן דאָס אַנטשיידן די דאָזיקע פראַגע פאַר דעם קאָנגרעס פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן, וועלכער איז זיך צוזאַמענגעקומען דעם 16טן דעצעמבער אין בערלין.

אָבער די האַפענונגען, וואָס די ספּאַרטאַקיסטן און אַ טייל פון די אומאָפּהענגיקע האָבן געלייגט אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, האָט זיך געענדיקט מיט אַ ביטערער אַנטוישונג. די דאָזיקע אַזויגערופענע ראַטן זענען בשום אופן נישט געווען קיין אמתע פאַרטרעטונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק, ווי די פיאָנערן פון דער ראַטן־אידעע אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך אויסגעמאָלט, נאָר זענען פון אָנהייב אָן געווען אַ וועריקצייג פאַר די אינטריגעס פון די פּאָליטישע פאַרטייען. מען האָט דעם ראַטן־געדאַנק איבערגענומען פון רוסלאַנד ווי אַ פּאָליטישע לאָזונג. נישט צוגעבנדיק דערצו קיין קלאָרן זין. די מערהייט־סאָציאַליסטן האָבן באונס, נישט ברצון, זיך געמוזט דערמיט צופרידנשטעלן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. די ספּאַרטאַקיסטן אָבער און אַ גאַנצע ריי פירער פון דער U.S.P.D. האָבן צונויפגעמישט די ראַטן־אידעע מיט דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און האָבן ביי איר צוגענומען, אַזוי ווי אין רוסלאַנד, יעדן שעפערישן ווערט. וואָרים וואָס באמת קאָנען אַרבעטער־ראַטן אויפטון, אַפילו ווען זיי זענען דירעקט געוויילט געוואָרן דורך דעם אַרבעטער־פערסאָנאַל פון די אונטערנעמונגען, אויב זייער טעטיקייט איז אונטערגעוואָרפן דער אייזערנער קאָנטראָלע פון אַ דיקטאַטאָרישער רעגירונג, וואָס טאָלערירט נישט קיין שום זעלבסטשטענדיקן געדאַנק?

די גרויסע מערהייט פון די פּילצאָליקע דעלעגאַטן, וועלכע זענען פון אַלע טיילן אין דייטשלאַנד געשיקט געוואָרן צו דעם אַזוי גערופענעם ראַטן־קאָנגרעס, זענען געווען זייער ווילע אומבאַדייטנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן מיינסטנס אַפילו נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע קענטשאַפט און נישט אָנגעהויבן צו וויסן דעם אמתן מיין פון דעם ראַטן־געדאַנק. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען דאַרף מען זיך טאַקע נישט וואונדערן, וואָס דער קאָנגרעס האָט מיט אַן איבערוועגנ־

דיקער מערהייט אָפּגעוואָרפן די לאָזונג פון די ספּאַרטאַקיסטן: „די גאַנצע מאַכט צו די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן!“ און באַשטימט, אַז דעם 19טן יאַנואַר 1919, זאָלן פאָרקומען וואַלן צו דער דייטשער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. מיט רעכט האָט ראָזאַ לוקסעמבורג דעמאָלט דערקלערט: „אַך, ווי דייטשיש איז אָט די דאָזיקע דייטשע רעוואָלוציע, ווי ניכטער, ווי פּעדאַנטיש, אָן שווונג, אָן גלאַנץ, אָן גרויסקייט!“ און טאַקע באמת, פונוואַנען זאָל זי נעמען גרויסקייט, נאָכדעם ווי מען האָט פיר יאָר נאָכאַנאַנד בלינד אונטערגעשטיצט די מלחמה־פּאָליטיק פון דער קייזערלעכער רעגירונג און מער מורא געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע ווי פאַר אַ מגפֿה?

די צוזאַמענאַרבעט פון די ביידע פראַקציעס אין דעם ראַט פון די פאָלקס־דעלעגאַטן איז לכתחילה געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן נסיון, היות עבערט, שיידעמאַן און לאַנדסבערג האָבן מיט אַלע מיטלען געפרווט צו פאַרהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און שטערן יעדן דערצידירנדיקן טריט, און דאָס איז זיי זייער לייכט אָנגעקומען, ווייל זיי האָבן זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף דער גרויסער מערהייט פון זייערע אָנהענגער אין לאַנד, בעת די אומאָפּהענגיקע זענען געווען אינערלעך צעשפּאָלטן און טייל פון זייערע פירער, ווי דוימיג און לעדעבור, שטאַרק באַאיינפלוסט פון די באָלשעוויסטישע אָנשויאונגען. דער קריזיס אין דער סאָציאַליסטישער רעגירונג האָט זיך טאַקע גאָר באַלד אָנגעהויבן, ווען עס איז דערגאַנגען צו אַ מחלוקה צווישן דעם מערהייט־סאָציאַליסטישן שטאָט־קאָמאַנדאַנט אָטאָ וועלס און דער רעוואָלוציאָנערער מאַטראָסן־דיוויזיע, וועלכע האָט בעת דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע פאַרנומען דעם קייזערלעכן פּאַלאַץ אין בערלין, און די דאָזיקע מחלוקה האָט דערפירט צו אַ בלוטיקן סוף.

דער ראַט פון די פאָלקס־דעלעגאַטן האָט די מאַטראָסן באַפוילן צו פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ און זיך אַריינצוציען אין דעם בנין פון די הויף־שטאַלן. די מאַטראָסן האָבן דעמאָלט געפאָדערט, מען זאָל זיי פריער אויסצאָלן זייערע הינטערשטעליקע לוינען. דאָס איז זיי נאָכגעגעבן געוואָרן מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלן פריער איבערגעבן אַלע שליסלען פון פּאַלאַץ אין אַ קאַסעטקע. ווען די מאַטראָסן האָבן געבראַכט די קאַסעטקע אין אויסערן־מיניסטעריום, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דאָרט און זי איבערגעגעבן דעם פאָלקס־דעלעגאַט עמיל באַרט, האָט דער דאָזיקער זיך געווענדט טעלעפאָניש צו אָטאָ וועלס און אים געבעטן, מען זאָל די מאַטראָסן אויסצאָלן דעם צוגעזאָגטן לוין. וועלס אָבער האָט דעמאָלט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים אַליין איבערגעבן די שליסלען און דאָס האָט אויף דער שוין אַזוי אויך צערייצטער שטימונג פון די מאַטראָסן געמווזט ווירקן ווי בוימל אויפן פייער. די אויפגערעגטע מאַטראָסן, אונטער דעם איינדרוק, אַז מען וויל זיי פאַרהאַלטן דעם צוגעזאָגטן לוין, האָבן באַזעצט דאָס אויסערן־מיניסטעריום. דעמאָלט האָט עבערט געהאַנדלט אויף

זיין אייגענער אַחריות און באַפוילן וועלסן, אַז די רעפּובליקאַנישע רייכסווער און דאָס רעגולערע מיליטער זאָלן געשיקט ווערן צו די רעגירונג־בנינים.
ווען די מאַטראָסן האָבן געזען אָנקומען מיליטער, האָבן זיי פאַרשטייט זיך געמוזט אָנגעמען, אַז מען האָט זיי פאַרראַטן. זיי האָבן דעריבער אַרעסטירט דעם שטאָט־קאָמאַנדאַנט וועלס און אים געבראַכט אין קייזערלעכן שלאָס. דעמאָלט איז געשען די שוידערלעכע זאַך, אַז עבערט מיט דער הסכמה פון שיידעמאַן און לאַנדסבערג, נישט צווישן געבנדיק די דריי אומאָפּהענגיקע מיטגלידער פון ראָט פון די פאָלקס־דעלעגאַטן, האָט באַפוילן דעם גענעראַל לעקיס אָנצווענדן באַוואָפנטן כוח געגן די מאַטראָסן מיט מיליטער פון דער אַלטער קייזערלעכער אַרמיי. דעם 24סטן דעצעמבער האָט לעקיס מיט זיין דיוויזיע צומאַרשירט צום פּאַלאַץ און באַפוילן די מאַטראָסן, אַז זיי זאָלן אין משך פון צען מינוט זיך שטעלן אומבאַוואָפנט אויף דעם שלאָס־פּלאַץ. ווען די שטאַרק צערייצטע מאַטראָסן האָבן נישט אויסגעפירט דעם דאָזיקן באַפעל, האָט מען אָנגעהויבן צו באַשיסן דעם שלאָס און די שלאָס־שטאַלן מיט אַרטי־לעריע. צוויי שעה האָט געבושעוועט דער קאַמף, ביז די רעגירונג האָט לסוף באַפוילן די סאָלדאַטן אָפּצושטעלן דאָס פייער און פאַרזיכערט די מאַטראָסן צו האַלטן דעם געגעבענעם צוזאָג. דעמאָלט האָבן זיי באַפרייט וועלסן, אָבער אויף דעם קאַמף־פּלאַץ זענען געלעגן דרייסיק טויטע און צוויי מאָל אַזוי פיל פאַרוווּנדעטע. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַרשפּיל פון דער קאָנטררע־וואָלוציע קוים זעקס וואָכן נאָך דעם פּראָקלאַמירן די דייטשע רעפּובליק.

דער יאַנואַר־אויפשטאַנד און זיינע קאָנסעקווענצן

נאָך די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן איז פאַר די אומאָפּהענגיקע אין ראַט פון די פאָלקס־באַפולמעכטיקע נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה ווי זיך אָפּצוזאָגן, אויב זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער הריגה, וואָס רעאַקציאָנערע מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן דורכגעפירט אויף אייגענע פאָלקסברידער. אַזוי ווי דער צענטראַל־ראַט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן אויף קיין שום פעסטן באַשלוס, האָבן הוגאָ האַאַזע און זיינע ביידע קאָלעגן געמאָלדן זייער אַרויסטרעטן פון דער רעגירונג. די מערהייט־סאָציאַליסטן זענען איצט געבליבן צווישן אייגענע און נאָכדעם ווי זיי האָבן דערגענצט זייער קאַבינעט פון די אייגענע רייען, האָבן זיי אַליין געפירט די רעגירונג. לויט דעם גאַנצן מצב פון די ענינים וואָלט דער אַרויסטריט פון די אומאָפּהענגיקע געמוזט קומען אויך אָן די בערלינער דעצעמבער־געשעענישן, ווארים עס איז אַ זיכערע זאַך, אַז עבערט האָט שוין פריִער געהאַט געהיימע פאַרבינדונגען מיט אָפּיצירן פון דער אַלטער אַרמיי, כדי צו באַקעמפן די רעוואָלוציע, הגם ער האָט פאַרשטאַנען צו מאַסקירן זייער געשיקט זיינע מאַכינאַציעס *).

---

*) עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער גענעראַל גרענער האָט ביי דעם אַזוי גערופענעם „מעסערשטאָך־פּראָצעס“ פון מינכען אין אָקטאָבער 1925 עפנטלעך פאַרטיידיקט עבערטן און דערקלערט פאַר דעם געריכט, אַז יענער איז מיט אים שוין אין נאָוועמבער 1918 געשטאַנען אין פאַרבינדונגען, כדי אַרויסצורייסן די מאַכט פון די סאָלדאַטן־ראַטן, און דער דאָזיקער פּלאַן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט נישט געקאָנט האָבן קיין צוטרוי צום מיליטער. שפּעטער האָט עבערט מיט אים אַרומגערעדט, ווי אַזוי מען קאָן די אומאָפּהענגיקע באַזייטיקן פון דער רעגירונג. „איך מוז זאָגן“, האָט דער גענעראַל דערקלערט, „אַז דאָס אַרויסשטויסן די אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון דער רעגירונג האָט עבערט דורכגעפירט מיט אַזאַ געשיקטקייט, וואָס האָט געשטעלט אין שאָטן אַלדינג, וואָס אַ קריגסמיניסטער האָט ווען עס איז אויפגעטון, און עס האָט אַרויסגערופן רעספּעקט צו זיין פּאָליטישן טאַלאַנט“.

מען וואָלט געקאָנט איינווענדן, אַז דער גענעראַל האָט אפשר געהאַט די כוונה צו קאָמפּראָמיטירן דעם ערשטן פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק אין די אויגן פון

ווען עבערט און זיינע אָנהענגער זענען געבליבן אַליין אין דער רעגירונג, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן אַרויסצושטויסן די אומאָפּהענגיקע פון אַלע וויכטיקע פּאָזיציעס. איינע פון די דאָזיקע איז געווען די שטעלע פון דעם בערלינער פּאָליצײ־פּרעזידענט, וועלכע איז זינט דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע פאַרנומען געוואָרן דורך קאַרל אייכהאָרן. אָנהייב יאַנואַר האָט די פּרייסישע רעגירונג דערקלערט אייכהאָרנען פאַר באַפרייט פון אַמט און באַשטימט אויף זיין אָרט דעם רעכטן סאָציאַליסט אויגען ערנסט. אָבער אייכהאָרן האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס מיט דער באַגרינדונג, אַז ער האָט זיין אַמט באַקומען פון דער בערלינער אַרבעטערשאַפט און ער קאָן נאָר דורך איר אַראָפּגעזעצט ווערן. דער גאַנצער שטרייט וואָלט דעמאָלט געווען געקאָנט לייכט אויסגעגלייכט ווערן, אויב עבערט און זיינע אָנהענגער זאָלן געווען האָבן דעם גוטן ווילן דערצו. אָבער דאָס האָט זיי טאַקע צום מיינסטן געפעלט, וואָרים די מורא פאַר דער רעוואָלוציע איז יעדן פון זיי געלעגן אויפן קאַרק און ביי זיי צוגענומען דעם שכל.

דערווייל האָט מען גוסטאַוו נאָסקע אַרויסגערופן פון קיל קיין בערלין, כדי אים אַריינצונעמען אין דער רעגירונג. דער דאָזיקער פּאַטאַלער שריט, וועלכער האָט געבראַכט אַ גרויס אומגליק אויף דייטשלאַנד, איז געווען דער זעלבסטמאָרד פון דער דייטשער רעוואָלוציע. אַפילו אַזאַ מעסיקער סאָציאַליסט ווי עדואַרד בערנשטיין באַצייכנט אין זיין בוך די דייטשע רעוואָלוציע נאָסקעס באַמינאַציע ממש ווי אַ פּאַטום. און עס איז טאַקע געווען אַ פּאַטום. אַ פאָלק, וואָס קאָן באַלד אין אָנהייב פון זיין רעוואָלוציע טאָלערירן אַ נאָסקע, דאַרף זיך נישט וווּנדערן, וואָס שפּעטער איז אַ היטלער געוואָרן זיין קברן.

גוסטאַוו נאָסקע, דער דאָזיקער גייסטיק זייער אומבאַדייטנדיקער מענטש, איז אין תוך געווען אַ טיפּישער דייטשער פּראָסטאַק, וואָס האָט מסתמא פאַר־מאָגט אַ געניגנדיקע נטיה צו ברוטאַלקייט, אָבער זיכער נישט די מינדסטע

זיינע אָנהענגער. אָבער עס איז פאַרהאַן אַ סיבה, וואָס גיט־צו גרענערס דערקלערונג גע־וויכט און וועלכע לאָזט זיך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. דעם 6טן דעצעמבער 1918, דריי וואָכן פאַר דעם קאַמף מיט די מאַטראָסן, איז אין עקזעקוטיוו־ראַט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן געקומען אַ מחנה באַוואָפנטע סאָלדאַטן, כדי צו אַרעסטירן די אָנוועזנ־דיקע מיטגלידער. אין דערזעלבער צייט איז אַן אַנדערע מחנה אַוועק צום אויסערן־מיניסטער־יום און האָט געפאָדערט צו פּראָקלאַמירן עבערטן פאַר פּרעזידענט פון דער דייטשער רע־פּובליק און אַז די אומאָפּהענגיקע זאָלן זיך צוריקציִען פון דער רעגירונג. עבערט, וועלכער האָט זיך דעמאָלט נאָך נישט געפילט גענוג שטאַרק, האָט געענטפערט אויסמיידנדיק. ביי אַ געגן־מאַניפעסטאַציע פון אַרבעטער אין דעם זעלבן אָוונט איז דערגאַנגען צו אַ בלוטיקן קאַמף מיט די גוואַרדיע־סאָלדאַטן, וועלכע האָבן שפּעטער געפירט דעם קאַמף קעגן די מאַטראָסן. ביי יענעם צוזאַמענשטויס זענען זעכצן מענטשן געהרגעט געוואָרן און אַ סך פאַרוווּנדעט. דער דאָזיקער אינצידענט איז וואָס אַן אמת באַלד איינגעשטילט געוואָרן, אָבער דער קלאַנג, אַז עבערט איז געווען יד־אַחת מיט די פּוטשיסטן איז שוין דעמאָלט היפּשלעך פאַרשפּרייט געוואָרן.

פאַרשטענדעניש פאַר אַ וועלכן עס איז ענין, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען מחוץ די קאַזאַרמע־השגות פון אַ פּריסישן אונטער־אָפיציר. זיין שפּעטער אַזוי ניש־טיקע ראָלע אין דער פאַרגעשיכטע פון דעם קאַפּ־פּוטש האָט דאָס אויף אַ ממש טראַגי־קאָמישן אופן באַשטעטיקט. אַפילו די קאָנסערוואַטיווע קרייזן, פאַר וועלכע ער איז אַזוי גוט צוניץ געקומען, און וואָס האָבן אים אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר געפירט ביי דער נאָז ווי אַ פּאַיאַץ, האָבן אים נישט גע־האַלטן פאַר עפּעס מער. דאָס באַווייזט די מיינונג, וועלכער ד״ר גראַבאָווסקי האָט וועגן אים אַרויסגעבראַכט:

„נאָסקע איז אַ מיליטאַריסט מיט נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, אַ מענטש, וואָס איז ערגער פון די אַלטע פּעדאַלן; ווייל יענע האָבן תמיד געהאַט טראַדיציעס און זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ סך גרויסע זאַכן, וואָס די פּריסישע מלוכה האָט אַרויסגעבראַכט. נאָסקע אָבער איז בלויז אַ קליין מענטשל, וואָס אין זיין ברו־טאַלער פאַרעם פאַרקערפּערט ער מיט זיך דעם באַזונדערן טיפּ פון אַן אונטער־אָפיציר, וועלכער איז תמיד להוט צו טרעפן דעם קעגנער אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. דער ברייטער תהום צווישן דיביידע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די טיפע שנאה פון די אומאָפּהענגיקע צו די רעכטע סאָציאַליסטן מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן קאָן בעיקר דערקלערט ווערן נאָר מיט נאָסקען".

אַזוי ווי אַלע קנאַפּע חכמים, איז אויך נאָסקע געווען עקשנותדיק איינ־געגלויבט אין דער וויכטיקייט פון זיין קליינינקער פּערזאָן און האָט גאַנץ ערנסט געגלויבט, אַז ער פאַרמאָגט גרויסע דיפּלאָמאַטישע פעאיקייטן. בלי ספק האָט ער געהאַלטן די גייסטלאָזע ברוטאַליקייט, וואָס איז געלעגן אין זיין נאַטור, פאַר אַ גרויסן פּאָליטישן כאַראַקטער־שטריך און געגלויבט, אַז ער איז עס דער אויסדערוויילטער צו ראַטעווען דייטשלאַנד, בעת אינדערעמתן האָט ער בלויז געהאָלפן דער קאָנטררעוואָלוציע זיך צו שטעלן אויף די פיס און צוגעגרייט דעם וועג צום דריטן רייך. באַפולמעכטיקט פון דער רעגירונג צו געפינען אַן אויסגלייך אין דער איינהאָרן־אַפּערע, האָט ער גאָרנישט געפּרוווט אַפילו צוצוגרייטן קודם אַ וועג פאַר אונטערהאַנדלונגען צווישן ביידע ריכטונגען, כדי אויסצומיידן אַ בלוטיקן ברודער־קאַמף, וועלכער וואָלט נאָר געקאָנט זיין דער רעאַקציע לטובה; ער האָט גיכער באַטראַכט דעם גאַנצן ענין פאַר אַ מאַכט־פראַגע, וואָס דאָס לייזן אים דאַרף פאַר אים ברענגען דעם לאָרבער־קראַנץ, נאָך וועלכן זיין קליין נשמהלע האָט געלעכצט. אין זיין בוך פון קיל ביז קאַפּ האָט ער אַליין אויפגעדעקט די ברוטאַליקייט פון זיין כאַראַקטער מיט דער גאַנצער באַלעסטיקנדיקער באַרימעריי פון אַן אויפגעקומענעם און זיך פאַרגעשטעלט פאַר די שפּעטערדיקע דורות ווי דער איינציקער מענטש, וועל־כער האָט געוווסט, וואָס צו טון, בעת אַלע האָבן דעם קאָפּ פאַרלוירן. „איך האָב געפאָדערט, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס. דערויף האָט עמעצער געזאָגט: ׳אויב אַזוי, טאָ מאַך־זשע דו דאָס דאָזיקע׳. דעמאָלט האָב איך אַנט־שלאָסן געענטפערט: ׳אויב עס איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה! עמעצער מוז

דאָך זיין דער בייזער הונט!' איך האָב נישט קיין מורא פאַר פאַראַנטוואָרט־לעכקייט!"

דער פּלאַן אָראָפּצוזעצן איינהאָרענען פון זיין אַמט האָט נישט בלויז די רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון דער בערלינער אַרבעטערשאַפט אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסן אויפברויז, נאָר אויך אַרויסגערופן אַ צווייפל ביי אַ סך אָנהענגער פון דער געמעסיקטער ריכטונג, וואָרים די מיינסטע פון זיי האָבן גוט געפילט די אומגליקלעכע קאָנסעקווענצן, וואָס עס מוז האָבן אַ קאָנפליקט צווישן די אַר־בעטער גופא, ביי וועלכן עס וועט באַנוצט ווערן כוח. עס איז דעריבער דער־גאַנגען צו גרויסע מאַסן־מאַניפעסטאַציעס מיט פּראָטעסט־אויסדריקן קעגן איינ־האָרנס באַזייטיקונג, אין וועלכע עס האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ סך סאָלדאַטן. דער אויסערלעכער דערפאָלג פון די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס האָט באַוויגן די ספּאַרטאַקיסטן און דעם לינקן פליגל פון די אומאָפּהענגיקע צו גלויבן, אַז די מערהייט פון דער בערלינער אַרבעטער־באַפעלקערונג איז באמת אַנטשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו די קאָנטעררעוואָלוציאָנערע אינטריגעס פון דער רעכט־סאָציאַליסטישער רעגירונג און צו עפענען נייע וועגן פאַר דער רעוואָלוציע. אָבער די דאָזיקע מיינונג איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אַן אַבסאָלוט נישט קענען דיווירקלעכע פאַקטן און האָט באַלד נאָכדעם דערפירט צו אַן אויסגיכ־טערונג, וואָס האָט געקאָסט בלוטיקע קרבנות.

די ספּאַרטאַקיסטן האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעטיילט פון דער U.S.P.D. און צום סוף פון יאָר דורכגעפירט אין בערלין אַן אייגענעם קאָנגרעס, אויף וועלכן די דייטשע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן. די סאָציאַליסטישע אַרבע־טערשאַפט איז בכן שוין געווען געשפּאָלטן אין דריי פאַרשידענע פּאַרטיי־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך קעגנזייטיק שאַרף באַקעמפט און אַפילו ביי זיך גופא נישט געקאָנט דערגרייכן קיין איינִיקייט. אַזאַ צושטאַנד האָט פאַרשטייט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערפירן צו קיין אַנטשלאָסענער האַנדלונג קעגן די כוחות פון דער קאָנטעררעוואָלוציע. פונדעסטוועגן וואָלט אַפילו נאָך דעמאָלט מעגלעך געווען צו פאַרמיידן אַ שאַרפן אויסגאַנג אין דעם קאַמף צווישן דיביידע סאָ־ציאַליסטישע לאַגערן, ווען די רעגירונג זאָל זיך נישט געווען איינעקשנען צו באַזייטיקן איינהאָרענען. אָבער נאָכדעם ווי נאָסקע האָט באַקומען די פולמאַכט אויסצוגלייכן דעם ענין לויט זיין אייגענעם איינזען, איז שוין גאָרנישט מעגלעך געווען צו ענדערן אין דעם לויף פון די געשעענישן. עס איז געווען קלאָר, אַז מען האָט געוואָלט דערפירן צו אַ כוחות־פאַרמעסט; און היות אויך די אַנדערע זייט האָט נישט געקאָנט לענגער בלייבן וועגן דעם אין ספק, האָט זי פון דעם באַזייטיקן דעם פּאָליציי־פּרעזידענט געמאַכט אַ קאַרדינאַלע פראַגע און זיך געגרייט צו אַ באַוואָפנטער פאַרטיידיקונג אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז זי וועט האָבן הינטער זיך די גרויסע מאַסע פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. די פירער זענען נאָך אין דעם דאָזיקן פּלאַן דערמוטיקט געוואָרן דורך כלערליי פוסטע הבטחות, וואָס זענען קיין אויסגעבלאָזן איי נישט ווערט געווען. אַזוי

האָט מען זיי צוגעזאָגט אַ באַלדיקע פאַרשטאַרקונג פון פראַנקפורט ביי דער אָדער, שפּאַנדאַאו און אאַז"ו. אָבער די אַלע צוזאָגן זענען געבליבן לופטשלעסער.

דערווייל האָט זיך נאָסקע באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אָפּי־צירן פון דער אַלטער אַרמיי, באַוואָפנט די רעאַקציאָנערע סטודענטן און ענלעכע גרופּעס און אויף דעם דאָזיקן אופן זיך פאַרשאַפט אַ גוט באַוואָפנטע פּרעטאָ־ריאַנער באַנדע אונטער אַ פאַכמענישער אָנפירונג, וואָס האָט בלויז געוואַרט אויף דער רגע, ווען זי וועט קענען אויסלאָדן איר שנאה צו די אַרבעטער. די ספּאַר־טאַקיסטן אָבער האָט אַלדינג געפעלט. די גרויסע אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געהאַט פּראָטעסטירט קעגן דעם באַזייטיקן איינ־האָרענען, האָבן בכלל זיך נישט באַטייליקט אין די קאַמפן. קיין איינער פון די בערלינער רעגימענטער איז נישט צוגעשטאַנען אויף זייער זייט. אַפילו די רעוואָלוציאָנערע מאַטראָסן־דיוויזיע, וואָס האָט מיט עטלעכע וואָכן פריער געגעבן די ערשטע סיבה צו דער אַריינמישונג פון מיליטער, האָט זיך דער־קלערט פאַר נייטראַל. די צוגעזאָגטע הילף פון דרויסן איז נישט געקומען. די קליינע צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן זיך יאָ באַטייליקט אין קאַמף, האָבן נישט געהאַט קיין שום מיליטערישע פירערשאַפט, אַזוי אַז זיי האָבן נישט געוווסט צו טון עפּעס בעסערס ווי צו באַזעצן עטלעכע בירגערלעכע צייטונג־בנינים און אויך דעם בנין פון פאָרווערטס, וועלכער איז עטלעכע טעג געהאַט אַרויס־געגעבן געוואָרן פון די ספּאַרטאַקיסטן. בעת די מיינסטע פירער פון דער באַ־וועגונג זענען געווען אַריינגעטון אין אומענדלעכע דעבאַטן, וואָס מען זאָל איצט טון, האָבן זייערע אָנהענגער געוואַרט אין די גאַסן אויף אַ קלאָרן באַשלוס, וועלכער איז נישט געקומען.

בעת אין בערלין האָט אין משך פון עטלעכע טעג געהערשט אַן אומבאַ־שרייבלעכער מישמאַש, האָט נאָסקע מיט די ערשטע דריי טויזנט ביז צו די ציין באַוואָפנטע סאָלדאַטן, אונטער דער אָנפירונג פון די אַלטע אָפיצירן, אַריינ־מאַרשירט פון דאַלעם אין דער הויפּטשטאָט, ווו ער האָט באַלד באַקומען פאַר־שטאַרקונג פון אַלע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען איז דער גורל פון אויפשטאַנד געווען אַנטשידן באַלד אין די ערשטע פיר און צוואַנציק שעה. דאָס, וואָס איז נאָכדעם געשען, איז שוין נישט געווען קיין אמתער קאַמף, נאָר אַ מיליטערישער טעראָר, וואָס האָט זיך נוקם געווען אין דעם באַזיגטן קעגנער אויף אַ חיהשן אופן.

די סאָציאַליסטישע רעגירונג האָט פאַר דעם אַריינמאַרש פון דעם מילי־טער אין בערלין אָנגעקניפּט אונטערהאַנדלונגען מיט די אויפשטענדלער, מסתמא דערפאַר, ווייל זי האָט זיך תחילת נישט געפילט זיכער אין דעם אויסגאַנג פון קאַמף, בעיקר אָבער דערפאַר, ווייל זי איז מצד טויזנטער פון אירע אָנהענגער אין דער הויפּטשטאָט און אין לאַנד באַוואָרפן געוואָרן מיט בקשות אויסצומיידן אַ בלוט־באָד, וואָס וועט מוזן ברענגען מיט זיך נישט פאַר־אויסגעזעענע קאָנסעקווענצן. אָבער ווי נאָר די אַריינקומענדיקע סאָלדאַטן האָבן

אַן באַזונדערע אָנשטרענגונגען באַזיגט די ערשטע פּאַזיציעס פון די שלעכט באַוואָפנטע און אָנפירער קעמפנדיקע אַרבעטער, האָבן זיי מיט אַ נישטיקן אויסרייד איבערגעריסן די ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען און געלאָזט די זאַכן לויפן אויף זייער אייגענעם באַראַט, הגם זיי וואָלטן נאָך אַפילו דעמאָלט געוועזן בכוח אָפּצושטעלן די בלוטיקע קאַטאַסטראָפע. פאַר די דאָזיקע רציחות, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט, איז נישטאָ קיין פאַרגעבונג, ווי אַזוי מען זאָל אַפילו אויסטייטשן די דירעקטע סיבות פון יענע פּאַסירונגען. טיער און גאַליפע, וועלכע האָבן אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד פון דער פּאַריזער קאָמונע מיט אַכזריותדיקער ברוטאַלקייט, זענען סוף כל סוף געוועזן פאַרשטייער פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין פראַנקרייך; אָבער די רעגירונג, וואָס איז פאַראַנט־וואָרטלעך געוועזן פאַר דעם אומברענגען הונדערטער אַרבעטער אין בערלין, איז באַשטאַנען פון סאָציאַליסטן, וועלכע זענען אַליין אַרויסגעקומען פון דער סאַמע אַרבעטערשאַפט.

די טעג, וואָס זענען געקומען נאָך דעם אַריינמאַרש פון די מיליטער־טרופּעס, זענען געווען פחדימדיק, פול מיט אומבאַשרייבלעכן באַרבאַריזם און שוי־דערלעכער ברוטאַלקייט. דער עדען־האָטעל, ווו דער אָפיצירן־שטאַב פון די רעאַקציאָנערע טרופּעס האָט זיך איינקוואַרטירט, איז געווען דער מיטלפּונקט פון אַ מיליטערישער דיקטאַטור, וואָס האָט מיט אַ מנוולדיקער ברוטאַלקייט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום פאַרברעכן. געפאַנגענע זענען מאַסנווייז דערשאָסן געוואָרן, צווישן זיי אַ סך, וועלכע האָבן בכלל זיך נישט געהאַט באַטייליקט אין די קאַמפן און זענען דורך די זעלנער סתם געכאַפּט געוואָרן אויף דער גאַס און אַוועקגעשלעפּט צום אומברענג־פּלאַץ. באַוואָפנטע באַנדעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין די אַרבעטער־וווינונגען, צעממיטשט די איינוווינער און צעבראַכן דאָס מעבל אויף שטיקער. ווער עס האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. דער מיליטאַריזם, וואָס האָט נישט געהאַט קיין הצלחה אין דער מלחמה, האָט דאָ פּלוצלינג אויפגעוואַכט צו אַ ניי לעבן און אויסגעשטורעמט זיין ווילדקייט אויף דעם אייגענעם פאָלק.

אַז דער גאַנצער אויפשטאַנד וואָלט אויך אַן דעם אַריינמישן זיך פון מיליטער נישט געהאַט קיין דערפאָלג און זיך מסתמא געווען שלעכט געענדיקט, קאָן אָנגענומען ווערן כמעט ווי אַ זיכערע זאַך. צו אַ דערפאָלג האָבן אים גע־פעלט נישט בלויז אַלע סטראַטעגישע, נאָר אויך אַלע פּאָליטישע באַדינגונגען. אַפילו די קאָמוניסטישע ראָטע פאַנע האָט שפּעטער דערקלערט אין אַ חזק־אַרטיקל:

„און אינעווייניק (אין פּאָליציי־פּרעזידיום) זענען די פירער געזעסן און האָבן זיך באַראַטן. זיי האָבן זיך באַראַטן דעם גאַנצן אָוונט און זענען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און זיך באַראַטן. זיי זענען געזעסן צומאָרגנס איבער־דערפרי, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, טייל נאָך, טייל ווידער, און זיך באַ־ראַטן. און ווילדע האָבן די מחנות זיך געצויגן איבער איבער דער זיגעסאַלעע,

און די פירער זענען נאָך אַלץ געזעסן און זיך באַראָטן. זיי האָבן זיך באַראָטן, באַראָטן, באַראָטן. ניין, די דאָזיקע מאַסן זענען נאָך נישט געווען רייף איבער־צונעמען די מאַכט, ווען פאַרקערט, וואָלטן זיי לויט זייער אייגענעם באַשלוס געווען באַשטימט נייע אָנפירער און די ערשטע רעוואָלוציאָנערע טאַט וואָלט געווען צו מאַכן, אַז די פירער אין פּאָליציי־פּרעזידיום זאָלן אויפהערן זיך צו באַראָטן".

די האַנדלונג פון דער רעגירונג מוז באַקומען נאָך אַן ערגער פּנים, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז זי האָט זיכער געוווּסט, ווי די זאַך זעט אויס. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען לייגט זיך שוין אויפן שכל די שפּעטערדיקע באַשולדי־קונג פון דיאומאַפּהענגיקע און ספּאַרטאַקיסטן, אַז די רעגירונג עבערט־שידע־מאַן האָט זיי דורך באַזייטיקן איינהאָרענען געוואָלט אַריינגאַרן אין אַ פּאַסטקע. דעריבער ווערט טאָקע נאָך אומבאַגרייפלעכער, פאַרוואָס זיי האָבן דורך אַזאַ אויסזיכטלאָזער אַקציע, פּאַר וועלכער אַגב ראָזאַ לוקסעמבורג האָט שטאַרק געוואָרנט, זיך דאָך געלאָזט אַריינגאַרן אין דער פּאַסטקע.

דעם 16טן יאַנואַר איז דורכגעלאָפן איבער בערלין די שוידערלעכע ידיעה, אַז קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג זענען ביינאַכט אַרעסטירט געוואָרן אין זייער באַהעלטעניש און עטלעכע שעה שפּעטער האָט מען זיי דערהרגעט. תחילת האָט מען געפּרוּווט די זאַך פאַרשטעלן אַזוי, אַז ליבקנעכט האָט זיך געוואָלט אַרויסמאַכן פון די סאָלדאַטן דורך אַנטלויפן און ער איז דעמאָלט דורך זיי דערשאָסן געוואָרן. וועגן ראָזאַ לוקסעמבורג האָט מען געזאָגט, אַז אויפן וועג, בעת דעם איבערשיקן זי, האָט אַן אויפגערעגטער המון זי אַרויס־געריסן פון די וועכטערס הענט, געלינטשט און איר טויטן גוף אַריינגעוואָרפן אין דעם לאַנדוועהר־קאַנאַל. קיינער האָט נישט געגלויבט די דאָזיקע באָבע־מעשה. ווי עס האָט זיך טאָקע באַלד אַרויסגעוויזן, איז דער אָפיציעלער באַ־ריכט געווען אַ בפירושער ליגן. ביידע זענען ווי געפאַנגענע געבראַכט געוואָרן אין עדען־האָטעל און שפּעטער ביים איבערפירן זיי אין תפיסה דערהרגעט גע־וואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דורך די סאָלדאַטן, וועלכע זענען, בלי ספק, אונטערגעהעצט געוואָרן דורך זייערע אָפיצירן צום דאָזיקן פּחדנותדיקן מאָרד. היות די אמתע פאַקטן האָבן נישט געקאָנט ווייטער פאַרטושט ווערן, האָט מען אין מאַי 1919 געשטעלט פיר פון די דאָזיקע אָפיצירן פאַר אַ קריגסגעריכט, וואָס האָט זיי פאַרשטייט זיך באַפרייט. איינעם פון זיי, דעם אויבערלייטנאַנט פאָגעל, האָט מען שוין צוגעגרייט אַ פאַלשן פּאַס, כדי ער זאָל קענען אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, היות ס'זענען קעגן אים געווען צו בולטע באַווייזן. בלויז דער סאָל־דאַט רונגע, אַ ברוטאַלער, שוין איינגאַנצן פאַרחיהשטער מענטש, וועלכער האָט ראָזאַ לוקסעמבורג דערהרגעט מיט דער קאָלבע פון דער ביקס, איז פאַר־משפּט געוואָרן אויף אַ פּאָר יאָר תפיסה, אָבער שפּעטער צוריק באַפרייט גע־וואָרן מחמת כלומרשטער אידיאָטישקייט. די אַנגעקלאָגטע אָפיצירן זענען אָבער בעת דער ממשלה פון סאָציאַליסטישן קריגס־מיניסטער נאָסקע ווייטער גע־

בליבן אין אמת און האָבן זיך שפּעטער באַטייליקט ווי רעדלפירער אין דעם אַזויגערופענעם קאַפּ־פּוטש געגן דער רעפּובליק.

דעם טויטן גוף פון ראָזאַ לוקסעמבורג האָט מען ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום געפונען אין לאַנדוועהר־קאַנאַל. די קבורה פון די צוויי קרבנות, וואָס זענען געפאַלן דורך אַ פּונקט אַזוי זינלאָזער ווי באַרבאַרישער בעסטיאַלישקייט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ריזעדיקע מאַסן־מאַניפעסטאַציעס, אָבער זייערע מערדער זענען געבליבן אומבאַשטראָפט. קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג האָבן געגאַנגען אין ברייטע קרייזן פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט אַן אַלגעמיינע פאַרערונג. זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן באַלד אין אָנהייב פון דער מלחמה אויפגעהויבן אַ מוטיקן פּראָטעסט קעגן דעם בלוטיקן פעלקער־מאָרד און דערפאַר זענען זיי פון דער הורא־פּאַטריאָטישער כלבים־באַנדע און אפילו מצד אַ סך פון זייערע פריִערדיקע חברים פאַרשריגן געוואָרן פאַר פאַררעטער. ביידע האָבן באַצאָלט דעם פולן פּרייז פאַר זייער מוטיקער האַנדלונג, אָבער זייערע שטימען זענען פאַרהילכט געוואָרן ווי אַ געשריי אין דער מדבר פון נאַציאָנאַליסטישער פאַרשיכורונג. אפילו זייערע פאַרביסנסטע געגנער האָבן נישט געקאָנט אָפּלייקענען זייער פלאַמיקן אידעאַליזם און די לויטערקייט פון זייערע איבערצייגונגען. אפילו יענע, וואָס האָבן נישט מסכים געווען מיט זייערע אנשויאונגען, האָבן נישט געקאָנט אונטעדריקן דאָס געפיל פון דרך ארץ פאַר זייער כאַראַקטער־גרויסקייט. מיט זיי האָט די נייגעגרינדעטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרלוירן זייערע צוויי גרעסטע פירער. דאָך טאָר מען זיי בשום אופן נישט אַוועקשטעלן אויף איין מדרגה מיט דער שפּעטערדיקער פירער־כנופיה פון דער K.P.D. וועלכע האָט אונטערטעניק אויסגעפירט יעדן באַפעל פון מאָסקווע און פאַרשריגן פאַר אַ קאָנטערעוואָלוציאָנער יעדן איינעם, וואָס האָט זיך נישט געבוקט אונטערטעניק. קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג זענען נישט געווען קיין לייטענע גולמס, וואָס זאָלן זיך טעמפּ צופּאַסן צו יעדן באַפעל און פאַרגעסן דאָס אייגענע דענקען. דאָס האָט ספּעציעל דייטלעך זיך אַרויסגעוויזן אין ראָזאַ לוקסעמבורגס ווערק וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט נאָך איר טויט, אָבער זי האָט שוין דעמאָלט געהאַט צו זאָגן די דיקטאַטאָרן אין קרעמל טייל אומבאַקוועמע אמתן און זיי אויפגעפאָדערט „צו שטעלן זייער דעמאָקראַטישע מאָראַל און שכל איבער דער כבוד־אַמביציע פון אַגיטאַטאָרן“. אין דעם דאַרן, נישט אָנזעעוודיקן גוף פון דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער פרוי האָט געשטעקט אַ הויכאַנטוויקלטער גייסט און אַ פילנדיקע נשמה, וואָס וואָלט קיינמאָל נישט פּעאיק געווען הכנעהדיק זיך צוצופּאַסן צו דער דעמאַגאָגישער חכמה פון אַ נייער קאַסטע פון מאַכט־פּאָליטיקער, פאַר וועלכע דער סאָציאַליזם האָט בלויז געמוזט דינען ווי אַ שילד.

אַז צוויי מענטשן מיט אַזעלכע גלענצנדיקע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן האָבן געמוזט פאַלן פאַר אַ קרבן דורך דער מאָרד־גיריקער שייקע פון אַ ברוטאַלן,

זיך צופיל איינרעדנדיקן שוטה ווי נאָסקע, איז ממש געווען סימבאָליש. אין זיי האָט די דייטשע רעוואָלוציע זיך אַליין אומגעבראַכט און ווידער איבער־געענטפערט דייטשלאַנדס צוקונפט צו די אַלטע כוחות, וועלכע האָבן שפּעטער צוגעהאָלפן היטלערס מערדער־באַנדעס אַריינצופירן דאָס דייטשע פאָלק אין דריטן רייך.

מען האָט אין יענע אויפגערעגטע טעג אָפט געזאָגט, אַז די רעגירונג עבערט־שיידעמאַן האָט לכתחילה געפּלאַנט די דערמאָרדונג פון ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג, כדי פּטור צו ווערן פון צוויי פאַרביסענע קעגנער. קיין ממשותדיקע באַווייזן פאַר דער דאָזיקער מיינונג האָבן אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט געבראַכט ווערן. צו אַזאַ השערה האָט אפילו געפעלט די מינדסטע וואַרשיינלעכקייט, וואָרים דערצו זענען די נייע מלוכה־לייט געווען צו גרויסע פּיליסטער. דווקא זייער מורא פאַר דער רעוואָלוציע האָט זיי באַוויגן צו זוכן אַן אָנשפּאַר ביי די געזעצן, כדי סוף כל סוף צו קענען ווייטער רואיק אָנגיין מיט זייער אַרבעט, ביז די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועט געבן איר ברכה פאַר דער נייער אָרדענונג. אָבער אין זייער אומגלויבלעכער פאַרבלענדעניש און נעבעכדיקער אומבאַהאָלפנקייט האָבן זיי אַרויסגערופן אַזעלכע כוחות, וועלכע האָבן זיי ווייט אַריבערגעשטיגן אין אַכזריותדיקער און ברוטאַלער ענערגיע און וואָס נאָכדעם ווי מען האָט זיי געגעבן די וואָפן אין דער האַנט אַריין, האָבן זיי פאַרפירט אַ מלחמה קעגן די אייגענע פאָלקסבּרידער און זיך גאָרנישט געמאַכט פון דער גאַנצער רעגירונג. די דאָזיקע זינד איז נישט צום מוחל זיין. וואָס עס האָט ביז אַהער נישט באַוויזן אָפּצוטון קיין שום רעגירונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען פון אַ רעוואָלוציע, איז אין דייטשלאַנד געוואָרן אַ פאַר אַנ־דערע פעלקער ממש אומבאַגרייפלעכער פאַקט. וואָרים אַז אַ פּאַרטיי, וואָס האָט צענדליקער יאָרן לאַנג זיך געגרויסט מיט אירע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע כללים, זאָל עטלעכע וואָכן נאָך דעם אויסבּרוך פון דער רע־וואָלוציע מיט דעם אייגענעם ווילן איבערגעבן די פאַרשטייער פון דער קאָנ־טער־רעוואָלוציע די וואָפן אין די הענט אַריין און, אַזוי צו זאָגן, פלעכטן פאַר זיך דעם שטריק, מיט וועלכן זי איז שפּעטער אויפגעהאַנגען געוואָרן, איז אַ דערשיינונג, וועלכע איז נאָר אין דייטשלאַנד מעגלעך געווען. לכל הפּחות קאָן די געשיכטע נישט ברענגען קיין שום ענלעכן ביישפּיל.

וואָס עס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין די בלוטיקע יאַנואַר־טעג פון 1919, איז אין די ווייטערדיקע פּופצן חדשים סיסטעמאַטיש פאַרגעזעצט געוואָרן דורך דעם מיניסטער פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי, גוסטאַוו נאָסקע. אומעטום אין לאַנד די האָט די רעגירונג אָרגאַניזירט אַזויגערופענע פרייקאָרפּס, וואָס זענען געווען באַקוועמע זאַמלפּלעצער פאַר פאַרוואָרלאָזטע סאָלדאַטן, טונקעלע אַוואַנ־טוריסטן און בלאָפערס פון כלערליי מינים און זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך די סאַמע רעאַקציאָנערסטע אָפיצירן פון דער אַלטער אַרמיי. די פאַראיינצלטע אויפשטאַנדן פון רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־שיכטן קעגן דער דאָזיקער זעלבסט־

מאַרד־טאַקטיק, וועלכע זענען ספּאָנטאַן אויסגעבראָכן אין ברעמען, האַמבורג, בראַאונשווייג, לייפּציק, מינכען און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, זענען דורך די דאָזיקע באַנדעס דערשטיקט געוואָרן מיט ווילדער אַכזריות. שוין דעמאָלט האָט מען דייטלעך געפילט, וואָס עס וואָלט געשען אין דייטשלאַנד, ווען די דאָזיקע ווילדע הינט זאָלן ווידער פעסט זיצן אין זאָטל. ווען עס איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן די רעפּובליקאַנישע רייכסווער, וואָס איז צום גרעסטן טייל באַשטאַנען פון אָנגעהעריקע צו די פריַערדיקע פרייקאָרפּס, זענען באַלד אונ־טער נאָסקעס השפּעה באַזעצט געוואָרן אַלע העכערע פּאָסטנס מיט יונקערס, וואָס האָבן פּאַרזיכטיק צוגעקליבן זייערע מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען איבערצוקליגן די שלום־באַדינגונגען פון ווערסאַלער אָפּמאַך און אָנגעהויבן זיך צו גרייטן צו אַ נייער מלחמה. אָט דאָס אַלדינג איז געשען מיט דער הסכמה פון דער דאָזיקער משונהדיקער רעפּובליקאַנישער רעגירונג, וועלכע האָט זיך רואיק געלאָזט איינשפּאַנען אין דער נייער רעאַקציע און נישט געוואָלט זען און הערן, וווּהין מען ווערט פאַרפאַרן. אין טייל פאַלן, ווי מיר וועלן נאָך שפּעטער זען, האָט די נייע אַרמיי־פירונג אַפילו געהאַנדלט אויף אייגענער אַחריות, נישט מעלדנדיק דער רעגירונג וועגן אירע פּלענער.

מען האָט אָפט געפּרווט אַרויפצולייגן די דאָזיקע אַלע געשעענישן אויף דעם באַקאַנטן פאַרראַט פון דער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט; איינדעראמתן אָבער האָבן די סיבות געשטעקט אַ סך טיפער. דייטשלאַנד איז געווען אַ לאַנד כמעט אָן רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. די גייסטיקע פירער פון דעם דייטשן סאָציאַליזם, מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל, זענען לויט דעם אופן פון זייער דענ־קען געווען אויטאָריטאַרן און אָנהענגער פון אַ פּאָליטישן צענטראַליזם, וועלכער באַקעמפט אין תוך יעדע פרייהייטלעכע באַוועגונג. פון מאַרקסן און ענגעלסן האָט די דייטשע אַרבעטערשאַפט בלויז איבערגענומען דעם גלויבן אין אַ הכרח־דיקן גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועלכער קאָן נישט זיין לטובה, פונקט ווי יעדער פאַטאַליזם, פאַר אַ רעוואָלוציאָנירונג פון דענקען; פון לאַסאַלן אָבער האָט זי איבערגענומען דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון איר פּאָליטישער אַר־בעט, וואָס האָט פאַר איר געמוזט ווערן נאָך פאַטאַלער. לאַסאַל איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַן אַבסאָלוטער פּרייסישער נאַציאָנאַליסט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויסע סימפּאַטיעס צו ביסמאַרקס אויסערן־פּאָליטיק און אין זיין הייסער מלוכה־פאַרגעטערונג האָט ער געפּרווט צונויפפּאַרן די אינטערעסן פון נאַציאָ־נאַלן שטאַט מיט זיינע סאָציאַליסטישע רעפאָרם־פּלענער.

נאָך דעם פאַלן פון סאָציאַליסטן־געזעץ אין אָקטאָבער 1890 זענען די דאָ־זיקע דערשיינונגען אַרויסגעטרעטן וואָס אַמאָל שטאַרקער אין דער ערשטער ריי, נאָכדעם ווי מען האָט אַלע געגנערישע שטרעבונגען שאַרף באַקעמפט אין דער פּאַרטיי גופא. אין די פירערס קעפּ האָט די חשיבות פון נאַציאָנאַלן שטאַט וואָס אַמאָל מער זיך צונויפגעמישט מיט דער גייסטיקער חשיבות פון דער פּאַרטיי, ביז זיי זענען לסוף בכלל נישט אימשטאַנד געווען צו זען אַ באַשטימ־

טע גרענעץ און זיי האָבן זיך איינגאַנצן צוגעוווינט דערצו, אַז זייער סאָציאַליזם זאָל אונטערגעוואָרפן ווערן דער נאַציאָנאַלער חשיבות פון שטאַט. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָט נישט געקאָנט געשען אַנדערש, נאָר אַז די דייטשע אַרבעטער־באַוועגונג זאָל ביסלעכווייז איינגעגלידערט ווערן ווי אַ נויטיקער באַשטאַנד־טייל אין דער סטרוקטור פון שטאַט. דאָס דאָזיקע האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט אַ דערשרעקנדיקער דײַטלעכקייט ביים אויסברוך פון דער מלחמה, אַזוי אַז ווילהעלם דער צווייטער האָט דעמאָלט געקאָנט רואיק זאָגן: „איך קען נישט מער קיין פּאַרטייען, איך קען נאָר בלויז דייטשן".

פּאַקטיש האָט זיך ביי דער דאָזיקער ספּעציפישער אַנטוויקלונג נישט אַזוי פיל געהאַנדלט אין אַ באַוווסטזיניקן פאַרראַט פון די פירער ווי אין אַ בהדרגה־דיק אַריינוואַקסן אין דער פּסיכיק פון די הערשנדיקע קלאַסן אין דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך בולט אויסגעפורעמט אין דער איינהייטלעכער מלוכה, וואָס ביס־מאַרק האָט געשאַפן. די זעלבע פּאַרטיי, וואָס איז אַמאָל אַרויסגעטרעטן, כדי אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם אויסצוקעמפן די פּאָליטישע מאַכט, איז דורך דער לאָגיק פון די באַדינגונגען אַריינגעשטויסן געוואָרן וואָס אַמאָל מער אין אַ לאַגע, אין וועלכער זי האָט אירע געוועזענע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַלער שטאַט־פּאָליטיק געמוזט מפקיר זיין איינעם נאָך דעם אַנדערן אויף אַזאַ אופן, אַז די גרויסע מערהייט פון אירע אָנהענגער האָבן אַפילו גאָר־נישט אָנגעהויבן צו וויסן דערפון.

ווען עס זאָל זיך באמת געוועז האַנדלען וועגן אַן אָפענעם פּאַרראַט פון די פירער, וואָלט פשוט געווען אומפאַרשטענדלעך, וואָס די איבערוועגנדיקע מער־הייט פון דער פּאָליטיש און פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט האָט די זעלבע פירער אָן שום אָפּהאַלט געפאָלגט בעת דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה און נאָך דער מפּלה פון קייזערטום נישט געשטעלט קיין דעצידירנדיקן ווידערשטאַנד קעגן זייער שטענדיקער אומאַנטשלאָסנקייט. אינדעראמתן איז די ברייטע דייטשע אַרבעטערשאַפט נישט געווען בעסער צוגעגרייט ווי אירע פירער און פונקט אַזוי אומפעאיק ווי זיי צו אַן אַנטשלאָסענער דורכפירונג פון דער רעוואָלוציע.

דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן ביי די וואַלן צו דער נאַציאָנאַלפאַרזאַמלונג, וואָס זענען פאָרגעקומען עטלעכע טעג נאָך דעם בלוטיקן אונטערדריקן די ספּאַרטאַקיסטן און דער פּחדנותדיקער דערמאָרדונג פון ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג. מען האָט באַדאַרפט אָננעמען, אַז די שרעקלעכע געשעענישן האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק און ער וועט ברענגען אַ גרויסן שאָדן די מערהייט־סאָציאַליסטן ביי די וואַלן. אָבער פון די דרייסיק מיליאָן שטימען, וואָס זענען דעמאָלט אָפּגעגעבן געוואָרן אין גאַנצן לאַנד, האָבן די מערהייט־סאָציאַליסטן באַקומען 11.446.716, בעת די אומאָפּהענגיקע האָבן געצויגן בלויז 2.214.332. די בירגערלעכע פּאַרטייען אָבער, וועלכע האָבן שנעל געביטן זייערע אַלטע נעמען און זענען דורך דעם אומגליקלעכן קאַמף צווישן די פּאַרשי־

דענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען געשטאַרקט געוואָרן, האָבן צוזאַמען דערגרייכט אַ מערהייט פון אומגעפער צוויי מיליאָן. די קאָמוניסטן האָבן לויט די באַשלוסן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען אויף זייער ערשטן קאָנגרעס, בכלל זיך נישט באַטייליקט אין די וואַלן. דער אַלגעמיינער וואַל־רעזולטאַט איז באַשטאַנען פון בערך פערצן מיליאָן סאָציאַליסטישע שטימען קעגן אומגעפער זעכצן מיליאָן פון דעם גאַנצן בירגערלעכן לאַגער, פון וועלכע אַרום פינף און אַ האַלבער מיליאָן זענען אויסגעקומען אויף דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און עפּעס איבער זעקס מיליאָן אויף דער קריסטלעכער פאָלקספּאַרטיי, דער פריערדיקער צענטער, בעת די געוועזענע קאָנסערוואַטיווע, נאַציאָנאַל־ליבעראַלן, אַנטיסעמיטן אאַז״וו. וועלכע זענען בעת די צייטן פון דער מאָנאַרכיע געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער מיט אַלע רעאַקציאָנערן, האָבן בלויז געקאָנט צוזאַמענעמען עפּעס מער פון דריי מיליאָן.

ריין פּאָליטיש באַטראַכט, וואָלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַפילו איצט נאָך געווען געהאַט דעם רודער אין דער האַנט און געקאָנט האָבן אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויף דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אויספאָרמירונג פון דייטשלאַנד. אַפילו ווען זיי וואָלטן שוין נישט געווען בכוח דורכצופירן קיין גרויסע ענדערונגען אין גייסט פון סאָציאַליזם, וואָלטן זיי דאָך לכל הפּחות געווען געקאָנט אונטערגראָבן ביי דער רעאַקציע דעם באָדן אונטער די פיס, וואָס אין ענלעכע פאַלן וואָלט עס אין יעדן לאַנד געווען געטון יעדע בירגערלעכע רעגירונג. וואָרים זיי האָבן געהאַט אין זייערע הענט נישט בלויז די פּרעזידענטשאַפט, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי וויכטיקע מיניסטער־פּאָסטנס אין רייך און אין די איינצלנע פעדעראַלע שטאַטן. אָבער ביי די פּיליסטערישע השגות פון די מערהייט־סאָציאַליסטן איז אַפילו דאָס דאָזיקע געווען אוממעגלעך.

נישט געקוקט אויף זייער נומערישער שטאַרקייט, זענען זיי וואָס אַמאָל מער אַרונטערגעפאַלן דעם איינפלוס פון דער קריסטלעכער פּאַרטיי, וואָס איז צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטן אַריינגעטרעטן אין דער רעגירונג און וועלכע זיי האָבן שפּעטער געמוזט אונטערקויפן מיט וואָס אַמאָל גרעסערע הנחות פאַר דער באַקומענער הילף פון זיי. דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט באַלד נאָך דער מפּלה פון קייזערטום, האָבן זיי שוין שפּעטער נישט געקאָנט מער צוריקכאַפּן. ערגער אָבער איז געווען דאָס, וואָס אונטער דער אָנפירונג פון נאָסקען, וועלכער האָט מיט אַ ביישפּיללאָזער עקשנות אויסגעפּאָלגט אַלץ, וואָס די אַלטע אָפיצירן האָבן אים אונטערגעזאָגט, האָבן זיי, כדי צו באַפרידיקן זיין קליינלעכע אַמביציע, ווידער איבערגעגעבן די נייע אַרמיי צו דער יונקער־באַנדע אין די הענט אַריין, וואָס האָט נאָר אויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט צו דערלאַנגען אַ טויטקלאַפּ דער רעפּובליק. פּאַקטיש איז די רייכסווער פון דעמאָלט אָן געוואָרן דער מיטלפּונקט פון אַלע קאָמפּלאָטן קעגן דער רעפּובליק.

מען קאָן אפשר איינווענדן, אַז די ווײַמאַרער קאָנסטיטוציע דאַרף דאָך אָוודאי באַטראַכט ווערן ווי אַ וועגווייזער צו אַן אמתער דעמאָקראַטיע. קיין

שום בר דעת וועט דאך נישט אַפּלייקענען, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם קייזער־רעזשים איז די ווײמאַרער קאָנסטיטוציע געווען אַ גרויסער פּאָליטישער שריט פאָראויס, ווייל זי האָט געגעבן דעם בירגער אַזעלכע רעכט און פרייהייטן, וואָס זענען ביז דעמאָלט געווען אומבאַקאַנט אין דייטשלאַנד. אָבער וואָס העלפן די שענסטע רעכט און פרייהייטן, כל זמן עס איז נישטאָ אין פאָלק דער גייסט און דער ווילן צו באַשיצן די דאָזיקע דערגרייכונגען? רעכט און פרייהייט האָבן נאָר דעמאָלט אַ ווערט, ווען זיי דרינגען אַריין צו די מענטשן אין פלייש און אין בלוט און זיי זענען תמיד גרייט זיי צו פאַרטיידיקן קעגן אַלע אָנגריפן פון דער רעאַקציע. דייטשלאַנד איז בעת דער ווײמאַרער קאָנסטיטוציע געוואָרן אַ בירגערלעכע דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אָבער לײדער געהאַט דעם חסרון, וואָס זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין דעמאָקראַטן. אין די געריכטן זענען נאָך אַלץ געבליבן זיצן די אַלטע ריכטער, וועלכע האָבן די קאָנסטיטוציע אויסגעטייטשט אויף זייער שטייגער און אַרויסגעוויזן פאַר די ערגסטע רעאַקציאָנערן אַ ממש רירנדיקע פאַרשטענדעניש, בעת פאַר די אמתע רעוואָלוציאָנערן איז לויט זייער איינזען קיין שום שטראָף נישט געווען צו גרויס. די באַרימטע ווײמאַרער קאָנסטיטוציע איז שוין אונטער עבערטס פּרעזידענטשאַפט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק דערקלערט געוואָרן אומגילטיק פאַר גאַנצע לאַנד־געגנטן און דאָס געזעץ איז איבערגעגעבן געוואָרן צו מיליטערלייט אין די הענט אַריין. די שפּעטערדיקע רעגירונגען פון דער דאָזיקער משונהדיקסטער פון אַלע רע־פּובליקן האָבן אַפילו די פאַרלאַמענט־באַראַטונגען בטל געמאַכט און האָבן פשוט רעגירט דורך דעקרעטן און פאַראָרדענונגען, ווי דאָס האָט צום מיינסטן געטראָפן בעת ברינינגס רעגירונג.

די ווײמאַרער קאָנסטיטוציע האָט נישט קיין סוף געמאַכט צו די כסדרדיקע קאָמפּלאָטן פון דער רעאַקציע און נישט געקאָנט אָפּשטעלן די אָפענע סאַבאָ־טאַזשן פון די ריכטער, יונקערס און גרויסאינדוסטריעלער. נאָר אויף דעם אופן לאָזט זיך דערקלערן, וואָס היטלער האָט שפּעטער געקאָנט אָרגאַניזירן אַ ריזעדיקע פּריוואַט־אַרמיי, וועלכע איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך רעאַק־ציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען. דער פאַקט אַליין, אַז היטלער האָט ענדלעך רואיק געקאָנט דער רעפּובליק רוק־און לענד־ברעכן, נישט אָנטרעפנדיק אין לאַנד אויף קיין ערנסטן ווידערשטאַנד, קאָן אַפילו אַ בלינדן ווייזן, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט אַ קאָנסטיטוציע, וואָס עקזיסטירט בלויז אויף דעם פּאַפּיר און זי איז נישט בכוח אויפצורודערן מאַסן, וועלכע זאָלן גרייט זיין צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט און פרייהייט און זיי באַשיצן פאַר די אָנפאַלן פון דער רעאַקציע.

די דייטשע אַרבעטערשאַפט איז צעבראָכן געוואָרן און זיך געשפּאָלטן אין פיינטלעכע לאַגערס, וועלכע האָבן זיך באַקעמפט מיט פאַרביסענער שנאה, ביז זי האָט לסוף געמוזט פאַרזונקען ווערן אין תהום פון דריטן רייך. דאָס שווי־דערלעכע בלוט־באַד אין יאַנואַר 1919 האָט געשאַפן אַן אָפּגרונט, וועלכער האָט שוין קיינמאָל נישט געקאָנט צוגעדעקט ווערן. אין דער צייט, ווען די

סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט פון די פאַרשידענע ריכטונגען האָט יאָרנלאַנג מיט ווילדער שנאה שטיקער געריסן איינע פון דער אַנדערער, האָט די רעאַקציע אין לאַנד זיך געזאַמלט, ביז זי האָט לסוף זיך געפילט גענוג שטאַרק, כדי צו דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ, וועלכער האָט נישט בלויז דייטשלאַנד, נאָר אויך די גאַנצע וועלט דערפירט צום בלוטיקן חורבן.

דער צווייטער אויפשטאַנד אין בערלין

באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין בערלין האָב איך געהאַט פאַרשידענע באַראַטונגען מיט דער פאַרוואַלטונג־קאָמיסיע פון די סינדיקאַליסטן, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט אירע מיטגלידער וועגן אַ קלאָרער שטעלונג פון דער באַוועגונג. איך האָב געהאַט באַקומען דעם ערשטן נומער פון סינדיקאַליסט נאָך אין אַמסטערדאַם, אָבער די אָריענטירונג־ליניעס, וואָס זענען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין דער צייטונג ,זענען נאָך געווען גאָר אומקלאָר, אַ זאַך, וואָס איז לייכט געווען צו פאַרשטיין, נעמענדיק אין אַכט די פלוצלינגע פּאָליטישע איבערקערעניש נאָך דער מלחמה און די אומבאַשרייבלעכע צעמישונג פון דער גאַנצער לאַגע. בעיקר איז מיר נישט ניחא געווען די אויפפאָדערונג צו די חברים אין לאַנד אונטערצושטיצן דעם לינקן פליגל פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג, די אומאָפּהענגיקע און ספּאַרטאַקיסטן; אויך איז מיר נישט געפעלן דאָס איינשטעלן זיך פון דער צייטונג פאַר אַ פּראָלעטאַרישער דיקטאַ־טור. איך האָב שוין וועגן דעם געהאַט גערעדט מיט דאָמעלאַ ניווענהויז, וועל־כער האָט אינגאַנצן מסכים געווען מיט מיר.

הגם איך האָב נישט פאַרזען, אַז אַ געוויסע צוזאַמענאַרבעט מיט אַנ־דערע ריכטונגען אין טייל פּרטים איז יאָ געווען צוועקמעסיק און צוגעפּאַסט צו דעם גאַנצן מצב אין דייטשלאַנד, האָב איך מיר אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז קודם כל מוז פאַרקומען אַן אינערלעכע אויסלייטערונג פון דער באַוועגונג, כדי זי צו באַשיצן פאַר אַראָפּגליטשן זיך פון די רעלסן און אָפּהיטן איר זעלבסטשטענדיקייט אין פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פראַגן. די סאָציאַליס־טישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד איז פון אָנהייב אָן געווען דורך און דורך אויטאָריטער און דער שטרענג צענטראַליסטישער כאַראַקטער פון איר אָרגאַניזאַציע האָט אין אירע רייען אַנטוויקלט יענע אייזערנע דיסציפּלין, ווי מען האָט זי נאָר געקענט אין דייטשלאַנד און וואָס האָט צוגעהאָלפן בעיקר צו פאַראַליזירן יעדע גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג. אירע טעאָ־רעטישע יסודות זענען געווען צוגעשניטן אויף דעם דאָקטרינערן געדאַנקען־גאַנג פון מאַרקסיזם, וועלכע זענען וואָס אַן אמת שפּעטער דורך די אַזוי גע־רופענע רעוויזיאָניסטן דאָ און דאָרט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער פונדעסט־

וועגן זענען זיי אויך ווייטער אָנערקענט געוואָרן אויף אַלע פּאַרטיי־קאָנגרעסן פּאַר דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה דורך דער גרויסער מערהייט פון די מיטגלידער.

אין דעם דאָזיקן צושטאַנד האָבן אויך די שפּעטערדיקע שפּאַלטונגען בעת און נאָך דער מלחמה גאָרנישט געענדערט. קיין טעאָרעטישע אונטערשיידן צווישן די רעכטע סאָציאַליסטן, אומאָפּהענגיקע און קאָמוניסטן זענען בכלל נישט געווען. זיי אַלע האָבן זיך געהאַלטן ביי דער טעאָריע פון מאַרקסיזם, זענען געווען שטרענגע צענטראַליסטן, דורך און דורך אויטאָריטער און האָבן פון פרייהייטלעכע אנשויאונגען נישט געהאַט קיין מינדסטן באַגריף. זייערע חילוקי דעות זענען געווען פון אַ ריין טאַקטישן כאַראַקטער און האָבן זיך בעיקר געדרייט אַרום דעם, צי מען זאָל די מעטאָדן פון פאַר דער מלחמה אָנווענדן אויך נאָך דער מפּלה פון קייזערטום, אָדער מען זאָל דורך דער פאַרזעצונג פון דער רעוואָלוציע שאַפן אין דייטשלאַנד אַ נייע סיטואַציע. איך האָב דעריבער קלאָר מסביר געווען פאַר די חברים מיינע מיינונגען און דערקלערט, אַז איצט האַנדלט עס זיך קודם כל דעריך, צו שאַפן אַ ברייטערע באַזע פאַר דעם פריי־הייטלעכן סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד און אַרויסברענגען אַ באַוועגונג, וועלכע זאָל אָפּוואַרפן יעדע אַפּטרופּסות דורך פּאָליטישע פּאַרטייען. בעיקר אָבער האָב איך זיי צוגערעדט אָנצוהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די סינדיקאַליסטישע און פרייהייטלעכע באַוועגונגען פון אויסלאַנד, ווייל דאָס איז דרינגענדיק נויטיק, נעמענדיק אין אַכט די רעוואָלוציאָנערע לאַגע, וואָס האָט זיך דורך דער מלחמה געשאַפן אין אייראָפּע.

אונזערע שמועסן זענען געווען זייער חבריש און ניצלעך און האָבן זיך געענדיקט דערמיט, אַז איך בין פון דער פּאַרוואַלטונג־קאָמיסיע באַפולמעכ־טיקט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, וואָס זאָל פאַרגעלייגט ווערן דעם 12טן קאָנגרעס, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 27סטן דעצעמבער, צום באַטראַכט ווערן. קאָפּיעס פון דער דאָזיקער דערקלערונג זענען פריער צעשיקט געוואָרן צו אַלע אָרטיקע פאַרבאַנדן, כדי די דעלעגאַטן זאָלן זיין אימשטאַנד צו פאָרמולירן זייערע פאָרשלאָגן און זיי שריפטלעך פאַר־צולייגן דעם קאָנגרעס.

די Freie Vereinigung Deutscher Gewerkschaften איז אין 1897 געגרינדעט געוואָרן דורך דעם געוועזענעם רעגירונג־אַרכיטעקט ג. קעסלער, פּריץ קאַטער און אַנדערע חברים און האָט געהאַט פאַר דער מלחמה אומגעפער 8.000 מיטגלידער. די דאָזיקע פאַראייניקונג האָט תחילת געהאַט ריין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אנשויאונגען, אָבער זי האָט זיך אונטערשיידט פון די גרויסע סינדיקאַלע צענטראַלפאַרבאַנדן דורך דעם פעדעראַליסטישן כאַראַקטער פון איר אָרגאַניזאַציע. דאָך איז דער דאָזיקער פעדעראַליזם לחלוטין נישט געווען קיין רעזולטאַט פון פּאָליטישן אָדער סאָציאַלן באַוווסטזיין ווי ביי פּיסאַקאַנע אין איטאַליע, ביי פּרודאָן אין פראַנקרייך און פּי און מאַרגאַל אין שפּאַניע, וועל־

כער איז שפּעטער פון זיי איבערגענומען געוואָרן דורך דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין יענע לענדער; ער איז גיכער אַרויסגעקומען פון דעם פּרווו זיך אַרויסצודרייען פון די תקנות פון דעם דעמאָלטיקן פּרייסישן פֿאַראײן־געזעץ, וואָס האָט דערלויבט, אַז די אינגאַנצן לאָקאַלע סינדיקאַטן זאָלן אויף זייערע פאַרזאַמלונגען מעגן באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגן. אָבער פאַר די מיטגלידער פון סינדיקאַלע צענטראַל־פאַרבאַנדן איז דאָס דאָזיקע רעכט נישט אָנערקענט געוואָרן. די אַזויגערופענע לאָקאַליסטן, וועלכע עס איז קודם כל געגאַנגען דעריך, צו דערציִען זייערע מיטגלידער אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן גייסט, האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף דעם דאָזיקן רעכט און זיי האָבן דעריבער צוגעפּאַסט זייערע אָרגאַניזאַציִעס צום געזעץ, כדי צו קענען בעסער דורכפירן זייער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט.

אָבער די פירער פון די צענטראַל־פאַרבאַנדן, וועלכע האָבן אין משך פון דער צייט באַקומען אַ וואָס אַמאָל גרעסערע השפּעה אין דער סאָציאַל־דעמאָק־ראַטישער פּאַרטיי, האָבן אויסגעפּירט, אַז עס איז אויף אַ פּאַרטיי־קאָנגרעס אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז די לאָקאַליסטן זאָלן אין משך פון אַ יאָר זיך אָנשליסן צו די צענטראַל־פאַרבאַנדן, אויב נישט זאָלן זיי אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. אַזוי אַרום האָט מען דערלעבט צו זען אַזאַ מין גראָ־טעסק־שפּיל, אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל אירע מיטגלידער דראָען מיט אויסשליסן, ווייל זיי זענען געווען צו גוטע סאָציאַליסטן און האָבן געוואָלט אויך אין זייערע סינדיקאַטן אַריינברענגען דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן גייסט. אָבער אין דייטשלאַנד זענען מעגלעך געווען טייל זאַכן, וועלכע מען וואָלט אין אַנדערע לענדער קוים געהאַלטן פאַר מעגלעך.

די גרויסע מערהייט פון די לאָקאַליסטן האָט טאַקע אויסגעפירט דאָס געבאָט פון דער פּאַרטיי און אַריינגעטרעטן אין די צענטראַל־פאַרבאַנדן. די מינדערהייט אָבער האָט בעסער געוואָלט אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי, פאַר וועלכער נישט איינער פון זיי האָט אין דער שווערער צייט פון דעם סאָציאַ־ליסטן־געזעץ אָפּט איינגעשטעלט די פרייהייט און דעם גורל פון דער פאַמיליע.

פון דער דאָזיקער מינדערהייט איז שפּעטער אַרויסגעקומען די דייטשע סינדיקאַליסטישע באַוועגונג. נאָכדעם ווי אירע אָנהענגער האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער פּאַרטיי, איז פאַר דעם רוב פון זיי ערשט קלאָר געוואָרן, אַז די צענ־טראַליזירונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט צום מייגסטן מיטגעווירקט צו פאַראַליזירן איר ענערגיע און אַז איר לעבעדיקער גייסט איז געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן צו אַ טויטן אָרגאַניזאַציע־מעכאַניזם, וועלכער איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער דייטלעך אַרויסגעוויזן, אינגאַנצן קאַליע געוואָרן, ווען מען האָט אים גענומען אויספּראָבירן.

אונטער דעם איינפלוס פון דער שטאַרקער אַנטוויקלונג פון פראַנצויזישן סינדיקאַליזם איז די פרייע פאַראייניקונג פון דייטשע סינדיקאַטן וואָס אַמאָל מער אַרויף אויף דעם סינדיקאַליסטישן שליאַך. דאָס האָט זיך ספּעציעל דייט־

לעך אַרויסגעוויזן אין אַ באַשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אין אויגוסט 1904 אין בערלין אויף אַ גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג. נאָך אַ רעפעראַט (וואָס איז שפּעטער ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער בראָשור) פון דעם פריערדיקן סאָציאַל־דעמאָקראַט און שפּעטערדיקן אַנאַרכיסט, ד״ר ראַפאַעל פרידבערג. דורך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די דאָזיקע באַוועגונג שאַרף אונטערדריקט געוואָרן, דאָך איז זי נאָך דער מפּלה פון דער קייזער־הערשאַפט ווידער אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַ גרויסער פאַרשטאַרקונג פון דער מיטגלידערשאַפט.

אויף דעם 12טן קאָנגרעס פון דער F.V.D.G. וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין פון 27סטן ביזן 30סטן דעצעמבער 1919, זענען אַנוועזנט געווען 119 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטרעטן 111.675 מיטגלידער פון אַלע טיילן פון לאַנד. צווישן זיי האָבן זיך געפונען מענטשן פון אַלע עלטער־קלאַסן: יונגע אינטעליגענטע אַרבעטער, אין וועלכע עס האָט נאָך געברויזט דער שטורמישער דראַנג פון דער יוגנט, מענער אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע זענען שוין יאָרנלאַנג געווען טעטיק אין דער באַוועגונג און אויך אַלטע וועטעראַנען, וועלכע האָבן נאָך דורכגעלעבט און דורכגעקעמפט די צייט פון דעם סאָציאַליסטן־געזעץ. די צוויי וויכטיקסטע פונקטן פון טאָג־אָרדענונג זענען געווען: צו־ערשט די דיסקוסיע וועגן דער נייער פּרינציפּן־דעקלערונג, דערנאָך די באַראַטונג וועגן דעם אָרגאַניזאַציע־פּראָיעקט, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פון דער פאַרוואַלטונג־קאָמיסיע. אויף דעם פאַרלאַנג פון דער פאַרוואַלטונג־קאָמיסיע האָב איך אין אַ לענגערער רעדע באַגרינדעט די פון מיר אויסגעאַרבעטע כללים, וואָס זענען לויט אַ באַשלוס פון קאָנגרעס באַלד דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדערער בראָשור, וואָס האָט געהאַט אַ גרעסערע צאָל אויפלאַגעס און איז שפּעטער אויך דערשינען אין פאַרשידענע אַנדערע שפּראַכן. נאָך אַ גרינטלעכער דיסקוסיע איז מיין פּראָיעקט מיט עטלעכע קליינע טעכנישע ענדערונגען, איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פון די דעלעגאַטן. אַלע באַראַטונגען זענען געווען דורכגעדרונגען פון אַ הערלעכן גייסט, וועלכער האָט אויך ביי די חברים אין לאַנד געפונען אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג. מיר אַלע זענען דעמאָלט געווען אָנגעפולט מיט גרויסע האָפענונגען און האָבן געקוקט מיט אַ פריידיקן בטחון אין די אויגן אויף דער צוקונפט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם קאָנגרעס איז אין בערלין אויסגעבראָכן דער אַזויגערופענער ספּאַרטאַקיסטן־אויפשטאַנד, און דאָס בלוטיקע אונטערדריקן אים האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אין גאַנצן לאַנד. הגם עס איז אמת, אַז די ברייטע מאַסן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט זענען געשטאַנען הינטער דער נייער רעגירונג, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון די וואַלן, לאָזט זיך אָבער נישט נעגירן, אַז עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע אויסניכטערונג, וועלכע האָט זיך באַמערקט ביז טיף אין די רייען פון די מערהייט־סאָציאַליסטישע אָנהענגער. דער פאַקט, אַז דער אויפשטאַנד האָט נאָר געקאָנט אונטער־

דריקט ווערן דורך די פון נאָסקען געשאַפענע באַוואָפנטע כוחות, אונטער דער אָנפירונג פון אַלטע אָפיצירן פון דער קייזערלעכער אַרמיי, האָט אַ סך באַוויגן צו פאַרטראַכטן זיך און ביי זיי אַרויסגערופן אַ מורא פאַר דער צוקונפט. ווען עס איז שפּעטער אין פעברואַר פון דעם זעלבן יאָר אונטערדריקט געוואָרן אויך אויף דעם זעלבן אופן דער אויפשטאַנד אין ברעמען, האָט אַפילו אַזאַ אָנגעזעענע צייטונג פון די מערהייט־סאָציאַליסטן ווי דאָס האַמבורגער עכאָ זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן צו שרייבן:

„די ברעמענער געשעעניש איז פאַר אונז סאָציאַליסטן שווער אַריבערצו־טראָגן. מיר קאָנען זיך נישט באַפרייען פון די זאָרגן וועגן די קאָנסעקווענצן. נאָך עטלעכע אַזעלכע נצחונות ווי אין בערלין און ברעמען, און דאָס אָפיצירנ־טום און די בירגערלעך־אַריסטאָקראַטישע רעאַקציע וועט האָבן דאָס, וואָס זי באַדאַרף: אַן אינסטרומענט, וואָס איז פאַרזען מיט אַ ניי זעלבסטבאַוווסטזיין און קראַפט־באַוווסטזיין".

באמת האָט אַפילו אַ בלינדער געמוזט איינזען, אַז אויב מען וועט נישט באַלד פאַרהאַלטן די קאָנטררעוואָלוציע, וועלן אַלע געווינסן פון דער נאָוועמ־בער־רעוואָלוציע פאַרלוירן גיין אין אַ קורצער צייט אַרום. דאָס דאָזיקע באַ־ווּסטזיין איז טאַקע געווען די סיבה, פאַרוואָס דייטשלאַנד איז דעמאָלט אַרומ־געכאַפּט געוואָרן פון אַ נייער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וואָס האָט זיך אויס־געלאָדן אין אַ גרויסער צאָל שטרייק־באַוועגונגען און אין לאָקאַלע אויפשטאַנדן. מען האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז אויב עס זאָל בכלל עפּעס געשען, דאַרף עס איצט געשען, אויב מען וויל נישט, אַז די פילצאָליקע ספּאָנטאַנע בונטן אין לאַנד זאָלן דערשטיקט ווערן איינער נאָכן אַנדערן. דערצו זענען נאָך געווען פאַרשידענע אַנדערע סיבות, איבער וועלכע די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע שטי־מונג אין פאָלק איז געשטאַרקט געוואָרן.

דעם 21סטן פעברואַר איז דער סאָציאַליסטישער פּרעמיער־מיניסטער קורט אייזנער דערשאָסן געוואָרן אין מינכען אינמיטן דער גאַס דורך דעם פאַנאַטישן רעאַקציאָנער גראַף אַרקאָ. אייזנער איז בלי ספק געווען איינער פון די טאַלענ־טירטסטע מענטשן אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט בעת דער גרויסער מיליטערישער מפּלה אויף דעם מערב־פראָנט באַוויזן אַ סך פּערזענלעכן מוט און זיין האַנדלונג איז עס בעיקר געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס אין מינכען איז שוין דעם 7טן נאָוועמבער 1918 פּראָקלאַמירט געוואָרן די בייערישע רעפּובליק. אייזנער האָט זיך בעת דער מלחמה אָנגעשלאָסן צו דער פראַקציע פון די אומאָפּהענגיקע און זיך אָרנטלעך באַמיט צו דערפירן די מלחמה צו אַ באַלדיקן סוף. זיין גרויסע גייסטיקע טאַלענטירטקייט האָט אים פאַרשאַפט אַ שטאַרקן איינפלוס צווישן די אַרבעטער און פּויערים אין בייערן און אויך צוגעהאָלפן, אַז עס זאָל זיך צו אים אָנשליסן אַ גרויסע צאָל פאָר־שטייער פון דעם לאַגער פון די אינטעלעקטועלע, צווישן זיי אויך גוסטאַוו

לאַנדאַאואער, וועלכער איז מיט אים געווען פאַרבונדן דורך אַ פּערזענלעכער פריינטשאַפט, הגם ער האָט מיט אַ טייל פון זיינע מיינונגען נישט מסכים געווען. לאַנדאַאואער איז אויך געווען דער, וואָס האָט געהאַלטן אַ רירנדיקן הספד נאָך אייזנערס טראַגישן טויט.

אייזנער האָט ריכטיק איינגעזען, אַז אין דייטשלאַנד איז נישט מעגלעך קיין נייער אויפבוי, כל זמן עס וועט נישט אינגאַנצן געבראָכן ווערן די מאַכט פון די יונקערס און זייערע פאַרבינדטע און דאָס לאַנד וועט נישט באַפרייט ווערן פון די לעצטע שפּורן פון זיין מיליטערישער פאַרגאַנגענהייט. דעריבער האָט ער זיך קעגנגעשטעלט, הגם אָן רעזולטאַט, צוניפצורופן אַ נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, כל זמן עס זענען נאָך נישט געווען באַפעסטיקט די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע, וואָס נאָר זיי אַליין האָבן געקאָנט געבן דעם דייטשן פאָלק אַ מעגלעכקייט זיך צו לאָזן אויף אַ נייעם וועג צו זיין צוקינפטיקער אַנט־וויקלונג. אייזנער איז געווען איבערצייגט, אַז די באַמיאונגען פון זיינע אַמאָליקע פאַרטיי־חברים אין לאַגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו פאַרענדיקן וואָס פריער און פאַר יעדן פרייז די רעוואָלוציע איז פאַר דייטשלאַנדס צוקונפט גע־ווען נאָך אַ גרעסער אומגליק ווי איר שטיפע ווידערשטאַנד־פּאָליטיק בעת דער מלחמה. ער האָט דעריבער געפאָדערט, אַז אַזעלכע מענטשן ווי עבערט און שיידעמאַן זאָלן אַוועק פון דער אָנפירערשאַפט און ער האָט אויך פאַרמאָגט דעם מאָראַלישן מוט אָפן אַרויסצוזאָגן זיין טיפע איבערצייגונג אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטן־קאָנפערענץ אין בערן.

די גרעסטע שנאה האָט אייזנער גענומען אויף זיך, ווייל ער האָט עפנטלעך אויפגעוויזן די שולד פון דער דייטשער רעגירונג אין דער מלחמה און זי באַ־קרעפטיקט דורך דעם פאַרעפנטלעכן אַ גרויסע צאָל דאָקומענטן פון דער קייזערלעכער רעגירונג, וועלכע זענען ביז דעמאָלט געווען אומבאַקאַנט. די גאַנצע נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע, דערונטער אויך אַ סך צייטונגען פון די מערהייט־סאָציאַליסטן, האָבן דערפאַר באַשמוצט דעם אומדערשראָקענעם מאַן און האָבן אים געשטעמפּלט פאַר אַ לאַנד־פאַררעטער, כאָטש ער האָט בלויז אָפן אַרויס־געזאָגט דאָס, וואָס עס האָט דווקא דעמאָלט אומבאַדינגט געמוזט אַרויסגעזאָגט ווערן, כדי ווידער אַרויפצופירן דייטשלאַנד אויפן וועג פון גענעזונג. דערפאַר האָט אייזנער געמוזט פאַרלירן זיין לעבן. ער איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות פון די פּאָליטישע אַטענטאַטן, וועלכע זענען פון דעמאָלט אָן געוואָרן אין דייטשלאַנד אַ נאָרמאַלע דערשיינונג.

דאָס דערמאָרדן אייזנערן האָט אין גאַנצן לאַנד און בעיקר אין בייערן אַרויסגערופן אַ פיבערדיקע שטימונג, וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל מער אויס־געברייטערט. אָבער נאָך אַ סך טיפערן איינדרוק האָבן באַלד געמאַכט די בלוטיקע געשעענישן אין בערלין, וואָס זענען פאָרגעקומען קוים פערצן טעג נאָך אייזנערס דערמאָרדונג. מען האָט יענע געשעענישן אָפט באַצייכנט ווי דעם צווייטן ספּאַרטאַקיסטן־אויפשטאַנד, הגם די דאָזיקע באַצייכענונג איז

לחלוטין נישט צוגעפּאַסט, ווען אַפילו עס האָבן, בלי ספק, זיך באַטייליקט אין זיי אַ געוויסע צאָל קאָמוניסטן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווי אַזעלכע האָט פון אָנהייב אָן אָפּגעוואָרפן יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יענע געשעענישן און הגם די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער פּאַרטיי האָט גאָר אָפט געוויזן, אַז מען דאַרף אירע פאַרזיכערונגען נישט תמיד אָננעמען פאַר אַ גוטער מטבע, זאָגן אָבער אַלע פּרטים דערפאַר, אַז אין דעם דאָזיקן פאַל זענען אירע מעלדונגען געשטיצט אויף אמת. אינדערעמתן מוז יענע ברוטאַלע מענטשן-שחיטה דערקלערט ווערן דורך גאַנץ אַנדערע סיבות און לאָזט זיך אפשר בלויז נאָר פּסיכאָלאָגיש ריכטיק דערקלערן.

דער שרעקלעכער רושם, וואָס די בלוטיקע אונטערדריקונג פון יאַנואַר-אויפשטאַנד אין בערלין האָט איבערגעלאָזט ביי די רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט, איז געווען צו טיף, מען זאָל אים קענען לייכט פאַרגעסן. וואָס מען האָט דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער רעגירונג קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין, איז געווען דער פּרט, וואָס זי האָט גערופן צו הילף די אָפיצירן פון דער אַלטער אַרמיי, און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דאָס איז געווען אַ פון דער מלחמה פאַרווילדעטע סאָלדאַטעסקאַ, איז אַנטשטאַנען אַ געפאַר פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס לאָזט זיך גאַרנישט אויסרעכענען. אַזוי אַרום איז דער תהום, וועלכער איז באַלד פון אָנהייב אָן געווען צווישן די מערהייט-סאָציאַליסטן און די אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, געוואָרן אַזוי טיף, אַז ער האָט שוין מער נישט געקאָנט פאַרדעקט ווערן. די קאָנסעקווענץ דערפון איז געווען, אַז עבערטס און שיידעמאַנס אָנהענגער האָבן די דעפיניטיוו אָנגעוווירענע השפעה ביי דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער אַרבעטערשאַפט גע-פּרווט זיך אויסשלאָגן דורך אַ וואָס אַמאָל ענגערער פאַרבינדונג מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען.

אָבער די רעאַקציאָנערע אָפיצירן, וועלכע מען האָט אַזוי אומגעריכט געהאָלפן צוריקבאַקומען די רעכט אויף מאַכט, האָבן איצט מיט אַלע מיטלען זיך געפּלייסט צו ווערן אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער רעגירונג, כדי ווידער נישט צו פאַרלירן די צוריקגעווונענע מאַכט-פּאָזיציע. צום דאָזיקן צוועק האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיקערן פאַרמיטלער ווי דעם קליינקעפּלדיקן קריגסמיניסטער נאָסקע, וואָס איז אין זיין קליינלעכער כבוד-זוכעריי געווען להוט צו יעדן מין חניפה, און האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם גאַנצן בעל-דעה, בעת אינדעראמתן האָבן אים זיינע אַריסטאָקראַטישע באַשיצער פון דעם נייעם אָפיציר-קאָרפּוס אַרומגעפירט ביי דער נאָז ווי אַ פּאַיאַץ. עס איז דעריבער גאָר וואַרשיינלעך, אַז דער געדאַנק פּטור צו ווערן פון דער אומזיכערער מאַטראָסן-דיוויזיע, וואָס דאָס אויספירן אים האָט דירעקט גורם געווען די בערלינער מערץ-געשעענישן, איז נאָסקען אונטערגעזאָגט געוואָרן דורך דער רעאַקציאָנערער אָפיצירן-כנופיה.

דאָס דערמאָרדן אייזנערן און דער גענעראַל-שטרייק פון די קוילנגרעבער

אין רור־געביט האָבן שוין סיי ווי סיי געשאַפן אין לאַנד אַ געררייצטע שטימונג, אַזוי אַז עס איז גענוג געווען איין פונק, כדי אַרויסצורופן אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס פונאַנדערלאָזן די מאַטראָסן־דיוויזיע אין יענער געפערלעכער צייט האָט דעריבער געמוזט ווירקן ווי אַן אָפענע אַרויספאָדערונג. יעדער מענטש מיט אַ ביסל שכל האָט דאָס געמוזט איינזען. אָבער מן הסתם איז דאָס דאָזיקע דווקא געווען די כוונה פון די אָפיצירן און נאָסקע איז געווען אינגאַנצן גרייט זיי צוליב צו טון. די בלוטיקע מערץ־געשעענישן האָבן פאַקטיש נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישן הינטערגרונט. דאָס האָט אָפילו שפּעטער באַשטעטיקט איינער פון די אָפיצירן, וואָס זענען געווען באַטייליקט ביים אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, דער קאַפּיטאַן מאַזיסאָוויטש, וועלכער האָט עדות געזאָגט אין געריכט: „נישט די פירער און נישט די אָנהענגער פון די אומאָפּהענגיקע זענען געווען פאַר דעם אויפשטאַנד. פונקט אַזוי האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי נישט געהאַלטן די צייט פּאַסיק דערצו".

די מאַטראָסן־דיוויזיע, וועלכע איז נישט געווען באַטייליקט, ווי שוין דערמאָנט, אין די קאַמפן פון יאַנואַר, האָט די גאַנצע צייט באַקומען איר לוין פון דער רעגירונג. חוץ דעם האָט מען איך אירע סאָלדאַטן געהאַט צוגעזאָגט, אַז מען וועט זיי ביסלעכווייז איינשליסן אין דער רעפּובליקאַנער אַרמיי. נאָסקעס האַנדלונג, פאַר וועלכער עס איז אויך נישט געווען די מינדסטע סיבה, האָט דעריבער געמוזט באַטראַכט ווערן פון די מאַטראָסן ווי אַ געמיינע אָפּנאַרעריי. די לאַגע איז נאָך געוואָרן געשפּאַנטער, ווען דער גענעראַל־שטרייק, וואָס איז אויסגעבראָכן אין לאַנד איבער דעם דערמאָרדן אייזנערן, האָט אָנהייב מערץ אַרומגעכאַפּט אויך די בערלינער אַרבעטערשאַפט; דאָך זאָל דאָ באַלד געזאָגט ווערן, אַז דער שטרייק האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט דעם באַלד דערנאָך אויסגעבראָכענעם אויפשטאַנד, וועלכער איז מצד דער אָנפירערשאַפט פון די אַרבעטער אַנטשידן אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

דעם 5טן מערץ איז אַ דעפּוטאַציע פון די מאַטראָסן אַוועק צום פּאָליציי־פּרעזידיום אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, אָבער ווען די מענטשן זענען שפּעטער אַרויס פון פּאָליציי־פּרעזידיום, איז זייער וואָרטפירער דורך אַ שאָס אַוועקגעלייגט געוואָרן אינמיטן דער גאַס. די מאַטראָסן האָבן דעמאָלט געהאַלטן, אַז זיי זענען פאַרראַטן און אַ טייל פון זיי, צו וועלכע עס איז נאָך צוגעשטאַנען אַ צאָל ציווילע, האָבן זיך פאַרשאַנצט אין מזרח פון דער שטאָט, כדי צו שטעלן אַ האַרטן ווידערשטאַנד. אָפילו אַצינד וואָלט די גאַנצע זאַך נאָך געווען געקאָנט זייער לייכט איינגעשטילט ווערן, אויב מען וואָלט געווען געהאַט דעם ווילן דערצו און די אָפיצירן־כנופיה זאָל זיך נישט געווען איינשפּאַרן אויף אַ בלוטיקן באַשלוס, אויף וועלכן דער פון קרענקלעכער כבוד־זוכעריי געפּלאָגטער און ברוטאַלער נאָסקע האָט זייער גיך מסכים געווען. אַזוי אַרום איז די פּאָזיציע פון די צעבונטעוועטע באַשאָסן געוואָרן מיט קאַנאָנען און דערביי זענען אַ סך הייזער אַוועק מיט דעם פייער.

בעת עס האָבן זיך אויף אַזאַ אופן איבערגעחזרט די פּחדימדיקע יאַנואַר־טעג און דער גורל פון אַ ריזעדיקער שטאַט איז ווידעראַמאָל איבערגעענטפערט געוואָרן אין די הענט פון אַ באַנדע באַצאָלטע זעלנער, איז געשען אַזאַ אומדערהערטע זאַך, אַז די מיליטער־אַנפירונג האָט צוגעשטעלט דער פּרעסע געפעלשטע און בולט ליגנערישע באַריכטן, אין וועלכע די אויפשטענדלער זענען באַשולדיקט געוואָרן אין די שוידערלעכסטע און אַכזריותדיקע האַנדלונגען. דער ציל פון די דאָזיקע טאַטערישע מעשיות איז געווען גאַנץ קלאָר אויסגערעכנט אויף אַריינצוטרייבן די באַפעלקערונג אין אַ פּאָגראָם־שטימונג און שוין אין פאָראויס אַרויסצוגעבן די מיליטער־טרופּעס, וואָס זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד, אַ הכשר דורכצופירן אַלע געפּלאַנטע נידערטרעכטיקייטן. צום מייַנסטן אויפגערעגט דערביי האָט דאָס, וואָס כמעט די גאַנצע בירגערלעכע פּרעסע און אויך דער פאָרווערטס האָבן אָן שום שאלות פאַרעפנטלעכט די דאָזיקע באַריכטן, נישט באַמיִענדיק זיך אַפילו צו קאָנטראָלירן פריִער די אַלע זאַכן. אַזוי איז דעם 9טן מערץ דערשינען אין אַלע צייטונגען אַ שרעקלעכער באַריכט וועגן אַ מאַסן־שחיטה, וועלכע איז כלומרשט פאָרגעקומען אין דער פאָרשטאָט ליכטענבערג. דער פאָרווערטס האָט וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצן אַרטיקל און דערקלערט:

„דאָס, וואָס עס איז שבת פאָרגעקומען אין ליכטענבערג, איז נישט געווען קיין פּאָליטיש פאַרברעכן, נאָר אַ געמיינער מאָרד. זעכציק פּאָליציילייט און עטלעכע צענדליק רעגירונגס־סאָלדאַטן זענען ווי חיות אויסגעשאָכטן געוואָרן. דאָס בלוט־באָד אין ליכטענבערג האָט די ספּאַרטאַקיסטישע באַוועגונג באַדעקט מיט אַן אייביקן שאַנדפלעק“.

אויפן סמך פון דער דאָזיקער ידיעה האָט נאָסקע פאַרעפנטלעכט זיין טרויעריק־באַרימטן שיס־באַפעל, וואָס הייסט באַלד אויפן אָרט דערשיסן יעדן איינעם, וועלכער ווערט געכאַפּט מיט געווער אין דער האַנט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז אין דער כלומרשטער מאַסן־שחיטה אין ליכטענבערג איז נישט געווען קיין איין וואָרט אמת; זי איז געווען שקר וכזב און איז בלויז אויסגעטראַכט געוואָרן, כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין שום פאַרשטענדיקונג און אָן רחמנות מפקיר זיין די אויפשטענדלער. צו וואָס דער דאָזיקער שענדלעכער ליגן האָט דערפירט, האָבן אין צוויי טעג אַרום געוויזן די שרעקלעכע געשעענישן אויף דער פראַנצויזישער גאַס אין סאַמע הארץ פון דער הויפּטשטאָט. דאָרט אַהין זענען געקומען אין איינעם אַ בנין עטלעכע הונדערט מאַטראָסן, וועלכע זענען קאָמאַנדירט געוואָרן אַהין, כדי אָפּצונעמען דעם הינטערשטעליק געבליבענעם לוין. די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען בשום אופן נישט געווען באַטייליקט אין אויפשטאַנד, האָבן דאָרט רואיק געוואַרט, כדי צו דערליידיקן זייערע געשעפטן, ביז עס איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ מיליטער־אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון לייטנאַנט מאַרלאָ און דערקלערט אַלע פאַר אַרעסטירט. די מאַטראָסן, וועלכע זענען אַלע געווען אומבאַ־

וואַפנט, האָבן נישט געשטעלט דעם קלענסטן ווידערשטאַנד. באַלד דערנאָך האָט מאַרלאָ אויסגעקליבן סתם לויט טראַף דרייסיק מענטשן, וועלכע זענען דורך די רוצחים אויף אַ חיהשן אופן אָפּגעשאָכטן געוואָרן.

דער רושם פון דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן פאַרברעכן איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז מען איז שפּעטער געווען געצוווּנגען צו שטעלן דעם מערדער מאַרלאָ און עטלעכע פון זיינע צוהעלפער פאַר אַ קריגס־געריכט. אָבער דאָס געריכט האָט אַלע באַפרייט, הגם עס איז קלאָר באַוויזן געוואָרן, אַז די אומ־גליקלעכע קרבנות זענען געווען אַבסאָלוט אומשולדיק און זיי האָבן פאַרלוירן דאָס לעבן בלויז אויף דעם באַפעל פון אַ געוויסנלאָזן אוניפאַרמירטן וואַגאַבונד.

לויט דער רעגירונג־אינפאָרמאַציע זענען בעת די מערץ־קאַמפן אומגע־קומען אומגעפער צוועלף הונדערט מענטשן; די מייניסטע פון זיי זענען ערשט נאָך דעם קאַמף געהרגעט געוואָרן. בירגערלעכע ציַיטונגען האָבן אָפּגעשאַצט די צאָל קרבנות אויף העכער צוויי טויזנט און זיי זענען דערמיט נענטער געווען צום אמת.

דער מערץ־אויפשטאַנד האָט זיך גראָד אָנגעהויבן, ווען איך בין געהאַט אַ ביסל צו זיך געקומען נאָך מיין קראַנקהייט און האָב געקאָנט פאַרלאָזן דאָס בעט. היות איך האָב געוווינט אין מזרח־בערלין, ווו עס זענען נאָך דעם אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס אין אַלע היי־זער, האָט זיך אין אַ פרימאָרגן אויך אין אונדזער קליינעם צימער באַוויזן אַ גאָר יונגער לייטנאַנט מיט עטלעכע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אַלדינג איבער־געקערט. וואָס זיי האָבן אייגנטלעך געזוכט, איז מיר ערשט שפּעטער קלאָר געוואָרן. ווען דער אָפיציר האָט באַקוקט אויך עטלעכע ביכער, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, האָט ער צווישן זיי דערטאַפּט אויך אַ ווערק, וואָס זיין טיטל האָט אויסגעזאָגט, אַז עס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם באָלשעוויזם. —

— „וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך?“ האָט ער געפרעגט שטרענג.

„דאָס קאָן איך אייך מיט עטלעכע קורצע ווערטער נישט דערקלערן“, האָב איך רואיק געזאָגט. עס איז אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם באָלשע־וויזם, וועלכע איך דאַרף האָבן פאַר מיין אַרבעט. אויב דאָס אינטערעסירט אייך, וועל איך זי אייך גערן אַוועקגעבן“. — — ער האָט נישט געענטפערט קיין איין וואָרט און איז באַלד מיט זיינע מענטשן אַרויס פון צימער.

בעת די דאָזיקע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אונזער וווינונג, האָבן עטלעכע ביז די ציין באַוואָפנטע יונגען אונזער יונגערן זון פערמין, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, פאַרהאַלטן אויף די טרעפּ און זיך אויף אים צעשריגן: „זאָג אונז די מינוט, ווו איר האָט באַהאַלטן אין הויז דאָס געווער, אַנישט וועלן מיר דיך דערשיסן צום טויט“ — — גראָד האָט דער קליינער מיט עטלעכע טעג פריער טאַקע געהאַט געזען עטלעכע קליינע וואָפנשטיק אין דער וווינונג פון אונזער ווירט און ער וואָלט מיט אַ נישט באַרעכנט וואָרט געקאָנט אויף אים ברענגען די גרעסטע סכנה; וואָרים אין יענע בלוטיקע טעג

איז אַ מענטשלעך לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר. אָבער ער האָט זיך נישט גע־לאָזט אָנשרעקן און זיי האָבן אים לסוף געזאָגט, אַז ער זאָל גיין צום טייוול.

נאָך דעם אונטערדריקן דעם מערץ־אויפשטאַנד און די שרעקלעכע באַ־גלייט־דערשיינונגען איז די קאָנטערעוואָלוציע שוין געווען אַזוי געשטאַרקט, אַז בלויז אַ געאייניקטע אַקציע מצד דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט וואָלט נאָך בכוח געווען זי אָפּצושטעלן. דאָס וואָלט נאָך דעמאָלט אפשר מעגלעך געווען דורך אַ גענעראַל־שטרייק אין גאַנצן לאַנד, ווי עס איז בעת דעם קאַפּ־פּוטש טאַקע דורכגעפירט געוואָרן; וואָרים מיליטעריש האָבן די אַרבעטער זיך נישט געקאָנט פאַרמעסטן קעגן די גוט באַוואָפנטע פרייוויליקע קאָרפּוסן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון געניטע אָפיצירן און קעגן די רעאַק־ציאָנערע ציווילע פאַרטיידיקונג־כוחות, וואָס זענען אומעטום געשטיצט געוואָרן דורך דער רעגירונג.

די לאַנד־קאָנפערענץ פון די געווער־אַרבעטער אין ערפורט

אַ וואָך נאָך יענע געשעעעניש איז פריץ קאַטער געקומען צו מיר אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג־קאָמיסיע און מיך געבעטן צו פאָרן קיין ערפורט, כדי דאָרט אָנוועזנט צו זיין ווי אַ פאַרטרעטער פון אונזער באַוועגונג אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ פון די דייטשע געווער־אַרבעטער, וואָס האָט באַשטימט איר סעסיע פון 18טן ביז דעם 22סטן מערץ. אויף יענער סעסיע זענען געווען פאַרטרעטן אַלע ריכטונגען פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאָנגרעס פון אַלע אונטערנעמונגען פון דער דייטשער גע־ווער־אינדוסטריע אין לאַנד, וועלכער זאָל אַנטשיידן וועגן דער שטעלונג פון די אַרבעטער צו דער וויטערדיקער פאַבריצירונג פון אַרמיי־מכשירים. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו אַזאַ צוזאַמענ־קום פון אַלע ריכטונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. הגם מיר האָבן, נעמענ־דיק אין באַטראַכט דעם צוניפשטעל פון קאָנגרעס, נישט געקאָנט האָפן אויף קיין גרויסן דערפאָלג, איז עס בכל אופן געווען וויכטיק, אַז אויך אונזער קול איז דאָרט געהערט געוואָרן, בפרט אַז עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ פראַגע פון פרינציפיעלער באַדייטונג.

אונזער באַוועגונג האָט אין ערפורט געהאַט עטלעכע זייער אַקטיווע אַר־טיקע גרופּעס, ביי וועלכע דער חבר עמיל צעהנער האָט ספּעציעל אַ סך אויפ־געטון. צעהנער און עטלעכע אַנדערע חברים האָבן דעמאָלט אויך געהערט צום אַרבעטער־ראַט פון דער גרויסער געווער־פאַבריק אין ערפורט. איך האָב מיך שוין געהאַט באַקאַנט מיט פאַרשידענע פון די דאָרטיקע חברים אויף אונזערע קאָנגרעסן אין בערלין און דריבער מיך באַלד געפילט ווי אינדער־היים אין יענעם אָנגענעמען קרייז פון אינטעליגענטע אַרבעטער, מיט וועלכן עס איז מיר באַשערט געווען שפּעטער אַזוי האַרציק פאַרבונדן צו ווערן; וואָרים איך בין באַלד געוואָרן אַן אָפטער און גערן געזעענער גאַסט אין יענער פּרעכ־טיקער געגנט, ווו מיינע רעפעראַטן־נסיעות האָבן מיך אָפט געפירט ביז צו די פאַרוואָרפנסטע מקומות פון טירינגער וואַלד.

איך בין אָנגעקומען קיין ערפורט שוין צוויי טעג פאַר דעם אָנהייב פון

קאָנגרעס און האָב דעריבער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן פון די חברים טייל וויכטיקע פּרטים וועגן דער שטימונג אין יענעם טייל פון לאַנד, וועלכע זענען מיר גוט צוניץ געקומען. ערב דעם קאָנגרעס האָט דער אַרבעטער־ראַט פאַררופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין איינעם פון די גרויסע וואַרשטאַטן אין דער ערפורטער געווער־פאַבריק. אַ מאָדנע געפיל האָט מיך באַהערשט, בעת איך האָב גערעדט צו די דאָזיקע ענג צונויפגעדריקטע מאַסן אין דער זעלבער פאַבריק, אין וועלכער זיי האָבן אויסגעפירט זייער אַרבעט. עפּעס האָט זיך אין דייטשלאַנד דאָך געענדערט; עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דאָס איז נישט באַשערט געווען אויף קיין לאַנגע יאָרן.

אויף דעם קאָנגרעס זענען געווען אומגעפער דריי הונדערט דעלעגאַטן פון אַלע טיילן פון לאַנד. חוץ די דאָזיקע ריכטיקע שליחים פון דער דייטשער באַוואָפענונג־אינדוסטריע זענען אויך אָנוועזנט געווען פאָרשטייער פון דער S.P.D., פון דער U.S.P.D. און פון דער ערשט געגרינדעטער K.P.D., וועלכע האָבן זיך געקאָנט באַטייליקן אין די דיסקוסיעס מיט באַראַטונג־רעכט, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין שטים־רעכט, אויב זיי זענען נישט געווילט געוואָרן פון די פאַבריקן גופא. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען ערנסט דוימיג און עמיל באַרט, איינער פון די דריי געוועזענע פאָלקסקאָמיסאַרן פון די אומ־אָפּהענגיקע אין דער ערשטער סאָציאַליסטישער רעגירונג.

אָטאָ שטעגמאַן, וועלכן מען האָט מצד די אַרבעטער פון דער ערפורטער געווער־פאַבריק באַשטימט צו עפענען דעם קאָנגרעס און וועלכער איז דעמאָלט געשטאַנען גאַנץ נאָענט צו אונזער באַוועגונג, האָט מיך נאָך מיט אַ טאָג פריִער געהאַט געפרעגט, צי איך וואָלט באַלד נאָך דעם דערלייזיקן די גע־וועגלעכע פאָרמעלע קאָנגרעס־ענינים געוואָלט האַלטן דעם ערשטן רעפעראַט. איך האָב אים געענטפערט, אַז עס וואָלט מיר ליבער געווען פריער זיך צו דערוויסן, וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן וועגן אַזאַ וויכטיקער פראַגע. ער אָבער האָט געהאַלטן, אַז עס איז זייער וויכטיק באַלד פון אָנהייב אָן אָנצושטעלן די באַראַטונגען אויף אַ זאַכלעכער און גרינטלעכער דיסקוסיע, וואָרים אויב נישט, קאָן לייכט פּאַסירן, אַז מחמת דער אייביקער פּאַרטייען־מחלוקה זאָלן די דיסקוסיעס באַלד אין אָנהייב זיך אַראָפּגליטשן אויף קרומע וועגן, וואָס וועט גאָרנישט זיין לטובה פאַר דעם אמתן ציל פון קאָנגרעס. איך האָב געמוזט מודה זיין, אַז ער איז גערעכט און אָנגענומען זיין פאָרשלאָג, צו וועלכן צעהנער האָט אויך צוגערעדט.

ווען איך בין געקומען צום וואָרט, איז דער צוהערער־לאָקאַל פון דעם גרויסן זאַל געווען געדיכט באַזעצט מיט אַרבעטער פון אַלערליי פאַכן, וועלכע האָבן מיט קענטיקער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די פאַרהאַנדלונגען. איך האָב אין מיין רעדע קודם געפּרוווט געשיכטלעך צו דערקלערן, ווי אַזוי די גאַנצע סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון אייראָפּע איז נאָך דער אומגליקלעכער

מלחמה פון 1870־71 און דער גרינדונג פון דעם קעניגרייך דורך ביסמאַרקן געשטויסן געוואָרן אויף דעם וועג פון אַן אומבאַגרענעצטן מיליטאַריזם, וועלכער האָט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן קאָנטינענט אין אַ ריי פיינטלעכע מיליטער־לאַגערס, וועלכע זענען תמיד וואָס אַמאָל פיינטלעכער געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן. אַזאַ סיטואַציע איז אָבער נאָר געווען אַ טובה פאַר דער אינערלעכער רעאַקציע פון יעדן לאַנד און אינדרויסן איז די מלחמה־געפאַר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטענדיקן צושטאַנד. פאַר דעם דאָזיקן מצב האָב איך צום מיינסטן פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט דייטשלאַנד, ווייל אירע כסדרדיקע מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען אונטער דער פרייסישער אָנפירערשאַפט האָבן געגעבן דעם ערשטן שטויס צום דאָזיקן פאַטאַלן צושטאַנד. דאָס אויפקומען פון אַ נייער גרויסמאַכט אין צענטער פון אייראָפּע, וואָס איז געווען געבויט אויף דער צונויפשמעלצונג פון דער מיליטערישער מאַכט מיט אַ גייסטלאָזער ביוראָקראַטיע און מעכטיקע ווירטשאַפט־מאָנאָפּאָלן, וועלכע באַקומען האָט מיט רעכט באַצייכנט פאַר אַ „ויסנשאַפטלעכער נעגירונג פון דער מענטשהייט”, האָט אויך אויף דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל. איר בולט אויטאָריטאַרער כאַראַקטער, וואָס האָט דערשטיקט יעדעס זעלבסטשטענדיקע דענקען אין דעם פאַטאַליזם פון נשמהלאָזע דאָגמעס; איר אייזערנער צענטראַליזם, וואָס איז מקריב דעם גייסט פון מענטש צום טויטן מעכאַניזם פון אַ מאַשין, פאַר וועמעס אָנפירער די אָרגאַניזאַציע איז שוין נישט געווען קיין מיטל צום ציל, נאָר איז געוואָרן אַ ציל פאַר זיך גופא — אָט די אַלע זאַכן זענען נאָכקאָפּירט געוואָרן פון דער פרייסישער מלוכה־פאָרעם. וווהין דאָס דאָזיקע האָט געפירט, האָבן מיר דערזען ביים אויסברוך פון דער מלחמה, ווען די מיליאָנען פאָליטיש און פראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אָפּגעשלאָסן דעם אַזויגערופענעם בורג פרידן און מיט באַגייסטערונג מאַרשירט צו דער מלחמה.

פונקט אַזוי ווי דייטשלאַנדס אויסערן־פּאָליטיק האָט פאַראַליזירט אייראָפּעס סאָציאַלע אַנטוויקלונג, אַזוי האָט דער איינפלוס פון דער נומעריש אַזוי שטאַרקער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג פאַראַליזירט די אַנטוויקלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. די גרויסע געדאַנקענגענג פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל זענען ביסלעכווייז אַריינגעפאַלן אין פאַרגעסנהייט און האָבן געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר אַ נייער באַוועגונג, וועלכע האָט געמאַכט וואָס אַמאָל גרעסערע הנחות דער מאַכט־פּאָליטיק פון די מלוכות. נישט בלויז די הערשנדיקע קלאַסן זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מלחמה, נאָר אויך די אַרבעטער גופא, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פון זיי איבעררעדן און געהאָרכזאַם גענומען אויף זיך מיליטערדינסט. אויך דערפאַר איז קודם כל דייטשלאַנד פאַראַנטוואָרטלעך, וואָרים די אַנטימיליטאַריסטישע באַוועגונג, וואָס האָט יאָרנלאַנג אָנגעהאַלטן בעיקר אין די לענדער פון די לאַטיינישע שפּראַכן, ביי גרויסע קרבנות, האָט אין דעם קלאַסישן לאַנד פון מיליטאַריזם קיינמאָל נישט געפונען

קיין אָפּקלאַנג, הגם זי וואָלט טאַקע ביי אונז גאָר שטאַרק נייטיק געווען. טאַקע ווייל מיר זענען צום מיינסטן מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געבראַכט פאַר דער מענטשהייט אַזויפיל בלוט, טרערן און זינלאָזן חורבן, האָבן מיר היינט גרעסערע פליכטן צו דערפילן.

דייטשלאַנד שטייט היינט פאַר אַ נייער תקופה אין איר געשיכטע. די לעצטע יאָרן האָבן אונז געלערנט, אַז אַ רעגירונג קאָן נישט אומבאַשטראָפט קלינגען ביי יעדער געלעגנהייט מיט דער שווערד און באַדראָען דעם שלום פון דער וועלט. די מלחמה, וואָס האָט געזאָלט דייטשלאַנד „פירן צו גרויסע צייטן", האָט אַריינגעוואָרפן דאָס דייטשע פאָלק אין דעם טיפסטן אָפּגרונט. אַז אויף דעם דאָזיקן וועג איז נישטאָ צו דערוואַרטן קיין שום נייעס, דאַרף ענדלעך קלאָר ווערן פאַר יעדן, וואָס איז נישט געשלאָגן מיט קיין אומהיילבאַרער בלינד־קייט. וואָס מיר באַדאַרפן היינט, איז אַן אָנטשלאָסן אָפּווענדן זיך פון די פאַר־גאַנגענהייט־שטעגן, אַ נייעם גייסט און אַ נייעם אָנהייב. מיר לעבן אין אַן אויסערגעוויינלעכער צייט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. אַזאַ צייט פאָדערט אויסערגעוויינלעכע דעצידירטקייט און רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען. דאָ איז אַ שרעקעוודיק זיך וואַקלען נישט אויפן אָרט און יעדעס אָפּלייגן אַ פאַרברעך קעגן זיך און אַנדערע. שוין בושעוועט דער מאָרד אין אונזער אייגענעם לאַנד. עס זענען נאָך נישט פאַרביי קיין פיר חדשים און דער גאַנצער אַרסענאַל פון די האָהענצאָלערנס איז שוין ווידער אין פולער טעטי־קייט; דאָס מאָל קעגן דעם אייגענעם פאָלק. אומעטום הייבט־אויף די קאָנטער־רעוואָלוציע אומזשענירט איר קאָפּ. פּריווילעגיע פּרעטאָריאַנער־באַנדעס מיט רעאַקציאָנערע אָפיצירן בראש טעראָריזירן די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג, און די רעגירונג קען שוין נישט פאַרטרייבן די רוחות, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן. דער באַלאַגערונג־צושטאַנד איז שוין אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין דעם נייעם דייטשלאַנד און דאָס פאַררעטערישע מאָרדן די ערלעכע פאַרטרעטער פון דער רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ מלאכה. אין בערלין בושעוועט דער גאַסנקאַמף אַ גאַנצע וואָך און מען לאָזט אין גאַנג האַרמאַטן, מינעוואַרפער און גראַנאַטן ווי אויפן מלחמה־פלאַץ. הונדערטער מענטשן זענען שוין געפאַלן קרבנות פון די דאָזיקע שחיטות און דאָס גליק און אומגליק פון אונזער פאָלק ליגט שוין ווידער אין די הענט פון די זעלבע קאַסטעס ,וואָס זענען געווען אַן אומגליק פאַר דייטשלאַנד. נאָך איז די רעוואָלוציע נישט אינגאַנצן פאַרלוירן, אָבער זי וועט זיכער אָן כבוד אונטערגייך, אויב מיר וועלן נישט צוזאַמענגעמען אונזערע כוחות און געבן די הערשער פון דער פאַרגאַנגענהייט אַ געלעגנהייט ווידער זיך אַריינצוקריגן פעסט אין זאָטל. מיר האָבן נישט קיין רעכט זיך צו באַקלאָגן אויף אונזער שקלאַפעריי, כל זמן מיר אַליין שמידן אונזערע אייגענע קייטן.

דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט די פראַגע: „וואָס פאַר אַ שטעלונג זאָלן מיר אָננעמען צו דעם פאַבריצירן מיליטערישע מכשירים?" שטעלן די דאָזיקע פראַגע, הייסט געבן אויף איר אַן ענטפער. אַן ערנסטער

און צו די באַדינגונגען פּאַסיקער באַשלוס וועט אויך נישט בלייבן אָן אַ וויר־קונג מחוץ די דייטשע גרענעצן. אַזאַ באַשלוס, וואָס קומט מצד די אַרבעטער פון דער דייטשער וואָפּנאינדוסטריע גופא, וואָלט געמוזט פון אַלעמען באַ־טראַכט ווערן ווי אַן איבערצייגנדיקע דעמאָנסטראַציע פון אונזער ליבע צו שלום און וואָלט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די אַרבעטער אין אַנדערע לענדער. דער רוף „די וואָפן נידער!" געניגט נישט, כל זמן מען לאָזט נישט אַראָפּ די האַמערס ,וואָס שמידן די וואָפן. לאָמיר נישט מער צו־שטעלן דער מלוכה קיין קאַנאָנען און ביקסן, וועלכע וועלן אַנגעשטעלט ווערן אויף אונז! לאָמיר זאָרגן דערפאַר, אַז די אַלע פאַבריקן פון טויט און חורבן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין וואַרשטאַטן פון געבענטשטער און פרידלעכער אַר־בעט! מען דערגרייכט דאָס מעגלעכע, ווען מען שטרעבט צום כלומרשט אומ־מעגלעכן. היינט, אין צייכן פון דער רעוואָלוציע, מוז יעדער פלאַכער מאַטעריאַ־ליזם, וועלכער שטאַמט פון דעם גראָשנדיקן עגאָאיזם פון דעם מאָמענט, אָפּ־טרעטן אין אַ זייט און פּלאַץ מאַכן פאַר העכערע רעיונות. אויך פאַר אונז איז גילטיק דאָס וואָרט פון דעם שטאַרבנדיקן סען סימאָן: „נעם אין אַכט, מיין זון, אַז מען מוז האָבן באַגייסטערונג אין האַרץ, כדי אויפצוטון גרויסע זאַכן!"

כדי צו דערוועקן דייטשלאַנד צו אַ ניי לעבן, מוזן מיר איבעררייסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט און צולייגן אַ האַנט צום בנין פון דער צוקונפט, כדי צו באַפרייען די מענטשן פון דער קללה פון ליגנט און פון דעם יאָך פוןווירט־שאַפטלעכער עקספּלאָטאַציע און פּאָליטישער אונטערדריקונג. נאָר אַזוי אַרום קאָן די איבערקערעניש, אין וועלכער מיר געפינען זיך, פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם, וואָס דער דיכטער האָט מיט זיין געפיל אַרומגענומען, בעת ער האָט אויסגעהאַמערט די ווערטער: „קער זיך צוריק איבער די בערג, מוטער פון דער פרייהייט, רעוואָלוציע!"

דער דאָזיקער קורצער תמצית אַנטהאַלט די וויכטיקסטע פונקטן פון מיין רעדע. איך האָב גערעדט מער ווי אַ שעה מיט אַ געוויסער ליידנשאַפט, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין יענער תקופה. דערביי אָבער האָב איך אַפילו אין מיינע קריטישע מסקנות אויסגעמיטן אומנויטיקע אָנפאַלן קעגן אַנדערע ריכטונגען, וועלכע וואָלטן בלויז צוגעהאָלפן צו פאַרגרעסערן די שפּאַלטונג אין דער דייטשער אַרבעטערשאַפט, ווי עס האָט דעמאָלט אָפט פּאַסירט. די טיפע שטילקייט און דרך ארצדיקע אויפמערקזאַמקייט, מיט וועל־כער די דעלעגאַטן און אַנדערע צוהערער האָבן אויפגענומען מיינע אויספירן ביז צום לעצטן וואָרט, האָבן מיר געוויזן, אַז איך האָב אָנגעטראָפן דעם ריכטיקן טאָן און מיינע ווערטער זענען נישט געווען געוואָרפן אויפן ווינט. צום סוף האָב איך דעם קאָנגרעס פאָרגעלייגט אָנצונעמען די דאָזיקע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, אַז די באַפרייאונג פון אַרבעטערקלאַס מוז זיין דאָס ווערק פון דעם אַרבעטער גופא; — ווייטער נעמענדיק אין אַכט ,אַז דער סיס־טעמאַטישער פעלקער־מאָרד און די תקיפותדיקע אונטערדריקונג פון די אומ־

פאַרמעגלעכע פאָלקסקלאַסן איז מעגלעך נאָר דורך דער מיטהילף פון די אַרבעטער, באַשליסט די לאַנד־קאָנפערענץ פון די באַוואָפענונג־אַרבעטער פאַרצושלאָגן אַלע אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין דער וואָפן־אינדוסטריע, זיי זאָלן להבא פּרינציפּיעל זיך אָפּזאָגן אויסצואַרבעטן וועלכן ס'איז קריגסמאַטעריאַל און אויסווירקן, אַז די פאַבריקן זאָלן איבערגעאַנדערשט און צוגעפּאַסט ווערן פאַר אַרבעט אין צייטן פון שלום. גלייכצייטיק שיקט דער קאָנגרעס צום פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער זיינע ברידערלעכע גריסן און דריקט אויס די האָפענונג, אַז די באַשלוסן, וואָס ער וועט אָננעמען, זאָלן צוהעלפן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם".

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז אַזעלכע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן פאַר אַזאַ עולם פון אַלע ריכטונגען, און הגם איך האָב מיר נישט געמאַכט קיין גאָר גרויסע אילוזיעס, האָב איך מיר אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז מיינע ווערטער וועלן פון דעם דאָזיקן אָרט צעטראָגן ווערן איבערן לאַנד און דאָרט געפינען אַ געוויסן אָפּקלאַנג. צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָבן אין דער לעבהאַפטער דיסקוסיע, וואָס איז געקומען נאָך מיין רעפעראַט, כמעט אַלע דעלעגאַטן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר מיין שטאַנדפּונקט, אַ זאַך וואָס וואָלט זיך מיר קיינמאָל נישט געחלומט אפילו. די פאַרשטייער פון פאַרשידענע פּאַרטייען האָבן אפילו קורץ פאַר דער אָפּשטימונג אָפּגעהאַלטן מיט זייערע אָנהענגער אַ ספּעציעלע באַראַטונג, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן מיין פאַרגעלייגטע רעזאָלוציע, אָבער זיי האָבן גאָרנישט אויסגעפירט. נאָכדעם ווי איך האָב אין מיין שלוס־וואָרט זאַכלעך אָפּגעענטפערט אויף די עטלעכע איינווענדונגען, איז מיין רעזאָלוציע איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. דער קאָנגרעס האָט חוץ דעם באַשלאָסן אַרויסצוגעבן מיין רעפעראַט אין אַ באַזונדער בראָשור אין הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן, און אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס אויסגעפירט געוואָרן. די דאָזיקע בראָשור, וואָס איז צוערשט דערשינען אין ערפורט אונטער דעם טיטל „קיין מלחמה־וואָפן נישט מער!" האָט שפּעטער זוכה געווען צו נאָך פאַרשידענע אויפלאַגעס. און איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן. זי האָט געהאַט די גרעסטע פאַרשפּרייטונג פון אַלע מיינע פאַרעפנטלעכונגען.

פאַקטיש האָט די גרויסע מערהייט פון די דייטשע באַוואָפענונג־אַרבעטער זיך דערקלערט פאַר די אין ערפורט אָנגענומענע פאַרשלאָגן און דורכגעפירט, אַז די פאַבריקן זאָלן צוגעפּאַסט ווערן צו די באַדערפעניש'ן אין שלום־צייטן. דער אונטערגאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דייטשלאַנד האָט אָבער אויך אַ סוף געמאַכט צו דער דאָזיקער דערגרייכונג ווי צו אַ סך אַנדערע.

אונזער אומגעריכטער דערפאָלג אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ אין ערפורט איז פאַרשטייט זיך געווען אַ גרויסע סאַטיספאַקציע פאַר אונזערע חברים אין לאַנד.

ספּעציעל וויכטיק איז געווען דער מאָמענט, אַז מיין אויפטרעטן אויף דעם קאָנגרעס האָט מיר פאַרשאַפט צווישן די דעלעגאַטן אַ גרויסע סימפּאַטיע. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז איך האָב פון אַ סך פאַרשטייער פון די באַוואָפענונג־אַרבעטער אין אַלע טיילן פון לאַנד שוין אין ערפורט באַקומען אַ גרויסע צאָל איינלאַדונגען צו רעדן פאַר זייערע אָרטיקע גרופּעס, וועלכע זענען ביז אַהער נישט באַקאַנט געווען מיט אונזער באַוועגונג און מיט אונזערע אַנשוי־אונגען.

די טירינגישע חברים זענען אַזוי צוגעשטאַנען, אַז איך האָב מיך געמוזט אַנטשליסן אָפּצולייגן אויף אַ קורצע צייט מיין צוריקפאָר קיין בערלין, כדי בעת דער דאָזיקער צייט דורכצופירן אַ געוויסע צאָל פאַרזאַמלונגען אין ערפורט און אין עטלעכע קליינע ישובים אין דער אומגעגנט. אין ערפורט האָט אונזער קליינע רירעוודיקע אָרטיקע גרופּע זיך שטאַרק אַנטוויקלט נאָך דער רעוואָלוציע און אָנגעקניפּט מיט דערפאָלג פאַרבינדונגען אויך מיט אַנדערע שטעט. אין יענער צייט איז אויך דער חבר הערמאַן ריטער, אַ געבוירענער ערפורטער, מיט זיין פאַמיליע געהאַט צוריקגעקומען פון ענגלאַנד, און דערמיט האָט אונזער באַוועגונג צובאַקומען אַ גוטע קראַפט. איך האָב מיך באַקענט מיט ריטערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לאָנדאָן, ווו ער פלעגט קומען צו מיינע וועכנט־לעכע רעפעראַטן און ער האָט באַלד געזוכט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט מיר. מיר זענען אין אַ קורצער צייט געוואָרן גוטע פריינט, און אַזוי אַרום האָט נישט געקאָנט אויסבלייבן, אַז דער זייער פעאיקער יונגערמאַן זאָל וואָס אַמאָל טי־פער אַריינדרינגען אין דעם געדאַנקענגאַנג פון אונזער אַנשויאונג. ריטער האָט דורך אַ פלייסיקן אַליינלערנען זיך פאַרשאַפט אַ גאָר סאָליד טעאָרעטיש וויסן, וואָס ער האָט שפּעטער ביי זיין גרויסן רעדנער־טאַלאַנט גאָר גוט געקאָנט פאַרווענדן אין זיינע רעפעראַטן. איך בין דעריבער געווען זייער דערפרייט, בעת איך האָב אים אַזוי אומגעריכט ווידער באַגעגנט אין ערפורט.

אַז מיינע פאַרזאַמלונגען אין ערפורט האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, נעמענדיק אין אַכט די גרויסע אַרבעטער־באַפעלקערונג און די שטימונג פון דער צייט. אָבער מיין גרעסטע איבערראַשונג האָב איך איבערגעלעבט אין זעמערדאַ, אַ קליין שטעטל אין צפון פון ערפורט אינמיטן אַ פויערישער געגנט. אין זעמערדאַ האָט זיך געפונען חוץ אַ ציגל־ברענעריי און עטלעכע קליינע אינדוסטריעס אויך אַ געווער־פאַבריק, אין וועל־כער עס איז צום מיינסטן אויסגעאַרבעט געוואָרן קליינוואָפן. מיט פאַרשידענע פון די דאָרטיקע חברים האָב איך מיך שוין געהאַט באַקענט אויף דעם קאָנגרעס אין ערפורט און באַקומען פון זיי דעם בעסטן איינדרוק.

איך בין געבליבן עטלעכע טעג אין זעמערדאַ און דאָרט געהאַט צוויי ריזע־דיקע פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען ביידע געווען איבערגעפולט און באַזוכט גע־וואָרן דורך דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט פון שטעטל. דער גייסט, וואָס האָט געהערשט אויף יענע מאַניפעסטאַציעס, איז געווען ממש גלענצנדיק און האָט

אַנגענעם געווירקט אין די לעבהאַפטיקע דעבאַטן. איך האָב באַלד דערפילט, אַז איך האָב דאָ אַ פריש מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס איז נאָך נישט דורכגעגאַנגען דורך דעם דרוק פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און איז דעריבער נאָך פעאיק אויפצונעמען נייע געדאַנקען. די מענטשן דאָרט זענען נאָך נישט געווען אָפּגעניצט און נאָך נישט אָנגעשטעקט פון דער אַלגעמיינער פאַרביטערונג, וואָס איז אַנטשטאַנען דורך דער פוסטער מחלוקה צווישן די פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען, ווו איינער וויל אַרויפוואַרפן אויף דעם אַנדערן די גאַנצע שולד פאַר אַלע דורכפאַלן, אָנשטאָט אַליין צוצולייגן אַ האַנט אויף אויסצובעסערן די זאַכן. חוץ דעם זענען זיי געווען אַלט־איינגעזעסענע תושבים און אינערלעך צונויפגעוואַקסן מיט זייער סביבה, אַזוי אַז יעדער האָט געוווּסט, וואָס מען דאַרף טון אין יעדער סיטואַציע.

איך האָב שפּעטער געהאַט די זעלבע דערפאַרונג אין אַ סך אַנדערע געגנטן פון לאַנד. דווקא אין קלענערע שטעט מיט אַן איינגעזעסענער באַפעלקערונג, ווו די מענטשן זענען נאָך נישט געווען גייסטיק אָפּגענוצט דורך דער שטענדיקער איינטעניקייט פון דעם אינדוסטריעלן לעבן מיט זיינע אומפאַרמיידלעכע באַגלייט־דערשיינונגען, האָב איך אָנגעטראָפן אַ פיל העכערע מדרגה פון גייסטיקער פילבאַרקייט און געוויסע קולטור־פאַרלאַנגען, וועלכע עס איז אָפּט אומזיסט צו זוכן אין די גרויסע אינדוסטריע־זאַנעס. דאָרט, ווו גרויסע מאַסן אָן אַן אינערלעכער צונויפגעבונדנקייט צווישן זיך זאַמלען זיך צונויף אין אַ מישמאַש פון אַלע טיילן פון לאַנד, באַקומט דאָס לעבן אַ באַשטימטע מאָנאָטאָנעקייט, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרמיידן. די טאָג־טעגלעכע אַרבעט אין גרויסע פאַבריקן, ווו יעדע האַנט־באַוועגונג איז צוגעפּאַסט צום ריטם פון דער מאַשין און דאָס וווינען אין מיאוסע קאַזאַרמע־דירות, ווו יעדעס צימער איז ענלעך צום אַנדערן אַזוי ווי אַן איי צו אַן איי, לייגט אויך אַרויף אַ חותם אויף דעם גייסט און אַנטוויקלט אַן אויבערפלעכלעכן שטייגער פון דענקען, וועלכן עס איז שווער גובר צו זיין. די מחשבות פון די מענטשן, וועלכע מוזן אָפּפינסטערן זייער לעבן ביי אַזעלכע באַדינגונגען, זענען אין דעם רוב פאַלן כמעט אינגאַנצן געווענדט אויף דער טאָג־טעגלעכער רוטין פון קליינע רגילות אין לעבן און עס איז אָפּטמאָל כמעט אוממעגלעך אַריינצוברענגען טיפערע גייסטיקע איניציאַטיוועס אין דער אַפּאַטיע פון זייער נעבעכדיקער עקזיסטענץ. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן אויף מיינע אומצאָליקע רייזעס דורך אַלע טיילן פון לאַנד. זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב אין טירינגען און אין אַנדערע טיילן פון מיטל און דרום־דייטשלאַנד געקאָנט אָן שום מניעות רעדן אָן מורא צו האָבן, אַז מען וועט מיך נישט פאַרשטיין און אָפּטמאָל נאָך פון די חברים אַליין אָנגערעגט געוואָרן זיי צו באַרירן, האָבן אין אַ סך ערטער פון רור־געביט בכלל נישט געקאָנט אַרומגערעדט ווערן אויף גרעסערע פאַרזאַמלונגען, ווייל עס האָט געפעלט דערצו די נייטיקע גייסטיקע צוגרייטונג פון דעם עולם.

מאַסע מיינט טאָקע אויסגעוואָרצלט פאָלק, וואָס האָט אָנגעווירן די אינער־

לעכע שייכות פון איינעם צום אַנדערן און מחמת דעם די פאַרשטענדעניש פאַר טיפערע שעפערישע אינספּיראַציעס, ביז עס וועט ביי נייע באַדינגונגען געלינגען ווידער אַריינצוברענגען די מענטשן אין אַ נייער פאַראייניקונג. דער גלויבן, אַז אַזאַ צושטאַנד מוז באַטראַכט ווערן פאַר אַן אומפאַרמיידלעכער היסטאָרישער דערשיינונג, כּדי די מענטשן פעאיק צו מאַכן פאַר דעם סאָציאַליזם, איז בלויז אַ טפּשות, וואָס ווערט צום שאַרפסטן אָפּגעוואָרפן דווקא דורך דער אָקאָרשטיקער פאַרגאַנגענהייט פון דייטשלאַנד. דער סאָציאַליזם איז גראָד מער ווי אַ פּשוטע מאָגן־פראַגע. מען קאָן טאַקע ביי געוויסע באַדינגונגען לייכט אונטערהעצן די מאַסן צו אומצופרידנקייט, אָבער תּמיד מיט דער געפאַר, אַז זיי וועלן זיך דווקא לאָזן פאַנגען פון דעמאַגאָגן.

יענע פּראַקטיקע אַרבעטערשאַפט אין זעמערדאַ איז נאָך נישט געווען קיין מאַסע. זי האָט נאָך פאַרמאָגט אַן אייגן לעבן, וואָס האָט זי פעאיק געמאַכט תּופס צו זיין די טיפערע שטאַנדפּונקטן פון סאָציאַליזם און זיך איבערגעבן צו אים מיט פרייד און האָפענונג. טייל פון זיי האָבן שוין געהאַט באַוויזן זייער אַנטשלאָסנקייט בעת דער לעצטער פאַזע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; ווען מען האָט שוין דייטלעך געפילט דאָס דערנענטערן זיך פון דעם גרויסן חורבן, האָבן זיי איינשטעלנדיק דאָס לעבן אַריינגעשמוגלט קיין בערלין וואָפן, כּדי צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דער רעוואָלוציע.

אין דעם ענגערן און זייער סימפּאַטישן קרייז פון די סאָציאַליסטישע אַרבעטער אין זעמערדאַ האָבן זיך מיר ספּעציעל געוואָרפן אין די אויגן צוויי יונגעלייט, וואָס זייער פריינטלעך וועזן און קלאָר דענקען האָט איבערגעלאָזט ביי מיר אַ זייער גוטן איינדרוק. איך רעד דאָ פון לואיס שרייבער און הערמאַן זאָנטאַג, וועלכע עס איז בעיקר געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס נאָך מיין אַוועקפאָרן איז די גאַנצע אַרבעטערשאַפט פון שטעטל, מיט ווייניק אויסנאַמען, אַריינגעטרעטן אין אונזער באַוועגונג. שרייבער און זאָנטאַג זענען געווען באַשאַנקען מיט אַ נאַטירלעכער אינטעליגענץ און שטאַרקן ווילן; זיי זענען פריער געווען טעטיק ביי דער U.S.P.D. אָבער נאָכדעם ווי זיי זענען געוווּנען געוואָרן פאַר אונזער באַוועגונג, האָבן זיי פאַר איר אַוועקגעגעבן זייער גאַנצן כּוח. נאָך יענעם ערשטן באַזוך האָט מיך אָפט געצויגן אַהין אין דער דאָזיקער קליינער שטאָט, וווּ איך בין תּמיד געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

עס האָט אָפט געטראָפן, אַז ווען עס איז מיר גראָד אויסגעקומען צו רעדן אין אַ דערנעבנדיק שטעטל, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מאַכן אַ קורצע וויזיט קיין זעמערדאַ, ווען אַפילו בלויז כּדי צו פאַרברענגען אַ פרייען אָוונט מיט די חברים, וועלכע זענען מיר געווען אַזוי געטריי איבערגעגעבן. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן אָבער פלעגט זיך די ידיעה וועגן מיין באַזוך פאַרשפּרייטן ווי אַ פלאַמפייער דורך אַלע פאַבריקן און אַן אַ פרייערדיקער מעלדונג אין דער פּרעסע אָדער דורך פלוגבלעטלעך האָב איך אין אָוונט געהאַט אַ

פאַרזאַמלונג אין גרעסטן זאַל פון שטאָט, וועלכער איז תמיד געווען פול ביז צום לעצטן פּלאַץ.

אומגעפער אַ יאָר נאָך מיין ערשטן באַזוך אין זעמערדאַ האָט אין דער דאָזיקער קליינער שטאָט געטראָפן אַ שרעקלעכע טראַגעדיע, פון וועלכער עס זענען געפאַלן קרבנות צוואַנציק פון אונזערע חברים. עס איז געווען אין דער צייט פון דעם טרויעריק באַרימטן קאַפּ־פּוטש, ווען ווען זועלכן עס וועט באַלד געזרעדט ווערן, ווען די דייטשע אַרבעטערשאַפט פון אַלע ריכטונגען, איינזעענדיק די גרויסע געפאַר, וואָס האָט זיי אַלע באַדראָט, האָט זיך אַ נעם געטון צו אַ מעכטיקער פאַרטיידיקונג און דורך דעם גרויסן גענעראַל־שטרייק, וועלכער האָט אַרומגענומען אַלע טיילן פון לאַנד, געמאַכט אַ שנעלן סוף צו דעם פּרווו פון דער רעאַקציאָנערער מיליטערישער כנופיה, וועלכע האָט זיך שוין אין בערלין געהאָט דערקלערט ווי אַ נייע רעגירונג. ווען נישט די דאָזיקע מעכטיקע מאַניפעסטאַציע פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט, וואָלט די וויימאַרער רעפּובליק שוין דעמאָלט זיך געווען פונאַנדערגעפאַלן. דעמאָלט איז געווען אַ צייט, וואָס דייטשלאַנד וואָלט געווען געקאָנט אָפּגעראַטעוועט ווערן, ווען די עבערט־רעגירונג, וועלכע האָט געמוזט אַנטלויפן פאַר די קאַפּיסטן קיין דרום־דייטשלאַנד, וואָלט געווען עפּעס געלערנט פון די געשעענישן און אויסגענוצט די גינסטיקע געלעגנהייט אַ סוף צו מאַכן מיט די קאָנספּיראַטאָרן פון דער אַלטער אַרמיי און מיט זייערע אַליאירטע, נאָכדעם ווי עס איז איר דורך דעם פעסטן ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צוריקצוקערן זיך קיין בערלין. אָבער עס איז גאָרנישט געשען. מען האָט זיך באַגנוגנט מיט עטלעכע נישטיקע פּשרות און פּוסטע הבטחות און נישט אויסגענוצט די גוטע געלעגנהייט, וואָס קאָן שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען; און דערצו נאָך איז דאָס געשען אין אַ צייט, בעת די גאַנצע צוקונפט פון לאַנד איז געשטאַנען אין קאָן.

אין מיטלדייטשלאַנד, בעיקר אין זאַקסן און טירינגען, ווו דער ווידערשטאַנד קעגן די קאַפּיסטן אין איינצלנע לאַנד־טיילן האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, ווי דאָס איז אויך געשען אין דעם גרויסן אינדוסטריע־געביט פון מערב, האָט די רעגירונג, מחמת מורא פאַר רעוואָלוציאָנערע לייזונגען, באַלד ווידער איבערגעגעבן די מיליטערישע מאַכט אין די הענט פון דער זעלבער רעאַקציאָנערער אָפיצירן־קליקע, וועלכע איז, ווי יעדער האָט עס געוווּסט, געווען יד אַחת מיט די קאַפּיסטן. אין זאַקסן האָבן ביידע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן שוואַרץ און ליפּינסקי געשלאָסן אַפילו מיט דעם גענעראַל זענפט פאַן פּילזאַך אַ פאַרמעלן אָפּמאַך, אין וועלכן יענער איז באַפולמעכטיקט געוואָרן צו אַנטוואָפענען די רעבעלישע אַרבעטער, כדי ווידער איינצופירן אָרדענונג. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ תענוג די ברוטאַלע זעלנער־באַנדעס האָבן אויסגעפירט די דאָזיקע אויפגאַבע, כדי צו קענען אויסלאָזן צו די אַרבעטער זייער ווילדן כעס. ווייל קאַפּ האָט

זיי קאַליע געמאַכט דאָס שפּיל. די זעלבע פאַרשווינען, וואָס וואָלטן מיט פּלאַ־טערנדיקע פּענער איבערגעגאַנגען צו די קאָנספּיראַטאָרן אין בערלין, אויב יענע וואָלטן זיך געווען געקאָנט האַלטן, האָבן זיך איצט געפּילט ווי פּאַרטיי־דיקער פון דער רעפּובליק, וועלכער זיי וואָלטן גרייט געווען רוק־און־לענד צו צעברעכן. אין אַ סך געגנטן פון מיטלדייטשלאַנד זענען אַזעלכע ווילדע לייט אָנגערייצט געוואָרן אויף אַזעלכע ערטער, ווו עס איז בכלל נישט געווען קיין באַוואָפנטער אויפשטאַנד און די אַרבעטער האָבן זיך בלויז באַטייליקט אין דעם גענעראַל־שטרייק. די דאָזיקע באַנדעס פלעגן זיך אָן שום סיבה אַריינרייסן אין די אַרבעטערס הימען, צעברעכן דאָס בידנע מעבל, שלעכט באַהאַנדלען פרויען און קינדער, ווילדעווען און שלאָגן מכות רצח די פרידלעכע באַפעל־קערונג.

אויף דעם אופן זענען דעם 6טן מערץ אין דאָרף קינדעלברוק נעבן זעמער־דאַ אונזערע חברים אורבאַן ליאָאוניג, פריץ רינג און ווילהעלם בראַאון פון אַזעלכע לייט קאַלטבלוטיק דערהרגעט געוואָרן. אָבער דאָס געמיינסטע פאַר־ברעכן איז געשען אין זעמערדאַ גופא, בעת אַזאַ באַצאַלטע באַנדע האָט דעם 24סטן מערץ 1920 זיך אַריינגעריסן אָן דער מינדסטער סיבה אין שטאָט און דאָרט דורכגעפירט אַ שוידערלעך בלוטבאָד. אין יענעם שרעקלעכן טאָג זענען די חברים קורט נויבערט, מאָריץ וואַנדט, רודאָלף וואַנדט, לואיס עקשטיין (פאָטער, זון און איידעם), אָטאָ יעסינג, הוגאָ שמידט און אַלבערט שוקאַרדט קאַלטבלוטיק אומגעבראַכט געוואָרן. בעת די דאָזיקע שוידערלעכקייטן זענען פאָרגעקומען אין זעמערדאַ, איז דעם זעלבן טאָג אין דעם דערנעבנדיקן שטעטל שאַלענבורג אומגעבראַכט געוואָרן דער חבר אַלבערט ווינטער און אין טאַנ־צענהאַוזען די חברים אָטאָ שענפעלד, הערמאַן שענפעלד, פּאַול שענפעלד (פאָטער און זין), עדמונד שעפּנער, קאַרל הענע, הערמאַן העסלער, ריכאַרד העסלער, ווילי גראָס און הוגאָ שרעדער. די דאָזיקע אַלע חברים האָבן געהערט צו אונזער באַוועגונג און זענען געווען מיטגלידער פון דער פרייער אַרבעטער־אוניאָן.

די שרעקלעכסטע טאַט, וואָס איז דעמאָלט אָפּגעטון געוואָרן פון יענע אוממענטשן, איז געווען דאָס פאַרברעך קעגן קורט נויבערט און זיין אומ־גליקלעכער פרוי. נויבערט איז געווען איינער פון די פיינסטע מענטשן, וואָס איך האָב געקענט אין מיין לעבן. איך האָב בעת מיינע פילמאַליקע באַזוכן אין זעמערדאַ אָפט געוווינט אין זיין הויז און בין מיט אים און זיין אינטעליגענ־טער פרוי גוט באַקאַנט געוואָרן. נויבערט האָט פריער געהערט צו דער פּאַר־טיי פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, ער האָט זיך אָבער שפּעטער אָנגע־שלאָסן צו אונזער באַוועגונג, וועלכער ער איז געווען טריי איבערגעגעבן. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער, אָבער זייער קאָנסערוואַטיווער גוט־באַזיצער־פאַמיליע פון דער סביבה, ער איז אָבער מיט זיינע קרובים געווען אין אָנגעצויגענע באַציאונגען, ווייל ער האָט געגן זייער ווילן חתונה געהאַט

מיט אַ פרוי, אַ יונגע לערערין פון פראַנקענהאַוזען, וועלכע האָט וואָס אַן אמת נישט מיטגעבראַכט קיין שום נדן. די חברים אין זעמערדאַ האָבן מיר שפּעטער דערציילט, אַז די דאָזיקע שנאה אין דער משפּחה איז אייגנטלעך געווען די סיבה פון נויבערטס שוידערלעכן גורל, אָבער קיין ממשותדיקס וועגן דעם האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערן. איך ווייס נאָר, אַז נויבערט האָט מיט זיין יונגער פרוי געלעבט בשלום און גליקלעך, און היות ער האָט ווי אַ גראַטענער וועטערינאַר געהאַט אַ זייער גוטע פּראַקטיק, זענען אויך די אויסערלעכע לעבנס-באַדינגונגען פון דעם פּאָר פּאָלק געווען זייער אנגענעם.

ווען די רוצחים האָבן זיך אַריינגעריסן קיין זעמערדאַ, האָבן עטלעכע חברים באַצייטנס געוואָרנט נויבערטן, אַזוי אַז ער האָט לייכט געקאָנט זיך ראַטעווען מיט זיין פרוי. אָבער פילנדיק זיך אינגאַנצן אומשולדיק, האָט ער נישט געגלויבט זיך צו געפינען אין אַ סכנה און באַשלאָסן צו פאַרבלייבן. ווען די מערדער זענען אין אַ קורצער צייט דערנאָך באַפאַלן מיט ווילדע גע-שרייען די גאַס, ווו ער האָט געוווינט, איז נויבערט בלויז לייכט אָנגעטון אַרויס פאַר דער טיר און געפאָדערט פון דעם אָפיציר פון דער באַנדע, ער זאָל באַ-פעלן זיינע מענטשן זיך אָפּצושטעלן, ווייל עס איז נישט געווען קיין שום סיבה זיך צו באַגיין אויף אַזאַ אופן מיט אַ פרידלעכער באַפעלקערונג. ווי אַן ענט-פער דערויף איז דער מוטיקער מענטש צעשלאָגן געוואָרן פון זיינע מערדער אויף אַ בעסטיאַלישן אופן און מיט כסדרדיקע קלעפּ געטריבן אויף אַ נאַקעט פעלד, ווו ער איז דערשאָסן געוואָרן ווי אַ חיה. שכנים האָבן געהערט, ווי ער האָט געשריגן צו זיינע מערדער: „אויב איר ווילט שוין דווקא מיך אומברענ-גען, טאָ מאַכט דאָס שוין מיטאַמאָל און דערהרגעט מיך נישט ביסלעכווייז!"

אין דער צייט, ווען איר מאַן איז אַן רחמנות אומגעבראַכט געוואָרן פון די נבזהדיקע אויסוורפן, האָט מען זיין פרוי ביי די האָר אַרויסגעשלעפּט פון דער וווינונג און זי פאַרשפּאַרט ביז צום אַנדערן אינדערפרי אין דעם קעלער פון ראטהויז. און דעמאָלט האָט פּאַסירט די ווילדסטע זאַך, אַז ביינאַכט האָבן עטלעכע אָנגעשכורטע מנוולים, אָפיצירן פון דער באַרימטער רעפּובליקאַני-שער אַרמיי, זיך אַריינגעריסן אין קעלער און פאַרגוואַלדיקט די אומגליקלעכע, פון יסורים צוזאַמענגעבראָכענע פרוי אויף אַ חיהשן אופן. דאָס דריטע רייך האָט שוין דעמאָלט פאַרשפּרייט אַרום זיך זיין בלוטיקן שאָטן.

פרוי נויבערט איז שפּעטער געקומען קיין בערלין, ווו זי האָט אונז אָפט וויזיטירט; אָבער זי איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש, וואָס האָט זיך בלויז געבלאָנקעט נעבן דעם לעבן. מילי און איך האָבן אַפילו געפּרוווט תמיד זי אויפצומונטערן, הגם מיר האָבן זייער גוט געפילט, אַז דאָ קאָן קיין שום טרייסט נישט העלפן. איינמאָל האָט זי אונז ביי אַזאַ געלעגנהייט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן: „איך ווייס, אַז איר האָט אַ גוטע כוונה; אָבער העלפן קאָנט איר מיר נישט. עס וואָלט שוין בעסער געווען, ווען די דאָזיקע אוממענטשן וואָלטן

מיך דעמאָלט געווען דערהרגעט צוזאַמען מיט מיין מאַן, דעמאָלט וואָלט אַ סוף געקומען צו די צרות. ווי קאָן אַ מענטש מיט אַזעלכע דעראינערונגען אין האַרץ נאָך פריילעך זיין אַמאָל אין זיין לעבן? דעמאָלט זענען מיר ביידע אַנט־שוויגן געוואָרן. וואָס האָבן מיר איר געקאָנט ענטפערן?

צום גליק האָבן ביי יענער שרעקלעכער שחיטה אין זעמערדאַ נאָך געקאָנט אין דער ערשטער צייט אַנטלויפן אַ סך פון אונזערע אַקטיווע חברים. מען וואָלט זיי אַלע זיכער געווען אומגעבראַכט, ווען זיי זאָלן געווען אַריינפאַלן צו די מערדער אין די הענט אַריין; וואָרים אַזוי האָט מען דאָס בדעה געהאַט צו טון. בעת עס איז קיינעם פון די פחדנותדיקע אויסוואורפן, וואָס האָבן גע־מאַכט דאָס בלוטבאַד, קיין האָר, נישט געקרימט געוואָרן, האָט דער פּראָקו־ראָר געהאַט די אומפאַרשעמטקייט עפנטלעך אָנצוקלאָגן די פּליטים און זיי אָן שום באַווייז באַשולדיקן אין די ערגסטע פאַרברעכנס. נאָך אַ קורצער צייט האָבן אונזערע חברים זיך אַנטשלאָסן נישט צו רעכענען זיך מיט דער באַ־שולדיקונג און צוריקקערן צו זייער וווינאָרט. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַר־וואַנדלען דעם דאָזיקן צוריקקער אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע, ביי וועלכער איך בין געווען באַשטימט פאַר אַ רעדנער. אונזער פּלאַן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע און ער האָט פאַרשטייט זיך געמאַכט אַ גרויסן רושם, דערביי האָבן אויך נישט געפעלט קיין דראָאונגען. אָבער מיר האָבן זיך דערויף געריכט.

דעם 25סטן אַפּריל 1920 האָבן מיר זיך אינדערפרי צונויפגעזאַמלט אין ערפורט און מיט אַ סך פון די דאָרטיקע חברים אַוועקגעפאָרן אין דריי גרויסע לאַסט־אויטאָס קיין זעמערדאַ. דער דאָזיקער טאָג איז מיר נאָך ביז היינט געבליבן אין זכרון. עס איז געווען אַ שיינער פרילינג־טאָג און די ביימער זענען געווען אין זייער פולער בליאונג. נישט לאַנג נאָך מיטאָגצייט זענען מיר אָנ־געקומען אין שטעטל און מאַרשירט אין געשלאָסענע רייען צו דעם ראַטהויז־פּלאַץ, ווו עס האָט אונז אָפּגעוואַרט די גאַנצע אַרבעטערשאַפט. אָבער אויך אַ סך, וואָס האָבן געהערט צו אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. איך האָב גערעדט פון די ראַטהויז־טרעפּ צו דער געדיכט־צונויפגעדרענגטער פאַרזאַמ־לונג. עס איז זיכער געווען איינע פון די בעסטע רעדעס, וועלכע איך האָב ווען עס איז געהאַלטן, וואָרים די ווערטער זענען מיר אַרויסגעקומען טיף פון דער נשמה און איך האָב גערעדט מיט דעם גאַנצן האַרץ. אַ סך פון די אַנוועזנדיקע פרויען האָבן שטיל געשלוכצט און געוויינט כמעט די גאַנצע צייט. נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט מיין רעדע, האָט דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם זיך געלאָזט גיין צו די קברים פון די דערמאָרדעטע און זיי באַדעקט מיט פרישע בלומען און קרענץ. עס איז געווען איינע פון די רירנדיקסטע מאַני־פעסטאַציעס, אין וועלכע איך האָב מיך ווען עס איז באַטייליקט.

די באַשולדיקונג קעגן אונזערע חברים איז באַלד דערנאָך צוריקגעצויגן געוואָרן דורך דער פּראָקוראַטור, וואָרים מען האָט גוט געוווסט אין די הויכע

ספּערן, אַז ביי די געריכט־דעבאַטן וואָלטן געקאָנט אַרויסקומען מיאוסע זאַכן, וואָס וואָלטן נישט געקאָנט זיין געוווּנטשן פאַר די געזעץ־היטער. אָבער אויך פון די מערדער איז נישט צוגעצויגן געוואָרן קיינער אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון.

פון יענער צייט זענען פאַרביי דרייסיק יאָר, אָבער דאָך טוט נאָך אַלץ ווי דאָס אַלטע האַרץ, ווען איך דערמאָן מיך אין יענעם שרעקלעכן פאַרברעכן, דורך וועלכן אַזוי פיל פון מיינע אַלטע חברים זענען אַזוי אומשולדיק געפאַלן זוי קרבנות.

די לאַנד-קאָנפערענץ אין בראַאונשווייג

ווען איך בין פון טירינגען ווידער צוריקגעקומען קיין בערלין, בין איך מיט פרייד באַגריסט געוואָרן פון די חברים, וועלכע זענען געווען זייער צופרידן מיט דעם אומגעריכטן דערפאָלג, וואָס איך האָב געהאַט אויף דעם קאָנגרעס פון די אַרבעטער אין דער באַוואָפענונג-אינדוסטריע. דערווייל האָט די אַדמיניסטראַציע-קאָמיסיע באַקומען אַן איינלאַדונג צו שיקן אַ דעלעגאַט צו אַ וויכטיקער לאַנד-קאָנפערענץ, וועלכע איז צוזאַמענגערופן געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל אָרגאַניזאַציעס פון די לינקע אין לאַנד און האָט געזאָלט דורכפירן די באַראַטונגען פון דעם 29סטן מערץ ביז דעם 22סטן אַפּריל אין בראַאונשווייג. דער צוועק פון דעם דאָזיקן צוזאַמענקום איז געווען כדי צו דערגרייכן אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און זיך צונויפרעדן וועגן די מיטלען, וואָס זאָלן אָנגענומען ווערן צו אַן איינהייטלעכער אַקציע קעגן דער וואַקסנדיקער רעאַקציע אין לאַנד. אין אַכט נעמענדיק די קריטישע לאַגע, זענען מיר נאָך אַ קורצער באַראַטונג געקומען צו אַ הסכם, אַז ביי די פאַרהאַנדענע באַדינגונגען איז נייטיק זיך צו באַטייליקן אין דער בראַאונשווייגער קאָנפערענץ און איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן פון דער אַדמיניסטראַציע-קאָמיסיע צו פאַרטרעטן דאָרט דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער באַוועגונג. אַזוי אַרום האָב איך מיך באַלד נאָכן אַהיימקומען ווידער געלאָזט אין וועג אַריין.

דאָס קליינע בראַאונשווייג איז אין יענער צייט נאָך געווען אַן אַאַזע פון פּאָליטישער פרייהייט אין דייטשלאַנד, וווהין די רעאַקציע האָט נאָך נישט געהאַט געפונען קיין צוטריט. געוויס האָט נאָסקע און זיין רעאַקציאָנערע סוויטע צווישן די אָפיצירן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז די לאַגע זאָל זיך דאָרט באַלד גרינטלעך ענדערן. בראש פון דער בראַאונשווייגער רעגירונג איז דעמאָלט געשטאַנען סעפּ ערטער, וועלכער האָט געהערט צו דער U.S.P.D. איך האָב מיך מיט אים באַקענט אין מיין געבורינשטאָט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. ער איז דעמאָלט געהאַט געקומען פון לאָנדאָן, כדי אין שליחות פון דער דאָרטיקער גרופּע אויטאָנאָמיע אַריינצושמוגלען אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור דורך דער דייטשער גרענעץ. זיין אַרעסט, וואָס איז שפּעטער פאָרגע-

קומען אין מאַינץ און זיינע קאָנסעקווענצן האָבן מיך דעמאָלט געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד. ערטער איז אין עטלעכע חדשים אַרום פאַרמשפּט געוואָרן אין אַ פּראָצעס פאַר קאָנספּיראַציע־טעטיקייט צו דער שרעקלעכער שטראָף פון אַכט יאָר שווערע תפיסה. און ער האָט געמוזט די בעסטע יאָרן פון זיין יונג לעבן פאַרברענגען הינטער תפיסה־מויערן פאַר זאַכן, וואָס זענען אין דעם רוב מערב־אייראָפּעאישע לענדער יעדן איינעם דערלויבט. נאָך דעם אָפּקומען זיין שטראָף האָט ער איבערגענומען אין בערלין די אָנפירערשאַפט פון דער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט דער פרייער אַרבעטער. איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען אין 1907 אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטן־קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם. ער האָט זיך שפּעטער ווידער אָנגעשלאָסן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און איז בעת דער שפּאַלטונג אַריינגעטרעטן צו די אומאָפּהענגיקע. זינט דעמאָלט האָב איך פון אים שוין גאָרנישט געהערט, ביז איך בין צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד.

אויף דעם וועג קיין בראַאונשווייג האָב איך מיך באַטראַכט, צי איך זאָל אים אָפּשטאַטן אַ וויזיט אָדער נישט. זיין משוגהדיקער בייט האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די חברים אין לאַנד, אָבער דאָס וואָלט פאַר מיר נישט געווען קיין סיבה אים אויסצומיידן, בפרט אַז מיר זענען לחלוטין געווען אומבאַקאַנט די פּאַקטישע מאָטיוון פון זיין האַנדלונג. מיך האָט אָבער געמאַכט אומאַנטשלאָסן דער פּרט, וואָס אין זיין איצטיקער פּאָזיציע אַלס פּרעמיער־מיניסטער וועט אים אפשר מיין וויזיט גראָד נישט זיין געוווּנטשן. צוליב דעם דאָזיקן טעם האָב איך מיר געזאָגט, אַז עס וועט אפשר גלייכער זיין גאָרנישט פּרוּוון אויפצופרישן אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט שוין סיי ווי לאַנג פאַרלוירן איר באַדייטונג. דעריבער איז מיין איבערראַשונג געווען נאָך גרעסער, ווען איך בין בעת דער ערשטער זיצונג פון אונזער קאָנפערענץ פּלוצלינג גערופן געוואָרן פון דעם זאַל און אין קאָרידאָר דערזען פאַר מיר סעפּ ערטער בכבודו ובעצמו. ער האָט מיט פרייד אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט און געזאָגט: „איך האָב מיך ערשט היינט אינדערפרי דערוווּסט, אַז דו וועסט זיין אויף דער קאָנפערענץ און מיך באַלד געלאָזט אַהער, כדי דיך צו באַגריסן".

אין זיין פּשוטער קליידונג און דעם שוין אַ ביסל אָפּגעניצטן פּילצענעם הוט האָט ער שוין גאָרנישט אַזוי שטאַרק אויסגעזען ווי אַ מיניסטער. קערפּערלעך האָט ער נאָך אויסגעזען קרעפטיק; פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַ ביסל עלטער געוואָרן, זינט מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען, פּונקט ווי איך. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעפרעגט אויף פאַרשידענע אַלטע פריינט אין לאָנדאָן און זיך אויך דערוווּסט, ווי מיר גייט, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך בין היינטיקן אָוונט פאַרנומען? ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז נישט, האָט ער מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים אויף אָוונטברויט און מיר געזאָגט, אַז נאָך דעם פאַרענדיקן אונזער זיצונג וועט ער אַליין קומען נאָך מיר.

ער איז טאַקע געווען פּינקטלעך אויפן אָרט און מיר זענען צוזאַמען געפאָרן

צו זיין זייער באַשיידענער וווינונג, ווו ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין פאַמיליע. חוץ מיר זענען נאָך געווען עטלעכע פריינט זיינע, צווישן זיי אויך דער געוועזענער בערלינער פאָליציי־פּרעזידענט אייכהאָרן, וואָס זיין דימיסיע איז געווען די דירעקטע סיבה פון יאַנואַר־אויפשטאַנד. אייכהאָרן, וועלכן איך האָב דעמאָלט באַגעגנט צום ערשטן מאָל, האָט נאָך באַוויזן אין דער רעכטער צייט צו אַנטלויפן קיין בראַאונשוויג, ווען נישט וואָלט ער געהאַט דעם זעלבן גורל ווי קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג.

עס איז געווען אַ גאַר אָנגענעמער אָוונט. דער שמועס האָט זיך פאַרשטייט זיך געדרייט כמעט בלויז אַרום דער דעמאָלטיקער לאַגע אין דייטשלאַנד, וועל־כע ערטער און אויך אייכהאָרן האָבן זייער ערנסט אָפּגעשאַצט. אייכהאָרן, וועל־כער האָט אַלס אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט גאַר גוט געקענט די פירער פון די מערהייט־סאָציאַליסטן, האָט נישט געהאַט פאַר זיי קיין גוט וואָרט. לויט זיין מיינונג האָבן זיי זיך דורך זייער שטעלונג בעת דער מלחמה און שפּעטער דורך זייער אָפן קאָקעטירן מיט די כוחות פון דער קאָנטררעוואָלוציע אַזוי שווער פאַרשולדיקט, אַז עס איז פאַר זיי נישט מעגלעך געווען קיין שום צוריקקער פון דעם אָנגענומענעם וועג, אַפילו ווען עס זאָל זיי גיין אין דעם. צום ערגסטן האָט ער פאַרשטייט זיך געהאַט צו רעדן וועגן נאָסקען. ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן זיין פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אים אַוודאי געמוזט זיין גוט באַקאַנט, האָט ער געענטפערט:

„אַ גראָבער קאָפּ, אָבער אַ געפערלעכער פּראַסטאַק! אין רואיקע צייטן קענען אַזעלכע נולן קיין שום זאַך נישט אויפטון, ווייל אַ נול בלייבט תמיד אַ נול. געפערלעך אָבער ווערט אַזאַ נול ערשט, ווען מען שטעלט פאַר איר אַ ציפער. די דאָזיקע ציפער איז היינט דער אַלטער פּרייסישער גענעראַל־שטאַב אין אַ שוואַרץ־רויט־גאָלדן בגד. ער וועט די נול אַזוי לאַנג אויפבלאָזן, ביז זי וועט אין איינעם אַ טאָג פּלאַצן, ווען מען וועט זי שוין צו גאָרנישט קענען באַניצן און מען וועט דאַרפן ריכטיקע ציפערן. אָבער דאָס פאָלק וועט פאַר דעם אַלעם מוזן באַצאָלן“.

„אָבער מיינט איר נישט“, האָב איך אים געפרעגט, אַז די לעצטע געשעע־נישן וועלן אויך די מערהייט־סאָציאַליסטישע אַרבעטער ענדלעך מוזן עפענען די אויגן און זיי ווייזן די געפאַר, וואָס באַדראָט אונז אַלע?“.

„געוויס!“ האָט ער געזאָגט. הונדערטער טויזנטער האָבן שוין פאַרקירעוועט אין לאַגער פון די לינקע און אַנדערע וועלן זיי נאָכגיין.

„אָבער דאָס קען לאַנג דויערן“, האָב איך געענטפערט, „און ביז דעמאָלט קען אפשר ווערן שפּעט. אויב עס וועט נישט אין אַ קורצער צייט אַרום קומען קיין ענדערונג, וועט די רעאַקציע ווערן אומבאַזיגבאַר. זי וועט טאָלערירן די רעפּובליק אַזוי לאַנג, ביז זי וועט זיין זיכער, אַז זי האָט נישט מורא צו האָבן פאַר קיין אינוואַזיע פון אויסלאַנד. דערנאָך אָבער וועט זי אַראָפּוואַרפן די מאַסקע און זיך ווייזן אין איר אמתער געשטאַלט“.

דעמאָלט האָט אויך סעפּ ערטער זיך אַריינגעמישט אין שמועס. — „וואָס מיר פּרווון איצט פונדאַנען צו טון", האָט ער געזאָגט, „איז צו שאַפן אַ קאָאַ־ליציע פון אַלע מיטל־און דרום־דייטשע שטאַטן, כדי צו ברעכן די פּרייסישע השפּעה".

„און די אויסזיכטן?" האָב איך געפרעגט.

„זענען גוטע", האָט סעפּ געזאָגט, „בעיקר אין טירינגען און בייערן. אָבער אַזעלכע זאַכן ווערן נישט געשאַפן איבער נאַכט; זיי דאַרפן האָבן צייט, כדי צו קענען רייף ווערן".

„וועגן דעם גייט עס טאַקע, בעיקר אין דער היינטיקער צייט", האָב איך געענטפערט, „אָבער די צייט אַרבעט קעגן אונז און פאַר דער רעאַקציע. אויב עס וועט דער אַרבעטערשאַפט נישט געלינגען אין אַ גאַר קורצער צייט אַריינ־צוברענגען אַן ענדערונג, וועלן אַלע שלעכט אָפּשניידן, בתוכם די מערהייט־סאָציאַליסטן".

פון די אַלע שמועסן אין יענעם אָוונט איז מיר וואָס אַמאָל קלאָרער גע־וואָרן, אַז ערטער און אייכהאָרן האָבן זיך געפילט גענוג הילפלאָז לגבי דעם גאַנג פון די געשעענישן און זיי האָבן פונקט אַזוי געטאַפּט אין דער פינסטער ווי אַלע אַנדערע. זיי האָבן זיך וואָס אַן אמת געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס צוריק אויפקומען פון דעם מיליטאַריזם אין דייטשלאַנד קאָן נישט זיין גלייכגילטיק פאַר די אַליאירטע און עס וואָלט אין אַ קורצער צייט אַרום געמוזט פירן צו אַן אַריינמישונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ ווונטש־פאַרשטעלונג, וואָרים די הערשנדיקע קלאַסן פון יענע לענדער זענען דעמאָלט געווען אינגאַנצן פאַרבלענדט פון מורא פאַר דעם רויטן געש־פּענסט, אַז זיי וואָלטן געמאַכט הנחות פאַר יעדער רעאַקציע אין דייטשלאַנד, כדי צו פאַרהיטן פון דעם באָלשעוויזירן אייראָפּע, וועגן וועלכן מען האָט אין יענער צייט אַזוי פיל גערעדט. יעדנפאַלס מוז אָנערקענט ווערן, אַז דאָס קליינע בראַ־אונשווייג האָט געטון אַ סך זאַכן, וועלכע מען וואָלט זיך נישט געקאָנט דערוועגן אין אַנדערע דייטשע שטאַטן, אָבער זיינע שוואַכע כוחות זענען לײדער נישט געווען אימשטאַנד בייצוקומען די מיליטערישע מאַכט פון נאָסקעס מיליטער.

בעת מיין דעמאָלטיקן ווײלן אין בראַאונשוויג בין איך מיך נאָך עטלעכע מאָל צוזאַמענגעקומען מיט ערטערן און אייכהאָרנען. סעפּ ערטער איז שפּעטער פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ נישט ריינער געשיכטע און איז געצוווּנגען געווען זיך אָפּצוזאָגן פון זיין מיניסטער־פּאָסטן. ער האָט וואָס אַן אמת תמיד געזאָגט, אַז דאָס האָבן אים זיינע שונאים אונטערגעשטעלט אַ פּאַסטקע און ער איז דערמיט אפשר נישט געווען אינגאַנצן אומגערעכט, וואָרים אין דער פאַרסמטער פּאָליטישער אַטמאָספערע פון יענע טעג איז מען נישט געווען איבערקלײבעריש אין די מיטלען אָפּצורוימען אַ קעגנער. סעפּ ערטער איז נישט געווען קיין אומטאַלענטירטער מענטש און ער האָט פאַרמאָגט אַ ספּעציעל פינגערשפּיצן־געפיל, וואָס האָט אים געהאָלפן זיך אַן עצה צו געבן אויך אין שווערע סיטו־

אַציעס. וואָס אים האָט געפעלט, איז געווען כאַראַקטער. עס איז מעגלעך, אַז די לאַנגע תפיסה־יאָרן אין זיין בעסטער יוגנט, האָבן אים געשטערט זיך איינער־לעך צו פעסטיקן. דאָס וואָס עס האָט אים געפעלט אין זעלבסטווירדע, האָט ער שפּעטער געפּרוווט צו פאַרטרעטן דורך אַ ביליקן ציניזם, וועלכער האָט אים אָבער געבראַכט גאָר קנאַפּ הצלחה. אין קעגנזאַץ צו אייכהאָרנען, וועלכער האָט אַלס מענטש איבערגעלאָזט ביי מיר אַ זייער גוטן איינדרוק, האָט מען ביי סעפּן קיינמאָל נישט געוווסט, ווו עס האָט אויפגעהערט די פּאָזע און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערנסט. אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט האָט ער זיך אַפילו דערנענטערט צו די נאַציאָנאַליסטן, אָבער קיין ראָלע אין פּאָליטישן לעבן האָט ער שוין קיינמאָל נישט געשפּילט.

די קאָנפערענץ אין בראַאונשווייג האָט נישט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג. צווישן די בערך פופציק דעלעגאַטן פון די וויכטיקסטע טיילן פון לאַנד האָט זיך טאַקע געפונען אַ גרעסערע צאָל יונגעלייט, וואָס האָבן געהאַט אַ סך גוטן ווילן און אויך גייסטיקע רירעוודיקייט, אָבער ליידער זייער ווייניק דערפאַרונג. דער רוב אָבער איז באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע זענען שוין געווען אַזוי איינגאַנצן פאַרסמט פון דער אייביקער קריגעריי צווישן די פאַרשידענע פאַר־טייען, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד געווען אַריינצודרינגען אין די טיפערע סיבות פון דער איינגאַנצן פאַרפלאָנטערטער לאַגע. אָנשטאָט אַריינצודרינגען אין תוך פון דער זאַך, ווי אַזוי אויסצונוצן די דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערע שטימונג, וואָס האָט זיך געוויזן אומעטום אין לאַנד, כדי דורכצופירן אַן אייב־הייטלעכע אַקציע פון די אַרבעטער קעגן דער וואַקסנדיקער קאָנטררעוואָלו־ציע, האָט מען געפטרט די טייערע צייט מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען און פוסטע וויכוחים, וואָס האָבן צו גאָרנישט געפירט.

איך האָב מיך אַ סך מאָל באַמיט קלאָר צו מאַכן פאַר די דאָזיקע מענטשן, אַז די קאָנפערענץ איז נישט דאָס אָרט צו אַנטשיידן צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען, נאָר גיכער אַ מיטל צו געפינען אַן אופן ווי אַזוי מעגלעך צו מאַכן אַן אַלגעמיינע אַקציע פון דער אַרבעטערשאַפט, איידער עס ווערט צו שפּעט. איך האָב זיי דערקלערט, אַז אויך אַ קאָנפערענץ ווי אונזערע, איז שווער, עס זאָלן אויפגעקלערט ווערן מיינונג־פאַרשידנהייטן, אָבער נישט געקוקט דערויף זענען פאַרהאַן זאַכן, וועגן וועלכע מען קאָן קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, היות זיי האָבן פאַר אונז אַלע די זעלבע באַדייטונג. דערצו געהער אָבער קודם כל די קאַטעגאָרישע באַקעמפונג פון דער קאָנטררעוואָלוציע, וואָס איז היינט נאָך מעגלעך צו דערגרייכן בלויז דורך אַ פאַראייניקטער אַקציע פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, ווו עס מוזן דעצידירן די ווירטשאַפטלעכע צוואַנגמיטלען, וועלכע זענען אין רשות פון אַרבעטער־פאָלק. בלויז וועגן די דאָזיקע זאַכן דאַרף מען רעדן, כדי צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, ווייל אויב נישט, באַשטייט די סכנה, אַז אַלע לאָקאַלע אויפשטאַנדן וועלן איינער נאָכן אַנדערן אונטער־

געדריקט ווערן, וואָס וואָלט אין אַ גלייכער מאָס געווען אַן אומגליק פאַר יעדער ריכטונג.

מיינע אויספירונגען זענען טאַקע יעדעס מאָל אויפגענומען געוואָרן מיט אַ סך אַפּלאָדיסמענטן, אָבער דערמיט האָט עס זיך אויך געענדיקט. ווי נאָר די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן, זענען ווידער אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער דיסקוסיע זייטיקע זאַכן און קליינלעכע רכילות, וואָס האָבן בלויז אָראָפּגעפירט פון וועג און אוודאי נישט געקאָנט זיין לטובת דעם אייגנטלעכן צוועק פון דער קאָנפערענץ. אין אַ סך פאַלן איז דערין שולדיק געווען די אומגעשיקטקייט פון טייל דעלעגאַטן, די הויפט־סיבה איז אָבער געווען די איינזייטיקע דאָגמאַטישע אָריענטאַציע, וואָס די דייטשע אַרבעטער־שאַפט האָט זינט יאָרצענדליקער זיך געהאַט אַריינגענומען אין קאָפּ און וואָס האָט געווירקט אויף איר גייסטיקער אַנטוויקלונג ווי אַ ווילד געוויקס אויף אַן ערשט אויפשפּראָצנדיק פעלד.

די קאָנפערענץ האָט לסוף אָנגענומען עטלעכע זייער שיינקלינגענדיקע רע־זאָלוציעס ,וואָס זענען אויף דעם פּאַפּיר זייער גוט אַרויסגעקומען, אָבער אין רעוואָלוציאָנערע צייטן האָבן זיי געהאַט אַ גאָר קנאַפּע באַדייטונג. הגם מיר אַלע האָבן נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט אַזוי קלאָר פאָראויסזען די שפּעטער־דיקע אַנטוויקלונג, וואָס די זאַכן וועלן אָננעמען און דערפאַר זיך אַרומגע־טראָגן מיט גרויסע האָפענונגען, האָב איך פונדעסטוועגן שוין דעמאָלט געפילט, אַז אַן אַ שטאַרקן ווילן וועט מען קיין שום דעצידירנדיקע זאַך נישט דער־גרייכן. פון אַזאַ מין ווילן איז אָבער ביי אַ סך באַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ נישט געווען קיין סך צו באַמערקן. מען האָט צום סאַמע לעצט נאָך אָנגענומען אַ באַשלוס צו רופן אין מאַי אַ נייע קאָנפערענץ, אָבער עס איז שוין דערצו נישט געקומען. דער בעסטער רעזולטאַט פון מיין דעמאָלטיקן וויילן אין בראַ־אונשוויג זענען געווען די פּערזענלעכע באַציאונגען, וואָס איך האָב אָנגעקניפּט מיט פאַרשידענע דעלעגאַטן און אַ גלענצנדיק באַזוכטע פאָלקספאַרזאַמלונג, וועלכע האָט אונזער דאָרטיקער לאָקאַלער גרופּע געבראַכט אַ גרויסן צוווּקס.

צווישן די נייע באַקאַנטשאַפטן, וועלכע איך האָב געמאַכט אויף יענער קאָנפערענץ, האָט זיך אויך געפונען אַ יונגערמאַן פון אַן ערך פינפאונצוואַנציק יאָר, וואָס זיין נאָמען איז מיר ליידער אַרויס פון זכרון. ער האָט פאַרטרעטן עטלעכע לאָקאַלע גרופּעס פון די אומאָפּהענגיקע און פאַרשידענע אַרבעטער־פאַראיינען אין מינכען. זיינע קלאָרע און שכלדיקע אויספירונגען אויף דער קאָנפערענץ און קודם כל זיין אָפן און אויפריכטיק וועזן האָבן אויף מיר גע־מאַכט אַ זייער אָנגענעמען איינדרוק, און אַזוי ווי מיר ביידע האָבן געוווינט אין דעם זעלבן האָטעל, בין איך באַלד געוואָרן מיט אים נענטער באַקאַנט. פון אים האָב איך מיך דערוווּסט טייל וויכטיקע פּרטים וועגן דער טעטיקייט פון גוסטאַוו לאַנדאַואוער און עריך מיזאַם, וועלכע האָבן דעמאָלט ביידע געוווינט אין מינכען און זיך באַטייליקט אויף אַן אָנגעזעענעם אופן אין די דאָרטיקע

געשעעענישן. מיין יונגער פריינט האָט געהאַט אַ גרויסע פּאַרערונג ספּעציעל צו לאַנדאַאוערן, וועלכן ער האָט זייער הויך געשעצט אַלס מענטש און דענקער. ער האָט אים אָנגערופן „דער גוטער גייסט פון דער רעוואָלוציע", וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן פון קיין שום פּאַרטיי־מחלוקה און תמיד אין זין געהאַט די גרויסע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע. ער האָט מיר אויך געגעבן אַ זייער קלאָר בילד וועגן דער דעמאָלטיקער לאַגע אין בייערן און אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז מען מוז זיך יעדן טאָג ריכטן אויף אַ נייעם אויפשטאַנד אין מינכען, ווייל דאָס דערמאָרדן אייזנערן האָט אַריינגעוואָרפן דאָס לאַנד אין אַן אומבאַשרייבלעכן אויפברויז. קיינער אין מינכען, האָט ער געזאָגט, גלויבט נישט, אַז דאָס אומברענגען אייזנערן דאַרף באַטראַכט ווערן בלויז ווי אַ טאַט פון אַן איינצלנעם פאַנאַטיקער. עס הערשט דאָרט גיכער די אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז אַרקאָ איז נאָר געווען אַן אינסטרומענט פון אַ רעאַקציאָנערער פאַרשווערונג, אָרגאַניזירט דורך מענטשן מיט גרויס איינפלוס, וועלכע מען וואָלט באַדאַרפט זוכן אין בערלין.

ווען איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי שטעלט ער זיך פאָר אַ נייעם אויפשטאַנד אין בייערן, אויב דער דאָזיקער זאָל נישט געפינען קיין אונטערשטיצונג אין דעם רעשט דייטשלאַנד, האָט ער געענטפערט מיט דעם גאַנצן יוגנטלעכן אָפּטימיזם:

„קיינער קען נישט פאָראויסזאָגן, ווי אַזוי די זאַכן וועלן זיך אַנטוויקלען. מיר ווייסן נאָר, אַז עס מוז עפּעס געשען, כדי אַרויסצוקומען פון דעם בלינדן געסל, אין וועלכן די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. אורטיילנדיק לויט די רעזולטאַטן פון דער בראַאונשווייגער קאָנפערענץ, זעט טאַקע אויס אין לאַנד נישט זייער געהויבן. אָבער אויב מיר וועלן גאָרנישט איינשטעלן, וועט מען קיינמאָל גאָרנישט געווינען. מינכען האָט שוין אין נאָוועמבער געוויזן פאַר דייטשלאַנד דעם וועג און געצוואונגען אַפילו בערלין צו האַנדלונגען. מען קאָן דעריבער אָננעמען מיט אַ געוויסער באַשטימטקייט, אַז די זאַך וועט אויך דאָס איצטיקע מאָל האָבן אַן ענלעך פּנים. בכל אופן האָט זיך ביי אונז די לאַגע אַזוי פאַרשאַרפט, אַז עס מוז קומען צו אַן אַרויסטריט. אויב די רעשט דייטשלאַנד וועט אונז דעמאָלט פאַרלאָזן, מוזן מיר זעען זיך אַליין אַן עצה צו געבן. אין אַזאַ פאַל אָבער איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז בייערן און אפשר אויך אַנדערע טיילן פון לאַנד וועלן זיך אָפּרייסן פון דער אימפּעריע, כדי צו ראַטעווען פון דער רעוואָלוציע, וואָס מען קאָן נאָך ראַטעווען".

דאָס אומגליק איז אָבער געווען, וואָס אויך אין בייערן איז די אַרבעטער־באַוועגונג געווען געשפּאָלטן אין פאַרשידענע לאַגערס. ווען איך האָב אים דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט ער געזאָגט, אַז אין דעם דאָזיקן פאַל וועלן די געשעענישן גופא שאַפן אַן אחדות אין דער טעטיקייט, בפרט אַז אויך ביי די אָנהענגער פון די מערהייט־סאָציאַליסטן איז צו באַמערקן אַ וואָס אַמאָל גרעסערע אומצופרידנקייט מיט דער רייכסרעגירונג. ווי שטאַרק מיר איז גע־

פעלן געוואָרן זיין יונגע דרייסטקייט, האָב איך דאָך נישט געקאָנט ביי מיר אַרויסבאַקומען דאָס זעלבע האָפענונג־געפיל. די טרויעריקע דערפאַרונגען, וועל־כע מען האָט ביז דעמאָלט געהאַט אין נייעם דייטשלאַנד, זענען באמת נישט געווען גינסטיק דערצו. ער איז נאָך אין זעלבן אָוונט אַוועקגעפאָרן קיין מינכען. ביים געזעגענען האָט ער מיר צוגעזאָגט מיר צו שרייבן באַלד נאָך זיין אָנקומען, אָבער איך האָב שוין קיינמאָל נישט באַקומען פון אים קיין וואָרט. עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער, פונקט ווי אַ סך אַנדערע, האָט ביי די קאַמפן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין בייערן, געמוזט פאַרלירן זיין יונג לעבן.

די מינכענער ראַטן־רעפּובליק

איך בין נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען קיין בערלין, ווי עס איז אין מינכען פּראָקלאַמירט געוואָרן די ראַטן־רעפּובליק. דאָס, וואָס מיין יונגער פריינט אין בראַאונשווייג האָט מיר געהאַט דערציילט וועגן דעם באַלדיקן אָנקום פון אַ נייער אויפשטאַנד־באַוועגונג אין בייערן, איז בכן נישט געווען איבערגע־טריבן. דאָס דאָזיקע בוך דאָ איז נישט קיין געשיכטע פון דער דייטשער רע־וואָלוציע; איך קאָן מיך דעריבער נישט אָפּשטעלן נענטער אויף די איינצלנע עטאַפּן פון יענער באַוועגונג, וועלכע האָט געהאַלטן בייערן און גאַנץ דייטשלאַנד אַ חודש לאַנג אין אַ פיבערהאַפטיקער שטימונג; עס איז אָבער דאָך נויטיק אַ קורצער רעזומען פון יענע פּאַסירונגען, כדי פאַרשטענדלעך צו מאַכן די גע־שעענישן, וועו אַפילו בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן, פאַר מיינע פריינט אין אויסלאַנד.

דער מינכענער ראַטן־רעפּובליק האָט נישט געקאָנט באַשערט זיין קיין הצלחה שוין דערפאַר, ווייל זי האָט באַלד פון סאַמע אָנהייב געהאַט צו טון מיט ממש אומבאַזיגבאַרע שוועריקייטן. קודם כל איז בייערן מיט דער גרויסער אומפאַרמעגלעכער פּויערים־באַפעלקערונג נישט געווען קיין גינסטיקער באָדן פאַר אַזאַ עקספּערימענט. די פּראָווינץ האָט פאַרמאָגט וויניק רוישטאָף און גאָרנישט קיין קוילן, אַזוי אַז איר אינדוסטריע איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אָפּהענגיק פון דעם אַריינפירן רוי־מאַטעריאַלן פון די אַנדערע טיילן פון לאַנד, און די דאָזיקע שוועריקייט האָט געמוזט נאָך גרעסער ווערן, ווען די זאַפּאַסן זענען אינגאַנצן אויסגעשעפּט געוואָרן דורך דער מלחמה. דערצו איז נאָך די אַרבעטער־באַוועגונג געווען געשפּאָלטן פּונקט ווי אומעטום אין דייטשלאַנד, אַזוי אַז עס איז זיך קוים געווען צו ריכטן אויף אַ געאייניקטער טעטיקייט. אַ דערפאָלג וואָלט נאָר מעגלעך געווען, ווען די באַוועגונג זאָל געווען אַרויס־ברענגען אַן אַנטשלאָסענע רעוואָלוציאָנערע אַקציע מצד די אַרבעטער אויך אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. דאָס האָט טאַקע גוסטאַוו לאַנדאַאוער גאָר גיך איינ־געזען, ווען ער האָט אין אַפּריל געשריבן צו אַלפרעד נוימאַן די וואָגיקע ווער־טער: „וויפל אַרבעט! וויפל פּיין! דרום און מערב־דייטשלאַנד דאַרף אונז העלפן! דאָס וואָלט געווען אַ ישועה פאַר דעם גאַנצן פאָלק. אויב נישט...״

נאָך דעם דערמאָרדן אײזנערן איז בײערן אַרײַנגעפאַלן אין אַ גאָר אומ־געװענלעכער פּאָליטישער לאַגע. אַן אומבאַשרײַבלעכער צאָרן האָט אױפגע־ברױזט ברײטע שיכטן פון פאָלק ביז אין די סאַמע טיפענישן. פּונקט װי תמיד אין שטורמישע צײַטן, האָבן זיך אױך דעמאָלט באַלד פאַרשפּרײט די װילדסטע קלאַנגען, אַזױ אַז מען האָט קוים געקאָנט אונטערשײדן צװישן װאָרהײט און דיכטונג. די דירעקטע קאָנסעקװענץ פון דער דאָזיקער פיבערהאַפטיקער שטי־מונג איז געװען אַ רעװאָלװער־אַטענטאַט אין בײערישן לאַנדטאָג, בײַ װעלכן דער מערהײט־סאָציאַליסטישער מיניסטער ערהאַרט אױער איז שװער פאַרװונ־דעט געװאָרן און אַ בירגערלעכער דעפּוטאַט איז אומגעקומען. דער אױספירער פון דער דאָזיקער אומזיניקער פאַרשװערונג, דער קצב־געזעל לינדנער, איז געװען אַ באַגרעניצטער, שטאַרק נערװעזער מענטש, פון װעלכן די יאָרן אױפן שלאַכטפעלד האָבן אינגאַנצן אַ תל געמאַכט, פונדעסטװעגן האָט זײַן טאַט געפירט אין יענער קריטישער צײַט צו גאָר אױסערגעװײנלעכע געשעענישן. די פאַרשטײער פון דעם אַלטן לאַנדטאָג זענען זיך פשוט צעלאָפן און די עפנט־לעכע מאַכט איז פון דעמאָלט אָן געבליבן אין די הענט פון דעם קאָנגרעס פון די בײערישע אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן, ביז עס װעט קענען געשאַפן װערן אַ נײַע רעגירונג.

די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן, װאָס האָבן זיך אין די טעג פון דער נאָװעמבער־רעװאָלוציע געשאַפן אומעטום אין דײַטשלאַנד, זענען אײגנטלעך בלױז געװען אַ נאָכמאַכונג פון דער רוסישער סאָװעטן־אידעע, װעלכע האָט אונטער דעם דרוק פון דער באָלשעװיסטישער דיקטאַטור גאָר גיך פאַרלױרן איר אמתע באַדײַטונג. פונדעסטװעגן װאָלטן די אַרבעטער־ראַטן געקאָנט האָבן אַ שטאַרקן אײַנפלוס אױף דער צוקינפטיקער אױספאָרמירונג פון דײַטש־לאַנד, װען זײ זאָלן געװען ריכטיק פאַרשטײן זײער פּאָזיציע. װעגן דעם אָבער האָט די גרױסע מערהײט פון די דײַטשע אַרבעטער בכלל נישט געהאַט קײן קלאָרע פאַרשטעלונג, און עס איז זיך דערױף גאָרנישט צו חידושן נאָך דער דאָגמאַטישער דערציאונג, װאָס זי האָט באַקומען אין משך פון יאָרצענדליקער. אַזױ אַרום איז די ראַטן־אידעע פאַר דעם רוב פון זײ פאַרװאַנדלט געװאָרן בלױז אין אַ שלאָגװאָרט, װאָס די צײַט האָט געבראַכט און די לינקע פּאַרטײען האָבן עס אױפגעכאַפּט, כדי נוצן צו ברענגען זײערע הײמישע עסקים, װעלכע האָבן אָפטמאָל אַזױ געפּאַסט צום תוך פון דער זאַך װי אַ פױסט צום אױג.

נײַע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן קומען־אױף נאָר דעמאָלט, װען זײ האָבן אונטער זיך גרױסע אידעען, װעלכע זענען שױן אַרײַן אין פלײש און אין בלוט פון די ברײטע פאָלקסשיכטן. אױב דאָס איז נישט אַזױ, בלײַבן זײ נאָר פוסטע שילדן, װעלכע מוזן מחמת דוחק אין אידעען שאַפן אַ במקום און פאַרשלײַערן דאָס אַלטע מיט אַ נײַער פאַרפּוצונג. דאָס איז טאַקע געװען די סיבה, פאַרװאָס די נײַע רײַכסרעגירונג האָט זיך אַזױ גיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן. באמת שעפערישע אידעען קעמפן

פאַר זיך תמיד אויס אין רעוואָלוציאָנערע צייטן אַ פּלאַץ, אַפילו ווען מען קאָן דערביי נישט אויסמיידן קיין שווערע געבורט־ווייען. בלויז שטרעבונגען, וועלכע גייען נישט ווייטער פון פּוסטער שלאָגווערטער־מלאכה, קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט קיין אויסערלעכן ווידערשטאַנד, מחמת עס פעלט זיי די אינערלעכע פעסטקייט, וואָס קאָן נאָר אַרויסוואַקסן פון אַ קלאָרער איבערצייגונג.

פאַקטיש זענען די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן שוין דעמאָלט געווען באַזייטיקט דורך דער רעגירונג אין גרויסע טיילן פון לאַנד אָדער פאַרמשפּט צו אַ נעבעכדיקער עקזיסטענץ. בלויז אין בייערן, בראַאונשווייג און אין אַנדערע קלענערע פּראָווינצן האָבן זיך די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן נאָך געקאָנט האַלטן אַ קורצע צייט, הגם אויך דאָרט האָבן נישט געפעלט קיין פּרוּוון פון זיי פּטור צו ווערן. ספּעציעל אין בייערן האָט מען ביז דעמאָלט ווייניק געשטערט זייער טעטיקייט. נאָר אַזוי אַרום איז צו פאַרשטיין, וואָס נאָך דעם אַנטלויפן פון לאַנדטאָג האָט דער קאָנגרעס פון די אַרבעטער־ פּויערן־ און סאָלדאַטן־ראַטן געקאָנט איבערנעמען אויף אַ שטיק צייט די פאַרוואַלטונג פון די עפנטלעכע ענינים. מען דאַרף אָבער נישט ציען דערפון די מסקנה, אַז מען האָט געהאַט די כוונה צו פאַרוואַנדלען בייערן אין אַ ראַטן־רעפּובליק. דער קאָנגרעס פון די ראַטן איז געווען אַ גענוג קאָנסערוואַטיווע קערפּערשאַפט, אין וועלכער די מערהייט־סינדיקאַליסטן האָבן געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס. דאָס איז שוין געדרונגען דערפון, וואָס בעת עריך מיזאַם האָט דעם 28סטן פעברואַר דאָרט געשטעלט דעם פאָרשלאַג, אַז דער ראַטן־קאָנגרעס זאָל זיך דערקלערן ווי די פאַרטרעטונג פון אַ בייערישער ראַטן־רעפּובליק און באַלד אָנהייבן מאַכן די צוגרייטונגען צו אַ סאָציאַלער ענדערונג אין דעם דאָזיקן זין, איז זיין פאָרשלאָג אונטערגעשטיצט געוואָרן בלויז פון זיבעציק דעלעגאַטן, בעת צוויי הונדערט פיר און דרייסיק האָבן געשטימט קעגן. אַפילו גוסטאַוו לאַנדאַוער, מיזאַמס אַ נאָענטער פריינט און פּונקט ווי ער אַן אַנאַרכיסט, האָט געשטימט קעגן דעם פאָרשלאַג, ווייל ער האָט ריכטיק איינגעזען, אַז ביי דעם דעמאָלטיקן צוזאַמענשטעל פון קאָנגרעס האָט אַזאַ פּרוּוו זיך געמוזט ענדיקן מיט אַ דורכפאַל.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין נירנבערג פאָרגעקומען אַ בשותפותדיקע קאָנפערענץ פון די מערהייט־סאָציאַליסטן, אומאָפּהענגיקע און פון בייערישן פּויערים־בונד, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו העלפן בייערן אויף דעם שנעלסטן אופן צוזאַמענצושטעלן אַ נייע רעגירונג, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם עקזיסטירנדיקן פּראָוויזאָרישן צושטאַנד. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער באַקאַנטער נירנבערגער אָפּמאַך, וואָס האָט דעם 7טן מערץ געזאָלט פאָרגעלייגט ווערן דעם ראַטן־קאָנגרעס צום אַרויסזאָגן זיך וועגן אים און אָפּשטימען.

די וויכטיקסטע פּונקטן פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך זענען געווען: צו באַהאַנדלען מיט דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דעם ראַטן־קאָנגרעס די וואַלן

פון אַ ניי מיניסטעריום, וואָס זאָל באַשטיין פון פאָרשטייער פון בײדע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען און אין וועלכן עס זאָל אויך צוגעגעבן ווערן דעם פּויערים־בונד אַן אָרט פאַר דער לאַנדווירטשאַפט; צוזאַמענצורופן דעם אַלטן לאַנד־טאָג צו אַ קורצער זיצונג, כדי ער זאָל דעם נייעם מיניסטעריום צוטיילן ספּעציעלע פולמאַכטן און איבערגעבן זיינע מיטגלידער די מיסיע אויסצו־אַרבעטן אַ נויטפאַל־קאָנסטיטוציע; אַז די געזעצגעבערישע און עקזעקוטיווע מאַכט זאָל איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פון דער נייער רעגירונג, וועלכער עס זאָל צוליב דעם דאָזיקן צוועק צוגעגעבן ווערן צו איין פאָרטרעטער פון די אַרבעטער־סאָלדאַטן־און פּויערים־ראַטן מיט באַראַטונג־רעכט; די באַלדיקע אויפלייזונג פון דער איצטיקער אַרמיי און די איינפירונג פון אַ פרייוויליק פאָלקס־מיליטער, וואָס זאָל געשאַפן ווערן פון סינדיקאַליסטיש־אָרגאַניזירטע אַרבעטער; דאָס רעכט פון די ראַטן זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין דער פאַר־שטייערשאַפט פון די געמיינדעס, באַצירקן און קרייזן; אַז די ראַטן זאָלן האָבן דאָס רעכט צוצושטעלן דעם פּאַרלאַמענט געזעץ־פּראָיעקטן און צו אַפּעלירן קעגן די באַשטימונגען פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט דורך אַן אויפרוף צום פאָלק; אַ באַלדיקע ווידערדערוויילונג פון ראַטן־קאָנגרעס אין גאַנצן לאַנד לויט די פּרינציפּן פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן; דורך אַ ספּעציעל געזעץ באַלד פעסטצושטעלן די רעכט פון די ראַטן.

פון דעם ספּריטנעם צוזאַמענשטעל פון די דאָזיקע פּונקטן זעט מען קלאָר, אַז זייערע מליצים איז קודם כל געגאַנגען אין דעם, אַז די עפנטלעכע מאַכט זאָל ווידער אַריינקומען אין די הענט פון אַ נאָרמאַלער רעגירונג, ווייל זיי האָבן דעם ראַטן־קאָנגרעס, נישט געקוקט אויף זיין גאַנץ מעסיקער האַלטונג, דאָך נישט געוואָלט שטאַרק געטרויען. אין דער זעלבער צייט אָבער ווייזט די פאָרזיכטיקע פאָרמולירונג גאַנץ בולט, אַז מען האָט זיך געפילט געצוווּנגען צו נעמען אין אַכט די דעמאָלטיקע שטימונג, כדי נישט אַרויסצורופן דעם חשד, אַז מען וויל נאָכטון דעם ביישפּיל פון דער רעגירונג, באַמיענדיק זיך: אָדער אָפּצושוואַכן די ראַטן אָדער זיי אינגאַנצן צו באַזייטיקן. כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, האָט מען קודם כל באַדאַרפט אויף אַ ווי ווייט מעגלעך דיסקרעטן אופן באַזייטיקן דעם ראַטן־קאָנגרעס פון דעם אָנפירן די רעגירונג־ענינים און געזעצלעך אַרומגרענעצן זיינע רעכט, כדי ער זאָל שפּעטער, ביי אַן אפשר ווייניקער נאָכגיביקער מערהייט, נישט האָבן שוין קיין פּרעטענזיעס אויף די רעגירונגס־פונקציעס.

ווען די ביין פּונקטן פון דעם נירנבערגער אָפּמאַך זענען איבערגעגעבן גע־וואָרן דעם קאָנגרעס צום באַראַטן, האָט די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט, וועל־כע האָט דעם צוועק פון דעם דאָזיקן מאַנעווער קלאָר תופס געווען, טאַקע שטאַרק פּראָטעסטירט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט שטערן, אַז דער אָפּמאַך זאָל אָנגענומען ווערן מיט אַ גרויסער שטימען־מערהייט. אַזוי אַרום איז גע־שאַפן געוואָרן די נייע רעגירונג מיט דעם מערהייט־סאָציאַליסט י. האָפמאַן

אַלס פּרעמיער־מיניסטער, וועלכער איז באַלד באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם לאַנדטאַג, וועלכער איז בכיוון פאַר דעם דאָזיקן צוועק צונויפגעפּויקט געוואָרן. אָבער די נייע רעגירונג איז באַלד געשטאַנען אויף זייער שוואַכע פיס, וואָרים הגם זי איז סאַנקציאָנירט געוואָרן סיי דורך דעם ראַטן־קאָנגרעס, סיי דורך דעם אַלטן לאַנדטאַג, האָט זי פונדעסטוועגן נישט געקאָנט באַהערשן די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין לאַנד. איבער דער דאָזיקער שטימונג האָט זי געמוזט איינגיין אויף הנחות, וואָס הגם זיי זענען מייסטנס געווען בלויז אויפן פּאַפּיר, האָט זי געמוזט וועגן זיי באַרואיקן די קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, בעת פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט איז דאָס נאָך אַלץ נישט געווען גענוג, כדי זיך דערמיט צו באַפרידיקן.

דיאומאָפּהענגיקע זענען טאַקע געווען מיטבאַטייליקט אין דעם נייעם מיניסטעריום, אָבער דאָס איז פונדעסטוועגן נישט געווען קיין מניעה, אַז זייער פּראַקטיק אין לאַנד זאָל גאָר גיך אַריין אין אַ שטאַרקן שטרייט מיט דער האָפמאַן־רעגירונג. איינער פון זייערע אַנגעזעענסטע פירער, דער שריפטשטעלער ערנסט טאָלער, איז שוין פריער געהאַט אַרויסגעטרעטן מיט אַ פּראָטעסט קעגן דעם נירנבערגער אָפּמאַך. אפילו גאַנץ באַדייטנדיקע טיילן פון די S.P.D. ־אַרבעטער אין בייערן זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דער דאָזיקער שטימונג. די בלוטיקע מערץ־געשעענישן אין בערלין האָבן נישט ווייניק מיטגעהאָלפן, אַז ברייטע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט זאָלן דורכגעדרונגען ווערן מיט אַ שטילן אומצופרידנקייט. אין בייערן, ווו דאָס דערמאָרדן אייזנערן האָט שוין אַזוי אויך אַרויסגערופן אַ גאָר שטאַרקן אויפברויז, האָט דאָס דאָזיקע נאָך שטאַרקער געמוזט ווערן אָנזעעוודיק. די רעפּרעסיע־מיטלען פון דער רעגירונג, וואָס האָבן אומעטום אין דייטשלאַנד דורך שרייענדיקע פּלאַקאַטן אויף די מויערן אָפּן צוגעגעבן חשק די רעאַקציאָנערע לאַנדקנעכט־פאַרבאַנדן צו זייער ווערביר־אַרבעט, האָט נאָך פאַרשטאַרקט די וואַקסנדיקע אומרו און דריקנדיקע זאָרג פאַר דער נאָענטער צוקונפט.

דעמאָלט איז פּלוצלינג דעם 21סטן מערץ געקומען די ידיעה, אַז מען האָט אין בודאַפּעסט פּראָקלאַמירט די אונגאַרישע ראַטן־רעפּובליק. אין יענער שטיקנדיקער אַטמאָספערע האָט די דאָזיקע ידיעה געמוזט אויפרייסן ווי אַ באָמבע. אין מינכען און אין אַ סך אַנדערע בייערישע שטעט זענען באַלד פאָרגעקומען ריזעדיקע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע האָבן דער אונגאַרישער אַרבעטערשאַפט אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען איז געווען לייכט צו פאַרשטיין, אַז דער געדאַנק פון אַ בייערישער ראַטן־רעפּובליק, וועלכער איז ביז אַהער רעקאָמענדירט געוואָרן בלויז דורך אַ מינדערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט, האָט פּלוצלינג באַקומען אַ גרויסע צאָל אָנהענגער.

דער רעוואָלוציאָנערער פליגל פון די אַרבעטער האָט אין די געשעענישן אין אונגאַרן געזען דעם ערשטן אויפבליץ פון אַן אייראָפּעאישער רעוואָלוציע און

געגלויבט, אַז אַן אַנטשלאָסענער אַנגריף אין בייערן וועט אויך באַוועגן דאָס שכנותדיקע עסטרייך נאָכצוטון אונגאַרנס ביישפּיל, כדי צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר דער קאָנטררעוואָלוציע. אַזוי אַרום איז די ראַטן־רעפּובליק געוואָרן דאָס לאָזונג־וואָרט פון מאָמענט, הגם אויך דעמאָלט האָבן נישט קיין סך געוווסט, וואָס מען דאַרף דערמיט פאַרשטיין.

עס איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי די זאַכן וואָלטן זיך געווען ווייטער אַנט־וויקלט, ווען עס זאָל נישט געווען פּלוצלינג באַקאַנט ווערן, אַז די האָפמאַן־רעגירונג, נישט פאַרשטענדיקנדיק זיך פריִער מיט דעם אויספיר־קאָמיטעט פון ראַטן־קאָנגרעס, האָט צוגעזאָגט די פאַרשטייער פון די בירגערלעכע פּאַרטייען, אַז אויפן 8טן אַפּריל וועט ווידער צונויפגערופן ווערן דער אַלטער לאַנדטאַג. דאָס איז געווען אַן אָפן עובר זיין אויף די אָפּמאַכן מיט דעם ראַטן־קאָנגרעס, וואָס האָט אין אַזאַ קריטישער צייט דורכאויס געמוזט פירן צו אַ דעצידירנדי־קער אַנטשיידונג; נאָך דערצו אַז אין אַלטן פּאַרלאַמענט זענען די סאָציאַליסטן געווען אין דער מינדערהייט און מען האָט דעריבער באַדאַרפט מורא האָבן, אַז דער לאַנדטאַג וועט אָנקומען צו דער הילף פון דער רעגירונג, כדי אויך אין בייערן צו אונטערדריקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, ווי מען האָט דאָס שוין געטון אין בערלין און אין אַנדערע ערטער.

לויט גוסטאַוו נאָסקעס אייגענע מיטטיילונגען האָט האָפמאַן געהאַט אַ שמועס מיט אים און עבערטן אין בערלין, ביי וועלכן נאָסקע האָט אים געגעבן די עצה אַריבערצופירן זיין רעגירונג קיין באַמבערג, וואָס עס איז טאַקע אַזוי געטון געוואָרן. נאָך מער, נאָסקע דערציילט אין זיין בוך פון קיל ביז קאַפּ מיט אַ צינישער אָפנהאַרציקייט, אַז דער לגנאַי באַרימטער אָבערסט פאַן עפּ האָט זיך דעמאָלט געווענדט צו אים און פאַרגעלייגט צוזאַמענצושטעלן אַ פרייוויליקן קאָרפּוס אין בייערן, כדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

„מיר האָבן דעריבער אָפּגעמאַכט", האָט נאָסקע געשריבן, אַז עפּ זאָל פאָרן אין מיליטער־לאַגער אָרדרוף און צונויפזאַמלען מענטשן. היות ער האָט פון דער בייערישער רעגירונג נישט באַקומען קיין געלט, האָב איך פאַר אים אויס־געפּועלט ביי דער רייכסרעגירונג אַ סומע צו זיין רשות. מענטשן, וואָס זאָלן וועלן צושטימען צו עפּן, האָבן זיך געפונען" *).

---

*) פראַנץ פאָן עפּ איז געווען איינער פון די נבזהדיקסטע לוינסאָלדאַטן־פירער אין דעמאָלטדיקן דייטשלאַנד. אַ קאַלטער, האַרטער מענטש, וועלכער איז אַן שום איינזעעניש געגאַנגען איבער טויטע, אויב ער האָט דערביי געהאַט זיינע חשבונות, איז ער געווען דער עכטער טיפּ פון אַ פּאַכאָוו לוין־זעלנער, פאַר וועלכן עס איז פרעמד יעדע מאָראַלישע צו־ריקגעהאַלטנקייט. שוין אַלס יונגער מענטש האָט ער זיך באַטייליקט ווי אַ פרייוויליקער אין דער בלוטיקער אונטערדריקונג פון דעם באָקסער־אויפשטאַנד אין כינע און שפּעטער ביי דער שווידערלעכער אויסראָטונג פון די הערעראָס אין דייטשן אַפריקע. היטלער, וואָס האָט תמיד געהאַט אַ גוטן חוש ביים אויסקלויבן זיינע משרתים צו די רציחות, האָט באַלד נאָך זיין קומען צו דער מאַכט באַשטימט עפּן פאַר שטאַטהאַלטער (גובערנאַטאָר) איבער בייערן.

אַ סך פון די דאַזיקע זאַכן זענען ערשט באַקאַנט געוואָרן, נאָכדעם ווי די מינכענער ראַטן־רעפּובליק האָט באַקומען אַ בלוטיקן סוף. זיי ווייזן דייטלעך, ווי טרויעריק די גאַנצע זאַך איז צוגעגאַנגען באַלד פון אָנהייב אָן. תחילת האָט זיך טאַקע אויסגעוויזן, אַז וואָס שייך מינכען און דרום־בייערן איז געווען אַ הסכם פאַר דער ראַטן־רעפּובליק ביי אַלע ריכטונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט בלויז האָט דער אויספיר־קאָמיטעט פון די אַרבעטער־ פויערים־ און סאָלדאַטן־ראַטן גרינטלעך געענדערט זיין פריערדיקע שטעלונג, נאָר אויך דער מינכענער אַרבעטער־ראַט, וואָס זיין מערהייט איז באַשטאַנען פון S.P.D. אָנהענגער, האָט זיך אַנטשלאָסן פאַר דער ראַטן־רעפּובליק. אפילו עטלעכע מיניסטאָרן און העכערע באַאַמטע פון דער האָפמאַן־רעגירונג האָבן אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז זיי האָבן פּרינציפּיעל גאָרנישט איינצוווענדן און באַטאָנען זייער גרייטשאַפט מיטצואַרבעטן. צי זיי האָבן דאָס געמיינט ערנסט אָדער בלויז געוואָלט געווינען צייט, בלייבט נישט קלאָר.

דעם 4טן אַפּריל איז אין בנין פון דעם קריגס־מיניסטעריום פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זענען געווען פאַרטרעטןביידע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, די סינדיקאַטן, דער פויערים־בונד און אַלע ראַטן־אָרגאַניזאַציעס. בלויז די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט מעשה פלא נישט געשיקט קיין דעלעגאַטן, הגם איינצלנע מיטגלידער פון דער פאַרטיי זענען אָנוועזנד געווען ווי פאַרשטייער פון אַנדערע קערפּערשאַפטן. דאָס איז געווען נאָך מער קשה, ווייל דווקא די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גאָר שטאַרקע אָנהענגערשאַפט, וואָס איז נאָך דורך די געשעענישן אין אונגאַרן באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן, זענען ביז אַהער אויף דעם קאַטעגאָרישסטן אופן געווען פאַר דער ראַטן־רעפּובליק. די מיינסטע האָבן דעריבער אויסגעטייטשט דאָס אויסבלייבן פון דער K.P.D. מיט אַ צופאַל אָדער מיט אַ טעותדיק צונויפרעדן זיך, וואָרים עס האָט קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דווקא די קאָמוניסטן ווילן זיך נישט באַטייליקן אין דער זאַך. מען איז געקומען צו אַ הסכם באַלד אַנצונעמען אַ באַשלוס און שוין דעם אַנדערן טאָג צו פּראָקלאַמירן די ראַטן־רעפּובליק. צום דאַזיקן צוועק האָט די קאָנפערענץ אָנפאַרטרויט גוסטאַוו לאַנ־

די מוראדיקע ברוטאַלקייט פון דעם דאָזיקן אַוואַנטוריסט האָט זיך געגעבן צו דערקענען דורך זיין באַקאַנט ווערטל: „די טשעכישע פראַגע קאָן נאָר געלייזט ווערן, אַז מען וועט אַ דריטל פון די טשעכן פשוט אויסראַטן, דאָס אַנדערע דריטל גערמאַניזירן און די רעשט פאַרטרייבן קיין אַזיע". עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער דאָזיקער קאַלטער רוצח פון פאַך האָט פאַר דעם „סאָציאַליסט" נאָסקע דווקא געטויגט, כדי ביים אונטערדריקן די אַרבעטער אין ריינלאַנד און שפּעטער אין מינכען איבערצוגעבן, אויפן סמך פון זיין רוטין אין מאַסן־רציחות, דאָס אָרט, וואָס איז אים על פי יושר געקומען. עס איז אויך געווען דער, וואָס האָט ביים איינגעמען מינכען געגעבן זיינע לווינסאָלדאַטן דעם באַפעל: „קיין געפאַנגענע נעמט מען נישט".

דאָאוער און עריך מיזאַם צו פאַרפאַסן אַן אויפרוף צום בייערישן פאָלק, וועלכן מען זאָל נאָך די זעלבע נאַכט באַטראַכטן און דעם אַנדערן טאָג פאַרעפנטלעכן.

בעת די פאַרהאַנדלונגען זענען געווען אין גאַנג, זענען גאַנץ שפּעט אָנגעקומען דריי דעלעגאַטן פון דער K.P.D. און געבעטן אַ וואָרט. די דריי זענען אין מינכען געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט און עס איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דריי באַשטימטע פון דער בערלינער פאַרטיי־צענטראַלע, וועלכע זענען ספּעציעל געשיקט געוואָרן, כדי אַריינצוברענגען אַ צערודערונג. נאָכדעם ווי איינער פון זיי האָט דער קאָנפערענץ נעגירט דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ראַטן־רעפּובליק, האָט דער צווייטער דעלעגאַט, אויגען לעווינע־ניסען, אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז זיין פּאַרטיי וואַרפט־אָפּ יעדע צוזאַמענאַרבעט מיט די מיטגלידער פון דער S.P.D. און וועט זיך דעריבער נישט באַטייליקן אין דעם געפּלאַנטן פּרווו. זיינע שאַרפע אָנגריפן קעגן דיביידע אָנוועזנדיקע S.P.D. ־דעלעגאַטן שנעפּענהאָרסט און דור, וועלכע זענען מחמת די לעצטע געשעענישן אין לאַנד געווען טאַקע זייער באַגרייפלעך, האָבן אָבער דערפירט, ווי עס איז געווען פאַראויסצוזען, צו שאַרפע וכוחים, דורך וועלכע די קוים מיט מי דערגרייכטע אייניקייט פון דער מינכענער אַרבעטערשאַפט האָט געמוזט דעפיניטיוו צעשטערט ווערן. אומזיסט האָבן עריך מיזאַם און אַנדערע געפּרווט שלום־מאַכן, ביי וועלכן מיזאַם, אין זיין פליס צו ראַטעווען די אַזוי שווער אויסגעקעמפטע אייניקייט, האָט די קאָמוניסטן געמאַכט די גרעסטע הנחות. פּונקט ווי אַ סך אויפריכטיקע רעוואָלוציאָנערן אין יענער עמאָציאָנירטער צייט האָט אויך ער באַטראַכט די רוסישע רעוואָלוציע ווי דעם אָנהייב פון אַ גרויסער אייראָפּעאישער איבערקערעניש, און ער האָט געזען אין די קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אין דייטשלאַנד געפונען אין דער ערשטער פאַזע פון זייער אַנטוויקלונג, נאַטירלעכע אידעע־חברים.

אָבער אַלע טענות און באַמיאונגען צו איבערצייגן זענען געווען אַרויסגעוואָרפן, וואָרים עס האָט זיך גאַנץ דייטלעך אַרויסגעוויזן, אַז די שליחים פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי־צענטראַלע האָבן געהאַט די מיסיע צו ברענגען די ראַטן־באַוועגונג אין בייערן אינגאַנצן אונטער דער אָנפירונג פון זייער פּאַרטיי. היות אָבער עס איז אין אָנהייב נישט געווען דערצו די מינדסטע אויסזיכט, האָבן זיך די דעלעגאַטן פון דער K.P.D. צוריקגעצויגן מיט כעס פון דער קאָנפערענץ און דורכדעם איז די אינערלעכע אייניקייט פון דער באַוועגונג באַלד פון אָנהייב צעשטערט געוואָרן.

נאָך דעם דאָזיקן אומגליקלעכן אינצידענט האָבן די פאָרשטייער פון דער S.P.D. דערקלערט, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער באַוועגונג נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט צעשטערן די אַחדותדיקע שטימונג פון דער אַרבעטערשאַפט. היות אָבער עס איז איצט דורך דער שטעלונג פון די קאָמוניסטן געשאַפן געוואָרן אַ נייע לאַגע, מוזן זיי פאָדערן, אַז די פּראָקלאַמי־

רונג פון דער ראַטן־רעפּובליק זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף אַכט און פערציק שעה. אין דער דאָזיקער צייט זאָל די קאָנפערענץ שיקן דעלעגירטע, כדי צו־ריקצושטעלן די באַדראָטע אייניקייט און מעגלעך מאַכן אַן איינהייטלעכע האַנדלונג. די מינדערהייט, וואָס איז געווען אַנטשלאָסן אויף אַ תיכפדיקער אַקציע, צווישן זיי לאַנדאַאוער און מיזאַם, האָבן באַלד דערקענט די געפאַר פון אַן אָפּשלעפּעניש און באַקעמפט דעם פאָרשלאַג אויף דעם שטאַרקסטן אופן, זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט פאַרמיידן, אַז ער זאָל לסוף אָנגענומען ווערן.

בעת די דאָזיקע צוויי טעג איז אויך פאָרגעקומען אַ קענטיקע ענדערונג אין דער שטימונג פון די מאַסן. די קאָמוניסטן האָבן זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון דער באַוועגונג, נאָר זיי האָבן אויך באַלד אָנגעהויבן צו פירן אין גאַנצן לאַנד אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער פּראָיעקטירטער „בלומרשטער ראַטן־רעפּובליק", ווי זיי האָבן זי אָנגערופן, וואָס זייגע קאָנסעקווענצן האָבן זיך באַלד געלאָזט באַמערקן. נישט בלויז, וואָס אין נירענבערג, אַאוגסבורג און אַנדערע שטעט, ווו די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעזאָגט זייער מיטאַרבעט, זענען דורך די באַמיאונגען פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע בטל געוואָרן די אָנגענומענע באַשלוסן, נאָר אויך אין מינכען גופא, ווו די קאָמוניסטן זענען געווען שטאַרק פאַרטרעטן אין אַלע ראַטן־פּריינטלעכע קערפּערשאַפטן, איז באַלד אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער באַוועגונג דער גייסט פון אומצוטרוי און צעשפּליטערונג. די האָפענונג, וואָס מיזאַם און אַנדערע האָבן געהאַט, אַז די קאָמוניסטישע אַרבעטער וועלן אונ־טער דער השפּעה פון דער ערשט נישט לאַנגסטיקער גרויסער אַלגעמיינער באַגייסטערונג זיך אָפּזאָגן נאָכצוגיין זייערע פירער, איז אינגאַנצן צונישט געוואָרן און האָט, חוץ קליינע אויסנאַמען, נישט געפונען קיין שום אויפמערק־זאַמקייט.

פון דער אַנדערער זייט האָט די סאָציאַליסטישע האָפמאַן־רעגירונג אין צפון־בייערן אונטער דעם דרוק פון דער רייכסרעגירונג זיך אָפן אַרויסגעזאָגט קעגן דער ראַטן־רעפּובליק. אַ פּרווו פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין עט־לעכע טעג אַרום פּראָקלאַמירט די ראַטן־רעפּובליק אין ווירצבורג, איז אַן גרויסן ווידערשטאַנד גלייך אונטערדריקט געוואָרן, וואָס איז פאַרשטייט זיך פאַר האָפמאַנען און זיינע אָנהענגער געווען פון גרויס נוצן. אַזוי אַרום איז די לאַגע באַלד פון אָנהייב אָן געווען אינגאַנצן פאַרפּלאָנטערט און מען האָט זיך קוים געקאָנט ריכטן אויף אַ דערפאָלג. נישט בלויז וואָס אין בייערן אַליין האָבן צוויי צדדים פּרעטענדירט אויף דער רעגירונג, נאָר אויך די אָנהענגער פון דער ראַטן־רעפּובליק זענען געווען געשפּאָלטן אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן און גראַד אין אַ צייט, ווען עס איז זיי אַזוי נויטיק געווען די אינערלעכע איי־ניקייט. דורכדעם איז נישט בלויז וואָקלדיק געוואָרן די שטעלונג פון די סאָל־דאַטן, וועלכע האָבן ביז אַהער געהאַט שטאַרקע סימפּאַטיעס פאַר דער ראַטן־רעפּובליק, נאָר אויך די קאָנטררעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט זיך

געהאַט פּחדנותדיק באַהאַלטן, זענען דורך דער דאָזיקער צעשפּליטערונג גע־שטאַרקט געוואָרן און ווידער געקריגן מוט אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכ־קייט. עס האָבן אַפילו נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטישע פּרוון, וואָס זענען בעיקר געקומען מצד רעאַקציאָנערע סטודענטן־גרופּעס און האָבן אַוודאי געהאַט דעם ציל צו כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער.

היינט, ווען דער עפּיזאָד פון דער מינכענער ראַטן־רעפּובליק געהערט שוין צו דער געשיכטע, און יעדער קאָן לייכט איבערבליקן די אינערלעכע פאַרבינדונגען פון יענער באַוועגונג, וועט פאַר אַ סך אויסזען אומבאַגרייפלעך, וואָס מען האָט ביי אַזעלכע אומגינסטיקע באַדינגונגען בכלל זיך דעצידירט צו אַזאַ פּרווו. דעמאָלט אָבער זענען די זאַכן געווען גאָר אַנדערש. אַ סך פּרטים פון דעם מיאוסן אינטריגעס־שפּיל, וואָס איז אין יענע טעג געפירט געוואָרן הינטער די קוליסן, זענען נאָך געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט און זיי זענען ערשט אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביי די שפּעטערדיקע פּאָליטישע פּראָצעסן, וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן נאָך דער מפּלה. עס איז געווען אַ תקופה פון רעוואָלוציאָ־נערער פּערמענטירונג אין אַ הויכן גראַד, ווען יעדער טאָג האָט געקאָנט ברענ־גען אומגעריכטע געשעענישן, און די האָפענונגען פון די מענטשן זענען געווען העכער אויפגעשרויפט ווי אין נאָרמאַלע צייטן. עס איז שוין געהאַט אַזוי וויית דערגאַנגען, אַז עס איז שוין נישט מעגלעך געווען קיין צוריקקער אויף דעם אָנגענומענעם וועג. אין אַזעלכע תקופות אַנטוויקלען זיך געוויסע צוואַנג־סיטו־אַציעס, וואָס לאָזן זיך נישט אויסמיידן און פון וועלכע עס קאָנען זיך צום ווינציקסטן צוריקציִען דווקא די אויפריכטיקסטע און אויף קרבנות גרייטע מענטשן, ווייל גראַד ביי זיי ווירקט דאָס געפיל פון פּערזענלעכער אַחריות צום שטאַרקסטן.

אַזוי איז אויך דאָ געווען דער פאַל, ווען די אָפּגעלייגטע קאָנפערענץ פון די ראַטן־אָנהענגער האָט דעם 6טן אַפּריל זיך ווידער פאַרזאַמלט. פון די S.P.D.־מיניסטאָרן איז שוין קיינער נישט געקומען, דאָך איז די פּאַרטיי געווען פאַרטרעטן דורך אַנדערע באַאַמטע. נאָך לאַנגע באַראַטונגען איז אויס־געוויילט געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישער ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאָרן, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטרעטן אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, חוץ די קאָמו־ניסטן. גוסטאַוו לאַנדאַאוער איז באַשטימט געוואָרן פאַר קאָמיסאַר פון דער־ציאונג־עניינים און פאָלקס־אויפקלערונג און אויף זיין און מיזאַמס פאַרשלאַג איז דעם באַקאַנטן פיזיאָקראַט און אָנהענגער פון דער פרייגעלט־טעאָריע, סילוויאָ געזעל, וועלכער איז זייער נאָענט געשטאַנען צו פּרודאָנס אידעען, איבערגעגעבן געוואָרן דאָס אָנפירן מיט דער פינאַנץ־ווירטשאַפט. די אַנדערע פאַרוואַלטונג־עניינים זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די פאַרשטייער פון די ביידע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און דערביי איז דער אויסוואַל נישט תמיד אויסגעפאַלן צום בעסטן.

אַזוי אַרום איז אויף דעם אַנדערן טאָג ביי דעם קלינגען אין אַלע גלאָקן

פראָקלאַמירט געוואָרן די ערשטע ראַטן־רעפּובליק, וועלכע האָט קוים עקזיס־טירט אַ וואָך צייט און איז גאָר גיך פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אַנדער באַשע־פעניש. שוין אין די ערשטע צוויי טעג האָט מען געמוזט דורכפירן ענדערונגען אין דעם צוזאַמענשטעל פון ראַט. דער קאָמיסאַר פאַר פאָלקס־באַוואָפענונג האָט זיך שוין אין ערשטן טאָג צוריקגעצויגן און איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַ קאָ־מוניסטישן סאָלדאַטן־ראַט, וועלכן מען האָט מחמת באַטייליקונג אין דער באַ־וועגונג אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. אַ געוויסער ד״ר ליפּ, וועלכן עס האָט אייגנטלעך קיינער נישט געקענט נענטער, און וואָס איז אויף דעם פאָרשלאָג פון די אומאָפּהענגיקע באַשטימט געוואָרן פאַר קאָמיסאַר פון דער אויסערן־פּאָליטיק, האָט באַלד געמוזט געצוווּנגען ווערן זיך אָפּצוזאָגן פון זיין פּאָסטן, ווייל עס האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ זייער צעטראָגענער מענטש, וואָס האָט נישט קיין שום פעאיקייט צו זיין התחייבות. אויך דער פּאָרזיצער פון דעם ראַטן־קאָמיטעט איז פאַרביטן געוואָרן דורך דעם שריפטשטעלער ערנסט טאָלער. דאָס איז אַוודאי נישט געווען קיין גערעטענער אָנהייב, וועלכער לאָזט זיך אָבער זייער לייכט דערקלערן מיט דער גרויסער איילעניש, מיט וועלכער עס האָבן אין יענער צעטראָגענער נאַכט געמוזט אָנגענומען ווערן די באַשלוסן.

די אַרבעט פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער ראַטן־רעפּובליק, איז פון אָנהייב אָן פאַרגעקומען ביי די גרעסטע שוועריקייטן. הגם ער האָט געהאַט הינטער זיך די גרויסע מערהייט פון דער מינכענער אַרבעטערשאַפט, האָבן זיך אָבער אויף יעדן טריט געלאָזט פילן די אינטריגעס פון די קאָמוניסטן. דערצו נאָך איז די האַלטונג פון די מערהייט־סאָציאַליסטן, וועלכע זענען קיינ־מאָל נישט געווען מיט דעם גאַנצן האַרץ ביי דער זאַך, געוואָרן פון טאָג צו טאָג צווייפלהאַפטער, בעיקר נאָכדעם ווי די האָפמאַן־רעגירונג האָט אין צפון פון לאַנד דערקלערט דער ראַטן־רעפּובליק אַן אָפענע מלחמה. אויך די שטעלונג פון דעם רעכטן פליגל פון די אומאָפּהענגיקע איז געווען מער ווי לעבלעך. אַז די פאַרמעגלעכע קלאַסן האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין נחת רוח פון די תקנות פון אויספיר־קאָמיטעט, איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך. דאָס אויפלייזן די אַלטע פּאָליציי־אָרגאַנען, דאָס באַזעצן די בענק, דאָס אָפּשאַפן דעם באַנק־סוד, די צוגרייטונגען צו לייזן די אַגראַר־פראַגע, די נייע רעפאָרם אין דעם וווינונג־וועזן און נאָך אַנדערע זאַכן האָבן אַריינגעבראַכט דאָס בירגערטום אין אַ גרוי־סער שרעק און באַוויגן זיינע אַנטשלאָסנסטע פאָרשטייער אָנצוקניפּן געהיימע פאַרבינדונגען מיט דער האָפמאַן־רעגירונג, וועלכע האָט שוין געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו דערלאַנגען מינכען אַ גרויסן קלאַפּ. פאַר אָט דעם צוועק האָט מען פאַרשפּרייט אין גאַנץ דייטשלאַנד די אומגלויבלעכסטע קלאַנגען, כדי די באַפעלקערונג אויפצוהעצן קעגן די רעבעלן און אויסגעגאָסן ספּעציעל אויף די פירער פון דער באַוועגונג אַן אמת'ן קויט־מבול פון די מיאוסטע רכילות. אַזוי למשל האָט מען דעמאָלט געקאָנט לייענען אין הונדערטער צייטונגען, אַז

אויף דעם פאָרשלאַג פון גוסטאַוו לאַנדאַאוער איז אין מינכען שוין איינגעפירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק דאָס קאָמוניזירן די פּרויען.

שוין דעם 13טן אַפּריל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאַראַט האָט זיך פעסט איינגענעסטיקט אין מינכען. ביינאַכט זענען אומגעפעּר אַ צענדליק מיט־גלידער פון דעם אויספיר־קאָמיטעט אַרעסטירט געוואָרן דורך אָנגעהעריקע צו דער רעפּובליקאַנישער שוץ־גרופּע, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק גע־שווירן טרייהייט, און אַוועקגעפירט קיין צפון בייערן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען עריך מיזאַם, בעת לאַנדאַאוער איז בלויז דורך אַ צופאַל אַנטרונען געוואָרן פון אַרעסט. דער געפּלאַנטער פּוטש איז אָבער נישט איינגאַנצן געלונגען, ווייל די באַוואָפנטע אַרבעטער האָבן זייער שנעל אַ סוף געמאַכט צו דער זאַך. דאָס איז אָבער גלייכצייטיק אויך געווען דער סוף פון דער ערשטער ראַטן־רעפּובליק, וועלכע האָט קוים עקזיסטירט אַ וואָך צייט. די עפנטלעכע מאַכט איז בכן איבערגענומען געוואָרן דורך די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן לאַנדאַאוערן און די אַנדערע מיטגלידער פון דעם אַלטן אויספיר־קאָמיטעט באַזייטיקט פון די פּאָסטנס און איינגעפירט די אַזויגערופענע ראַטן־דיקטאַטור. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער ראַט פון די פּאָלקס־באַפּולמעכטיקטע, וואָס זיין אָנפירערשאַפט איז אינגאַנצן געווען אין די הענט פון די קאָמוניסטן אויגען לעווינע־ניסען. די נייע רעגירונג האָט באַפוילן צו אַרעסטירן אַ צאָל באַקאַנטע פאַרשטייער פון דער בורזשואַזיע פאַר ערבניקעס און האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיט דעם צוזאַמענשטעלן אַ רויטע אַרמיי. אירע אַנדערע דעקרעטן זענען געבליבן בלויז אויף דעם פּאַפּיר, היות זי האָט פּונקט אַזוי ווי די ערשטע ראַטן־רעפּובליק, גע־האַט ווייניק צייט אויסצופּראָבירן זייער פּראַקטישע ווירקונג.

אויך אין קרייז פון דעם נייעם אויספיר־ראַט־ זענען באַלד אַנטשטאַנען שאַרפע קאָנפליקטן. ערנסט טאָלער און עטלעכע אַנדערע מיטגלידער פון דער U.S.P.D. וואָס האָבן זיך תחילת געהאַט אָנגעשלאָסן צו דער נייער רע־גירונג, האָבן זיך באַלד צוריקגעצויגן פון זייערע פּאָסטנס, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר זאַכן, צו וועלכע זיי האָבן אינערלעך געפילט אַ ווידערווילן. טאָלער האָט ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט דערקלערט: „די דאָזיקע רעגירונג איז אַן אומגליק פאַר דעם אַרבעטער־פאָלק פון בייערן און אירע אָנפירער זענען אַ געפאַר פאַר דעם ראַטן־געדאַנק. זיי צעשטערן אָנשטאָט בויען".

דערווייל האָט די האָפמאַן־רעגירונג זיך געווענדט נאָך הילף צו דער רייכסרעגירונג, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי מינכען איז אַרומגע־רינגלט געוואָרן דורך פּרייסיש און ווירטעמבערגיש מיליטער און עס איז אָפּ־געהאַקט געוואָרן דער צופיר פון קוילן און שפּייז. דעם 27סטן אַפּריל איז פון די פאַבריק־ראַטן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ נייער אויספיר־קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנגענומען דעם באַשלוס דורכצופירן אַ פאַרשטענדיקונג מיט

דער האָפּמאַן־רעגירונג, כדי אויסצומיידן אַ בלוטבאָד. שפּעטער האָבן זיך די פירער פון דער K.P.D. צוריקגעצויגן פון דער רעגירונג, זיי זענען אָבער פונדעסטוועגן געבליבן ביי דער פאַקטישער מאַכט, היות די רויטע אַרמיי איז געשטאַנען אויף זייער זייט. די האָפּמאַן־רעגירונג האָט אָבער אָפּגעוואָרפן יעדע פאַרשטענדיקונג און געפאָדערט, מען זאָל אַרויסגעבן די פירער און זיך אונטערוואַרפן אָן שום באַדינגונגען. אינדערזאַמתן האָט די דאָזיקע משונהדיקע רעגירונג טאַקע נישט געהאַט וואָס צו טון, וואָרים די מיליטערישע מאַכט איז שוין ווידער געלעגן פעסט אין די הענט פון די רעאַקציאָנערע גענעראַלן, וועלכע עס איז קודם כל געגאַנגען אין דעם, אַז די זאַך זאָל אַרויסגעפירט ווערן אויף דעם וועג פון מאַכט, וואָרים נאָר אויף דעם אופן האָבן זיי געקאָנט זיך אַרויסשטעלן ווי די רעטער פון דער באָלשעוויסטישער געפאַר, וואָס וואָלט פאַרשטאַרקט זייער פּאָזיציע און אין דערזעלבער צייט זיי אַריינגעבראַכט די סימפּאַטיע פון אַלע רעאַקציאָנערן אין אויסלאַנד. ווי תמיד, האָט אויך דאָס מאָל זיך געשטעלט אויף זייער זייט דער נאָך נייַע לאַרבערס גלוסטנדיקער נאָסקע, וועלכער האָט שוין געהאַט דערקלערט פאַר אַ רעפּאָרטער פון דעם בערלינער טאַגעבלאַט: „דער רעכענונג מיט די משוגעים אין מינכען מוז ליקווידירט ווערן, אַפילו ווען עס זאָל קאָסטן בלוט".

אַזוי אַרום איז אַלדינג געשען, ווי עס האָט געמוזט געשען. די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן שוין גאָרנישט געהאַט צו געווינען, אָבער געקאָנט אַלדינג פאַרלירן, האָבן פּראָקלאַמירט אויף דעם 30סטן אַפּריל אַ דיקטאַטור פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט זיי טאַקע שוין נישט געקאָנט העלפן, ווייל עס האָט זיי לחלוטין געפעלט אַ מיליטערישע אָנפירונג. ווען דאָס רעגירונג־מיליטער איז דעם 1טן מאַי אַריין קיין מינכען, זענען גרויסע טיילן פון דער רויטער אַרמיי אַליין זיך פונאַנדערגעפאַלן, נאָך איידער עס איז דערגאַנגען צו אַ קאַמף מיט דעם שטאַרקערן קעגנער. בלויז עטלעכע הונדערט האָבן געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן און באמת העלדישן ווידערשטאַנד, זיי האָבן אָבער שוין גאָרנישט געקאָנט ענדערן אין דעם לויף פון די געשעענישן. וואָס דערנאָך האָט פּאַסירט, איז געווען אַ שרעקלעכע איבערחזרונג פון די בערלינער געשעענישן אין יאַנואַר און מערץ. ווי אומגלייך די פּראָפּאָרציע איז געווען, דרינגט שוין אַרויס דערפון, וואָס פון די 557 מענטשן, וואָס זענען לויט דעם אָפיציעלן באַריכט דעמאָלט אומגעקומען, זענען בלויז 38 געווען רעגירונג־סאָלדאַטן, בעת אַלע אַנדערע קרבנות זענען געווען ציווילע און אָנגעהעריקע צו דער רויטער אַרמיי. די גרעסטע טייל פון די קרבנות זענען בכלל נישט געפאַלן אין קאַמף, נאָר זענען ערשט נאָך דער מפּלה פון די רעבעלן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די צעבושעוועטע זעלנער. אַזוי אַרום זענען 21 מיטגלידער פון אַ קאַטוילישן יוגנטפאַראיין, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט די געשעענישן, אַריינגעטריבן געוואָרן דורך די בעסטיאַלישע האָרדעס אין אַ קעלער און דאָרט, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען אויפצווייזן זייער אומשולדיקייט, קאַלט־

בלוטיק און אָן רחמנות אויסגעקוילעט געוואָרן. אַ גאַנצע וואָך האָט זיך מינכען געפונען אונטער דעם צייכן פון ווייסן טעראָר, פון וועלכן הונדערטער מענטשן זענען געפאַלן קרבנות.

נאָסקע האָט שפּעטער געפּרווּט פאַרענטפערן דאָס בלינדע בושעווען פון זיינע פאַרחיהשטע סאָלדאַטן מיט דעם, וואָס אַ געוויסע צאָל ערבניקעס זענען דורך די רעבעלן דערשאָסן געוואָרן. ער האָט אָבער פאַרשוויגן, אַז דאָס דאָזיקע איז געשען ערשט נאָכדעם ווי 21 געפאַנגענע רויטגוואַרדעער זענען אויף דעם באַפעל פון אַן אַזויגערופענעם פעלדגעריכט דערשאָסן געוואָרן אין שטאַרנבערג. אין קיין איינעם פון די שפּעטערדיקע פּראָצעסן קעגן די פאַרשטייער פון דער ראַטן־רעפּובליק האָט נישט געקאָנט צוגעשטעלט ווערן קיין באַווייז, אַז דער באַפעל צו דערשיסן ערבניקעס זאָל האָבן געקומען פון אַן אָנפירנדיקן אַמט. מען מוז גיכער מיט באַשטימטקייט אָננעמען, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ספּאָנטאַנעם אַקט פון אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעלאָדן זייער נקמה ביים געדאַנק וועגן דעם זיכערן טויט, וואָס דערוואַרט זיי. דאָס פאַרכאַפּן ערבניקעס איז אין אַלע פאַלן מיאוס און קעגן אַלע כללים פון גערעכטיקייט, ווייל מען קאָן נישט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן קיין מענטשן פאַר זאַכן, אין וועלכע זיי זענען נישט באַטייליקט. אָבער אין אַ צייט, ווען דאָס מענטשלעכע לעבן איז קיין שמעק טאַבעק נישט ווערט געווען, האָבן לאָגיק און ישוב הדעת נישט געשפּילט קיין שום ראָלע. ווען נישט די שרעקלעכע פאַרברעכנס פון די זיגער, וואָלט יענע מענטשן זיכער קיין האָר נישט געקרימט געוואָרן. אָבער פאַר ווי נידערטרעכטיק מען זאָל האַלטן דעם אַקט פון באַרבאַרישער בלוטיקער נקמה, ווערט ער אינגאַנצן פאַרבלאַסט, ווען מען שטעלט אים אַנטקעגן די מיאוסע פאַרברעכנס, וואָס זענען אין יענע בלוטיקע טעג אומבאַשטראָפט באַגאַנגען געוואָרן דורך נאָסקעס אוניפאָרמירטע תלינים־באַטאַליאָנען קעגן דעם אייגענעם פאָלק.

גוסטאַוו לאַנדאַאוערס סוף

דאָס איז געווען אין יענער בלוטיקער וואָך, ווען אויך גוסטאַוו לאַנדאַאוער איז געפאַלן אַ קרבן פון זיינע מערדער, הגם עס איז געווען גוט באַקאַנט, אַז נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער קורץ־עקזיסטירנדיקער ראַטן־רעפּובּליק האָט ער נישט געהאַט קיין שום שייכות צו די ווייטערדיקע געשעענישן. ווי אַזוי ער האָט זיך באַצויגן צו דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור ווייזט זיך אַרויס פון דעם געפונענעם קאָנצעפּט פון אַ בריוו מיט דער דאַטע פון 16טן אַפּריל, וועלכער איז געווען געווענדט צו דעם נייעם אויספיר־קאָמיטעט. מען לייענט דאָרט צווישן אַנדערע זאַכן:

„אין דער צווישנצייט האָב איך אייך געזען ביי דער אַרבעט, איך האָב מיך באַקענט מיט אייער אויפקלערונג, מיט אייער אופן צו פירן דעם קאַמף. איך האָב געזען, ווי אין קאָנטראַסט צו דעם, וואָס איר רופט־אָן כלומרשטע ראַטן־רעפּובּליק, עס זעט אויס אייערווירקלעכקייט. איך פאַרשטיי אונטער קאַמף עפּעס, וואָס וויל שאַפן באַדינגונגען, וועלכע זאָלן יעדן מענטש דערלויבן צו האָבן אַ חלק אין דעם האָב און גוטס און אין דער קולטור פון דער וועלט — עפּעס אַנדערש וואָס איר. דער סאָציאַליזם, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט, מאַכט לעבעדיק אַלע שעפערישע כוחות; אין אייער ווערק אָבער זע איך, איך באַדויער צו מוזן דאָס זען, אַז איר פאַרשטייט זיך נישט דערויף, נישט אויף דעם ווירט־שאַפטלעכן געביט און נישט אויף דעם גייסטיקן. איך האָב נישט בדעה אויף דעם מינדסטן צו שטערן דאָס שווערע ווערק פון פאַרטיידיקונג, וואָס איר פירט. אָבער איך באַדויער אויף דעם ווייטיקלעכסטן אופן, אַז דאָס, וואָס ווערט איצט פאַרטיידיקט, איז לחלוטין נישט מיין ווערק, קיין ווערק פון וואַרעמקייט און דערהויבונג, פון קולטור און אויפלעבונג".

להיפּך צו עריך מיזאַם, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט אַרויסגעוויזן דעם גאַנצן צוטרוי צו די קאָמוניסטן און ניט געקאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס די פּאַרטיי האָט זיך שאַרף אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער ערשטער ראַטן־רעפּובליק, האָט לאַנ־דאַאוער באַלד פון אָנהייב אָן דערקענט דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און זי באַטראַכט פאַר אַ פאַרשפּעטיקט יאַקאָבינער־

טום אין אַ נײַ מלבוש. נאָך דעם סוף פון דער ערשטער ראַטן־רעפּובליק, װעל־כער ער האָט געשטעלט צו דינסט זײַן רײַך װיסן און קענטעניש, האָט ער גע־לעבט אין הויז פון זײַן פֿרײַנט אײַזנערס אלמנה, װוּ ער איז דעם ערשטן מאַי נאָכמיטאָג אַרעסטירט געוואָרן. עטלעכע פון זײַנע אינטימע פרײַנט האָבן אים שוין מיט אַ פּאָר טעג פריער געעצהט זיך צו באַהאַלטן, בעת ער האָט זיך נאָך לײַכט געקאָנט ראַטעווען. אָבער ער האָט די אַלע וואָרענונגען נישט גענומען ערנסט און איז געבליבן. מען האָט אים צוערשט געבראַכט אויף אַ משא־װאָגן צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטירטע אין דער ראַיאָן־תפיסה פון שטאַרנבערג. פון דאָרט האָט ער מיט עטלעכע אַנדערע געזאָלט צומאָרגנס איבערגעפירט װערן קיין שטאַדעלהיים, אָבער אויף דעם װעג אַהין איז ער אויף אַ שרעקלעכן אופן געשלאָגן געוואָרן דורך די פאַרחיהשטע זעלנער, װעלכע זענען אָנגערײצט גע־װאָרן דורך זײערע אָפיצירן. אײנער פון די דאָזיקע רוצחים, באַראָן פאָן גאַ־גערן, האָט אים געשלאָגן מיט דער איבערגעקערטער זײַט פון רײַטער־קאַנטשיק איבער דעם קאָפּ און אַזוי אַרום געגעבן דעם סיגנאַל צו דערהרגענען דעם אומבאַשיצטן קרבן. אַן עד ראיה האָט שפּעטער דערציילט, אַז לאַנדאַאוער האָט מיט די לעצטע כוחות געשריגן צו זײַנע מערדער: „דערהרגעט מיך שוין! אויב איר זענט מענטשן!‟ מען האָט דעם אומגליקלעכן מענטש גאַנץ פּשוט צעטרעטן מיט די פיס ביז צום טויט. װען ער האָט נאָך אָבער פאַרט אַרויסגעוויזן שוואַ־כע סימנים פון לעבן, האָט אים אײנער פון זײַנע אומדערבאַרעמדיקע פײַניקער אַרײַנגעשאָסן אַ קויל הינטער דעם אויער.

דאָס איז געווען דער שוידערלעכער סוף פון גוסטאַוו לאַנדאַאוער. מיט אים איז אַוועק אײנער פון די שאַרפזיניקסטע און אײדל דענקענדיקע מענטשן פון דײַטשלאַנד. פון אַלע געמײנע פאַרברעכנס פון יענע בלוטיקע טעג איז דאָס דער־מאָרדן לאַנדאַאוערן אפשר געווען דאָס דערשיטערנדיקסטע. אַז אַ מענטש פון זײַן גײַסטיקער גרויס און זײַנע אויסערגעוויינלעכע כאַראַקטער־אײגנשאַפטן האָט געמוזט פאַלן אַ קרבן דורך די מערדער־באַנדעס פון אַ טעמפּן פּראָסטאַק װי נאָסקע, איז ממש סימבאָליש און װײַזט מיט אומדערבאַרעמדיקער קלאָרקײט, פאַרוואָס די דײַטשע רעװאָלוציע האָט שפּעטער געמוזט געפינען איר שוידער־לעכן סוף אין דעם דריטן רײַך.

לאַנדאַאוער איז געווען אײנער פון די װיניציקע גרויסע גײַסט־מענטשן אין דײַטשלאַנד, װעלכע עס האָט נישט געקאָנט אַראָפּפירן פון װעג די מלחמה, װאָס ער האָט פון לאַנג פאַראויסגעזען און איז געווען איבערצײַגט, אַז זי מוז זיך פאַרענדיקן מיט אַ רעװאָלוציע. דווקא װײַל דײַטשלאַנד האָט פאַרלוירן די מלחמה, האָט ער געגלויבט מיט דעם גאַנצן ברען פון זײַן גרויס האַרץ, אַז עס איז געקומען די צײַט פון חרטה און תשובה, די גרויסע אויפלעבונג, װען די כוחות, װאָס האָבן ביז אַהער געדינט דער צעשטערונג פון מולך, װעלן פון איצט אָן זיך פאַראײניקן בײַם שעפערישן װערק פון אַ נײַעם סאָציאַלן און קול־

טורעלן אויפבוי, כדי אַרויסצופירן די מענטשהייט אויף נייע וועגן און נייע צילן.

אין זיין שוין אין 1907 דערשינענעם, מיט פונקען שפּריצנדיקן ביכעלע די רעוואָלוציע, וואָס ווירקט היינט ווי דאָס מאָנונג־וואָרט פון אַ נביא, האָט ער אומברחמנותדיק אַרונטערגעריסן די גאַנצע אינערלעכע פוסטקייט און די אומקולטור פון דער צייט מיט איר טויטער דאָגמאַטיק, מיט אירע מסורה־מעסיק איבערגעגעבענע דענק־פאָרמען און מעכטיק אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט פון דער רעוואָלוציע. וואָרים די רעוואָלוציע איז פאַר דעם דענקער און זעער לאַנדאַאוער נישט געווען קיין מיטל צו באַפרידיקן פּערזענלעכע מאַכט־באַדער־פעניש, נאָר דער קומענדיקער פרילינג, דער ברויזנדיקער, אומבאַגרייפלעכער פּרימיטיווער כוח, וואָס ברענגט אַרויס פון דעם כאַאָס נייע פאָרמען פון דאַזיין, דער גייסט, וואָס מוז ווידער קומען איבער די מענטשן, כדי זיי צו באַפרייען פון דעם זומפּ פון גייסטיקער פוילעניש און פון פאַלשע באַגריפן ,וואָס פאַרמאָגן נישט קיין שום לעבעדיקן אָטעם.

ווען עס איז דערנאָך נאָך אַ פיר יאָר לאַנגן אומזיניקן פעלקער־מאָרד ענדלעך געקומען די רעוואָלוציע, איז לאַנדאַאוער געווען איינער פון די ווינ־ציקע, וועלכע האָבן דעמאָלט באמת געוווסט, וואָס זיי ווילן. ער האָט געאיילט קיין מינכען, ווייל דאָרט האָט זיך אים אויסגעוויזן צו האָבן די בעסטע מעג־לעכקייטן פאַר אַ פרייער אַנטוויקלונג. און היות אויך דאָרט האָבן די מיינסטע געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער דאַזיקער פייער־דיקער נשמה, האָט ער זיי אויפגעקלערט אין שטאַרקע איבערצייגנדיקע ווער־טער די אמתע אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציע — די פעדעראַטיווע פאַראיי־ניקונג פון די גרופּעס, קאָלעקטיוון און פעלקער אין אַ גרויסן בונד פון אַ צו־קינפטיקער סאָציאַליסטישער קולטור, וואָס זיי אַליין זאָלן לייגן די יסודות פאַר איר.

דווקא דערפאַר, ווייל לאַנדאַאוערן איז קודם כל געגאַנגען אין שאַפן עפּעס נייעס, וואָס האָט אויף די אַלטע אויסגעטרעטענע וועגן קיינמאָל נישט געקאָנט דערגרייכט ווערן, איז דער פונדאַמענטאַלער זין פון דעם ראַטן־געדאַנק געוואָרן פאַר אים דער כוללדיקער באַגריף פון אַ פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, וועלכער וואַקסט אַרויס דירעקט פון דעם שויס פון אַרבעטנדיקן פאָלק און געפינט אַן אַנווענדונג פאַר יעדער שעפערישער אַרבעט. ער האָט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס דער רוב פון די דעמאָלטיקע אָנהענגער פון דער ראַטן־אָרגאַניזאַציע אין דייטש־לאַנד און ערגעץ־אַנדערש האָבן קיינמאָל נישט משיג געווען אָדער מוראדיק שלעכט פאַרשטאַנען; אַז אַ באַנייאונג פון דעם גייסטיקן און ווירטשאַפטלעכן לעבן קאָן געשאַפן ווערן נאָר אויף די ערטער פון מענטשלעכער אַרבעט און דורך אַ בונד פון פרייע קאָלעקטיוון און מחמת דעם פאַרטראָגט זי נישט קיין שום אויסערלעכן צוואַנג, דורך וועלכן אירע אָנהענגער ווילן צעשטערן די ריי־כע פילזייטיקייט פון לעבן און איינשטעלן דעם גאַנצן סאָציאַלן פּראָצעס לויט

באַשטימטע נאָרמעס. ער האָט געוווּסט, אַז דווקא די דיקטאַטור איז געווען דאָס צום ווינציקסטן צוגעפּאַסטע מיטל, כדי צו דערגרייכן אַ ניי, מענטשלעך־בכבוד־דיק צוזאַמענלעבן, און ער האָט שוין דעמאָלט געזען, אַז ווייל די דיקטאַטור האָט געזיגט אין רוסלאַנד, זענען דאָרט שוין נישט פאַרהאַן קיין סאָוועטן און דאָס דאָזיקע, מיט וועלכן מען גרויסט זיך נאָך דאָרט היינט אונטער דעם דאָזיקן נאָמען, איז בלויז אַ שרעקלעכע קאַריקאַטור פון אַ אין תוך פּרוכטבאַרן געדאַנק, וועלכן די דיקטאַטור האָט צעקאַליעטשעט און דערגראַדירט צו אַ טויט שלאַגוואָרט:

אין זיין פיינער, אויסגעצייכנטער שריפט, צו די הערן רעפּרעזענטן און מיטאַרבעטער אין דעם ביז איצטיקן מיניסטעריום, וואָס איז געשריבן געוואָרן עטלעכע טעג נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער ערשטער ראַטן־רעפּובליק, האָט לאַנדאַואוער קלאָר אַנטוויקלט זיין באַגריף פון אַ פּאָליטישער און סאָציאַ־לער דעצענטראַליזירונג, ווי אַ נויטיקן פּאָרבאַדינג פאַר אַ נייעם אויפבוי און פאַרענדיקט מיט די פילבאַדייטנדיקע ווערטער:

פּאַר אַזאַ רעפאָרם און איבעראַנדערשונג פון אָנהייב ביז צום סוף איז זיך נישט אויסצומאָלן דעם וועג פון פּאַרלאַמענטאַרישער געזעצגעבונג; דעריבער געפינען מיר זיך אין אַ רעוואָלוציע, איר האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען, ווייל די מענטשהייט דאַרף פון צייט צו צייט האָבן אַ שטויס צו האַנדלען רעוואָלו־ציאָנער. אין ראַטן־רעפּובליק איז נישט צו פאַרשטיין קיין אַנדערע זאַך ווי דאָס דאָזיקע, אַז אַלץ וואָס לעבט אין גייסט און טרייבט צו פאַרווירקלעכונג, ווערט דורך אַ וועלכער עס איז מעגלעכקייט דורכגעפירט. אויב מען שטערט אונז נישט אין אונזער אַרבעט, הייסט דאָס נישט קיין געוואַלט־טעטיקייט; בלויז די מאַכט פון גייסט ווערט אונז פון מוח און האַרץ אַריינגעגעבן אין דער האַנט און פון די הענט אין די איינפירונגען פון דער אויסערלעכער וועלט".

מען האָט לאַנדאַואוערן אָפט אָנגערופן בעל־חלומות און דאָס איז ער טאַקע געווען, ווי עס איז אַ בעל־חלומות יעדער מענטש, וועלכער זוכט אומ־דערמידלעך העכערע פּערספּעקטיוון אין לעבן, וואָרים נאָר פון חלומות ווערן געבוירן נייע ווירקלעכקייטן. ווי אַ קולטור־מענטש אין דער ברייטסטער באַ־דייטונג פון דעם וואָרט, איז דער סאָציאַליזם פאַר אים נישט געווען קיין פּשוטע מעסער און גאָפּל־פראַגע, נאָר די קאָנסעקווענץ פון אַ נייעם באַשאַף אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער טעטיקייט. דווקא די גרויסקייט פון זיין השגה האָט גורם געווען, אַז ער זאָל נישט בלייבן שטיין ווי אַ בטלן פאַר די זאַכן פון דער ווירקלעכקייט, נאָר ער האָט זיך תמיד באַמיט זיי תופס צו זיין דורך זייער איבערלעכער שייכות. ער האָט צו גוט געקענט די פאַרהעלטענישן אין דייטש־לאַנד, כדי זיך נישט אַריינצולאָזן אין איבערגעטריבענע האָפענונגען. ער האָט געוווּסט, אַז עס מוז פריִער קומען אַ נייער גייסט איבער דעם פאָלק, כדי עס צוצוגרייטן צו אַ נייעם אויפבוי און ער האָט אַנגעווענדט זיין גאַנצן גייסט, זיין גאַנצע נשמה, כדי צו דערוועקן דעם דאָזיקן גייסט. ווער עס שאַצט

אים אַפּ אַנדערש, האָט אים קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, וואָרים ער האָט געהערט צו די דאָזיקע, וואָס מוזן אַזוי האַנדלען, ווייל זיי קענען נישט אַנדערש. ער האָט אַמאָל אין אַ הערלעך אַרטיקל צו באַקונינס יאָרצייט אויסגעדריקט זיינע האָפענונגען און בענקשאַפטן און אַלדינג, וואָס ער האָט טיף געפילט, אויף אַ פּרעכטיקן אופן:

„אָבער צי מוז מען דען גלויבן אין דער דערפילונג פון דעם, פאַר וועלכן מען קעמפט? איז דען נויטיק דורכגעדרונגען צו ווערן מיט האָפענונג, כדי צו באַקומען דרייסטקייט? מוז מען דען דווקא וועלן דערלעבן דעם רעזולטאַט פון דעם אייגענעם שאַפן, כדי צו שאַפן? אָט דאָס דאָזיקע, מיין איך, דאַרף אונז לערנען דער מאָמענט פון דערמאָנען באַקונינען, ער דאַרף אונז לערנען די איינציקע זאַך: אָדער מען האָט אַ העכערע נייגונג אָדער מען האָט זי נישט. ביי וועמען די נייגונג צו שאַפן ווערטן פון אַ פולער און גאַנצער מענטשלעכער קולטור איז גרעסער פאַר דעם חשק צו פּערזענלעכן ווילשטאַנד, גרעסער ווי פוילענצעריי און באַקוועמלעכקייט, דער וועט יענע נייגונג באַשטימען און לאָזן געוועלטיקן איבער זיין לעבן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס וועט זאָגן דערצו דער שכל און די פּראַקטישקייט פון די איצט לעבנדיקע מענטשן. אָט דאָס בכן באַדייט פאַר אונז באַקונין, דאָס דאָזיקע אייביק אַלטע און אייביק נייע: אַוועקשטעלן דאָס לעבן אויף אַן אידעע״.

דעריבער טאַקע פאַלט דאָ לחלוטין אַוועק די פראַגע, פאַרוואָס אַ מענטש מיט לאַנדאַאוערס גייסט האָט זיך געקאָנט אַריינלאָזן אין אַזאַ אומזיכערן ענין ווי די מינכענער ראַטן־רעפּובליק. פיליסטער וועלן דאָס קיינמאָל נישט פאַרשטיין. אָבער אַ מענטש, וואָס האָט געפילט און געבענקט אַזוי ווי ער, האָט זיך אין יענער צעשטורעמטער צייט נישט געקאָנט באַגניגענען מיט דער ראָלע פון אַ קאַלטן צוקוקער. ער האָט געמוזט זיך מיטבאַטייליקן, בפרט ווען ער האָט געהאָט אַזוי פיל צו געבן. ווי גוט ער האָט די גאַנצע לאַגע אָפּגעשאַצט, דרינגט אַרויס פון די ווינציקע ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט צו זיין פריינט פריץ מאַאוטנער אין טאָג, ווען די ראַטן־רעפּובליק איז אַנטשטאַנען:

„איך בין איצט דער באַשטימטער פאַר פאָלקס־אויפקלערונג, בילדונג, וויסנשאַפט, קונסט און נאָך עפּעס. אויב מען זאָל מיר געבן עטלעכע וואָכן צייט, האָף איך עפּעס אויפצוטון; אָבער עס קען גאָר זיין, אַז עס זענען בלויז אַ פּאָר טעג און דעמאָלט וועט עס נאָר האָבן געוועזן אַ חלום״. — אַ חלום איז עס טאַקע געבליבן, אַ חלום, וועלכער האָט אים געקאָסט דאָס לעבן, אָבער וועלכן ער האָט געמוזט חלומען, וואָס פאַר אַ פּרייז עס זאָל געוועזן זיין.

מיט גוסטאַוו לאַנדאַאוער האָט דער אַנאַרכיזם פאַרלוירן איינעם פון זיינע אויסגעצייכנטסטע קעפּ אין דייטשלאַנד, איינעם פון זיינע דרייסטסטע און סובטעלסטע דענקער, וועמענס פילזייטיק ווירקן און שטרעבן איז געוועזן טיף פאַרוואָרצלט מיט דעם בעסטן און אומפאַרגענגלעכסטן, וואָס די גייס־

טיקע קולטור פון זיין היימלאַנד האָט אין משך פון יאָרהונדערטער אַרויס־בראַכט. ער איז סיי אַלס מענטש, סיי אַלס דענקער געווען איינציק אין זיין מין, וואָס ער האָט אָנערקענט, דאָס האָט ער געוואָלט, און וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געפּרוווט צו פאַרוואַנדלען אין טאַט. דערפאַר איז ער געבליבן דער אייביקער זוכער, וועלכער איז תמיד געווען אין דער מדרגה פון ווערן און האָט אויסגעמיטן יעדן נסיון איינצושטעלן דעם גייסט אויף פעסטע נאָרמעס און סיסטעמען. ווען ער האָט אין 1908 ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיין בלאַט דער סאָציאַליסט, איינע פון די אויסגעצייכנטסטע צייטשריפטן, וואָס אונזער באַוועגונג האָט ווען עס איז געהאַט, האָט ער אין זיין פּראָגראַם דער־קלערט:

„דער סאָציאַליסט איז אַ בלאַט פון אויפרודערונג, פון פאַרמירן דאָס לעבן. עס רעדט זיך נישט דאָרט וועגן דער מידמאַכנדיקער רוטין, וואָס בלייבט שטענדיק דיזעלבע און זאָגט אַלעמען דאָס, וואָס נעכטן איז געווען. לעבן הייסט: וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס אַמאָל ריינער, וואָס אַמאָל פרישער באַ־פעסטיקן דאָס בעסטע אין זיך און אַרויסברענגען עס אויף דער ליכטיקער שיין״.

נישט געקוקט אויף זיינע אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע פעאיקייטן און זיין פילאָזאָפישער אויסבילדונג, איז ער נישט געווען קיין קאַלטער שכל־מענטש, וואָס יאָגט זיך נאָך בלוטלאָזע געדאַנקען־בילדער און האָט דעריבער פאַרגעסן דעם מענטש און דאָס לעבן. ער האָט גיכער געהערט צו דער קליינער געקליבענער גרופּע, וואָס דענקען מיט דעם האַרץ און פילן מיט די געהירן. דערפאַר איז ער אימשטאַנד געווען אַרויסצוציען אַ טיפערן זין אַפילו פון די קלענסטע זאַכן און אין דעם קליינעם צו דערקענען דאָס גרויסע. דאָס איז געווען זיין כוח, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ געשווירענעם שונא פון יעדן מין פיליס־טערטום, וואָס קאָן נישט אויסקומען אָן פעסטע נאָרמעס און אויסגעטרעטענע געדאַנקען־וועגן. און היות ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט די קלענסטע הנחות פאַר די פיליסטער, אַפילו נישט, ווען זיי האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר סאָציאַ־ליסטן אָדער אַנאַרכיסטן, — און אַזעלכע האָבן קיינמאָל נישט געפעלט אין דייטשלאַנד — איז ער אָפט געבליבן איינער אַליין אויפן שלאַכט־פעלד און געגאַנגען זיין אייגענעם וועג נישט קימערנדיק זיך וועגן דעם אורטייל פון המון.

ווען לאַנדאַואער האָט אין 1899 געמוזט אָפּשטעלן דעם סאָציאַליסט, ווייל די מערהייט פון די דייטשע חברים האָבן נישט מסכים געווען צו זיין מיינונג, אָדער נישט בכוח געווען אים גייסטיק נאָכצוגיין, איז דאָס פאַר אים געווען אַ שווערער קלאַפּ, וואָרים ער האָט פאַר דעם בלאַט געטון דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט, אָבער ער האָט אויך דעמאָלט נישט פאַרלוירן דעם מוט. לאַנגע יאָרן איז ער געווען טעטיק אין ענגערע קרייזן און האָט זיך באַשעפ־טיקט בעיקר מיט אַ פלייסיק לערנען און מיט ליטעראַרישע אַרבעטן. אין יענע יאָרן טאַקע האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַ גענוי שטודירן פּרודאָנס ווערק.

אין די פילצאָליקע שריפטן פון דעם פראַנצויזישן דענקער, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן שריט פאָראויס פאַר זיין צייט, האָט זיין נביאישער גייסט געפונען אַ שטאַרקע אַנרעגונג און אַן אומגעאַנטע פערספעקטיוו פאַר אַ נייעם אָנהייב. דאָס האָט זיך דייטלעך אַרויסגעוויזן, ווען ער האָט אין 1908 געשאַפן דעם סאָציאַליסטישן בונד, וואָס זיין סטאַטוט איז באַשטאַנען פון צוועלף טעזן. דער בונד האָט געזאָלט צוגרייטן אַ צוזאַמענאַרבעט פון פראַקטישע פרוון און סאָציאַליסטישער געדאַנקען־טעטיקייט, עס האָט געזאָלט געמאַכט ווערן אַן אָנהייב, כדי די מענטשן זאָלן איינזען, אַז די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם איז נישט אָפּהענגיק פון אַ באַשטימטער צייט און נישט אָנגעוויזן אויף קיין באַשטימטער פאַרעם פון פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן; אַז אייגנטלעך איז פאַר אים תמיד פאַרהאַן אַ שעת הכושר, כל זמן עס געפינען זיך מענטשן, וועלכע ווילן באמת אים פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעכקייט, מענטשן, וואָס זענען גרייט און מרוצה אַליין צו מאַכן געשיכטע, אַנשטאַט גלייכגילטיק זיך צו לאָזן טרייבן מיט דעם שטראָם פון די געשעענישן.

דאָס גרינדן דעם בונד איז צוגעגרייט געוואָרן דורך צוויי רעפעראַטן פון לאַנדאַואַרן, וועלכע זענען שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זיין באַקאַנטן אויפרוף צום סאָציאַליזם, וואָס וועט תמיד בלייבן אַ קלאַסישע שאַפונג אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער קליינער חיבור איז געווען אַ נאַטירלעכער המשך פון זיין ווערק די רעוואָלוציע, וואָס איז דערשינען מיט פיר יאָר פריער. עס איז געווען אַ גלענצנדיקע אָפּרעכענונג מיט די ווירט־שאַפט־פאַטאַליסטישע אויפפאַסונגען פון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, בי־טער שטראָפנדיק זיינע כהנים. וואָרים לאַנדאַואַער האָט געוווסט, אַז די לערע פון מאַרקסיזם האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם סאָציאַליזם דעם זעלבן דרוק ווי די דאָגמעס פון דער קירך אויף דעם קריסטנטום. דערפאַר האָט זיין רוף גע־קלונגען:

„דאָ מאַרקסיזם, דאָרט סאָציאַליזם! מאַרקסיזם: די גייסטלאָזיקייט, די פּאַפּירענע בליאונג אויף דעם באַליבטן דאָרן־קוסט פון קאַפּיטאַליזם. סאָציאַ־ליזם: דאָס נייע, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער פוילעניש; די קולטור, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער פאַראייניקונג פון גראָבקייט, נויט און תקיפות, קעגן דעם מאָדערנעם שטאַט און דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם“.

די פרעכטיקע הקדמה, וואָס ער האָט צוגעגעבן צו דער צווייטער אויפ־לאַגע פון דעם קליינעם חיבור, וועלכער איז דערשינען עטלעכע וואָכן נאָך נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, פאַרענדיקט זיך ביים סוף, וואָס ווירקט כמעט ווי אַ פּאַרגעפיל פון דעם גורל, וועלכער איז אים באַשערט געווען מיט פיר חדשים שפּעטער, אַזוי:

„וואָס שטעקט אין לעבן? מיר שטאַרבן באַלד, מיר שטאַרבן אַלע, מיר לעבן גאָרנישט. עס לעבט נישט קיין זאַך, וואָס מיר מאַכן, וואָס מיר טוען; די שאַפונג

לעבט, דאָס געשאַפענע נישט; בלויז נאָר דער באַשעפער. עס לעבט נישט קיין זאַך חוץ דער טאַט פון ערלעכע הענט און דאָס ווירקן פון ריינעם אמתן גייסט".

לאַנדאַאוערס פערזענלעכקייט האָט געפונען איר פולן אויסדרוק אין זיין גרויסן בריוו־וועקסל און אין זיינע אומצאָליקע אַרטיקלען, וואָס אַ סך פון זיי זענען שפּעטער איינגעשלאָסן געוואָרן אין די ווערק רעכנשאַפט, דער ווערנדיקער מענטש און אַנהייב, וואָרים ביי אים פּאַלט זיך צונויף די טיפקייט פון די געדאַנקען מיט דער פּאַרמירונג פון דער שפּראַך, ווי עס איז זעלטן צו טרעפן. די קורצע, דערפאַר אָבער אינהאַלטרייכע הקדמה, וואָס ער האָט געגעבן צו זיין זאַמלונג בריוו פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די צאָלרייכע באַמערקונגען, וועלכע דינען ווי אויפקלערונגען צו יענע בריוו, גיבן דעם לייענער אַ טיפערן איינבליק אין די געשעענישן פון יענער גוואַלדיקער צייט, „וואָס מיר וויסן נישט, ווען זי וועט ווידער קומען", ווי טייל גרויסע געשיכטע־ביכער, וואָס זענען פאַרקריפּלט דורך פּאַרטיי־שנאה אָדער זכותים־זוכעניש. וואָרים דאָ פילן מיר די פאַרבאָרגענע שטימונגען פון די האַנדלענדיקע, שלעכט־באַהאַנדלטע און אָבסערווירנדיקע פּערזאָנען פון יענער דראַמאַטישער עפּאָכע — מיט איין וואָרט, די נשמה פון דער גרויסער רעוואָלוציע, אַזוי ווי לאַנדאַאוער האָט זי געזען.

ווער עס וויל זיך באַקענען מיט לאַנדאַאוערן דעם פילאָזאָף, זאָל נעמען אין דער האַנט אָריין דאָס אינהאַלט־רייכע ביכל סקעפּסיס און מיסטיק, צו וועלכן ער איז אָנגערעגט געוואָרן דורך פריטץ מאַאוטנערס גרויסע שפּראַך־קריטישע ווערק. עס איז קוים מעגלעך צונויפצונעמען אין 154 זייטן אַזאַ גרויסע שפע פון טיף־אַריינדרינגענדיקע געדאַנקען, אַזוי ווי זיי זענען דאָ געגעבן וועגן דעם אייביק נייעם און אייביק אומגעלייזטן פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש און אירע גרענעצן. די באַרבאַרן פון דריטן רייך, וועלכע האָבן אים אפילו אין קבר נישט צורו געלאָזט, האָבן לאַנדאַאוערן גע־זידלט, אַז ער איז אַ פרעמדער ייד, אָבער דער דאָזיקער ייד, וועלכער איז אגב געבוירן געוואָרן אין קאַרלסרוע, איז דווקא דאָרט אין דייטשלאַנד גע־ווען אינגאַנצן אינדערהיים, ווו יענע פולשטענדיקע אידיאָטן וועלן תמיד בלייבן פרעמדע: אין דעם גרויסן אוצר פון דער דייטשער ליטעראַטור און קונסט, אין דעם גרויסן היכל, וועלכן די איידלסטע און אויסדערווייילטסטע מענטשן פון גייסט אין דייטשלאַנד האָבן אויפגעבויט אין משך פון יאָרהונדערטער, כדי די נידערטרעכטיקע הענט פון אַ טעמפּער האָרדע סאַדיסטישע רוצחים און אונטערצינדער זאָלן שפּעטער קענען אַריינשליידערן דעם פייער־פּאַקל אין דעם דאָזיקן הייליקטום פון אַ גאַנץ פּאָלק. זיינע גייסטרייכע רעפעראַטן און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער דייטשער ליטעראַטור זענען פאַר אים געווען אַ כבוד־פאַרשאַפנדיקער באַווייז, ווי טיף דער דאָזיקער פרעמדער ייד איז געווען פאַרוואָרצלט מיט דער געדאַנקענוועלט פון לעסינג, הערדער, געטע, שילער, זשאַן פּאָל, העלדערלין און אַ סך אַנדערע. זיינע אויסגעצייכנטע רעפעראַטן

וועגן שעקספיר, וועלכע מאַרטין בובער האָט אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט אין צוויי גרויסע בענד, הגם עס איז לאַנדאַאוערן נישט באַשערט געווען זיי צו פאַרענדיקן, ווייזן וואָס דייטשלאַנד האָט אין אים פאַרלוירן, ווייל ער האָט נאָך געהאַט אַזוי פיל צו געבן און ער איז ערשט ניין און פערציק יאָר אַלט געווען, ווען ער איז געפאַלן פון אַ מערדערישער האַנט.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן איינדרוק, ווען איך האָבן דעם 3טן מאַי אין עטלעכע טרוקענע ווערטער געלייענט אין דער פּרע־סע די ידיעה וועגן זיין טויט. איך בין גראָד געזעסן ביי דער אַרבעט, בעת ווילהעלם ווערנער איז אַריינגעקומען אין צימער מיט אַ צייטונג אין דער האַנט. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט און האָט מיר נאָר שטום אָנגעוויזן אויף דער קורצער, גורלדיקער האַרטער ידיעה. איך האָב געפילט, ווי דאָס גאַנצע בלוט איז מיר פּלוצלינג אַנטרונען געוואָרן פון האַרץ. איך האָב קוים געקאָנט באַגרייפן, אַז דאָס דאַזיקע גרויסע מיט דער לויטערסטער מענטשנליבע פולע האַרץ זאָל האָבן אויפגעהערט צו קלאַפּן. די ברוטאַלע קאַלבע־קלעפּ פון עטלעכע פאַרחיהשטע פאַרשוינען האָבן גלייכגילטיק צע־שמעטערט אַ כלי, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַזאַ איידעלער גייסט, וואָס האָט אַזוי טיף תופס געווען דעם עלנט פון די צייטן.

אויך ווילהעלם ווערנער האָט געמוזט האָבן אַן ענלעך געפיל, וואָרים איך האָב גאַנץ גוט געשפּירט, ווי שווער דער דאַזיקער קלאַפּ האָט אים געטראָפן. ער איז דאָך מיט דעם נפטר געווען אַ סך נענטער ווי איך. ווען לאַנדאַאוער האָט אין 1895 איבערגענומען די רעדאַקציע פון סאָציאַליסט, בין איך שוין געהאַט אַוועק פון דייטשלאַנד, בעת ווערנער האָט מיט אים צוזאַמען דורכגע־קעמפט יענע שטורמישע יאָרן און ער איז מיט אים אַלס מענטש אויך געווען זייער נאָענט.

איך האָב מיך מיט לאַנדאַאוערן פּערזענלעך באַקענט אין 1896 בעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, אָבער אונזערע באַ־ציאונגען זענען דעמאָלט געווען גאַנץ אויבערפלעכלעך, היות ער האָט גע־מוזט באַלד נאָך דעם קאָנגרעס צוריקפאָרן קיין בערלין. ערשט אין האַרבסט 1901 האָב איך אים ווידער געטראָפן און בין מיט אים נענטער באַקאַנט גע־וואָרן. ער איז דעמאָלט מיט זיין פרוי, דער באַקאַנטער דיכטערין העדוויג לאַכמאַן אַוועק קיין לאָנדאָן צוליב שטודיר־צוועקן און האָט גראָד געוווינט אומ־געפער ניין חדשים אין בראָמליי אין נאָענטסטער שכנות פון קראָפּאָטקינען. אגב האָט ער קראָפּאָטקינס „דריי ווערק קעגנזייטיקע הילף, לאַנדווירטשאַפט, אינדו־סטריע און מלאכה און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע מייסטערהאַפט איבערגע־זעצט אויף פראַנצויזיש. קראָפּאָטקין האָט אים דערציילט וועגן מיין טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער פון דער איסטסייד, און מחמת ער האָט זיך דערמיט שטאַרק אינטערעסירט, זענען מיר גאָר גיך געקומען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט, הגם ער האָט דעמאָלט געלעבט צוריקגעצויגן און חוץ די קראָפּאָטקינס, וויל־

העלם ווערנער, טאַרידאַ דעל מאַרמאָל און עטלעכע דייטשע חברים ווי קאַרל בילער און היפּאָליט האַוועל, האָט ער אָנגעהאַלטן ווייניק באַקאַנטשאַפטן. צום לעצטן מאָל האָב איך אים געזען אין קראָפּאָטקינס הויז, קורץ פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין דייטשלאַנד אין מאַי אָדער יוני 1902. איך בין דעמאָלט געפאָרן מיט ווילהעלם ווערנער קיין בראָמליי, ווו מיר האָבן ביי קראָפּאָטקינען אויך געטראָפן טאַרידאַ, טשערקעסאָוו און נאָך עטלעכע אַנדערע פריינט. דער שמועס האָט אין יענעם נאָכמיטאָג זיך געדרייט כמעט בלויז וועגן דעם מעכטיקן אויפבלי פון דער באַוועגונג אין שפּאַניע, פון וועלכן טאַרידאַ האָט געהאַט צו דערציילן אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים, וועלכע לאַנדאַאוער האָט פלייסיק פאַרצייכנט אין נאָטיצבוך. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב אים באַגעגנט.

ווען איך בין ענדלעך כמעט זיבעצן יאָר שפּעטער צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד, האָט לאַנדאַאוער געוווינט מיט זיינע קינדער אין קרומבאַך, שוואַבן, ער איז אָבער באַלד דערנאָך אַוועקגעפאָרן קיין מינכען, ווו ער האָט זיין גאַנצע צייט אַוועקגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין קרומבאַך איז מיט אַ יאָר פריער געהאַט אַוועקגעריסן געוואָרן פון אים זיין פרוי דורך אַ שווערער קראַנקהייט. דאָס איז געווען דער שווערסטער קלאַפּ אין זיין לעבן, וואָרים דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן צוויי מענטשן, ווי דאָס לעבן וואָלט זיי גאָרנישט בעסער געווען געקאָנט צוזאַמענפירן.

„דאָס וואָס איך האָב געקענט העדוויג לאַכמאַן נישט בלויז אויף מיין אופן, נאָר אויך אויף איר אופן, איז געווען מיין גליק און וועט פון איצט אָן בלייבן מיין גורל", האָט ער דעמאָלט געשריבן צו יוליוס באַב. דערמיט איז געווען געזאָגט אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה.

איך האָב געהאַט דעם הייסן באַגער זיך ווידער צו באַגעגענען מיט לאַנדאַאוערן נאָך אַזוי פיל יאָרן און פון זיין אייגן מויל צו הערן, ווי אַזוי ער שאַצט אָפּ די דעמאָלטיקע לאַגע אין דייטשלאַנד; אָבער די דאָזיקע האָפענונג איז ליידער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. ווען איך בין אין דעצעמבער 1920 דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין מינכען, האָט ער זיך שוין נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע. דורך דער אָנרעגונג פון דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער פאַראייניקונג אין מינכען זענען מיט גרויס קרבנות־גרייטקייט מצד דער אַרבעטערשאַפט געשאַפן געוואָרן די מיטלען, כדי אים צו שטעלן אַ בכבודיקע מצבה, וועלכע האָט געזאָלט אָפּגעדעקט ווערן דעם 2טן מאַי 1925 אויף דעם וואַלדפרידהאָף. דער חבר אַלאָיס סיריך האָט מיר אין נאָמען פון די קאַמעראַדן געשיקט אַן איינלאַדונג, איך זאָל מיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער פייערלעכקייט. אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַהינצופאָרן, איז די דאָזיקע מאַניפעסטאַציע פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי. ערשט אין פיר אָדער פינף חדשים אַרום האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן לאַנדאַאוערס קבר מיט דעם ריזעדיקן פּרימיטיוו צוגעטעסעטן שטיין, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך דעם פשוטן עפּיגראַף: 1870 Gustav Landauer 1919

איבער דעם עפיגראַף זענען געשטאַנען די ווערטער, וועלכע זענען גענומען געוואָרן פון זיין אויפרוף צום סאָציאַליזם:

„איצט דאַרף מען ברענגען נאָך קרבנות פון אַן אַנדערן מין, נישט קיין העראָאישע, נאָר שטילע, נישט אָנזעעוודיקע קרבנות, כדי צו געבן אַ ביישפיל פאַר דעם גערעכטן לעבן".

אָבער מען האָט דעם טויטן אַפילו אין קבר נישט פאַרגינען קיין מנוחה. ווען די ברוינע האָרדעס פון דריטן רייך זענען געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיי צעבראָכן די מצבה, וואָס די ליבשאַפטלעכע סאָלידאַריטעט פון די אַרבע־טער האָט אויפגעשטעלט פאַר זייער גרויסן נפטר און אַוועקגעשיקט לאַנדאַ־אוערס געביין אין אַ זאַק צו דער יידישער קהילה אין מינכען.

די שרעקלעכע אונטערדריקונג פון דער בייערישער ראַטן־רעפובליק איז געווען אַ נייער סימן, אַז די דייטשע רעוואָלוציע איז שוין געווען אַ פאַרמשפטע, נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט זיך רעכט צו אַנטוויקלען. אַלץ וואָס האָט זיך דעמאָלט געראַטעוועט פון דעם סאָלדאַטסקע מאָרד־חשק, איז באַלד דערנאָך נאָך גרינטלעכער ליקווידירט געוואָרן דורך דער באַרבאַריי פון די געריכטן. די זעלבע ריכטער, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ צערטלעך איינזעעניש פאַר אַלע פאַר־ברעכנס פון דער קאָנטערעוואָלוציע, האָבן נישט געוווסט פון קיין שום גנאָד, ווען זיי איז אויסגעקומען צו משפטן אמתע רעוואָלוציאָנערן. דאָס דאָזיקע איז אויך אין בייערן נישט געווען אַנדערש. די מייסטע פון די באַקאַנטע אָנפירער פון דער ערשטער און צווייטער ראַטן־רעפובליק, אויב זיי זענען נאָר נישט געפאַלן ווי קרבנות פון סאָלדאַטישער נקמה אָדער האָבן נאָך געקאָנט באַציטנס זיך ראַטעווען, זענען פראָצעסירט געוואָרן פאַר הויכפאַרראַט. אויגען לעווינע־ניסען, וועלכער האָט זיך פאַרטיידיקט פאַר זיינע ריכטער מיט מוטיקער פעסט־קייט, איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט און באַלד דערנאָך דערשאָסן געוואָרן. ערנסט טאָלער איז פאַרמשפט געוואָרן צו פינף יאָר פעסטונג און א. וואַדלער צו אַכט יאָר אויסבעסערונג־תפיסה. די שווערסטע שטראָף האָט באַקומען עריך מיזאַם, וועלכער איז פאַרמשפט געוואָרן צו פופצן יאָר פעסטונג. דער פראָ־קוראָר האָט אים רעקאָמענדירט די מיליטער־ריכטער מיט די ווערטער: „מיזאַם איז און בלייבט די גרעסטע געפאַר פאַר יעדער מלוכה־געזעלשאַפט". מיזאַם האָט זיך מיט גרויס מוט פאַרטיידיקט און פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די שניי־דנדיקע ווערטער:

„איך פיל מיך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייך, מיינע הערן; פאַראַנט־וואָרטלעך פיל איך מיך פאַר דעם פאָלק, פאַר וועלכן איך לעב און אַרבעט און בלויז דאָס פאָלק קאָן מיך משפטן. איך בעט אייך נישט וועגן קיין מילדערנ־דיקע אומשטענדן, אָדער אַז איר זאָלט מיר אַרויסווייזן אַ ספּעציעל פריינטלעך געפיל. איך דאַרף נישט בעטן, איך דאַרף פאַרלאַנגען און טאָקע דעם באַפריי־אונג־אורטייל. דאָס פאָלק באַטראַכט דאָס קריגס־געריכט ווי אַ קאָנטררעוואָ־לוציאָנערע אינסטיטוציע, וואָס איר הויפּט־סימפּטאָם איז אַנצוווענדן דאָס פאַר־

רעוואָלוציאָנערע רעכט אויף רעוואָלוציאָנערע פאַרהעלטענישן. דאָס אָבער טוט די האָפמאַן־רעגירונג און דערמיט דאָקומענטירט זי זיך ווי אַן אינסטרומענט פון דער קאָנטררעוואָלוציע. איך בין איבערצייגט, אַז דער סוף פון מיין אַרעסט וועט נישט באַשטימט ווערן לויט דער מדרגה פון אייער אורטייל, נאָר לויט דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציע און דעם ווילן פון פּראָלעטאַריאַט".

ווען עריך מיזאַם זאָל נישט געווען שוין דריטהאַלבן וואָכן פאַר דעם איינגעמען מינכען אַרעסירט און פאַרשלעפּט ווערן קיין צפון־בייערן, וואָלט ער זיכער געווען געהאַט גוסטאַוו לאַנדאַאוערס גורל. ווען מען טוט אַ טראַכט, ביי וואָס פאַר אַ שרעקלעכע באַדינגונגען ער איז שפּעטער דורך די באַרבאַרן פון דריטן רייך אין משך פון די 17 חדשים לאַנגזאַם פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט, מוז מען גוסטאַוו לאַנדאַאוערס שרעקלעכן סוף באַטראַכטן כמעט ווי אַ זאַך, וואָס איז ווערט מקנא צו זיין.

די מפּלה פון מינכען איז געווען איינער פון די גרויסע ווענדפּונקטן אין דער דייטשער רעוואָלוציע. נאָך דעם גרויסן בלוט־אָפּפלוס אין בערלין און דער אונטערדריקונג פון די לאָקאַלע אויפשטאַנדן אין ברעמען, זאַקסען, מיטל־דייטשלאַנד און ריינלאַנד, איז דרום־דייטשלאַנד געבליבן די לעצטע האָפענונג, וואָס איז איצט אויך דערשטיקט געוואָרן אין סאַמע אויסשפּראָץ. די באַשיצער פון דער דייטשער רעפּובליק, אין זייער פּחד פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן אין דער אומגלויבלעכער פאַרבלענדעניש אַרויסגערופן שוץ־כוחות, וועלכע זיי האָבן שוין נישט געקאָנט פאַרטרייבן און דורך וועלכע זיי האָבן לסוף גע־מוזט פאַלן קרבנות.

בלויז נאָר איין מאָל נאָך האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט אָפּצושטעלן די מיליטערישע קאָנטררעוואָלוציע, ווען קאַפּ און זיינע אומגעדולדיקע אונטער־שטיצער זענען געווען גענוג אומפאַרזיכטיק פּריצייטיק זיך צו פאַרמעסטן אויף אַ קלאַפּ קעגן דער רעפּובליק. אָבער אויך די דאָזיקע לעצטע געלעגנהייט איז צונישט געוואָרן, אַזוי ווי אַלץ איז נישט אויסגענוצט פאַרלוירן געגאַנגען אין דער דאָזיקער משונהדיקער רעוואָלוציע פון די פאַרשפּעטיקטע אָדער דורכגעלאָזטע געלעגנהייטן.

די פרייד פון שוץ־אַרעסט

די קאָנסטיטוציע פון ווײַמאַר איז בלי ספק געווען עפּעס אַ נייעס אין דייטשלאַנד. זי האָט באַזייטיקט די פּאַרטאַטשנע לאַטעס פון דער אַלטער געזעץ־לעכער אָרדענונג, וואָס האָט גאַנצע פופציק יאָר געהאַמעוועט די דעמאָקראַ־טישע אַנטוויקלונג אין לאַנד און גאַראַנטירט יעדן בירגער די פּערזענלעכע זיכערקייט און דעם פרייען מיינונג־אויסטויש אין וואָרט און שריפט. זי האָט נאָר געהאַט דעם קליינעם חסרון, וואָס יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט זי געקאָנט דערקלערט ווערן דורך דער רעגירונג פאַר אומגילטיק, כדי זי צו פאַרבייטן מיט דער ווילקיר פון פאָליצייאישע פאַראָרדענונגען. אין אַזעלכע פעריאָדן, וואָס האָבן זיך וואָס אַמאָל אָפטער איבערגעחזרט, ביז דער אויסנאַם־צושטאַנד איז לסוף אונטער ברינינגס רעגירונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטענדיקן, האָט נישט עקזיסטירט קיין פערזענלעכע זיכערקייט און נישט קיין פרעסע־פרייהייט און פאַרזאַמלונג־רעכט. הונדערטער מענטשן זענען גענומען געוואָרן אין שוץ־אַרעסט, דאָס הייסט פשוט אַרעסטירט געוואָרן, כאָטש עס איז נישט געווען קעגן זיי קיין באַשטימטע באַשולדיקונג. צייטונגען האָבן גע־מוזט לויט דעם באַשלוס פון דער מאַכט אָפּשטעלן זייער דערשיינען אָפטמאָל אויף חדשים און דאָס פאַרזאַמלונג־רעכט איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם וויל־געפעלן פון דער פּאָליציי.

דאָס דאָזיקע איז געשען נישט ערשט בעת הינדענבורגס פּרעזידענטשאַפט, נאָר איז שוין דורכגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון דעם ערשטן מלוכה־פּרעזידענט פרידריך עבערט אין אַ ברייטן פאַרנעם, בעיקר בעת גוסטאַוו נאָס־קעס באַרימטער תקופה, וועלכע האָט אַלע שפּעטערדיקע רעגירונגען פון דער דייטשער רעפּובליק געוויזן דעם וועג, ווי אַזוי מען קאָן איבערכיטרעווען די קאָנסטיטוציע און ווילקירלעך דערשטיקן אַלע געזעצלעכע רעכט, ווען די מלוכה איז כלומרשט אין סכנה. די אמתע רעאַקציאָנערע און אויסדריקלעכע קעגנער פון דער רעפּובליק זענען צום ווינציקסטן געטראָפן געוואָרן פון אַזעלכע האַנד־לונגען; על פּי רוב האָט מען אַזעלכע מיטלען אָנגעווענדט קעגן מענטשן, וועל־כע האָבן אויף דעם שאַרפסטן אופן זיך קעגנגעשטעלט די פאָרשטייער פון דער

אַלטער רעאַקציע. אַפילו ווען אָפּענע רעאַקציאָנערן האָבן זיך צופעליק פאַר־פלאָנטערט אין די נעצן פון די אויסנאַם־באַשטימונגען, האָבן שוין כמעט תמיד פריינטלעכע ריכטער געזאָרגט דערפאַר ,אַז עס זאָל זיי חלילה קיין האָר נישט געקרימט ווערן, בעת די אמתע רעוואָלוציאָנערן האָבן יעדע עוולה פון דעם מין געמוזט אַראָפּשלינגען ביז צום סוף.

עס האָט געטראָפן אין נאָסקעס צייטן, בעת איך בין אָנהייב פעברואַר 1920 אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג אַרעסטירט געוואָרן אין מיין וווינונג דורך דריי אַגענטן פון דער פּאָליטישער פּאָליציי און איינגעזעצט געוואָרן אין שוץ־אַרעסט. מען האָט מיך געבראַכט אין פּאָליציי־פּרעזידיום אויף דעם אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, ווו מען האָט מיר נאָך די געוויינלעכע פאָרמאַליטעטן צוגענומען אַלדינג, וואָס איך האָב געהאַט אין די קעשענעס. דערנאָך האָט מען מיך פאַרשלאָסן אין אַ צעל, נישט זאָגנדיק מיר די סיבה פון מיין אַרעסט. אין קאָרידאָר האָב איך געהאַט אַ האַמפּעריניש מיט דעם שליסער, וועלכן איך האָב געבעטן, ער זאָל מיר צוריקגעבן מיין טאַשנטיכל. ער האָט מיר געענטפערט, אַז דערצו איז נויטיק די דערלויבעניש פון דעם פּאָליציי־דירעקטאָר.

„טאָ מעלדט, זייט אַזוי גוט, דעם דירעקטאָר, אַז איך וויל מיט אים רעדן", האָב איך געזאָגט. ער האָט מיר צוגעזאָגט און פאַרשלאָסן הינטער מיר די צעל. בעת איך האָב מיך אַ ביסל נענטער צוגעקוקט צו דעם אומפריינטלעכן ענגן חלל, האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ הויך קול פון דער דערנעבנדיקער צעל: „ביסטו אויך דאָ, רודאָלף?" עס איז געווען פריץ קאַטערס קול, וועלכן מען האָט געהאַט אַרעסטירט מיט עטלעכע שעה פריער פאַר מיר און דאָ אַהער געבראַכט. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט, אַזוי ווי מיר האָבן געקאָנט, דערביי האָבן מיר געמוזט הויך שרייען, ביז דער וועכטער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין מיין טיר און אונז אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז דאָ פאַר־באָטן צו רעדן.

באַלד דערנאָך איז מיין צעל געעפנט געוואָרן און אַ קליינער, דאַרער מאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל און מיך געפרעגט, וואָס איך פאַרלאַנג. דאָס איז געווען דער פּאָליציי־דירעקטאָר גאַאול. איך האָב אים דערציילט, אַז מען האָט מיר ביים אַהערברענגען אַלע זאַכן צוגענומען און אים געבעטן צו פאַראָרדענען ,אַז מען זאָל מיר צוריקגעבן דאָס טאַשנטיכל, די לולקע, דעם טאַבאַק און די שוועבעלעך. ער האָט מיר העפלעך געענטפערט, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן דעם, מען זאָל מיר צוריקגעבן דאָס טאַשנטיכל, אָבער ער ווייסט נישט, צי ער מעג מיר דערלויבן צו רויכערן, ווייל דאָס דאָזיקע איז קעגן דער אָרדענונג, וואָס דאָ איז איינגעפירט.

איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס איך געפין מיך דאָ. — „וועגן דעם קאָן איך אייך לײדער נישט געבן קיין אינפאָרמאַציע, הער ראָקער, ווייל איך אַליין ווייס נישט, פאַרוואָס מען האָט אייך דאָ אַהער געבראַכט", האָט ער פריינטלעך געזאָגט.

„דאָס הייסט בכן", האָב איך געזאָגט, אַז נישט איך געפין מיך דאָ ווי אַן אַרעסטירטער צום אויספאָרשן און נישט ווי קיין פאַרמשפטער. אין אַזאַ פאַל איז אייער איינגעפירטע אָרדענונג דאָ פאַר מיר נישט גילטיק און איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס עס איז מיר דאָ נישט דערלויבט צו רויכערן."

„דערמיט זענט איר טאַקע גערעכט", האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל, „אָבער עס געשעען אַזויפיל מאָדנע זאַכן אין אונזער רעפובליק, אַז אַ באַאַמטער ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס ער האָט צו טון. איך וועל מיר די זאַך איבערלייגן און זען, וואָס איך קאָן פאַר אייך טון".

„טאָ פאַרגעסט אויך נישט מיין פריינט קאַטער, הער דירעקטאָר", האָב איך געזאָגט, וואָרים ער איז פונקט אַזוי להוט אויף זיין לולקע ווי איך".

ער האָט פריינטלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז פאַרשוווּנדן. אין אַ קנאַפּער שעה אַרום האָט דער שליסער מיר געבראַכט נישט בלויז מיין טאַשנטיכל, די לולקע און די אַנדערע זאַכן וואָס געהערן דערצו, נאָר אויך מיין זייגער און דאָס געלט, וואָס מען האָט מיר געהאַט צוגענומען. באַלד דערנאָך האָט זיך געהערט דאָס טרעשטשען פון שליסל אין שלאָס פון דער שכנותדיקער צעל און איך האָב געוווּסט, אַז דער דירעקטאָר האָט אויך אין קאַטערן נישט פאַרגעסן.

צומאָרגנס האַלב זיבן אינדערפרי האָט דער שליסער געעפנט די צעל און איך האָב באַקומען מיין ערשטן פרישטיק, אַ פענעץ ברויט און אַ שאָל מיט עפּעס אַ פליסיקייט מיט אַ שלעכטן ריח, וואָס ער האָט אָנגערופן קאַווע. איך האָב די עקלדיקע משקה באַלד אויסגעגאָסן אין אַפּטריט אַריין און אַראָפּגעשלונגען דאָס ברויט טרוקענערהייט. אין עטלעכע שעה אַרום איז דער דירעקטאָר אַריינגעקומען אין מיין צעל און מיך געפרעגט, צי איך האָב באַקומען מיינע זאַכן אין אַ גוטער אָרדענונג. איך האָב אים האַרציק געדאַנקט און אונטערגעשריבן אַ קבלה, אַז מען האָט מיר אַלדינג איבערגעגעבן אין אָרדענונג. נאָכדעם ווי ער האָט מיט מיר גערעדט אַ לענגערע צייט, האָב איך אים געפרעגט, צי ער וואָלט מיר נישט געקאָנט דערלויבן צו זיין דורכן טאָג צוזאַמען מיט מיין פריינט קאַטער. ער האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם און געהייסן דעם שליסער מיך אַריינצולאָזן אין קאַטערס צעל.

דער גוטער פריץ האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, ווען מיר זענען אַזוי אומגעריכט אַריינגעקומען צו אים. מיר האָבן זיך האַרציק באַגריסט און זיך זייער דערפרייט, ווען דער דירעקטאָר האָט באַפוילן דעם שליסער, אַז ער זאָל מיך יעדן אינדערפרי ניין אַזייגער אַריינפירן אין קאַטערס צעל, ווו מיר קענען בלייבן צוזאַמען ביז זעקס אַזייגער נאָכמיטאָג. דער דירעקטאָר גאַאול האָט אונז דערמאָלט געזאָגט, אַז ווי שוצאַרעסטירטע האָבן מיר דאָס רעכט זיך אַליין צו באַשפייזן, אויב די תפיסה־קעסט וועט אונז נישט שמעקן. אין אַזאַ פאַל קענען מיר אונזערע מאָלצייטן זיך הייסן ברענגען פאַר געלט פון אַ נאָענטן רעסטאָראַן

אָדער דירעקט פון דער היים. ער האָט באַפוילן דעם שליסער אונז באַלד צו ברענגען פּאַפּיר און שרייב־געצייג, כדי מיר זאָלן קענען צוזויסן טון אונזערע פרויען וועגן דעם. מיר האָבן פאַרבראַכט דעם טאָג אין דער בעסטער שטימונג און זיך אַריינגעלאָזט אין כלערליי השערות וועגן דער סיבה פון אונזער אַרעסט. מחמת דעם, וואָס אַזעלכע פּאַסירונגען האָבן געהערט צו די טעגלעכע דערשיינונגען אין דייטשלאַנד, האָבן מיר זיך נישט צופיל געגומען צום האַרץ דערפון.

דעם אַנדערן טאָג שפּעט נאָכמיטאָג האָט אונז דער וועכטער געמאָלדן, אַז מען איז אונז געקומען וויזיטירן און אונז אַריינגעפירט אין אַ גרויס צימער, וווּ מיר האָבן שטאַרק דערפרייטע געזען אונזערע פרויען, וועלכע האָבן גע־שמועסט מיט דעם דירעקטאָר. בעת הער גאַאול האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים פענסטער אין אַ ווינקל און געלייענט די צייטונג, האָבן מיר זיך דערוווּסט אַל־דינג, וואָס איז דערווייל אינדרויסן געשען. די ידיעה וועגן אונזער אַרעסט האָט זיך ווי אַ פייער געהאַט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט און איז אויך שוין געמאָלדן געוואָרן דורך דער פּרעסע. די פאַרוואַלטונג־קאָמיסיע האָט באַלד פאַררופן אַ ספּעציעלע זיצונג און באַשלאָסן צו זאָרגן פאַר אונזערע קעסט. חוץ דעם איז דער ראַטמאַן וויקטאָר פרענקעל, קאָטערס און מיינער אַ פּערזענלעכער פריינט, באַפּולמעכטיקט געוואָרן באַלד אונטערצונעמען אַלע נויי־טיקע שריט פאַר אונזער באַפרייאונג. חוץ אונזביידע זענען אין בערלין קיין שום אַנדערע חברים נישט אַרעסטירט געוואָרן. די גוטע פרויען האָבן פאַר אונז מיטגעבראַכט אַ גאַנצן קאָרב מיט עסנוואַרג, וואָס איז אונז זייער צו־ניץ געקומען, ווארים די אַרעסטאַנטן־קעסט איז אין יענער צייט געווען נישט בלויז אומבאַשרייבלעך שלעכט, נאָר אויך, מחמת דער אַלגעמיינער נויט־לאַ־גע, לגמרי נישט גענוגנדיק.

איידער מיר האָבן זיך צעשיידט, האָב איך נאָך געבעטן מילי, זיך באַלד צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַרלאַג פּאול קאַסירער, כדי אויסצופּועלן פאַר מיר די דערלויבעניש, אַז איך זאָל בעת מיין אַרעסט מיך קענען באַשעפ־טיקן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. איך האָב געהאַט אָנגענומען אַ גרויסע אַרבעט פאַר דעם פאַרלאַג און בין פלוצלינג אינמיטן דער אַרבעט אַרעסטירט געוואָרן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פולער דייטשער אויסגאַבע פון קראָ־פּאָטקינס ווערק אין זעכצן בענדער, וואָס גוסטאַוו לאַנדאַאוער האָט אָנגעהויבן איבערצוזעצן פאַר דעם פאַרלאַג קאַסירער, אָבער נאָך זיין דערמאָרדונג איז די אַרבעט מיר איבערגעגעבן געוואָרן.

היות איך האָב נישט געוווּסט, אויף ווי לאַנג מיין אַרעסט קאָן זיך פאַר־ציען, האָב איך נישט געוואָלט פטרן מיך צייט מיט גאָרנישט און לכל הפחות טון אַזויפיל, וויפל עס איז ביי די דאָזיקע באַדינגונגען מעגלעך געווען. אין צוויי טעג אַרום האָט מיר דער דירעקטאָר גאַאול מודיע געווען, אַז די בקשה

פון פאַרלאַג איז באַוויליקט געוואָרן און איך קאָן אָנהייבן מיינע צוגרייטונגען. איך האָב באַלד אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל צושיקן אַלע ביכער און אַלץ, וואָס איך דאַרף נאָך האָבן צו מיין אַרבעט און האָב מיר איינגעאָרדנט קאַטערס צעל פאַר אַן אַרבעט־צימער. איך האָב דאָס געטון בכיוון, כדי פריץ זאָל אויך קע־נען געניסן פון די פּריווילעגיעס, וואָס זענען מיר באַוויליקט געוואָרן. צו זיי האָט אויך געהערט, אַז איך האָב געמעגט ברענען ליכט ביז צען אַזייגער אָוונט, בעת לויט דער איינגעפירטער אָרדענונג איז דאָס ליכט אין אַלע אַנדערע צעלן פאַרלאָשן געוואָרן שוין האַלב זיבן. עס איז געווען ווינטער; די טעג זענען געווען קורץ און עס איז געווען שרעקלעך לאַנגווייליק זיך צו מוזן אַזוי פרי לייגן שלאָפן.

מיין אַרבעט האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן. איך האָב יעדן טאָג געאַרבעט בערך זעקס שעה מיט געהעריקע הפסקות, וועלכע זענען אויסגע־פולט געוואָרן דורך שמועסן מיט מיין פריינט. יענע שמועסן זענען געווען זייער סטימולירנדיק. קאַטער האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דעם וועג פון זיין נייער אַנטוויקלונג און די תפיסה איז אפשר געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו ער האָט זיך געקאָנט קאָנצענטרירן, וואָרים ער איז געווען אַ זייער פאַרנומע־נער מענטש, וואָס האָט אינדרויסן געהאַט ווייניק געלעגנהייט צום לערנען, בעיקר אין יענער שטורמישער צייט, בעת די באַוועגונג האָט צו יעדן פון אונז געשטעלט די גרעסטע פאָדערונגען.

פריץ קאַטער איז געווען בערך זיבן אָדער אַכט יאָר עלטער פאַר מיר. ער איז שוין אין דער גאָר פריִער צייט פון דעם סאָציאַליסטן־געזעץ אַריינגע־טרעטן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און האָט שפּעטער זיין הויפּט־טעטיקייט געווידמעט די סינדיקאַטן. ווי אַן איבערצייגטער סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט ער דעמאָלט אין זיי געזען בעיקר אַ צוגרייטונג־שול פאַר דער געזעצ־לעך אונטערדריקטער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און איז באַלד געוואָרן איינער פון די הויפּט־פירער פון די אַזויגערופענע לאָקאַליסטן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער גע־שאַפן אין דער פריִער פאַראייניקונג פון די דייטשע געווערקשאַפטן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע. די דירעקטע סיבה דערצו איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן אין איי־נעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען. לויט זיינע אידעען איז קאַטער געווען אַ פעדעראַליסט און אַ קעגנער פון פאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט און ער איז דעריבער געשטאַנען זייער נאָענט צו דער באַוועגונג פון די יונגע, פונדעסט־וועגן האָט זיין סאָציאַליזם נאָך אַ לאַנגע צייט געהאַט די סימנים פון דער מאַרקסיסטישער שול, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען.

ווען עס האָט זיך אָבער אין דער צווייטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן דער געדאַנקענגאַנג פון פראַנצויזישן סינדיקאַליזם געפונען אַ צוטריט אויך אין דייטשלאַנד און ער איז ספּעציעל אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער אַנאַרכיסטישער השפעה, איז אויך ביי קאַטערן פאָרגעקומען אַן אינערלעכע ענדערונג. ער האָט איינגעזען, אַז די סינדיקאַטן ווי אָרגאַנען פון אַרבעטנדיקן

פּאָלק האָבן געהאַט צו דערפּילן אַ פּיל העכערע אויפגאַבע, ווי ער האָט אין זיין יוגנט זיך געהאַט פאָרגעשטעלט און ער האָט פון איצט אָן געזען אין זיי די וויכטיקסטע קערפּערשאַפטן פּאַר אַ סאָציאַליסטישער סטרוקטור. אַזוי אַרום איז ער אויך צוגעקומען נענטער צו די אַנאַרכיסטישע אידעען, נישט קענענדיק אפשר זיך אָפּגעבן דערפון קיין רעכענונג. מחמת דעם וואָס ער האָט חוץ דער דייטשער שפּראַך נישט געקענט קיין שום אַנדערע, האָט ער וועגן דער באַוועגונג אין אויסלאַנד געוווּסט, נאָר אַזוי פּיל, וויפל ער האָט געקאָנט אַרויסנעמען פון די געלעגנהייטלעכע באַריכטן אין דער דייטשער פּרעסע.

קאַטער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרק אחריות־געפיל, וועלכער האָט נישט געקאָנט, בעיקר אין די שפּעטערע יאָרן, לייכט אויפנעמען קיין נייע אידעען, כל זמן זיי זענען אים נישט פולשטענדיק קלאָר געוואָרן. איבערגעאיילטע באַשלוסן און האַסטיקע האַנדלונגען זענען אינגאַנצן פרעמד געווען זיין מהות; דערפאַר אָבער האָט ער זיך עקשנותדיקער געקלאַמערט אין אַן איבערצייגונג, וועלכע ער האָט זיך האָט שוין געהאַט פאַרשאַפט. דעריבער האָט ער זיך ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט אָנגעגעבן פאַר קיין אַנאַרכיסט. ער איז געווען אַ סאָציאַלרעוואָלוציאָנער פון דער אַלטער שול, וועלכן דער סינדיקאַליזם האָט טאַקע געבראַכט אויף נייע וועגן, אָבער אין אַ סך פּרטים איז ער נאָך גאָר שטאַרק באַאיינפלוסט געווען פון די ערשטע סאָציאַליסטישע אידעען, וועלכע ער האָט געהאַט באַקומען אין זיין יוגנט.

דורך אונדזער טעגלעכן קאָנטאַקט אין דער תפיסה, האָט זיך ביי אים ערשט פאַרפולקאָמט אַ נייע פאַזע פון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט אָנגעהויבן, אָבער נאָך נישט געהאַט געפונען קיין אָפּשלוס. ערשט אין תפיסה האָט קאַטער גרינטלעך זיך באַקענט מיט קראָפּאָטקינס אידעען. דאָס וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געהאַט געלייענט פון אים, זענען בלויז געווען עטלעכע בראָשורן און אַרטיקלען, וועלכע זענען אים צופעליק געקומען אין די הענט אַריין. מחמת דעם וואָס איך האָב צוליב מיין אַרבעט געהאַט ביי מיר אין דער צעל אַלע ווערק קראָפּאָטקינס אין פאַרשידענע שפּראַכן און צווישן זיי אויך אַלדינג, וואָס עס איז פון אים ביז אַהער געהאַט דערשינען אין דער דייטשער שפּראַך, האָט זיך קאַטער גענומען דורכצוקוקן אַלע ביכער לויט דער ריי, בעת איך בין געווען באַשעפטיקט מיט מיין אַרבעט. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף אים דעמאָלט געמאַכט קראָפּאָטקינס בוך Fields, Factories and Workshops. וואָס גוסטאַוו לאַנדאַואער האָט געהאַט איבערגעזעצט אין דייטש אונטער דעם טיטל Landwirtschaft, Industrie, und Handwerk.

קאַטער איז אויפגעוואַקסן געוואָרן אויפן דאָרף. זיין פאָטער איז געווען אַ פּאַראַרימעטער פויער, וועלכער האָט זיך שפּעטער געמוזט פאַרדינגען זיין קאַרגע הכנסה אַלס פעלדאַרבעטער. קאַטער גופא איז געווען אַן אויסגעצייכנטער לאַנדווירט. הגם ער האָט שפּעטער זיך אויסגעלערנט אין שטאָט די מויערער־מלאכה,

איז ער דאָס גאַנצע לעבן געבליבן פאַרבונדן מיט דער ערד. ער האָט אין אַ גערטנער־קאָלאָניע אין דער געגנט פון בערלין אַרענדירט אַ שטיק באָדן, וועלכן ער האָט אין פרילינג און זומער אויסגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט. עס איז אויף יענעם פלאַץ נישט געווען נאָך אַזאַ שטיק באָדן, וואָס זאָל האָבן געווען אַזוי גוט באַאַרבעט און אַזוי סיסטעמאַטיש אויסגענוצט ביז אויפן לעצטן שפּאַן. די ליבשאַפט צום באָדן האָט ביי קאָטערן געשטעקט אין פליש און אין בלוט. דערפאַר האָט אים קראָפּאָטקינס בוך געמוזט ספּעציעל אָנרעגן און ער האָט מיר שפּעטער אַליין געזאָגט, אַז פון אַלע סאָציאַליסטישע שריפטן, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געהאַט געלייענט, האָבן קראָפּאָטקינס ווערק געמאַכט אויף אים דעם טיפסטן איינדרוק. דער נייער אופן ווי קראָפּאָטקין האָט באַהאַנדלט די באַציאונגען צווישן אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, זיין שיטה וועגן אַן אַלזייטיקער דער־ציאונג, וואָס באַזירט זיך אויף אַ פאַראייניקונג פון האַנט־אַרבעט און גייסטי־קער אויסבילדונג, האָט געמוזט אַזאַ פּראַקטיש געשטימטן מענטש ווי קאָטער געבן די בעסטע אָנרעגונג. ער האָט דאָס בוך געלייענט עטלעכע מאָל אין תפיסה, געמאַכט דערפון פאַרצייכענונגען, וועלכע ער האָט פאַרגליכן מיט זיינע דערפאַרונגען אַלס לאַנדווירט און וואָס האָבן פאַר אים געעפנט גאַנץ אומגע־ריכטע פּערספּעקטיוון פאַר אַ צוקינפטיקער סאָציאַליסטישער קולטור. מיט אַ פליים, וואָס איז ממש געווען דערשטוינלעך פאַר אַ מענטש אין זיין עלטער, האָט ער איצט אַלדינג געלייענט, וואָס איז פון קראָפּאָטקינען דערשינען אין דייטש: קעגנזייטיקע הילף, אַנאַרכיזם און וויסנשאַפט, די פראַנצויזישע רע־וואָלוציע און די קלאַסישע מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער. דער ערנסטער שטודיום פון יענע ווערק, וואָס איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אונזערע טעגלעכע שמועסן, האָט אַרויסגערופן אַ פולשטענדיקע איבערקערע־ניש אין קאָטערס געדאַנקענגאַנג. דאָס געצוווּנגענע פאַרבלייבן אין דער שטי־לער צעל אויף דעם אַלעקסאַנדער־פּלאַץ האָט אים פאַרשאַפט אַ געלעגנהייט, וואָס וואָלט זיך אים אפשר קיינמאָל נישט געווען געמאַכט. ער איז דעריבער נישט גאָר אומגערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נאָסקען אייגנט־לעך שולדיק אַ דאַנק.

ביי די דאָזיקע באַדינגונגען איז אונז די צייט פאַרגאַנגען גאָר שנעל, בפרט נאָך, אַז מיר האָבן זיך נישט געהאַט צו באַקלאָגן אויף קיין ספּעציעלער רשעות. איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין אַרבעט, בעת פריץ איז געווען אַריינגעטון אין זיין שטודיום. מיר האָבן זיך געקאָנט זען מיט אונזערע פרויען עטלעכע מאָל אין דער וואָך, מיר האָבן געמעגט באַקומען בריוו און צייטונגען און גענאָסן פון אַלע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן אונז געקאָנט פאַרלייכטערן דאָס אומפרייוויליקע פאַרבלייבן אין אַ תפיסה. די גרעסטע צרה אין דער תפיסה־אָפּטיילונג פון דעם פּאָליצײַ־פּרעזידיום איז באַשטאַנען דערין, וואָס עס האָט זיך דאָרט נישט געפונען קיין הויף, ווו מען זאָל קענען גיין שפּאַצירן און שעפּן פרישע לופט. דאָס פאַרבלייבן דאָרט איז נאָר געווען אויסגערעכנט

אויף אַ קורצן אַרעסט און די אַריינגעשיקטע אַרעסטאַנטן זענען בדרך כלל אין עטלעכע טעג אַרום אייגעזעצט געוואָרן אין אַן אַנדערער תפיסה. אויב מען האָט זיי נישט באַפרייט. נאָך אַ גרויסע צרה איז געווען, וואָס די צעלן, לפּחות דעמאָלט, זענען געווען זייער שמוציק און פאַרפּלייצט מיט אומפלייט, אַזוי אַז מיר האָבן כסדר געמוזט באַניצן אינזעקטן־פולווער, וואָס מיר האָבן זיך פאַר־שאַפט פונדרויסן.

ווען עס זענען פאַרביי אַן ערך צען אָדער צוועלף טעג און מיר זענען נישט גענומען געוואָרן אויף קיין פאַרהער פון אַן אויספאָרשונג־ריכטער, האָט אונז דער דירעקטאָר גאַאול געזאָגט, אַז מיר קענען צושטעלן אַ בקשה, מען זאָל אונז אַריבערפירן אין אַן אַנדערער תפיסה. מיר האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט דעצידירן דערצו, ווייל מיר האָבן זיך נישט געוואָלט אויסשטעלן אויף קיין נייע אומזיכערע זאַכן. אויף וויפל עס איז געגאַנגען אין דער פּערזענלעכער באַהאַנ־דלונג, האָבן מיר זיך נישט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן. צי מיר וועלן ערגעץ אַנדערש אויך אַזוי גוט טרעפן און בעיקר, צי מען וועט אונז דערלויבן צו זיין דורכן טאָג צוזאַמען, איז געווען אַ גרויסער ספק. דעריבער איז שוין בע־סער געווען דאָ צו בלייבן, כל זמן עס איז מעגלעך געווען.

דערווייל האָט מען דעם יוסטיץ־ראַט מיטגעטיילט שריפטלעך די סיבה פון אונזער אַרעסט. און מיין פאַל איז געווען אַזוי:

„ראָקער, וואָס האָט נישט קיין שום מלוכה־בירגערשאַפט, איז דער הויפּט־אַגיטאַטאָר פון דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט זיך צונויפגעשלאָסן אין אַרבעטער־פאַראיינען, שטרעבט דורך כסדרדיקער שטרייק־העצעריי, איר אויסשליסלעך קאַמף־מיטל, צו טרייבן די דייטשע מינען־אַרבעטער צו אַן אויפשטאַנד, אַ האַנדלונג, וואָס גראָד איצט שטעלט זי די זיכערקייט פון דער מלוכה אין אַ גרויסער סכנה.

דער העכסטער קאָמאַנדיר
געצייכנט: נאָסקע ״.

דער אַרעסט־מאָטיוו קעגן קאָטער האָט געהאַט דעם זעלבן נוסח, נאָר בלויז דער ערשטער זאַץ האָט געפעלט. פרענקל האָט דעריבער באַלד אָנגעגע־הויבן דורכפירן אַלע פאָרמאַליטעטן, כדי צו דערגרייכן קאָטערס באַפרייאונג. אין מיין ענין אָבער האָט ער גאָרנישט געקאָנט אויפטון, ווייל איך בין געווען שטאַטנלאָז און איך בין דעריבער ביי דער ווייַמאַרער רעפובליק פשוט באַטראַכט געוואָרן פאַר הפקר. עס איז פריער געווען אַמאָל אין דייטשלאַנד אַ געזעץ, לויט וועלכן יעדער דייטש, וואָס געפינט זיך מער ווי צען יאָר כסדר אין אויס־לאַנד, נישט מעלדנדיק זיך ביים געהעריקן דייטשן קאָנסולאַט, קאָן פאַרלירן זיין רעכט ווי אַ דייטשער בירגער. יענץ טפשותדיקע געזעץ איז נאָך אין די צייטן פון דער אימפּעריע אָפּגעשאַפט געוואָרן; היות אָבער די אָפּשאַפונג האָט נישט געהאַט קיין רעטראָאַקטיוון כוח און איך האָב שוין געהאַט פאַרלאָזט דייטש־

לאַנד פריער, האָט זי בנוגע מיר נישט געקאָנט אָנגעווענדט ווערן און איך בין אויך בעת דער רעפּובליק־הערשאַפט פּונקט אַזוי ווי פריער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שטאַטנלאָזער. איך האָב דעריבער נישט געהאַט צו מיין דיספּאָ־זיציע קיין שום לעגאַלע רעכט־מיטלען, אַפילו נישט דאָס רעכט איבערצוגעבן אַן אַדוואָקאַט מיין ענין, ער זאָל מיך פאַרטרעטן, אַזוי אַז איך בין אויך אונ־טער דער רעפּובליק־קאָנסטיטוציע געווען אויסגעשטעלט אויף דעם גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון דער מאַכט.

היות דער יוסטיץ־ראַט פרענקל האָט ביי די דאָזיקע באַדינגונגען גאָר־נישט געקאָנט פאַר מיר טון, האָט ער באַשלאָסן פּערזענלעך זיך צו ווענדן צו דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאָליציי־פּרעזידענט אויגען ערנסט, כדי אים צוצושטעלן מיין ענין. אויגען ערנסט האָט בעת זיין יוגנט געהערט צו דער אָפּאָזיציע פון די יונגע און מחמת דעם, וואָס ער איז אין יענע יאָרן געווען זייער נאָענט באַפריינדט מיט ווילהעלם ווערנער, האָט מען אים דעמאָלט אָפט אָנגערופן „ווערנערס לייטענאַנט“. אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז ביי די יונגע קאָן מען נישט מאַכן קיין קאַריערע און ער איז דעריבער רעכטצייטיק צוריק איבערגעגאַנגען צו דער אַלטער פּאַרטיי. ווי עס געשעט אָפט ביי מענטשן פון זיין שטייגער, האָט ער זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט וואָס אַמאָל מער אין אַ פּאָליטישן קאַריעריסט, ביז מען האָט אים לסוף פון דער פּאַרטיי אי־בערגעגעבן די שטעלע פון פּאָליציי־פּרעזידענט אין בערלין. ווען פרענקל האָט אים געוואָלט איבערגעבן מיין ענין, האָט ער גראָב אָפּגעוואָרפן דאָס אַריינלאָזן זיך אין פאַרהאַנדלונגען וועגן דער זאַך און געזאָגט מיט חוזק:

„ראָקער האָט גענוג סיבות אונדז דאַנקבאַר צו זיין, וואָס מיר האָבן אים גענומען אין שוץ־אַרעסט. ווי נאָר מיר וועלן אים אַרויסלאָזן אויף דער פריי, וועט מען אים סיי ווי סיי אַרויסשיקן פון דייטשלאַנד ווי אַן אומבאַקוועמען אויסלענדער“.

עס איז צום שטוינען, ווי שנעל אַזעלכע לייט דרינגען אַריין אין דער איי־דעלער קונסט פון רעגירן. דער זעלבער מענטש, וואָס בעת דעם סאָציאַליסטן־געזעץ, ווען דאָס אַרויסשיקן דייטשן פון לאַנד איז געווען פון די נאָרמאַלע דער־שיינונגען, האָט ער נישט געקאָנט געפינען גענוג צאָרן־רייד קעגן ביסמאַרקס שענדלעכער רעכט־באַרויבונג, מאַנעווורירט איצט אַליין מיט דעם געדאַנק אַרויסצוטרייבן אַן אומבאַקוועמען קעגנער פון זיין געבוירנלאַנד. וואָס דאָס דאָ־זיקע איז אים נישט געלונגען, איז זיכער נישט געווען זיין שולד, נאָר ווייל עס האָט זיך דעמאָלט נישט געפונען קיין איין מלוכה אין אייראָפּע, וואָס וואָלט אויפגענומען אַ שטאַטנלאָזן אָן דאָקומענטן.

אונזער פרעסע אין אויסלאַנד האָט פון אונזער אַרעסט געמאַכט מער ווען, ווי ער האָט פאַרדינט. אַ גאַנצע ריי פראַנצויזישע, ענגלישע, האָלענדישע, סקאַנדינאַווישע און אַנדערע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן דעם גאַנצע אַר־טיקלען און אויך געבראַכט אונזערע בילדער. אַזוי ווי יענע צייטונגען זענען

אונז צוגעשיקט געוואָרן אין תפיסה פון אונזערע פריינט אין אויסלאַנד, האָט זיי נאַטירלעך אויך געזען דער דירעקטאָר גאַאול, וועלכער האָט זיי טאַקע נישט געקאָנט לייענען, אָבער אוודאי באַקומען דערפון דעם איינדרוק, אַז מיר מוזן געהערן צו אַ גאָר באַזונדערן מין מענטשן, היות מען אינטערעסירט זיך מיט אונז אַזוי שטאַרק אין אויסלאַנד. דער מענטש האָט אונז פון ערשטן טאָג אָן זייער פריינטלעך און מענטשלעך באַהאַנדלט און איז נאָך מער צוגעבונדן געוואָרן צו אונז. ער פלעגט אָפט פאַרברענגען אין די אָוונטן גאַנצע שעהען אין אונזער צעל, כדי מיט אונז צו שמועסן. ער אַליין האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ סאָציאַליסט און היות מיר האָבן פון די שמועסן מיט אים זייער לייכט געקאָנט זיך משער זיין, אַז ער איז מיט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען אין דייטשלאַנד בשום אופן נישט געווען צופרידן, האָב איך אים אַמאָל געפרעגט, צי ער וואָלט מיר דערלויבט צו שרייבן יעדע וואָך אַן אַרטיקל פאַר אונזער צייטונג.

„הער ראָקער", האָט ער געזאָגט, „איך האָב גאָרנישט געהערט; אָבער אויב איר ווילט אַהיימשיקן אייער געוצטע וועש, וועט פאַר מיר זיין אַ פאַרגעניגן אַליין איבערצוגעבן די פּאַקעטן אייער פרוי".

דאָס איז געווען גאַנץ דייטלעך און איך האָב פון דעמאָלט אָן געשריבן פאַרשידענע אַרטיקלען, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סינדיקאַליסט מיט דער אונטערשריפט דער מאַן אויף דער לבנה.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע וואָכן, ביז מען האָט מיך אין איינעם אַ טאָג געבראַכט צו אַ באַאַמטן, וועלכער האָט מיך באַדאַרפט אויספאָרשן. דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ געוועזענער אָפיציר פון דער אַלטער אַרמיי, ווי הער גאַאול האָט אונז שפּעטער געזאָגט. ער איז געווען זייער העפלעך און האָט קודם כל געשמועסט מיט מיר אַ לענגערע צייט וועגן מיין טעטיקייט אין אויסלאַנד און דערביי דרך אגב געלאָזט פאַלן גאַנץ בייסיקע באַמערקונגען וועגן די יוסטיץ־באַדינגונגען אין דער דייטשער רעפּובליק, וואָס מען האָט זיך קוים געקאָנט ריכטן צו הערן פון אַ באַצאָלטן באַאַמטן פון דער דאָזיקער רעפּובליק. דערנאָך האָט ער מיר מגלה געווען, אַז מיין אַרעסט איז באַפוילן געוואָרן, ווייל עס איז געווען אַ חשד, אַז איך האָב געוואָלט אויפהעצן די מינען־אַרבעטער אין רור־געביט צו אַ גענעראַל־שטרייק. איך האָב אים געענטפערט, אַז אַ בלויזער חשד איז דאָך נאָך צו ווייניק אויף אַוועקצונעמען ביי מענטשן זייער פרייהייט, בפרט אַז די ווייסאַרער קאָנסטיטוציע דערלויבט דאָך, ווי מען זאָגט, יעדן דייטש פריי אויסצודריקן זיין מיינונג.

ער האָט איראָניש געשמייכלט און געזאָגט: „יאָ, אויף דעם פּאַפּיר מאַכט זיך דאָס גאַנץ שיין; אָבער פון דער טעאָריע צו דערווירקלעכקייט איז אַ לאַנגער מהלך, ביי וועלכן מען קאָן לייכט שלעכט אָפּשניידן. אונזערע תפיסות זענען אָנגעפולט מיט פּרעווענטיוו־אַרעסטירטע, מיט וועלכע מיר וויסן נישט וואָס צו טון. ביי דעם אַלטן רעזשים האָט יעדער געוווסט, ווי ווייט ער מעג

גיין, אָבער ביי דער רעפּובליק איז קיינער נישט קיין בקי, נישט געקוקט אויף דער ווייִמאַרער קאָנסטיטוציע. פאַר אונז דייטשן, וואָס מיר זענען געוווינט צו אָרדענונג, איז דאָס דאָזיקע טאָפּלט פאַטאַל״.

דער מענטש איז בלי ספק געווען אַ באַאַמטער פון דעם אַלטן שניט, ביי וועלכן די רעפּובליק איז נישט ווערט געווען קיין פּרוטה. אַ פאַקט איז, אַז עס איז דעמאָלט אויף אַלע געביטן פון דער פאַרוואַלטונג און בעיקר אין יוסטיץ־ענינים געווען טויזנטער אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן זייער פּאָזיציע אויסגענוצט, כדי צו מאַכן דער רעפּובליק אַ שלעכטן שם. די דייטשע דעמאָקראַטיע האָט פשוט דעם רוב פון די אַלטע געריכט־ראַטמענער און ריכטער פון אַלטן קייזערטום איבערגענומען ווי אַן אינווענטאַר, ווייל זי האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן צו גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, ווען די צייט איז דערצו געקומען. מען דאַרף זיך דעריבער נישט וווּנדערן, וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ מיזערנע און ביטערן סוף.

דער באַאַמטער האָט מיך נאָך געפרעגט וועגן פאַרשידענע פּרטים פון מיין אינטערנירונג אין ענגלאַנד און דערנאָך געזאָגט: „יאָ, יאָ, הער ראָקער, איר זענט, הייסט עס, אַנטלאָפן פון רעגן אונטער דער רינע״. — ער האָט דערנאָך אָנגעשריבן אַ קורצן באַריכט וועגן מיין אויספאַרשונג, וועלכן איך האָב נאָך דעם איבערלייענען אונטערגעשריבן.

אויך קאַטער איז אין דעם זעלבן טאָג אויסגעפאָרשט געוואָרן און טאַקע דורך דעם זעלבן באַאַמטן, וועלכער האָט זיך פאַר אים נאָך אָפנהאַרציקער אויסגעדריקט ווי פאַר מיר. וואָרים ער האָט אים געזאָגט גאַנץ קאַלטבלוטיק, אַז אויב די זאַכן אין דייטשלאַנד וועלן אַזוי ווייטער גיין, „וועט די דאָזיקע קאַרנאַוואַל־רעפּובליק זיין באַלד גרייט צו דעם אונטערגאַנג״.

אונזער באַפרייאונג איז יעדנפאַלס געקומען שנעלער, ווי מיר האָבן זיך געריכט. נאָכדעם ווי מיר זענען געזעסן זיבן וואָכן אין אַרעסט, איז אין איינעם אַ נאָכמיטאָג געקומען דער דירעקטאָר גאַאול אין אונזער צעל און אונז דערקלערט מיט פרייד, אַז מיר קענען אַהיימגיין. וועגן דער סיבה פון אונזער פּלוצלינגער באַפרייאונג האָט ער אונז פאַרשטייט זיך נישט געקאָנט געבן קיין שום אינפאָרמאַציע. מען האָט געמוזט נעמען די זאַכן אַזוי ווי זיי זענען, נישט פרעגנדיק אויף קיין געזעצלעכע מאָטיוון. אין יענער צייט איז דאָך אַלדינג מעגלעך געווען.

**
*

איך בין קוים אַ וואָך געווען אין דער היים, ווי עס איז צו מיר אָנגעקומען אַן איינלאַדונג פון אַ סטודענטן־פאַרבאַנד, איך זאָל האַלטן אין דער בערלינער אוניווערסיטעט אַ רעפעראַט וועגן נאַציאָנאַליזם און קולטור. דער סעקרעטאַר האָט אין זיין בריוו מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיין רעפעראַט וועט מסתמא געבן אַ סיבה צו אַ הייסן וויכוח, מחמת די גרויסע מערהייט פון די בערלינער

סטודענטן איז שטאַרק באַאײנפלוסט פון רעאַקציאָנערע אידעען און אַ סך פון זיי געהערן אַפילו צו אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַמיִען זיך אויף אַ נישט פאַר־שטעלטן אופן אומצוברענגען די רעפובליק. איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג, ווייל איך האָב זייער חשק געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין אַ וויכוח מיט אַ יוגנט, ביי וועלכער דער רעאַקציאָנערער דענק־אופן איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע. בעת אין אַנדערע לענדער, און בעיקר אין די לאַטייניִשע, פלעגט תמיד פון די אוניווערסיטעטן און הויכשולן אַרויסקומען אַ באַדייטנדיקע צאָל הויך־קולטו־רעלע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג, זענען די מײנסטע העכערע בילדונג־אַנשטאַלטן אין דייטשלאַנד זינט לאַנגע צייטן געווען נעסטן פון אַנטיסעמיטיזם און פעסטונגען פאַר יעדן מין רעאַקציע, ווו מען האָט נישט געהאַט די מינדסטע פאַרשטענ־דעניש פאַר סאָציאַלע שטרעבונגען אין פאָלק.

ווען איך בין אין טאָג פון דער פאַרזאַמלונג אַריינגעקומען אָוונטצייט אין דער אוניווערסיטעט, האָב איך געזען דעם גרויסן אַקטן־זאַל באַזעצט ביז צום לעצטן פלאַץ. צווישן די אַכט אָדער ניין הונדערט סטודענטן האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע פּראָפעסאָרן, ווי מען האָט מיר שפּעטער געזאָגט. נאָענט פאַר דער רעדנער־בינע זענען געזעסן אומגעפער אַ פופציק יונגעלייט אין אוניפאָר־מען און שטאָלהעלמען. דאָס זענען געווען סטודענטן, וועלכע האָבן געהערט צו דער אַזוי גערופענער ערהאַרדט־בריגאַדע, וועלכע האָט אין אַ קורצער צייט אַרום געשפּילט אין קאַפּ־פּוטש אַזאַ טרויעריק באַרימטע ראָלע. דער פאַרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג האָט שוין געוואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד און מיך באַלד אַריינ־געפירט אין אַ קליין צימער, ווו ער האָט מיר פאַרגעשטעלט נאָך עטלעכע פון זיינע אידעע־חברים. צו מיין גרויסער דערשטוינונג האָב איך איצט געהערט, אַז די איינאָרדענער פון דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך שוין געהאַט דעצידירט זי אָפּצו־רופן, ווייל מען האָט זיך דערוווּסט, אַז עס איז געווען אַ פּלאַן זי אויפצורייסן. עט־לעכע פּראָפעסאָרן האָבן זיך דעריבער געווענדט צו די איינאָרדענער און זיי גע־בעטן זיך אָפּצוזאָגן פון דער פאַרזאַמלונג, כדי דער כבוד פון דער אוניווערסי־טעט זאָל נישט דערנידעריקט ווערן דורך די ווילדע סקאַנדאַל־סצענעס.

איך האָב דערקלערט די יונגעלייט, אַז עס איז נישט מיין טבע זיך אונ־טערצוואַרפן אָן אַ ווידערשטאַנד דער אומפאַרשעמטקייט פון אַ באַנדע גראָבע יונגען און געבעטן דעם פאַרזיצער, ער זאָל לכל הפּחות מאַכן אַ פּרוּוו און עפע־נען די פאַרזאַמלונג. אויב די דאָזיקע תּכשיטים פון דער אַקאַדעמישער יוגנט וועלן מיך דאָך איבערשרייען, האָב איך געזאָגט, וועט אונז קיינער נישט קענען באַשולדיקן אין פּחדנות. קעגן אַן אָרגאַניזירטער מחנה טעמפּע פאַנאַטיקער איז זיך שווער אַן עצה צו געבן, אָבער קיינער זאָל אויף מיר נישט קענען זאָגן, אַז איך האָב פאַרלאָזט די פּאָזיציע אָן אַ קאַמף, נישט פאַרטיידיקנדיק זיך. חוץ דעם איז עס דאָך נאָך גאָרנישט זיכער געווען, צי איך וועל נישט דאָך בייקו־מען די שטערונגען; וואָרים ווען אַפילו די גרויסע מערהייט פון די פאַרזאַמלטע

זענען נישט מסכים מיט מיינע מיינונגען, איז דאָך בכל אופן געווען אָנצונעמען, אַז זי וועט רעספּעקטירן די אַזוי גערופענע אַקאַדעמישע פרייהייט און זיך נישט אַזוי ווייט אַראָפּלאָזן צו מאַכן פון דער אוניווערסיטעט אַ בינע פאַר וואולגאַרע סצענעס פון אַ פּראָסטן המון.

צוויי פון די סטודענטן האָבן געהאַט די זעלבע מיינונג און לסוף האָט אויך דער פאָרזיצער איינגעזען, אַז עס פּאַסט פשוט נישט אָפּצורופן די פאַרזאַמלונג, אָבער ער האָט מיר פאַראויסגעזאָגט, אַז מען וועט מיך מסתמא קיין פערטל שעה אַפילו נישט קענען הערן.

„איז ערגער פאַר דער דייטשער אינטעליגענץ”, האָב איך געזאָגט. „מיר וועט דאָס נישט ברענגען קיין שום שאָדן, און אויב אייערע קאָלעגן מיינען, אַז מען קאָן פאַרטרייבן פון דער וועלט געדאַנקען, דורכדעם וואָס מען וועט פאַרשרייען זייערע אָנהענגער, בין איך זיי נישט מקנא מיט די פרוכטן פון זייער בילדונג”.

מיר זענען דערנאָך באַלד אַרויף אויף דער רעדנער־טריבונע. ביי אונזער באַווייזן זיך איז באַלד שטיל געוואָרן. דער פאָרזיצער האָט געעפנט די פאַר־זאַמלונג מיט אַ קורצער רעדע און האָט מיך באַלד דערנאָך פאָרגעשטעלט ווי דעם רעדנער פון אָוונט. איך האָב נאָך נישט געהאַט גערעדט קיין צען מינוט, ווי די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. אַ טייל פון די צוהערער האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו שאַרן מיט די פיס, דורך וועלכן דייטשע סטודענטן פלעגן געבן צו דערקענען זייער אומצופרידנהייט. איך האָב געשוויגן ביז דער טומל האָט זיך איינגעשטילט און געזאָגט קאַלט: „זענט איר פאַרטיק, מיינע הערן? קאָן איך ווייטער פאָרזעצן מיינע אויספירונגען”.

עס זענען פאַרביי פינף מינוט, ביז דאָס שאַרן מיט די פיס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף מיין שטול און געוואַרט, ביז עס איז ווידער רואיק געוואָרן. דערנאָך האָב איך ווייטער אָנגעהויבן פּונקט פון דעם אָרט, ווו איך האָב געהאַט געענדיקט. דאָס האָט זיך נאָך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, ביי וועלכע די ערהאַרדט־לייט, ווי איך האָב באַמערקט, האָבן תמיד געגעבן דעם צייכן. געוויס איז מען דערמיט אויסן געווען מיך צו צע־טומלען און ווען דאָס איז נישט געלונגען, איז דאָס איבעררייסן געוואָרן וואָס אַמאָל אָפטער, ביז איך האָב מיר לסוף אַליין געמוזט זאָגן, אַז איך קאָן ביי אַזעלכע באַדינגונגען ווייטער נישט רעדן. עס זענען מיר בכן געבליבן צוויי אופנים: איך האָב געקענט פשוט זאָגן עטלעכע ווערטער, צוגעפּאַסטע צו דער סיטואַציע, און אַראָפּגיין פון דער בינע; אָבער איך האָב אויך די חוצפּהדיקע גרוביאַנעס, וואָס זענען אין זייער גרויסער טעמפּקייט נישט בכוח געווען אַרויס־צוווייזן אַ ביסל אַכטונג צו אַ פרעמדער מיינונג, ווי עס פירט זיך ביי גוט־דערצויגענע מענטשן, געקאָנט אַריינזאָגן עטלעכע גוט־פאַרדינטע גראָבקייטן און זיי אַזוי צערייצן, אַז זיי זאָלן אַליין אויפרייסן די פאַרזאַמלונג, ווי עס איז

אייגנטלעך לכתחילה געווען זייער כוונה. ביי יענע באַדינגונגען, האָב איך מיר געזאָגט, אַז דער צווייטער אופן איז בעסער.

ווען דער טומל האָט זיך נאָך אַ נייעם איבעררייס ווידער איינגעשטילט, בין איך צוגעגאַנגען צום רעדנער־שטענדער און געזאָגט קאַלט: „מיינע הערן, אייער ווונדערלעכע אויפפירונג האָט מיך איבערצייגט, אַז דאָ אין זאַל געפינט זיך אַ צאָל מענטשן, וועלכע ווילן שטערן מיין רעפעראַט. ווי אַן איינצלנער מענטש בין איך פאַרשטייט זיך נישט אימשטאַנד מיך אַקעגנצושטעלן אַ האָרדע, וועלכע קאָן איר אינטעליגענץ אַרויסווייזן בלויז דורך די פיס, ביי וועלכן דער קאָפּ מוז טאַקע בלייבן פוסט. דאָס איז ספּעציעל גילטיק פאַר די יונגע הערן, וועלכע איך זע דאָ פאַר מיר אין די שטאָלהעלמען. מסתמא האַלטן זיי זייער אויפפירונג פאַר אַ ספּעציעלן אויסדרוק פון דייטשער העלדישקייט. איך אָבער בין אין דער מיינונג, אַז עס געהער באמת נישט קיין סך מוט דערצו, אַז מען זאָל אַ קעגנער שטערן פריי אויסצודריקן זיינע געדאַנקען, אנשטאט אויפריכטיק אין אַן אָפּע־נער רעדע זיך איינצושטעלן פאַר דער אייגענער איבערצייגונג. יעדער גראָבער יונג איז אימשטאַנד זיך צו האַלטן ביי אַזאַ מעטאָדע. דאָס איז נישט קיין קונסט, בפרט ווען מען האָט זיך פאַר אַזאַ אידעלן צוועק ספּעציעל אָרגאַניזירט. אָבער אַרויסצושטעלן געדאַנקען קעגן געדאַנקען, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, דאָס לאָזט זיך נאָר אויסלערנען מיט דעם קאָפּ און נישט מיט די פיס".

איך האָב יעדע רגע זיך געריכט אויף אַ שטורעם, וואָס וועט שנעל אַ סוף מאַכן צו דער פאַרזאַמלונג. אָבער דער שטורעם איז נישט געקומען. עס איז גאָר פּלוצלינג געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען וואָלט געווען געקאָנט הערן דאָס פאַלן פון אַ פעדער. ווען איך האָב דערנאָך אָנגעהויבן ווייטער צו רעדן אין דעם זעלבן טאָן, האָבן זיך אין פאַרשידענע טיילן פון זאַל געהערט הויכע אַפּ־לאָדיזן ,וואָס זענען אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. דעמאָלט האָט דער פירער פון די ערהארדט־לייט געגעבן זיינע חברים אַ קורצן באַפעל. די פּערציק אָדער פופציק דייטשע העלדן האָבן זיך אויפגעהויבן ווי איין מאַן און אַרויסמאַרשירט מיט שווערע טריט פון זאַל, וואָס איז פון אַ סך באַגריסט געוואָרן מיט גרויס הייטערקייט. דערמיט איז דער חרם צעשטערט געוואָרן. איך האָב געקאָנט אַן ווייטערדיקע איבעררייסן רואיק פאַרענדיקן מיין רעפעראַט און איך האָב אַפילו באַמערקט מיט אינערלעכער באַפרידיקונג, אַז דער רוב פון די צוהערער האָבן אויפגענומען מיינע אויספירונגען מיט קענטיקער געשפּאַנטקייט. דאָס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויף יענער מערקווירדיקער פאַרזאַמלונג פּלוצלינג מיט איין קלאַפּ געוווּנען אַלע צוהערער פאַר מיינע אנשויאונגען. אָבער איך האָב לכל הפחות דערגרייכט אַזוי פיל, אַז מען האָט מיך רואיק אויסגעהערט און נישט געמאַכט קיין ווייטערדיקע פּרוּוון מיר צו שטערן אין דעם אַרויסברענגען מיינע געדאַנקען. מיין רעפעראַט איז געווען אַ קורצער רעזו־מען פון די זעלבע אנשויאונגען, וועלכע איך האָב שפּעטער איבערגעגעבן אין

מיין בוך נאַציאָנאַליזם און קולטור. ער האָט דעריבער געגעבן מיינע נאַציאָנאַליסטישע קעגנער געגוג שטאָף מיט מיר זיך אויסצוטענהן בעת דעם וויכוח.

דער דאָזיקער וויכוח האָט זיך אַנטוויקלט זייער לעבעדיק און אַרויסגעבראַכט מיינונגען, וואָס האָבן זיך צו מיין איבערראַשונג אָפט צונויפגעטראָפן מיט מיינע אייגענע אויספירונגען, אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען אין סתירה מיט יעדן פונקט פון די פון מיר אַרויסגעזאָגטע. דערביי איז נאָך אַמאָל געקומען צו אַ מיאוסן אינצידענט, וועלכער האָט נישט בלויז געוואָרפן אַן אומגינסטיק ליכט אויף דער גייסטיקער קוואַליטעט פון א טייל צוהערער מיינע, נאָר אויך ווידער אַמאָל שיעור נישט דערפירט פאַר דעם סאַמע סוף צום אויפרייסן די פאַרזאַמלונג. די ערשטע, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן מיינע אויספירונגען, איז געווען אַ יונגע גרעפין, וואָס איר נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון. זי האָט ספּעציעל אין מיינע אויספירונגען וועגן דעם פעדעראַליזם געפונען אַ פּסול און דערקלערט מיט אַ פּאַטאָס, וועלכער האָט ממש געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק, אַז אין אַ פעדעראַליסטישער געזעלשאַפט איז נישטאָ קיין פּלאַץ נישט פאַר קיין אייזנבאַנען, נישט פאַר קיין איינגעאָרדנט פּאָסט־סיסטעם און נישט פאַר די הנאות פון דער מאָדערנער אינדוסטריע און טעכניק, וואָס דאָס זענען אַלץ דערגרייכונגען, וועלכע קענען זיך, לויט איר מיינונג, נאָר אַנטוויקלען אין שטאַרק צענטראַליזירטע מדינות, בעת דער פעדעראַליזם מוז אונז אומבאַדינגט ווידער צוריקפירן צו דער שטיין־צייט. די דאָזיקע ממש אופאַרגלייכלעכע איגנאָראַנץ אין אָט די זאַכן האָט טאַקע נישט געמאַכט קיין איינדרוק אויף די צוהערער, בפרט אַז זי האָט די וויכטיקסטע פונקטן פון מיין רעפעראַט בכלל נישט באַרירט.

נאָך איר האָט זיך געמאָלדן אַלס רעדנער אַ יונגער ייִדישער סטודענט, און זיין באַווייזן זיך האָט אַרויסגערופן גרויס אומרואיקייט ביי אַ טייל פון דער פאַרזאַמלונג. דער יונגערמאַן האָט ספּעציעל געצילט זיינע פיילן אויף דער גרעפין און ער האָט איר אויפגעקלערט, אַז אין דער פעדעראַליסטישער שווייץ געפינען זיך די אייזנבאַנען אין אַ בעסערן צושטאַנד ווי אין דייטשלאַנד, מחמת דאָרט איז אַפילו נישט פאַרהאַן קיין פערטער קלאַס אַדער, ווי מען רופט דאָס אין פאָלק, קיין בהמות־וואַגאָנען. אויך די פּאָסט איז דאָרט לפּחות אַזוי גוט אָרגאַניזירט ווי ביי אונז, פונקט אַזוי גוט איז די אינדוסטריע און טעכניק. ווען ער האָט נאָך דערנאָך געלאָזט פאַלן עטלעכע גאַנץ אומגינסטיקע באַמערקונגען וועגן דער בילדונג־מדרגה פון אַ געוויסן סאָרט דייטשע סטודענטן, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ שרעקלעכער ליאַרעם. עטלעכע אַנטיסעמיטישע סטודענטן האָבן געשריגן: „העפּ! העפּ! קיין פּאַלעסטינע!" אַ לאַנגער ווי אַ בוים קאָרפּאָראַציע־סטודענט, מיט אַ פּנים, וואָס איז אַזוי מיאוס צעניזוקט געווען פון שראַמען, אַז עס האָט כמעט פאַרלוירן דעם נאַטירלעכן אויסדרוק, האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער בינע און געוועוועט: „איר האָט באַליידיקט די גרעפין! מאָרגן אינדערפרי וועל איך אייך שיקן מיינע סעקונדאַנטן!"

אָבער דער יונגער סטודענט האָט געהאַט מוט און האָט נישט אָפּגעטרעטן פון אָרט, הגם דאָס געשריי „אַראָפּ! אַראָפּ!“ איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. וועגן אַ ווייטער רעדן איז פאַרשטייט זיך נישט געווען אַפּילו צו טראַכטן. ווען דער ליאַרעם איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, האָב איך צו אים געזאָגט: „מיין יונגער פריינט, איך באַדויער שטאַרק, וואָס אַ טייל פון אייערע קאָלעגן באַ־האַנדלט אייך אויף דעם דאָזיקן מיאוסן אופן און איך באַוווּנדער אייער פעסט־קייט. אָבער איר מוזט אַליין איינזען, אַז איר וועט זיך קעגן דער דאָזיקער האָר־דע קיין עצה נישט געבן. אויב איר וועט נישט אָפּטרעטן, וועט נאָך די פאַר־זאַמלונג לסוף אויפגעריסן ווערן. דאָס וואָלט באמת געווען אַ שאָד, ווייל איך וואָלט אין אַזאַ פאַל פאַרלוירן דאָס שלוסוואָרט, וואָס וואָלט אייך אויך געוויס נישט געווען אנגענעם“. — ער האָט מיר געקוקט גלייך אין פּנים און געענט־פערט: „איר זענט גערעכט, הער ראַקער. אייך צוליב וועל איך אָפּטרעטן. אָבער מיט דעם פרייען ווילן וואָלט איך די דאָזיקע פאַרשוינען נישט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט; זיי וואָלטן מיך געמוזט פון דער בינע אַראָפּשלעפּן“.

אַפּילו ווען דער יונגערמאַן איז שוין געהאַט אַראָפּ פון דער בינע, האָט זיך נאָך די מהומה אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט איינשטילן, ביז דער פאָרזיצער האָט נאָך גרויס מי לסוף אויסגעפועלט, מען זאָל אים אויסהערן. ווען עס איז ווי־דער רואיק געוואָרן, האָט איינער פון די אנוועזנדיקע פּראָפעסאָרן דר. פ. לאַנגע, גענומען דאָס וואָרט און ווידער דערפירט די דיסקוסיע אויף דער גייסטיקער מדרגה, וואָס מען האָט מיט רעכט געקאָנט דערוואַרטן פון דעם דאָזיקן פּלאַץ. ער האָט אין שאַרפע ווערטער קריטיקירט דאָס גראָבע אויפפירן זיך פון אַ טייל צוהערער און אויסגעשטעלט מיין רעפעראַט די בעסטע צייגעניש, וועלכער, ווי ער האָט געזאָגט, האָט זיך אינערגעץ נישט אַזוי געפּאַסט ווי פאַר דעם פאָ־רום פון דער אוניווערסיטעט. פּראָפעסאָר לאַנגע, מיט וועלכן איך בין אויפן גרונט פון דער דאָזיקער ערשטער באַגעגעניש שפּעטער נענטער באַקאַנט גע־וואָרן, האָט מיט אַ סך זאַכן, וועלכע איך האָב געזאָגט, זיך דערקלערט אינגאַנצן איינשטימיק מיט מיר און אַפּילו דאָרט, ווו ער האָט מיט מיר נישט מסכים גע־ווען, האָט ער פאַרטיידיקט זיין מיינונג מיט דער רואיקער אָביעקטיווקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקן דענקער, וועלכער ווייסט, אַז קעגן אידעען דאַרף מען קעמפן נאָר מיט גייסטיקע וואָפן. אים איז בעיקר געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס אויך די ווייטערדיקע רעדנער, חוץ קליינע אויסנאַמען, האָבן זיך באַמיט צו האַלטן ביי אַן אָביעקטיווקייט, וואָס פאַרדינט אַ שבח.

אין מיין נאָכוואָרט האָב איך באַרירט אַלע איינווענדונגען און היות די אַזוי־גערופענע ראַסנפראַגע האָט אויף דער פאַרזאַמלונג געשפּילט אַ ספּעציעלע ראָ־לע, האָט זיך מיר דאָ געמאַכט אַ געלעגנהייט שאַרף אונטערצושטרייכן די אי־נערלעכע סתירות אין די טעאָריעס פון גאָבינאָ, טשעמבערלען, דירינג, וואָלט־מאַן, האאוזער און זייערע פילצאָליקע נאָכגייער און שטאַרק באַטאָנען די גע־פאַר פון דענקען אין קאַטעגאָריעס, וואָס טראַכט־אויס אויף גאַנצע פעלקער

ספעציעלע אייגנשאַפטן, וועלכע קענען אין בעסטן אופן באַוויזן ווערן בלויז ביי יחידים. אַז אַ מענטש ווערט געבוירן אַלס אַן אַזויגערופענער אריער, סעמיט אָדער מאָנגאָל, האָב איך אויסגעפירט, איז בלויז אַ פראַגע פון צופאַל, מיט וועלכן ער מוז שלום מאַכן און וואָס מען קאָן אים נישט צורעכענען נישט לזכות און נישט לגנאי. נישט אין דעם גייט עס, וואָס עס ווערט אַ מענטש מיטגעגעבן, אָן זיין באַטייליקונג, אין דער וויג אַריין, נאָר דערויף, וואָס ער אַליין מאַכט פון זיך שפּעטער און ווי אַזוי ער פירט זיך אויף אַלס מענטש לגבי זיינע מיט־מענטשן, בפרט אז דער מטושטשער באַגריף פון דער ראַסע האַלט נישט אויס קיין ערנסטע פאָרשונג.

מיינע צוהערער האָבן זיך איינגעהערט צו מיינע רייד מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט. אפילו ווען איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב צו פאַרטיידיקן יענעם יידישן סטודענט, וועלכן מען האָט אַזוי גראָב פאַרשריגן און געגעבן צו פילן די אַנווענזנדע, אַז גראַד די אָנהענגער פון דעם דייטשן נאַציאָנאַליזם זענען צום ווינציקסטן באַרעכטיקט צו זידלען די יידן, ווייל אפילו די פּאָליטישע פּראָ־גראַמען פון די קאָנסערוואַטיווע און נאַציאָנאַל־ליבעראַלע, צוויי פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט זייער דייטשן איבערפּאַטריאָטיזם, זענען צו פאַרדאַנקען די צוויי יידן שטאָל און לאַסקער — האָט מען דאָס אַלדינג רואיק אַראָפּגעשלונגען און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט איבערצורייסן.

דער שטאַרקער אַפּלאַוז, וואָס איז געקומען נאָך מיין נאָכוואָרט, האָט גע־וויזן, אַז אויך אין די דאָזיקע קרייזן גיט אַ קליינע מינדערהייט דעם טאָן און דורך איר פעסטער האַלטונג שטילט זי איין די אַנדערע און זי צווינגט אָנצו־נעמען אַן טענות זאַכן, וועלכע שטייען אָפט אין סתירה מיט זייער אינערלעכער איבערצייגונג. פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט אין דייטשלאַנד און אירע לע־רער איז דאָס טאַקע נישט קיין קאָמפּלימענט, וואָרים עס באַווייזט נאָר, אַז ביסמאַרק איז גערעכט געווען, ווען ער האָט פאָרגעוואָרפן די דייטשן זייער מאַנגל אין ציוויל־קוראַזש, הגם דווקא ער האָט צום מייסטן מיטגעשטייערט צו דער דאָזיקער גייסטיקער און מאָראַלישער קאַסטרירונג.

איך בין שפּעטער געבליבן נאָך עטלעכע שעה צוזאַמען מיט די איינאָר־דענער פון יענער פאַרזאַמלונג ,וואָס פאַרדינט צו פאַרבלייבן אין זכרון. אַלע זע־נען פאַרשטייט זיך געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, וואָרים קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערעכנט, אַז דאָס וועט זיך אַזוי ענדיקן. איינער פון די סטו־דענטן האָט באַלד אָנגעשריבן פאַר דעם זשורנאַל דערקענטעניש און באַפרייאונג אין ווין אַ לאַנגן באַריכט, אין וועלכן יענער זיג פון דעם פרייען סטודענטנטום איבער די רעאַקציאָנערן איז אויף אַ זייער קלאָרן אופן באַשריבן געוואָרן.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער קאַפּיטאַן ערהאַרדט האָט שפּעטער אין זיינע זכרונות געמאַכט די אומגלויבלעכע דערקלערונג, אַז מיין פאַרזאַמלונג איז אויף זיין באַפעל אויפגעריסן געוואָרן. אַז דער דאָזיקער מגושמדיקער זעלנער,

וועלכער האָט אין זיין לעבן קיינמאָל נישט געטראַכט קיין אייגענעם געדאַנק, האָט דעם דאָזיקן באַפעל געגעבן, איז גאַנץ זיכער; דאָס איבעריקע אָבער האָט ער זיך אויסגעזויגן פון פינגער. אַ פאַקט איז, אַז איך האָב שפּעטער נאָך גע־האַלטן אין דער אוניווערסיטעט אַ צאָל רעפעראַטן וועגן פּעטער קראָפּאָטקין און זיין לערע, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אָן שום שטערונג.

דער קאַפּ־פּוטש

מיר זענען ערשט געהאַט אַרויס פון דער תפיסה, ווי דייטשלאַנד איז ווי־דער געשטראָפט געוואָרן מיט אַ נייער קאַטאַסטראָפע. די באַרימטע וויימאַרער רעפּובליק איז נאָך נישט געהאַט אַלט געוואָרן קיין אַכצן חדשים, ווי איר ווײַ־טערדיקער קיום איז באַדראָט געוואָרן אויף דעם געפערלעכסטן אופן. אונטער דער השפעה פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַרטיידיקונג־מיניסטער נאָסקע איז די אָרגאַניזאַציע פון דער נייער אַרמיי אינגאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די אַלטע קייזערלעכע גענעראַלן, וועלכע האָבן בלויז געוואַרט אויף דער שעה, ווען מען וועט דער רעפּובליק קענען דערלאַנגען דעם טויט־קלאַפּ. דאָס וואָס די דאָזיקע שעה איז נישט געקומען פריער און עס האָט נאָך געמוזט דויערן כמעט דרייצן יאָר, ביז די רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער וועלט־בינע, לאָזט זיך דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס די אָנהענגער פון דער רעאַקציע האָבן זיך נאָך כלפי חוץ נישט געפילט גאָר זיכער און זיך געמוזט רעכענען מיט אַן אַרײַנמישונג פון די מערב־מאַכטן. דעריבער האָבן זיי זיך דערווײַל געמוזט באַגניגענען בלויז מיט פאַרשטאַרקן די קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוחות און צו באַזעצן זייערע פאַרטרויאונג־מענטשן אין אַלע אינסטיטוציעס, כדי פון אינעווייניק אונטערצוגראָבן די רע־פּובליק, ביז זי איז רייף געוואָרן פאַר דעם אונטערגאַנג. אַז דאָס דאָזיקע האָט געקאָנט געשען ביי דער דירעקטער באַטייליקונג פון דער שטאַרקסטער און צום בעסטן אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער וועלט, איז נישט בלויז געווען אַ גרויסע איראָניע פון דער היינטצייטיקער געשיכטע, נאָר גלייכ־צייטיק אויך די וויכטיקסטע סיבה פון דער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער עס האָט שפּעטער געליטן די גאַנצע מענטשהייט.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אַלע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַטענטאַטן בעת דער רעפּובליק זענען קודם כל געקומען פון די דורך נאָסקען געשאַפענע מיליטערישע רויבער־באַנדעס און שפּעטער פון די אָפיציעלע פאַרשטייער פון דער נייער אַרמיי און זייערע נאַטירלעכע אַליאירטע, די פּרייַ־סישע יונקערס און די הערשער פון דער דייטשער גרויסאינדוסטריע. זיי האָבן

פון אָנהייב אָן געאַרבעט אין געהיים און מיט קאַלטער אויסרעכענונג אויסגע־נוצט יעדע געלעגנהייט, וואָס די גרויסע מערהייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט זיי אויף פּונקט אַזאַ אומזיניקן ווי פאַרברעכערישן אופן אונ־טערגערוקט אין די הענט אַריין.

דאָס איז צום באַדויערן נישט קיין סתם מיינונג, נאָר לאָזט זיך בלי ספק פעסטשטעלן מיט כמעט מאַטעמאַטישער זיכערקייט אין יעדן באַזונדערן פאַל. נישט בלויז זענען דורך נאָסקעס אומענטשלעכע זעלנער אומברחמנותדיק און ממש מיט חיהשער ברוטאַלקייט אונטערדריקט געוואָרן אַלע פּרוון פון דער אַרבעטערשאַפט אָפּצושטעלן די קאָנטררעוואָלוציע; יענע מיליטערישע גענג־סטער־מחנות, וועלכע זענען כלומרשט צום שוץ פון דער רעפּובליק אַרויסגע־לאָזט געוואָרן אויף די אַרבעטער, האָבן אויך געהאַט צווישן זיך געהיימע גע־זעלשאַפטן ווי די טרויעריק באַרימטע מאָרד־צענטראַלעס קאָנסול, שלעזישער גרענעץ־שוץ, שוואַרצע רייכסווער און אַ סך ענלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אויסגעפירט די מיינסטע פּאָליטישע געהיים־מאָרדן, וועלכע האָבן יאָרנ־לאַנג געהאַלטן דייטשלאַנד אין שרעק. די דערמאָרדונג פון קאַרל ליבקנעכט, ראָזאַ לוקסעמבורג, קורט איזנער, גוסטאַוו לאַנדאַוער, פראַנץ גאַראייז, הוגאָ האַאַזע, מאַטיאַס ערצבערגער, האַנס פּאַשע, וואַלטער ראַטענאַו און פון הונ־דערטער אַנדערע מיט ווייניקער באַקאַנטע נעמען זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך שליחים פון יענע מיליטערישע גענגסטער.

דער באַקאַנטער דייטשער פּאַציפיסט, פּראָפעסאָר גומבעל, האָט שפּע־טער סטאַטיסטיש פעסטגעשטעלט די געמיינהייטן פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן גענגסטערטום און זיי אַרויסגעבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט אין זיין בוך צען יאָר מאָרד! און גומבעלס בוך באַהאַנדלט בלויז אַזעלכע פאַלן, וואָס זענען דורך דער פּרעסע פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף זיכער, בעת די גרעסערע צאָל פון די אַזויגערופענע פעמע־מאָרדן און פון פּלוצלינג פאַרשווונדענע מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין קיינמאָל נישט באַוויזן, איז קיינמאָל נישט באַקאַנט גע־וואָרן. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז גומבעל איז דורך דעם דרוק פון רעאַקציאָנערע קרייזן פון דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג באַזייטיקט געוואָרן פון זיין פּראָפעסאָר־אַמט.

אַז מערדער פון רעאַקציאָנערע קרייזן האָבן געקאָנט אויספירן זייער בלוטיקע מלאכה כמעט אומגעשטערט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס עס האָט געדויערט די רעפּובליק, לאָזט זיך באַווייזן דערפון, וואָס אין אַ סך פאַלן זע־נען די מערדער בכלל נישט צוגעצויגן געוואָרן אָפּצוגעבן דין וחשבון אָדער, ווען דאָס איז געשען, זענען זיי פון די רעפּובליקאַנישע ריכטער באַהאַנדלט געוואָרן אַזוי מילד, אַז עס האָט אַנדערע געמוזט צוגעבן חשק דאָס נאָכצוטון. פון 318 פּאָליטישע מאָרדן, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן אין די ערשטע דריי יאָר פון דער רעפּובליק, זענען אויסגעפאַלן בלויז 16 אויף אָנהענגער פון די לינקע, בעת אַלע אַנדערע דאַרפן פאַרצייכנט ווערן אויף דער קאָנטע

פון די רעאַקציאָנערן. אָבער בעת אין די 16 פאַלן, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן רעוואָלוציאָנערן, זענען פון די געריכטן אַרויסגעגעבן געוואָרן אַכט טויט־אורטיילן און 239 יאָר תפיסה פאַר די אָנגעקלאָגטע, איז פון די 302 איבעריקע פאַלן בלויז איין אָנגעקלאָגטער פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקער תפיסה. טאָ דאַרף מען זיך חידושן, וואָס ביי אַזאַ מין פירן משפּטים איז די גאַנצע גערעכטיקייט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך און די רעאַקציאָנערע געהיים־מערדער זענען ממש דערמוטיקט געוואָרן צו נייע קאָנספּיראַציעס?

דאָס וואָס די דייטשע סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט האָט פאַרזוימט ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, האָט פאַר איר מיט יעדן טאָג געמוזט ווערן וואָס אַמאָל פאַטאַלער, ווייל אירע פירער האָבן זיך נישט געקאָנט אַנט־שליסן צו אַ דעציִדירנדיקער טאַט. זיי האָבן אַלץ געהאַט אין דער האַנט און זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, בעת אַ צילבאַוווּסט האַנדלען וואָלט געווען געקאָנט ראַטעווען די גאַנצע לאַגע. און דאָך פאַלט מיר אַפילו אין חלום נישט איין צו באַשולדיקן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אין סאָציאַל־פּאַציִפיסטי־שער אַפּיקורסות, ווי די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן באמת צום ווינציקסטן רעכט דערצו, האָבן עס תמיד געטון. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דורך אַ זיג פון פאַשיזם גאָרנישט געקאָנט געווינען און אַלדינג פאַרלירן, ווי עס איז טאַקע שפּעטער געשען. אַפילו דער פּשוטסטער סאָציאַליסטישער אַרבע־טער האָט זיך געמוזט זאָגן, אַז אַ זיג פון דער רעאַקציע וועט זיך נישט אָפּ־שטעלן ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און ביי די גרויסע סינדיקאַלע פאַר־באַנדן. די וועלטגעשיכטלעכע שולד פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ליגט נישט דערין, וואָס אירע אָנהענגער אָדער אַפילו נאָר אירע פירער זענען געווען פאַרמאַסקירטע פאַשיסטן, נאָר וואָס זייער מורא פאַר רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען איז געווען שטאַרקער פאַר זייער אָריענטירונג־פעאיקייט. רעוואָ־לוציעס מאַכן זיך נישט יעדן טאָג, נאָר ביי זעלטענע געלעגנהייטן, און ווער עס לאָזט דורך אַזעלכע געלעגנהייטן, איז אומפאַרמיידלעך פאַרמשפּט אַליין אַרונטערצופאַלן אונטער די רעדער.

אין דעם ווירוואַר פון פאַרלאַמענטאַריזם, דערצו נאָך אין אַ לאַנד, ווו דער פאַרלאַמענט האָט בכלל ווינציק־וואָס געהאַט צו זאָגן און בלויז געמוזט דינען ווי אַ פייגנבלאַט פאַר דעם פּרייסישן אַבסאָלוטיזם, כדי ווי עס איז צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט פון דעם מיליטערישן דעספּאָטיזם, האָט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרלוירן יעדע אַנדערע טאַט־פעאיקייט, אַזוי אַז ווען עס איז געקומען די שעה פון נסיון, האָט זי שוין נישט קיין כוח געהאַט אויפ־צושטיין און אָננעמען אַ פעסטן באַשלוס. איר לויט דער צאָל אַזוי שטאַרקע פּאַרטיי, וואָס האָט אַזוי פאַרבלענדט די אַרבעטערשאַפט אין אויסלאַנד, איז בלויז געווען אַ ריז אויף ליימענע פיס, וואָרים איר אייזערנע, דעם פּרייסישן שטאַט נאָכגעמאַכטע דיסציפּלין האָט דערשטיקט יעדע זעלבסטשטענדיקייט

פון האַנדלען און דענקען, וואָס איז דווקא אין רעוואָלוציאָנערע צייטן אַזוי שטאַרק נויטיק.

אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע ביר־גערטום געבראַכט גאָר גרויסע קרבנות אין זיין קאַמף פאַר דער פּאַרלאַמענ־טאַרישער מלוכה־פאָרעם און קעגן דער ווילקיר פון אַבסאָלוטיזם; אין דייטש־לאַנד אָבער איז די גאַנצע פּאָליטישע אָפּאָזיציע פון תמיד אָן געווען אויסגע־רעכנט אויף דער פּאָליטיק פון דעם קלענערן בייז. אין רואיקע צייטן איז אַזאַ טאַקטיק נאָך ווי עס איז פאַרשטענדלעך; אָבער אין דער צייט פון אַ רע־וואָלוציע פירט זי אומפאַרמיידלעך צום פּאָליטישן זעלבסטמאָרד. דערמיט וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דורך איר שטענדיק נאָכגעבן די אָפענע שונ־אים פון דער רעפּובליק אומזיסט געפּרוווט צו פאַרמיידן דאָס גרעסערע בייז, האָט זי ערשט רעכט מיטגעהאָלפן, ווען אפילו קעגן איר אייגענעם ווילן, דעם גרעסערן בייז זיך צו שטעלן אויף די פיס, ביז עס איז לסוף אויסגע־וואַקסן צו דעם גרעסטן בייז פון אַלע צייטן, וואָס האָט נישט בלויז דייטשלאַנד, נאָר די גאַנצע וועלט אַריינגעצויגן אין אומגליק.

בלי ספק וואָלט די רעוואָלוציע אפילו נאָך דעם צעשטערן די אַלטע מיליטערישע מלוכות געפאָדערט גרויסע קרבנות, דאָך אין פאַרגלייך מיט דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט שפּעטער אַריינגעשלעפּט די גאַנ־צע וועלט אין איר ווירבל, אומגעבראַכט מיליאָנען יונגע מענטשלעכע לעבנס און טויזנטער בליענדיקע שטעט אין דריי קאָנטינענטן פאַרוואַנדלט אין אַ וויסטן באַרג פון חורבות, וואָלט דאָס דאָזיקע געווען בלויז אַ קינדער־שפּיל, שוין אָפּגערעדט פון דעם עקלהאַפטן צרעת פון גייסט, וואָס די תלינים פון דריטן רייך האָבן פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט און וועלכן עס האָט ביז איצט אפילו די גרעסטע מיליטערישע מפּלה נישט געקאָנט אויסראָטן.

בעת די נייע סאָציאַליסטישע מלוכה־לייט האָבן אין זייער באַגער צו האַמעווען די רעוואָלוציע צוגעהאָלפן דער אַלטער מיליטער־קאַסטע ווידער זיך אַריינצובאַקומען אין זאָטל, האָבן זיי זיך אַליין געמאַכט פאַר געפאַנגענע פון דער רעאַקציע, וועלכע איז וואָס אַמאָל אַרויסגעטרעטן אומפאַרשעמטער, וואָס ווינציקער זי האָט זיך געהאַט צו שרעקן פאַר אַ ווידערשטאַנד. בלויז איין איינציק מאָל נאָך האָט אַ נישט געראָטענע שפּעקולאַציע פון דער אַלטער מיליטערישע כנופיה געגעבן דער דייטשער אַרבעטערשאַפט די געלעגנהייט צו מאַכן אַ קלאָרן חשבון מיט דעם צד פון דער קאָנטררעוואָלוציע; אָבער אויך די דאָזיקע געלעגנהייט איז דורך די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע פאַרשפּילט געוואָרן אויף אַ ממש שענדלעכן אופן, הגם זי האָט פאַר זיי באַדאַרפט זיין אַן אָנלערנונג, וואָס בלויז פולשטענדיקע שוטים האָבן גע־קאָנט נישט פאַרשטיין. עס איז פאַקטיש געווען די לעצטע געלעגנהייט, ווען מען האָט מיט אַ ביסל אַנטשלאָסנקייט נאָך געקאָנט אַלץ געווינען, וואָס איז ביז אַהער פאַרזוימט געוואָרן און גלייכצייטיק אויך די סיבה, פאַרוואָס די

דייטשע אַרבעטער האָבן שפּעטער אויף אַזאַ מיאוסן אופן געמוזט אויך פאַר־לירן דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן אפילו בעת די צייטן פון דער קייזער־הער־שאַפט פאַרמאָגט.

איך רעד דאָ פון דעם אַזויגערופענעם קאַפּ־פּוטש. דאָס יאָר 1919 איז געווען אַ בלוטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער דייטשער רעפּובליק. די אויפשטאַנדן אין בערלין, בייערן און אַנדערע טיילן פון דער מדינה זע־נען איינער נאָך דעם אַנדערן אונטערדריקט געוואָרן דורך די האָרדעס פון די באַצאָלטע זעלנער. די אַרבעטער האָבן אין יענע קאַמפן נישט בלויז פאַר־לוירן אַ סך פון זייערע בעסטע קרעפטן; אויך אַ גאַנצע ריי פון זייערע מוטיק־סטע פירער זענען געפאַלן קרבנות דורך אַטענטאַטן פון פאַרחיהשטע רוצחים. ביי די מאַסן האָט געהערשט אַ פאַרשטיקטע שנאה. עס איז נאָך נישט געהאַט געקומען די צייט, ווען עס באַוויזט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער יענע בלייערנע גלייכגילטיקייט, נאָכדעם ווי אַלע האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט זענען איינע נאָך דער אַנדערער צערונען געוואָרן. צום מיינסטן זענען אין יענער צייט די געמיטער געווען באַאומרואיקט פון די כסדרדיקע קלאַנגען וועגן אַ באַלדיקן מיליטער־פּוטש, וואָס האָבן ביי דער אַרבעטנדיקער באַפעל־קערונג אַרויסגערופן אַ גאַר אומהייטערע שטימונג. אַז די דאָזיקע קלאַנגען, וואָס קיינער האָט נישט געוווסט, פונוואַנען זיי שטאַמען, זענען נישט קיין סתם אויסגעטראַכטע, איז באַלד קלאָר געוואָרן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט דער הויפּטמאַן פּאַבסט, איינער פון קאַרל ליבקנעכטס מערדער, און דער אָבערסט באַאוער שוין אין יולי 1919 געמאַכט אַלע צו־גרייטונגען צו אַזאַ פּוטש, נאָך וועלכן עס האָט געזאָלט קומען אַ מיליטערישע דיקטאַטור, און ער איז נישט דורכגעפירט געוואָרן נאָר דערפאַר, ווייל דער גענעראַל פאָן ליטוויץ האָט די דאָזיקע אַקציע אַנולירט, האַלטנדיק זי פאַר פריצייטיק.

צוויי חדשים פאַר דעם קאַפּ־פּוטש איז בערלין ווידער אַמאָל געשטראָפט געוואָרן מיט אַ בלוטיקער טראַגעדיע. דעם 13טן יאַנואַר 1920 האָט אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג געזאָלט אָפּגעשטימט ווערן דאָס אַרבעטער־ראַטן־גע־זעץ, וואָס זיינע רעאַקציאָנערע באַשלוסן האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַר־ביטערונג ביי דער אַרבעטערשאַפט. די U.S.P.D. האָט דעריבער אויפגע־פאָדערט די אַרבעטער צו אַ גרויסער פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע פאַר דעם רייכסטאַג־בנין, צו וועלכער עס זענען געקומען עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן. דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרייסישער אינערן־מיניסטער, וואָלפ־גאַנג היינע, האָט דעריבער געהייסן באַזעצן אַלע צוגענג צום פּאַרלאַמענט מיט מיליטער־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אומעטום אויסגעשטעלט מאַשינגע־ווער. די דאָזיקע מיאוסע האַנדלונג לגבי אַן אומבאַוואָפנטער פאָלקס־מאַסע, וועלכע האָט בלויז געוואָלט אויסדריקן איר פּראָטעסט קעגן אַ געזעץ, וואָס האָט אויף אַזאַ נבזהדיקן אופן זיך קעגנגעשטעלט אירע אינטערעסן, האָט

פאַרשטייט זיך געמוזט נאָך מער אויפרעגן די מאַסן. אויף דעם קעניג־פּלאַץ, ווו די אַרבעטער האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אין געדיכטע מאַסן, איז דער־גאַנגען צו קליינע רייבונגען מיט דער פּאָליציי. פּלוצלינג אָבער האָט זיך דער־הערט אַ שאָס. וואָס עס האָט קיינמאָל נישט געקענט פעסטגעשטעלט ווערן, ווער עס האָט אים געגעבן. באַלד האָבן אָנגעהויבן גרעגערן די מאַשינגעווערן, נישט געבנדיק פריער די מינדסטע וואָרענונג. דער רעזולטאַט איז געווען שרעקלעך. די אומבאַוואָפנטע מאַסע האָט אין אַ ווילד אַנטלויפן געפּרווט זיך צו ראַטעווען, אָבער אויף דעם וועג זענען געבליבן ליגן 42 טויטע און 105 פאַרוווּנדעטע, צווישן זיי עטלעכע פרויען.

דעם אַנדערן טאָג האָט גוסטאַוו נאָסקע, וועלכן דער פּרעזידענט עבערט האָט איבערגעגעבן די אויספּיר־מאַכט, אַרויפגעלייגט באַלאַגערונג־צושטאַנד איבער גאַנץ דייטשלאַנד, מיט דעם אויסנאַם פון בייערן, ווירטעמבערג און באַדן, הגם עס האָט קיינער אין גאַנצן לאַנד נישט קיין ריר געטון מיט קיין האַנט. דאָס שטרייק־רעכט איז צוגענומען געוואָרן ביי אַלע וויכטיקע אונטער־נעמונגען. — „מיט איין קלאַפּ", האָט זיך נאָסקע שפּעטער באַרימט אין זיין בוך, איז דורך מיר אונטערדריקט געוואָרן די פּרעסע פון די אומאָפּהענגיקע און קאָמוניסטן אין בערלין און אין לאַנד".

אויך דער סינדיקאַליסט האָט דעמאָלט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן אויף דעם סמך פון דאָזיקן פאַרבאָט. הונדערטער מענטשן, קעגן וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אויפווייזן דעם מינדסטן חטא, חוץ זייער פּאָליטישע מיינונג, זענען אין גאַנצן לאַנד איינגעזעצט געוואָרן אין שוץ־אַרעסט און אין אַ סך פאַלן אויף לאַנגע חדשים. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען אויך קאַטער און איך זענען אַרעסטירט געוואָרן. דאָס נבזהדיקע סיסטעם פון שוץ־אַרעסט, וואָס די קייזערלעכע רעגירונג האָט געהאַט איינגעפירט בעת דער מלחמה, כדי פּטור צו ווערן פון אומבאַקוועמע פּערזאָנען, וועלכע מען האָט געריכט־לעך גאָרנישט געקאָנט טון, האָט אויך אָנגעהאַלטן ווייטער ביי דער רע־פּובליק, נישט געקוקט דערויף, וואָס די ווימאַרער קאָנסטיטוציע האָט אויף דעם פּאַפּיר גאַראַנטירט יעדן דייטש דאָס רעכט פון פרייען מיינונג־אויסדרוק.

די בלוטיקע געשעענישן אין בערלין האָבן אַריינגעבראַכט אין פאָלק אַ פאַרשטיקטן אויפברויז, וואָס איז אַריינגעדרונגען טיף אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטערשאַפט. דער פאַקט, אַז די רעגירונג האָט אַפילו נישט געמאַכט קיין פּרווו צוצוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די אמתע שולדיקע אין יענער שרעקלעכער טראַגעדיע, האָט פאַרשטייט זיך נישט גע־קאָנט בעסער מאַכן די דאָזיקע שטימונג. אַנשטאַט אַריינצוגיין אין דעם תוך פון די זאַכן, האָט די בירגערלעכע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע פאַר־שפּרייט די ווילדסטע גרויל־ידיעות וועגן אַ פאַרשווערונג אין גרויסן פאַרנעם מצד די אומאָפּהענגיקע און קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך כלומרשט געשטעלט אַלס ציל אַראָפּצוּוואַרפן די רעגירונג און אויסצושטעלן דייטשלאַנד צום כאַאָס

פון אַ נייעם בירגערקריג. יעדער בר דעת האָט זיך געמוזט זאָגן, אַז מען הייבט נישט אָן קיין בירגערקריג דערמיט, וואָס מען פירט אָן אומבאַוואָפנטע מאַסע קעגן מאַשינגעווערן. אָט די דאָזיקע פּרוּוון מאָראַליש רעכטצופאַרטיקן אַן אומ־פאַראַנטוואָרטלעך פאַרברעכן דורך פאַרשפּרייטן אַזעלכע אָפענע שקרים האָט געמוזט אין אַ גרויסער מאָס צוהעלפן פונאַנדערצובלאָזן די פּאַרטיי־מחלוקת צווישן די אַרבעטער אין אַ גרויסן פלאַם און די פאַרשטייער פון דער מיליטערישער רעאַקציע געבן די איבערצייגונג, אַז עס איז ענדלעך געקומען זייער שעה צו דערלאַנגען דער רעפּובליק דורך אַ פּלוצלינגען אָנגריף דעם טויט־קלאַפּ.

שוין אין פעברואַר איז דער קלאַנג וועגן אַ נאָענטן מיליטער־פּוטש גע־וואָרן וואָס אַמאָל דייטלעכער. מען האָט גערעדט וועגן שרעקלעכע פּאַסירונ־גען אין מיליטער־לאַגער פון דעבריץ, נאָענט פון בערלין, און דערביי זענען גאַנץ אָפן דערמאָנט געוואָרן די נעמען פון דעם טרויעריק באַרימטן קאַפּיטאַן ערהאַרדט, פירער פון דער מאָרד־צענטראַלע קאָנסול, און פון גענעראַל פאָן ליטוויץ ווי די שעפן פון יענע אינטריגעס. אין די ערשטע טעג פון מערץ האָבן יענע קלאַנגען אָנגענומען אַ וואָס אַמאָל ברייטערן פאַרנעם, אַזוי אַז לסוף זענען אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מלוכה־לייט ערנסט באַאומרו־איקט געוואָרן. אין פאַרוועגטס פון 5טן אַפּריל האָט שפּעטער דער רעדאַק־טאָר עריך קוטנער דערציילט, אַז ער האָט אין אָוונט פון 12טן מערץ געהאַט אַ טעלעפאָן־שמועס מיט גוסטאַוו נאָסקע, אין וועלכן ער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם סמך פון באַשטימטע באַווייזן אויף די באַדראָענדיקע גע־שעענישן אין לאַגער פון דעבריץ. נאָסקע, אַזוי דערציילט קוטנער, האָט אים דעמאָלט געענטפערט, אַז ער גיט נישט צו קיין שום ווערט די דאָזיקע אַלע קלאַנגען און חוץ דעם זענען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען, אַז אַזאַ אומ־זיניקער פּרווו, אויב ער וועט באמת געמאַכט ווערן, זאָל מיט דער גאַנצער שטרענגקייט באַלד אונטערדריקט ווערן.

מיט זעקס שעה שפּעטער האָבן די מיליטער־אָפּטיילונגען פון דעבריץ שוין אַריינמאַרשירט קיין בערלין און דער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, צוזאַמען מיט זיין פאַרטיידיקונג־מיניסטער און די רעשט מיט־גלידער פון דער רעגירונג האָבן געמוזט אין גרויס אייליעניש אַנטלויפן צו־ערשט קיין דרעזדען און ,ווען זיי האָבן זיך אויך דאָרט נישט געפילט זיכער, קיין שטוטגאַרט, נאָכדעם ווי עס האָט אַ האָר געפעלט, אַז זיי זאָלן אַרעסטירט ווערן דורך די צעבונטעוועטע זעלנער.

ווען די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן אָנגריף וואָלטן נישט געווען אַזוי טראַגיש פאַר דייטשלאַנד, וואָלט מען געקאָנט די גאַנצע געשעעניש באַטראַכטן ווי אַ גראָטעסקע פאַרס־שפּיל, וואָס די דרייסטסטע פאַנטאַזיע וואָלט עס נישט געקאָנט בעסער אויסטראַכטן. דער בעסטער קאָמעדיע־שרייבער וואָלט נישט געקאָנט אויסגעפינען קיין מער קאָמישע סצענע פאַר יענער, ווי דער אַראָ־

גאַנטער נאָסקע האָט אַלס פאַרטיידיקונג־מיניסטער געמאַכט פליטה פאַר זײַנע אײגענע אָפיצירן, וואָס האָבן אים די גאַנצע צײַט אַזוי מיאוס געפירט פאַר דער נאָז.

נאָסקע האָט שפּעטער דערציילט אין זיין בוך, ווי אַזוי ער האָט די אַרום אים פאַרזאַמלטע אָפיצירן פון דער רייכסווער אין בערלין, צווישן זיי די גענעראַלן פאָן סעקט, פאָן אָלדערהאַאוזען, פאָן אָוועז און דעם אַדמיראַל פאָן טראָטהאַ, אומזיסט געבעטן רחמים צו מאַרשירן קעגן די צעבונטעוועטע און אַ סוף צו מאַכן צו דעם דאָזיקן גאַנצן גערודער, אָבער ער האָט פון זיי באַקומען די קאַלטע תשובה, אַז רייכסמיליטער וועט נישט שיסן אויף קיין רייכס־מיליטער. „מיט אַ טיפן עקל״, האָט דער דאָזיקער נאַרישסטער פון אַלע פאַרטיידיקונג־מיניסטאָרן געשריבן, האָב איך איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען, זיך געווענדט צום רייכסקאַנצלער און צום רייכספּרעזידענט און פאַרגעלייגט צוזאַמענצורופן דאָס קאַבינעט, כדי צו באַשליסן, וואָס מען דאַרף טון״.

דער דאָזיקער טעמפּער קאָפּ, פון גרויסקייט־מאַניע באַפאַלענער פאַרשוין, האָט אפילו אין די לעצטע שעהען נאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיינע פּרייסישע יונקערס ווילן אים נישט אַרויסהעלפן פון דער קלעם, אין וועלכער ער האָט זיך אַליין אַריינגעפּלאָנטערט. פון אַזאַ אומהיילבאַר פאַרבלענדטן מענטש איז פאַרשטייט זיך נישט געווען צו דערוואַרטן, אַז ער זאָל ענדלעך באַגרייפן די מיאוסע ראָלע, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט געשפּילט. ער האָט באמת נישט געהאַט קיין סיבה אין כעס צו זיין אויף די מענטשן, וועלכע ער האָט מיט דער הילף פון זיין פאַרטיי ווידער אַריינגעשטופּט די מיליטערישע מאַכט אין די הענט אַריין און וועגן וועלכע קיינער האָט נישט געקאָנט האָבן דעם מינדסטן ספק, צו וואָס פאַר אַ פּאָליטישער שיטה זיי געהערן. זיי האָבן אים נאָר אויסגעשטעלט די קבלה, וואָס ער האָט פאַרדינט.

דער אַזויגערופענער קאַפּ־פּוטש איז געווען אַ שוין לאַנג צוגעגרייטער ענין, וואָס איז בשום אופן נישט געווען באַגרענעצט אויף די מיליטער־אָפּטיילונגען אין דעבריץ. עס איז נישט פאַרהאַן קיין שום ספק, אַז אַלע העכערע אָפיצירן פון דער רייכסווער זענען געווען אינפאָרמירט וועגן דעם פּלאַן און ספּעציעל עריך לודענדאָרף איז פון אָנהייב אָן געווען אין אַ געהיימער פאַרבינדונג מיט די פאַרשווערער, אַזוי ווי ער האָט דאָס אויך שפּעטער געטון ביי דעם באַקאַנטן בירשענק־פּוטש פון אַדאָלף היטלער אין מינכען. ווען אַפילו אַ סך אָפיצירן פון דער רייכסווער האָבן תחילת אַנגענומען אַן אָפּוואַרטנדיקע פּאָזיציע, ווייל זיי האָבן פריער געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ דערפאָלג די זאַך וועט האָבן, זענען זיי אָבער פונדעסטוועגן געווען אַריינגעטון אין דעם ענין מיט האַרץ און נשמה. אַנדערע אָבער זענען באַלד געווען גרייט זיך אָנצושליסן צו די בונטאָווש־טשיקעס. דאָס דאָזיקע האָט ספּעציעל געטראָפן ביי דער מיליטער־אָפּטיילונג ליט־צאָוו, וואָס האָט געהאַט איר לאַגער אין רעמשייד און גרעזאַלט, לויט שפּעטער אויסגעפונענע דאָקומענטן אָנקומען דעם 15טן מערץ קיין בערלין, כדי זיך צו

פאַראייניקן מיט די קאַפּיטאַלן. וואָס דאָס דאָזיקע האָט נישט געקאָנט געשען, איז בלויז געווען צו פאַרדאַנקען דער שטאַרקער גענעראַל־שטרייק־באַוועגונג אין דעם מערבדיקן גרויסאינדוסטריע־געביט.

דער פּוטש איז זייער פאַרזיכטיק צוגעגרייט געוואָרן, און נאָכדעם ווי די קאָנספּיראַטאָרן האָבן אין דעם גענעראַל־דירעקטאָר פאַר אַגריקולטור וואָלפגאַנג קאַפּ געפונען אַ פּאָליטישן פירער, האָבן זיי געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן מער נישט וואַרטן. קאַפּ, אַ באַקאַנטער פירער פון דער אַלגעמיין־דייטשער באַוועגונג פאַר דער מלחמה, האָט זיך בעת דער מלחמה ספּעציעל אויסגעצייכנט ווי אַן אונטערשטיצער פון אַן אומבאַגרעניצטער אַנעקסיע־פּאָליטיק און ער האָט דעריבער ביי דער רעאַקציע געמוזט גילטן ווי דער פּאַסיקסטער מענטש צוריק אויפצופרישן דעם פאַרלוירענעם גלאַנץ פון דער אַלטער אימפּעריע. אַז קאַפּ האָט פאַר דעם פּוטש געפירט פלייסיקע אונטערהאַנדלונגען מיט די אַלט־קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי־פירער פון די רעכטע, איז שוין קלאָר געוואָרן פון דעם דראָענדיקן לשון, מיט וועלכן עס האָט זיך אין יענער צייט באַנוצט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּרעסע. יעדער האָט שוין מיט וואָכן פריִער געפילט, אַז עס איז עפּעס געווען אין גאַנג, בלויז דער טפּש נאָסקע האָט גאָרנישט געהערט און געזען. אַפילו ווען די אָפיצירן פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי האָבן זיבן וואָכן פאַר דעם פּוטש אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן געפייערט דעם קייזערס געבוירנטאָג און געשיקט זייערע אונטערטעניקע גליקווינטשן צום שלאָס־באַזיצער אין דאָרן, וועלכער האָט אַזוי חרפּהדיק פאַרלאָזט זיין אַרמיי און מיט זיין עלטסטן זון דעזערטירט קיין האָלאַנד, האָט דער סאָציאַליסטישער פאַרטיידיקונג־מיניסטער בלויז פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, כדי נישט צו פאַרשטערן די אומשולדיקע שפּיל פון די ווילדע מענטשן, וועלכע זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער רעפּובליק.

אויך מיט די אַזויגערופענע נאַציאָנאַל־באָלשעוויקעס האָט קאַפּ און זיינע אָנהענגער אָנגעקניפּט אונטערהאַנדלונגען, כדי זיך צו פאַרזיכערן מיט זייער אונטערשטיצונג. דאָס איז געווען אַ קליינע, אָבער גייסטיק זייער רירעוודיקע און איינפלוסרייכע גרופּע אין דייטשלאַנד, וועלכע איז באַשטאַנען כמעט בלויז פון אינטעלעקטועלע. זייער גייסטיקער פירער איז געווען דער אַמאָליקער סאָציאַל־דעמאָקראַט ד״ר היינריך לאַופענבערג אין האַמבורג. דער נאַציאָנאַל־באָלשעוויזם איז געווען אַ משונהדיקער געמיש פון גרויסדייטשישע קאָנצעפּטן און באָלשעוויסטישע אידעאָלאָגיעס, ווי זיי זענען דעמאָלט רעפּרעזענטירט געוואָרן דורך לענינען און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. זיין הויפּטציל איז געווען „צו באַפרייען דייטשלאַנד פון דער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער פרעמדהערשאַפט פון דער אַנטאַנט״ דורך אַן אַליאַנץ מיט רוסלאַנד. אויב עס וועלן דערצו נישט גענוגן קיין אַנדערע דרוק־מיטלען, טאָ זאָל אַ נייע מלחמה מיט דער הילף פון דער וועלט־רעוואָלוציע און אַ מיליטעריש־פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור ברענגען די אַנטשיידונג. אין יענער צערודערטער צייט

האָבן זיך געשאַפן כלערליי עקסטרעמען, וואָס זענען פון אַ סך מענטשן אויפגענומען געוואָרן מיט אמונה. דאָס דאַזיקע האָט געטראָפן נישט בלויז ביי אַרבעטער ,נאָר אויך ביי די אינטעלעקטועלע: אויך ד״ר פּאַאול עלצבאַכער, דער מחבר פון באַקאַנטן בוך דער אַנאַרכיזם, האָט דעמאָלט געהערט צו די נאַציאָנאַל־באָלשעוויקעס *).

צווישן די אָפיצירן פון דעם גענעראַל פאָן ליטוויץ און פאָרשטייער פון נאַציאָנאַל־באָלשעוויזם זענען שוין אַ לענגערע צייט פאַר דעם אויפשטאַנד אין דעבריץ געפירט געוואָרן געהיימע באַראַטונגען. פאַר די קאַפּיסטן איז אַזאַ פאַרבינדונג געווען זייער געווונטשן, ווייל די רעוואָלוציאָנערע פראַזעאָלאָגיע פון דער דאָזיקער ריכטונג האָט געמוזט מיטהעלפן אַריינצוברענגען נאָך אַ גרעסערע צעטומלונג אין די אַרבעטער־מאַסן און נאָך מער צו צעשפּליטערן זייערע רייען.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די גאַנצע וועלט האָט גערעדט וועגן דעם באַוועגטן אָנפאַל, איז די הויפּטשטאָט דאָך שטאַרק איבערראַשט געוואָרן דורך דער שנעלער האַנדלונג פון די בונטאָווטשיקעס, ווייל בלויז גאָר ווייניק מענטשן האָבן געהאַלטן די געפאַר פאַר אַזוי נאָענט. אַזוי אַרום איז געשען, אַז די מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן אָן שום ווידערשטאַנד אַריינמאַרשירט דעם 13טן מערץ אינדערפרי קיין בערלין און באַלד פאַרנומען אַלע רעגירונג־בנינים. אַ נייע

---

*) פאַר דעם אָנשרייבן זיין בוך האָט דר. עלצבאַכער, וועלכער איז פון אַ באַקאַנטן געוואָר געוואָרן מיין אַדרעס אין לאָנדאָן, מיך אָנגעפרעגט, צי איך וואָלט אים געקאָנט פאַרשאַפן עלטער מאַטעריאַל פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פאַר זיין אַרבעט. איך האָב אים דעמאָלט צוגעשיקט אַ גרעסערע צאָל אַלטע צייטשריפטן, מאַניפעסטן און בראָשורן אין פאַרשידענע שפּראַכן, און דאָס האָט דערפירט צו אַ קורצן בריוו־אויסטויש צווישן אונז. ווען איך בין שפּעטער נאָך דער מלחמה געקומען קיין בערלין, האָט ער דורך פאַרזאַמלונג־באַריכטן אין דער פרעסע זיך דערוווסט וועגן מיין אָנוועזנהייט און מיר געשריבן עטלעכע פריינטלעכע שורות, אין וועלכע ער האָט מיך געבעטן, אים ווי מעגלעך פריער צו באַזוכן. איך בין צו אים געקומען אין סעפּטעמבער אָדער אין אָקטאָבער 1919. עלצבאַכער, וועלכער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַנאַרכיסט און זיין גאָר ניצלעך ווערק וועגן אַנאַרכיזם האָט ער געשריבן פון ריין יוריסטישן שטאַנדפּונקט, האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט אָפּגעזאָגט פון זיין אַלט באַליבט פערדל און, ווי ער האָט מיר דערציילט, זיין גרויסע זאַמלונג פון אַנאַרכיסטישע שריפטן פאַרקויפט דעם מאַרקס־ענגעלס־פאַרלאַג אין מאָסקווע. זיינע אַלע חברים זענען דעמאָלט געווען אַריינגעטון אין דעם צוריק פאַרגלעטן דייטשלאַנדס מפּלה און דורך אַ מיליטערישן בונד מיט רוסלאַנד צוגרייטן א נייע מלחמה קעגן דער אַנטאַנט, אפילו ווען דאָס זאָל מוזן דערגרייכט ווערן דורך פאַרמאָנאָפּאָליזירן די אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט מצד דער מלוכה. היות מיינע מיינונגען אין דער דאָזיקער פראַגע זענען געווען אין יעדן פּרט אין סתירה צו זיינע, האָבן מיר זיך שוין מער נישט געזען. איך ווייס אויך נישט ,צי עלצבאכער איז אויף אַ וועלכן ס'איז אופן געווען באַטייליקט אין דעם קאַפּ־פּוטש. עס איז פאַר אים געווען אַ גליק, וואָס ער איז רעכטצייטיק געשטאָרבן. ווען נישט וואָלטן אים אַלס ייִד די ברכות פון דריטן רייך קלאָר באַוויזן, וווהין דער וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען, האָט לסוף געמוזט דערפירן.

רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון קאַפּ, ליטוויץ, לודענדאָרף, באַאוער, פּראַ־אוב און עטלעכע אַנדערע, האָט באַקאַנט געמאַכט די באַפעלקערונג דורך אַ קורצן, גאַנץ פאַרזיכטיקן אויפרוף וועגן די געשעענע פאַקטן.

איך בין אין יענעם טאָג שוין גאַנץ פרי געזעסן ביי מיין שרייבטיש, כדי צו פאַרענדיקן אַן אַרטיקל פאַר דעם קומענדיקן נומער פון סינדיקאַליסט. היות איך האָב געוווינט אין נויקעלן און אין יענעם פרימאָרגן נאָך נישט געהאַט געזען קיין צייטונג, האָב איך נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, וואָס עס איז דערווייל געהאַט געשען אין דער סאַמע שטאָט. פּלוצלינג איז מיין פריינט טעאָדאָר שוסטער אַריינגעפאַלן אין מיין צימער מיט עטלעכע פריש־געדרוקטע צייטונגען אין דער האַנט און געזאָגט: „וואָס? דו זיצסט נאָך דאָ? ווייסטו גאָרנישט, אַז עבערט, נאָסקע און די גאַנצע אַלטע רעגירונג האָבן געמאַכט פּליטה און בערלין געפינט זיך אין די הענט פון מיליטער? טראָג זיך גיך אָפּ, ווייל די לייט רייסן זיך שוין אַריין אין די פאָרשטעט, כדי אין די הייזער צו זוכן פאַרדעכטיקע". — איך בין שנעל דורכגעלאָפן די צייטונג און צו מיין דערשטוינונג געזען, וואָס עס איז אַלץ איבער נאַכט געשען.

ווען מיר זענען שוין געווען אויף דער גאַס, האָט מיר שוסטער דערציילט, אַז אין נידערשענדויידע, ווו ער האָט גוווינט, האָט די גאַנצע אַרבעטער־שאַפט אָפּגעשטעלט די וואַרשטאַטן און ער איז ספּעציעל געקומען קיין בערלין, כדי צו זען ווי די לאַגע זעט אויס און זיך אָפּצורעדן מיט די חברים, ווי אַזוי מען קאָן צום בעסטן איינאָרדענען בעת די קאַמפן קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען. טעאָדאָר שוסטער איז געווען איינער פון די ענערגישסטע חברים פון אונזער באַוועגונג אין גרויס־בערלין. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז די קאַפּיסטן מוזן אין עטלעכע טעג פאַרלירן די שפּיל, בתנאי אַז די אַרבעטער וועלן, אין אַכט נעמענדיק די קריטישע לאַגע, זיך ענדלעך דעצידירן צום אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד און זיך שוין נישט מער באַגניגענען מיט די האַלבע מיטלען פון זייערע פירער. צום גליק איז דאָס איצט נישט געווען אַזוי, ווייל די עבערט־רעגירונג, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביי אַנטלויפן, האָט סוף כל סוף געמוזט איינזען, אַז איר שטייט צו פאַרלירן נישט ווייניקער ווי אַלדינג, אויב זי וועט אין דער לעצטער שעה זיך נישט קענען דעצידירן צו קיין באַשלוס. עטלעכע שעה שפּעטער איז טאַקע באַקאַנט געוואָרן, אַז די סאָציאַליסטישע מיטגלידער פון קאַבינעט ,די אַרבעטער־סינדיקאַטן און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַר־טיי־קאָמיטעט האָבן אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו דער גאַנצער דייטשער אַר־בעטערשאַפט, תיכף אַריינצוטרעטן אין אַ גענעראַל־שטרייק, כדי מיט אַלע מיטלען אונטערצודריקן לודענדאָרפס מיליטער־דיקטאַטור.*) מיליאָנען אַרבע־

*) עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אין אַן אַרטיקל, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע נייע פאָלקסצייטונג אין ניו־יאָרק האָט פאַרעפנטלעכט דעם 17טן מערץ 1945 צו דער דער־מאָנונג פון קאַפּ־פּוטש, און וועלכער שטאַמט מסתמא פון דער פעדער פון פרידריך שטאַמפּ־

טער האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט די פאַבריקן, נאָך איידער זיי האָבן דערפון דערהאַלטן אַ ידיעה, ווייל זיי האָבן ריין אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דער גענע־ראַלשטרייק איז פאַר זיי דאָס איינציקע געווער, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן דער ביז צו די ציין באַוואָפנטער קאָנטררעוואָלוציע.

ווען מיר זענען געגאַנגען לענגאויס דער בערגשטראַסע, האָבן מיר באַ־געגנט נאָך עטלעכע חברים, וועלכע האָבן בדעה געהאַט זיך צו ווענדן צו אונזער אַדמיניסטראַציע־ביוראָ אויף דער וואַרשאַוערשטראַסע, כדי זיך צו דערוויסן, וואָס מען דאַרף טון. ווען מיר זענען אָנגעקומען צום הערמאַנספּלאַץ, האָבן מיר געטראָפן דעם פּלאַץ פאַרפולט מיט מחנות אַרבעטער, וועלכע זע־נען געשטאַנען צונויפגעזאַמלט אין קלענערע און גרעסערע גרופּן און גע־שמועסט וועגן דער לאַגע. מיר זענען געגאַנגען פון איין גרופּע צו דער אַנ־דערער, כדי צו הערן, וואָס די מענטשן האָבן צו דערציילן. עס איז געווען אַ זייער אויפגעברויזטע שטימונג און מען האָט דייטלעך געפילט, אַז אַלע זענען געווען אַנטשלאָסן צו האַנדלונגען. הגם צווישן די פאַרזאַמלטע זענען געווען פאַרטרעטן אַלע ריכטונגען פון דער אַרבעטערשאַפט, איז די אַלטע פאַרטיי־מחלוקת געווען פאַרשוווּנדן. אַלע האָבן געפילט, אַז דער שונא קאָן באַזיגט ווערן נאָר דורך אַ פאַראייניקטן ווידערשטאַנד. די נויט פון דער שעה האָט פּלוצלינג מיט איין קלאַפּ באַזייטיקט אַלע ספסוכים און צוריק־געבראַכט די אינערלעכע אַחדות, וועלכער עס איז בלויז איר אַליין געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס די רעפּובליק איז נישט שוין דעמאָלט אונטערגעגאַנגען.

איך בין מיט שוסטערן געגאַנגען ווייטער צום צענטער פון שטאָט. קיין סאָלדאַטן האָבן מיר בכלל נישט באַגעגנט. דאָס געוויינלעכע אויסזען פון דער גאַס האָט זיך קנאַפּ פאַרענדערט. טראַמווייען, אָמניבוסן און שטאָט־באַנען זענען געווען אין פולן גאַנג, עס זענען בלויז געווען אַ סך מער מענטשן ווי געוויינלעך, דער רוב פון זיי אַרבעטער. ווען מיר זאָלן נישט געווען וויסן, וואָס עס איז דערווייל געשען, וואָלטן מיר זיך קוים געקאָנט פאָרשטעלן, ווי שנעל דאָס בילד וועט אין עטלעכע שעה אַרום זיך ענדערן. ערשט ווען מיר זענען צוגעקומען נאָענט פון דעם בעל־אַליאַנס־פּלאַץ, האָבן מיר באַ־געגנט עטלעכע שווערע לאַסטוועגענער מיט פולשטענדיק צו מלחמה צוגע־גרייטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיט זיך געפירט שווערע מאַשינביקסן. ביים אונטערשטן טייל פון דער פרידריכשטראַסע האָבן מיר אָנגעטראָפן עטלעכע

פער, געוועזענער רעדאַקטאָר פון פאָרווערטס אין בערלין, איז צום ערשטן מאָל — אויף וויפל מיר איז באַקאַנט — אָנגעגעבן געוואָרן, אַז יענער אויפרוף איז בכלל נישט אונטער־געשריבן געוואָרן פון עבערטן און זיינע פאַרטיי־חברים אין דער רעגירונג, נאָר אז זייערע נעמען זענען אויף יענעם דאָקומענט אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך אָטאָ וועלס, דעם דע־מאָלטיקן פאָרזיצער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי־לייטונג אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אָפּגעשטעלטע טראַמווייען, וואָס זייערע אויסגענג זענען געווען באַוואַכט פון סאָלדאַטן אין שטאָלענע העלמען, די ביקסן אין די הענט און מיט האַנטגראַ־נאַטן אין פּאַס. גאַר מאָדנע איז געווען די האַלטונג פון די געדיכט צונויפ־געדרענגטע מאַסן אין די גאַסן. מען האָט געשמייכלט איינער צום אַנדערן און זיך געמאַכט נישט זעענדיק די סאָלדאַטן אין די שטאָלערנע העלמען. דאָס איז געווען זייער שכלדיק, וואָרים יעדע אומבאַרעכנטע האַנדלונג וואָלט לייכט געקאָנט גורם זיין אַ שרעקלעך בלוטבאָד. יעדער האָט דאָס געפילט און געוווּסט, אַז די ביז צו די ציין באַוואָפנטע בונטאָווּשטשיקעס וועט מען נישט קענען בייקומען אין אַ גאַסנקאַמף, נאָר עס זענען נויטיק אַנדערע מיטלען זיי גובר צו זיין.

ערשט שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך שנעל געוויזן אַ כסדרדיקע און גרינט־לעכע ענדערונג פון דעם בילד. נאָכדעם ווי די גרויסע אַרבעטער־סינדיקאַטן מיט זייערע צוועלף מיליאָן מיטגלידער האָבן זיך געהאַט אַנטשלאָסן צום ווידערשטאַנד, איז די אַזוי לאַנג דערוואַרטע אייניקייט פון די אַרבעטער צוריקגעשטעלט געוואָרן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט האָט טאַ־קע תחילת געפּרוווּט זיך צו האַלטן נייטראַל, דערמיט וואָס זי האָט גע־מאָלדן, אַז „פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט איז אינגאַנצן אַלצ־איינס, צי עבערט אָדער קאַפּ וועט רעגירן", אָבער שוין אין עטלעכע שעה אַרום האָט זי געמוזט זיך אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער אומזיניקער האַלטונג, ווייל אַפילו אירע אייגענע אָנהענגער האָבן זיך אָפּגעזאָגט איר נאָכצוגיין און זיך דעצידירט אָנצושליסן אין גענעראַל־שטרייק. אַזוי אַרום איז אַנט־שטאַנען, אַזוי צו זאָגן, איבער נאַכט אַ געשלאָסענער פראָנט מצד דער גאַנ־צער אַרבעטערשאַפט, פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ביז צו די סינדיקאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס איז גרייט געווען מיט אַלע כוחות זיך קעגנצושטעלן דעם פּרווו פון דער קאָנטררעוואָלוציע. די דאָזיקע אחדותדיקע האַנדלונג האָט אַלע, אָן אונטערשיד פון ריכטונג, געגעבן אַ פעסטן בטחון אין דעם דערפאָלג פון זייער זאַך. די דאָזיקע וווּנדערלעכע שטימונג אין די רייען פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק האָט אויך מיטגעריסן די ליבעראַלע קרייזן פון דעם בירגערטום. טויזנטער סוחרים האָבן פאַרמאַכט זייערע קראָמען, כדי אויס־צודריקן זייער סימפּאַטיע מיט דער באַוועגונג.

אויף אַזאַ איינשטימיקן ווידערשטאַנד האָבן די רויבער־באַנדעס אַרום קאַפּ און לודענדאָרף זיך נישט געריכט. זיי זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז די אינערלעכע צעשפּאָלטנקייט פון דער אַרבעטערשאַפט וועט פאַר זיי זיין אַ גוטע הילף און איצט האָבן זיי מיט שרעק געמוזט איינזען, אַז דווקא זייער פאַרברעכערישע אונטערנעמונג האָט געגעבן דעם שטויס צו אַן איינהייטלעכער אַקציע, וואָס איז דורך דער ערנסטקייט פון דער לאַגע געוואָרן פאַר אַלע אַ חוב פון זעלבסטדערהאַלטונג. ווען זיי האָבן מיט פלאַטערנדיקע פּענער אַריינ־מאַרשירט קיין בערלין, נישט אָנטרעפנדיק אויף אַ מינדסטן ווידערשטאַנד,

האָבן זיי טאַקע געקאָנט מיינען, אַז זייער זאַך איז שוין אַ געווונענע; אָבער די דאָזיקע שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. אמת, די בונטאָוושטשיקעס זע־נען מיט גרויס ענטוזיאַזם באַגריסט געוואָרן דורך די רעאַקציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען; אמת, אַז די טיף־רעאַקציאָנערע סטודענטן פון דער אוני־ווערסיטעט האָבן זיך באַלד געשטעלט צו זייער דיספּאָזיציע, אָבער די אומ־געהויערע מערהייט פון דער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרהאַלטן קאַלט און פיינטלעך.

וואָס עס האָט זיך ביי יענער מעכטיקער באַוועגונג פון דעם אָרגאַני־זירטן ווידערשטאַנד צום מיינסטן געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען דער פאַקט, וואָס אירע ווירקונגען האָבן זיך ערשט געלאָזט באַמערקן ביסלעכ־ווייז און מיט הפסקות. צוערשט האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע קלענערע און גרויסע פאַבריקן, דערביי איז ספּעציעל אין די גרויסע אונטערנעמונגען דורכ־געפירט געוואָרן סאַבאָטאַזש אין אַ ברייטן פאַרנעם. אָבער אויך אין דעם דאָ־זיקן פאַל האָבן די אַרבעטער זיך געהאַלטן ביי אַ קלוגער טאַקטיק. מען האָט נישט קאַליע געמאַכט די קאָמפּליצירטע מאַשינען, נאָר מען האָט אַרויסגענו־מען וויכטיקע מאַשין־טיילן, וועלכע עס איז נישט לייכט געווען צו פאַרבייטן, אַזוי אַז נאָך דעם שטרייק האָבן די פאַבריקן ווידער געקאָנט לייכט געלאָזט ווערן אין גאַנג. ערשט דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען אָפּצושטעלן די עפנט־לעכע פאַרקער־מיטלען. קודם האָבן די טראַמווייען און אָמניבוסן אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער, דערנאָך די שטאַט־און הויכבאַנען, ביז עס זענען שוין לסוף אויך נישט געגאַנגען קיין צוגן פון דער הויפּטשטאָט אין אינערן פון לאַנד. דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביסלעכווייז, אָבער מיט אַ ממש אומהיימלעכער זיכערקייט. יעדער נייער קלאַפּ האָט צו־געהאָלפן אַריינצוברענגען די נייע הערשער אין אַ וואָס אַמאָל גרעסערער אומ־רואיקייט, בפרט ווען זיי האָבן שוין נישט געקאָנט מער פאַרבאָרגן, אַז די אַרבעטער אין גאַנצן לאַנד האָבן געגעבן אויסגעפירט די אויפפאָדערונג צום גענעראַלשטרייק.

שוין אויפן צווייטן טאָג האָט דער שטרייק לחלוטין אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע עפנטלעכע לעבן. אַלע טראַנספּאָרט־מיטלען זענען נישט געווען טעטיק; קיין מאַשין האָט נישט גערוישט, קיין האַמער האָט נישט געקלאַפּט. חוץ די ידיעות־בלעטער פון דער שטרייק־אָנפירונג זענען נישט געווען קיין שום צייַ־טונגען און ביינאַכט איז די ריזן־שטאָט געווען איינגעהילט אין אַ טיפער פינסטערניש, ווייל עס איז נישט געווען קיין עלעקטריציטעט און נישט קיין גאַז. די נייע רעגירונג האָט טאַקע אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, וואָס האָט יעדן שטרייק־פירער,שטרייק־וועכטער אָדער אָנרעדער צום שטרייק געדראָט מיט טויט ,אָבער דער דאָזיקער פּרווו אָנצושרעקן האָט נישט געהאַט קיין שום ווירקונג, ווייל יעדער האָט געפילט, אַז קאָפּ און זיינע מיטפאַרשווירענע זענען נישט בכוח אויסצופירן זייערע דראָאונגען. זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט גע־

פינען אין גאַנץ בערלין קיין שום דרוקער, וואָס זאָל אָפּדרוקן זייערע אָמט־לעכע מעלדונגען; זיי האָבן זיך בלויז געמוזט באַגניגענען די דאָזיקע צו מאַכן אויף דער שרייבמאַשין און צו קאָפּירן.

די צאָל פון מיליטער איז נישט געווען גענוג גרויס, כדי צו קענען גע־העריק באַזעצן די גאַנצע שטאָט. אין די אַרבעטערפאַרשטעט האָט מען בלויז פון צייט צו צייט געזען עטלעכע לאַסטוועגענער מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אין די ראָגעס פון די גאַסן אויפגעקלעבט די רעגירונגס־באַ־פעלן, וועלכע האָבן מיטגעטיילט וועגן זייערע כלומרשטע זיגן אין לאַנד. אָבער ווי נאָר די סאָלדאַטן זענען אַוועק, זענען באַלד געקומען די אַרבעטער און פאַרקלעפּט יענע בלעטלעך מיט געדרוקטע פלאַקאַטן פון דער שטרייק־אָנפירונג, וועלכע האָבן דער באַפעלקערונג איבערגעגעבן ידיעות וועגן דעם אמתן צושטאַנד פון דער באַוועגונג מחוץ בערלין.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין יענע טעג זאָל זיין אַ ספּעציעל שיין וועטער. די זון האָט אַראָפּגעלאַכט פון אַ לויטערן הימל אַזוי פול מיט האָפענונג אויף דער באַחנטער ערד, ווי זי וואָלט זיך וואַרעם מיטבאַטייליקט אין דעם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. און אויך די מענטשן האָבן געלאַכט אין דעם שטאָלצן פאַרגעפיל פון זייער באַלדיקן זיג. איך האָב קיינמאָל נישט געזען אין בערלין אַזויפיל לאַכנדיקע פנימער ווי אין יענע אומפאַרגעסלעכע טעג.

שוין אין דריטן טאָג נאָך דעם פוטש איז פאַר יעדן געווען קלאָר, אַז קאַפּ און זיינע חברים צום בייז האָבן דאָס שפּיל פאַרלוירן. אין פינפטן טאָג איז דער גאַנצער שדים־טאַנץ געווען אויס. קאַפּ און עטלעכע מיטגלידער פון זיין רעגירונג האָבן זיך נאָך באַצייטנס געקאָנט ראַטעווען אין אַ מיליטע־רישן אַוויאָן קיין שוועדן, בעת דאָס מיליטער האָט פאַרלאָזט די שטאָט און צוריקמאַרשירט אין אַלטן לאַגער, נאָכדעם ווי עטלעכע פון די צום מיינסטן קאָמפּראָמיטירטע אָפיצירן האָבן זיך באַהאַלטן אויף אַ זיכער אָרט.

אין בערלין גופא האָט דער פוטש געקאָסט נאָר עטלעכע קרבנות, אָבער אין לאַנד, בעיקר אין דעם גרויסן אינדוסטריע־געביט פון מערב, איז די זאַך נישט אָפּגעלאָפן אַזוי גלאַטיק. אַ סך אַרבעטער האָבן דאָרט אין יענע שווערע טעג פאַרלוירן זייער לעבן. אונזער אייגענע באַוועגונג, וואָס האָט אין פאַר־גלייך מיט די גרויסע אַרבעטער־פאַרבאַנדן רעפּרעזענטירט בלויז אַ קליינע, אמת, זייער אַקטיווע און ענערגישע מינדערהייט, האָט אין גרויסן אינדוסטריע־געביט געהאַט צו באַוויינען דריי און צוואַנציק אומגעקומענע. אין אַ קליינעם ישוב פון מינען־אַרבעטער נאָענט פון דייטשלאַנד איז אַן אַלטער מינען־אַר־בעטער און זיינע פיר זין, וועלכע זענען אַלע געווען אָנגעשלאָסן אין אונזער באַוועגונג, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די פוטשיסטן. די פאַמיליע האָט זיך גראַד געהאַט געזעצט צום טיש, כדי אָפּצועסן דאָס בצמצומדיקע מאָלצייט, ווי עס האָט זיך פלוצלינג אַריינגעריסן אין הויז אַ באַנדע צעווילדעוועטע סאָל־דאַטן אונטער דער אָנפירונג פון אַ יונגן אָפיציר, וועלכער האָט באַפוילן די

פינף מענער, זיי זאָלן שוין מיט אים מיטגיין. מען האָט די אומגליקלעכע נישט געגעבן אפילו קיין צייט אָנצוטון זייערע שיך און זיי אַוועקגעפירט אין אַ נאָענטן הויף, ווו זיי זענען אַכזריותדיק דערשאָסן געוואָרן. ווען די אָרימע מוטער איז אַרויס אינדרויסן, כדי נאָכצוגיין איר מאַן און די פיר זין, האָבן זי די רוצחים מיט קלעפּ פון זייערע קאָלבעס צוריקגעטריבן און געדראָט, אַז מען וועט זי אויך דערהרגענען, אויב זי וועט זיך דערוועגן אַרויסצוגיין פון שטוב.

אין טאָג נאָכדעם ווי די בונטאָווטשיקעס זענען אַוועק, האָט זיך די אַלטע רעגירונג ווידער צוריקגעקערט קיין בערלין. בלויז איינער האָט געפעלט, דער גרויסער נאָסקע. מען האָט דאָך אים נישט געקאָנט אויף ווייטער איבער־לאָזן אויף זיין פּאָסטן פון פּאַרטיידיקונג־מיניסטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געלאָזט אַזוי מיאוס אָפּנאַרן פון זיינע אייגענע אָפיצירן. אַפילו אַ סך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער האָבן דעמאָלט איינגעזען, אַז דער מענטש, וועמעס נאַריש־בלינדער צוטרוי האָט אַריינגעפירט דייטשלאַנד אין דער גרעסטער סכנה, האָט מער נישט געקאָנט טאָלערירט ווערן פון דער פּאַרטיי און זיי האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל אים אויסשליסן. דערצו איז אָבער נישט געקומען. מען האָט זיך בלויז באַגניגנט דערמיט אים שפּעטער אַריבערצופירן אויף אַ נייעם פּאָסטן אַלס אויבער־בירגערמייסטער פון האַנאָווער. ער האָט בלי ספק גוט געוווסט וועגן דעם מיאוסן שפּיל, וואָס די רעגירונג האָט די גאַנצע צייט געטריבן הינטער די קוליסן, און מען האָט דעריבער געהאַלטן פאַר בע־סער נישט אַרויסצורופן זיין אָפענע שנאה. אָבער זיין פּאָליטישע ראָלע איז געווען אויסגעשפּילט, און ווען די נאַציס זענען שפּעטער געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיי אים אויך נישט געגעבן קיין דאַנק, וואָס ער האָט זיי אַזוי אויסגעצייכנט צוגעגרייט דעם וועג און האָבן אים באַזייטיקט פון זיין בירגערמייסטער־פּאָסטן.

אויף דעם אָרט פון פריערדיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן רייכסקאַנצלער באַואוער איז געקומען דער רעכטער סאָציאַליסט מילער, וועלכער איז נישט געווען קיין גרעסערער אויפטוער ווי זיין פאָרגייער. די רעגירונג האָט אַרויס־געגעבן אַן אויפרוף צום דייטשן פאָלק, וועלכער האָט צוגעזאָגט גרויסע ענ־דערונגען און צו באַשטראָפן די אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַפּ־פּוטש. אָבער דערביי איז עס געבליבן.

אויב די דאָזיקע רעגירונג האָט ווען עס איז געהאַט אַ געלעגנהייט דורך אַ ביסל ענערגיע אײנגאַנצן צו ליקווידירן די אָנהענגער פון מיליטאַריזם און פון דער סאָציאַלער רעאַקציע, איז דאָס געווען נאָך דעם דאָזיקן גלענצנדיקן צוריקשטויס פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט באַוויזן, אַז די כוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט קאָנען נישט ביישטיין קיין פאַראייניקטן ווידערשטאַנד פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק. נישט אויסצוניצן אַזאַ אַנטשיידנדיקן נצחון איז געווען נישט בלויז אַ פּאָליטישער זעלבסטמאָרד, נאָר אַן אָפן פאַרברעכן קעגן

דעם גאַנצן דייטשן פאָלק. אנשטאָט צו שאַפן דעמאָלט פון די אַרבעטער־רייען אַן אמתע רעפובליקאַנישע פאָלקס־אַרמיי, וואָס וואָלט אימשטאַנד געווען אָפּ־צושטויסן אַלע ווייטערדיקע פּרוּוון פון דער קאָנטררעוואָלוציע, האָט די דאָזיקע משונהדיקסטע פון אַלע רעפובליקאַנישע רעגירונגען באַשטימט אויף נאָסקעס אָרט דעם יונקער פאַן סעקט פאַר קריגס־מיניסטער, דעם זעלבן מענטש, וועלכער האָט אַזוי געמיין פאַרלאָזט עבערטן און זיין רעגירונג, ווען דאָס צעבונטעוועטע מיליטער האָט מאַרשירט אויף בערלין און דעם טאָמע־טאָווע נאָסקען דערקלערט, „אַז רייכסמיליטער וועט נישט שיסן אויף רייכס־מיליטער".

דער נייער קריגס־מיניסטער איז באַפולמעכטיקט געוואָרן דורך דער רע־גירונג איינצופירן באַלאַגערונג־צושטאַנד אומעטום אין לאַנד, ווו עס וועט זיך אים אויסווייזן פאַר נויטיק און צו באַשטימען מיליטער־געריכטן, כדי צו באַשיצן די עפנטלעכע אָרדענונג. די פאַרשטייער פון דעם אַלטן מיליטאַריזם זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. זיי האָבן זיך נאָר געמוזט נעמען אין זין אַריין, אַז זייער שעה איז נאָך נישט געקומען און זיי מוזן זיך אָננעמען מיט מער געדולד, אויב זיי ווילן סוף כל סוף דאָך געווינען זייער שפּיל. זיי האָבן נאָר באַדאַרפט אויסניצן די נייע סיטואַציע מיט גרעסערער פאַרזיכטיקייט און נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל ביי די פירער פון דער אַלטער אַרמיי צוגענומען ווערן די מיליטערישע מאַכט, צו וועלכן עס האָט דורך דעם קאַפּ־פּוטש געפעלט אַ האָר. זיי זאָלן זי פאַרלירן. פאַרוואָס דאָס איז דעמאָלט נישט געשען, זענען בלויז שולדיק יענע משונהדיקע רעפובליקאַנישע און סאָציאַליסטישע מלוכה־לייט, וועלכע האָבן פון דעם פּוטש גאָרנישט געלערנט און אַלדינג פאַרגעסן און זענען אפילו איינגעגאַנגען דערויף, אַז העכערע אָפיצירן, וועלכע האָבן אָפן זיך באַטייליקט אין פּוטש, זאָלן ווייטער באַקומען אויסגעצאָלט זייערע פענסיעס.

אַזוי אַרום איז געשען, אַז הונדערטער אַרבעטער, וועלכע האָבן איינגע־שטעלט זייער לעבן, כדי צו ראַטעווען די רעפובליקאַנישע רעגירונג, זענען איצט, נאָכדעם ווי דער סאָציאַליסטישער פאַרטיידיקונג־מיניסטער האָט זיי שוין נישט געקאָנט באַשיצן, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די באַצאָלטע סאָל־דאַטן פון דער זעלבער רעגירונג און רעאַקציאָנערער ציווילער גוואַרדיע אָדער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דעם מיליטער־געריכט. ספּעציעל אין דעם גרויסאינדוסטריע־געביט פון מערב, ווו דער גענעראַל וואַטער, אַ פאַרברענ־טער רעאַקציאָנער, האָט אויסגעפירט זיינע בלוטיקע מעשים, הגם ער איז געווען אונטער דעם שאַרפסטן חשד פון אָנהאַלטן געהיימע פאַרבינדונגען מיט די קאַפּיסטן, איז דערגאַנגען צו שרעקלעכע הריגות און ממש סקאַנדאַליעזע געריכט־אורטיילן אַזוי ווייט, אַז אפילו דער פאָרוועררטס האָט פּראָטעסטירט קעגן די בלוטיקע אורטיילן דאָרט און אויפגעפאָדערט דעם פּרעזידענט עבערט אָנצונעמען קעגן דעם מיטלען. אָבער ער האָט אפילו זיינע אייגענע פאַרטיי־

חברים נישט געוואַלט אויסהערן, ווייל ער איז שוין ווידער געווען אַ געפאַנגע־נער ביי דער מיליטער־כנופיה.

ביי דער רור און ביים ריין האָבן די אַרבעטער בעת דעם קאַפּ־פוטש גע־שאַפן אַ רויטע אַרמיי און די מיליטער־אָפּטיילונגען ליטצאָוו און ליכטענשלאַג באַזיגט און אַנטוואָפנט. נאָך דעם פוטש האָט דער גענעראַל וואַטער אויפ־גענומען אין זיין מיליטער אַ צאָל אַנטלאָפענע קאַפּיסטן, אין וועלכע עס האָט געברענט אַ באַגער זיך נוקם צו זיין אין דער אַרבעטער־באַפעלקערונג פאַר דער מפּלה, וואָס זיי האָבן געליטן אין בערלין. אונטער דעם אויסרייד, אַז די רויטע אַרמיי וויל פאַרוואַנדלען דייטשלאַנד אין אַ סאָוועטן־רעפּובליק, האָט די רעגירונג געגעבן די מיליטאַריסטן אַ פרייע האַנט, הגם עס איז זייער גוט באַקאַנט געווען, אַז יענע אַרמיי איז געשאַפן געוואָרן נאָר אונטער דעם דרוק פון קאַפּ־פוטש און איז באַשטאַנען נישט בלויז פון קאָמוניסטן נאָר פון אַרבעטער פון אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען: סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אומ־אָפּהענגיקע, סינדיקאַליסטן און אפילו אָנהענגער פון דער קאַטוילישער צענ־טער־פּאַרטיי.

טויזנטער אַרבעטער, וועלכע האָבן אַלדינג איינגעשטעלט, כדי זיך אַנט־קעגנצושטעלן דער קאָנטררעוואָלוציע, זענען איצט געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן אין דעם אָקופּירטן געביט און ביי דעם אויסלענדישן אָקופּאַציע־מיליטער צו זוכן שוץ פאַר לייב און לעבן, וואָס זיי האָבן נישט געקאַנט באַ־קומען ביי דער דייטשער רעפּובליק, הגם זי האָט איר וויטערדיקע עקזיסטענץ נאָר זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען. און פונדעסטוועגן האָבן יענע אַרבעטער מיט באַגייסטערונג געפאָלגט עבערטס רעגירונג, בעת זי האָט זיי אויפגעפאָדערט צום גענעראַל־שטרייק. טייל אַרבעטער, וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן אויף דעם לינקן ריין־ברעג, האָבן זיך שפּעטער צוריקגעקערט צו זייערע אַלטע וווינערטער, נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט עפנטלעך פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן פאַר גאָרנישט מורא צו האָבן. אָבער זיי האָבן באַלד געמוזט איינזען, אַז די אַרמיי־אָפיצירן האָבן זיך גאָרנישט געדאגהט פאַר דער רעגירונג און גענו־מען די אַנטשיידונגען אין זייערע אייגענע הענט. אַ סך פון די דאָזיקע לייכט־גלויביקע זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטער־געריכט און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דאָס איז געשען די זעלבע אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַר־טיידיקט די רעפּובליק, בעת די צעבונטעוועטע מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן פון דער זעלבער רעפּובליק געוואָלט אַ סוף מאַכן, איז אפילו נאָך דער מפּלה קיין האָר נישט געקרימט געוואָרן.

די מיאוסע פאַרברעכנס, וואָס זענען דעמאָלט אָפּגעטון געוואָרן אין דעם גרויסן אינדוסטריע־געביט דורך די ברוטאַלע זעלנער, וועלכע האָבן באַקומען פּריווילעגיעס פון דער רעגירונג, זענען אויך איבערגעחזרט געוואָרן אין אַנ־דערע טיילן פון לאַנד, ווען אַפילו נישט אין דעם זעלבן פאַרנעם. אַזוי זענען קוים אַ וואָך נאָך דעם קאַפּ־פוטש קאַלטבלוטיק דערהרגעט געוואָרן פופצן

איינוווינער פון קוראַרט טאַל אין טירינגען דורך אַ באַנדע באַוואָפנטע סטודענטן פון דער מאַרבורגער אוניווערסיטעט, און די טויטע גופים זענען אויף אַ שרעקלעכן אופן צעקאַליעטשעט געוואָרן. בעת די דאָזיקע צירונג פון דער דייטשער אינטעליגענץ איז געווען פאַרנומען מיט זייער שוידערלעכער מאָרד־אַרבעט, האָבן זיי געגרעוועט ווי משוגעים: „דערהרגעט זיי, די הינט! מיר דאַרפן פרישע מתים פאַר אונזער אַנאַטאָמיע!"

אַט דאָס איז געווען די שטודירנדיקע יוגנט, אויף וועלכער מען האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונגען, און וועלכע האָט שפּעטער מחנותווייז געשטראָמט צו היטלערן און געוואָרט אויף דער צוגעזאָגטער נאַכט פון לאַנגן מעסער, און ווען אַט די גרויסע שעה איז ענדלעך געקומען, האָט זי דורך מאָרד, רויב, שענדונג און פאַרברענונג פון הונדערטער טויזנטער ביכער אויף די עפנטלעכע פּלעצער פון שטעט געעפנט פאַר זיי דעם וועג צום דריטן רייך.

דער מיט אַזאַ גרויסער איינשטימיקייט געפירטער גענעראַל־שטרייק פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט, דורך וועלכן דער ערשטער פּרוּוו פון דער מיליטערישער קאָנטררעוואָלוציע איז באַלד אין סאַמע שפּראָץ דערשטיקט געוואָרן, האָט געקאָנט ווערן דער שורש פאַר אַ נייער תקופה אין דייטשלאַנד, ווייל ער האָט אָנגעבאָטן דעם פאָלק די לעצטע געלעגנהייט אַרויסצוקומען פון אַ פאַרפלאָנטערטער לאַגע און אָניאָגן, וואָס מען האָט ביז אַהער אין אַ ממש אומזיניקער פאַרבלענדעניש פאַרזוימט. די שונאים פון דער רעפּובליק זענען געווען ווי געליימט כּלפּי דער דאָזיקער מעכטיקער מאַניפעסטאַציע פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, וועלכע זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך, און דער פסיכאָלאָגישער איינדרוק, וואָס די שנעלע מפּלה פון די קאַפּיסטן האָט געמאַכט אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איז געווען קלאָר צו באַמערקן.

די אַרבעטער האָבן זיך געפילט ווידער געשטאַרקט און זיי וואָלטן דעמאָלט אַלדינג געוואַגט, ווען זיי זאָלן געווען האָבן בראש מענטשן מיט אַ ווילן איינצופירן אין דייטשלאַנד אַן אמת נייעם שטייגער און פאַרמאָגן דעם מוט, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק, כּדי צו באַשיצן דאָס לאַנד פון וויטערדיקע אָנגריפן מצד דער קאָנטררעוואָלוציע. איך רעד דאָ נישט וועגן אַ סאָציאַליסטישער איבערקערעניש. דערצו איז דייטשלאַנד נאָך נישט געווען רייף און אַן עקספּערימענט אין דער דאָזיקער ריכטונג וואָלט ביי דעם אויטאָריטערן דענקשטייגער פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט אומבאַדינגט געמוזט פירן צו דיקטאַטור, בפרט אַז דער רוסישער ביישפּיל האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. איין זאַך האָט אָבער דעמאָלט זיכער געקאָנט דערגרייכט ווערן: די מאַכט פון מיליטאַריזם און פון פּרייסישן יונקערטום, וועלכע זענען שוין לאַנג געוואָרן אַן אומגליק פאַר דעם דייטשן פאָלק, וואָלטן געווען געקאָנט אונטערדריקט ווערן און אַזוי אַרום

איינשפּאַרן דייטשלאַנד און דער וועלט אַ נייע מלחמה, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע פון אַלע צייטן.

צו אַזאַ עקספּערימענט זענען אָבער די היטער פון דער רעפּובליק נישט געווען מסוגל. האָבן זיי דורכגעלאָזט די לעצטע געלעגנהייט, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן דורך דער איבערגעאיילטער האַנדלונג פון זייערע פאַרביסנ־סטע קעגנער גופא. אָבער די דייטשע אַרבעטערשאַפט, וואָס איז געווען צוגע־וווינט זינט צענדליקער יאָרן בלינד צו פאָלגן די באַפעלן פון זייערע פירער, האָט זיי אויך דאָס מאָל נישט אָפּגעזאָגט די געהאָרכזאַמקייט און מאַר־שירט מיט אָפענע אויגן אין אָפּגרונט אַריין, וואָס האָט זיי שפּעטער איינ־געשלונגען.

דער פאַרשאָלטענער קאַמף צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען אין דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך איצט אויפסניי אָנגעהויבן און מיט מער היץ און אַזוי אַרום פאַרלייכטערט די שפּיל פאַר דער רעאַקציע. אין די רייען פון די אַרבעטער גופא איז אַריינגעטרעטן אַ גרויסע אויסניכטערונג, וועלכע איז אין משך פון די קומענדיקע יאָרן אויסגעוואַקסן צו יענער פאַראַ־ליזירנדיקער גלייכגילטיקייט, וואָס איז תמיד אַ פּועל יוצא פון אָפּגענאַרטע האָפענונגען. זיי האָבן אַלדינג געטון, כדי דעם שונא צו באַזיגן, אָבער דער זיג איז זיי ווי וואַסער אין דער האַנט צערונען געוואָרן, נאָכדעם ווי זייערע אייגענע פירער האָבן אויפסניי אָנגעהויבן די אַלטע שפּיל, וואָס וואָלט זיי שוין דעמאָלט געווען דערפירט צום אומקום, ווען די מעכטיקע האַנדלונג פון די אַרבעטער וואָלט זיי נישט נאָך אין דער לעצטער רגע געווען גראַטעוועט. אמת עס זענען אויך דערנאָך געווען איינצלנע בונט־פּרוון, וועלכע זענען אָבער שוין דערפאַר פאַרמשפּט געווען צו אַ דורכפאַל, ווייל עס האָט זיי געפעלט די אינערלעכע אחדות אין גאַנצן לאַנד, וועלכע האָט זינט דעם קאַפּ־פּוטש שוין קיינמאָל נישט געקאָנט צוריקגעשטעלט ווערן. נאָר אַזוי אַרום לאָזט עס זיך דערקלערן, וואָס די לייט פון דריטן רייך האָבן לסוף געקאָנט זיך צעטיילן מיט דער ירושה, נישט אָנטרעפנדיק כמעט דעם מינדסטן ווי־דערשטאַנד. די רעוואָלוציע האָט שוין טאַקע גאָרנישט געקאָנט אויפטון.

די נאָכווייען פון דעם קאַפּ־פּוטש האָבן זיך נאָך לאַנג געלאָזט פילן, בפרט אין דעם גרויסן אינדוסטריע־געביט ביי דעם רור און ביים נידער־ריין. אפילו ווען עס איז שוין לאַנג צוריקאיינגעשטעלט געווען די רו אין דייטשלאַנד, איז דער באַלאַגערונג־צושטאַנד אין אַ סך געגנטן נאָך אומלעגאַל געבליבן ווייטער און בעיקר פאַר די אַזויגערופענע לינקע אָרגאַניזאַציעס אוממעגלעך געמאַכט יעדע עפנטלעכע טעטיקייט. גאָר טרויעריק האָט עס אויסגעזען אין מילהיים ביי דער רור. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ זייער ענערגישע אָרגאַני־זאַציע פון עטלעכע טויזנט מיטגלידער, וועלכע איז נישט געפעלן דעם גע־נעראַל וואַטער. נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט שפּעטער ווידער דער־לויבט אַלע אַנדערע פּאַרטייען דורכצופירן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, איז דאָרט

נאָך חדשים לאַנג פּרינציפּיעל פֿאַרבאָטן געוואָרן פֿאַר אונזערע חברים יעדע עפֿנטלעכע מאַניפעסטאַציע, נישט אָנגעבנדיק אפילו דערפֿאַר א וועלכן עס איז מאָטיוו.

מיט איינמאָל האָב איך פּלוצלינג באַקומען אַ בריוו פון דעם סעקרעטאַר פון דער אַרבעטער־בעוועגונג אין מילהיים, אין וועלכן מען האָט מיר מודיע געווען, אַז עס איז ענדלעך געלונגען צו באַקומען פון דער מיליטער־פֿאַרוואַל־טונג אַ דערלויבעניש אויף אַן עפֿנטלעכער פֿאַרזאַמלונג און די חברים האָבן איינשטימיק באַשלאָסן מיך איינצולאַדן אַלס רעדנער. ווען איך בין אַ טאָג פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג אָנגעקומען קיין מילהיים, האָבן מיך עטלעכע חברים אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. צו מיין איבערראַשונג האָב איך מיך דערוווּסט, אַז מען האָט שפּעטער פֿאַרבאָטן די פֿאַרזאַמלונג מיט דעם מאָטיוו, אַז די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן נאָר פֿאַר אַן אָרטיקן, אָבער נישט פֿאַר קיין רעדנער פון בערלין. די חברים זענען פֿאַרשטייט זיך געווען זייער ני־דערגעשלאָגן. זיי האָבן געהאַט געמאַכט אַלע צוגרייטונגען פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג פון פיר ביז פינף טויזנט פּערזאָן און אַט מאַכט זיך אַזאַ פֿיינלעכער צופֿאַל, וואָס קאָן נאָר באַטראַכט ווערן ווי אַ ריינע שיקאַנע.

איך האָב זיי געפרעגט, צי עס איז פֿאַראַן אַן אויסזיכט, אַז איך זאָל אַליין קענען רעדן מיט דעם פֿאַרשטייער פון דער מיליטער־פֿאַרוואַלטונג. זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אפילו מעגלעך, אָבער עס וועט מסתמא צו גאָרנישט פירן. איך האָב געענטפֿערט, אַז אַ פּרווו קאָן דאָך גאָרנישט שאַדטן, היות מיר האָבן סיי ווי גאָרנישט צו פֿאַרלירן. דערמיט האָבן לסוף אַלע מסכים גע־ווען. היות עס איז ערשט געווען דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, בין איך באַלד אַוועק מיט דעם פֿאַרזיצער פון דער אַרבעטער־בעוועגונג צו דער קאָמאַנדאַטור. מיר זענען טאַקע באַלד אויפֿגענומען געוואָרן. איך האָב דעם אַנוועזנדיקן אָפֿיציר איבערגעגעבן אונזער בקשה און אים דערקלערט, ווי אַזוי דער פּלוצ־לינגער פֿאַרבאָט פון דער שוין דערלויבטער פֿאַרזאַמלונג האָט אונזער אָר־גאַניזאַציע גורם געווען אַ סך אומניצלעכע הוצאות. אויב מען וויל בכן בשום אופן נישט דערלויבן די פֿאַרזאַמלונג, איז עס בלויז אַ יושר, אומצוקערן מיי־נע פּריינט דעם געליטענעם שאָדן.

דער אָפֿיציר האָט העפֿלעך געענטפֿערט, אַז די דערלויבעניש איז אַרויס־געגעבן געוואָרן דורך אַ טעות אין צונויפֿרעדן זיך און ער קאָן מיר בשום אופן נישט דערלויבן צו האַלטן אַ פּאָליטישן רעפֿעראַט. איך האָב אים דערויף געפרעגט, צי דער דאָזיקער אומבאַגרייפֿלעכער פֿאַרבאָט איז אויך חל אויף רעפֿעראַטן פון נישט־פּאָליטישן אינהאַלט. ער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטון און געזאָגט: דאָס ווענדט זיך אינגאַנצן אין דעם, וועגן וואָס איר ווילט רעדן״.

„נו״, האָב איך געענטפֿערט, „איך גלויב קוים, אַז אַ רעפֿעראַט וועגן דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור זאָל איבערקערן די מלוכה״.

„מאָדערנע דייטשע ליטעראַטור? האָט ער געפרעגט מעדיטירנדיק. „ניין,

דאָס גייט נישט. אונזער היינטיקע ליטעראַטור איז אַזוי שטאַרק דורכגענו־מען מיט פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע אידעען, אַז מיר וועלן דערביי נישט קיין סך געווינען".

איך האָב געפּרוּווט אים פאַרשטיין צו געבן, אַז מען קאָן דאָך נישט פאַר־ווערן צו רעדן וועגן ווערק, וועלכע ווערן אין דייטשלאַנד פריי געדרוקט און אומעטום פאַרשפּרייט דורך די בוכהאַנדלונגען.

די דאָזיקע איינווענדונג האָט אויסגעזען צו מאַכן אויף אים אַן איינדרוק, אָבער ער האָט אפנים געהאַלטן, אַז עס וועט נישט זיין פּאַסיק פאַר אים נאָכ־צוגעבן. פּלוצלינג האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט געקומען אויף אַ געלונ־גענעם איינפאַל און ער האָט געזאָגט נישט אָן איראָניע: „אויב איר ווילט שוין יאָ רעדן וועגן ליטעראַטור, הער ראָקער, טאָ פאַרוואָס נישט וועגן אונ־זערע קלאַסיקער? יענע צייט איז ווייט הינטער אונז און דאָס אַליין וועט אייך שוין פאַרהיטן פון אַריינפאַלן אין פּאָליטישע צרות.

איך האָב אים באַלד געכאַפּט ביים וואָרט. „גוט", האָב איך געזאָגט. „איך נעם אָן אייער פאָרשלאָג און וועל מיט אייער דערלויבעניש רעדן וועגן ליכ־טיקע געדאַנקען אין דער קלאַסישער ליטעראַטור פון דייטשלאַנד.

ער האָט זיך דערויף אַוודאי נישט געריכט און איז געוועזן איבעראַשט. אָבער ער איז אַריינגעפאַלן און שוין נישט געקאָנט צוריקציען זיין וואָרט. ער איז פּלוצלינג געוואָרן זייער ערנסט און האָט געזאָגט: „גוט, איך דערלויב אייך דעם רעפעראַט; אָבער איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז איר וועט רעדן ביי מיליטערישער באַוואַכונג. אויב איר וועט אָפּוויכן פון אייער טעמע, וועל איך אויפלייזן די פאַרזאַמלונג און אייך לאָזן אַרעסטירן".

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך נעם אויף זיך יעדע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און ביז ערב פאַר דעם רואיקן פאַרלויף פון דער פאַרזאַמלונג, בתנאי אַז די וואַך־באַאַמטע וועלן האָבן גענוג פאַרשטענדעניש צו אַנטשיידן, וואָס עס האָט יאָ אַ שייכות מיט דער טעמע און וואָס נישט. נאָכדעם ווי מיר האָבן באַקומען אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג ,האָבן מיר פאַרלאָזט די קאָמאַנדאַטור מיט דעם פריידיקן געפיל, אַז מיר האָבן עפּעס אויפגעטון, וואָס האָט ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך. די פרייד פון די חברים איז נאַטירלעך געווען גרויס און די ידיעה האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער אַלע פאַבריקן פון דער שטאָט. אַ סך האָבן אפילו געמיינט, אַז אין דער לעצטער מינוט קאָן מען אונז נאָך צונישט מאַכן די גאַנצע זאַך. אָבער איך האָב דאָס נישט געגלויבט.

איך האָב דעריבער געפּטרט אַ האַלבע נאַכט אויסצואַרבעטן אַ רעפע־ראַט, צו וועלכן איך בין גאָרנישט געווען צוגעגרייט; אָבער מיין גוטער זכרון און די עטלעכע ביכער, וועלכע איך האָב אין איילעניש געקאָנט באַקומען האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן פון אַלע שוועריקייטן. איך האָב ביי מיר פעסט

אָפּגעמאַכט צו דערלאַנגען די דאָזיקע לייט אַזאַ גאַב, זיי זאָלן מיך האָבן צו געדענקען, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך אָנגעפילט מיט שטילער פרייד.

אונזער מאַניפעסטאַציע איז געווען אַ ריזן־דערפאָלג, צו וועלכן די האַנד־לונג פון דער מיליטערישער מאַכט האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן. די פאַר־זאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ ריזיקן טאַנץ־זאַל מיט גרויסע פּאַרק־סטעזש־קעס אויף בײדע זײטן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהין אַ צען מינוט פאַר דעם אָנהייב, איז דער ריזן־זאַל שוין געווען באַזעצט ביז צום לעצטן פּלאַץ. אַלע טירן און פענסטער אויף בײדע זײטן פון זאַל זענען געווען ברייט געעפנט און בײדע פּאַרק־סטעזשקעס געדיכט אָנגעפילט מיט מענטשן. אויף דער גרוי־סער בינע זענען געזעסן דריי פאָרשטייער פון דער מיליטער־פאַרוואַלטונג און צוויי באַאַמטע פון דער ציווילער מאַכט. אין איינעם פון די גאָרטן־הייף האָט מען באַזעצט אַן אָפּטיילונג פון פּאָליציאַנטן. עס איז געווען ממש רירנדיק, וואָס פאַר אַן אינטערעס די פאָרשטייער פון דער רעפּובליק האָבן אַרויסגע־וויזן פאַר די קלאַסיקער.

ווען איך בין אַרויפגעקומען מיט דעם פאָרזיצער אויף דער רעדנער־בינע, איז מיר באַלד אַנטקעגנגעקומען אַ פאָרשטייער פון דער מאַכט און מיר דערקלערט העפלעך אָבער פעסט, אַז ער האָט די אויפגאַבע בשום אופן נישט צו דערלאָזן צו אַן אָפּווייכונג פון מיין טעמע צו פּאָליטישע ענינים. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל מיך האַלטן ביי מיין טעמע נענטער, ווי דאָס וועט אים אפשר ליב זיין. ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרווונדערט און אַוודאי נישט געוווסט, ווי אַזוי ער זאָל פאַרשטיין מיינע ווערטער. ווען איך בין צוגע־גאַנגען צום רעדנער־פּולט, איז מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן, אַז מען וואָלט געקאָנט הערן דאָס אַראָפּפאַלן פון אַ פעדער. די אויסערגעוויינלעכע באַדינ־גונגען, ביי וועלכע די דאָזיקע פאַרזאַמלונג איז דורכגעפירט געוואָרן, האָט געהויבן די שפּאַנונג פון מיינע צוהערער צו דער העכסטער מדרגה, און היות איך האָב מיך געפילט אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, איז מיר די זאַך זייער גוט געראָטן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אין מיין רעפעראַט מיך באַמיט אַרויסצו־ברענגען די שאַרפסטע שטעלן פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, פון וועלכע די פאָרשטייער פון דער מאַכט האָבן נישט געקאָנט שעפּן קיין נחת און וועלכע האָבן געמוזט אויף זיי ווירקן ווי מאָראַלישע קלעפּ. נאָך אַ קורצן אַריינפיר וועגן די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס זענען געווען אין דייטשלאַנד פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, האָב איך אָנגעהויבן מיט לעסינג. איך האָב גערעדט וועגן זיינע מיינונגען בנוגע דער מלוכה און דער קירך, וועגן די געשפּרעכן צווישן ערנסט און פאַלק און וועגן מאַנאַכן און סאַלדאַטן, וועגן זיינע אפּיקורסישע מיינונגען מכוח פּאַט־ריאָטיזם, כדי לסוף צו פאַרענדיקן מיט די דרייסטע געדאַנקען פון דעם

גרויסן דענקער מכוח דעם אייביקן קאַמף פון דער מענטשהייט אין נאַטאָן. דערנאָך האָב איך אַרויסגעבראַכט הערדערס אנשויאונגען וועגן דעם מהות פון די רעגירונגען און די גרויסע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיינע אידעען וועגן דער פילאָזאָפיע פון דער מענטשהייט־געשיכטע און אין די בריוו צו דער סטימולירונג פון הומאַניטעט.

פון געטעס שאַפונג האָבן מיר געדינט ווי אַ לייטמאָטיוו זיינע אנשויאונגען וועגן די אַזויגערופענע פריהייט־מלחמות, פאַאוסט, ווילהעלם מייסטער און דער אומשטערבלעכער מאָנאָלאָג פון פראָמעטעאוס. שילערס רויבער, קאַבאַלע און ליבע און טעל האָבן מיר געגעבן אַ סך געלעגנהייטן צו דערלאַנגען גוט־געצילטע זייטן־בוקצעס, און אויך ווילאַנדס גאָלדענער שפּיגל און דיאָגענעס פון סינאָפּע.

איך ספּעציעל צוגעפּאַסטע שטעלן פון זשאַן פּאָלס טיטאַן און קאַמעט האָבן מיר געגעבן גענוג מעגלעכקייטן קלאָר אונטערצושטרייכן דעם פריי־הייטלעכן געדאַנקענגאַנג פון דעם לעצטן גרויסן דייטשן הומאַניסט. בעת איך האָב פון זשאַן פּאָלס מלחמה־־דערקלערונג דער מלחמה ציטירט: „שעלינג רעדט וועגן אַ ׳כמעט געטלעך רעכט פון דעם דעראָבערער׳; ער האָט אָבער קעגן זיך די גאַסן־רויבער, וועלכע פאָדערן די זעלבע זאַך פאַר זיך ביי אַן אַלעקסאַנדער און צעזאַר און וועלכע האָבן פאַר זיך דעם קייזער מאַרקוס, אַאורעליוס, וואָס האָט די געפאַנגענע רויבער אין דאַלמאַציע געהייסן דערהויבן צו דער מדרגה פון סאָלדאַטן״, האָבן די פאַרשטייער פון דער מיליטער־פאַר־וואַלטונג געמאַכט גאָר זויערע מינעס. אָבער מען האָט דאָ גאָרנישט געקאָנט מאַכן, ווייל די קלאַסיקער האָט מען דאָך נישט געקאָנט איינזעצן אין שוץ־אַרעסט, אַפילו ווען עס איז געוועזן דערצו דער בעסטער ווילן. אַפילו די שרעקלעכע ווערטער, וועלכע העלדערלין האָט אין זיין היפּעריאָן געהאַט צו זאָגן דעם דייטשן פאָלק, האָבן נישט געקאָנט גאָר גוט קלינגען אין פאַטריאָטישע אויערן.

איך האָב נאָך צום סוף אַביסל גערעדט וועגן דער קלאַסישער ליטעראַטור און פאַרענדיקט מיין רעפעראַט מיט בערנע און היינע. פון היינעס „שלעכט דערצויגענעם ליבלינג פון די גראַציעס״ האָב איך פאַרשטייט זיך אויסגעקליבן די בייסנדיקסטע שטעלן און דאָס שטורמישע אַפּלאָדירן, וואָס האָט אָפּט איבערגעריסן מיינע רייד אויף לאַנגע מינוטן האָט לסוף געמוזט אַפילו אַ הויכער מאַכט געבן צו פילן, אַז אַ רעפעראַט וועגן די קלאַסיקער איז ביי געוויסע באַדינגונגען אַן אומזיכערע זאַך און קאָן געוויס נישט מיט־העלפן צו פאַרשטאַרקן די חשיבות פון דער רעגירונג. אויף צו פאַרענדיקן מיינע אויספירונגען האָב איך אויסגעקליבן די שטעלע פון היינעס ווינטער־מעשהלע, ווו דער דיכטער האָט אין דער סודותדיקער נאַכט־שטול פון דער געטין האַמאָניאַ געזען, אָדער בעסער געזאָגט, דערשנאַפּט די צוקונפט פון דייטשלאַנד:

אָבער אַט דער דייטשער צוקונפט־ריַח
קאָן אַלדינג איבערשטייגן,
וואָס מיַין נאָז האָט וועז געפילט —
אַז איך קאָן דאָס לענגער נישט פאַרשוויַיגן...

ווען איך האָב צום סוף אָנגעקניפּט צו דעם די באַמערקונג, אַז הייַנט האָט די צוקונפט פון דייטשלאַנד פאַראויסגעפילט בעסער ווי וועלכער עס אַנדערער פון זייַנע מיטצייטלער, וויַיל דאָס „מיסט פון די זעקס און דרייסיק גריבער" פאַראומרייניקט נאָך אפילו הייַנט די גייסטיקע אַטמאָספערע פון אונזער לאַנד און פאַרטונקלט אַזוי דעם אָרימען מוח פון דעם דייטשן דורכשניט־בירגער, אַז ער קאָן נאָר בענקען אין טאַקט פון דעם פאַראַדע־מאַרש און איז נישט פעאיק צו קיין שום באַפרייענדיקער טאַט — האָט אויסגעבראָכן אין זאַל אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט זיך נישט געקאָנט איינשטילן.

מיר האָבן געהאַט אַלע סיבות צו זיין צופרידן מיט אונזער פאַרזאַמלונג, דערצו נאָך, אַז דער רוב צייטונגען האָבן זיך אויסגעדריקט מיט סימפּאַטיע וועגן מיינע אויספירונגען. צי די מיליטער־פאַרוואַלטונג איז אויך באַהערשט געווען פון די דאָזיקע געפילן, איז אַ גרויסער ספק. דאָס בעסטע דערביי איז אָבער געווען, וואָס פון דעמאָלט אָן האָט מען אונז שוין נישט געלייגט קיין שטערונגען אויף דעם וועג און אונזער אָרגאַניזאַציע איז באַהאַנדלט געוואָרן פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע. די ווילע קלאַסיקער האָבן אונז בכן געטון אַ גאָר גרויסע טובה.

ידיעות פון רוסלאַנד

מאָסקווע איז אין יענע יאָרן געווען די רויטע מעקאַ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פון אַלע לענדער האָבן עולה רגל געווען די שליחים פון די פאַרשידנסטע גרופּירונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג צו דער הויפּטשטאָט פון דעם פּראָלעטאַריאַטס רויטן פאָטערלאַנד, ווי רוסלאַנד האָט דעמאָלט געהייסן, כדי צו באַקומען אינפאָרמאַציע, אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען אָדער מאַכן צוגרייטונגען פאַר דער קומענדיקער וועלט־רעוואָלוציע, ווי די מיינסטע זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז זי קומט באַלד אָן. דאָרט ווו די רעגירונגען האָבן געמאַכט שוועריקייטן צו שיקן אַזעלכע דעלעגאַציעס, האָט מען זיך געקאָנט אַן עצה געבן אויף אַן אַנדערן אופן, וואָרים עס איז מעגלעך געווען זיך צו פאַרשאַפן פאַלשע פּעסער, כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, נישט געקוקט אויף אַלע מניעות. די מיינסטע שליחים, וואָס האָבן דעמאָלט כסדר געהאַלטן אין פאָרן קיין מאָסקווע, האָבן אויף זייער וועג געמוזט פאַרבייפאָרן בערלין, ווו זיי פלעגן געוויינלעך זיך אָפּשטעלן אויף אַ קורצער צייט, ביז עס איז צו זיי אָנגעקומען די אַריינפאָר־דערלויבעניש קיין רוסלאַנד. אַזוי אַרום האָבן מיר אָפט געהאַט די געלעגנהייט מיט אַ סך פון זיי באַקאַנט צו ווערן, און זיך צו דערוויסן זייערע איינדריקן, ווען זיי זענען נאָך דעם פאַרענדיקן זייער מיסיע צוריקגעקומען פון מאָסקווע, כדי אַהיימצופאָרן אין זייערע פאַרשידענע לענדער. איך האָב אין יענע יאָרן געזען אָנהענגער פון די פאַרשידנסטע סאָציאַליסטישע ריכטונגען אין אייראָפּע, פאַרטרעטער פון גרויסע אַרבעטער־סינדיקאַטן אין פראַנקרייך, שפּאַניע און איטאַליע, דעלעגאַטן פון דער ענגלישער שאָפּ־סטיואַרד־באַוועגונג, פון דער I.W.W. פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון די סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון מעקסיקע און פון די פאַרשידנסטע דרום־אַמעריקאַנער מלוכות, צווישן זיי אַ סך אַלטע באַקאַנטע. אַזוי אַרום האָט זיך געמאַכט, אַז מיר אין דייטשלאַנד זענען בעסער אינפאָרמירט געווען וועגן די געשעענישן אין רוסלאַנד ווי אין די מיינסטע אַנדערע לענדער.

דאָס קומען און אַוועקפֿאָרן פֿון יענע עמיסאַרן האָט אונז אָפֿט געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוקניפּן פֿאַרבינדונגען מיט אונזערע רוסישע חברים אין מאָס־קווע און אויף דעם דאָזיקן אופֿן זיך צו דערוויסן טייל זאַכן, וועגן וועלכע עס איז קיינמאָל נישט גערעדט געוואָרן אין דער עפֿנטלעכקייט. טייל רוסישע חברים האָבן באַנוצט די דאָזיקע געלעגנהייט, כדי מיר איבערצוגעבן אויף צו באַהאַלטן מאַנוסקריפּטן און אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן, אין דער האָפֿע־נונג, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט מען זיי קענען אויסניצן. אַזוי אַרום האָט זיך ביי מיר אָנגעזאַמלט אַ גאַנצער אַרכיוו פֿון רוסישע כּתבים, וואָס איך האָב פֿון זייער אינהאַלט נישט געהאַט קיין שום אָנונג, ווייל איך קען נישט קיין רוסיש. אין דעם רוב פֿאַלן האָב איך אפילו די חברים, וואָס האָבן מיר דורך פֿאַרטרוילעכע מענטשן געשיקט אַזעלכע כּתבים, נישט געקאָנט צושטעלן קיין באַשטעטיקונג, אַז איך האָב זיי דערהאַלטן. די חברים אין מאָסקווע האָבן פֿאַרשטייט זיך געקאָנט אַ סך בעסער וויסן, ווען מען זיי מעגן זיך אָנפֿאַרטרויען, בעת איך האָב נאָר געקאָנט האָבן צוטרוי צו אַזעלכע מענטשן, וועלכע איך האָב גוט געקענט פּערזענלעך און וועגן וועלכע איך בין געווען זיכער, אַז עס איז פֿון זייער זייט נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פֿאַר אַ פֿאַרראַט.

אַזוי האָט פּ. אַרשינאָוו, וועלכער איז געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער מאַכנאָ־באַוועגונג אין אוקראַינע, איבערגעגעבן פֿאַר זיין אַנטלויפֿן פֿון רוס־לאַנד צו עמאַ גאָלדמאַן דעם מאַנוסקריפּט פֿון אַ בוך, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ פֿולשטענדיקע שילדערונג פֿון יענער אייגנאַרטיקער באַוועגונג און פֿון איר פֿירער נעסטאָר מאַכנאָ. עמאַ האָט אין האַרבסט 1921 געפֿונען אַ גע־לעגנהייט מיר איבערצוגעבן דורך אַ פֿאַרטרוילעכן מענטש דעם דאָזיקן מאַ־נוסקריפּט אויף צו באַהאַלטן. אַרשינאָוו, וועלכער האָט אין שטענדיקער סכּנה פֿאַר זיין לעבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן לאַנגע חדשים אין רוסלאַנד, איידער ער איז אימשטאַנד געווען צו אַנטלויפֿן קיין אויסלאַנד, האָט דערפֿון נישט געהאַט קיין שום אָנונג. איז דער מאַנוסקריפּט געלעגן אַ לענגערע צייט באַ־האַלטן אין מיין שרייבטיש ווי אַזויפֿיל אַנדערע. ווען אַרשינאָוו איז לסוף גע־קומען קיין בערלין און מיך מיט אונזער רוסישן חבר וואָלין באַזוכט, האָט ער מיר צווישן אַנדערע זאַכן אויך דערציילט פֿון זיין היסטאָרישער אַרבעט וועגן דער געשיכטע פֿון דער מאַכנאָ־באַוועגונג 1921—1918 און דערביי אַרויסגעזאָגט זיין מורא, אַז דער מאַנוסקריפּט פֿון זיין בוך איז מסתּמא פֿאַרלוירן געוואָרן. ער האָט דאָס דאָזיקע נאָכמער באַדויערט, ווייל ער האָט וועגן אַן אויפֿסניי פֿאַרפֿאַסן דאָס דאָזיקע ווערק גאָרנישט געקאָנט אַפילו טראַכטן, היות עס האָבן אים דערצו געפֿעלט אַלע דאָקומענטאַרישע באַשטעטיקונגען, וואָס ער האָט באַניצט אין זיין בוך. ווען איך האָב אים דערויף געזאָגט, אַז מען האָט מיר פֿון רוסלאַנד צוגעשיקט אַ גרויסע צאָל דאָקומענטן אויף צו באַהאַלטן און איך האָב געעפֿנט מיין שרייבטיש, איז דער פֿאַר פֿאַרלוירן־געהאַלטענער מאַנוסקריפּט געלעגן פֿון אויבנאויף. אַרשינאָוו האָט זיך קוים געקאָנט באַהערשן פֿאַר פֿרייד. אַ רוסישע

און דייטשע אויסגאַבע פון דעם ווערק זענען דערשינען נאָך אין 1923 אין בערלין און דאָס בוך איז זינט דעמאָלט איבערזעצט געוואָרן אין אַ סך אַנדערע שפּראַכן. אויך וואָלין האָט געפונען צווישן מיינע פאַרבאָרגענע אוצרות אַ גרויסע צאָל פון זיינע אייגענע מאַנוסקריפּטן און אַזוי אַרום איז די שמחה געווען טאָפּלט גרויס.

אין האַרבסט 1921 איז אַן אַמעריקאַנער חבר אויף זיין צוריקרייזע אַהיים געקומען פון מאָסקווע קיין בערלין און מיר געבראַכט אַ ידיעה פון אַלעקסאַנ־דער בערקמאַן, וועלכע איז געווען געשריבן אויף אַ שטיק לייוונט און איינגע־נייט אין אַ מלבוש פון מיין באַזוכער. יענער חבר האָט מיר דערציילט, אַז סאַשאַ און עמאַ האָבן אַנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי אַרויסצובאַקומען פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג די דערלויבעניש צו פאָרן קיין אויסלאַנד, און דאָס איז זיי, אַדאַנק די פּערזענלעכע באַמיאונגען פון אַנזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוו ביי לעניגען, ענדלעך טאַקע געלונגען.ביידע זענען נאָך אַמעריקעס אַריינטרעטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרעסטירט געוואָרן מחמת זייער שטעלונג קעגן דער מלחמה און באַשטראָפט געוואָרן מיט תפיסה. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט זיי די אַמעריקאַנער רעגירונג צוריקגעשיקט קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע אַנדערע רוסישע חברים.

דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט עמאַ און בערקמאַנען אָנגעפולט מיט גרויסע האָפענונגען, אַזוי אַז זיי האָבן קוים געלאָזט אַ טרער אויף דעם גרויש פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ווי אַ סך אַנדערע האָבן זיי אויך געגלויבט, אַז דער שטורעם, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף רוסלאַנד און פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה די פעסטונג פון צאַריזם, וועט אויסוואַקסן אין אַן אייראָפּעאישער רעוואָלוציע און זיי זענען געווען פעסט אַנטשלאָסן אַוועקצוגעבן פאַר דער דאָזיקער גרויסער זאַך אַלע זייערע כוחות. זיי האָבן אָנגעטראָפן רוסלאַנד אין אַ ריזיקן כאַאָס. דאָס לאַנד האָט געבלוטיקט פון טויזנט וווּנדן, וואָס די מלחמה האָט פאַרשאַפט. עס איז אין אַלעם געווען אַ דוחק: אין שפּייז, אין אַרבעט־מכשירים, אין די סאַמע נויטיקסטע זאַכן, וואָס מען באַניצט און קודם כל אין די נויטיקע טראַנספּאָרט־מיטלען. אָבער צווישן די ברייטע מאַסן אין שטאָט און אויפן דאָרף האָט געהערשט אַ געוואַלטיקע באַגייסטערונג, ווי מען האָט אַזעלכע נישט געזען זינט די טעג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס פאָלק איז געווען גרייט אויסצושטיין יעדע עוולה, כדי אויפ־צובויען אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג, פאַר וועלכער די בעסטע מענטשן פון לאַנד האָבן אַזוי לאַנג געקעמפט און אַן מורא איינגעשטעלט זייער לעבן און פרייהייט.

עמאַ און סאַשאַ האָבן טאַקע איינגעזען די כמעט אומדערטרעגלעכע שוועריקייטן פון דער נייער לאַגע, וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט אַלס ירושה דעם רוסישן פאָלק. אָבער זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז די דיקטאַטור איז נישט קיין געהעריק מיטל גובר צו זיין די דאָזיקע שוועריקייטן און אַז זי האָט געטראָגן אין זיך גרויסע סכנות פאַר דער צוקונפט. דאָך, כדי זיך דאָס האַרץ

גרינגער צו מאַכן, האָבן זיי זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דער איצטיקער מצב איז נאָר אַ מין איבערגאַנג־סטאַדיום און אַז מיט דעם ביסלעכווייזדיקן אויפבוי פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג וועלן אַלע דיקטאַטאָרישע תקנות ממילא מוזן פאַרשווינדן. לעניָן אַליין פלעגט דאָך דעמאָלט אין אַלע זיינע רעדעס און שריפטלעכע דערקלערונגען אויסדריקן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט און ביי יעדער געלעגנהייט אונטערשטרייכן, אַז די דיקטאַטור איז נאָר אַ פאַר־בינדונג־רינג, וואָס איז באַדינגט דורך די אומשטענדן, כדי צו באַזייטיקן יעדן ווידערשטאַנד און אָנגריף קעגן די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע און פריי צו מאַכן דעם וועג פאַר אַ נייער אַנטוויקלונג. עס לייגט זיך אַפילו אויפן שכל, אַז ער האָט דאָס דאָזיקע ערלעך געמיינט און אַלס מאַרקסיסט באמת געגלויבט אין דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט פון אַזאַ צווישן־מדרגה. טייל מאָמענטן רעדן דערפאַר.

אָבער פּאָליטישע מאַכט־תקנות האָבן זייער אייגענע לאָגיק, וואָס שטעלט זיך אָפּט אַקעגן זייערע באַשאַפער, אַפילו ווען זיי מיינען עס איינגאַנצן ערלעך, און פאַרוואַנדלט זיי אין רעדער פון דער מאַשין, וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן. פרודאָנס וואָרט, אַז יעדע פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט דעם פאַרלאַנג צו ווערן אַ פּערמאַנענטע, איז גילטיק פאַר דער דיקטאַטור אין אַ נאָך העכערער מאָס ווי פאַר אַנדערע רעגירונג־פאָרמען, ווייל זי שליסט־אויס מיט כוח יעדע עפנטלעכע קריטיק אויף אירע האַנדלונגען און מעקט־אָפּ סיס־טעמאַטיש, חוץ אירע אייגענע, אַלע אַנדערע פּרווון, וואָס זענען דווקא אין רעוואָלוציאָנערע צייטן אַזוי אומבאַדינגט נייטיק.

עמאַ און בערקמאַן האָבן גאָר גיך זיך געקאָנט אין דעם איבערציינגן. אַ קורצע צייט נאָך זייער אָנקומען קיין רוסלאַנד האָט מען זיי פאַרגעלייגט זיך צו באַטייליקן אין אַן עקספּעדיציע קיין אוקראַינע און קאַווקאַז, כדי צו זאַמלען היסטאָריש מאַטעריאַל פאַר דעם אַרכיוו פון דעם רעוואָלוציאָנערן מוזעאום, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט אין דעם געוועזענעם ווינטער־פּאַלאַץ פון צאַר אין פּעטראָגראַד. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מען האָט זיי דעם דאָזיקן פּאָסטן אָנגעבאָטן נאָר דערפאַר, כדי צו פאַרמיידן, אַז זיי זאָלן באַקומען אַן אַנדערע באַשעפטיקונג, היות מען האָט צו זיי ווי אַנאַרכיסטן נישט געהאַט קיין צו גרויסן צוטרוי. אָבער דווקא דורכדעם האָבן זיי געהאַט די בעסטע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דעם פּאַראַליזירנדיקן איינפלוס פון דער דיקטאַטור אין לאַנד און זיך צו איבערציינגן, אַז די כסדר וואַקסנדיקע צענטראַ־ליזירונג פון דער פּאָליטישער מאַכט אין די הענט פון אַ קליינער מינדערהייט מוז ווערן פאַטאַל פאַר דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי. עמאַ איז געווען די ערשטע, וואָס איז דערגאַנגען צו דער דאָזיקער איבערציינגונג, בעת בערקמאַן האָט מיט דער גאַנצער עקשנות פון זיין ריינעם און ערלעכן כאַראַקטער זיך נאָך אַלץ געראַנגלט קעגן דעם און געפּרווט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן דעם אַלטן רעזשים פאַר אַלע פעלערן און דעפעקטן פון די נייע מאַכטהאָבער. עס איז דעריבער

אַפּט דערגאַנגען צו שאַרפע וויכוחים צווישן די אַלטע פריינט. ביז די טראַגעדיע פון קראָנשטאַט האָט ענדלעך אַ סוף געמאַכט צו יעדן צווייפל און אויך בערקמאַן פּונקט ווי טייל אַנדערע האָט זיך געמוזט איבערצייגן, אַז עס איז נישט מער מעגלעך געווען קיין שום צוזאַמענאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס אויף וועלכן עס איז געבּיט. ביידע האָבן דעריבער איינגעזען, אַז עס האָט נישט מער פאַר זיי קיין שום צוועק ווייטער צו פאַרבלייבן אין רוסלאַנד. צום גליק זענען דע־מאָלט נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, נאָך אַלץ געווען מעגלעכקייטן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. ווען זיי זאָלן געווען פאַרבלייבן לענגער, וואָלט זיך שוין נישט געווען געמאַכט נאָך אַזאַ געלעגנהייט און זיי וואָלטן בלי ספק געווען געהאַט דעם זעלבן גורל ווי אַזויפיל טויזנטער, וועלכע זענען געפאַלן קרבנות פון דער אַזויגערופענער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

בערקמאַן האָט בעת דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען אין רוסלאַנד, גענוי געפירט אַ טאָגבוך און פאַרצייכנט אַלדינג, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט דורך אייגענער אָבסערוואַציע. אויף דעם איינגעניטן לייוונטענעם פּאַס, וועלכן יענער אַמעריקאַנער חבר האָט פון מאָסקווע מיר געבראַכט פון בערקמאַנען, האָט סאַשאַ מיר מיטגעטיילט, אַז עס וועט זיך אים איינגיכן מאַכן אַ געלעגנהייט איבערצושיקן קיין בערלין זיינע טאָגביכער דורך אַ באַפריינדטן רעגירונג־קאָמיסאַר, וועלכער פאָרט אָפּט קיין אויסלאַנד, און ער וועט זיי מיר געבן צו באַהאַלטן. ער האָט מיך באַשווירן צו באַהאַלטן זיין מאַטעריאַל אויף אַ זיכער אָרט, כדי ער אַליין זאָל עס שפּעטער קענען צוריק באַקומען.

עס זענען פאַרביי עטלעכע חדשים און קיינער איז צו מיר נישט געקומען. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט, צי בערקמאַנס פאַרטרויליכער מענטש איז שוין אַוועק פון רוסלאַנד אָדער נישט און איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו דערוויסן וועגן דעם. פּלוצלינג האָב איך באַקומען פון עמאַ און סאַשאַ אַ בריוו פון ריגע, אין וועלכן זיי האָבן מיר צוויסן געטון, אַז זיי זענען שוין אַוועק פון רוסלאַנד, אָבער זיי קענען נישט פאָרן ווייטער, ווייל דער דייטשער קאָנסול אין ריגע האָט זיי אָפּגעזאָגט צו געבן אַ וויזע קיין דייטשלאַנד. זיי האָבן מיך דעריבער געבעטן נישט דורכצולאָזן קיין שום מיטל, כדי צו פאַרשאַפן פאַר זיי אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש, ווייל זיי קענען נישט פאַרבלייבן אין ריגע און וויסן נישט וואָס צו טון.

די רוסישע רעגירונג האָט זיי און אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ דערלויבט אַרויס־צופאָרן, כדי צו קענען זיך באַטייליקן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטן־קאָנגרעס אין בערלין, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויף סוף דעצעמבער. דערצו האָבן זיי שוין אָבער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט, ווייל זייער געצוווּנ־גען פאַרבלייבן אין ריגע האָט דערין געשטערט. זיי האָבן דערביי גאָרנישט פאַרלוירן, ווייל דער קאָנגרעס האָט נישט געבראַכט קיין וויכטיקן רעזולטאַט. פון אויסלאַנד זענען געקומען בלויז עטלעכע דעלעגאַטן פון ענגלאַנד, פראַנק־רייך, האָלאַנד און שוועדן. די צוגרייטונגען זענען געווען שוואַכע און די באַוועַ־

גונג אין די פאַרשידענע לענדער האָט נאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו קענען קומען צו זיך פון די מלחמה־קאָנסעקווענצן.

אין דעם זעלבן בריוו האָט בערקמאַן אָנגעפרעגט, צי איך האָב שוין דער־האַלטן זיינע טאָגביכער. לײדער האָב איך גאָרנישט געהאַט דערהאַלטן און איך האָב געהאַט גרויס עגמת נפש, ווייל איך האָב מיר געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט פאַר אים געהאַט. אָבער קודם כל האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, צו פאַרשאַפן אונזערע דריי חברים די אַריינ־פאַר־באַוויליקונג קיין דייטשלאַנד. איך האָב באַלד אויפגעזוכט מיין פריינט פּאַאול קאַמפּפמייער, דעם דעמאָלטיקן דירעקטאָר פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישן פּאַרטיי־אַרכיוו אין בערלין, כדי ביי אים זיך צו דערוויסן, וואָס מען קאָן טון פאַר דער דאָזיקער זאַך. קאַמפּפמייער האָט מיר באַלד צוגעזאָגט זיין הילף, אָבער ער האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז עס וועט אפשר מוזן דויערן עטלעכע וואָכן אָדער אַפילו עטלעכע חדשים, איידער מען וועט קענען דערגרייכן אַ ממשותדיקן רעזולטאַט. איך האָב די דאָזיקע דריי באַלד מודיע געווען, וואָס איך האָב דערוויל דערגרייכט און האָב זיי געבעטן צו האָבן געדולד, ביז איך וועל זיי קענען צוּוויסן טון מער. צום גליק איז אונזערע שוועדישע חברים דערווייל געלונגען צו פאַרשאַפן אונזערע חברים אַ צייט־ווייליק אַזיל־רעכט אין שוועדן, ביז זיי וועלן באַקומען די דערלויבעניש אַריינ־צופאָרן קיין דייטשלאַנד. זיי זענען דעמאָלט באַלד אַוועקגעפאָרן קיין שטאָקהאָלם, כדי צו וואַרטן אויף ווייטערדיקע ידיעות.

פון דאָרט האָב איך אַלע פּאָר טעג דערהאַלטן אָנפראַגן פון סאַשאַ, צי איך האָב שוין באַקומען זיינע טאָגביכער. ער האָט מיר געשריבן, אַז דעם מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט אין משך פון צוויי יאָר אָנגעזאַמלט בעת זיין געפינען זיך אין רוסלאַנד, וויל ער אויסניצן פאַר אַ בוך, וואָס ער האָט בדעה אַרויסצוגעבן. דאָס דאָזיקע וועט אָבער נישט מעגלעך זיין, אויב עס זענען פאַרלוירן געוואָרן זיינע פאַרצייכענונגען, וואָס האָבן אַנטהאַלטן אַלע נויטיקע דאַטעס. איך האָב גוט פאַרשטאַנען זיין פאַרזאָרגטקייט און געפּרוּווט אים צו טרייסטן וויפל איך האָב געקאָנט. ער האָט קיין איין רגע נישט געצווייפלט אין דער ערלעכקייט פון דעם מענטש, וועלכן ער האָט אָנפאַרטרויט זיינע זאַכן, אָבער ביי די דע־מאָלטיקע באַדינגונגען אין רוסלאַנד איז אַלץ מעגלעך געווען.

נאָכדעם ווי עס איז פאַרביי אַ וואָך נאָך אַ וואָך און קיינער איז צו מיר נישט געקומען, זענען צערונען געוואָרן אַלע מיינע האָפענונגען. דאָס ערגסטע דערביי איז געווען ,וואָס איך האָב גאָרנישט געקאָנט טון צו דער דאָזיקער זאַך, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין שום שטיץ־פּונקט. מיטאַמאָל האָב איך אין איינעם אַ טאָג דערהאַלטן פון סאַשאַ אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר צוּוויסן געטון, אַז לויט ער האָט זיך דערוווּסט, געפינט זיך אין בערלין די פרוי פון דעם מענטש, וועלכן ער האָט אָנפאַרטרויט זיינע שריפטן. ער האָט נישט קיין באַשטימטן אַדרעס, אָבער ער האָט מיר געגעבן פאַרשידענע אָנווייַ־

זונגען, ווי אַזוי איך קאָן אים דורך אומוועגן געוואָר ווערן און מיך באַשווירן נישט דורכצולאָזן קיין שום מיטל, כדי זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער פרוי. דאָס מוז אָבער, פאַרשטייט זיך, געטון ווערן אויף אַ גאָר פאַרזיכטיקן אופן, כדי נישט אויסצושטעלן די פרוי און איר מאַן אויף אַ געפאַר.

נאָך עטלעכע אומזיסטע פרווון איז מיר לסוף געלונגען אויסצוגעפינען, ווו זי וווינט. איך בין באַלד אַוועק אַהין, כדי צו זען, וואָס איך קאָן דאָ טון. די וווינונג האָט זיך געפונען אין צווייטן שטאָק פון אַ שיין הויז אין מערב־בערלין. עס איז מיר געלונגען אַריינצוגיין אומבאַמערקט אין הויז; אַ קליינע אויפשריפט אויף דער טיר האָט מיר געוויזן, אַז איך האָב געטראָפן צום ריכטיקן אָרט. איך האָב אַ לייכטן קלונג געטון. באַלד דערנאָך האָט אַ פרוי האַלב געעפנט די טיר און מיך געפרעגט, וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב אַ שעפטשע געטון, אַז איך קום אין שליחות פון בערקמאַנען. זי איז גיך אַרויס אין קאָרידאָר און מיט מורא זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. נאָכדעם ווי זי האָט זיך איבערצייגט, אַז קיינער האָט אונז נישט באַמערקט, האָט זי מיך געבעטן האַסטיק אַריינצוגיין. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קליין צימער און דערשראָקן געפרעגט וועגן דעם צוועק פון מיין קומען. נאָכדעם ווי איך האָב רואיק איר געגעבן די נויטיקע אויפקלערונג, האָט זי געזאָגט ציטערנדיק: „מיין מאַן איז אַוועק־געפאָרן, אָבער איך בין זיכער, אַז ער האָט אייך גאָרנישט וואָס צו זאָגן. איך ווייס בכלל נישט, וועגן וואָס איר רעדט און איך בעט אייך צו פאַרלאָזן מיין וווינונג".

די מורא, מיט וועלכער זי האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע ווערטער, האָט מיר דייטלעך געוויזן, אַז זי זאָגט נישט דעם אמת. איך האָב איר רואיק דער־קלערט, אַז זי דאַרף זיך פאַר מיר נישט שרעקן און אַז מיר גייט נאָר בלויז אין דעם, אַז איך זאָל אַרויסבאַקומען מיין פריינטס אייגנטום. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי מיך געפרעגט, ווי אַזוי האָב איך געפונען איר ווױ־נונג. איך האָב איר דערקלערט דעם גאַנצן גאַנג פון דער זאַך.

„ווייסט עמעצער, אַז איר זענט צו מיר געקומען?" האָט זי געפרעגט מיט מורא.

„קיינער נישט", האָב איך געזאָגט. עס טוט מיר באמת לייד, וואָס איך האָב אייך אַריינגעבראַכט אין אַזאַ אויפרעגונג. גיט מיר די זאַכן און איך שווער אייך, אַז קיינער וועט זיך נישט דערוויסן וועגן מיין באַזוך".

„אָ, איר ווייסט נישט, וואָס מיר ריזיקירן דאָ", האָט זי געזאָגט מיט אַ כמעט קלאָגנגלאָזער שטים.

„איך קאָן מיר דאָס זייער גוט פאַרשטעלן", האָב איך געענטפערט. „מאַכט אַ סוף צו דער זאַך און גיט מיר, וואָס איך פאַרלאַנג און איך וועל גיין מיין וועג, אַזוי ווי איך זאָל אייך קיינמאָל נישט האָבן געזען. איך חזר איבער נאָך אַמאָל, אַז איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר מיר".

זי איז שנעל אַרויס אין דעם דערנעבנדיקן צימער און איז צוריקגעקומען מיט אַ פּעקעלע איינגענייט אין לייוונט. זי איז געווען בלייך ווי אַ מת. אין אירע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מורא און פּיינלעכע אומאַנטשלאָסנקייט. נאָך אַ קליינער פּויזע האָט זי פּלוצלינג שטיל געזאָגט: „ניין, איך קאָן אייך נישט געבן די זאַכן! איר מוזט וואַרטן, ביז מיין מאַן וועט צוריקקומען קיין בערלין". דערנאָך איז זי שנעל אַרויס אין דעם דערנעבנדיקן צימער.

בליציק שנעל איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז די אָרימע פרוי קאָן אין איר פאַרצווייפלונג נאָך פּרווון צו פאַרניכטן די זאַכן, אויב איך וועל זיי ביי איר איבערלאָזן. איך בין איר שנעל נאָכגעלאָפן, איר אַרויסגעריסן דאָס פּעקל פון דער האַנט און געזאָגט: „ניין, דאָס טויג נישט! די זאַכן געהערן נישט צו אייך און איך האָב דעם חוב לגבי מיין פריינט זיי צו ברענגען אין אַ זיכער אָרט. איך קאָן נישט וואַרטן, ביז אייער מאַן וועט צוריקקומען, ווייל איך וויל, אַגב פאַר אייער אייגענער טובה וועגן, איגנאָנצן נישט זען. אין אייער איצטיקן צושטאַנד קאָן די מורא אייך דערפירן צו באַגיין אַן אומבאַטראַכטע זאַך און דערצו טאָר איך נישט דערלאָזן. אויב איר קענט בערקמאַנען, ווייסט איר דאָך, אַז ער איז אַן ערנמאַן און וואָלט די דאָזיקע זאַך קיינמאָל נישט אַנ־פאַרטרויט צו אַן אומווירדיקער פּערזאָן. איך באַדויער זייער, וואָס איך מוז אויף אָט דעם ברוטאַלן אופן צונעמען צו זיך זיין אייגנטום. אָבער ווען איר וועט זיך האָבן באַרואיקט, וועט איר אַליין איינזען, אַז מיר איז נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה".

נאָכדעם ווי איך האָב זי אויף דעם דאָזיקן אַביסל אומגעוועוועלעכן אופן אַוועקגעשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט, איז זי באַדייטנדיק רואיקער געוואָרן און געזאָגט: „ווען מיין מאַן איז פאַר צוויי וואָכן געקומען קיין בערלין, איז ער אַוועק צו אייער וווינונג, כדי אייך איבערצוגעבן די זאַכן. אָבער פאַר דעם הויז זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט רוסיש. ער האָט זיך נישט געוואָלט אויסשטעלן אויף אַ סכנה און ווידער צוריקגעבראַכט דאָס פּעקעלע אַהיים, כדי צו וואַרטן אויף אַן אַנדערער געלעגנהייט. באַלד דער־נאָך האָט ער פּלוצלינג געמוזט אַוועקפאָרן און שוין נישט געקאָנט דערליידיקן די זאַך".

אין יענער צייט זענען אַ סך רוסישע חברים געווען איינגייער ביי מיר אין הויז. עס איז דעריבער געווען גאָר מעגלעך, אַז די מענטשן, וועלכע איר מאַן האָט געזען פאַר אונזער הויז, זענען געווען רוסישע חברים, וואָס ער האָט פאַרשטייט זיך נישט געקאָנט וויסן.

„אָבער פאַרוואָס האָט ער מיר נישט געשריבן עטלעכע שורות?" האָב איך געפרעגט. „מיר וואָלטן געווען געקאָנט די גאַנצע זאַך לייכט ברענגען אין אָרדע־נונג און אייך איינשפּאָרן די גאַנצע אויפרעגונג".

„היינט איז אַפילו געפערלעך איבערצוגעבן זיין כתב אין פרעמדע הענט",

האָט זי געענטפערט. דערנאָך האָט זיך ווידער באַוויזן איר אינערלעכע אומרואיקייט און זי האָט האַסטיק געזאָגט: „אָבער איצט גייט, גייט, איך בעט אייך. איר האָט שוין אַלדינג, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט און איך דערוואַרט פון אייך, אַז די גאַנצע זאַך וועט בלייבן צווישן אונז“.

„דערויף קאָנט איר זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן“, האָב איך געזאָגט. ווי נאָר איך וועל האָבן פאַרלאָזט אייער הויז, וועט פאַר מיר די גאַנצע זאַך זיין פאַרגעסן. איך באַדויער נאָר, וואָס מיין אומגעבעטענער באַזוך האָט אייך אַריינגעבראַכט אין אַזאַ צושטאַנד“.

„איך דאַנק אייך“, האָט זי שטיל געזאָגט. אָבער ווען איך האָב מיך פאַרנומען צו גיין, האָט זי מיך פלוצלינג פאַרהאַלטן און געזאָגט: „וואַרט אַ רגע!“ דערנאָך האָט זי געעפנט די טיר צום קאָרידאָר, כדי צו זען, צי עס איז עמעצער דאָ ביי די שטיגן. עס איז דאָרט קיינער נישט געווען און איך בין שטיל אַוועקגעגאַנגען.

ווען איך בין שוין געווען אויף דער גאַס, האָב איך לייכטער אָפגעאָטעמט מיט דעם פעקעלע אונטער דעם אָרעם, וואָס איז פאַר בערקמאַנען געווען אַזוי וויכטיק. אין דער זעלבער צייט איז מיך באַפאַלן אַן אומהיימלעך געפיל, בעת איך האָב געטראַכט וועגן דער סצענע, וואָס איך האָב ערשט געהאַט איבערגעלעבט. דער פיינלעכער געמיט־צושטאַנד פון דער אָרימער פרוי, וועלכע איז געמאַטערט געוואָרן פון שרעקלעכער מורא, אומעטום געשפירט פאַררעטער, וועלכע האָבן געקאָנט זי און איר מאַן אומברענגען, איז געווען דער דירעקטער רעזולטאַט פון דער דיקטאַטור. אפשר האָט זי אַליין געגלויבט, אַז איר מאַן איז באַגאַנגען אַ גרויס פאַרברעכן, דערמיט וואָס ער האָט אַרויסגעפירט בערקמאַנס שריפטן קיין אויסלאַנד. עס איז אמת, אַז יענע טאָגביכער האָבן אַנטהאַלטן טייל זאַכן, וואָס האָבן געקאָנט נישט געפעלן ווערן די נייע מאַכטהאָבער. אָבער אפילו אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָט די רעגירונג געמוזט שלום מאַכן מיט דער קריטיק פון אירע קעגנער. אין קיין שום אַנדער לאַנד וואָלט אַ רעגירונג נישט געפרוווט צו שטערן אַ שרייבער מיטצונעמען זיינע שריפטן קיין אויסלאַנד, סיידן אפשר אין פאַל פון אַ מלחמה. איז נאָך ערגער פאַר די פאָרשטייער פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס באַציִען זיך מיט אַזאַ גרינגשעצונג צו די רעכט פון זייערע בירגער. ביי אַזאַ אָרדענונג, וואָס גילט אין יעדער טאָטאַליטאַרער מלוכה, קאָן מען טאַקע אויסהאָדעווען מענטשן, וועלכע זאָלן בלינד פאָלגן יעדע אָנווייזונג וואָס קומט פון אויבן און מיט דעם זעלבן פאַנאַטיזם לעסטערן היינט דאָס, וואָס זיי האָבן נעכטן געריממט, אָבער געוויס נישט קיין מענטשן, וועלכע האָבן דאָס אַחריות־באַוווסטזיין פאַר זייערע מעשים און שאַצן העכער זייער אייגענע איבערצייגונג ווי דעם טעמפּן צוואַנג פון אַ טויטער מאַשין. פאַר אַ פאַרצווייפלטן מלוכה־מאָנאָפּאָליזם קאָן עס זיין אַ צוגעפאַסט מיטל זיך צו פאַרשאַפן געהאָרכזאַמקייט דורך מורא, אָבער דורך טעראָר קעגן מיינונג־פרייהייט איז נאָך קיינמאָל נישט געשאַפן געוואָרן קיין

גרויס ווערק, וואָס זאָל עפענען פאַר די מענטשן נייע פּערספּעקטיוון פאַר זייער לעבן. מורא איז דער יסוד פאַר יעדער שקלאַפעריי און ענגעלס איז נישט אומגערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דער טעראָר קומט תמיד אַרויס פון מענטשן, וועלכע זענען אַליין באַהערשט פון מורא. מורא איז דאָס אומפאַרמיידלעכע רינגעלע אין דער קייט, צו וועלכער די אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע זענען אויף אַ גלייכן אופן צוגעשמידט. כל זמן די דאָזיקע קייט איז נישט צעריסן, איז נישט מעגלעך קיין פרייע מענטשהייט.

איך האָב מיך קיינמאָל נישט דערוווסט, וואָס עס איז געוואָרן פון יענער פרוי און איר מאַן. עס קען זיין, אַז אויך זיי זענען שפּעטער געפאַלן קרבנות אין איינעם פון די פּעריאָדישע „ריינינונג״־פּראָצעסן, אָן וועלכע עס קאָן קיינ־מאָל נישט אויסקומען קיין דיקטאַטור, אָן אונטערשיד וואָס פאַר אַ נאָמען זי האָט. איך האָב קיינמאָל נישט דערמאָנט זייערע נעמען, אַזוי ווי איך האָב צוגעזאָגט און טו דאָס אויך היינט נישט, כדי זיי נישט צו שטעלן אין געפאַר, אויב זיי זאָלן נאָך לעבן.

נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אין מיין רשות בערקמאַנס פאַרצייכענונגען, האָב איך אים באַלד געשיקט אַ טעלעגראַמע. ער האָט מיר נאָך אין דעם זעלבן טאָג געשיקט אַ לאַנגן טעלעגראַפישן ענטפער פון שטאָקהאָלם, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד. די זאַכן זענען געבליבן אונטער מיין השגחה, ביז איך האָב זיי אים שפּעטער פּערזענלעך געקאָנט איבערגעבן אין בערלין. אויף דעם סמך פון די דאָזיקע פאַרצייכענונגען האָט בערקמאַן שפּעטער גע־שריבן אין בערלין זיין דערשיטערנדיק ווערק The Bolshevik Myth, וואָס איז דערשינען אין 1925 אין ניו יאָרק. אָבער דער פאַרלעגער האָט נישט געוואָלט דעמאָלט צוגעבן צום בוך דאָס לעצטע קאַפּיטל, ווייל עס האָט, לויט זיין מיינונג, קאַליע געמאַכט די ליטעראַרישע אַרכיטעקטור פון ווערק. מחמת דעם האָט זיך בערקמאַן געזען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אונטער דעם טיטל The Anti-Climax נאָך אין דעם זעלבן יאָר אויף זיין אייגענער רעכענונג. ווען זיינע טאָגביכער זאָלן אים געווען פאַרלוירן ווערן, וואָלט ער קיינמאָל נישט געווען געקאָנט אַרויסגעבן זיין וויכטיק בוך.

די אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד

אונזער באַוועגונג האָט אין יענע יאָרן אָנגענומען אַ דערפרייענדיקע אַנטוויקלונג, ספּעציעל אין דעם גרויסן אינדוסטריע־געביט פון דער רור און אין נידער־ריין, אָבער אויך אין בערלין און אין דער סביבה, אין טירינגען, זאַקסען, שלעזיע, דרום־דייטשלאַנד, אין דעם סאַר־בעקן און אין די גרויסע פּאָרט־שטעט פון צפון און באַלטישן ים. מיר האָבן געהאַט לאָקאַלע גרופּעס און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע אינדוסטריע־פעדעראַציעס אין אַלע וויכטיקע שטעט פון לאַנד, אָבער אויך אין פאַרשידענע קלענערע ערטער. די Freie Vereinigung Deutscher Gewerkschaften האָט פאַר דער מלחמה געהאַט קרוב 7.500 מיטגלידער און איז באַלד נאָך דעם אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרבאָטן געוואָרן פון דער רעגירונג ווי אַ מלוכה־פיינט־לעכע באַוועגונג. דעם זעלבן גורל האָט אויך געהאַט די פעדעראַציע פון דייטשע אַנאַרכיסטן. די צוויי אָרגאַנען פון דער .F. V. D. G, די איניקייט און דער פּיאָנער זענען פאַרבאָטן געוואָרן; פּונקט אַזוי דער פרייער אַרבעטער, דער אָר־גאַן פון דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע. די אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע פון דער F. V. D. G. האָט געפּרוווט אָפּצוווענדן דעם קלאַפּ דורך אַרויסגעבן קליינע באַקאַנטמאַכונג־בלעטער און צירקולאַרן, כדי ווייטער אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די חברים אין לאַנד, אָבער אַפילו די דאָזיקע במקום־בלע־טער זענען גאַר שנעל געפאַלן קרבנות דורך דעם פאַרבאָט פון דער מיליטע־רישער מאַכט. דעריבער האָט די באַוועגונג געקאָנט פירן בעת דער מלחמה בלויז אַן אונטערערדישע עקזיסטענץ און אָנהאַלטן אַ טעטיקייט נאָר דורך פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע פלוגבלעטלעך קעגן דעם גרויסן פעלקער־מאָרד.

אַ סך אַקטיווע חברים אין אַלע טיילן פון דייטשלאַנד האָט מען גענומען אין שוץ־אַרעסט און דאָרט געהאַלטן יאָרן־לאַנג, נישט פאַרפירנדיק קעגן זיי קיין פּראָצעס. דאָך איז די באַוועגונג געבליבן טריי אירע פרייהייטלעכע פּרינ־ציפּן און האָט באַקעמפט די אַלגעמיינע רעאַקציע, ווו זי האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט. בעת די גרויסע צענטראַל־פאַרבאַנדן פון די דייטשע סינדיקאַטן

און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זענען אינגאַנצן באַהערשט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער מלחמה־שכרות און האָבן ביז צום ביטערן סוף פון דער קייזערלעכער רעגירונג דערפילט דעם חוב פון מיליטער־דינסט, זענען די אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן געבליבן די איינציקע טייל פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט פון אָנהייב אָן נישט געמאַכט קיין שום הנחות; ווארים די אָפּאָזיציע פון די אומאָפּהענגיקע און ספּאַרטאַקיסטן קעגן דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן ערשט שפּעטער און איז געוואָרן אָנזעעוודיק ערשט אין די לעצטע מלחמה־יאָרן.

באַלד נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד האָט זיך ווידער באַוויזן די .F. V. D. G. די צאָל פון אירע מיטגלידער איז אין משך פון עטלעכע חדשים כמעט צען־פאַך גרעסער געוואָרן און איז אין דער העלפט פון 1919 דערגאַנגען צו העכער 60.000, וואָס איז בעיקר געווען צו פאַרדאַנקען איר פעסטער האַלטונג בעת דער מלחמה. די געשעענישן פון יענער צעשטורעמטער צייט און טייל באַדינ־גונגען פון רייִן לאָקאַלן כאַראַקטער האָבן גורם געווען, אַז דער דאָזיקער שטאַרקער וווקס פון דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג האָט געקאָנט אָנהאַלטן כסדר דריי יאָר. דעם העכסטן פונקט פון איר נומערישער שטאַרקייט האָט די באַוועגונג דערגרייכט אַרום סוף פון 1921, בעת איר מיטגלידערשאַפט האָט באַטראָפן אָן ערך 150.000. אָבער איר אייגנטלעכע השפּעה האָט ווייט אַריבער־געשטיגן די צאָל פון אירע מיטגלידער, ספּעציעל אין די גרובנס און שווער־אינדוסטריע פון ריינלאַנד־וועסטפאַלן, ווו זי האָט אָפט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע אין די גרויסע גענעראַל־שטרייק באַוועגונגען פון יענע יאָרן.

אַוודאי האָט די דאָזיקע שנעלע אַנטוויקלונג געהאַט אויך אירע שאָטן־זייטן, מיט וועלכע יעדע גרעסערע באַוועגונג מוז שלום מאַכן. אַזוי האָט די דעמאָלטיקע סיטואַציע גורם געווען, אַז מיר האָבן אָפּטמאָל געמוזט אויפנעמען טויזנטער נייע מיטגלידער, וועלכע האָבן ערשט באַדאַרפט גייסטיק געשולט ווערן כדי זיי רייף צו מאַכן פאַר אונזערע אָנשויאונגען. אין דעם רוב פאַלן האָט זיך געהאַנדלט וועגן געוועזענע מיטגלידער פון די אַלטע צענטראַל־פאַר־באַנדן, וועלכע זענען דורך פאַרשידענע סיבות אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אונזערע רייען. די מלחמה־פּאָליטיק פון די אַלטע סינדיקאַטן איז דערווידער געוואָרן אַ סך זייערע אייגענע אָנהענגער און אַרויסגערופן אָן אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך ספּעציעל אין די לעצטע מלחמה־יאָרן אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן וואָס אַמאָל דייטלעכער. מחמת דעם האָבן זיך נאָך דער מלחמה אָפּגעשפּאָלטן אין די גרויסע מערבדיקע אינדוסטריע־ראַיאָנען קליינע מינדערהייטן פון די אַלטע פאַרבאַנדן און געשאַפן אייגענע אָרגאַניזאַציעס ווי די אַלגעמיינע אַרביי־טער־אוניאָן אין עסן און דיסעלדאָרף, דער פרייע בערגאַרבייטערפאַרבאַנד אין רור־ראַיאָן און נאָך עטלעכע קליינע קערפּערשאַפטן. אין גאַנצן זענען די דאָ־זיקע אָרגאַניזאַציעס געווען צו אונז זייער נאָענט, אָבער מיט אונזערע פּרינציפּן זענען זיי בלויז אויבערפלעכלעך געווען באַקאַנט. עס איז שוין דעריבער כדאי

געווען זיך מיט זיי צו פֿאַראייניקן. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין לייכטער ענין. מיט די אַרבעטער גופא וואָלט מען שוין גאָר לייכט געקאָנט קומען צו אַ פֿאַרשטענדניש, אָבער צווישן די אָנפֿירער האָבן זיך געפֿונען טייל, מיט וועלכע די אונטערהאַנדלונגען זענען צוגעגאַנגען שווער. די מייסטע פֿון זיי זענען ערשט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַריינגעטרעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן נישט פֿאַרמאָגט קיין צו גרויסן גייסטיקן באַגאַזש, דערפֿאַר אָבער אַ גאַנצן מבול פֿון פּוסטע לאָזונגען, וועלכע זיי האָבן בעיקר אויפֿגעכאַפּט ביי די קאָמוניסטן.

אויב עס איז פֿונדעסטוועגן דאָך מעגלעך געווען צו קומען לסוף צו אַ הסכם מיט יענע אָרגאַניזאַציעס ,איז דאָס בעיקר געווען אַ פֿאַרדינסט פֿון חבר קאַרל ווינדהאָף אין דיסעלדאָרף, וועמעס עקשנותדיקע און אומדערמידלעכע אַרבעט האָט ענדלעך דורכגעפֿירט אַן ענין, וועלכער וואָלט קוים געלונגען אַנ־דערע. ווינדהאָף האָט געהערט צו די עלטערע מיטגלידער פֿון דער F.V.D.G. און ער איז געוויס געווען איינער פֿון די ערלעכסטע און אויפֿריכטיקסטע מענטשן פֿון אונזער באַוועגונג. ער איז פֿון פֿאַך געווען אַ קאַכליעס־לייגער און הגם ער איז תמיד געווען אַ דאָרן אין אויג ביי די פֿירער פֿון די צענטראַל־פֿאַרבאַנדן אין דעם גרויסן אינדוסטריע־ראַיאָן, האָט ער געהאַט ביי די אַרבעטער אַ זייער גוטן שם. די אומבאַפֿלעקטע ערלעכקייט פֿון זיינע איבערצייגונגען און זיין שטענדיקע גרייטקייט זיך איינגאַנצן איינצושטעלן פֿאַר די רעכט פֿון אַנדערע האָבן אַרויסגערופֿן דרך ארץ אַפֿילו ביי זיינע ביטערסטע קעגנער. ער איז נישט געווען קיין גרויסער רעדנער, אָבער ער האָט געהאַט אַן השפּעה אויף זיינע צוהערער און זיי געקאָנט איבערצייגן מיט דער לאָגיק פֿון זיינע אויספֿירן. אויף צו זיין אַ גרויסער רעדנער האָט אים קודם כל געפֿעלט דער אָרגאַן, אָבער וואָס ער האָט געזאָגט, איז תמיד געווען קלאָר דורכגעטראַכט און זאַכלעך באַגרינ־דעט. חוץ דעם האָט ער פֿאַרמאָגט אַ ממש אומדערשעפּלעכע געדולד און האָט זיך קיינמאָל, אַפֿילו אין דער שווערסטער לאַגע, נישט געלאָזט אַרויסברענגען פֿון גלייכגעוויכט. דאָס אַלדינג האָט פֿון אים געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן אָרגאַ־ניזאַטאָר, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט פֿאַרלירן אין אומוויכטיקע פּרטים, נאָר תמיד געהאַט פֿאַר די אויגן דאָס גאַנצע.

ווינדהאָף האָט אויך דעמאָלט געטון דאָס איינציק ריכטיקע, כדי דורכצו־פֿירן די צוזאַמענשמעלצונג פֿון פֿאַסיקע לאָקאַלע פֿאַרבאַנדן מיט דער F.V.D.G. אנשטאט אומזיסט צו פֿטרן זיין צייט אין פּוסטע אונטערהאַנדלונגען מיט איינצלנע פֿירער, האָט ער אויפֿגעזוכט די אַרבעטער גופא און זיך באַמיט מיט גרויסער איבערצייגונג־קראַפֿט צו שילדערן פֿאַר זיי די פּראַקטישע נויט־ווענדיקייט פֿון אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע אויף פֿעדעראַטיווע יסודות. זיין עקשנות־דיקע געדולד האָט טאַקע דערגרייכט אַ פֿולשטענדיקן דערפֿאָלג. דעם 15טן און 16טן סעפּטעמבער 1919 איז פֿאָרגעקומען אין דיסעלדאָרף אַ בשותּפֿותדיקע קאָנפֿערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט 105 דעלעגאַטן און צו

וועלכער עס זענען אויך צוגעצויגן געוואָרן פריץ קאַטער און איך ווי באַפול־מעכטיקטער פון דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז דורכגעפירט געוואָרן די פאַראייניקונג און טאַקע אויף דעם סמך פון אָריענ־טאַציע־ליניעס, וואָס די F.V.D.G. האָט אָנגענומען אויף אירע קאָנגרעסן אין 1906 און 1910. די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען דעם באַשלוס פאַר־צולייגן די באַטייליקטע אָרגאַניזאַציעס צו ענדערן זייערע ביז איצטיקע נעמען און להבא פירן זייער טעטיקייט אַלס Freie Arbeiter Union Deutsch-lands (Sindikalisten). דער דאָזיקער באַשלוס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אויף דעם 12טן קאָנגרעס פון דער F.V.D.G. אין בערלין אין דעצעמ־בער פון דעם זעלבן יאָר מיט אַ גרויסער מערהייט. אַזוי אַרום האָט די דייטשע סינדיקאַליסטישע באַוועגונג מיט איין קלאַפּ זיך פאַרטאָפּלט און דערגרייכט צו אַ מיטגלידערשאַפט פון 120.000.

דאָס איז בלי ספק געווען אַ גלענצנדיקער דערפאָלג, וועלכער האָט אָבער אין דער זעלבער צייט אַרויפגעלייגט אויף אונז גרויסע התחייבות. איצט האָט מען דאָך אויך באַדאַרפט די נייע מיטגלידער באַאיינפלוסן מיט אונזער גייסט און זיי פעאיק מאַכן פאַר זייערע אויפגאַבן. דאָס וואָס דער רוב פון זיי האָט ביז איצט געהאַט געוווּסט, זענען בלויז געווען די אויסערלעכע קאָנטורן פון אַן אידעע, וועלכע האָט פון איצט אָן באַדאַרפט ווערן פאַר זיי אַן אינערלעכע איבערצייגונג. דאָס איז נישט געווען קיין פשוטע אויפגאַבע, אָבער זי איז געטון געוואָרן מיט אַזויפיל פאַרזיכטיקייט און אינערלעכע איבערגעגעבנקייט, אַז זי וועט תמיד בלייבן פאַר מיר אומפאַרגעסלעך. צום גליק האָט די באַ־וועגונג אין יענע יאָרן געהאַט אין כמעט אַלע טיילן פון דייטשלאַנד אַן אַנגע־זעענע צאָל פון יונגע כוחות מיט פעאיקייטן פון רעדנער און שרייבער, וואָס זענען צוזאַמען מיט די עלטערע חברים געווען בכוח דורכצופירן די דערציאונג־אַרבעט, וועלכע מען האָט פון זיי געפאָדערט. איך אַליין בין אין יענע אויפגעע־ברויזטע יאָרן אָפט געווען חדשים־לאַנג אין אַלע טיילן פון לאַנד, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט.

די דאָזיקע מינדלעכע אויפקלערונג־אַרבעט, וועלכע האָט פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט געפונען איר אויסדרוק אין אַ סך טויזנטער רעפעראַטן און גרויסע פאָלקספאַרזאַמלונגען אין אַלע טיילן פון דייטשלאַנד, איז דורך אונזער פרעסע פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט געוואָרן. דער הויפּט־אָרגאַן פון דער באַוועגונג איז געווען דער סינדיקאַליסט. דאָס בלאַט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1918 אין בערלין באַלד נאָך דעם אויסברוך פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע און איז דערשינען אַן איבעררייס ווי אַ וואָכנבלאַט פון אַכט זייטן, ביז דער נאַצי־טעראָר האָט אין 1933 אַ סוף געמאַכט צו יעדער עפנטלעכער טעטיקייט. אין די יאָרן, ווען די באַוועגונג האָט דערגרייכט צו איר העכסטן אויפשטייג, איז דער סינדיקאַליסט געדרוקט געוואָרן אין אַן אויפלאַגע פון העכער הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן. חוץ דעם הויפּט־בלאַט פון דער באַוועגונג האָבן די פעדע־

ראַציעס פון האָלץ־ מעטאַל־ און בוי־אינדוסטריע אַרויסגעגעבן נאָך באַזונדערע בלעטער. דערצו איז נאָך געווען אַ גאַנצע ריי פון קלענערע לאָקאַלע אויסגאַבעס, וועלכע זענען על פּי רוב אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די אַרבעטער־בערזעס פון די באַזונדערע ראַיאָנען, כדי צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון דער אָרטיקער פּראָפּאַגאַנדע. אין דיסעלדאָרף האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון דעם גרויסן מערבדיקן אינדוסטריע־ראַיאָן אַ לאַנגע צייט אַרויסגעגעבן די טעגלעכע צייטונג, די שטעפּונג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די חברים היינריך דרעוועס און פריץ קעסטער. אויך די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע יוגנט־באַוועגונג האָט זיך געשאַפן איר אייגענעם אָרגאַן, יונגע אַנאַרכיסטן. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער אילוסטרירטער זשורנאַל פון אונזער ביכער־צעך, Besinnung und Aufbruch און דער Syndikalistische Frauenbund וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע מיט דעם זעלבן נאָמען ווי אַ חודש־ביילאַגע צום סינדיקאַליסט. עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ פאַראיין פון שטוב־באַלעבאָסטעס, וועלכע זענען נישט געווען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע און האָבן יאָרנלאַנג געפירט אַן ענערגישע טעטיקייט. עס דאַרף דאָ אויך נישט בלייבן אומדערמאָנט די חודש־שריפט די שאַפנדיקע פרוי, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דרעזדען דורך דער חברטע אַימע קעסטער. שפּעטער זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די צווייוועכנטלעכע שריפט דער אַרבעטלאָזער און פּראָלעטאַרישע קינדערלאַנד, אַ פרייהייטלעכע יוגנט־שריפט פאַר די קינדער פון אונזערע חברים. דער אַרבעטלאָזער האָט דעמאָלט געהאַט נאָך אַ צוועק: יעדעס מאָל, ווען דער סינדיקאַליסט איז דורך דער רעגירונג פאַרבאָטן געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט, וואָס פלעגט בעת דער רעפּובליק אָפט טרעפן די אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען, איז דער אַרבעטלאָזער באַלד דערשינען אין אַ גרעסערן פאָרמאַט, כדי צו פאַרטרעטן דעם סינדיקאַליסט.

אין יאָר 1927 האָט די F.A.U.D. געשאַפן אַן אויסגעצייכנטן חודש־זשורנאַל, די אינטערנאַציאָנאַלע, וואָס האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט טעאָרעטישע פראַגן און מיט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג און ער האָט פאַרעפנטלעכט כמעט נאָר אָריגינעלע אַרטיקלען. דער זשורנאַל האָט אין יעדן נומער געגעבן אַ כראָניק פון די וויכטיקסטע צייט־פּאַסירונגען און ווערטפולע באַריכטן וועגן דעם מצב פון דער באַוועגונג אין די פאַרשידענע לענדער. צו זיינע שטענדיקע מיטאַרבעטער האָבן געהערט נישט בלויז אַלע טעאָרעטיש טאַלאַנטירטע חברים אין דייטשלאַנד און מאַקס נעטלאַו אין עסטרייך, נאָר אויך אַן אָנגעזעענע צאָל באַרימטע פאָרשטייער פון אונזערע אידעען אין אויסלאַנד, ווי ע. ס. קאַרבאָ און ו. אָראָבאָן־פערנאַנדעס אין שפּאַניע, כריסטיאַן קאָרנעליסען, פּיער בעסנאַרד און לוסיען הוארט אין פראַנקרייך, א. דזשיאָוואַנעטי און ס. אַלעבראַנדאָ אין איטאַליע, וויליאַם מענווערינג אין ענגלאַנד, אַלבערט יענסען, א. ו. יאָהאַנסאָן און זשאָן אַנדערסאָן אין שוועדן, איינאַר סקאַלבאָנע אין נאָרוועגן, י. י. איפּסען און גוסטאַוו סיעסטרעם אין דע־

נעמאַרק, ב. דע ליגט, מילער־לעגינג און א. דע יאָנג אין האָלאַנד, ד. א. סאַנ־
טיזשאַן אין אַרגענטינע און פאַרשידענע רוסישע חברים אין אויסלאַנד ווי א.
בערקמאַן, א. שאַפּיראָ און מאַרק מראַטשני. נאָך דעם אונטערדריקן אונזער באַ־
וועגונג אין דייטשלאַנד איז די אינטערנאַציאָנאַלע דערשינען פון 1934 אָן אין
אַמסטערדאַם. כדי צו פאַרלייכטערן דאָס אַריינשמוגלען און פאַרשפּרייטן אין
דייטשלאַנד, זענען די פּאָר דאָרט באַשטימטע נומערן דערשינען אונטער פאַלשע
טיטלען, ווי Deutschtum im Ausland אָדער Blätter zur Pflege Deut-
scher Art, herausgegeben von Verband deutscher Schulen im
Ausland. פון די דאָזיקע פאַרבאָטענע אויסגאַבן זענען דערשינען סך הכל זעקס
אָדער זיבן נומערן, אויב איך האָב נישט קיין טעות.

חוץ די בלעטער און זשורנאַלן פון דער אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישער באַוועגונג
גונג אין דייטשלאַנד זענען נאָך דערשינען Der Freie Arbeiter, דער אָר־
גאַן פון דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן שוין
לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער חודש־זשורנאַל פאנאל, וועלכער
איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך עריך מיזאַם פון 1926 ביז 1931.

אָבער דער גרעסטער אויפטו פון דער אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישער באַוועגונג
איז געווען דאָס אַרויסגעבן ווערק פון דער פרייהייטלעכער ליטעראַטור, וואָס
איז אין יענע יאָרן דערגאַנגען צו אַ פאַרנעם, ווי מען האָט עס קיינמאָל פריער
נישט געזען אין דייטשלאַנד. און די דאָזיקע פּראָכטבאַרע און געראָטענע אַרבעט
איז אויך שפּעטער אומדערמידלעך פאַרגעזעצט געוואָרן, בעת די באַוועגונג
האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן צו איר העכסטער מדרגה און געהאַלטן ביי
אַ ירידה מחמת דער כסדר וואַקסנדיקער רעאַקציע.

די באַוועגונג האָט פאַר זיך געשאַפן באַלד נאָך דער נאָוועמבער־רעוואָלו־
ציע אַן אייגענעם פאַרלאַג, וועלכער איז תחילת געווען אויסגערעכנט אויף
אַרויסצוגעבן אַ גרויסע צאָל וויכטיקע בראָשורן, כדי צו פאַרשפּרייטן אונזערע
אידעען צווישן די מאַסן און זיי זאָלן זיין אַ צוהילף פאַר אונזער מינדלעכער
פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. דער פאַרלאַג סינדיקאַליסט האָט ביז היטלערס איבער־
נעמען די מאַכט אַרויסגעגעבן אַ מאַסע קלענערע בראָשורן, וועלכע זענען
פאַרשפּרייט געוואָרן אין הונדערטער טויזנטער. חוץ די גוט באַקאַנטע קלענערע
שריפטן פון קראָפּאָטקין, רעקליס, פּוזשע, ניווענהויז, מאָסט, נעטלאַו, מאַלאַ־
טעסטאַ, גאַרי, אַראַבאַן־פּערנאַנדעז און אַ סך אַנדערע איז אויך דערשינען אַ
מאַסע קלענערע אַרבעטן פון באַקאַנטע דייטשע חברים, אין וועלכע עס איז
גענומען געוואָרן אַ שטעלונג צו די גרויסע צייט־פּראָבלעמען און צו די דירעק־
טע אויפגאַבן פון דער באַוועגונג.

די דאָזיקע גאַנצע ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין גרויסע אויפּ־
לאַגעס און צום ביליקסטן פּרייז, וואָרים עס איז אונז פאַרשטייט זיך נישט גע־
גאַנגען אין אַרויסבאַקומען גרויסע פאַרדינסטן. די מעסיקע רווחים, וואָס זענען
געבליבן, האָט מען פאַרניצט אויף אויסצוברייטערן דעם פאַרלאַג. קיין שום

בראשור איז נישט געדרוקט געוואָרן וויניקער פון צען טויזנט עקזעמפּלאַרן און אַ סך האָבן דערגרייכט צו עטלעכע אויפלאַגעס. אָבער דער פאַרלאַג איז באַלד איבערגעגאַנגען צו פאַרעפנטלעכן גרעסערע ווערק, וואָס האָבן באַדאַרפט מיטהעלפן צום פאַרטיפן אונזערע אַנשויאונגען.

אין 1919 איז דערשינען די ערשטע אויפלאַגע פון קראָפּאָטקינס Eroberung des Brotes אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן אין 1896 פון בערנאַרד קאַמפּמייער און נאָך אין דעם זעלבן יאָר געדרוקט געוואָרן אין ציריך אין דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן, וועלכע זענען שוין לאַנג נישט געווען בנמצא. אונזער ערשטע אויפלאַגע פון דעם ווערק איז אין עטלעכע חדשים אינגאַנצן אויספאַרקויפט געוואָרן. מיר האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע ווידער אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן און שפּעטער אַ דריטע אין פינף טויזנט. אין 1921 איז אין אונזער פאַרלאַג דערשינען קראָפּאָטקינס לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און מלאכה. די דייטשע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון טעאָדאָר פּליוויע לויט דער לעצטער פאַרגרעסערטער ענגלישער אויפלאַגע (Fields, Factories and Workshops), נאָכדעם ווי גוסטאַוו לאַנדאַואוער האָט שוין אין 1904 געהאַט איבערגעזעצט די ערשטע אויפלאַגע פון דעם בוך אויף דייטש. נאָך דעם אַרויסגעבן די דאָזיקע צווייטע ווערק איז אין 1923 געקומען קראָפּאָטקינס לעצטע אַרבעט, די עטיק, וואָס ער האָט צום באַדויערן שוין נישט געקאָנט פאַרענדיקן. דאָס דאָזיקע ווערק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דייטש, איבערגעזעצט דירעקט פון אַ קאָפּיע פון רוסישן אָריגינאַל, וועלכע איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן פון קראָפּאָטקינס טאָכטער נאָך איר אָנקומען פון מאָסקווע.

אין 1921־23 זענען ביי אונז דערשינען די געזאַמלטע ווערק פון מיכאַאיל באַקונין אין דריי גרויסע בענד פון כמעט ניינהונדערט זייטן, צו וועלכע עס זענען צוגעגעבן געוואָרן ווערטפולע הקדמות און אַ גרויסע צאָל געשיכטלעכע באַמערקונגען און דערקלערונגען. די דריי בענד אַנטהאַלטן באַקונינס וויכטיקסטע ווערק, דערצו ספּעציעל אויסגעוויילטע בריוו, אַרטיקלען און רעדעס, וועלכע גיבן אַ קלאָר בילד פון זיין טעטיקייט אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, פון זיין ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אייראָפּע און די חילוקי דעות צווישן אים און מאַרקס. פאַר דייטשלאַנד האָט אַזאַ ווערק געהאַט אַ גאָר ספּעציעלע באַדייטונג, וואָרים דאָרט איז חוץ דעם פראַגמענט גאָט און די מלוכה נישט געווען כמעט קיין שום זאַך פון באַקונינען. חוץ דעם האָבן אַלע שילדערונגען, וואָס זענען ביי אונז באַקאַנט געווען וועגן זיין טעטיקייט, זיך געשטיצט כמעט בלויז אויף די אינפאָרמאַציעס פון דער באַוווסטער שריפט, L'Alliance de la Democratie Socialiste et l'Association Internationale des Travailleurs וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך מאַרקס, ענגעלס און לאַפאַרג. און איז פול געווען מיט בולטע פאַרקריפּלונגען און דירעקטע פעלשונגען. בלויז עטלעכע שריפטן קענען באַטראַכט ווערן פאַר

אַ בכבודיקן אויסנאַם, ווי למשל די קורצע ביאָגראַפישע סקיצע פון מאַקס נעטלאַו „מיכאעל באַקונין‟, פריץ ברופּבאַכערס בוך „מאַרקס און באַקונין‟ און באַקונינס שפּעטער דערשינענע ביאָגראַפיע פון ריקאַרדאָ הוד, וואָס שטיצט זיך אין תוך אויף דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, וועלכער איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך מאַקס נעטלאַו.

אַ גרויס פאַרדינסט, נישט בלויז פאַר דער דייטשער באַוועגונג, נאָר פאַר דער פרייהייטלעכער באַוועגונג פון אַלע לענדער און פאַר דער געשיכטע-שרייבונג פון סאָציאַליזם בכלל, האָט זיך פאַרשאַפט אונזער פאַרלאַג דורך דעם אַרויסגעבן די פינף וויכטיקסטע היסטאָרישע ווערק פון מאַקס נעטלאַו. אין 1922 איז דערשינען דאָס בוך „עריקאָ מאַלאַטעסטאַ‟, „דאָס לעבן פון אַן אַנאַרכיסט‟, און אין 1928 „עליזעע רעקלוס, אַנאַרכיסט און געלערנטער‟. ביידע ווערק אַנטהאַלטן אַ שלל היסטאָרישן מאַטעריאַל פון דעם ערשטן קוואַל, וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן מיט דער גרעסטער געווויסנהאַפטיקייט.

נעטלאַו האָט נאָך אין 1890 פאַרעפנטלעכט אין יאָהאַן מאָסטס „פרייהייט‟ אין ניו יאָרק אַן אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון אַנאַרכיזם, נישט אָנגעבנדיק זיין נאָמען, וועגן וועלכער איך האָב שוין דערמאָנט אין צווייטן באַנד פון מיינע זכרונות. ווען איך בין נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה ענדלעך צוריקגעקומען פון גלות קיין דייטשלאַנד און האָב מיך לעבהאַפטיק באַטייליקט אין דעם גרינדן אונזער פאַרלאַג, איז מיר ווידער געקומען אויפן זכרון די דאָזיקע ערשטלינג-אַרבעט פון נעטלאַו, וואָס האָט בשעתה געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. ער האָט דעמאָלט געוווינט אין ווין און איך האָב אים אָנגעפרעגט שריפטלעך, צי ער וואָלט מסכים געווען צוזאַמענצושטעלן פון יענע אַרטיקלען אַ בוך און עס לאָזן אַרויסגעבן אין אונזער פאַרלאַג. ער האָט מיט פרייד אָנגענומען מיין פאָרשלאַג און זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. אַזוי אַרום איז אין 1925 דערשינען Der Vorfrühling der Anarchie אָבער ביי דער באַקאַנטער פאַרשונג-התמדה פון מיין פריינט און דעם רייכן מאַטעריאַל, וואָס נעטלאַו האָט מיט אַ בינען-פלייס געזאַמלט אין פאַרלויף פון זיין גאַנץ לעבן אין אַלע שפּראַכן, איז דאָס ווערק זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ גרויסער געשיכטע פון דעם אַנאַרכיזם. אַזוי איז אין 1927 דערשינען אַ צווייטער באַנד Der Anarchismus von Proudhon zu Kropotkin, נאָך וועלכן עס איז אין 1931 צוגעקומען אַ דריטער באַנד, Anarchisten und Sozialrevoluzionäre. די דריי בענד האַלטן צוזאַמען כמעט טויזנט גרויסע זייטן. צום באַדויערן זענען מיר נישט געווען בכוח אַרויסצוגעבן ווייטערע בענד פון דעם ברייט געפּלאַנטן ווערק, ווייל די אַזויגערופענע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פון די נאַציס האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע ווייטערע פּלענער.

נעטלאַו אָבער האָט רואיק פאָרגעזעצט זיין אַרבעט און זי פאַרענדיקט אין פינף ווייטערדיקע בענד, וואָס זענען צום באַדויערן ביז היינט געבליבן בלויז אין מאַנוסקריפּט. דער אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע

געשיכטע אין אַמסטערדאַם, וועלכן נעטלאַאו האָט איבערגעגעבן זיין גאַנצע רייכע זאַמלונג פון זשורנאַלן, בראָשורן, ביכער און מאַנוסקריפּטן אין אַ סך שפּראַכן, האָט געהאַט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אויף זיין רעכענונג די נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע בענד, אָבער די דייטשע אינוואַזיע אין האָלאַנד האָט צו נישט געמאַכט די דאָזיקע גוטע כוונה. אַזוי אַרום בלייבט נאָר איבערצולאָזן פאַר דער צוקונפט אָפּצודרוקן דאָס דאָזיקע ריזנווערק און מיר קענען בלויז האָפן, אַז דאָס זאָל נישט דויערן צו לאַנג. נאָר אַ מענטש מיט אַזויפיל בקיאות און מיט די אויסערגעוויינלעכע שפּראַכקענטענישן ווי מאַקס נעטלאַאו, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם געשיכטלעכן שטודיום פון די סאָציאַלע און קודם כל פרייהייטלעכע באַוועגונגען, איז בכוח געווען אַרויסצוברענגען אַזאַ ריזן־אַרבעט און איבערלאָזן דער וועלט אַזאַ ווערטפולע צוואה.*)

נעטלאַאוס ווערק זענען, פאַרשטייט זיך, נישט קיין לייענשטאָף פאַר דורכ־שניטלעכע לייענער. דאָס זענען ביכער מיט אַ ממש אומדערשעפּלעכן מאַטער־יאַל; אָבער פאַר מענטשן, וואָס ווילן האָבן אַ גרינטלעכן שטודיום וועגן דער פרייהייטלעכער באַוועגונג, זענען זיי ממש פון אַן אומאָפּשאַצבאַרן ווערט. דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, פאַרוואָס אונזער פאַרלאַג האָט צו נעטלאַאוס אַלע ביכער צוגעלייגט געלט, וואָס מען האָט געמוזט צוריקבאַקומען דורך דעם אַרויסגעבן אַנדערע שריפטן. דאָס וואָס דער ענגער קרייז פון די דייטשע חברים האָט, נישט געקוקט דערויף, זיך אונטערגענומען די דאָזיקע אויפגאַבע מיט פרייד, ווייל ער האָט איינגעזען די גרויסע וויכטיקייט פון אָט דער אַרבעט, איז געווען אַ גרויס פאַרדינסט און איך פיל נאָך ביז היינט די גרעסטע סאַטיס־פאַקציע, וואָס אויך איך האָב געקאָנט מיטשטייערן דאָס בעסטע צו דער דאָזי־קער אַרבעט.

אונטער דעם אַלגעמיינעם טיטל „דיכטער און רעבעלן" האָט אונזער פאַר־לאַג אַרויסגעגעבן אַכט בענד, וואָס האָבן אַנטהאַלטן די ליטעראַרישע אַרבעטן פון עריך מיזאַם, קורט קלעבער, סאַמועל לעווין, וויקטאָר באַוואַק און אַ נייע אויפלאַגע פון י. ה. מאַקאַיס באַקאַנטער לידער־זאַמלונג „שטורעם" און צו וועלכע איך האָב אויך בייגעשטייערט צוויי ביכלעך. חוץ דעם זענען דערשינען אַ סך פון די בעסטע אַרטיקלען פון ראָבערט רייטצעל אין פופצן העפטן, וועלכע זענען גענומען געוואָרן פון זיין באַרימטן זשורנאַל „דער אָרימער טייוול" אין דעטראָיט.

עס פאַרדינט נאָך ספּעציעל דערמאָנט צו ווערן די פּרעכטיקע אַרויסגעגע־בענע שריפט „אונזער באַקונין", וואָס איז דערשינען צום פופציקסטן יאָרצייט

---

*) גענויערע ידיעות וועגן נעטלאַאוס לעבנסווערק וועט דער לייענער געפינען אין מיין בוך, Max Nettlau, el hombre y su obra וואָס איז ביז איצט פאַרהאַן נאָר אין שפּאַניש. אַ שוועדישע אויסגאַבע וועט דערשיינען אין 1950 און איך האָף, אַז דאָס ווערק וועט אויך בקרוב אַרויסגעגעבן ווערן אין דייטש.

פון באַקונינען, און וועלכע איז אויסגעצייכנט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך מאַקס נעטלאַו. עס דאַרפן אויך נישט בלייבן אומדערמאָנט די צוויי קליינע שריפטן „יוגנט!", „פּאַראַדיס!", אַ קליינער זאַמל־באַנד פון פּאָעזיע און פּראָזע, וואָס מיין אַלטער פריינט פריץ ערטער האָט צוזאַמענגעשטעלט פאַר דער יוגנט און די פאַרדינסטפולע אַרבעט פון אויגוסטין זוכי „ווי אַזוי לעבט דער אַרבע־טער און פויער אין רוסלאַנד?" זוכיס אַרבעט איז געווען איינע פון די ערשטע באַשרייבונגען וועגן די ווירקלעכע באַדינגונגען אין רוסלאַנד, וואָס זענען גע־שטיצט אויף פערזענלעכע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען. דאָס בוך איז דערשינען אַקוראַט אין דער צייט, ווען די באָלשעוויסטישע מלוכה איז אין אַלע שפּראַכן אויסגעלויבט געוואָרן ווי אַ גן עדן פאַר די אַרבעטער.

איך גופא האָב חוץ די צוויי ביכלעך פון דער זאַמלונג „דיכטער און רע־בעלן" און אַ גאַנצער ריי פון קלענערע שריפטן פאַרעפנטלעכט אין אונזער פאַרלאַג צוויי גרעסערע ווערק. דאָס ערשטע בוך „יאָהאַן מאָסט; דאָס לעבן פון אַ רעבעל" האָט צו פאַרדאַנקען זיין אַנטשטייאונג אַ ריינעם צופאַל. די רוסישע חברים פון דער גרופּע „גאָלאָס טרודאַ" אין מאָסקווע, וועלכע האָבן נאָך דעם איבערנעמען די מאַכט דורך די באָלשעוויקעס נאָך געקאָנט פירן אַ גאַנץ פרייע טעטיקייט, האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין זייער פאַרלאַג אַ סעריע קורצע ביאָגראַפיעס פון באַקאַנטע אַנאַרכיסטן און האָבן דעמאָלט אויך מיך געבעטן אָנצושרייבן אַ ביאָגראַפיע פון יאָהאַן מאָסט פון אומגעפער הונדערט זייטן. אָבער ווען איך האָב מיך גענומען צו דער אַרבעט, בין איך צו איר אַזוי צוגעזאָפּן געוואָרן, אַז זי איז צוזאַמען מיט די צוגאָבן פון מיין ווערק אויסגע־וואַקסן אויף כמעט פינף הונדערט זייטן. דאָס גאַנצע ווערק איז איבערגעזעצט געוואָרן פון פּראָפעסאָר בוראָווי אין מאָסקווע אויף רוסיש, אָבער דערווייל זענען די רדיפות קעגן די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז עס האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן פאַרעפנטלעכן דאָס ווערק בעת דער הערשאַפט פון דער באַרימטער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס בוך איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן פון ד. א. סאַנטיזשאַן אין שפּאַניש.

דאָס צווייטע בוך, הינטער שטעכיקער דראָט און קראַטעס, איז געווען אַ שילדערונג פון מיינע איבערלעבונגען אין פאַרשידענע ענגלישע קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערס בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דאָזיקע אַרבעט איז מיר געווען גאָר לייכט, ווייל איך האָב מיך דערביי געקאָנט שטיצן אויף מיינע געננוי געפירטע טאָגביכער, וואָס איך האָב באַוויזן אַרויסצושמוגלען פון דעם לאַגער דורך גוטע פריינט.

דער פאַרלאַג סינדיקאַליסט האָט פאַרשפּרייט נישט בלויז אונזערע אייגענע אויסגאַבן, נאָר ער פלעגט אויך אָפּט אויפקויפן גרויסע רעשטן גוטע ביכער פון אַנדערע פאַרלעגערס. אַזוי למשל האָבן מיר פון דעם פאַרלאַג טאָמאַס אין לייפּציג, אין וועלכן עס זענען פאַר דער מלחמה דערשינען קראָפּאָטקינס דריי ווערק, געגנזייטיקע הילף אין דער וועלט פון חיות און מענטשן, די פראַנצויזישע

רעוואָלוציע און אידעאַלן אוןווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור, אָפּגעקויפט אַלע נאָך פאַרבליבענע ביכער און זיי פאַרקויפט אין משך פון עטלעכע חדשים.

דערצו נאָך פלעגט דער פאַרלאַג צאָלן אַלע זיינע מחברים אַ קליינעם האָנאָראַר פאַר די צוגעשטעלטע אַרבעטן. די געוויסנהאַפטיקייט פון די דייטשע חברים אין דעם פרט איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט, אַפילו פאַר קראָפּאָטקינס קליינע שריפטן, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן, צו באַצאָלן זיין אַלמנה אַ געהעריקע סומע, הגם קראָפּאָטקין האָט פאַר זיינע פילצאָליקע בראָשורן, וועלכע זענען אין משך פון יאָרצענדליגער געווען דער וויכטיקסטער טייל פון אונזער אינטערנאַציאָנאַלער פראָפּאַגאַנדע, קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט אַפילו אַ פּרוטה. דאָס אַלדינג איז מעגלעך געווען בלויז דערפאַר, ווייל די געשעפט־ענינים פון אונזער פאַרלאַג זענען געפירט געוואָרן מיט אַ גרויסער זאַכקענטעניש און אויסגעצייכנטער פּינקטלעכקייט און אויף יעדן פון אונזערע קאָנגרעסן איז צוגעשטעלט געוואָרן פ״ר די חברים אַ גענויער באַריכט פון אַלע אַריינגעקומענע און אויסגעגעבענע געלטער ביז צום לעצטן פעניג.

אין יאָר 1929 האָט זיך אין אונזער באַוועגונג געשאַפן דער צעך פון פריי־הייטלעכע ביכער־פריינט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע, נישט בלויז אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן גוטע ביכער, נאָר האָט זיך אויך באַמיט אַרויסצורופן צווישן די אָנהענגער פון אונזער באַוועגונג די פאַרשטענדעניש פאַר העכערע גייסטיקע און קולטורעלע פראַגן פון דעם לעבן. דער צעך האָט באַלד געהאַט עטלעכע טויזנט מיטגלידער אין אַלע טיילן פון לאַנד, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט ווי לאָקאַלע גרופּעס און דערליידיקט די לאָקאַלע ענינים פון דער צעך־אָנפירערשאַפט אין בערלין. יעדן מיטגליד איז דורך זיין לאָקאַלער גרופּע צוגעשטעלט געוואָרן אַלע צוויי חדשים דער זשורנאַל Besinnung und Aufbruch וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט פאַר די מיטגלידער די פּלענער פון דעם צעך, געבראַכט אַרטיקלען פון פרייהייטלעך־דענקענדיקע שרייבער און גענומען אַ שטעלונג צו אַלע קולטור־פראַגן פון מאָמענט. דער צעך האָט יעדעס יאָר פאַרעפנטלעכט פיר גרויסע בענד פון שיינער אָדער וויסנשאַפטלעכער לי־טעראַטור, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן זיינע מיטגלידער אָן שום פאַרדינסט מצד דעם פ״רלאַג. ביים אויסוויילן דעם מאַטעריאַל און די פאָרעם פון די ביכער האָט די צעך־אָנפירערשאַפט זיך באַראַטן מיט באַקאַנטע שריפטשטעלער און גראַפיקער. דער צעך האָט פאַרמיטלט און פאַרלייכטערט פאַר זיינע מיטגלידער אויך דאָס איינשאַפן ווערק, וועלכע זענען נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אונזער פאַרלאַג. די לאָקאַלע גרופּעס פלעגן אויך אָפט אָרגאַניזירן רעפעראַטן וועגן ליטעראַטור און קונסט און דעם איינטריט צו קאָנצערטן און טעאַטער־און־פילם־פאָרשטעלונגען, כדי אויך אַזוי אַרום צו וועקן און וואַך צו האַלטן דעם אינטערעס ביי זייערע מיטגלידער פאַר גייסטיקער קולטור.

דער צעך פון פרייהייטלעכע ביכער־פריינט האָט עקזיסטירט, ביז אונזער באַוועגונג איז אונטערדריקט געוואָרן מיט כוח דורך די מערדער און אונטער־צינדער פון דעם דריטן רייך און ער האָט אין משך פון זיין פּראָכטבאַרער טעטיקייט אַרויסגעגעבן אומגעפער אַ טוץ פיין אויסזעענדיקע בענד, צווישן זיי די תפיסה־זכרונות פון אַן אַנאַרכיסט פון אַלעקסאַנדער בערקמאַן, וויליאַם גאָד־ווינס ראַמאַן קאַלעב וויליאַמס, וועלכן איך אַליין האָב איבערגעזעצט פון ענגליש און אַ גרויסן באַנד פון עריך מיזאַמס בעסטע דיכטונגען און אַרטיקלען. דאָס לעצטע בוך, וואָס דער צעך האָט געקאָנט צושטעלן זיינע לייענער, איז געווען אַ באַנד פון דזשאָן הענרי מאַקאַי׳ס ווערק, געדרוקט אויף דין פּאַפּיר, פון קרוב צוועלף הונדערט זייטן. אַן אמת מייסטערווערק פון טיפּאָגראַפישער עס־טעטיק, אויסגעקליבן פון מאַקאַי אַליין, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַלע דיכטונגען, נאָוועלן און די צוויי גרויסע ראָמאַנען פון דעם פּאָעט, די אַנאַרכיסטן און דער פרייהייט־זוכער.

אַ גענויע שילדערונג פון אונזער פאַרלאַג־טעטיקייט איז צום באַדויערן אוממעגלעך, ווייל עס פעלן מיר דאָ אַלע באַשטעטיקונגען און איך מוז מיך בלויז פאַרלאָזן אויף מיין זכרון. בקיצור, דער פאַרלאַג סינדיקאַליסט האָט אין משך פון זיין עקזיסטענץ פאַרעפנטלעכט פּרעציק גרעסערע ווערק און אַ שלל קלע־נערע שריפטן. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ סך גרעסערע פּלענער און איך האָב שוין געהאַט געררעדט מיט מאַקס נעטלאַו וועגן אַרויסגעבן זיין גרויסע באַקונין־ביאָגראַפיע אין דריי בענד. מיר האָבן זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט דעם גע־דאַנק אַרויסצולאָזן אַ דייטשע אויסגאַבע פון גאָדווינס Political Justice און עטלעכע פון פּרודאָנס פונדאַמענטאַלע ווערק; אָבער די דאָזיקע אַלע צו־קונפט־פּלענער זענען צעשטערט געוואָרן, ווען דייטשלאַנד איז באַדעקט געוואָרן מיט דער חרפה פון דער ברוינער באַרבאַרישקייט, וואָס האָט מיט איר פאַר־סמטן אָטעם דערשטיקט אַלע פרייהייטלעכע שטרעבונגען.

ביי דעם גרינדן און אינערלעכן אויסבויען אונזער פאַרלאַג האָט זיך ספּע־ציעל אויסגעצייכנט דער חבר מאַקס ווינקלער. ער האָט באַלד פון אָנהייב אָן אַוועקגעשטעלט די אונטערנעמונג אויף אַ זיכערער געשעפטלעכער באַזע און געזאָרגט דערפאַר, אַז דער פאַרלאַג זאָל זיך אָנשליסן צום פאַרבאַנד פון דייטשע פאַרלעגער, וואָס דאָס האָט געבראַכט די גרויסע ניצלעכקייט, אַז אַלע אונזערע אויסגאַבעס זענען אַנאָנסירט געוואָרן אין דעם אָרגאַן פון פאַרבאַנד און אַזוי אַרום געפונען אַ מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דעם אַלגעמיינעם דייטשן בוכהאַנדל. ווינקלער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אויסערגעוועגלעך שטאַרקן ווילן און ווען אַפילו זיין צו גרויסער אונטערנעמונג־גייסט האָט אים טיילמאָל דערפירט צו אומאיינשטימיקייט מיט אַנדערע חברים, וועט קיינער נישט אָפּליי־קענען, אַז ער האָט אַוועקגעגעבן דעם פאַרלאַג זיין גאַנץ לייב און לעבן און מיט דעם גאַנצן האַרץ געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן הצלחה. ווינקלער איז אויך געווען איינער פון די וויניקע, וועלכע האָבן באַלד איינגעזען, אַז אַ געזעל־

שאַפטלעכע באַוועגונג קאָן זיך אַנטוויקלען נאָר דעמאָלט, ווען זי פּרוּווט כסדר אַרויסצוגיין פון אירע אייגענע גרענעצן און זיך פאַרבינדן מיט אַנדערע אין די אויפגעברויזטע ציַיטן, כדי זיך קעגנצושטעלן די אָפענע אָנגריפן פון דער רעאַקציע.

אַזוי אַרום איז ער געווען דער אייגנטלעכער איניציאַטאָר פון דער מעכטיקער פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע דעם 10טן סעפּטעמבער 1926, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון דעם פאַרבאַנד פון לינקגעשטימטע פאַרלעגער. אין דעם פאַרזאַמלונג־זאַל פון דעם אַמאָליקן פּרייסישן הערנהויז כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דעם פּראָיעקט פון אַ געזעץ צו פאַרהיטן די יוגנט פאַר שמוץ־ און שונדשריפטן, וואָס עס האָט אַריינגעטראָגן דער פּרייסישער אינערן־מיניסטער ד״ר קילץ. יענער געזעץ־פּראָיעקט איז געווען אַן אָפענער אַטענטאַט קעגן פרייען אויסדרוק פון מיינונגען און דאָס כלומרשטע באַשיצן די יוגנט איז בלויז געווען אַ פייגנבלאַט, כדי בדוחק צו פאַרדעקן זיין רעאַקציאָנערע כוונה. אויף יענער פאַרזאַמלונג האָבן גערעדט אַ גאַנצע רייע באַקאַנטע שריפטשטעלער, דערציִער, פּאַרלאַמענטאַריער, ווי האַנס פּרויס, מאַריא קרישע, ע. ה. בעטגע, פּראָפעסאָר קאַרל פּריס, ווילאַנד הערצפעלדע, ראַלף גערטנער, היינריך וואַנדט, אַרטור האָליטשער, יוליוס באַב, ד״ר קורט לעווענפעלד און קורט ראָזענבאַום. אויך איך בין געווען באַשטימט אַלס רעדנער אויף דער דאָזיקער מעכטיקער מאַניפעסטאַציע, פון וועלכער ווינקלער איז געווען פאָרזיצער. אַ גרויסע צאָל באַרימטע פאָרשטייער פון דער דייטשער ליטעראַטור און וויסנשאַפט ווי גערהאַרדט האַאופּטמאַן, טאָמאַס מאַן, פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, האַנס באַלושעק, ד״ר ס. פרידלענדער, האַנס לאַנד, ד״ר מאַנפרעד געאָרג, זיגפריד יאַקאָבסאָן, וואַלטער פאָן מאַלאָ, ד״ר מאַגנוס הירשפעלד, פּראָפעסאָר פּאַאול עסטרייך, העלענע שטעקער, אַלפאָנס פּאַקעט און אַנדערע האָבן אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע דער פאַרזאַמלונג דורך געהעריקע בריוו. די אויספירן פון די רעדנער און די שריפטלעכע הסכמה־דערקלערונגען זענען באַלד דערנאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער בראָשור, פאַר וועלכער ווינקלער האָט צוגעטראַכט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען אַוועק מיט דעם שמוץ־ און שונדגעזעץ! און וועלכע איז דעמאָלט ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן. דער אָרימער ווינקלער! ער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די ערשטע קרבנות פון נאַצי־טעראָר. נאָכדעם ווי מען האָט אים באַלד צום אָנהייב אינטערנירט און שרעקלעך געפּייניקט, האָט מען אים שפּעטער אַרויסגעלאָזט; אָבער ער איז אַראָפּ פון זינען און באַלד דערנאָך געשטאָרבן.

דאָס, וואָס ווינקלער האָט מיט אַזויפיל שכל און שטאַרקן ווילן אָנגעהויבן צו טון פאַר אונזער פאַרלאַג, איז שפּעטער פאָרגעזעצט געוואָרן ענערגיש דורך יינגערע חברים. דאָ דאַרף ספּעציעל דערמאָנט ווערן העלמוט רידיגער, וועלכער האָט אַ סך אויפגעטון פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם ביכער־צעך און פאַר אונזער פאַרלאַג. רידיגער איז צו אונדז געקומען פון דעם אינטעלעקטואַלן־לאַ־

גער. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1903 אין פראַנקענבערג נעבן כעמניץ. זיין פאָטער איז געווען אַ ליבעראַלער טעאָלאָג און שפּעטער אַ גימנאַזיע־דירעקטאָר. דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער באַוועגונג פון די וואַנדערפייגל איז דער יונגער רידיגער גאָר פרי געקומען אין קאָנפליקט מיט דעם געדאַנקענגאַנג און מנהגים פון זיין בירגערלעכער סביבה. דער דעוויז פון דעם מייסנער יוגנט־קאָנגרעס פון 1913: „מיר ווילן אונזער לעבן פאָרמירן לויט אונזער אייגענער באַשטימונג, אויף אייגענער אַחריות אין אינערלעכער וואָרהאַפטיקייט“, האָט אים אויך אַריינגעצויגן אין זיין כישוף. ווען עס איז דערנאָך אין 1919 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז רידיגער צום ערשטן מאָל געקומען אין אַ נענטערן קאָנטאַקט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. פונקט אין דער צייט, ווען גוסטאַוו לאַנדאַאוער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין מינכען, זענען רידיגערן אַריינגעפאַלן אין די הענט עטלעכע פון זיינע שריפטן, וועלכע ער האָט שוין קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. דאָס לייענען לאַנדאַאוערן האָט ער אויך צו פאַרדאַנקען, וואָס עס איז אים ביי זיין סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג איינגעשפּאָרט געוואָרן דער אומוועג איבער דעם מאַרקסיזם, וועלכן כמעט אַלע עלטערע חברים אין דייטשלאַנד זענען געצוווּנגען געווען דורכצוגיין.

אין 1922־23 האָט זיך רידיגער ענערגיש באַטייליקט אין דער באַוועגונג פון די אַרבעטלאָזע אין כעמניץ. דאָרט האָט ער זיך אויך באַקאַנט מיט די סינדיקאַליסטן און געזען צום ערשטן מאָל פריץ קאַטער, וועלכער איז דעמאָלט געווען אויף אַ רעפעראַטן־רייזע און האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף זיין נאָענטער צוקונפט. אין יענער צייט האָט ער אויך איבערגעריסן זיין שטודיום, ווען זיין פאָטער האָט פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך נעמען צו אַ בירגערלעכער קאַריערע און אים פאַרגעשלאָגן זיך צוצוגרייטן פאַר דער דיפּלאָמאַטישער קאַריערע אָדער פאַר אַ מלוכה־באַאַמטן. רידיגער איז דערנאָך געקומען קיין לייפּציג, ווו ער האָט אין דעם פּרעכטיקן יוגנט־קרייז F.A.U.D. זיך באַקאַנט מיט זיין שפּעטערדיקער לעבנסבאַגלייטערין. אין לייפּציג איז ער אויך נאָענט באַפריינדט געוואָרן מיט אַרטור האַלקע, לאַנדאַאוערס אַן אַלטער פריינט און איינער פון אונזערע בעסטע מענטשן אין דייטשלאַנד, וועלכער איז אין משך פון צענדליקער יאָרן כסדר טעטיק געווען אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג און שפּעטער האָט ער אין דריטן רייך געמוזט פאַרענדיקן זיין פּרוכטבאַר לעבן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ביי טראַגישע אומשטענדן.

איך אַליין האָב מיך באַקאַנט מיט רידיגערן צוערשט אין מינכען, ווו ער האָט געמוזט אַלס געהילף־אַרבעטער פאַרדינען אויף זיין חיונה און ער איז שוין געווען טעטיק אין אונזער באַוועגונג. אַ געוויסע צייט שפּעטער איז ער געקומען קיין בערלין, ווו ער האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון דעם סינדיקאַליסט און מיט ספּעציעלער ליבשאַפט זיך פאַרנומען מיט אונזער ביכער־צעך, וואָס זיין קליינער זשורנאַל איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין געני־

טער הצנט. אין 1931 איז ער געווען איינער פון די דייטשע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס פון I.A.A. אין מאַדריד און איז דורך דעם אָנגערעגט געוואָרן צו פאָרן אויף אַ צייט קיין אויסלאַנד, כדי דאָרט צו זאַמלען דערפאַרונגען פאַר זיין ווייטערדיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג. ער איז צוערשט אַוועק קיין שפּאַניע, ווו ער איז באַלד טעטיק געוואָרן אין אונזער באַוועגונג און בעת דעם בירגער־קריג האָט ער ענערגיש מיטגעאַרבעט אין דער אויפבוי־אַרבעט פון דער C.N.T. נאָך דער מפּלה פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע האָט ער צוערשט געזוכט אַ שוצאָרט אין פּאַריז און איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן פון דאָרט קיין שוועדן, ווו ער איז כסדר טעטיק פאַר אונזער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג און שטיצט אויך ענערגיש די נייע דייטשע באַוועגונג.

העלמוט רידיגער איז נישט בלויז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון שפּאַנישע, שוועדישע און דייטשע זשורנאַלן און צייטונגען פון אונזער באַוועגונג, נאָר ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע רייע ווערטפולע קלענערע שריפטן און איז דער מחבר פון אַן אויסגעצייכנט און וויכטיק בוך וועגן פעדעראַליזם, וואָס איז דערשינען אין 1947 אין שטאָקהאָלם אין דער שוועדישער שפּראַך. ער איז זיכער איינער פון די קלאָרסטע און פעאיקסטע קעפּ אין דער היינטיקער פרייהייטלעכער באַוועגונג. אַ מענטש מיט אַ לויטערן געדאַנקענגאַנג און טיפער מענטשלעכער פאַרשטענדעניש, אַ שונא פון יעדער דאָגמאַטיק און שטענדיקער זוכער פון נייע פּערספּעקטיוון, האָט ער אַ סך געלערנט און וועט אויך אין דער צוקונפט נאָך האָבן אַ סך ווערטפולע זאַכן צו געבן.

צווישן די יונגע חברים זענען דעמאָלט געווען אין בערלין און אויך אין לאַנד אַ גאַנצע רייע פּראַקטיקע מענטשן מיט גוטע פעאיקייטן פאַר רעדנער און מיטאַרבעטער פון אונזער פּרעסע. אַזוי אַרום זענען מיר געווען אימשטאַנד אָפּט דורכצופירן ענדערונגען אין דער פאַרוואַלטונג און אויך אין דער רעדאַקציע פון סינדיקאַליסט, כדי אויסצופּרוּוון און צו אַנטוויקלען יונגע כוחות, וואָס עס איז תמיד ניצלעך פאַר אַ באַוועגונג, ספּעציעל, ווען די עלטערע קאַמעראַדן קענען אַרויסהעלפן די ייִנגערע חברים מיט זייערע דערפאַרונגען.

ווען פריץ קאַטער, דער לאַנגיעריקער פּאָרזיצער פון אונזער באַוועגונג, איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר און ער איז שוין נישט געווען בכוח צו מאַכן די פּילצאָליקע רייזעס איבער דעם לאַנד, האָט ער פאַרלאָזט זיין פּאָסטן און אויף זיין אָרט איז געקומען דער יונגער חבר ריינהאָלד בוש. קאַטער איז דעמאָלט באַשעפטיקט געוואָרן אין דעם אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג און אין פאַרלאַג. ער האָט איינגעפּאַקט פּעקלעך און זיי אַוועקגעפירט אויף אַ האַנט־וועגעלע צו דער פּאָסט און אין דער זעלבער צייט פלעגט ער אָרנטלעך אַרויסהעלפן בושן מיט אַן עצה, כדי אים איינצואַרבעטן אין דער נייער שטעלע. די יונגע חברים איז טיילמאָל געווען אומאָנגענעם צו זען דעם אַלטן מאַן ביי דער דאָזיקער אַרבעט, אָבער דער ווילער אַלטער האָט זיי באַרואיקט און געזאָגט: „אָבער קינדער, דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך און אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו אונ־

זערע פּרינציפּן. איך קאָן אין מיין עלטער שוין נישט טון דאָס, וואָס איך פלעג פריִער טון, אָבער איך פיל מיך נאָך צו יונג אויף אָוועקצוגיין צום שמעלץ. דעריבער טו איך, וואָס איך קאָן נאָך און באַטראַכט מיין איצטיקע אַרבעט פּאַר פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די פריִערדיקע".

אויך אין דער רעדאַקציע פון דעם סינדיקאַליסט פלעגט אָפּט פּאַרקומען אַן ענדערונג. בעת די פופצן יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די צייטונג געהאַט פינף רעדאַקטאָרן: מאַקס ווינקלער, פריץ קעסטער, אויגוסטין זוכי, העלמוט רידיגער און גערהאַרד וואַרטענבערג. אויך מיר האָט מען עטלעכע מאָל פאַר־געלייגט איבערצונעמען די רעדאַקציע־אָנפירונג, אָבער איך בין אַלס רעדנער צו אָפּט געווען אויף רייזעס און חוץ דעם האָב איך מיך אויך געפילט מער אומאָפּהענגיק, נישט דאַרפנדיק אָנצונעמען קיין באַצאָלטע שטעלע אין דער באַוועגונג. דאָס מיינט בשום אופן נישט, אַז איך בין קעגן דעם באַצאָלן מענטשן, וועלכע גיבן אַוועק זייער גאַנצע צייט פאַר אַ נויטיקער אַרבעט אין דער באַ־וועגונג. יעדע אַרבעט פאַרדינט באַלוינט צו ווערן, און די לוינען, וואָס זענען ביי אונז געצאָלט געוואָרן, זענען געווען זייער באַשיידן. אָבער איך האָב מיך געפילט פרייער, נישט צו זיין אָפּהענגיק פון קיינעם.

וואַרטענבערג איז געווען דער לעצטער רעדאַקטאָר פון סינדיקאַליסט, וואָס האָט איבערגענומען רידיגערס פּלאַץ נאָך זיין אַוועקפאָרן. אויך ער איז, פּונקט ווי רידיגער, געקומען פון דעם אינטעלעקטועלן־לאַגער. ער איז פון פאַך געווען אַ כעמיקער און אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און פרעכטיקע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. בעת דער נאַצי־הערשאַפט האָט ער פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, ביז ער איז לסוף אַרעסטירט געוואָרן און געמוזט פאַרענדיקן זיין לעבן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. זאָלן דאָ אויך דערמאָנט ווערן די חברים פריץ לינאָוו און פריץ דעטמער, וועלכע זענען אין יענע יאָרן ווי יונגעלייט טעטיק געווען אומדערמידלעך אין דער בערלינער באַוועגונג אַלס רעדנער און מיטאַרבעטער אין אונזערע צייטונגען און זשורנאַלן.

ווען מען נעמט די באַוועגונג פון יענער תקופה אַלס גאַנצע, וועט קיינער נישט קענען אָפּלייקענען, אַז פון דעם אַלעם, וואָס דער פרייהייטלעכער סאָציאַ־ליזם האָט ביז דעמאָלט אויפגעטון אין דייטשלאַנד, איז אויף איר אויסגעפאַלן דער גרעסטער חלק. געוויס איז זי באַגינסטיקט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָ־נערע געשעענישן פון יענער צייט; אָבער דאָס, וואָס זי האָט פאַרשטאַנען אויס־צוניצן אויף דעם בעסטן אופן די דעמאָלטיקע לאַגע, וועט תמיד בלייבן איר גרויס פאַרדינסט.

כמעט אַלע חברים, וועלכע האָבן דעמאָלט געהערט צו די אינערלעכע קרייזן פון דער באַוועגונג, זענען, חוץ קליינע אויסנאַמען, טריי געבליבן זייערע אָנשויאונגען. אַ סך פון זיי האָבן אין די שרעקלעכע יאָרן פון דעם נאַצי־טעראָר פאַרלוירן זייער לעבן אָדער זענען איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה

אויף לאַנגע יאָרן און איבערגעגעבן געוואָרן צום גיהנם פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער די מיינסטע פון זיי, וואָס האָבן איבערגעלעבט יענע שוידערלעכע צייט, זענען היינט ווידער אויף זייער פּאָסטן און פּרווון צו טון דאָס בעסטע, וואָס זיי קענען, כדי ביי די שווערע באַדינגונגען אויפצובויען אַ נייע באַוועגונג אין דייטשלאַנד.

די פאַרגעשיכטע פון דעם סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל

הגם עס זענען ערשט פאַרביי נישט מער ווי דרייסיק יאָר, זינט עס איז אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין בערלין ערנסט באַטראַכט געוואָרן די פאַראייניקונג פון דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג פון אַלע לענדער, זענען די גענויע באַדינגונגען, ביי וועלכע די קאָנפערענץ איז דורכגעפירט געוואָרן, היינט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן און פאַר דעם יונגערן דור, וועלכער איז רייף געוואָרן אין דער תקופה פון פאַשיזם און פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען זיי אינגאַנצן אומבאַקאַנט. בלויז אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע מיט אַזעלכע כמעט אומאיבערבליקבאַרע ווייטע ווירקונגען, וואָס האָט ווי אַ לאַווינע זיך דורכגעטראָגן איבער לענדער און פעלקער, איז בכוח געווען דורכצופירן אַזאַ פלוצלינגן ריס אין אַלע אינערלעכע פאַרבינדונגען מיט אַ צייט, וואָס געהערט ערשט קוים צו דער פאַרגאַנגענהייט. און דאָך איז נויטיק צו קענען יענע צוזאַמענהאַנגען, אויב מען וויל באַקומען אַ קלאָר בילד פון די דעמאָלטיקע פאַסירונגען און דורך די באַקומענע דערפאַרונגען געווינען נייע פערספעקטיוון פאַר דער צוקונפט.

צום בעסטן קאָן דאָס דערגרייכט ווערן, אויב מען וועט פאַרגלייכן די סאָציאַלע און פאָליטישע רעזולטאַטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אירע גייסטיקע באַגלייט־דערשיינונגען מיט די אַלגעמיינע באַדינגונגען און אידעאָלאָגישע השפעות, וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אונז איבערגעלאָזט. די מלחמה איז שטענדיק אַ בייז אָנשיקעניש, אַפילו ווען זי ווערט אַרויפגעצוואונגען אויף שוואַכערע פעלקער, אָפטמאָל קעגן זייער ווילן, מצד רויבגיריקע שכנים. איר דירעקטער רעזולטאַט לאָזט זיך פילן סיי פאַר די באַזיגטע, סיי פאַר די זיגער אַלץ שווערער, וואָס לענגער זי דויערט און וואָס גרעסער עס ווערט איר פאַרנעם. דערצו קומט נאָך, וואָס קיין שום מלחמה איז נישט אימשטאַנד אַנטגילטיק צו לייזן געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וועלכע עס איז מעגלעך אויסצוגלייכן בלויז דורך אַ קאָנגזייטיקער פאַרשטענדעניש און פרייוויליק געשלאָסענע אָפּמאַכן. די מלחמה, וואָס האָט נישט אין איר רשות קיין שום אַנדער מיטל, אויסער ברוטאַלן כוח, קאָן אַרויפצווינגען אויף

די באַזיגטע דעם ווילן פון די זיגער דורך דער האַרטער לאָגיק פון די וואָפן, אָבער דערמיט ווערן נישט געלייזט די פּראָבלעמען, נאָר בלויז אָפּגעלייגט, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט נאָך מער זיך צו פאַרשאַרפן. דורכדעם אָבער ווערט באַזייטיקט דער קעגנזייטיקער צוטרוי, אָן וועלכן עס איז נישט מעגלעך קיין אמתער הסכם, ביז עס דערגייט צו נייע קאַטאַסטראָפעס און עס הייבט זיך אָן די אַלטע שפּיל, הגם אָפּטמאָל מיט פאַרביטענע ראָלן.

און דאָך זענען די פּערספּעקטיוון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געװען אין תוך אַנדערש, ווי נאָך די רעזולטאַטן, וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אונז געבראַכט. נישט בלויז ווייל די דערשיטערנדיקע פּאַרוויסטונג און די שרעקלעכע נויט, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער צווייטער קאַטאַסטראָפע האָט איבערגעשטיגן אַלדינג, וואָס די פּחדים פון מלחמה האָבן ביז אַהער געהאַט געבראַכט איבער פעלקער, נאָר בעיקר אויך דערפאַר, ווייל דער גייסטיקער אָפּזאָץ, וואָס איז געבליבן פון יענעם מאָנסטערהאַפטן כאָאָס פון בלוט און זינלאָזן חורבן, האָט זיך געלאָזט באַמערקן אויף אַ גאָר אַנדערן אופן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ביי די אַרבעטער פון אַלע לענדער אַנטשטאַנען אַ מעכטיקע האָפענונג, וואָס די ערגסטע נויט אַפילו איז נישט בכוח געווען אָפּצושוואַכן. מען האָט אומעטום אין אייראָפּע געפילט ,אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע תקופה און מען האָט געגלויבט, אַז עס איז געקומען די צייט, ווען די פעלקער וועלן ענדלעך נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט און עס וועט זיך אָנהייבן אָן איבעראַנדערשונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם. די רוסישע רע־וואָלוציע האָט זיך פאַר די מלחמה־מידע פעלקער אויסגעוויזן ווי דער ערש־טער פייער־סיגנאַל פאַר אַ בעסערער צוקונפט און צוריק געגעבן זייער לעבן אַ זין, וועלכן זיי האָבן געהאַט פאַרלוירן דורך די פּחדים פון דער לאַנגער מלחמה.

עס איז אמת, ווי עס האָבן אונז באַוויזן די שפּעטערדיקע דערפאַרונגען, אַז אַ סך פון די דאָזיקע האָפענונגען זענען געווען צופיל איבערגעטריבן, אָבער זיי זענען בכל אופן נישט געווען אומבאַגרינדעט, וואָרים די מפּלה פון צאַריזם אין רוסלאַנד און דאָס פאַלן פון דער מאָנאַרכיע אין עסטרייך און אין דייטש־לאַנד זענען געווען געשעענישן פון אַ געוואַלטיקן פאַרנעם, וואָס האָבן געמוזט אָנרעגן צו די גרעסטע דערוואַרטונגען. זענען דאָך די דאָזיקע דריי מעכטיקע מלוכה־פאָרמען געווען די שטאַרקסטע פעסטונגען פון דער סאָציאַלער רע־אַקציע אין אייראָפּע, וואָס זענען צום ווינציקסטן באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דעם געדאַנקענגאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און ביי וועלכע די רעוואָלוציאָנערע אומשטענדן פון 1848־49 האָבן געמוזט צעשמעטערט ווערן איינער נאָכן אַנדערן, ווייל עס האָט זיי געפעלט די אינערלעכע איינהייט,

וואָס נאָר זי אַליין וואָלט בכוח געווען צו פאַרוואַנדלען אין חורבות די לעצטע פעסטונגען פון דעם אַבסאָלוטיזם אויף דעם קאָנטינענט.

געוויס זענען די אויסזיכטן אויף אַ סאָציאַלן איבערבוי פון אייראָפּע באַלד פון אַנהייב אָן געשטערט געוואָרן דורך געשעעענישן, וואָס זייער סכנה פאַר דער צוקונפט האָט נישט געטאָרט אונטערגעשאַצט ווערן. הגם טייל פון אונז האָבן שוין דעמאָלט ריכטיק איינגעזען, אַז מיט דער מלוכה־איבערקערעניש פון די באָל־שעוויקעס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנטררעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז אָבער אויך געווען קלאָר, אַז דער גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פון דער דיקטאַטור צווישן דער אַרבעטערשאַפט האָט אַרומגענומען וואָס אַמאָל ברייטערע קרייזן און איז ביי אַ סך שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דאָגמע, וואָס האָט געמוזט ליימען אַלע פּרוון פון אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן אויפבוי. אויך די אָנגריפן פון דער קאָנטררעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן כמעט באַלד נאָך דער מיליטערישער מפּלה און זענען געשטיצט געוואָרן דורך דער אומהיילבאַרער צעשפּליטערונג פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, זענען אויך נישט געווען געאייגנט צו קענען קוקן אָן זאָרג אַנטקעגן דער צוקונפט.

אָבער די דאָזיקע שווערע דערשיינונגען זענען אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן נאָך געווען אין אָנפאַנג־עטאַפּ פון זייער אַנטוויקלונג און קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן מיט זיכערקייט, ביז צו וואָס פאַר אַ מדרגה זיי וועלן דערגרייכן. אמת, עס איז לעגינען און זיינע אַנהענגער געלונגען צו באַ־קומען די פּאָליטישע און מיליטערישע מאַכט, אָבער די דאָזיקע מאַכט איז אין אַנהייב נאָך געשטאַנען אויף זייער שוואַכע פיס. נישט בלויז, ווייל זי איז אין אינערן פון דעם ריזיקן לאַנד געשטעלט געוואָרן פאַר אַ גאַנצער רייע פון די שווערסטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן גע־מוזט געלייזט ווערן, נאָר אויך ווייל מען האָט דעמאָלט זיך נאָך געמוזט ריכטן אויף אַ פיינטלעכער אינוואַזיע פון אויסלאַנד, וועלכע האָט בשום אופן נישט געקאָנט אָוועקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט. די ערשטע פּרוון דערצו זענען שוין גלייך נאָך דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געמאַכט געוואָרן דורך דער אינטערווענץ פון די אַליאירטע אין סיביר, און אויב די דאָזיקע פּרוון זענען שפּעטער נישט פאָרגעזעצט געוואָרן, איז דאָס בעיקר געווען צו פאַרדאַנקען דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג מצד דער אַרבעטערשאַפט פון אַלע לענדער, וואָס די אונטערשטיצער פון אַזעלכע אַוואַנטוריסטישע פּלענער דייטלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זייער געפערלעכע שפּיל קאָן ביי די פאַרהאַנדענע באַדינגונגען האָבן זייער שווערע קאָנסעקווענצן, וועלכע קע־נען נישט דורך קיין שום לאָגיק באַרעכנט ווערן אין פאָראויס.

די דאָזיקע געפאַר האָט עס געגעבן די באָלשעוויקעס די מעגלעכקייט צו ליקווידירן אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען איינע נאָך דער אַנדע־רער, מיט דעם אויסרייד, אַז די פאַרטיידיקונג פון דער רעוואָלוציע דערלאָזט נישט קיין אַנדער מיטל. דורך דער דאָזיקער דערקלערונג האָט מען אויך

פאַרבלענדט די אויגן אַ סך רעוואָלוציאָנערן אין אויסלאַנד, וואָס זענען גע־וועזן באַהערשט פון דעם ערלעכן גלויבן, אַז די דיקטאַטור איז בלויז אַ מיטל, וואָס איז באַדינגט פון דער נויטווענדיקייט, כדי צו פאַרזיכערן די רעזולטאַטן פון דער רעוואָלוציע און אַז דאָס וועט פון זיך אַליין פאַרשווינדן, ווי נאָר דער דאָזיקער ציל וועט דערגרייכט ווערן. דער פאַקט, אַז אין די ערשטע יאָרן פון דער דיקטאַטור האָבן נאָך אַ סך סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, מענשעוויקעס, סינ־דיקאַליסטן און אַנאַרכיסטן צוזאַמענגעאַרבעט אין פאַרשידענע פאַרוואַלטונגס־צווייגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט די באָלשעוויקעס, האָט אַפילו ביי אַ סך אַרויסגערופן דעם איינדרוק, אַז לענין האָט גאָרנישט בדעה צו באַזייטיקן אַלע אַנדערע ריכטונגען. ווען מען וואָלט דעמאָלט געוווּסט דאָס, וואָס מען ווייסט היינט, וואָלטן אַ סך זיכער נישט געווען געלאָזט זיך אַריינגנאַרן אין דער דאָזיקער פאַסטקע. אָבער ביים רוב מענטשן עפענען זיך די אויגן ערשט דעמאָלט, ווען עס איז שוין צו שפּעט.

כל זמן די הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס איז נאָך נישט געווען באַפעס־טיקט אינעווייניק און אויסנווייניק האָבן די נייע מענטשן אין קרעמל זיך געמוזט אַ ביסל צוריקהאַלטן, ווייל יעדע איבערגעאײַלטקייט האָט זיי געקאָנט קאָליע מאַכן די שפּיל. אָבער זיי האָבן געמוזט פאַרזיכטיק זיין נאָך צוליב אַנ־דערע טעמים, וועגן וועלכע עס וועט דאָ באַלד זיין די רייד.

אָבער ווי מען זאָל באַטראַכטן די לאַגע אין אייראָפּע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מוז מען מודה זיין, אַז די מלחמה האָט געשאַפן אַ רעוואָלוציאָ־נערע סיטואַציע, וואָס האָט אָנגערעגט צו גרויסע דערוואַרטונגען און זי איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַן אַ שיעור האָפענונגען. די אינערלעכע באַציאונ־גען מיט דער פאַרמלחמה־צייט זענען נאָך נישט געווען צעשטערט. עס איז נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וועלכע האָט געשעפּט באַגייסטערונג פון אַ טיפן בטחון און געגלויבט אין דעם באַלדיקן אָנקום פון אַ בעסערער צוקונפט. אַפילו די ביטערסטע אַנטוישונגען, וואָס האָבן נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן, זענען נישט בכוח געווען אויפצומאַל צו דערשטיקן די גרויסע בענקשאַפט נאָך אַן ענדערונג פון די באַדינגונגען, און ערשט נאָך דעם זיג פון פאַשיזם אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן איר לאַנגזאַמע גסיסה. די בלוט־יקע מפּלה פון שפּאַנישן פאָלק, וואָס האָט מיט העראָאישער אַנטשלאָסנקייט כמעט דריי יאָר לאַנג געקעמפט פאַר זיין פרייהייט, אָקעגנשטעלנדיק זיך דער רעאַקציע פון דער גאַנצער וועלט, איז אין תוך געווען נישט בלויז דער איי־גנטלעכער אַריינפיר צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָר האָט אויך צע־שטערט אויף אַ לאַנגער צייט אַרויס די לעצטע האָפענונג אויף אַ פרייהייט־לעכער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע און זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויסגאַנג־פונקט פאַר יענער מעכטיקער רעאַקציע פון אַ נייעם אַבסאָלוטיזם, וואָס באַדראָט היינט די גאַנצע וועלט און פון וועלכן קיינער קאָן נישט זאָגן, ווען עס וועט צו אים אַ סוף נעמען.

אָט דאָ שטעקט דער גרויסער אונטערשיד צווישן די גייסטיקע השפּעות פון דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מלחמה. די פּאָליטישע און סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס זענען געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אַרויסגערופן האָפענונגען, וועלכע האָבן מיט זייער כּשוף אַנגערעגט מיליאָנען מענטשן צו האַנדלונגען. ווען אפילו עס איז די דאָזיקע האָפענונגען נישט באַשערט געווען קיין הצלחה און זיי זענען אָפּטמאָל איינע נאָך דער אַנדערער פאַרלאָשן געוואָרן דורך דער שולד פון דער אַרבעטערשאַפט גופא, דורך דעם גייסטיקן כאַאָס און אומגליקלעכן אַליין צעפּרעסן זיך, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אינערלעך צייטיק צו ווערן, זענען אָבער אַזעלכע האָפענונגען געווען און זיי האָבן אָנגעבאָטן די מעגלעכקייט צו נייע פּרוּוון אויף בייצוקומען דעם כאַאָס, אין וועלכן די מענטשהייט איז אַריינגעפאַלן.

די רעזולטאַטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און איר גייסטיקער שוים זענען געווען פון אַ גאַנץ אַנדערן מין. נישט בלויז איז דער חורבן, וואָס זי האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט, געווען אַ סך שרעקלעכער און פון אַ גרעסערן פאַרנעם ווי קיין שום קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער די מענטשהייט האָט ביז אַהער געהאַט געליטן, נאָר אויך די גייסטיקע ירושה, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט דער וועלט, איז געווען די ערגסטע צוואה, וואָס איז איר ווען עס איז באַשערט געווען. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז נישט געווען קיין פריערדיקע תקופה פון פאַשיזם, פון אַ דריטן רייך, פון אַ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אונטער סטאַלינס הערשאַפט און נאָך דעם תקיפותדיקן באַזייטיקן די אַלטע גוואַרדיע, וועלכע האָט זיך אַמאָל געהאַט גרופּירט אַרום לענינען, האָט דער באָלשעוויזם אָנגענומען וואָס אַמאָל מער און מער דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָליטישער טעאָקראַטיע, וואָס האָט די גייסטיקע און סאָציאַלע פאַרשקלאַפונג דערפירט צו באַשטימטע ראַמען און אַנטוויקלט דאָס סיסטעם פון דער טאָטאַליטאַרער מלוכה און אַ נייעם אימפּעריאַליזם ביז צו אַזאַ מדרגה, פון וועלכער אפילו היטלער און מוסאָליני האָבן נישט געקאָנט חלומען.

דער יונגער דור, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין די לענדער, ווו דער טאָטאַליטאַרער רעזשים האָט זיך באַפעסטיקט, האָט פאַרלוירן אַלע גייסטיקע באַציאונגען מיט דער פאַרגאַנגענהייט און אין זיין אָפּגעשלאָסנקייט האָט ער נישט געוווּסט פון קיין אַנדערער זאַך, ווי דאָס פּוסטע שלאָגווערטער־לשון פון אַ ריזיקער פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט אין פאָלק, כדי סיסטעמאַטיש צו פאַרסמען די עפנטלעכע מיינונג און באַלד אין שורש צו דערשטיקן יעדעס זעלבסטשטענדיקע דענקען. אַ גאַנצע יוגנט איז אויף דעם דאָזיקן אופן פאַרוויסט געוואָרן גייסטיק און איז נישט מער פעאיק געווען צו קיין שום אינערלעכן אויפבלי. מיר קענען דאָס היינט צום בעסטן זען אין דייטשלאַנד, ווו אַלע פּרוּוון צו שאַפן אַ נייע פרייהייטלעכע באַוועגונג זענען ביז איצט געקומען כמעט בלויז מצד דעם עלטערן דור און האָט קוים געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי אַ גייסטיק אינגאַנצן פאַרוואָרלאָזטער יוגנט. דער

דאָזיקער גרינטלעכער חורבן פון יוגנטלעכן גייסט איז היינט אפשר אַ גרע־סער אומגליק ווי דער ווירטשאַפטלעכער חורבן, וואָס איז געקומען ווי אַ קאָנסעקווענץ פון דער מלחמה.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אין די לענדער, וועלכע האָבן אַזוי פיל יאָרן געשמאַכט אונטער דער טעראָר־הערשאַפט פון אַ פּאָליטיש גענגס־טערטום, נישט געווען קיין שום פריילעכע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט און קיין רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וועלכע זאָל קענען ווערן די לעבעדיקע פאַר־קערפּערונג פון אַזעלכע שטרעבונגען. נאָך דער מלחמה זענען געבליבן בלויז פסיכיש און אינטעלעקטועל פאַרמאַטערטע פעלקער, וועלכע זענען געהאַט דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום און שוין נישט פעאיק געווען צו קיין שום ווידערשטאַנד. פון דעם טויזנטיעריקן רייך, וואָס היטלער האָט צוגעזאָגט די דייטשן, איז בלויז געבליבן אַ ווייסטער באַרג פון חורבות און אויך אין איטאַליע האָט מוסאָליניס גדולה איינגענומען אַ פּלוצלינגן סוף. דערפאַר אָבער האָט אין רוסלאַנד דער נייער אַבסאָלוטיזם באַוויזן אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט אַזוי שטאַרק זיך צו באַפעסטיקן, אַז עס איז אים געלונגען אינ־גאַנצן אונטערצוואַרפן אונטער זיין הערשאַפט אַלע געביטן פון גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי עס וואָלט דאָס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געקאָנט פאַראויסזען די סאַמע דרייסטע פאַנטאַזיע.

נאָך דעם נצחון פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער זע־נען גאַנצע מחנות פון קאָמוניסטישע פליטים אַוועק קיין רוסלאַנד, ווו זיי זענען אויף אַ געהעריקן אופן איינגעלערנט געוואָרן, אַז זיי זאָלן שפּעטער אין זייערע היימלענדער קענען אויספירן די טעטיקייט ווי אַ וועקצייג פון דער רוסישער אויסערן־פּאָליטיק. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך אַ גאַס געטאָן איבער אַלע לענדער אַ גאַנצער מבול פון אַזעלכע אַגענטן, וועל־כע זענען גוט אויסמושטירט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן צוועק, כדי צו פאַר־שטאַרקן אומעטום דאָס ווערק פון דער טאָטאַליטאַרער רעאַקציע, וואָס דריקט היינט ווי אַ קאָשמאַר און פּאַראַליזירט דאָס מענטשלעכע דענקען און פילן.

אויך די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געלאָזט אַזוי שטאַרק פילן. אין דעם רוב לענדער זענען נאָך נישט געווען קיין קאָמוניסטישע פּאַרטייען און דאָרט, ווו אַזעלכע זענען פּאַמעלעך אויפגעקומען, האָבן זיי זיך געפונען אין דעם ערשטן עטאַפּ פון זייער אַנט־וויקלונג און נאָך נישט געהאַט קיין אָנזעעוודיקע השפעה. חוץ דעם האָבן די בייע מ̇כטהאָבער אין מאָסקווע נאָך נישט געקאָנט אַזוי אינגאַנצן אונטער־וואַרפן די יונגע פּאַרטייען אין אויסלאַנד דעם פינסטערן איינפלוס פון אַן אכזריותדיקער דיסציפּלין, ווי דאָס איז שפּעטער סטאַלינען אינגאַנצן געלונ־גען. עס איז נאָך נישט געהאַט געקומען די צייט, ווען מאָסקווע האָט געהאַט צו דיספּאָזיציע אין יעדן לאַנד אַן אָנהענגערשאַפט, וואָס האָט זיך בלינד אונטערגעוואָרפן יעדן באַפעל, וועלכער איז איר פון דאָרט געגעבן געוואָרן.

דער באָלשעוויזם איז נאָך אַלץ געווען גאָר שטאַרק אָנגעוויזן אויף דער הילף פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט, דעריבער איז פאַר די באָלשע־וויקעס קודם כל געווען וויכטיק צו געווינען פאַר זיך די רעוואָלוציאָנערע טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט אין אויסלאַנד.

די וועלט־מלחמה האָט געהאַט צעשטערט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַ־ציאונגען פון דער פּאָליטישער און סינדיקאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט שוין ניט עקזיסטירט און אויך דער אינ־טערנאַציאָנאַלער געווערקשאַפט־בונד איז אונטערגעגאַנגען. נאָכדעם ווי די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען און די סינדיקאַטן זענען בעת דער מלחמה געשטאַנען אין דעם רוב לענדער אויף דער זייט פון זייערע רעגירונגען, האָט נישט גע־קאָנט זיין קיין רייד וועגן אַן אינערלעכער איינִיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט. דאָס אַלטע שלאָגוואָרט: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!“ האָט פאַרלוירן זיין זין, נאָכדעם ווי די אַרבעטער זענען, ביז צו די ציין באַ־וואָפנט געשטאַנען איינע קעגן די אַנדערע אויף די שלאַכטפעלדער און גע־קעמפט פאַר דעם זיג פון זייערע רעגירונגען.

לענין און זיינע אָנהענגער האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די דאָזיקע לאַגע און געפּרוּווט אויף דעם שנעלסטן אופן צו שאַפן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל האָבן זיין צענטער אין מאָסקווע. לענין האָט שוין בעת דער מלחמה זיך געהאַט באַמיט אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן אין קינטאַל און צימערוואַלד דורכצופירן אַ פאַראייניקונג פון אַלע ריכטונגען אין דער אַרבע־טער־באַוועגונג און פון די אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע אין די אַלטע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, וואָס זענען נישט איינשטימיק געווען מיט זייער שטעלונג צו דער מלחמה. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן די באָלשעוויקעס באַלד אונטערגענומען די איניציאַטיוו און פאַררופן פון 2טן ביז צום 6טן מערץ אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענקום אין מאָסקווע, וואָס האָט באַדאַרפט אויסאַרבעטן די צוגרייטונגען פאַר אַ קאָמוניסטישן וועלט־קאָנגרעס אויפן קו־מענדיקן יאָר. אויף יענער קאָנפערענץ זענען געווען פאַרטרעטן לינק־אָריענ־טירטע אָרגאַניזאַציעס פון ניין פאַרשידענע לענדער דורך 32 דעלעגאַטן, וועל־כע האָבן אָבער רעפּרעזענטירט אויסער רוסלאַנד און דייטשלאַנד בלויז קלע־נערע פעלקער ווי בולגאַריע, אַרמעניע, נאָרוועגן, רומעניע אאַ״וו. היות אָבער, ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, אין יענער צייט זענען אין דעם רוב לענ־דער ערשט געווען די התחלות פון די קאָמוניסטישע גרופּירונגען, האָבן די אָרגאַניזירער פון דער קאָנפערענץ קודם כל געוואָלט איינשליסן די סינדיקאַ־ליסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אין שפּאַניע, פראַנקרייך, פּאָרטוגאַל און אי־טאַליע געהאַט לאַנד־אָרגאַניזאַציעס פון גרויס איינפלוס און אויך אַ מאַסע אָרגאַניזירטע אָנהענגער אין אַלע איבעריקע לענדער פון איראָפּע און צפון־און דרום־אַמעריקע. די מאָסקווער קאָנפערענץ האָט דעריבער באַשלאָסן איינ־

צולאַדן אויך די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס צום קומענדיקן וועלט־קאָנגרעס, כדי צו קומען מיט זיי צו אַ פאַרשטענדיקונג.

די איינלאַדונג איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן מאַניפעסט צום רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון לענין, טראָצקי, זינאָוויעוו, טשיטשערין און דעם שווייצער סאָציאַליסט פריץ פּלאַטען און צווישן אַנדערע זאַכן האָט זיך דאָרט געזאָגט: „עס איז אונזער חוב צו זאַמלען די רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונגען פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און צו באַפרייען די באַוועגונג פון דעם שעדלעכן איינפלוס מצד די אָפּאָרטוניסטישע און סאָציאַל־פּאַטריאָטישע עלעמענטן און אַלע באמת רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט צוזאַמענשליסן, כדי צו פאַרלייכטערן און צואיילן דעם זיג פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע".

אַ גאַנצע ריי סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך צוגעהערט צום דאָזיקן אויפרוף, וואָרים די איינדריקן פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן דעמאָלט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אומעטום צווישן דער אַרבעטערשאַפט. אָבער די האָפענונגען פון די סינדיקאַליסטישע דעלעגאַטן זענען באַלד באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די באַדינגונגען, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אין רוסלאַנד און קודם כל דורך דעם פאַקט, וואָס אַ סך רוסישע אַנאַרכאָסינדיקאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן שוין דעמאָלט געשמאַכט אין די תפיסות פון דער טשעקאַ און זייערע אָרגאַניזאַציעס, אויף וויפל זיי האָבן נאָך דעמאָלט עקזיסטירט, זענען געוועזן אינגאַנצן אויסגעשטעלט צו דער בייזוויליקייט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי.

אויב די דאָזיקע ערשטע איינדריקן זענען באַלד נישט מסוגל געווען אַרויסצורופן קיין גרויסע באַגייסטערונג, האָט דער פאַרלויף פון קאָנגרעס, אויף וועלכן עס איז געשאַפן געוואָרן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, באַוויזן, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנגרעס זענען קודם כל אויסן געווען צו שאַפן אַ גיגאַנטישן מאַכט־אַפּאַראַט אונטער דער דיקטאַטור פון אַ באַשטימטער פּאַרטיי, וועלכער זאָל פון מאָסקווע באַשטימען און אָנפירן די טעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט אין יעדן לאַנד. די סינדיקאַליסטן האָבן אויף אַזאַ פּלאַן נישט געקאָנט איינגיין. זיי האָבן תמיד פאַרטרעטן די שיטה, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעפאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט קאָן נישט זיין דאָס ווערק פון קיין פּאָליטישער פּאַרטיי און נישט פון קיין וועלכער עס איז מלוכהשער אָרגאַניזאַציע, נאָר מוז אַרויסקומען פון דער נאַטירלעכערווירטשאַפט־אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט און דעריבער טאָר זי נישט אָנפאַרטרויט ווערן קיין שום ספּעציעלן אויבערקלאַס. זיי זענען געווען אין דער מיינונג, אַז אויב די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס מוז זיין דאָס ווערק פון די אַרבעטער גופא, קאָן דער אויפבוי פון אַ נייער געזעלשאַפט אויך נאָר זיין דאָס ווערק פון די אַרבעטער. אָט טאַקע די דאָזיקע מיינונג וועגן מהות פון דער סאָציאַ־

לער באַפרייאונג האָט געגעבן דעם סינדיקאַליזם זיין אייגנטלעכע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. כדי זיך אָנצושליסן צום נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָלטן די סינדיקאַליסטן געמוזט נישט בלויז מוותר זיין אויף די פעדעראַליסטישע פּרינציפּן פון זייער אָרגאַניזאַציע און איינגיין אָן שום תנאי אויף אַן עקסטרעמען צענטראַליזם, נאָר זיי וואָלטן אויך געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון יעדן זעלבסטבאַשטימונג־רעכט און אין אַלע זייערע החלטות זיך אונטערצוּוואַרפן דעם באַפעל פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. אַזאַ באַשלוס וואָלט געווען גלייך צו זעלבסטמאָרד. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון אַ פאַרשטענדיקונג.

היות אָבער עס איז לעניגען און זיינע אָנהענגער זייער געגאַנגען אין דעם, אַז עס זאָל אויסגעמיטן ווערן אַ פריצייטיקע שפּאַלטונג מיט די סינדיקאַליסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן צו פאַררופן אין קומענדיקן יאָר (1921) אין מאָסקווע אַ קאָנפערענץ פון אַלע סינדיקאַליסטישע און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פאַרבאַנדן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער גרינדונג פון אַ רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אויף יענער קאָנפערענץ זאָלן די דעלעגאַטן אַליין קומען צווישן זיך צו אַ הסכם, ווי אַזוי עס זאָל ביי די פאַרהאַנדענע באַדינגונגען מעגלעך ווערן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דעם נייגעגרינדעטן קאָמינטערן.

פאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט לאָזאָווסקי, ווי אַ פאַרשטייער פון קאָמינטערן, פאַרהאַנדלט מיט די סינדיקאַליסטישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם גרינדונגס־קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, כדי זיך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן וועגן די אָריענטאַציע־ליניעס פון דעם צוקינפטיקן רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. לאָזאָווסקי האָט דערביי אַרויסגעוויזן וויניק געשיקטקייט און האָט זיך בלויז באַמיט ווייטער צו שפּינען דעם זעלבן פאָדעם, וואָס דער קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט שוין געהאַט אָנגעקניפּט. אין דעם רעזאָלוציע־פּראָיעקט, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט די דעלעגאַטן צום באַטראַכטן, איז צווישן אַנדערע זאַכן געווען די פאָדערונג, אַז דאָס גרינדן רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַטן דאַרף אין אַלע לענדער איבערגעגעבן ווערן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, און דאָרט, וווּ אַזעלכע זענען נאָך נישט פאַרהאַן, זאָלן זיך דערמיט פאַרנעמען די קאָמוניסטישע קעמערלעך. אויך איז אין יענעם אין דער פראַנצויזישער שפּראַך פאַרפאַסטן דאָקומענט ווידער אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער זעלבער געדאַנק, וואָס האָט שוין געהאַט אַרויסגערופן אַ סך דיסקוסיעס, אַז דער רויטער סינדיקאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף אונטערגעוואָרפן ווערן דעם קאָמינטערן. דער דאָזיקער פּראָיעקט איז איינשטימיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אַלע סינדיקאַליסטישע דעלעגאַטן. דער דאָקומענט אַליין איז דעמאָלט געבליבן אין די הענט פון דעם דייטשן דעלעגאַט אויגוסטין זוכי און שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם פּאַריזער ליבערטער.

ווען עס האָט זיך נאָך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס לאָזאָווסקי האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די סינדיקאַליסטן, האָט ער אויך אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט פאָרשטייער פון ענגלישע סינדיקאַטן, כדי מיט זיי אָנצוהויבן אַ מיינונג־אויסטויש וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון די רוסישע סינדיקאַטן מיט דעם אין 1919 אין אַמסטערדאַם געגרינדעטן אינ־טערנאַציאָנאַלן געווערקשאַפטסבונד, איז דאָס מעסטל פול געוואָרן. די סינדי־קאַליסטישע דעלעגאַטן האָבן גאַנץ פּשוט אָפּגעוואָרפן יעדע ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט לאָזאָווסקין, אַ זאַך וואָס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, מחמת לעניין און זיינע חברים האָבן אין זייער איינלאַדונג־מאַניפעסט צום קאָמינטערן־קאָנגרעס אָנגערופן די גרינדער פון דעם אַמסטערדאַמער אינ־טערנאַציאָנאַל „אַפּאָרטוניסטן און סאָציאַל־פּאַטריאָטן", „פון וועמעס שעדלעכן איינפלוס די אַרבעטער־באַוועגונג מוז זיך באַפרייען".

נאָכדעם ווי עס איז אויפגעדעקט געוואָרן דאָס דאָזיקע פּיינע טאָפּלט־שפּיל, וואָס לאָזאָווסקי האָט געפירט, אַוודאי נישט אָן דעם וויסן פון קאָמינ־טערן, זענען די ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען פאַרגעזעצט געוואָרן דורך טאָמסקין, דעם פאָרשטייער פון די רוסישע סינדיקאַטן, וועלכער האָט נאָך די געמאַכטע דערפאַרונגען וואָס אָן אמת שוין נישט געפּרוווט איינצוקנעלן מיט די סינדיקאַליסטן באָלשעוויסטישע תורות, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן זיך געהאַלטן ביי דער פאָדערונג, אַז דער רויטער סינדיקאַליסטישער אינטער־נאַציאָנאַל דאַרף ווערן אַ נאָכשלעפּעניש פון קאָמינטערן. די פאַרהאַנדלונגען זענען דעריבער געבליבן אָן שום רעזולטאַט, אַזוי אַז מען האָט לסוף נישט געפונען קיין אַנדערן אויסוועג, ווי איבערצולאָזן די אַנטשיידונג פון דער דאָ־זיקער פראַגע פאַר דעם קומענדיקן קאָנגרעס. עס וואָלט אפשר שוין דעמאָלט גלייכער געווען בכלל זיך נישט אַריינצולאָזן אין קיין ווייטערדיקע אונטער־האַנדלונגען. ווען מען נעמט אָבער אין באַטראַכט די גאַנצע דעמאָלטיקע לאַגע אין אייראָפּע, קאָן מען שוין פאַרשטיין, אַז אויך די סינדיקאַליסטן האָבן אין יענער קריטישער צייט נאָך נישט געוואָלט אָפּהאַקן אַלע בריקן און אַ סך האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז דער קומענדיקער קאָנגרעס וועט אָננעמען אַ באַשלוס, וואָס וועט זיין לטובת זיי.

אין זאַך אָבער האָבן די סינדיקאַליסטן דאָך געלערנט פון די מאָסקווער אונטערהאַנדלונגען. פאַר דעם רוב איז קלאָר געוואָרן, אַז קודם מוז קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן זייערע אייגענע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, אויב דאָס שיקן דעלעגאַטן צום מאָסקווער קאָנגרעס זאָל בכלל האָבן פאַר זיי אַ זין. היות דאָס אָנהויבן דעם קאָנגרעס פון דעם רויטן סינדיקאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל האָט געזאָלט פאָרקומען שוין דעם 1טן מאַי 1921, האָט מען שוין נישט געקאָנט מער פאַרלירן קיין צייט. עס איז דעריבער אין גרויס איילע־ניש פאַררופן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ קיין בערלין, וועל־כע איז זיך צוזאַמענגעקומען אין דעצעמבער 1920. אויף דער דאָזיקער קאָנ־

פערענץ זענען געווען פאַרטרעטן די לאַנד־פעדעראַציעס פון שוועדן, האָלאַנד, דייטשלאַנד און אַרגענטינע און חוץ זיי דער Comité des Syndicalistes Revolutionaires פון פראַנקרייך, די באַוועגונג פון די Shop Stewards and Workers Councils. אין ענגלאַנד און די I W W פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די לאַנד־פעדעראַציעס פון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, איטאַליע און נאָרוועגן האָבן שריפטלעך צוגעשיקט זייער הסכמה צו דעם פאַררופן די קאָנפערענץ.

אויף יענער קאָנפערענץ האָט זיך אויך באַוויזן אַ פאָרשטייער פון די רוסישע סינדיקאַטן, אָבער בלויז כדי איבערצוגעבן די דערקלערונג, אַז דער צוזאַמענקום האָט נישט קיין באַרעכטיקונג, ווייל דאָס רעכט אָנצונעמען באַשלוסן האָט בלויז דער קומענדיקער קאָנגרעס, וועלכער וועט פאָרקומען אין מאָסקווע. די דאָזיקע חוצפה צו וועלן אָנווייזן אַלטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיי זאָלן יאָ טון און וואָס נישט האָט געפונען הסכמה בלויז ביי דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע, בעת די איבריקע דעלעגאַטן זענען פּשוט איבערגעגאַנגען צום טאָג־אָרדענונג.

נאָך אַ גרינטלעכער דיסקוסיע האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ באַשלוס, וועלכער האָט באַדאַרפט דינען פאַר די סינדיקאַליסטישע דעלעגאַטן ווי אַן אָריענטיר־ליניע בנוגע דעם מאָסקווער קאָנגרעס. אין דעם דאָזיקן באַשלוס זענען בעיקר צוויי פּונקטן געווען פון אַ ספּעציעלער וויכטיקייט: אַז דער סאָציאַליסטישער אויפבוי און דאָס אָרדענען די פּראָדוקציע און די פאַרטיילונג פון די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט־פּראָדוקטן מוז איבערגעלאָזט ווערן צו די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון יעדן לאַנד; און אַז דער רויטער סינדיקאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועט נאָר דעמאָלט קענען דערפילן זיין ציל, אויב ער וועט נישט אונטערגעוואָרפן ווערן דער אַפּטרופּסות פון קיין שום פּאָליטישער פּאַרטיי און וועט קענען זעלבסטשטענדיק אָננעמען יעדן באַשלוס זיינעם. אין פאַלן, ווען עס וועט צוליב באַשטימטע פאָדערונגען נויטיק זיין אַ בשותפותדיקע האַנדלונג מיט פּאָליטישע און אַנדערע ריכטונגען, זאָל דאָס דאָזיקע באַשלאָסן ווערן ביי יעדן באַזונדערן פאַל און עס זאָל דערביי נישט באַרירט ווערן די אומאָפּהענגיקייט פון איינעם אָדער פון דעם אַנדערן צד.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע שטעלונג פון די סינדיקאַליסטן האָט בשום אופן נישט געקאָנט נושא חן זיין ביי די פירער פון קאָמינטערן. היות זיי האָבן דורכאויס זיך געוואָלט פאַרשאַפן אַן אונטערטעניקע מערהייט אויף דעם קומענדיקן קאָנגרעס פון דעם רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט מען אין אַלע לענדער געשיקט עמיסאַרן, וועלכע האָבן געהאַט די מיסיע צו שאַפן געהיימע קעמערלעך אין אַלע עלטערע אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכע דער קאָמינטערן האָט גערעכנט, כדי זיי פון אינעווייניק אונטערצוגראָבן און אַריינברענגען מחלוקת אין זייערע רייען. היות קיין געלט האָט נישט געפעלט,

האָט מען גאָר גיך געקאָנט דערפירן די דאָזיקע מיאוסע שפּיל צו אַזאַ פאַרנעם, פון וועלכן מען האָט דעמאָלט קוים געהאַט אַ באַגריף. עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, ווי מען האָט אין מאָסקווע איינגעפירט פאַר דעם דאָזיקן צוועק ספּעציעלע דערציאונג־קורסן, ווו קאָמוניסטן פון אַלע לענדער, וועלכע האָבן זיך גוט געפּאַסט פאַר די דאָזיקע טונקעלע מאַכינאַציעס, זענען אויסגעבילדעט געוואָרן לויט אַלע כללים פון דער קונסט. לעניןַ אַליין האָט שוין געהאַט געגעבן דעם טאָן אין זיין שריפט וועגן די קינדער־קראַנקהייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווו ער האָט געזאָגט: „כדי געשיקט ביי־צוקומען אַלע שוועריקייטן, איז נייטיק צו נעמען אויף זיך יעדן קרבן, אויב עס מוז אַזוי זיין, און זיך באַנוצן מיט אַלע מיטלען: קאָמבינאַציעס, אומלעגאַלע מעטאָדן, פּאַסטקעס און פאַלשקייטן, כדי אַריינצודרינגען אין די סינדיקאַטן, צו פאַרנעמען דאָרט אַן אָרט און מיט אַלע מיטלען צו פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע אנשויאונגען".

דורך דער דאָזיקער פון די יעזואיטן גענומענער מעטאָדע, וואָס הייליקט יעדעס מיטל, אויב עס האָט צוגעזאָגט דערפאָלג, איז די אַרבעטער־באַוועגונג אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן אינגאַנצן דעמאָראַליזירט געוואָרן און אין אַ סך לענדער אויסגעניצט געוואָרן אָן שום איינזעעניש לטובת דער אויסערן־פּאָליטיק פון אַ נייעם אימפּעריאַליזם, וואָס פאַר זיינע פאָרשטייער איז דאָס מיאוסטע מיטל געווען גענוג גוט, אויב עס איז געווען לטובת זייערע פאַרלאַנגען פון פּאָליטישער מאַכט.

ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָט דער רעזולטאַט פון דעם ערשטן וועלט־קאָנגרעס פון רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל נישט געקאָנט זיין צווייפלהאַפטיק, הגם עס זענען דאָרט געווען פאַרטרעטן כמעט אַלע סינדיקאַליסטישע לאַנד־פעדעראַציעס. בלויז די דייטשע און די פּאָרטוגעזישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געשיקט קיין דעלעגאַטן קיין מאָסקווע. די F.A.U.D. האָט וועגן דער דאָזיקער פראַגע דורכגעפירט אַן אַלגעמיינע אָפּשטימונג פון אַלע אירע מיטגלידער אין לאַנד, מיט דעם רעזולטאַט, אַז די גרויסע מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן שיקן דעלעגאַטן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי אויסגעדריקט איר צושטימונג פאַר אַ פאַראייניקונג פון אַלע סינדיקאַליסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. די פּאָרטוגעזישע C.G.T. האָט מחמת ענלעכע טעמים ווי די F.A.U.D. אָפּגעוואָרפן דאָס שיקן אַ דעלעגאַציע.

אויף דעם קאָנגרעס זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אין דער מערהייט די רוסישע סינדיקאַטן, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט פאָרגעשטעלט מיט זיך בלויז אָרגאַנען פון דער באָלשעוויסטישער מלוכה און זענען געווען אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם קאָמינטערן. צו זיי זענען נאָך צוגעקומען אַ גאַנצע ריי טונקעלע אָרגאַניזאַציעס פון אויסלאַנד, וועלכע זענען אַנטשטאַנען דורך געשאַפענע קעמערלעך און וועגן וועלכע קיינער האָט נישט געוווּסט, ווען און

וואָס זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט. די אמתע סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען געבליבן אין דער מינדערהייט און האָבן נישט געקאָנט טון קיין אַנדערע זאַך ווי זיך פאַראייניקן אין אַן אָפּאָזיציע, כדי צו פאַרטיידיקן די זעלבסטשטענדיקייט פון די סינדיקאַטן און אָפּהיטן זייער אומאָפּהענגיקייט, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן קיין שום דערפאָלג אויף דעם קאָנגרעס. דערפון האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז די פירער פון קאָמינטערן איז בכלל נישט געגאַנגען אין אַ פאַראייניקונג פון אַלע ריכטונגען, וואָס קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק, אויף דעם יסוד פון גלייכע רעכט און גלייכע אחריות, נאָר בלויז אין אַ באַדינגונגלאָז אונטערוואַרפן זיך פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אונטער דער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. נאָכדעם ווי די מערהייט פון קאָנגרעס האָט זיך אָן שום ווידערשטאַנד אונטערגעוואָרפן דעם דאָזיקן מאַכט־באַפעל, איז פאַר די סינדיקאַליסטן נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי צו ציען פון דער דאָזיקער סיטואַציע די אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענצן.

אין אָקטאָבער 1921 איז אין דיסעלדאָרף פאָרגעקומען דער דרייצנטער קאָנגרעס פון דער F.A.U.D. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, אויף וועלכער אונזערע פעדעראַציעס פון דייטשלאַנד, שוועדן, האָלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע און די I.W.W. זענען געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם חבר וויליאַמס, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גראָד געפונען אויף דער צוריקרייזע פון מאָסקווע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. היות דער מאָסקווער קאָנגרעס האָט פאַר די סינדיקאַליסטן נישט געבראַכט קיין שום אָננעמבאַרן רעזולטאַט, האָט די קאָנפערענץ אין דיסעלדאָרף באַפולמעכטיקט דעם אינפאָרמאַציע־קאָמיטעט אין האָלאַנד צו פאַררופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס און טאַקע אויפן יסוד פון די באַשלוסן, וועלכע די בערלינער פאַרקאָנפערענץ האָט געהאַט אָנגענומען אין אָקטאָבער 1920. ווי אַן אָרט פאַר דער פאַרזאַמלונג איז פאַרעלייגט געוואָרן בערלין.

נאָכדעם ווי מען האָט צוויסן געטון אַלע סינדיקאַליסטישע לאַנד־פעדעראַציעס וועגן דעם דאָזיקן באַשלוס, איז אין יולי 1922 דורכגעפירט געוואָרן אין בערלין אַ נייע קאָנפערענץ, כדי צו מאַכן אַלע נויטיקע צוגרייטונגען פאַר דעם קומענדיקן קאָנגרעס. רעפּרעזענטירט זענען געווען פראַנקרייך, דייטשלאַנד, שפּאַניע, שוועדן, נאָרוועגן. פון האָלאַנד איז דעמאָלט אָנוועזנד געווען בלויז איין פאָרשטייער פון דער מאַרינע־אָרגאַניזאַציע ענדראַכט, מחמת די קעמערלעך־אַרבעט פון די קאָמוניסטן האָט אין אונזער האָלענדישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע (NAS) אַרויסגערופן אַן אינערלעכן קאַמף, וועלכער איז נאָך אין יענער צייט נישט געווען אונטערדריקט. חוץ דעם זענען אויף יענער קאָנפערענץ אויך אָנוועזנד געווען צוויי פאָרשטייער פון דער סינדיקאַליסטישער מינדערהייט אין די רוסישע סינדיקאַטן. אויך די רוסישע סינדיקאַטן גופא

האָבן געשיקט אַ פאַרשטייער, וועלכער האָט בפירוש געהאַט דעם באַפעל צו שטערן, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאַרקומען אָדער לפּחות זיך באַמיען, ער זאָל אָפּגעלייגט ווערן. היות אָבער דער דאָזיקער שליח פון מאָסקווע האָט חוץ פוסטע פאַרזיכערונגען גאָרנישט געהאַט וואָס אָנצובאָטן, האָבן זיינע רייד נישט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. אויף דעם פאָרשלאָג פון די צוויי רוסישע אַנאַר־כאָ סינדיקאַליסטן האָט די קאָנפערענץ געשטעלט דעם פאַרשטייער פון די רוסישע סינדיקאַטן די פאָלגנדיקע צוויי פראַגן און געפאָדערט פון אים אַ קלאָרן און גענויען ענטפער:

1. רעכנט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די רוסישע סינדיקאַטן זיך אויף אַלע אופנים צו באַמיען פאַר דער באַפרייאונג פון אַלע סינדיקאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע געפינען זיך אין רוסלאַנד אין תפיסה פאַר זייערע אידעען?

2. אין דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די רוסישע סינדיקאַטן מרוצה אַרויסצושטעלן די פאָדערונג, אַז די דאָזיקע חברים זאָלן זייער גאַנצע רעוואָ־לוציאָנערע טעטיקייט אין די סינדיקאַטן קענען פריי אויספירן מיט דעם באַ־דינג, אַז זיי זאָלן נישט באַקעמפן די רוסישע רעגירונג מיט דעם כוח פון געווער?

אויף די דאָזיקע פראַגן האָט דער פאַרשטייער פון די רוסישע סינדיקאַטן נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט געבן קיין באַשטימטן ענטפער, אַזוי אַז ער האָט לסוף זיך געזען געצוווּנגען צו פאַרענדיקן די שפּיל און פאַרלאָזן די קאָנפערענץ. נאָכדעם ווי דער דאָזיקער עפּיזאָד איז דערליידיקט געוואָרן, האָט די קאָנפערענץ מיר איבערגעגעבן אויסצואַרבעטן אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, וועלכע זאָל פאָרגעלייגט ווערן צו אַ באַראַטונג פון אַלע סינדיקאַליסטישע לאַנד־פעדעראַציעס, כדי דער קומענדיקער קאָנגרעס זאָל קענען אָננעמען זיין באַשלוס וועגן דעם. מיין פּראָיעקט איז נאָך עטלעכע קליינע בלויז טעכנישע ענדערונגען איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דורך אַלע אָנוועזנדיקע דעלע־גאַטן אין דער פאָרעם, וואָס איך האָב אים געגעבן.

נאָכדעם ווי די קאָנפערענץ האָט נאָך באַשלאָסן צו פאַררופן דעם קאָנ־גרעס צום סוף פון דעם לויפנדיקן יאָר און אָנגענומען אַלע נויטיקע פאַר־ברייטונגען, איז מער נישט פאַרבליבן קיין שום אָפּהאַלט דורכצופירן די באַראַטונג.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-קערפערשאַפט

דער איינלאַדונג-צירקולאַר, וואָס די בערלינער קאָנפערענץ האָט פונאַנדערגעשיקט צו אַלע סינדיקאַליסטישע לאַנד-פעדעראַציעס און אין וועלכן עס איז באריכות דערקלערט געוואָרן די נויטווענדיקייט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענקום, האָט כמעט אומעטום אָנגעטראָפן אויף אַ פריידיקער הסכמה, אפילו ביי יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן מחמת וועלכער עס איז סיבה נישט געקאָנט זיין רעפרעזענטירט אויף דעם קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס איז דורכגעפירט געוואָרן אין בערלין פון 25סטן דעצעמבער 1922 ביז צום 2טן יאַנואַר 1923. וועגן זיינע דעלעגאַציעס און דער דעמאָלטיקער צאָל מיטגלידער פון די רעפרעזענטירטע לאַנד-פאַרבאַנדן גיבן אַ קלאָר בילד די ווייטערדיקע דאַטעס:

	מיטגלידער
אַרגענטינע: Federación Obrera Regional Argentina;	
צוויי דעלעגאַטן — — — — — — — — — — — — — —	200.000
טשילע: Industrial Workers of the World;	
איין דעלעגאַט — — — — — — — — — — — — — —	20.000
דענעמאַרק: סינדיקאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע-פאַרבאַנד;	
איין דעלעגאַט — — — — — — — — — — — — — —	600
דייטשלאַנד: Freie Arbeiter-Union;	
אַכט דעלעגאַטן — — — — — — — — — — — — — —	120.000
האָלאַנד: National Arbeids Secretariaat;	
פיר דעלעגאַטן — — — — — — — — — — — — — —	22.500
איטאַליע: Unione Sindicale Italiana;	
צוויי דעלעגאַטן — — — — — — — — — — — — — —	500.000
מעקסיקאָ: Confederación General de Trabajadores;	
איין דעלעגאַט *) — — — — — — — — — — — — —	30.000
נאָרוועגן Norsk Syndikalistisk Federation;	
איין דעלעגאַט — — — — — — — — — — — — — —	3.000

מיטגלידער

פּאָרטוגאַל: Confederação Geral do Travalho *

— — — — — — — — 150.000

שוועדן: Sveriges Arbetares Centralorganisation;

צוויי דעלעגאַטן — — — — — — — — — — — — — 22.000

שפּאַניע: Confederación Nacional de Trabajo;

צוויי דעלעגאַטן (** — — — — — — — — — — — — — 1.000.000

חוץ די דערמאָנטע סינדיקאַליסטישע לאַנד־פאַרבאַנדן זענען נאָך אויף דעם קאָנגרעס געווען רעפּרעזענטירט די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אָבער געהאַט בלויז באַראַטונג־רעכט:

דייטשלאַנד: Algemeine Arbeiter-Union;

איין דעלעגאַט — — — — — — — — — — — — — 75.000

Anarchosyndikalistische Jugend;

איין דעלעגאַט — — — — — — — — — — — — — 1.500

פראַנקרייך: Comité de Défense Syndicaliste Révolutionaire;

צוויי דעלעגאַטן — — — — — — — — — — — — — 100.000

(די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט רעפּרעזענטירט אַן אָפּאָזיציע אין דער C.G.T.U. נאָכדעם ווי די דאָזיקע האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער R.C.I. אין מאָסקווע).

Féderation du Batiment;

איין דעלעגאַט — — — — — — — — — — — — — 32.000

Féderation des Jeunesses de la Seine;

איין דעלעגאַט — — — — — — — — — — — — — 750

דערצו זענען נאָך צוגעקומען צוויי דעלעגאַטן פון דער סינדיקאַליסטישער מינדערהייט ביי די רוסישע סינדיקאַטן, וועלכע האָבן שוין געוווינט אין

*) די מעקסיקאַנישע .C.G.T האָט מיר איבערגעגעבן איר מאַנדאַט, כדי איינצושפּאָרן די גרויסע רייזע־הוצאות. די פּאָרטוגעזישע לאַנד־פעדעראַציע האָט נישט געשיקט קיין פאָרשטייער צום קאָנגרעס, אָבער זי האָט איבערגעשיקט אַ שריפטלעכע אָנשליסונג.

**) די .C.N.T איז שוין דעמאָלט דורך דער דיקטאַטור פון פּרימאָ דע ריווערא געווען דערקלערט אויסער דעם געזעץ. אויף איר לעצטן עפנטלעכן קאָנגרעס 1919 אין מאַדריד זענען געווען רעפּרעזענטירט העכער אַ מיליאָן אינדוסטריע און לאַנדאַרבעטער. אירע צוויי דעלעגאַטן צום קאָנגרעס אין בערלין זענען איבער דער דיקטאַטור געוויילט געוואָרן אין געהיים. אָבער אין אויגוסט 1923 איז דאָך פאָרגעקומען אַ געהיימע קאָנפערענץ פון דער .C.N.T אין סאַראַגאָסאַ, צו וועלכער עס זענען געקומען עטלעכע און דרייסיק דעלעגאַטן פון אַלע טיילן פון לאַנד און עס איז דאָרט פאָרמעל באַשטעטיקט געוואָרן די אָנשליסונג פון דער .C.N.T צו דער אין בערלין געגרינדעטער .I.A.A . נאָכן פאַלן פון דער דיקטאַטור האָט די .C.N.T ווידער שטאַרק אויפגעבליט און אין עטלעכע יאָר דערגרייכט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן.

בערלין ווי פליטים און וועלכע דער קאָנגרעס האָט אין צייכן פון סאָלידאַ־ריטעט דערלויבט זיך צו באַטייליקן אין די באַראַטונגען אָן שטימרעכט.

ווען מען נעמט אין אַכט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען און בעיקר די שוועריקייטן, וועלכע די געהיימע אונטערגראָבערישע אַרבעט פון דעם קאָמינ־טערן האָט אונז אומעטום גורם געווען, האָבן די אָרגאַניזירער פון דעם קאָנ־גרעס באַדאַרפט זיין זייער צופרידן מיט דעם דאָזיקן רעזולטאַט. קודם כל איז די שטימונג, אין וועלכער די זיצונגען זענען געפירט געוואָרן, געווען אַן אויסגעצייכנטע. עס האָט דאָרט געהערשט אַ חברלעכער גייסט און אַ געפיל פון אַחריות, ווי מען וואָלט עס זיך נישט געקאָנט בעסער ווינטשן. די באַראַ־טונגען זענען געווען זאַכלעך און האָבן זיך געהאַלטן אויף אַ גייסטיקער הייך, וואָס האָט באַזונדערס געווירקט סימפּאַטיש אין אַ צייט, בעת די שנאה און פאַרביטערונג, וועלכע זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך די פּאָליטישע פּאַר־טייען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע לענדער ספּעציעל נאָך דער גרינדונג פון קאָמינטערן, האָבן מיט ברוטאַלער אומגעצוימטקייט דערשטיקט אַלע געבאָטן פון מענטשלעכקייט און סיסטעמאַטיש אונטערגעגראָבן יעדעס מאָראַלישע געפיל.

נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט זיך איינשטימיק דעצידירט פאַר דער גרינדונג פון אַ זעלבסטשטענדיקן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט פּרינצי־פּיעל אָפּגעוואָרפן יעדע אַפּוטרופּסות דורך פּאָליטישע פּאַרטייען, איז אַנט־שטאַנען די פראַגע, וואָס פאַר אַ נאָמען די נייע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך געבן. נאָך אַ לענגערער באַראַטונג האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן אָנצונעמען דעם נאָמען אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד. דער נאָמען איז געווען גוט אויסגעוויילט, וואָרים ער האָט דייטלעך אויסגעדריקט, אין וואָס עס איז בעיקר געגאַנגען אין יענער צעריסענער צייט: אין אַן אינטערנאַציאָנאַל פון דעם אַר־בעטנדיקן פאָלק אין שטאָט און אויפן פעלד און נישט אין אַ פאַראייניקונג פון פּאָליטישע פּאַרטייען ווי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל און דער נייער קאָמינטערן. אין די לאַטייניש לענדער און בעיקר אין שפּאַניע זענען די טראַדיציעס פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל נאָך אַלץ געווען לעבעדיק אין די ברייטע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט. דווקא דערפאַר האָט דאָס אַדאָפּטירן דעם אַלטן נאָמען געמוזט דאָרט מאַכן אַ גוטן איינדרוק. וואָרים אויך דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען אַ פאַראייניקונג פון די אַר־בעטנדיקע מאַסן, געבויט אויף אַ פעדעראַליסטישן יסוד, דערצו נאָך האָט אין יענער צייט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן די תקופה פון די פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען און חוץ די בלאַנקיסטן אין פראַנקרייך און די לאַסאַליאַ־נער און אייזענאַכן אין דייטשלאַנד איז אין ערגעץ נישט געווען אפילו קיין התחלות פון אַ פּאָליטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם היינטיקן זין. צוליב אָט דעם טעם האָט באַקונין געקאָנט מיט רעכט שרייבן:

„וואָס אַזעלכעס איז אָבער די נאַטירלעכע אָרגאַניזאַציע פון די מאַסן?

עס איז אַ פֿאַראײניקונג, וואָס קומט אַרויס פֿון די פֿאַרשידענע געבאָטן פֿון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, פֿון דעם פֿאַרשידענעם שטייגער פֿון זייער אַרבעט. עס איז די אָרגאַניזאַציע לויט פֿאַך־קערפּערשאַפֿטן און פֿאַך־סעקציעס. ווען אַלע אינדוסטריעס וועלן זיין רעפּרעזענטירט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, אַריינגערעכנט די פֿאַרשידענע צווייגן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט, וועט זייער אָרגאַניזאַציע, די אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַלקסמאַסן, זיין פֿאַרענדיקט".

נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק אָנגענומען די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף דער בערלינער קאָנפֿערענץ אין יולי 1922, ווי אַ באַזע פֿאַר דער I. A. A. איז מען איבערגעגאַנגען צו די וואַלן פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט. עס זענען געווילט געוואָרן די חברים אויגוסטין זוכי, אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ און רודאָלף ראָקער. ווי אַ צייטווייליק אָרט פֿאַר דעם ביוראָ איז באַשטימט געוואָרן בערלין. די פֿונקציע פֿון סעקרעטאַריאַט איז באַשטאַנען אין אָנהאַלטן די פֿאַרבינדונגען מיט די פֿאַרשידענע לאַנד־פֿעדעראַציעס און, ווו עס איז נויטיק געווען, צו אָרגאַניזירן בשותּפֿותדיקע אינטערנאַציאָנאַלע מאַניפֿעסטאַציעס. פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט דער סעקרעטאַריאַט אַרויסגעגעבן אַ חודשלעך אינפֿאָרמאַציע־בלאַט, וואָס איז תּחילת דערשינען אין דייטש און אין פֿראַנצויזיש, דערנאָך אָבער אויך אין שפּאַניש און אין עספּעראַנטאָ.

די אָרגאַניזאַציע פֿון דער I. A. A. איז געווען אינגאַנצן אויפֿגעבויט אויף פֿעדעראַליסטישע יסודות, ווי דאָס האָט געפּאַסט צום מהות פֿון דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג, און זי האָט איבערגעלאָזט יעדער לאַנד־פֿעדעראַציע דאָס פֿולע רעכט פֿון זעלבסטבאַשטימונג, די איינציקע באַזע, אויף וועלכער עס איז מעגלעך אַ הצלחהדיקע צוזאַמענאַרבעט.

היות די סינדיקאַליסטישע באַוועגונג אין פֿראַנקרייך איז אין יענער צייט געווען צום שווערסטן געשטערט דורך דער געהיימער אַרבעט פֿון די קאָמינטערן־קעמערלעך, האָבן די פֿראַנצויזישע דעלעגאַטן אין בערלין געפֿאָדערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל פֿאַראָרדענען דעם סעקרעטאַריאַט צו מאַכן אַ לעצטן פּרוּוו צו אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט דעם רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע, וואָס וואָלט פֿאַרשטייט זיך נאָר מעגלעך געווען, ווען דער רויטער סינדיקאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל וואָלט צוריקגעצויגן די הנחות, וועלכע ער האָט שוין געהאַט געמאַכט דעם קאָמינטערן. דערפֿון אָבער איז לויט דעם גאַנצן מצב פֿון די ענינים נישט געווען וואָס צו טראַכטן. כּמעט אַלע דעלעגאַטן האָבן דאָס טאַקע איינגעזען און געוווּסט, אַז אין בעסטן פֿאַל וואָלט זיך דאָ בלויז געקאָנט האַנדלען וועגן אַ פּוסטן זשעסט, וואָס וואָלט געבליבן אָן אַ ממשותדיקן רעזולטאַט. אָבער זיי האָבן אויך פֿאַרשטאַנען די שווערע לאַגע, אין וועלכער די פֿראַנצויזישע אַנאַרכאָסינדיקאַליסטן האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען. בלויז דעם דאָזיקן מצב איז צו פֿאַרדאַנקען, וואָס מען האָט אָנגע־

נומען די רעזאָלוציע פון די פראַנצויזן און איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַריאַט פון דער I.A.A. אַז ער זאָל זיך נאָכאַמאָל ווענדן צום רויטן סינדיקאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, כדי אויסצופּועלן, אויב עס איז מעגלעך, צו אַנו־לירן דעם פּונקט פון זיין סטאַטוט, אין וועלכן עס איז פעסטגעשטעלט די סוב־אָרדינירונג פון רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל צום קאָמינטערן. דער סעקרעטאַריאַט האָט געטריי אויסגעפירט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, אָבער, ווי יעדער האָט דאָס געקאָנט פאָראויסזען, אָן הצלחה. מער האָט מען דאָ פאַר די פראַנצויזישע חברים נישט געקאָנט אויפטון.

די מענטשן פון קאָמינטערן האָט פון אָנהויב אָן שטאַרק געמוזט גיין אין דעם, צו באַקומען דווקא אין פראַנקרייך אַ דעצידירנדיקן איינפלוס. פראַנקרייך איז געווען איינס פון די פירנדיקע לענדער אין אייראָפּע, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע, וועלכע האָט זיך ביי אַ סך געלעגנהייטן דייטלעך אָנגעזען אויך אין אַנדערע לענדער פון דעם קאָנטי־נענט. די אַלטע Confédération Générale du Travail איז זינט יאָרצענ־ליקער געווען די שטאַרקסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון לאַנד, וואָס האָט אין די ניינציקער יאָרן אַזוי שטאַרק מיטגעשטייערט צום ווידעראויפלעבן פון דעם פרייהייטלעכן גייסט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין אייראָפּע. דעריבער איז פאַר די פאָרשטייער פון דער רוסישער דיקטאַטור קיין שום מיטל נישט געווען צו־מיאוס, כדי זיך דערמיט צו באַנוצן אויף דעמאָראַליזירן אינגאַנצן די C.G.T. דורך דער אַרבעט פון די קאָמוניסטישע קעמערלעך און זיי אַרונטער־צוברענגען אונטער דעם איינפלוס פון קאָמינטערן. קעגן דער דאָזיקער אונ־טערערדישער אַרבעט פון די קאָמוניסטן אין די סינדיקאַטן איז געווען שווער זיך אַנטקעגנצושטעלן, ווייל די מיינסטע האָבן דעמאָלט געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה, מיט וואָס פאַר אַ נישט־איבערקלייבערישע מיטלען די דאָזיקע שענדלעכע שפּיל איז דעמאָלט הינטער די קוליסן געטריבן געוואָרן דורך די מאָסקווער אַגענטן.

די ערשטע שפּאַלטונג פון די פראַנצויזישע סינדיקאַטן איז פאָרגעקומען שוין אויף דעם קאָנגרעס אין ליל אין סעפּטעמבער 1920. דאָך זענען די אַנאַר־כאָסינדיקאַליסטן נאָך אַלץ געבליבן אין דער C.G.T.U. אין דער מערהייט. ערשט נאָך דעם קאָנגרעס אין סענט עטיען און די בלוטיקע געשעענישן אין יאַ־נואַר 1922, ווען עס זענען אין פאַריזער הויז פון סינדיקאַט דערשאָסן געוואָרן צוויי אַנאַרכאָסינדיקאַליסטן דורך קאָמוניסטן, איז די C.G.T.U. אינגאַנצן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון מאָסקווע. די אַנאַרכאָסינדיקאַליסטן האָבן זיך דעמאָלט אינגאַנצן אָפּגעקערט פון דער אַלטער אָרגאַניזאַציע און געגרינדעט די Confédération Générale du Travail Syndicaliste Ré-) C.G.T.S.R. (volutionaire וואָס האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסן צו דער I.A.A. דאָך, די אַמאָליקע C.G.T., וועלכע האָט געהאַט הינטער זיך אַזאַ הערלעכע געשיכטע און געווען איינע פון די האָפענונגפולע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אייראָפּע

און פון דער וועלט, איז פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סינדיקאַליסטישער אַר־בעטער־באַוועגונג געווען פאַרלוירן. די C.G.T.U. איז אויך נאָך דער צווייטער וועלט־־מלחמה געבליבן אין די הענט פון די קאָמוניסטן און איז גאַנץ גוט צוגעפּאַסט אויסצופירן ביי יעדער געלעגנהייט אונטערהעלפערישע אַרבעט פאַר דעם רויטן אימפּעריאַליזם אין רוסלאַנד.

אויך אין אַנדערע לענדער, בעיקר אין שפּאַניע און אין איטאַליע, האָט דער קאָמינטערן געטריבן די זעלבע שפּיל, אָבער נישט דערפירנדיק צו אַזעלכע קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן ווי אין פראַנקרייך. אין שפּאַניע, ווו דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם איז גאָר פרי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתער פאָלקס־באַוועגונג, האָט דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע געפונען אַ מעכטיקן אָפּקלאַנג, וואָס איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אפילו דורך דעם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט; דערצו נאָך האָט די רעאַקציאָנערע העצע, וואָס איז דעמאָלט געפירט געוואָרן אומעטום קעגן רוסלאַנד, נאָך מער אָנגערעגט די שפּאַנישע אַרבעטער אונטערצושטיצן די רעוואָלוציאָנערן דאָרט און זיך קעגנצושטעלן דער געפאַר פון אַן אינוואַזיע.

דעריבער האָט די C.N.T. באַלד אָנגענומען דעם אויפרוף פון לענינען און זיינע אָנהענגער צו גרינדן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל און אויף איר קאָנגרעס אין מאַדריד 1919 באַשלאָסן זיך אָנצושליסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געטון געוואָרן מיט דעם תנאי, אַז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל זאָל אנערקענען דאָס פולע זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון די באַזונדערע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. עס האָט טאַקע נישט געקאָנט אַנדערש זיין, וואָרים די שפּאַנישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ציט איר עקזיסטענץ זינט 1840, איז נאָך פאַר דער תקופה פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל געווען טיף באַאיינפלוסט פון די פעדעראַליסטישע אידעען פון פּי אי מאַרגאַל און האָט זיך אין איר לאַנגער און מיט קאַמף רייכער געשיכטע קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון איר פרייהייטלעכן כאַראַקטער.

פון די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין רוסלאַנד און ספּעציעל וועגן דעם כאַראַקטער פון דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג האָבן די שפּאַניער דעמאָלט נישט געהאַט די מינדסטע השגה, בפרט אַז עס איז דעמאָלט אין שפּאַניע נאָך נישט געווען אַפילו קיין שום התחלה פון אַ קאָמוניסטישער באַוועגונג אין רוסישן זין. דאָס אָנשליסן זיך פון דער C.N.T. צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל איז דעריבער געווען נישט מער ווי אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט דעם רוסישן פאָלק. אפשר איז אויך נאָך געווען דערביי אַ פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו, וואָס די C.N.T. האָט אַזוי לייכט דורכגעפירט דעם אָנשלוס. אין קיין שום לאַנד פון אייראָפּע איז דער איינפלוס פון באַקונינען און פון דעם פעדעראַליסטישן פליגל פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל נישט געווען אַזוי שטאַרק און דויערהאַפטיק ביי דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי גראַד אין שפּאַניע. דער פאַקט, וואָס באַקונין איז געווען אַ רוס, האָט געקאָנט לייכט פירן צו אַ מין

אידעען־אַסאָציאַציע; היות דער באַלשעוויזם איז געווען אַ רוסישע באַוועגונג, האָט זיך איינעם אָדער אַן אַנדערן ווילן שפּאַניער געקאָנט אויסדאַכטן, אַז ער מוז האָבן עפּעס אַ שייכות מיט דעם אַנאַרכיזם, מיט וועלכן די שפּאַנישע אַר־בעטער האָבן זיך באַקאַנט דורך באַקונינען.

בערך אַ יאָר נאָך דעם קאָנגרעס אין מאַדריד האָט זיך אָנגעהויבן די דיק־טאַטור פון פּרימאָ דע ריווערא, איינער פון די בלוטיקסטע אונטערדריקונגס־פּעריאָדן, וואָס די שפּאַנישע באַוועגונג האָט געהאַט איבערצוטראָגן. אין קאַמף קעגן דער דיקטאַטור האָבן אַ סך אַקטיווע מיטגלידער פון דער C.N.T. פאַרלוירן זייער לעבן; אַלע תפיסות זענען פול געווען מיט אירע אָנהענגער. עס איז געווען אין דער צייט, ווען אַ דעלעגאַציע פון דער C.N.T. איז אונטער דער אָנפירונג פון אַנדרעאַס נין און אַרלאַנדיס געפאָרן קיין מאָסקווע, כדי זיך צו באַטייליקן אין דעם קאָנגרעס פון דעם רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די דעלעגאַטן זענען פאַרשטייט זיך אויף קיין שום קאָנגרעס נישט געוויילט געוואָרן, ווי דאָס האָט זיך אין שפּאַניע תמיד געפירט ביי אַלע ענלעכע געלעגנהייטן, ווייל די דיקטאַטור האָט דאָס דאָזיקע געשטערט. זיי זע־נען באַשטימט געוואָרן דורך אַ געהיימען קאָמיטעט, צו וועלכן זיי אַליין האָבן געהערט. דאָס איז געווען די דעלעגאַציע, וועלכע האָט אין אַ בפירוש עובר זיין אויף די באַשלוסן פון דעם קאָנגרעס אין מאַדריד געשטימט אין מאָסקווע פאַר דער סובאָרדינירונג פון רויטן סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל צום קאָמינטערן. פון דעם דאָזיקן פאַקט האָט מען אין שפּאַניע גופא נישט געהאַט אַ לאַנגע צייט די מינדסטע אַנונג. ווען דער אמת איז שפּעטער סוף כל סוף אַרויסגעשוואומען, האָט די געהיימע לאַנד־קאָנפערענץ פון דער C.N.T. וואָס איז פאַרגעקומען אין 1923 אין סאַראַגאָסאַ, דערקלערט איינשטימיק און כמעט אָן דיסקוסיעס, אַז נין און אַרלאַנדיס האָבן געמיסבריוכט דעם מאַנדאַט אויף אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן אופן און אָפיציעל אָנגענומען דעם אָנשלוס פון דער C.N.T. צו דער I.A.A.‏ (*).

אויך אין איטאַליע זענען פאָרגעקומען ענלעכע זאַכן. די גרויסע באַ־גייסטערונג, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויך דאָרט אַרויסגערופן, האָט באַוויגן די Unione Sindacale Italiana צו שיקן איר סעקרעטאַר אַר־מאַנדאָ באָרגי קיין מאָסקווע, כדי אָנצוקניפּן דירעקטע פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד. אָבער די דערפאַרונגען, וואָס באָרגי האָט דאָרט געמאַכט, האָבן ביי אים באַלד צוגענומען אַלע אילוזיעס. ער האָט זיך אוודאי נישט געריכט צו טרעפן אַ גן עדן אין רוסלאַנד און געגנוי געוווסט, וואָס פאַר אַ ירושה די מלחמה

---

*) אַנדרעאַס נין איז דעמאָלט געבליבן אין רוסלאַנד און דאָרט געווען אַ סך יאָרן טע־טיק ווי לאָזאָווסקיס רעכטע האַנט. ווען ער איז שפּעטער ווי טראָצקיס אַן אָנהענגער אַרויס־געטריבן געוואָרן פון רוסלאַנד, איז ער צוריקגעקומען קיין שפּאַניע, וו ער איז בעת דעם בירגערקריג דערמאָרדעט געוואָרן דורך אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

האָט איבערגעלאָזט דעם רוסישן פאָלק. אָבער ער האָט געמיינט צו טרעפן לפּחות אַ פאָלק, וואָס האָט גענומען זיין גורל אין די אייגענע הענט און איז גרייט דורך שווערער אַרבעט און אַ סאָלידאַריש צוזאַמענווירקן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע כּוחות אויפצובויען פאַר זיך אַ בעסערע צוקונפט. אנשטאַט דעם האָט ער באַלד אַנגעטראָפן די ערשטע סימנים פון אַ נייעם אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט זיך געגרייט צו באַזייטיקן אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און אויפבויען אַ מעכטיקן שטאַט, וואָס אונטער זיין בלייגעוויכט מוז דער־שטיקט ווערן יעדע שעפערישע איניציאַטיוו און וועלכן עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פרייהייט. אַ שטרענג צענטראַליזירטע ביוראָקראַטיע מיט דיק־טאַטאָרישע רעכט און די טשעקאַ האָבן שוין געהערשט איבער דעם לאַנד און די תּפיסות זענען פול געווען מיט אַנהענגער פון אַלע ריכטונגען, וועלכע זענען געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צווישן זיי אויך אַ סך אַנאַרכיסטן און אַנאַרכאָסינדיקאַליסטן.

ביי אַט די באַדינגונגען האָט באָרגי נאָך זיין צוריקקומען קיין איטאַליע, נישט געהאַט מיטצוטיילן קיין שום גוטס, בפרט נאָך, אַז בעת זיין אָפּוועזנהייט האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן די קאָמוניסטישע קעמערלעך־אַרבעט אין דער Unione Sindacala. פאַרשטייער פון די דאָזיקע קעמערלעך זענען געהאַט געפאָרן קיין מאָסקווע און זיך דאָרט אָנגעגעבן פאַר די אמתע באַפולמעכטיקטע פון דער איטאַליענישער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג, צווישן זיי אויך דער באַקאַנטער רענעגאַט ריקאַלאַ וועקי, וועלכער איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אין פאַשיסטישן לאַגער. אָבער איטאַליע איז געווען אַ לאַנד, ווו דער פרייהייט־לעכער סאָציאַליזם איז געווען טיף איינגעוואָרצלט און האָט נאָך פאַר דער צייט פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל פאַרמאָגט פאַרהאַרטעוועטע און אויף קרבנות־גרייטע קעמפער. עס איז דעריבער נישט געווען אַזוי פּשוט אונטער־צוגראָבן מאָראַליש די באַוועגונג און זי דערפירן צו דינען פאַר צילן, וועלכע אירע אַנהענגער האָבן תּמיד גרינטלעך באַקעמפט. דאָס האָט זיך דייטלעך אַרויסגעוויזן אויף דעם קאָנגרעס פון דער Unione Sindacala וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן פון 10טן ביז דעם 14טן מערץ 1922 און וואָס האָט באַ־דאַרפט דעצידירן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער שטעלונג פון דער אָרגאַני־זאַציע און איר טאַקטיק אין דעם אייגענעם לאַנד. אויף דעם קאָנגרעס זענען אַנוועזנד געווען כּמעט הונדערט דעלעגאַטן פון דעם גאַנצן לאַנד. ווען עס איז אָבער נאָך זייער לאַנגע און אָפּטמאָל גאָר שטורמישע דעבאַטן געקומען צו דער אָפּשטימונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַנהענגער פון דעם רויטן סינ־דיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל זענען בכּוח געווען צונויפצונעמען בלויז 15 שטימען, בעת 75 דעלעגאַטן האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי די אַלטע פעדעראַ־ליסטישע פּרינציפּן און זענען נישט איינגעגאַנגען צו פאַרשאַכערן זייער אומ־אָפּהענגיקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פון די דאָזיקע אַלע פּאַסירונגען איז קאָנטיק, אַז דער גרינדונג־קאָנגרעס

פון דער .I.A.A אין בערלין איז געווען אַן אַנטשלאָסענער אָפּזאָג צום קאָ־מינטערן און צו דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור און אַן אָפּן אָננעמען די פּרינציפּן פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. די .I.A.A האָט אין משך פון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אַרומגענומען אַלע סינדיקאַליסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס, וועלכע האָבן דעמאָלט עקזיסטירט. חוץ די לאַנד־פעדעראַציעס, וועלכע זענען שוין געווען רעפּרעזענטירט אויף דעם גרינדונג־קאָנגרעס, זע־נען שפּעטער נאָך צוגעשטאַנען: די Cercles Syndicalistes Fédéralistes אין בעלגיע, די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע גרופּעס אין בולגאַריע, די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע אָפּאָזיציע אין פּוילן, די פּראָפּאַגאַנדע־גרופּע פאַר דער פריי־ער אַרבעטער־אוניאָן אין עסטרייך און די סינדיקאַליסטישע פעדעראַציע Jiyu Rengo Dantai Zenkoku Kaigi אין יאַפּאַן.

חוץ דעם האָבן זיך דורך דער איניציאַטיוו פון דער אַרגענטינער לאַנד־פעדעראַציע (FORA) פאַראייניקט די לאַטיינאַמעריקאַנער סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אויף דעם קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס (פון 11טן ביז דעם 16טן מאַי 1929) און געשאַפן אַ קאָנטינענטאַל־אַמעריקאַנער אַרבעטער־פאַר־באַנד, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער .I.A.A און איז באַשטאַנען פון די ווייטער אויסגערעכנטע גרופּירונגען: די Federación Obrera Regional Argentina (FORA); דער Centro Obrero Regional אין פּאַראַגווײַ; די Federación Local de La Paz אין באָליוויע; די Confederación General de Trabajadores אין מעקסיקע; דער Comité pro Acción Sindical אין גוואַטעמאַלאַ; סינדיקאַלע פאַרבאַנדן פון 7 שטאַטן אין בראַזיל און די Federación Obrera Regional (FORU) אין אורוגוואַי. דערצו איז נאָך צוגעקומען די אָרגאַניזאַציע Hacia La Libertad אין קאָסטאַ ריקאָ און שפּע־טער די Agrupación La Protesta אין פּערו און די Confederación General de Trabajadores אין טשילע.

איך בין פאַרשטייט זיך נישט אימשטאַנד זיך דאָ צו פאַרנעמען מיט דער אַנטוויקלונג־געשיכטע פון דער .I.A.A און אירע פאַרשידענע לאַנד־פעדעראַ־ציעס. אַזאַ אַרבעט אַליין וואָלט שוין פאַרנומען אַ גרעסער ווערק. איך האָף אָבער, אַז די דאָזיקע געשיכטע וועט אוודאי אַמאָל פון עמעצן אַנדערש געשריבן ווערן, ווייל מיר איז שוין דערצו נישט פאַרבליבן קיין צייט.

איך האָב מיך פון אָנהייב אָן פלייסיק באַטייליקט אין דער אַנטוויקלונג פון דער .I.A.A און קאָן מיט אַ ריין געוויסן זאָגן, אַז איך האָב אַוועקגעגעבן מיינע בעסטע כוחות, אַז זי זאָל געגרינדעט ווערן. ווי איינער פון אירע סעקרעטאַרן האָב איך מיך פּערזענלעך באַטייליקט אין אַלע אירע פאַרזאַמלונגען, אין אַלע אירע פּאַר־קאָנפערענצן, וואָס זענען פאַרגעקומען פאַר איר גרינדונג; אין דעם גרינדונג־קאָנגרעס אין בערלין 1922־23; אין דער קאָנפערענץ אין אינסברוק אין דעצעמבער 1923; אין צווייטן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם אין מערץ 1925;

אין דער קאָנפערענץ אין פּאַריז אין מאַי 1926; אין דריטן קאָנגרעס אין ליטיך, אין מאַי 1928; אין פערטן קאָנגרעס אין מאַדריד אין מאַי 1931; אין דער קאָנפערענץ אין בערלין אין אַפּריל 1932 און אין דער קאָנפע־רענץ אין אַמסטערדאַם אין מאַי 1933, וועלכע איז פאַררופן געוואָרן אין אַ דרינגענדיקער סיטואַציע, בעת דער סעקרעטאַריאַט פון דער I.A.A. איז מחמת דער נאַצי־דיקטאַטור שוין געהאַט אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין האָלאַנד און איך האָב מיך שוין געפונען אין אויסלאַנד.

זינט יענער לעצטער קאָנפערענץ זענען שוין פאַרביי כמעט זיבעצן יאָר, וואָס זייערע שרעקלעכע איבערלעבונגען געהערן צו די ערגסטע, וואָס די מענטש־הייט האָט אַריבערגעטראָגן *). זינט דעמאָלט איז פאַרגעקומען אַזאַ געזעל־שאַפטלעכע איבערקערעניש, וואָס אַפילו אַ גאָר דרייסטע פאַנטאַזיע וואָלט נישט געקאָנט פאָראויסזען. אַ סך זאַכן, וועלכע האָבן מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען די I.A.A. איז געגרינדעט געוואָרן, זיך אונז אויסגעזען זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן היינט באַקומען אַן אַנדערן זין און מוזן געמאָסטן ווערן מיט אַן אַנדערער מאָס. די געפאַר, וואָס באַדראָט אונז היינט, איז נישט פון די געוויינלעכע ווירטשאַפטלעכע אָדער פּאָליטישע קריזיסן, פון וועלכע די היינטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג האָט תמיד פּעריאָדיש צו ליידן; עס איז אַ קריזיס פון אונזער גאַנצער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אונז אַוועק־געשטעלט פאַר פּראָבלעמען, וועלכע זענען בעיקר אַרויסגעקומען דורך דעם אופן פון אונזער דענקען און זיי מוזן געלייזט ווערן, אויב מיר ווילן נישט פאַרזונקען ווערן אין דעם זומפּ פון אַן אַפּגרונט־טיפן באַרבאַריזם, וואָס וועט נישט בלויז שטעלן אין אַ סכנה אַלע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע ווערטן פון אונזער עקזיסטענץ, נאָר וואָס איז שוין צוגעקומען צו אַ מדרגה, וועלכע גרע־נעצט זיך מיט דער מעגלעכקייט אַ סוף צו מאַכן צום גאַנצן לעבן. אָבער דערפון וועט נאָך שפּעטער גערעדט ווערן.

דערווייל אָבער ווייזט זיך מיר אויס פאַר כדאַי צו געבן אַ קורצן צוריק־בליק, כדי ריכטיק אָפּצושאַצן אונזער דעמאָלטיקע טעטיקייט. בלויז ווען מיר וועלן זיך קלאָר מאַכן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געוואָלט דערגרייכן און ביי די פאַרהאַנדלונגען באַדינגונגען באמת געקאָנט דערגרייכן, וועלן מיר אימ־שטאַנד זיין זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג פון דעם, וואָס פאַר אַן אויפגאַבן די היינטיקע צייט האָט אונז געשטעלט. דאָגמאַטישע קליינקעפּלדיקייט און בלינ־דע איינרעדעניש פון פּערפעקטקייט קענען אונז היינט נישט ברענגען קיין איין טריט פאָראויס. נאָר דער וואָס איז פעאיק עפּעס צו לערנען פון די געמאַכטע דערפאַרונגען, איז רייף צו אַ נייעם אָנהייב און ער וועט דורך אַן איינערלע־כער אָנרעגונג פּרווון צו האַנדלען לויט די נייע פאָדערונגען.

*) די דאָזיקע שורות זענען געשריבן געוואָרן אין יאַנואַר 1950.

עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ צייט, אין וועלכער מען זאָל האָבן אַזוי פיל גערעדט וועגן סאָציאַליזם, ווי אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה; אָבער עס איז אויך נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ צייט, אין וועלכער דער סאָציאַליזם זאָל האָבן אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען און פאַרקריפּלט גע-וואָרן ווי דווקא דעמאָלט. אויף וואָס פאַר אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג מען איז דעמאָלט געקומען, האָט מען תמיד געהערט דאָרט רעדן וועגן צוויי זאַכן: וועגן סאָציאַליזם און וועגן דעם איינהייט-פראָנט פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער עס האָט אויסגעזען, אַז וואָס מער מען האָט גערעדט וועגן די דאָזיקע זאַכן, אַלץ גרע-סער איז געוואָרן די מוחות-צעמישונג. וואָס מען האָט אין דייטשלאַנד און אויך אין דעם רוב אַנדערע לענדער דעמאָלט פאַרשטאַנען אונטער סאָציאַליזם, איז געווען דאָס פאַרמלוכהשן די גאַנצע ווירטשאַפט און אַלע געזעלשאַפט-לעכע נויטווענדיקייטן, אַן אויסטייטשונג, וואָס איז דורך דער אַזויגערופענער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין רוסלאַנד אונטערגעשטיצט געוואָרן ווי קיינ-מאָל נישט פריער.

אויך די פּוסטע לאָזונג פון דעם פּראָלעטאַרישן איינהייט-פראָנט, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַזאַ שווערע השפעה, איז נישט געווען מער ווי אַ גאָרנישט זאָגנדיקער פּזמון, וואָס איז טאַקע באַניצט געוואָרן פון אַלע, אָבער בלויז כדי וואָס שאַרפער צו באַקעמפן אַלע אַנדערע ריכטונגען און זיי שטעמפּלען פאַר פאַררעטעריש. דווקא ווען מען האָט וואָס מער גערעדט וועגן דעם וווּנדער-מיטל פון דעם פּראָלעטאַרישן איינהייט-פראָנט, האָט אַ ווילדער פאַנאַטיזם צעשטערט יעדע אינערלעכע קרובהשאַפט פון די אַרבעטער און גע-פירט צו אַ כסדר וואַקסנדיקער צעשפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער באַ-וועגונג, וואָס האָט פּאַראַליזירט אירע נאַטירלעכע כוחות און ביי איר צוגע-נומען אַלע פעאיקייטן זיך אַריינצולאָזן אין אַ קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים גרינדן די I.A.A. האָבן מיר דאָס נישט געטון, בלויז ווייל מיר האָבן געוואָלט צוגעבן צו די שוין פאַרהאַנדענע אינ-טערנאַציאָנאַלע פאַראיינען אַ ניי באַשעפעניש, נאָר ווייל מיר זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז צווישן אונזערע אנשויאונגען וועגן מהות פון סאָציאַ-ליזם און די אויפפאַסונגען, סיי מצד דעם רעכטן, סיי מצד דעם לינקן פליגל פון דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ליגט אַ תהום, וועלכן מען קען נישט פאַרשיטן מיט קיין שום פּוסטע שלאָגווערטער, וועלכע זענען ספּעציעל אויסגערעכנט געוואָרן פאַר דעם מאַסן-קאָנסום. קודם כל האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז דורך דעם פאַרמלוכהשן די ווירטשאַפט וועט קיינ-מאָל נישט קאָנען דערגרייכט ווערן די פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליזם און עס איז דערמיט בלויז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם מענטש אַ נאָך גרעסערער יאָך, וואָס האָט דערפירט צום לעצטן עקסטרעם אַלע פעלערס און שוועריקייטן פון דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און אַ סוף

געמאַכט צו יעדער פּערזענלעכער פרייהייט. ווען מיר זאָלן געווען האָבן אין דעם פּרט נאָך עפּעס אַ צווייפל, וואָלט אים דער רוסישער עקספּערימענט גע־מוזט אינגאַנצן באַזייטיקן.

אין יענער אויפגעברויזטער צייט, בעת עס איז אַזויפיל געשטאַנען אין קאָן, כדי עפּעס צו געווינען, אָבער אויך, אַזויפיל צו פאַרשפּילן, האָבן מיר קודם כל געמוזט אינזינען האָבן, צו ווייזן די אַרבעטער אַ פּאַסיקן וועג, וואָס קאָן אונדז באמת נענטער ברענגען צום סאָציאַליזם, אָבער מיר האָבן זיך בלויז געקאָנט פאַרשטעלן אַזעלכן, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אַ צוזאַמענווירקן פון פּער־זענלעכער פרייהייט און סאָלידאַרישער פאַראייניקונג. אַזאַ צושטאַנד אָבער איז בלויז מעגלעך געווען, ווען די געזעלשאַפט זאָל נישט ווייטער צעשפּאָלטן ווערן דורך פיינטלעכע קעגנזאַצן פון אינטערעסן ביי פאַרשידענע קאַסטעס, קלאַסן און שיכטן אינערלעך און אויסערלעך, נאָר זי זאָל זיך אויספורעמען אין אַן אמתער אַחדות, וואָס וועט צוגענגלעך מאַכן די פּראָדוקטן פון דער מענטשלע־כער אַרבעט פאַר אַלע אויף אַ גלייכן אופן. מיר האָבן איינגעזען, אַז דער סאָ־ציאַליזם קאָן נישט דערגרייכט ווערן דורך פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, נישט דורך דעקרעטן און תקנות פון דער מלוכה.

קודם כל אָבער האָבן מיר געוואָלט ברענגען צו די אַרבעטער דאָס באַ־וווסטזיין, אַז דער סאָציאַליזם איז מער ווי אַ פּשוטע מאָגן־פראַגע, נאָר די לע־בעדיקע פאַרקערפּערונג פון אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער קולטור, וואָס נעמט אַרום אַלע צווייגן פון דעם סאָציאַלן לעבן און קאָן דערגרייכט ווערן בלויז דורך אַן אָרגאַנישער צוזאַמענאַרבעט פון אַרבעטנדיקן פאָלק אין שטאָט און דאָרף. נישט ווייל מיר האָבן געהאַלטן, אַז דער אַרבעטער איז בטבע אַ בעסערער מענטש און צוגענגלעכער צו די אידעען פון סאָציאַלער גערעכטי־קייט ווי אַלע אַנדערע באַפעלקערונג־שיכטן, נאָר ווייל דורך זיין שעפערישער טעטיקייט האַלט ער אונטער די גאַנצע געזעלשאַפט און גיט איר יעדן טאָג נייע כוחות. מיר האָבן געוואָלט ווייזן די אַרבעטער, אַז דער קאַמף פאַר דער סאָציאַלער באַפרייאונג איז נישט קיין קעמפן פאַר דער מאַכט, נאָר אַ קאַמף פאַר באַהערשן די אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנע־מונגען, אַ נייע פאָרמירונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף דעם יסוד פון חברלעכער אַרבעט און אַ גערעכטער פאַרטיילונג פון די אַרבעט־פּראָדוקטן. דעריבער האָבן מיר געפּרוווט קלאָר צו מאַכן פאַר די אַרבעטער, אַז דאָס פאַרשטאַרקן די מאַכט ביז אַן אַ שיעור קאָן נישט זיין קיין ציל, צו וועלכן דער סאָציאַליזם זאָל שטרעבן, נאָר גיכער דאָס באַזייטיקן אַלע מאַכט־פּאָלי־טישע שטרעבונגען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. וואָרים די געזעלשאַפט וועט תמיד זיין פאַרשקלאַפט, כל זמן אַ וועלכע ס׳איז אויסערלעכע מאַכט וועט האָמעווען אירע לעבנס־כוחות און אַרויפלייגן קייטן אויף איר שעפערישער

טעטיקייט, אַפילו ווען די דאָזיקע מאַכט באַמיט זיך צו באַהאַלטן אירע אמתע צילן אונטער דער פירמע־שילד פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

דער סאָציאַליזם קאָן נאָר האָבן אַ קיום אין אַ פאַראייניקונג פון פעדע־ראַליסטיש אָרגאַניזירטע געמיינדעס, וואָס פאַרזיכערט יעדער פאָלקס־גרופּע איר פריי מיטבאַשטימונג־רעכט און לייזט אַלע עפנטלעכע ענינים אויף דעם סמך פון פרייוויליק אָנגענומענע אָפּמאַכן און סאָלידאַרישער צוזאַמענאַרבעט, ווייל דאָס איז דער איינציקער אופן זיך צו קענען רעכענען מיט די לאָקאַלע באַדינגונגען, נישט ברענגענדיק דערביי קיין שאָדן פאַר די כלל־אינטערעסן.

דער דאָזיקער גערדאַנקענגאַנג האָט דער I.A.A. געגעבן אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג; ווארים עס איז אפשר נישט געווען נאָך אַזאַ צייט, אַז דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם זאָל האָבן אַזאַ טיפע מאָראַלישע באַדייטונג ווי אין יענע יאָרן, בעת אַזוי פיל זאַכן, וואָס זענען געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער נאָענטער צוקונפט פון אייראָפּע, וואָלטן געווען געקאָנט דעצידירט ווערן, ווען דער בלינדער גלויבן אין מלוכהשקייט, וואָס האָט נאָך דעם אונטערגאַנג פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל באַהערשט די אַרבעטער־באַוועגונג אין די מייג־סטע לענדער, זאָל נישט געווען צונישט מאַכן יעדן נייעם אָנהייב. און נישט בלויז דאָס דאָזיקע: אָט די גייסטיקע שטעלונג פון דער גרויסער מערהייט פון דער אייראָפּעאישער אַרבעטערשאַפט, וואָס איז דורך דער השפעה פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן, האָט אויך אין אַ גרויסער מאָס צוגעהאָלפן, אַז דער פאַשיזם זאָל קענען דערגרייכן אַזוי לייכט אַ זיג אין אַ סך לענדער פון אייראָפּע, בעיקר אין דייטשלאַנד, ווו היטלער האָט כמעט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין ערנסטן ווידערשטאַנד. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אויף דעם קאָנטינענט אַ גאַנץ נייע לאַגע, וואָס האָט מיט אַן אינער־לעכער קאָנסעקווענטקייט געמוזט פירן צו יענער גרויזאַמער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט איבערגעשטיגן אַלדינג, וואָס דער מענטשלעכער אומזין האָט ווען עס איז אַרויסגעבראַכט.

די ערשטע סימנים פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש האָבן זיך שוין געלאָזט דייטלעך באַמערקן, ווען די I.A.A. איז געגרינדעט גע־וואָרן. מיר אַלע האָבן דעמאָלט געפילט, אַז עס האַלט אין אָנקומען אַן אינטער־נאַציאָנאַלע רעאַקציע, וואָס אויב זי וועט נישט גרינטלעך צוריקגעשטויסן ווערן, מוז זי דערפירן צו אומפאַראויסגעזעענע קאָנסעקווענצן. אָבער די גרעסטע סכנה איז אַפילו נישט געווען דער פאַשיזם מיט זיין מענטשנפיינטלעכער אידעאָלאָ־גיע פון דעם טאָטאַליטאַרן שטאַט; די גרעסטע סכנה איז געווען יענע גייסטיקע רעאַקציע, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער בלינדער און זינט יאָרן אָנהאַלטנדיקער פאַרגעטערונג פון מלוכהשאַפט און האָט די מענטשן ביז טיף אין די אַרבעטערשאַפט־שיכטן געמאַכט אויפנעם־פעאיק פאַר די ווילדסטע אידעען פון אַ פּאָליטישן קאַניבאַליזם.

די .I.A.A האָט פון אָנהייב אָן געהאַט צו קעמפן מיט גרויסע שוועריקייטן. דער רוב פון אירע לאַנד־פעדעראַציעס זענען בלויז געווען אַ מינדערהייט אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג פון די פאַרשידענע לענדער, אָבער זי האָט אומעטום געהאַט אַן אינטעליגענטע און באַוווסטזיניקע מיטגלידערשאַפט, וואָס איר השפּעה האָט אָפט ווייט אַריבערגעשטיגן די צאָל פון אירע אָרגאַניזירטע מיטגלידער. דאָס איז געווען בעיקר אין שוועדן, האָלאַנד און אויך אין דייטשלאַנד אין יענע קעמפערישע יאָרן, ווען די דייטשע באַוועגונג האָט געהאַט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון איר אַנטוויקלונג. אָבער דאָס שווערגעוויכט פון דער .I.A.A האָט זיך געפונען אין די לאַטייניש לענדער, ווו דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם האָט זינט די יאָרן פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל תּמיד געקאָנט אָנהאַלטן אַ שטאַרקן איינפלוס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט דערמעגלעכט אונזערע דאָרטיקע לאַנד־פעדעראַציעס אונטערצונעמען גרויסע זעלבסטשטענדיקע אַקציעס.

די .C.N.T אין שפּאַניע און די .C.G.T אין פּאָרטוגאַל זענען געווען די שטאַרקסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון יענע לענדער. די .C.N.T האָט געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע און קעמפערישע פאַרגאַנגענהייט און האָט אין איר העלדישן ווידערשטאַנד קעגן פראַנקאָ און זיינע דייטשע און איטאַליענישע אַליאירטע באַוויזן, וואָס אַ פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט אַ פרייהייטלעכן גייסט, איז בכוח אויפצוטאָן. אויך די FORA אין אַרגענטינע, וואָס האָט הינטער זיך אַזאַ לאַנגע און אין קאַמפן רייכע געשיכטע, איז נאָך דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. די Unione Sindacaleאין איטאַליע האָט וואָס אַן אמת זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן לויט דער צאָל פון אירע מיטגלידער מיט דעם אַלגעמיינעם איטאַליענישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אָבער זי איז געווען אַ מינדערהייט, מיט וועלכער מען האָט זיך געמוזט רעכענען, קודם כל וויל דורך דער שטאַרק אַנטוויקלטער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָט זי אויסגעשפּרייט איר איינפלוס אויף די אַקטיווסטע כוחות פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם אין איטאַליע און טאַקע דערפאַר האָט זי געקאָנט שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע ביי דעם באַזעצן די פאַבריקן אין 1920. בלויז די פראַנצויזישע באַוועגונג, וואָס האָט אַמאָל אַזויפיל ביי געשטייערט צו דער פאַרשפּרייטונג פון דעם סינדיקאַליזם אין אייראָפּע, האָט אָנגעווירן איר אַלטע פּאָזיציע, נאָכדעם ווי די .C.G.T.U איז אַריינגעפאַלן צו די קאָמוניסטן אין די הענט. פאַר דער .I.A.A איז דאָס געווען אַ גרויסער און שטאַרק פילבאַרער פאַרלוסט, וואָס האָט דעמאָלט אויף אונז אַלע געמאַכט אַ זייער שווערן איינדרוק.

די לאַנד־פעדעראַציעס פון דער .I.A.A האָבן אין אַלע גרויסע קאַמפן פון יענער אויפגעברויזטער צייט אָרנטלעך דערפילט זייער חוב; זיי האָבן געטון אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן די אַנשיקעענישן פון יענער צייט, אָבער זיי זענען נישט בכוח געווען אָפּצושטעלן די אומגליק־

לעכע צעשפליטערונג, וואָס איז דעמאָלט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער אַל־געמיינער אַרבעטער־באַוועגונג דורך די אינערלעכע קאַמפן פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און בעיקר דורך די אומענדלעכע אינטריגעס פון קאָמינטערן. ווען נישט דאָס דאָזיקע ממש משוגעתדיקע אַליין־צעפרעסן זיך פון דער אַרבעטער־שאַפט אין אַ צייט, ווען עס איז אַזוי נויטיק געווען ישוב הדעת און אָרגאַנישע צוזאַמענאַרבעט, וואָלט דעם פאַשיזם קיינמאָל נישט געווען געלונגען זיך אַריינ־צוקריגן אין זאָטל און די וועלט וואָלט זיך געווען איינגעשפּאָרט דאָס רויטע מבול פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין זאַך אָבער האָט די I.A.A. דאָך דורכגעפירט: זי האָט נישט דער־לאָזט, אַז די נייע מאַכטהאָבער אין מאָסקווע זאָלן אַריינקריגן אין זייער נעץ באַדייטנדיקע טיילן פון דער פרייהייטלעכער באַוועגונג, אויף וועלכע זיי האָבן ספּעציעל געוואָרפן אַן אויג. אין דעם באַשטייט, לויט מיין מיינונג, דאָס גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסט, וואָס די I.A.A. האָט זיך פאַרשאַפט. ווער עס האָט מיטגעלעבט און מיטגעקעמפט אין יענע צייטן, ווייסט ווי שווער עס איז דע־מאָלט געווען צו שווימען קעגן שטראָם און זיך איינצושטעלן פאַר פּרינציפּן, וואָס אפילו אַ סך אַנהענגער פון פרייהייטלעכע שטרעבונגען האָבן אַרויסגע־וואָרפן אין אַלטוואַרג אַריין. דער שטאַרקער אָפּקלאַנג, וואָס די רוסישע רעוואָ־לוציע האָט דעמאָלט געפונען ביי דער אַרבעטערשאַפט פון אַלע לענדער, האָט צוגענומען דעם שכל הישר ביי אַ סך, פון וועלכע מען האָט גראַד געקענט דערוואַרטן אַ בעסער פאַרשטענדעניש. אַ סך באַקאַנטע פאַרשטייער פון פריי־הייטלעכן סאָציאַליזם האָבן דעמאָלט גאַנץ ערנסט געגלויבט, אַז בלויז די דיקטאַטור קאָן ראַטעווען די רעוואָלוציע און האָבן זיך גאַרנישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז זיי געפינען זיך שוין אין לאַגער פון דער קאָנטררעוואָלוציע, אין אַזאַ צייט, בעת עס האָבן זיך געוואַקלט אַלע פּרינציפּן, וואָס זענען דורך אַ פּלאַנמעסיק אָנגעפירטער דעמאָראַליזירונג בכיוון אונטערגעגראָבן געוואָרן, איז לייכט מעגלעך געווען, אַז גאַנצע אָרגאַניזאַציעס זאָלן האָבן געקאָנט דורך שאַפן אין זיי קעמערלעך און געהיימער פּראָפּאַגאַנדע אָראָפּגעפירט ווערן אויף קרומע וועגן, וואָרים עס איז נישטאָ קיין מער פאַרפירערישע זאַך ווי דערפאָלג, אפילו ווען ער פירט אין אָפּגרונט אַריין.

די לייט פון קאָמינטערן האָבן בכיוון געשאַפן די R.G.I., כדי אַריינ־צובאַקומען די סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין זייער נעץ און נישט דורכגעלאָזט קיין שום מיטל, כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. אָבער נישט געקוקט אויף אַלע געהיימע מאַכינאַציעס און אַ ממש פאַרשווענדן געלט, צייט און אַרבעט, איז זיי בלויז געלונגען צו פאַנגען די C.G.T.U. אין פראַנקרייך. אויך אין האָלאַנד האָבן זיי געהאַט מיט דעם N.A.S. אַ קורצן דערפאָלג, וועל־כער איז זיי אָבער צערונען געוואָרן אונטער די הענט, בעת כמעט אַ העלפט פון די מיטגלידער זענען אַרויסגעטרעטן פון דער אַלטער אָרגאַניזאַציע און

געשאַפן אַ נייע סינדיקאַליסטישע לאַנד־פעדעראַציע, וועלכע האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסן צו דער .I.A.A. אַ פאַקט איז, אַז צען יאָר נאָך איר גרינדונג האָט די .R.G.I אין מאָסקווע אויסער די רוסישע סינדיקאַטן, וואָס זענען געווען בלויז נאָך איינע אַן אינסטיטוציע פון דער רוסישער מלוכה, דער .C.G.T.U אין פראַנקרייך און דער אַזויגערופענער רויטער סינדיקאַליסטישער אָפּאָזיציע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן איינפלוס, מער נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַווייזן ווי מיט אַ פּאָר רעשטלעך, וועלכע זענען איבערגעבליבן פון די סינדיקאַטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און עטלעכע אָפּגעשפּאָלטענע גרופּעס אין באַלקאַן און אַזיע, וואָס האָבן צום גרעסטן טייל עקזיסטירט בלויז אויפן פּאַפּיר. ביי אַט די באַדינגונגען האָט די .R.G.I קוים געקאָנט באַצייכנט ווערן ווי אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַל. די .I.A.A האָט איר פון אָנהייב אָן קאַליע געמאַכט דאָס שפּיל אין דעם ריכטיקן איינזען, אַז יעדע הנחה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דער דיקטאַטור פון דעם רוסישן מלוכה־קאַפּיטאַליזם ,איז פאַר דעם סאָציאַליזם געווען אַ פאַרלוירענע פּאָזיציע און פאַר דער פרייהייט אַ צוואַנג־העמד, ביי וועלכן די רויטע פאַרפוצונג האָט נישט געקאָנט פאַרמאַסקירן די ברוטאַלע ווירקלעכקייט. איך בין דעריבער נאָך היינט ביי דער מיינונג, אַז די גרינדונג פון דער .I.A.A איז געווען צוגעפּאַסט צו די דעמאָלטיקע באַדינגונגען און נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן האָט זי דורכגעפירט אַ נויטיקן און וויכטיקן ציל.

דורך דעם זיג פון פאַשיזם אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם רוב לענדער פון אייראָפּע אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. אויך צו דער טעטיקייט פון דער .I.A.A האָט דורכדעם גענומען אַ סוף. כמעט אַלע אירע אַמאָליקע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס זענען געפאַלן קרבנות דורך די שרעקלעכע געשעענישן פון דער צייט. זי האָט אפילו איר אינטערנאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט אַריבערגעפירט קיין שוועדן, דאָס איינציקע לאַנד, ווו די סינדיקאַליסטישע באַוועגונג האָט אין יענער צייט פון גרויסער דעקאַדענץ ביי די פעלקער און בלוטיקער פאַרוויסטונג געקאָנט אָנהאַלטן איר אַלטן פּלאַץ; אָבער דאָס גרעסטע, וואָס דער סעקרעטאַריאַט האָט ביי די דאָזיקע באַדינגונגען געקאָנט טון, איז געווען דאָס אָנהאַלטן דאָס ביסל פאַרבינדונגען, וואָס זענען נאָך געהאַט איבערגעבליבן. אַ פאַקט איז, אַז מיט דער מפּלה פון שפּאַנישן בירגער־קריג, אין וועלכן אונזער אייגענע באַוועגונג האָט געשפּילט אַזאַ הערלאָישע ראָלע, איז אויך דער גורל פון דער .I.A.A געחתמעט געוואָרן.

אָבער נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך געפונען אין אַ גאַנץ נייער וועלט־לאַגע, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט פּשוט אָנהייבן דאָרט, ווו מען האָט פריער געהאַט אויפגעהערט. אונטער דעם פּאַראַליזירנדיקן איינפלוס פון רוסישן אימפּעריאַליזים אין די מזרח־לענדער פון אייראָפּע איז דערווייל אויסגעשלאָסן יעדע מעגלעכקייט אויפצוּוועקן צו אַ ניי לעבן די אַלטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פריער געהערט צו דער .I.A.A אין פּוילן,

טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך און בולגאַריע. אָבער אויך אין איטאַליע, דייטש־לאַנד, האָלאַנד און בעלגיע איז ביז איצט נישט מעגלעך געווען ווידער אויפ־צולעבן די באַוועגונג אין איר אַלטער פאָרעם. די סינדיקאַלע באַוועגונג אין פראַנקרייך איז אינגאַנצן צעשפּליטערט; איר גרויסע מערהייט גייט נאָך אַלץ נאָך די אָנווייזונגען פון די קאָמוניסטן און די קליינע אָרגאַניזאַציע פון די ווירקלעכע סינדיקאַליסטן איז ביז איצט נישט געווען בכוח צו געווינען אַ ממשותדיקן איינפלוס. וואָס שייך דער שפּאַנישער באַוועגונג, וועלכע איז פריִער געווען דער שטאַרקסטער מיטגליד פון דער .I.A.A, איז זי נאָך אַלץ גע־צווונגען צו פירן אין שפּאַניע גופא אַן אונטערערדישע עקזיסטענץ אָדער צו אַנטוויקלען איר טעטיקייט צווישן די שפּאַנישע עמיגראַנטן אין אויסלאַנד. אָבער ווי נויטיק עס מעג זיין אַזאַ טעטיקייט ביי אַרויפגעצוווּנגענע באַדינגונ־גען, טאָרן מיר אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז סאָציאַלע באַוועגונגען און בעיקר אַזאַ מעכטיקע פאָלקס־באַוועגונג ווי די .C.N.T איז געווען אין שפּאַ־ניע, קענען נאָר עקזיסטירן אין דער פולער עפנטלעכקייט, ווו זיי האָבן די גאַנצע מעגלעכקייט אָנצונעמען אַ שטעלונג צו אַלע פּראָבלעמען פון דער צייט און פון אייגענעם לאַנד און ברענגען צום אויסדרוק אירע שעפערישע כוחות. איך בין נאָך אויך היינט פעסט איבערצייגט, אַז אונזער שפּאַנישע באַוועגונג, וועלכע פאַרמאָגט אַזאַ לאַנגע און באַרימטע פריהייטלעכע טראַדיציע, וועט צוריק באַקומען איר פריִערדיקן כוח, ווען זי וועט זיך ווידער קענען פריי אַנט־וויקלען אויף דער היימאַטלעכער ערד און איך האָף פון גאַנצן האַרץ, אַז די דאָזיקע צייט וועט גאָר גיך קומען. דעמאָלט וועלן אויך געלייזט ווערן אַלע קעגנזאַצן און פּראָבלעמען, וואָס מוזן אַנטשטיין ביי אַזעלכע אומגינסטיקע און טראַגישע פאַרהעלטענישן און וואָס קענען נאָר באמת געלייזט ווערן, ווען זייער ווערט אָדער אומווערטיקייט קאָן אויסגעפּרוווט ווערן דורך פּראַקטישע עקס־פּערימענטן און סאָלידאַרישער צוזאַמענאַרבעט.

אויך אין פּאָרטוגאַל איז אונזער באַוועגונג נאָך אַלץ געצוווּנגען צו פירן אַן אונטערערדישע עקזיסטענץ; אין אַרגענטינע ווערט זי וואָס אַמאָל מער אונטערדריקט און געשטערט אין איר טעטיקייט דורך דער דיקטאַטור פּונקט אַזוי ווי אין דעם רוב אַנדערע דרום־ און מיטל־אַמעריקאַנער לענדער. אַפילו אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס, וואָס דער סעקרעטאַריאַט האָט שוין לאַנג געהאַט געפּלאַנט אין שטאָקהאָלם, וועט ווייניק קענען ענדערן די דאָזיקע לאַגע. מיט באַוועגונגען קאָן מען טאַקע דורכפירן קאָנגרעסן, אָבער דורך קאָנגרעסן איז נישט אַזוי לייכט צו שאַפן אַ באַוועגונג.

וואָס ביים היינטיקן טאָג איז קודם כל נויטיק, איז אָנצונעמען אַ קלאָרע שטעלונג צו די נייגעשאַפענע פּראָבלעמען פון אונזער צייט און געפינען מיט־לען און וועגן זיך מיט זיי אויפן בעסטן אופן אַן עצה צו געבן. עס איז היינט אין אַלע לענדער, ווו עס איז נאָך מעגלעך זיך פריי אַרויסצוזאָגן, פאַראַן אַ סך סימנים, אַז עס האַלט אין אָנקומען אַ ווידעראויפלעבונג פון פרייהייטלעכן

גייסט און אויך נייע גרופּירונגען, וואָס זענען אויסגעוואַקסן פון קריזן, וועל-
כע האָבן פריִער נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא מיט אונזער באַוועגונג.
דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז עס הייבט זיך דאָ אָן אַ פלוצלינגע איבער-
לעבּע ענדערונג, כדי צו שאַפן אַ קעגנגעוויכט קעגן דער טאָטאַלער רעאַקציע
פון דער צייט און מעגלעך צו מאַכן אַ נייעם אָנהייב. אַרומצונעמען די דאָזיקע
קרייזן און זיי צו באַפרוכפּערן מיט דעם געדאַנקענגאַנג פון פרייהייטלעכן סאָ-
ציאַליזם איז אַן עובדה, וואָס איז כדאַי יעדע מי.

אָבער וועגן דעם וועט גערעדט ווערן אין לעצטן קאַפּיטל פון דאָזיקן ווערק.

רוסישע עמיגראַנטן אין בערלין

אין יענער צעשטורעמטער צייט, ווען דאָס לאַנד איז נאָך כסדר אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך גרויסע אינערלעכע דערשיטערונגען, האָבן אין בערלין געלעבט אַ סך באַקאַנטע חברים פון פאַרשידענע לענדער. די מייַנסטע זענען געווען פּאָליטישע פּליטים, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער היים און זיי האָבן אין דייטשלאַנד געזוכט אַ מקום מקלט. אַנדערע זענען געווען בלויז ציַיטווייליק אויף באַזוך אָדער אויף אַ דורכרייזע.

די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין דייטשלאַנד זענען דעמאָלט געווען זייער שווערע. עס האָבן זיך געפונען מיליאָנען אַרבעטלאָזע, וועלכע האָבן געמוזט אויסגעהאַלטן ווערן פון דער רעגירונג, כדי נישט אויסצוגיין פון הונגער. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען איז די לאַגע פון די פּאָליטישע פּליטים, וועלכע האָבן על פּי רוב געמוזט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד יאָרנלאַנג, גאָרנישט געווען קיין ראָזיקע. פּונקט ווי אין די מייַנסטע אייראָפּעאישע לענדער אין יענער צייט, איז אויך אין דייטשלאַנד נישט דערלויבט געווען פאַר ערשט איינגעוואַנדערטע אויסלענדער אָנצונעמען צו אַרבעט. בלויז אין גאָר ווייניקע און אויסערגעוויינלעכע פאַלן איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם פון דעם דאָזיקן כלל.

עס איז דעריבער פאַר די דייטשע חברים נישט געווען קיין לייכטע זאַך צו פאַרזאָרגן די אויסלענדישע קאַמעראַדן אַפילו בלויז נאָר מיט דעם נויטיקסטן, כדי זיי זאָלן קענען דורכלעבן. די מייַנסטע פון אונז האָבן דעמאָלט קוים געהאַט זייער אויסקומעניש; אַ סך טויזנטער זענען אַליין געווען אָן אַרבעט, און אַפילו יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ ביסל אָדער אַ גאַנצע באַשעפטיקונג, זענען מייַנסטנס געווען אין באַדינגונגען, וועלכע עס איז שווער צו באַשרייבן. פונדעסטוועגן האָבן די דייטשע חברים דערפילט זייער חוב לגבי די אויסלענדישע קאַמעראַדן אין אַ מאָס, וואָס רופט אַרויס ביי מיר נאָך היינט באַוווּנדערונג און נחת רוח.

די מייַנסטע פּליטים האָבן, פאַרשטייט זיך, געלעבט אין בערלין. נישט אַלע זענען געווען איינגעמאָלדן ביי דער מאַכט. אַ סך האָבן מחמת דער אָדער יענער סיבה אָפּט געלעבט יאָרנלאַנג אומלעגאַל, וואָרים אין יענער אומרואי-

קער צייט האָט די פּאָליציי געהאַט גענוג צו טון מיט די אייגענע בירגער, אַז זי זאָל זיך אויך נאָך קענען פאַרנעמען מיט יעדן אויסלענדער. ווען די צאָל פּליטים איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן, זענען אויך צוגעצויגן געוואָרן די חברים פון דער פּראָווינץ. יעדער מיטגליד פון דער F.A.U.D. איז באַשטייערט געוואָרן מיט אַ באַזונדערן אָפּצאָל, וואָס איז צוזאַמען מיט דעם מיטגליד־אָפּצאָל איינקאַסירט געוואָרן, כדי צו פאַרלייכטערן די חברים אין בערלין זייער שווערע אויפגאַבע. אויף אַזאַ אופן איז פאַר אַלע געזאָרגט געוואָרן און איך האָב מיט יאָרן שפּעטער געקאָנט פעסטשטעלן פון אייגענער דערפאַרונג, אַז יענע אויסלענדישע קאַמעראַדן האָבן תמיד געדענקט צום גוטן די דייטשע חברים.

צום ערגסטן איז דעמאָלט געווען מיט דעם וווינונג־ענין. בעת דער מלחמה האָט מען נישט געבויט און נאָך דער מלחמה איז נישט געווען קיין געלט כדי צו בויען. אַ סך יונגע סאָלדאַטן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון פראָנט און האָבן דערנאָך חתונה געהאַט, זענען אָפט געווען געצוווּנגען צו וווינען מיט זייערע פרויען ביי די עלטערן, ביז עס איז זיי געראָטן צו פּאַקן ערגעץ אַן אייגענע וווינונג. וואָס עס האָט באַדייט דער דוחק אין אַ וווינונג, האָב איך מיך דערוווּסט פון אייגענער דערפאַרונג. ווען אונזער פריינט ווילהעלם ווערנער האָט פיר חדשים נאָך אונזער אָנקומען קיין בערלין קוים געקאָנט אונז פאַרשאַפן אַ וווינונג פון צוויי קליינע צימערן מיט אַ קיך אין נייקעלן, איז דאָס פאַר אונז געווען אַן אמתער יום טוב. באַלד דערנאָך איז אונזער עלטערער זון צוריקגעקומען פון דער ענגלישער מלחמה־געפאַנגענשאַפט און האָט געמוזט, פאַרשטייט זיך, ביי אונז וווינען. שפּעטער איז אויך מיין שוואָגער ערנסט זימערלינג אָנגעקומען קיין בערלין און היות ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין אַנדער אָרט, האָט מען אים אויך געמוזט אַריינגעמען צו אונז. ווען עס איז שפּעטער מיט עטלעכע חדשים געקומען פון ענגלאַנד זיין פרוי, מיליס שווסטער פּאָלי, האָט זי דאָך אויך געמוזט אַריינגענומען ווערן צו אונז. אַזוי האָבן מיר זאַלבע זעקס געוווינט אין דריקנדיקער ענגשאַפט, ביז עס איז ענדלעך אין פיר יאָר אַרום צוגעטיילט געוואָרן פון וווינונג־אַמט פאַר ערנסט און פּאָלי אַן אייגענע דירה.

מען קאָן זיך בכן פאַרשטעלן, ווי שווער עס איז געווען ביי די דאָזיקע נעבעכדיקע באַדינגונגען צו פאַרזאָרגן אויסלענדישע חברים מיט אַ דירה. פונדעסטוועגן האָבן אונזערע בערלינער חברים גובר געווען אַלע שוועריקייטן, אָפטמאָל אַפילו ביי די גרעסטע אָנשטרענגונגען. כל זמן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינצלנע פּליטים, איז די זאַך נאָך נישט געווען אַזוי שווער. די לאַגע איז אָבער שאַרפער געוואָרן, ווען עס זענען אָפטמאָל אָנגעקומען אין איין צייט גאַנצע גרופּעס.

דעם שווערסטן פאַל פון דעם מין האָבן מיר געהאַט אין יאַנואַר 1922. אין איינעם אַ טאָג זענען אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער F.A.U.D.

געקומען אונזערע רוסישע קאַמעראַדן מאַרק מראַטשני און ג. פּ. מאַקסימאָוו און האָבן דערציילט פאַר פריץ קאַטער, אַז זיי און נאָך אַכט אַנדערע קאַמעראַדן, די חברים וו. מ. וואָלין, מ. פּ. וואָראָביאָוו, ג. א. גאָרעליק, פּ. מיכאַילאָוו, א. פעלדמאַן, י. א. יודין, ע. יאַטשוק און פּ. קאָנסטאַנטין מיט זייערע פאַמיליעס זענען אין פּאָרט פון שטעטין פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די דייטשע פּאָרט-באַאַמטע.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גאַנץ אויסערגעוועגלעכן פאַל. יענע צען חברים זענען שוין געהאַט געזעסן אַ לענגערע צייט אין דער טאַגאַנקאַ-תפיסה אין מאָסקווע, הגם עס איז קעגן זיי, חוץ זייער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, נישט געווען קיין שום באַשולדיקונג. היות עס איז נישט געווען פאָראויסצוזען קיין סוף צו זייער זיצן אין תפיסה, האָבן זיי דערקלערט אַ הונגער-שטרייק, כדי אַרויפצוצווינגען אַ דעציזיע. דער שטרייק האָט געדויערט צען מיט אַ האַלבן טאָג און אונזערע חברים וואָלטן אים אַוודאי געווען אָנגעהאַלטן ביז צום ביטערן סוף, ווען עס וואָלט נישט געווען אונטערגעקומען אַ סיבה, וואָס האָט גורם געווען אַ פּלוצלינגע ענדערונג אין זייער גורל.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע דער קאָנגרעס פון דעם רויטן סינדיקאַלן אינטערנאַציאָנאַל. אויף וועלכן עס זענען אויך געווען פאַרטרעטן אַ גרעסערע צאָל סינדיקאַליסטישע דעלעגאַטן, ווייל לענין און זיינע אָנהענגער האָבן נאָך דעמאָלט אַלץ געגלויבט, אַז זיי וועלן די פרייהייטלעכע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס קענען געווינען פאַר זייער זאַך. ווען די סינדיקאַליסטישע דעלעגאַטן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם הונגער-שטרייק פון זייערע רוסישע חברים, האָבן זיי באַלד דערקלערט אַ פּראָטעסט און געפאָדערט צו באַפרייען די אַרעסטירטע. אויף דעם קאָנגרעס גופא איז דערגאַנגען צו שטורמישע סצענעס ,ביז עס איז לסוף דערפירט געוואָרן צו אַן אויסגלייך צווישן דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די סינדיקאַליסטישע דעלעגאַטן. די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט זיך דערקלערט גרייט אַרויסצולאָזן אונזערע קאַמעראַדן פון אַרעסט, אָבער נאָר מיט דעם תנאי, אַז מען וועט זיי אַרויסשיקן אין אַן אַנדער לאַנד. דער אָפּמאַך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ לענגערן דאָקומענט, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך די שפּאַנישע דעלעגאַטן אַרלאַנדיס און לעוואַל און דורך די פראַנצויזישע אַנאַרכאָסינדיקאַליסטן סיראָל און מישעל. פאַר די רוסישע חברים האָט זיך אונטערגעשריבן אַלעקסאַנדער שאַפּירא; פאַר דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי לונאַטשאַרסקי. אַלעקסאַנדער בערקמאַן, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט מיט עמאַ גאָלדמאַן אין מאָסקווע, האָט אויך באַדאַרפט אונטערשרייבן דעם דאָקומענט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון מיט דעם אַרגומענט, אַז ער איז אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון וועלכע עס איז דעפּאָרטאַציעס.

עס איז באמת געווען אַ מאָדנע דאָקומענט. קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען האָבן אַפּט אַרויסגעשיקט „לעסטיקע אויסלענדער" פון זייערע לענדער; אָבער דאָ האָט זיך דאָך נישט געהאַנדלט וועגן אויסלענדער, נאָר וועגן געבוירענע רוסן. ווען ביסמאַרק האָט אין דער צייט פון דעם סאָציאַליסטן־געזעץ אין דייטשלאַנד געוואָלט פאַרשאַרפן דאָס דאָזיקע געזעץ און צוגעשטעלט דעם רייכסטאָג אַ פּראָיעקט, וואָס האָט דער רעגירונג געוואָלט געבן דאָס רעכט אַרויסצושיקן פון דייטשלאַנד דייטשע בירגער, מחמת זיי זענען סאָציאַליסטן, אויב זי וועט דאָס האַלטן פאַר נויטיק, האָט דער רייכסטאָג אָפּגעוואָרפן דאָס דאָזיקע מיט דער באַגרינדונג, אַז קיין שום ציוויליזירטע מלוכה קאָן נישט נעמען אויף זיך די מאָראַלישע אַחריות צו פאַרטרייבן אין לאַנד־געבוירענע פון זייער היימלאַנד. דאָס, וואָס עס איז געווען אוממעגלעך אין קייזערלעכן דייטשלאַנד אין דער צייט פון דער ערגסטער רעאַקציע, איז פאַר די נייע מאַכטהאָבער אין קרעמל נישט געווען קיין מניעה צו פאַרטרייבן מענטשן פון זייער היימישער ערד, נאָר דערפאַר ווייל זייערע מיינונגען זענען פאַר זיי נישט געווען באַקוועם. דאָס רויטע פאָטערלאַנד פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט אָפּנים באַדאַרפט אַן אַנדער מין פּאָליטישע מאָראַל, וואָס איז ביז דעמאָלט נישט געווען באַקאַנט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אונזערע חברים האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער רעגירונג, ווייל עס איז זיי נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה. זיי האָבן גוט געטון, וואָרים ווען זיי זאָלן געווען בלייבן אין רוסלאַנד, וואָלטן זיי שפּעטער בלי ספק ליקווידירט געוואָרן, פּונקט אַזוי ווי אַ סך טויזנטער וועלכע זענען געפאַלן קרבנות פון דער רויטער טעראָר־הערשאַפט. דעם 5טן יאַנואַר 1922 איז דורכגעפירט געוואָרן דאָס אַרויסשיקן. די רעגירונג האָט אונזערע חברים פאַרזאָרגט מיט פאַלשע פּעסער און זיי אָנגעגעבן ווי טשעכישע מלחמה־געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים. דורך דער דאָזיקער פעלשונג פון קלאָרע פאַקטן האָבן, פאַרשטייט זיך, פאַר אונזערע חברים געמוזט אַרויסקומען גרויסע שוועריקייטן. ווען די שיף איז ענדלעך נאָך אַ לאַנגער און שווערער רייזע אָנגעקומען קיין שטעטין, האָבן די אַרויסגעשיקטע באַלד דערקלערט די דייטשע פּאַרט־באַאַמטע, אַז זיי זענען נישט קיין טשעכן, נאָר רוסן, וועלכע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער היימלאַנד מחמת זייער פּאָליטישער איבערצייגונג. די זאַך איז נישט געווען קיין פּשוטע, וואָרים עס האָט זיך צוזאַמען מיט די פאַמיליעס געהאַנדלט וועגן עטלעכע און צוואַנציק נפשות. דערצו איז נאָך צוגעקומען די משונהדיקע געשיכטע מיט די פאַלשע פּעסער, וואָס האָט געמוזט צעטומלען די דייטשע באַאַמטע. דאָך האָבן די פאָרשטייער פון דער בירגערלעכער רעפּובליק אין דייטשלאַנד אַרויסגעוויזן מער מענטשלעכע פאַרשטענדעניש ווי די פאָרשטייער פון דער אַזויגערופענער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין מאָסקווע. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָט דער פאָרשטייער פון די פּאָרט־באַאַמטע אין שטעטין דערלויבט די אַרויסגעשיקטע אויסצוויילן

צווי פון צווישן זיך, וואָס זאָלן פאָרן קיין בערלין, כדי זיך צו שטעלן אין פאַר־בינדונג מיט זייערע דייטשע קאַמעראַדן. אויב אונזער אָרגאַניזאַציע וועט זיך דערקלערן גרייט צו זאָרגן פאַר דער אויסהאַלטונג פון די דעפּאָרטירטע, וועט מען נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן פאַר דעם אַריינקומען אין לאַנד.

אַזוי אַרום זענען מאַקסימאָוו און מראַטשני געקומען קיין בערלין, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט אונז. אויב מען זאָל זיי נישט געווען געבן די דאָזיקע דערלויבעניש, וואָלט גאַנץ מעגלעך געווען, אַז מען זאָל אונזערע חברים ווי־דער צוריקשיקן קיין רוסלאַנד און מיר זאָלן נישט האָבן דערפון דעם מינדסטן באַגריף. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן די דאָזיקע אַלע זאַכן, איז פריץ קאַטער באַלד אַוועק צום בערלינער פּאָליציי־פּרעזידיום און זיך מתחייב געווען דורך זיין אונטערשריפט, אַז די F.A.U.D. וועט נעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות פאַר די ניי־אָנגעקומענע. די זאַך איז תיכף דערלידיקט געוואָרן, און נאָכדעם ווי דאָס איז געשען, האָבן די פאַרבליבענע חברים אין שטעטין גלייך באַקומען די דערלויבעניש צו פאָרן קיין בערלין, ווו איך האָב מיך באַלד באַקענט מיט אַלע.

היות מיר זענען לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט אויף אַזאַ מין פאַל, זענען מיר אַלע געווען שטאַרק פאַרנומען מיט שאַפן פאַר די רוסישע חברים אַ דערווייליקן מקום מקלט, ביז מיר וועלן ביסלעכווייז קענען אויסגעפינען בעסערע דירות. אָבער די בערלינער חברים האָבן אויך אין דעם דאָזיקן שווערן פאַל באַוויזן, אַז דער באַגריף פון קעגנזייטיקער הילף איז פאַר זיי נישט געווען קיין פוסטער קלאַנג. טייל פון די רוסישע חברים זענען בלויז אַ קורצע צייט געבליבן אין דייטשלאַנד און שפּעטער אַוועקגעפאָרן אין אַנ־דערע לענדער; אַנדערע אָבער זענען יאָרן לאַנג געבליבן אין בערלין, ביז עס האָט זיך זיי געמאַכט אַ געלעגנהייט צו קענען פאַרלאָזן דייטשלאַנד. צווישן זיי זענען געווען אַ גרויסע צאָל הויכטאַלענטירטע מענטשן און פּרעכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע איך האָב אויפריכטיק ליב באַקומען און געשעצט און מיט וועלכע איך בין אויך אין די שפּעטערע יאָרן געבליבן פאַרבונדן דורך אַ נאָענטער פריינטשאַפט.

איינער פון אונזערע בעסטע צווישן זיי איז געווען גריגאָרי פּעטראָוויטש מאַקסימאָוו. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1893 אין דעם רוסישן דאָרף מיט־סוטשינאָ אין דער סמאָלענסקער פּראָווינץ און האָט געשטאַמט פון אַ ריין פּוי־ערישער סביבה. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיינע ערשטע שול־יאָרן, האָבן אים זיינע עלטערן אַוועקגעשיקט קיין וולאַדימיר אין סעמינאַר, כדי צו לערנען אויף אַ גייסטלעכן. אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז ער איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ קאַריערע און האָט פאַרלאָזט דעם סעמינאַר, איידער ער האָט פאַרענדיקט זיין שטודיום. ער איז דעמאָלט אַוועק קיין פּעטערבורג, ווו ער האָט געלערנט אין דער הויכשול פאַר אַגריקולטור און אין 1915 אָפּגע־געבן עקזאַמען אויף אַגראָנאָם.

מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט מאַקסימאָוו זיך באַקאַנט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער סטודענט. זייענדיק פון דער נאַטור אַן אומדערמידלעכער זוכער פון נייע געביטן פון וויסן, האָט ער זיך פאַרטיפט אין די פּראָגראַמען פון די פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, ביז עס איז אים דורך אַ צופאַל געקומען אין די הענט אַריין עטלעכע שריפטן פון קראָפּאָטקין און סטעפּניאַק און באַלד דערנאָך צוויי ווערק פון באַקונין. פון אַלע אַנאַרכיסטישע דענקער האָט באַקונין געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק אויף מאַקסימאָוון. די דרייסטע שפּראַך פון דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער און די אומבאַצווינגלעכע קראַפט פון זיינע מאָטיווירונגען האָבן דעם יונגן סטודענט איינגאַנצן אַריינגענומען אין זייער מאַכט, כדי אים שוין קיינמאָל נישט פריי־צולאָזן. זינט 1912 האָט מאַקסימאָוו זיך שוין געפילט ווי אַן אַנאַרכיסט און איז געווען טעטיק צווישן די פּעטערבורגער סטודענטן און די פּויערים פון דער סביבה פאַר זיינע אַנשויאונגען. הגם ער איז געווען אַ קעגנער פון מלחמה, איז ער אין 1915 אַריינגעטרעטן אין דער רוסישער אַרמיי, כדי צו פירן רע־וואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָלדאַטן.

ווען עס איז לסוף געקומען די לאַנגדערוואַרטע רעוואָלוציע, איז מאַק־סימאָוו געווען אין פּעטראָגראַד, ווו ער האָט מיט געווער אין די הענט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן און גלייך געזוכט אַ פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־סינדיקאַטן. ער איז באַלד געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ פאַבריק־קאָמיטעט און אַרויסגעטרעטן אין אַ סך פאַבריק־פאַרזאַמלונגען ווי אַ רעדנער, כדי צו פאַר־שפּרייטן צווישן די מאַסן זיינע אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישע אידעען. אָבער די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש און די באַרימטע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַ־ריאַט האָט באַלד אונטערגעהאַקט די פליגל פון דער רעוואָלוציע. מאַקסימאָוו איז אונטער דעם נייעם רעזשים זעקס מאָל אַרעסטירט געוואָרן. אין 1919 איז ער אין כאַרקאָוו פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. ער איז דעמאָלט געווען אַ סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי; ווען מען האָט אָבער אָנגעהויבן באַנוצן די אַרמיי פאַר פּאָליציי־צוועקן, כדי צו אַנטוואָפענען די פּויערים, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון געהאָרכזאַמקייט און איז דעריבער אַריינגעפאַלן אין דער טויטן־קאַמער. בלויז די ענערגישע באַמיאונגען פון די שטאָל־אַרבעטער סינדיקאַטן האָט ער צו פאַרדאַנקען, וואָס עס איז אים דעמאָלט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דאָס לעבן. זיין לעצטער אַרעסט איז פאָרגעקומען אין מערץ 1921, בעת ער האָט זיך צוזאַמען מיט זיינע חברים באַטייליקט אין דעם הונגער־שטרייק אין דער טאַגאַנקאַ־תפיסה אין מאָסקווע און איז שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד.

איך האָב דעמאָלט אים און זיין דרייסטע לעבנס־באַגלייטערין אָלגאַ, צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בערלין. בעת די דריי יאָר, וואָס די מאַקסי־מאָווס האָבן פאַרבראַכט אין בערלין, האָבן מיר זיך אָפט געזען און מיר זענען נאָענט געוואָרן נישט בלויז ווי אידעע־חברים, נאָר אויך ווי מענטשן. וואָס אַן

אמת האָט דאָס לעבן אין גלות נישט געקאָנט מאַקסימאָוון פאַרטרעטן דאָס רייכע טעטיקייט־פעלד, וואָס ער האָט געהאַט אין רוסלאַנד, אָבער דאָך האָט ער און אָלגאַ זיך באַלד געפילט היימיש אין קרייז פון די דייטשע חברים, וועלכע זיי האָבן תמיד דערמאָנט צום גוטן. אין דעצעמבער 1924 זענען זיי ביידע אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, ווו זיי זענען פאַרבליבן זעקס אָדער זיבן חדשים און דערנאָך אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס לעבן אין גלות איז פאַר אַקטיווע מענטשן אפילו ביי די בעסטע באַדינגונגען נישט לייכט. פאַר מאַקסימאָוון איז דאָס געווען טאָפּלט שווער, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין היימלאַנד און מיט דעם רוסישן פאָלק און עס איז אים שווער געווען זיך איינצולעבן אויף פרעמדער ערד. אַ סך יאָרן האָט ער געהאַלטן אין האָפן, אַז עס וועט אין רוסלאַנד פאָרקומען אַן ענדערונג און ער וועט געפינען אַ געלעגנהייט אַהיימצופאָרן, ביז אויך דער דאָזיקער חלום איז צערונען געוואָרן און ער האָט געמוזט איינזען, אַז זיין שטאַרקער באַגער קאָן נישט מקוים ווערן. אָבער מאַקסימאָוו איז געווען אַן ענערגישער מענטש מיט שעפערישע פעאיקייטן, וואָס האָט, נישט געקוקט אויף די אומגינסטיקע באַדינגונגען, אַ סך אויפגעטון. זיין אַרבעט־פליים דאַרף נאָך העכער אָפּגעשאַצט ווערן, ווייל ער האָט אין אַמעריקע געמוזט פאַרדינען אויף פרנסה ווי אַ טאַפּעצירער און בלויז אין זיינע פרייע שעהען געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט גייסטיקער אַרבעט.

מאַקסימאָוו איז געווען טעטיק ווי אַ מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון אַ גאַנצער ריי רוסישע צייטונגען, וועלכע זענען צום טייל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסלאַנד גופא, ווען דאָס איז נאָך מעגלעך געווען און צום טייל אין אויסלאַנד. אין 1932 האָט ער איבערגענומען די רעדאַקציע פון דיעלאָ טרודאַ פראַבוזשדעניע אין טשיקאַגאָ. ער האָט גראָד געהאַט פאַרענדיקט דעם לעצטן נומער פון זשורנאַל און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.

חוץ זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט האָט מאַקסימאָוו זיך אויך אַרויסגעוויזן ווי אַ רעדנער און פּרוקטבאַרער שריפטשטעלער, וואָס האָט אין משך פון יאָרן אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע ריי ווערטפולע אַרבעטן, צווישן וועלכע עס פאַרדינט ספּעציעל דערמאָנט צו ווערן די ענגלישע אויסגאַבע פון זיין בוך די גילאָטינע ביי דער אַרבעט — צוואַנציק יאָר טעראָר אין רוסלאַנד. דער דאָזיקער באַנד פון 634 גרויסע זייטן איז פאַר אַ נישט־רוס אַן אמתער אוצר פון דאָקומענטאַרישן מאַטעריאַל. די לעצטע אַרבעט מאַקסימאָווס, וואָס האָט אים באַשעפטיקט לאַנגע יאָרן, איז אַ גרעסער ווערק וועגן די לערעס און מעטאָדעס פון מיכאַאיל באַקונין. ער האָט דאָס דאָזיקע ווערק, פון וועלכן עס וועט בקרוב דערשיינען די ענגלישע איבערזעצונג, פאַרענדיקט אינגאַנצן, חוץ דעם אַריינפיר, און ער האָט נאָך באַוויזן צו רעווידירן די ענגלישע איבערזעצונג, איידער ער איז פּלוצלינג אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזערע רייען.

שעפערישע אינטעליגענץ איז אַ מתנה פון דער נאַטור, וועלכע מען קאָן זיך נישט אויסלערנען, נישט מען קען זי עמעצן אויסלערנען; אָבער זי דער־גרייכט איר מיסיע נאָר דעמאָלט, ווען זי ווערט באַפּרוכפּערט פון אַ ריינעם כאַראַקטער און סאָציאַלן מיטגעפיל. איך האָב פאַרבראַכט טייל אינספּירירנ־דיקע שעהען מיט אונזער אומפאַרגעסלעכן פריינט און איך האָב תמיד אויפ־סניי געמוזט דערביי אָפּשאַצן די טיפע מענטשלעכקייט און די לויטערע אייגנ־שאַפטן פון זיין כאַראַקטער. מאַקסימאָוו איז געווען אַ גאַנצער מענטש, אין וועלכן די קלאָרקייט פון געדאַנק און די וואַרעמקייט פון געפיל זענען אויף אַ גליקלעכן אופן געווען פאַראייניקט. פאַר אים איז דער אַנאַרכיזם נישט געווען קיין ענין אויף לעתיד־לבוא, נאָר דער לייטמאָטיוו פון זיין פערזענלעך לעבן, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען אין אַלע זיינע האַנדלונגען. ער האָט פאַר־מאָגט מענטשלעכע פאַרשטענדעניש פאַר יעדער ערלעכער מיינונג, אפילו ווען ער גופא האָט זי נישט געקאָנט אָננעמען. זיין טאָלעראַנץ איז געווען פּונקט אַזוי גרויס ווי זיין חברלעך געפיל פאַר אַלע, וועלכע זענען מיט אים געקו־מען אין קאָנטאַקט. ער האָט געלעבט ווי אַן אַנאַרכיסט, נישט ווייל ער האָט זיך דערצו מתחייב געווען, נאָר ווייל ער האָט נישט געקאָנט אַנדערש, ווייל זיין אינערלעך וועזן האָט אים דערצו באַוויגן, אַזוי צו האַנדלען ווי ער האָט געטראַכט און געפילט. ער האָט נישט געהערט צו יענע טפשים, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין אייגענעם געדאַנק און טאַקע דערפאַר נישט גע־שוינט די גייסטיקע פרייהייט פון אַנדערע, ווייל זיי האָבן זיך תמיד איינגע־רעדט צו האָבן געגומען אין אַרענדע דעם גאַנצן אמת. ער האָט געוווסט, אַז קיינער פון אונז האָט נישט צום פאַרטיילן קיין אַבסאָלוטע אמתן, ווייל אַזעלכע זענען נישט בנמצא, און יעדער קאָן בלויז ערלעך קעמפן און שטרעבן. דע־ריבער איז ער געווען איינער פון די ווייניקע, וועלכע האָבן באמת עפּעס גע־לערנט פון די שרעקלעכע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער לעצטער צייט און האָט תמיד געזוכט נייע אויסזיכטן.

זיין אַש איז נקבר געוואָרן אויפן דייטשן בית עולם אין וואַלדהיים אין טשיקאַגאָ, וווּ עס זענען באַגראָבן אַזוי פיל אַלטע דייטשע אַכט און פערציקער, וווּ עס שטייט דער דענקמאָל פון יענע אַכט מענער, וועלכע האָבן געמוזט שטאַרבן דעם 11טן נאָוועמבער 1887 פאַר זייער איבערצייגונג אָדער שמאַכטן לאַנגע יאָרן אין דער אויסבעסערונג־תפיסה און וווּ אויך וואָלטערין דע קלעיר, עמאַ גאָלדמאַן און טייל אַנדערע האָבן געפונען זייער לעצט מקום מנוחה.

עס איז נישט מעגלעך צו רעדן וועגן מאַקסימאָוון און נישט דערמאָנען זיין טרייע לעבנסבאַגלייטערין אָלגאַ. אויך זי האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ קרבנות־רייך לעבן, ווען איך האָב מיך מיט איר באַקענט אין בערלין. אָלגאַ פריידלין איז נאָך געזעסן אויף דער שול־באַנק, ווען זי איז אַריינגעטרעטן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. שוין אין 1909, ווען זי איז נאָך כמעט אַ קינד געווען ,איז זי פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַכט יאָר צוואַנג־אַרבעט פאַר

שמוגלען און פאַרשפּרייטן פאַרבאָטענע שריפטן. די דאָזיקע שטראָף אָבער איז מחמת איר יונגער עלטער פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער פאַרשיקונג קיין סיביר. מען האָט זי פאַרשיקט אין דער פּראָווינץ יענעסעיסק. דאָרט איז זי פאַרבליבן, ביז עס האָט אין 1917 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און מען האָט זי געבראַכט קיין מאָסקווע. פון דאָרט איז זי אַוועק קיין כאַרקאָוו, ווו זי האָט זיך באַלד גאָר שטאַרק באַטייליקט אין די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און איז ספּעציעל טעטיק געווען אין דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער באַוועגונג און אין די קאָאָפּעראַטיוועס. שפּעטער איז זי אַוועק קיין אוראַל, ווו זי האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער אוראַלער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע און פאַרנומען אַן אַמט אין דעם דאָרטיקן קאָמיטעט פאַר פאָלקס־בילדונג. ווען דער אוראַל איז דעמאָלט אָקופּירט געוואָרן דורך די טשעכאָסלאָוואַקן, האָט זי זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע, ווו זי האָט מיטגעאַרבעט אין די פאַרלאַג־טעטיקייטן פון דער גרופּע. גאָלאָס טרודאַ אין מאָסקווע האָט זי זיך טאַקע באַקענט אין 1918 מיט מאַקסימאָוון. אַ בעסער צוגעפּאַסטע פּאָר קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלן. ביידע זענען געווען ווי באַשאַפן פאַראַנאַנדער און זיי האָבן געלעבט אין דער האַרציקסטער צוגעבונדנקייט, ביז מאַקסימאָווס טויט האָט געמאַכט אַזאַ פּלוצלינגען און פאַר אָלגאַן אַזאַ ווייטיקלעכן סוף צו דעם דאָזיקן אידעאַלן לעבנס־בונד.

צווישן די רוסישע חברים, וועלכע זענען דעמאָלט אָנגעקומען פון שטעטין, האָט זיך אויך געפונען ווסיעוואָלאָד מיכאַילאָוויטש אייכענבוים, וועלכער איז פאַר דעם רוב חברים בלויז גאָר געווען באַקאַנט אונטער זיין ליטעראַרישן נאָמען וואָלין. ווען איך האָב אים דעמאָלט צום ערשטן מאָל באַגעגנט, האָט זיך מיר תחילת אויסגעוויזן, אַז איך זע פאַר מיר אַן אַלטן מאַן, וואָרים זיין קורצע געדיכטע באָרד איז שוין געווען שטאַרק גרוילעך און די האָר פון קאָפּ כמעט ווייס און זייער שיטער. אָבער די קלאָרע און פריינטלעך בליקנדיקע אויגן, דאָס נישט גערונצלטע פּנים און די לעבהאַפטיקע תנועות האָבן מיך באַלד איבערצייגט, אַז מיין ערשטער איינדרוק האָט נישט געקאָנט זיין קיין ריכטיקער. אינדעראמתן איז וואָלין דעמאָלט געווען אַ מאַן, וועלכער האָט קוים געהאַט איבערגעטרעטן דאָס פערציקסטע יאָר.

וואָלין האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע אין דער רוסישער גובערניע וואָראָניעזש, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין 1882. די עלטערן זענען ביידע געווען טעטיק אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע און דעריבער בכוח געווען צו געבן זייערע קינדער אַ גוטע דערציאונג. אַזוי אַרום האָט וואָלין שוין אינדערהיים געלערנט די דייטשע און פראַנצויזישע שפּראַך, וועלכע ער האָט באַהערשט מיט דער זעלבער פליסיקייט ווי זיין רוסישע מוטערשפּראַך. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין אַלגעמיינעם לערן־קורס, האָט ער באַזוכט די אוניווערסיטעט, כדי צו שטודירן יוריספּרודענץ. אָבער זיין שטודיום איז באַלד איבערגעריסן געוואָרן, ווען ער איז אַריינגעטרעטן

אין דער פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1905. ער איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן און דערנאָך פאַרשיקט אויפן אַדמיניסטראַטיוון שטייגער, ביז עס איז אים אין 1907 געלונגען צו אַנטלויפן און אָנצוקומען קיין פראַנקרייך.

אין פּאַריז האָט וואָלין זיך באַקענט מיט דעם קרייז פון רוסישן אַנאַר־כיסט קאַרעלין און אונטער זיין איינפלוס איז ער אַוועק פון דער פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און זינט דעמאָלט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע ענער־גיע דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט שוין אין 1913 געוואָרפן איר שאָטן, האָט וואָלין זיך לעבהאַפטיק באַטייליקט אין דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער גרויסער פעלקער־רציחה און איז געווען אַ מיט־גליד פון דעם פראַנצויזישן קאָמיטעט קעגן דער מלחמה. ביז עס איז אין 1915 אויף אים אויפמערקזאַם געוואָרן די רעגירונג מילעראַן־וויוויאַני און אים געוואָלט פאַרשיקן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אָבער עס איז אים דע־מאָלט געלונגען אַנטרונען צו ווערן פון דעם אַרעסט און מיט דער הילף פון די פראַנצויזישע חברים צו אַנטלויפן קיין באָרדאָ, פונוואַנען עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, בעת זיין פרוי האָט געמוזט מיט פיר קינדער בלייבן אין פּאַריז.

אין אַמעריקע איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס דורך דער פעדעראַציע פון די רוסישע אַרבעטער־פאַרבאַנדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. די דאָזיקע קערפּערשאַפט האָט דעמאָלט געהאַט צען טויזנט מיטגלידער און אַרויסגעגעבן אַן אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישע וואָכנשריפט גאָלאָס טרודאַ. וואָלין האָט זיך באַטייליקט אין דער רעדאַקציע פון דער וואָכנ־שריפט און גערעדט אויף אַ סך פאַרזאַמלונגען, וואָרים ער איז געווען אַ זייער טאַלאַנטירטער רעדנער, וועלכן מען האָט אומעטום גערן געהערט.

ווען עס איז אין 1917 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז ער צוזאַמען מיט דעם גאַנצן רעדאַקציע־שטאַב פון דער וואָכנשריפט צוריקגע־פאָרן אַהיים און דאָרטן זי ווייטער אַרויסגעגעבן אין פּעטראָגראַד. וואָלין איז דאָרט אויסגעוויילט געוואָרן פאַר רעדאַקטאָר פון דעם גאָלאָס טרודאַ וואָס איז צוערשט דערשינען איין מאָל אין וואָך, שפּעטער אָבער יעדן טאָג.

נאָך דעם ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך אין פרילינג פון 1918 איז וואָלין מיט אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע פריוויליק אַוועק קיין אוקראַינע, כדי אָנצוהויבן אַ קאַמף קעגן דער דייטש־עסטרייכישער אָקופּאַציע־אַרמיי. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט ער זיך אין באָבראָוו ווידער צוזאַמענגעטראָפן מיט זיין פאַמיליע, וועלכע ער האָט שוין נישט געהאַט געזען זינט זיין אַנטלויפן פון פראַנקרייך. וואָלין האָט זיך דעמאָלט זייער ענערגיש באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער אַנאַרכיסטישער קאָנפעדעראַציע נאַבאַט, וואָס האָט אין פאַר־

שידענע שטעט אַרויסגעגעבן ציַיטונגען מיט דעם זעלבן נאָמען (נאַבאַט), ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן פאַר דער געגנט פון וואָראָניעזש און אַ לאַנגע ציַיט אויך געווען טעטיק ווי אַ רעדנער און ראַטגעבער אין דער סאָוויעט־אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־אויפקלערונג אין כאַרקאָוו. ער האָט אויך גע־הערט צו די איניציאַטאָרן פון דער אַנאַרכיסטישער קאָנפערענץ אין קורסק, וועלכע האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט דער פראַגע צו פאַראייניקן די אַנאַר־כיסטישע באַוועגונג אין גאַנץ רוסלאַנד אין אַ גרויסער פעדעראַציע. צווישן די רוסישע אַנאַרכיסטן זענען דעמאָלט געווען דריי פאַרשידענע ריכטונגען: די קאָמוניסטישע אַנאַרכיסטן (אָנהענגער פון באַקונינס טעאָריע), די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן און די אינדיווידואַליסטן. וואָלין איז באַפולמעכטיקט געוואָרן דורך דער קאָנפערענץ אויסצואַרבעטן אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, צו וועלכער אַלע דריי ריכטונגען זאָלן זיך קענען אָנשליסן און וועלכע ער האָט באַציכנט ווי אַן אַנאַרכיסטישע סינטעזע. אַ צווייטע קאָנפערענץ פאַר דעם זעלבן צוועק איז שפּעטער פאַרגעקומען אין מאָסקווע, אויף וועלכער וואָלין איז אויך גע־ווען. אָבער צו די אַלע באַמיאונגען איז באַלד געקומען אַ פּלוצלינגער סוף, ווארים די קאָנטררעוואָלוציע אין דער פאָרעם פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַ־טור האָט אַרויסגעוויזן וואָס אַמאָל דייטלעכער איר אמתן כאַראַקטער. די פאַרפאָלגונגען קעגן אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען האָבן אָנגעהו־מען אַ וואָס אַמאָל גרעסערן פאַרנעם. אַ סך אַנאַרכיסטן זענען שוין געזעסן הינטער אייזערנע קראַטעס; זייערע ציַיטונגען זענען געוואָרן פאַרמאַכט, זיי־ערע אָרגאַניזאַציעס אויפגעלייזט. די תקופה פון פריי אַרויסזאָגן אַ מיינונג, וואָס איז אַנטשטאַנען פון דער רעוואָלוציע, איז שוין דערגאַנגען צו איר סוף.

דעמאָלט האָט וואָלין זיך אָנגעשלאָסן צו דער מאַכנאָוושטשינע, צו יענער גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע איז אַזוי אָנגערופן געוואָרן אויף דעם נאָ־מען פון איר פירער נעסטאָר מאַכנאָ און וואָס האָט אין משך פון דריי יאָר געהאַלטן גרויסע טיילן פון אוקראַינע אין איר מאַכט. און דער דאָזיקער רע־בעלן־אַרמיי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט פאַר קולטור און דער־ציאונג, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע באַקאַנט צו מאַכן די באַפעלקערונג דורך וואָרט און שריפט מיט די צילן און שטרעבונגען פון דער באַוועגונג און וואָלין איז באַשטימט געוואָרן פאַר אָנפירער פון דעם קאָמיטעט. זעקס חדשים האָט ער אויף דעם דאָזיקן אַמט דורכגעפירט אַן אָנשטרענגענדיקע און פרוכט־באַרע טעטיקייט, ביז ער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און אין דעם דאָזיקן צושטאַנד געפאַנגען געוואָרן אין יאַנואַר 1920 נעבן קריוואָיראָג דורך אַגענטן פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, וואָס האָבן אים פאַרשלעפּט קיין מאָסקווע און איבערגעגעבן דער טשעקאַ.

עס קען זיין, אַז צו וואָלינס טעטיקייט וואָלט שוין דעמאָלט געווען גע־קומען אַ פּלוצלינגער סוף, ווארים טראָצקי האָט שוין געהאַט באַפוילן אים צו טייטן, ווען די באָלשעוויסטישע רעגירונג, וואָס איז דעמאָלט שטאַרק באַדריקט

געוואָרן פון דעניקינס קאָנטערערוואָלוציאָנערע טרופּעס, זאָל נישט געווען זיין געצוואונגען צו שליסן מיט מאַכנאָ אַן אָפּמאַך, כדי צו באַקעמפן דעם בשות־פותדיקן שונא. איינער פון די ערשטע פונקטן אין יענעם אָפּמאַך איז געווען פרייצולאָזן אַלע געפאַנגענע אַנאַרכיסטן. אַזוי אַרום האָט וואָלין אין אָקטאָבער 1920 צוריק באַקומען זיין פרייהייט און איז אַוועק קיין כאַרקאָוו, ווו די קאָנפעדעראַציע נאַבאַט האָט צוגעגרייט אַן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס, וועלכער האָט געזאָלט פאַרקומען דעם 25סטן דעצעמבער. אָבער ערב דעם קאָנגרעס איז וואָלין ווידעראַמאָל אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין מאָסקווע, פונוואַנען ער איז שפּעטער, מחמת די שוין דערמאָנטע געשע־ענישן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד און באַלד דערנאָך מיט זיינע אַנ־דערע אחים לצרה אָנגעקומען קיין בערלין.

אויך דאָרט איז ער באַלד געוואָרן אינטענסיוו טעטיק. היות ער האָט פולשטענדיק באַהערשט די דייטשע שפּראַך, האָט ער אָפט געהאַלטן רעפע־ראַטן פאַר אונזערע אָרגאַניזאַציעס אין בערלין און אין לאַנד. אין 1923 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער דייטשער שפּראַך אַן אויסגעצייכנטע שריפט פון אַכציק גרויסן זייטן, די פאַרפאָלגונג פון אַנאַרכיזם אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ סך ווערטפולן דאָקומענטאַרישן מאַטעריאַל פון דעם ערשטן קוואַל, וועגן וועלכן די מיינסטע פון אונז האָבן ביז אַהער נישט געהאַט קיין שום ידיעה. די דאָזיקע שריפט איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַר־שידענע אַנדערע שפּראַכן און איז געווען די ערשטע עפנטלעכע באַקאַנטמאַ־כונג פון די שרעקלעכע געשעענישן אין רוסלאַנד, וואָס איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין אויסלאַנד. בעת זיין ווייל אין בערלין האָט וואָלין אויך איבער־געזעצט אויף דייטש דאָס באַקאַנטע בוך אַרשינאָוו וועגן דער געשיכטע פון דער מאַכנאָ־באַוועגונג און ער האָט חוץ דעם נאָך אַרויסגעגעבן מיט אַרשי־נאָוון דעם רוסישן זשורנאַל אַנאַרכיטשעסקי וויעסטניק אַלס אָרגאַן פון רוסי־שע אַנאַרכיסטן אין אויסלאַנד.

איך האָב מיך דעמאָלט אָפט צונויפגעטראָפן מיט וואָלינען און האָב אים געשעצט נישט בלויז מחמת זיינע גייסטיקע פעאיקייטן, נאָר איך האָב אים אויך ליב באַקומען אַלס מענטש פון גרויס האַרציקייט און אינערלעכער וואָר־האַפטיקייט. ער איז זיכער געווען איינער פון די גאָר באַזונדערע פּערזענלעכ־קייטן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן. אַ פילאָזאָפיש אויפנעמענדי־קער קאָפּ מיט ערשט־ראַנגיקע פעאיקייטן, האָט אים די נאַטור באַשענקט מיט אַ שטיל און הייטער געמיט, וואָס איז קיינמאָל נישט גרויס פון גלייכ־געוויכט און זיך באַמיט אין אַלע סיטואַציעס פון לעבן אויסצוגעפינען עפּעס אַ גוטע זייט. זיין אָפּטימיזם איז געווען אומצעשטערבאַר, אָבער מען האָט אים דערפאַר דאָך נישט געקענט באַצייכענען פאַר לייכטגלויביק; וואָרים זיין באַטירלעכע אינטעליגענץ און דער אינערלעכער אימפּולס נאָכצופאָרשן דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג פון די זאַכן, האָבן אים פאַרהיטן פאַר אויבערפלעכ־

לעבע און איבערגעאײַלטע מסקנות. דאָך האָט ער נישט צוגעגעבן קײן גאָר גרױסע באַדײַטונג די אַלגעמײנע שװעריקײטן, בעיקר װען עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן זײַן אײגענעם מצב. װען ער איז אָנגעקומען קײן בערלין, האָט ער געהאַט אַ פֿרױ און פֿינף קינדער. עס איז באמת נישט לײַכט געװען בײַ די דעמאָלטיקע באַדינגונגען צו געפֿינען פֿאַר אַזאַ פֿאַמיליע אַ פּאַסיקע דירה און מיר זענען געװען שטאַרק צופֿרידן, װאָס מיר האָבן באַװיזן צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַר די דאָזיקע אָרימע מענטשן אַ פּלאַץ אין דעם אױבערשטן טײל פֿון אַ הױז, װוּ עס איז געװען גאַנץ װײניק באַקװעמלעכקײט און זיכער נישט צוגעפּאַסט פֿאַר די פֿאַרלאַנגען פֿון אַזאַ גרױסער משפּחה. דאָרט האָט װאָלין געװױנט מיט די זײַניקע אין גרױס ענגשאַפֿט און געמוזט אין דער זעלבער שטוב אָפֿט אױך זיך פֿאַרנעמען מיט זײַנע ליטעראַרישע באַשעפֿטיקונגען. אָבער ער האָט קײנמאָל נישט געמורקעט, אַלץ אָנגענומען פֿאַר נאַטירלעך און נישט געלאָזט דורך קײן שום זאַך זיך אַרױסברענגען פֿון גלײַכגעװיכט. שפּעטער איז זײַן לאַגע געװאָרן אַ ביסל דערטרעגלעכער, װען זײַן עלטערער זון איז אָנגענומען געװאָרן אױף דער לער בײַ סטאָלערײַ פֿון אונזער חבר הערמאַן זאָנטאַג אין סעמערדאַ און די חברים קאַרל און מאַריאַ לאַם האָבן גענומען צו זיך זײַנע אַ טאָכטער.

איך געדענק שױן נישט גענױ, װי לאַנג װאָלין און זײַן פֿאַמיליע זענען געבליבן אין בערלין; אָבער עס האָט אומגעפֿער געמוזט זײַן אַ צװײ יאָר. היות איך האָב זײער גוט געװוּסט, בײַ װעלכע שװערע באַדינגונגען ער איז געװען געצװוּנגען צו לעבן, הגם ער האָט דערפֿון קײנמאָל נישט גערעדט, האָב איך מיך זײער געפֿרײט, װען ער האָט מיר אין אײנעם אַ טאָג געװיזן אַ בריװ פֿון סעבאַסטיאַן פֿאָר, װעלכער האָט אים צוגערעדט צו קומען קײן פּאַריז, װוּ די אַלגעמײנע לעבנסבאַדינגונגען זענען דעמאָלט געװען דערטרעגלעכער װי אין בערלין. אין פּאַריז האָט ער צוגעהאָלפֿן פֿאָרן בײַם אַרױסגעבן די Encyclopédie Anarchiste פֿאַר װעלכער ער האָט געשריבן טײל װערטפֿולע מיטאַרבעטונגען. אױף דעם פֿאָרשלאַג פֿון דער C.N.T. אין שפּאַניע האָט ער אין פּאַריז אױך איבערגענומען אױף אַ געװיסער צײַט די רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג L'Espagne Antifasciste.

אָבער װאָלין איז שױן דעמאָלט געװען אַ שװער־קראַנקער מענטש, אַ סך מער װי ער אַלײן האָט זיך אָפּגעגעבן רעכענונג. די האַרטע און שװערע יאָרן אין רוסלאַנד און אין גלות האָבן אונטערגעגראָבן זײַן געזונט. דאָס אַרומװאָגלענדיקע, אומרואיקע לעבן, װאָס ער איז געצװוּנגען געװען צו פֿירן און די כסדרדיקע פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן אװדאי נישט געקאָנט מיטהעלפֿן װידער אױפֿצופֿרישן די אָפּגעשװאַכטע פֿיזישע כּוחות. די לאַנגע לײדן־געשיכטע פֿון זײַנע לעצטע יאָרן איז זיכער געװען די טראַגישסטע תּקופֿה פֿון זײַן לעבן. ער איז אַװעק פֿון פּאַריז און אַ לאַנגע צײַט געלעבט אין נים, פֿונװאַנען ער איז קורץ פֿאַר דעם אָנהײב פֿון דער צװײטער װעלט־מלחמה אַװעק קײן מאַרסײַ.

דאָרט האָט ער געלעבט אַליין, ווייל זיין פרוי איז אים געהאַט געשטאָרבן ביי טראַגישע באַדינגונגען. אויך ער אַליין האָט זיך נישט געקאָנט ראַטעווען פון דער שרעקלעכער נויט, וואָס די מלחמה האָט גורם געווען. ער האָט די גאַנ־צע צייט געלעבט אין דער ביטערסטער אָרימקייט און קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַשטימט ווינאָרט. ווען אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, וועלכער האָט אים דע־מאָלט געטראָפן אין מאַרסיי, איז געקומען בעת דער מלחמה קיין ניו יאָרק, האָט ער מיר געגעבן ממש אַ דערשיטערנדיק בילד פון זיין דעמאָלסטיקער לאַגע. ער איז פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער; גייסטיק אָבער איז ער נישט געווען געבראָכן און מיט קיין איין וואָרט זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין אַכ־זריותדיקן גורל. עס איז ממש אומבאַגרייפלעך, אַז וואָלין האָט אין יענער שרעקלעכער צייט נאָך געהאַט כוח צו שרייבן זייןברייט פאַרמאָסטן ווערק La Revolution Inconnue 1917-1921, אַ באַנד פון כמעט 700 גרויסע זייטן, וואָס זיינע פריינט האָבן נאָך זיין טויט פאַרעפנטלעכט אין פּאַריז מיט עטלעכע יאָר צוריק. ווען וואָלין איז נאָך דער מלחמה ווידער צוריקגעקומען קיין פּאַריז, איז ער געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט באַלד געמוזט זיך לאָזן אויפנעמען אין שפּיטאָל, ווו ער איז דעם 18טן סעפּטעמבער 1945 אויס־געגאַנגען פון שווינדזוכט.

צו יענע צען אַנאַרכיסטן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוס־לאַנד, האָט אויך געהערט יעפים יאַרטשוק, וואָס איז געווען דער עלטסטער, אויב איך האָב נישט קיין טעות, פון דער גאַנצער גרופּע. ער האָט זיך שוין געהאַט שטאַרק באַטייליקט אין דער אונטערערדישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין דער צייט פון צאַריזם און נאָך אין 1903 געהערט צו דער גרופּע כליעב אי וואָליאַ אין ביאַליסטאָק. אין 1905 איז ער אין עלטער פון ניינצן יאָר צוגענומען געוואָרן צום מיליטער, ער האָט אָבער דעזערטירט נאָך אין דעם זעלבן יאָר און אַרומגעפאָרן איבער דעם גאַנצן לאַנד, כדי צו אַרבעטן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון זיינע אידעען. אין 1905 איז ער אַרעסטירט גע־וואָרן און אין 1907 איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף פינף יאָר, ווייל מען האָט אים נישט געקאָנט אויפווייזן קיין שום ממשותדיקע חטאים. עס איז אים גע־לונגען עטלעכע מאָל צו אַנטלויפן, אָבער מען האָט אים תמיד ווידער געכאַפּט, ביז עס איז אים אין 1913 געראָטן אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע. דאָרט איז ער געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע מיטאַרבעטער אין דער פעדעראַציע פון די רוסישע אַרבעטער־פאַרבאַנדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ווו ער איז טעטיק געווען ווי אַ געשיקטער רעדנער און מיטגליד פון דעם רעדאַקציע־קאָמיטעט פון גאָלאָס טרודאַ.

באַלד נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָט ער צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דעם רעדאַקציע־קאָמיטעט זיך צוריקגעקערט אַהיים, ווו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צום פאַרבאַנד פאַר אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און איז טעטיק געווען ווי אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג

גאַלאַס טרודאַ אין פּעטראָגראַד. אין זומער 1917 איז ער פון פאַרבאַנד געשיקט געוואָרן קיין קראָנשטאַט, ווו ער האָט אָרגאַניזירט אַנאַרכיסטישע גרופּעס צווישן די אַרבעטער און מאַטראָסן פון פלאָט. ער איז אויך געוויילט געוואָרן דורך די אַרבעטער פון דער מינע־לאַבאָראַטאָריע אין דעם סאָוויעט פון קראָנשטאַט. צוזאַמען מיט די קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָט יאַרטשוק זיך באַטייליקט אין דער יולי־אַקציע פון 1917 אין פּעטראָגראַד און איז דערפאַר פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער קערענסקי־רעגירונג. אין אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון פּעטראָגראַד קעגן די מיליטער־אָפּטיילונגען פון רעאַקציאָנערן גענעראַל קאָרנילאָוו. אין אָקטאָבער 1917 איז ער געווען איינער פון די פירער פון די קראָנשטאַטער מאַטראָסן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם ווינטער־פּאַלאַץ.

באַלד דערנאָך האָט ער געשאַפן אין קראָנשטאַט אַן אָפּטיילונג צום קאַמף קעגן דעם גענעראַל קאַלעדין אין דרום־רוסלאַנד און איז פאַרבליבן אויף דעם פראָנט, ביז דער דאָזיקער גענעראַל איז באַזיגט געוואָרן. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דעם מלחמה־פּלאַץ, איז ער דורך דעם קראָנשטאַטער סאָוויעט געשיקט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט צום דריטן אַלרוסישן סאָוויעט־קאָנגרעס אין מאָסקווע (מערץ 1918). אין נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר איז יאַרטשוק צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע דעלעגאַטן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן אַרעסטירט געוואָרן אין מאָסקווע, אָבער שפּעטער ווידער באַפרייט געוואָרן. אין 1919 טרעפן מיר אים אין קיעוו, וואָס איז דעמאָלט געווען באַזעצט פון דעניקינען. דאָרט האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער געפערלעכער, כסדר מיט טויט־געפאַר פאַרבונדענער אויפגאַבע אַרויסצורופן אין געהיים ביי דער באַפעלקערונג אַ באַוועגונג קעגן די קאָנטררעוואָלוציאָנערן.

אין 1920 האָט אים דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער קאָנפעדעראַציע געשיקט ווי אַ פאָרשטייער אויף דעם לעגאַלן קאָנגרעס אין כאַרקאָוו, ער איז אָבער ביים אָנקומען אַהין באַלד אויף דעם וואָקזאַל אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע. יאַרטשוק איז אויך שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן, אָבער אַלעמאָל ווידער צוריק באַפרייט, ביז ער איז אין מערץ 1921 אויף דעם באַפעל פון דער טשעקאַ פאַרהאַלטן געוואָרן און פאַרבליבן אין אַרעסט, ביז ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון רוסלאַנד.

יאַרטשוק און זיין פרוי האָבן אונז אָפט וויזיטירט אין בערלין און איך האָב אין אים געזען אַ זייער טאַלענטירטן און אַנטשלאָסענעם מענטש; אָבער ער איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדערן שטייגער ווי למשל וואָלין אָדער מאַקסימאָוו. זיינע נערוון זענען תמיד געווען אָנגעצויגן ווי אַ בויגן. ער איז אָפט געווען פאַרביטערט און מען האָט באַלד געפילט, אַז דאָס לעבן אין גלות האָט

אים געדריקט אויף דער נשמה ווי אַ שווערע משא. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז זיין פרוי האָט געהאַט אַ חלק אין דער דאַזיקער פיינלעכער שטימונג. זי איז געווען אַ קלוגע פרוי און האָט אַוודאי אויך נישט געהאַט קיין שלעכטן כאַראַקטער, אָבער זי האָט תמיד אַרויסגעוויזן אַן אינערלעכע אויפגעבראַכט־קייט און אָפט געליטן פון היסטערישע אָנפאַלן. אַזאַ אומגליקלעכע נטיה, וואָס האַלט תמיד די נערוון אין שפּאַנונג, ווירקט טאָפּלט שווער, בעת מען געפינט זיך אין אַ געדריקטן מצב פון לעבן און פירט צו פּסיכישע קלעמע־נישן, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן.

יאַרטשוק איז לויט זיין גאַנצער נאַטור געווען אַן אַקטיווער מענטש. אי־בער דעם דאַזיקן טעם האָט אים די געצוווּנגענע אומטעטיקייט געמוזט מאַכן דאָס לעבן אומגעשמאַק און אַן אינהאַלט. זיין שטימונג איז וואָס אַמאָל גע־וואָרן געררייצטער; ער איז געווען אומצופרידן מיט דער גאַנצער וועלט און צום מייסטן מיט זיך אַליין, בפרט נאָך, אַז ער האָט נישט געזען קיין שום מיטל ווי אַזוי צו ענדערן זיין לאַגע. דערצו האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, וואָס ער קאָן נישט אָננעמען קיין שום אַרבעט און איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויף אונזער הילף. ער האָט דאָס מיר אָפט געזאָגט. איך האָב מיך באַמיט אים צו באַרואיקן אויף וויפל איך האָב געקאָנט און אים דערקלערט, אַז ער דאַרף זיך דערפון גאָרנישט זאָרגן, ווייל די דייטשע חברים האָבן די פולע פאַרשטענדע־ניש פאַר זיין אומגליקלעכער לאַגע. דערין האָט ער נישט געצווייפלט קיין איין רגע, אָבער דאָס האָט ליידער גאָרנישט געענדערט די זאַך.

דער מצב פון די דאָזיקע צוויי אָרימע מענטשן האָט אונז פאַרשאַפט גרויס צער און מילי און איך האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין שום מיטל, כדי זיי אַרויפצוברענגען אויף אַנדערע געדאַנקען, הגם מיר האָבן איינגעזען, אַז דאָ וועלן קיין שום רייד נישט העלפן. ווען מענטשן פאַרלירן דאָס אינערלעכע גלייכגעוויכט, איז שווער צו געבן אַן עצה. מער ווי איין מאָל האָבן זיי אונז וויזיטירט באַלד אינדערפרי, ווען מיר זענען נאָך געזעסן ביים פרישטיק. זיי פלעגן דעמאָלט זיין טויט־מיד און קוים זיך געקאָנט האַלטן אויף די פיס. ביז מיר האָבן זיך לסוף דערוווסט, אַז זיי האָבן די גאַנצע נאַכט אַרומגעוואַנדערט איבער די בערלינער גאַסן, ווייל עס האָט זיי אינדערהיים נישט געגומען קיין שלאָף.

ווען זיי זענען אַמאָל נאָך אַזאַ נאַכט־וואַנדערונג ווידער געקומען צו אונז און מיט אונז געגעסן פרישטיק, האָט מיר יאַרטשוק געזאָגט, אַז זיי קענען נישט מער פאַרבלייבן אין בערלין, ווייל דער איצטיקער צושטאַנד איז פאַר זיי נישט צום אַריבערטראָגן. איך האָב אים געפרעגט, וואָס ער רעכנט צו טון און ער האָט מיר געזאָגט, אַז פאַריז וועט פאַר זיי מסתמא זיין אַ בעסער אָרט און ער וועט דאָרט אפשר אויך קענען געפינען אַרבעט. איך האָב איינגעזען, אַז דאָס איז בלויז אַן אילוזיע און אַז זיי וועלן אויך דאָרטן נישט געפינען קיין מנוחה. אין בערלין, ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן זיי כאָטש געהאַט אַ גרעסערן

קרייז פון באַקאַנטשאַפט, ווייל זיי האָבן געקענט דייטש און דעריבער זיך גע־קאַנט באַטייליקן אין אַ סך זאַכן, וואָס זענען זיי אין פּאַריז נישט צוגענגלעך מחמת נישט קענען די שפּראַך. אָבער איך האָב זיי דאָס אַפילו נישט געטאָרט זאָגן, ווייל איך האָב מורא געהאַט שלעכט פאַרשטאַנען צו ווערן. קיין געלט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט. איך האָב דעריבער איבערגערעדט מיט די מיטגלידער פון דער אַדמיניסטראַציע־קאָמיסיע פון דער F.A.U.D. און מיר זענען געקומען צום אויספּיר, אַז ביי די איצטיקע באַדינגונגען וועט אפשר זיין בעסער צו פאַרשאַפן זיי ביידע אַן ענדערונג. איך האָב יאַרטשוקן נאָך געגעבן אַ בריוו צו איינעם פון מיינע פריינט אין פּאַריז און אַזוי זענען זיי ביידע אַוועק פון בערלין. פון פּאַריז האָב איך נאָך דערהאַלטן פון אים איי־נעם אָדער צוויי בריוו, דערנאָך האָט ער מער נישט געלאָזט פון זיך הערן.

אַזוי איז פאַרביי אַ לענגערע צייט, ביז איך האָב פון עמאַ גאָלדמאַן דער־האַלטן אַ בריוו פון פּאַריז, אין וועלכן זי האָט מיר מיטגעטיילט, אַז יאַרטשוק און זיין פרוי זענען צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. עמאַ האָט אומזיסט געפּרוווט ביידע אָפּצוהאַלטן פון באַשלוס, אָבער אירע רייד האָבן אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. ווי איך האָב מורא געהאַט האָבן ביידע זיך געפילט אין פּאַריז זייער אומגליקלעך. זייער שטימונג איז וואָס אַמאָל געוואָרן ביטערער, ביז זיי האָבן זיך לסוף צעקריגט מיט די מייסטע פון זייערע אַלטע פריינט און דערמיט איז אויך זייער לעבן געוואָרן וואָס אַמאָל אומדערטרעגלעכער.

איך האָב מיך קיינמאָל נישט דערוווסט, אונטער וואָס פאַר אַ באַדינגונגען האָט יאַרטשוק געמוזט זיך אונטערוואַרפן, כדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד. אַז ער האָט די באָלשעוויקעס געמוזט מאַכן גרויסע הנחות אויפן חשבון פון זיינע איבערצייגונגען, איז אָן שום ספק. וואָס ער האָט דערביי געמוזט פילן, קאָן מען זיך משער זיין, וואָרים יאַרטשוק, וועלכער האָט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן געבראַכט אַזעלכע גרוי־סע קרבנות פאַר זיינע אידעען, איז נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל קע־נען אַזוי לייכט מוותר זיין אויף זיינע טיפסטע איבערצייגונגען. בלויז די ביי־טערסטע פאַרצווייפלונג און דער געדאַנק, אַז ער קאָן זיך אינערגעץ נישט איינלעבן, האָט אים געמוזט דערפירן צו דעם דאָזיקן שריט. אַ סך פון זיינע פריערדיקע חברים האָבן אים דעריבער פאַראורטיילט און אים באַטראַכט פאַר אַ רענעגאַט. אויך איך קאָן נישט רעכטפאַרטיקן זיין האַנדלונג, אָבער ווען איך נעם אין באַטראַכט דעם גאַנצן פסיכישן צושטאַנד פון דעם אומגליקלעכן מענטש, ווערט זי פאַר מיר פון מענטשלעכן געפיל גענומען פאַרשטענדלעך. אויך עמאַ גאָלדמאַן האָט דאָס אַנערקענט. פאַר מיר איז דער פאַל יאַרטשוק אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסער אינערלעכער טראַגעדיע, און איך פיל מיך נישט פאַר ראוי צו געבן וועגן אים אַן אורטייל. ער האָט אַוודאי דער פרייהייטלע־כער באַוועגונג געגעבן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געהאַט צו געבן. וואָס עס איז פון זיי ביידע געוואָרן, האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט דערוווסט. אפשר

לעבן זיי נאָך; אפשר האָט זיי שוין לאַנג צוגעדעקט די קאַלטע ערד. ווער קאָן דאָס וויסן?

איינע פון די סימפּאַטישסטע פיגורן צווישן די רוסישע פּאַרטריבענע איז געווען מאַרק מראַטשני, וועלכער האָט עטלעכע יאָר געלעבט אין בערלין און מיט וועלכן איך האָב מיך באַלד באַקאַנט. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַנאַרכיסטישע אידעען תחילת אין 1909 אין ווילנע, וווּ עס זענען דעמאָלט געווען צוויי אַנאַרכיסטישע גרופּעס. אָבער בעסער און גרינטלעכער האָט ער זיך באַקאַנט מיט אונזער געדאַנקענגאַנג אין פראַנקרייך, וווּ ער האָט פון 1911 ביז 1914 געלעבט אין פּאַריז. ווען ער איז אין 1914 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, איז ער דורך דער צאַרישער רעגירונג נאָך אין דעם זעלבן יאָר אַרעסטירט געוואָרן, ווייל ער האָט זיך נישט געהאַט צוגעשטעלט צו מיליטערדינסט. אונטער דעם רעזשים פון העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, וועלכער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דייטשן, איז מראַטשני געווען אין כאַרקאָוו, וווּ ער האָט געהערט צו דעם רעוואָלוציאָנערן סטודענטן־קאָמיטעט. אין 1919 איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אַנאַרכיסטישער קאָנפעדעראַציע נאַבאַט און רעדאַקטאָר פון דעם כאַרקאָווסקי נאַבאַט. אין מאַי פון דעם זעלבן יאָר איז ער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געשיקט געוואָרן אין דעם אוקראַיינישן אויפשטאַנד־געביט, כדי צו באַקומען נענטערע ידיעות וועגן דער באַוועגונג פון נעסטאָר מאַכנאָ און, אויב עס וועט מעגלעך זיין, זיך צונויפצורעדן וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דער קאָנפעדעראַציע נאַבאַט. דערצו איז עס אָבער נישט דערגאַנגען, ווייל ווי נאָר מראַטשני איז אָנגעקומען אַהין, האָט דעניקין אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע אָפענסיווע, אַזוי אַז ער האָט געמוזט צוריקפאָרן קיין כאַרקאָוו, נישט באַוויזנדיק צו האָבן אַ שמועס מיט מאַכנאָ.

אין דעם זעלבן יאָר איז ער אַוועק אין דעם אוראַל־געביט, וווּ ער איז געווען טעטיק אין דער סאָוועט־אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־בילדונג און אין געהיים געאַרבעט פאַר אונזער באַוועגונג. די פאַרפאָלגונגען קעגן די אַנאַרכיסטן האָבן דעמאָלט שוין געהאַט דערגרייכט אַ גרויסן פאַרנעם. דעריבער האָבן די אַנאַרכיסטן פון דער אוראַל־געגנט געשיקט מראַטשנין קיין אָמסק אין סיביר, כדי דאָרט איינצוּאָרדענען אַ געהיימע דרוקעריי, וואָס ער האָט אויך דורכגעפירט. אין אָמסק איז ער אויך אַ געוויסע צייט געווען טעטיק ווי אַ ביבליאָטעקאָר אין דער סיבירישער אָפּטיילונג פאַר פאָלקסבילדונג.

אין סעפּטעמבער 1920 האָט מראַטשני זיך באַטייליקט אין דעם געהיימען אַנאַרכיסטן־קאָנגרעס אין כאַרקאָוו און איז דאָרט אויסגעוויילט געוואָרן אין סעקרעטאַריאַט פון דער קאָנפעדעראַציע נאַבאַט. ווען עס איז דעמאָלט, מחמת דעם פּאָליטיש־מיליטערישן אָפּמאַך צווישן דער סאָוועטישער רעגירונג און מאַכנאָ, ווידער מעגלעך געווען אַן עפנטלעכע טעטיקייט פון די אַנאַרכיסטן, איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון נאַבאַט און האָט זיך באַטייליקט אין די

צוגרייטונגען פאַר אַן עפנטלעכן אַנאַרכיסטן־קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט פאָר־קומען אין דעצעמבער 1920. אָבער שוין אין נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר האָט די סאָוויעטישע רעגירונג פלוצלינג איבערגעריסן דעם אָפּמאַך, וואָס זי האָט געהאַט געשלאָסן מיט מאַכנאָ און האָט פאַרפאָלגט די אַנאַרכיסטן נאָך שאַרפער ווי פריער. דעמאָלט איז אויך מראַטשני געוואָרן אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע. דאָרט האָט ער מיט די אַנדערע חברים צום אומ־גליק זיך באַטייליקט אין דעם גרויסן הונגער־שטרייק, ביז ער איז שפּעטער צוזאַמען מיט די אַנדערע דעפּאָרטירט געוואָרן פון רוסלאַנד.

מראַטשני האָט אונז אָפט וויזיטירט אין בערלין און מיר זענען געוואָרן גוטע פריינט. ווי אַ ליבלעכער און אינספּירירנדיקער מיטשמועסער איז ער אין אונזער הויז תמיד געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט. פון דער נאַטור אַ ביסל סקעפּטיש גענייגט, איז ער געווען ווייט פון יעדן מין דאָגמאַטיזם און האָט פאַרמאָגט פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע מיינונגען, אַפילו ווען ער האָט זיי נישט געקאָנט אָננעמען. ער איז תמיד געווען פאָרזיכטיק אין זיין אורטייל וועגן מענטשן און זאַכן און וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, איז תמיד געווען קלאָר דורכגעטראַכט. בעת זיין ווײַלן אין בערלין, פלעגט ער ביי געלעגנהייטן רעדן אויף קלענערע פאַרזאַמלונגען פון די דייטשע חברים און איז אויך גע־ווען באַשעפטיקט צוזאַמען מיט א. שאַפּירא, ג. פּ. מאַקסימאָוו און פּ. יאַר־טשוק ביים אַרויסגעבן דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישן זשורנאַל ראַבאָטשי פּוט, וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין בערלין.

שפּעטער האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע, ווו ער איז געווען באַשעפ־טיקט אין פאַרשידענע שטעט פון קאַנאַדע און פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אַ לערער אין די שולן פון אַרבעטער־רינג. אין סעפּטעמבער 1934 איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער פרייער אַרבעטער שטימע און האָט פאַרנומען דעם דאָזיקן פּאָסטן ביז אָקטאָבער 1940. ער איז נאָך היינט אין ניו יאָרק איי־נער פון די נאָך לעבנדיקע רוסישע אַרויסגעשיקטע, וואָס זענען געהאַט אָנגע־קומען קיין בערלין און פון וועלכע עס זענען שוין אַ סך געשטאָרבן אָדער זענען פאַרשוווּנדן פון מיין האָריזאָנט.

דאָס איז געווען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אין אָנהייב 1923, ווען דער באַקאַנטער אויפשטענדלער־אָנפירער נעסטאָר מאַכנאָ איז געקומען קיין בערלין און פאַרבראַכט אַ קורצע צייט מיט אונז. איך האָב שוין געהאַט עפּעס געהערט וועגן דעם דאָזיקן דרייסטן אויפשטענדלער, וועלכער איז אין משך פון דריי יאָר געווען די נשמה פון דער גרויסער אויפשטענדלערישער פאָלקס־באַוועגונג אין אוקראַינע און וואָס האָט דורך זיין אומדערשראָקענער ענערגיע און אייזערנער אַנטשלאָסנקייט אויפגעטון ממש אומגלויבלעכע זאַכן. ווען ער האָט מיך צום ערשטן מאָל וויזיטירט אין וואַלינס באַגלייטונג, האָב איך מיך געפילט אַ ביסל אַנטוישט צו זען פאַר מיר אַ קליינגעוואַקסיקן, נישט אָנזעעור־

דיקן מאַן, וואָס זיין אויסערלעכע מראה איז נישט געשטאַנען אין קיין שום פאַרהעלטעניש מיט דעם אַלעם, וואָס איך האָב וועגן אים געהערט. בלויז דאָס ענערגישע, דרייסטע פּנים מיט די עטוואָס אַנגעכמורעט בליקנדיקע אויגן האָבן געגעבן צו דערקענען, וואָס פאַר אַן אומגעצוימטע און פּאַבלהאַפטיקע כוחות עס האָבן געשטעקט אין דעם דאָזיקן מענטש.

אינדעראמתן זענען טאַקע געווען וויניק מענטשן, וואָס זאָלן האָבן געקענט וואָרפן אַ צוריקבליק אויף אַזאַ צעברויזט און משונהדיק לעבן. נעסטאָר איוואַנאָוויטש מאַכנאָ איז געבוירן געוואָרן אין אָקטאָבער 1889 אין דעם דאָרף גולאַי־פּאָליע אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער פּראָווינץ. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער פּויערישער פאַמיליע און היות זיין פאָטער איז געשטאָרבן, ווען נעסטאָר איז נאָך געווען אַ קינד פון עלף חדשים, האָט ער גאָר פרי פאַרזוכט דעם טעם פון ביטערן לעבן אין קרייז פון זיין מוטער און די אַנדערע ברידער און שוועסטער. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד פון זיבן יאָר, האָט ער שוין געמוזט ווי אַ פּאַסטוך צושטייער געבן צו דער פּרנסה פון דער פאַמיליע און שפּעטער האָט ער פאַרדינט אויף זיין חיונה ווי אַ פּשוטער פעלד־אַרבעטער ביי די רייכע גוטבאַזיצער פון דער סביבה. אין דער גאָר מאַנגלהאַפטיקער שולע פון זיין דאָרף האָט ער געקאָנט גיין בלויז בעת די ווינטער־חדשים, אַזוי אַז זיין בילדונג האָט קוים געגרייכט צו די פּרימיטיווע קענטענישן פון לייע־נען און שרייבן.

מאַכנאָ איז געווען אַ געבוירענער רעבעל, וועלכער האָט זיך פרי געבונ־טעוועט קעגן דער טיראַניע פון די באַדינגונגען, אין וועלכע ער איז געווען געצוווּנגען צו לעבן. דאָך ערשט נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין 1905 האָט ער באַקומען דעם ערשטן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער וועלט און זיך אָנגעשלאָסן אין עלטער פון זיבעצן יאָר צו דער ריכטונג פון די קאָמוניס־טישע אַנאַרכיסטן. פון דער נאַטור מוטיק ביז משוגעתדיקער דרייסטקייט, האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ גאַנצער ריי רעוואָלוציאָנערע און סכנותדיקע אונטערנעמונגען, ביז ער איז אין 1908 אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער צאַרישער פּאָליציי. אין דעם זעלבן יאָר איז ער פאַר געהערן צו דער אַנאַר־כיסטישער באַוועגונג און זיך באַטייליקן אין פאַרשידענע טעראָריסטישע אַקטן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער דער דאָזיקער אורטייל איז מחמת זיין מינדעריעריקייט באַלד פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער צוואַנג־אַר־בעט. זיין שטראָף איז ער אָפּגעקומען אין דער בוטירקאַ־תפיסה אין מאָסקווע. היות ער פלעגט זיך אָפט בונטעווען קעגן די דערנידערונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, איז ער אַ סך מאָל באַשטראָפט געוואָרן מיט קאַרצער און האָט די גאַנצע צייט פון זיין לאַנגער תפיסה געמוזט טראָגן קייטן אויף די הענט און די פיס. דורך זיין אָפטן זיצן אין דער אייז־קאַלטער קאַרצער־קאַמער האָט מאַכנאָ דעמאָלט באַקומען אַ לונגען־טובערקולאָז, פון וועלכער ער האָט שוין נישט געקאָנט פּטור ווערן דאָס גאַנצע לעבן זיינס.

אָבער הגם ער האָט בעת זיין געפינען זיך אין תפיסה געמוזט אויסשטיין אַ סך אַכזריות, איז אים אויך געגעבן געוואָרן אַ געוויסע געלעגנהייט צו סטי־מולירן זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג. אַזוי ווי פאַר די מיינסטע פּאָליטישע אַרעס־טירטע אין דער צייט פון צאַריזם, איז אויך פאַר אים די תפיסה געוואָרן אַ שול, ווו ער האָט זיינע פרייע שעהען געקאָנט פאַרווענדן אויף ניצלעכער אַרבעט. אונטער דער אָנפירונג פון אַנדערע אַרעסטאַנטן האָט ער זיך אויסגעלערנט די גראַמאַטיק פון דער רוסישער שפּראַך און געלייענט אַ ריי גוטע ביכער וועגן קולטורגעשיכטלעכע און ווירטשאַפטלעכע פראַגן און זיין איינגעבוירענע איני־טעליגענץ האָט אים צוגעהאָלפן אויסצופילן טייל בלויזן אין זיינע פרימיטיווע קענטענישן, וואָס עס איז אים שפּעטער זייער גוט צוניץ געקומען.

ווען דער מערץ־אויפשטאַנד פון 1917 אין מאָסקווע האָט ענדלעך געמאַכט אַ סוף צו זיין תפיסה, איז מאַכנאָ באַלד צוריק אַוועק אין זיין דאָרף און אָנגע־הויבן אַ פיבערהאַפטיקע טעטיקייט. ער האָט אָרגאַניזירט די אָרימע פּויערים און פעלד־אַרבעטער פון דער געגנט און געשאַפן אַ פּויערים און אַרבעטער־ראָט אין זיין ראַיאָן. דערביי האָט ער באַלד אויסגעפונען, אַז עס שטעקט אין אים אַ פעאיקייט, פון וועלכער ער האָט ביזאַהער נישט געהאַט דעם מינדסטן חשד. ווען די דייטשן און עסטרייכער האָבן נאָך דעם שלום־אָפּמאַך פון ברעסט ליטאָווסק אין מערץ 1918 אָקופּירט גאַנץ אוקראַינע און געגעבן זייער שוץ דער רעגירונג פון דעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, האָט מאַכנאָ אָרגאַניזירט אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערע פריוויליקע און האָט זיך מיט איר, ביי כסדרדיקע קאַמפן, צוריקגעצויגן אויף טאַגאַנראָג און צאַריצין. אָבער שוין אין אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר איז ער ווידער געקומען אין זיין היים־באַצירק, נישט געקוקט דערויף, וואָס די רעגירונג האָט אים דערקלערט מחוץ דעם געזעץ, און אָנגעהויבן אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די גרויסע ערד־באַזיצער און די מיליטער־טרופּעס פון דער רעאַקציאָנערער ראַדאַ. פון דעמאָלט אָן האָט מאַכנאָ געקעמפט קעגן אַלע פיינט פון פאָלק: קעגן די דייטשן און עסטרייכער און סקאָראָפּאַדסקיס טרופּעס, קעגן די קאָנטררעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן פון פּעטליוראַ, דעניקין און ווראַנגעל און שפּעטער אויך קעגן דער רויטער אַרמיי, ווען די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט אויף אַ מיאוסן אופן געבראָכן דעם אָפּמאַך, וואָס זי האָט מיט אים געהאַט געשלאָסן. די דייטשע מיליטער־פאַר־וואַלטונג האָט באַשטימט אַ פרעמיע פאַר זיין קאָפּ און אַזוי ווי זי האָט אים גופא נישט געקאָנט כאַפּן, האָט זי זיך נוקם געווען, דערמיט וואָס זי האָט פאַרברענט זיין מוטערס הויז און זיין עלטערן ברודער יעמעליאַן, אַ מלחמה־אינוואַליד, געלאָזט דערשיסן.

מאַכנאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די דאָזיקע אַלע קאַמפן ווי אַ מייסטער פון פאַרטיזאַנער־מלחמה און זיך אַנטוויקלט צו אַ פאַרטיזאַנען־פירער פון גרויסן סטיל. זיין אַרמיי אַליין איז געווען אַן אויסטערליש באַשעפעניש. זי איז געווען אומעטום און אינערגעץ נישט. אַ סך מאָל האָט זיך אויסגעוויזן, ווי

זי וואָלט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן פון די אויגן אָדער זיך צעשפּרייט אין קליינע גרופּעס אין דער געגנט. אָבער ווי נאָר מאַכנאָ האָט אָנגעהויבן אַ גרויסע אַקציע און געגעבן אַ סיגנאַל, האָבן אָנגעהויבן צו אים שטראָמען טויזנטער אויפשטענדלערישע פּויערן, וועלכע האָבן זיך אונטערגעוואָרפן זיין אָנפירערשאַפט. נאָר אַזוי לאָזט זיך עס דערקלערן, וואָס ער האָט פון נאָוועמבער 1918 ביז יוני 1919 געקאָנט האַלטן אַ פראָנט פון העכער הונדערט קילאָמעטער די לענג קעגן דעניקינס דיסציפּלינירטע טרופּעס. ווען ער איז לסוף געצוווּנגען געוואָרן, ביי כסדרדיקע קאַמפן אָנצוהייבן אַ געאָרדנטן צוריקטריט, ווייל די הילף, וואָס מען האָט אים געהאַט צוגעזאָגט, איז נישט אָנגעקומען, איז דעניקינען געלונגען זיך צו רוקן פאָראויס ביז אָריאָל און דערמיט צו באַדראָען מאָסקווע גופא. ערשט ווען עס איז מאַכנאָ געלונגען אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1919 איינצונעמען דעניקינס שטאַרקסטע אַרטילעריע־באַזע אין אוקראַינע, צו פאַרניכטן זיינע רעזערוון און אָפּצושניידן יעדן צופיר פאַר זיין אַרמיי, איז דעניקינס מפּלה געוועזן געחתמעט.

דאָס וואָס מאַכנאָ האָט זיך דריי יאָר געקאָנט האַלטן אויפן מלחמה־פּלאַץ און כסדר צוציען ברייטע פאָלקסשיכטן פון זיין געגנט צום ווידערשטאַנד, האָט ער בלויז צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס די אַרבעטער און אָרימערע פּויערן זענען אים געווען טריי איבערגעגעבן און האָבן געזען אין אים דעם היטער און באַשיצער פון זייערע סאָציאַלע אינטערעסן. מחמת דעם, וואָס ער גופא איז אַרויסגעקומען פון די אָרימסטע באַפעלקערונג־שיכטן, איז ער מיט זיי געווען טיף פאַרוואָרצלט דורך טראַדיציע און דערפאַרונג. בלויז דערפאַר איז מעגלעך געווען, אַז ער זאָל קענען אַרויסרופן אַזאַ מעכטיקע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס מוז בלי ספק פאַרצייכנט ווערן ווי איינע פון די באַדייטנדיקסטע עפּיזאָדן אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

פאַר די רויטע מאַכטהאָבער אין קרעמל און ספּעציעל פאַר טראָצקין איז די דאָזיקע באַוועגונג פון אָנהייב אָן געווען אַ דאָרן אין אויג. פאַר טראָצקין שוין דערפאַר, ווייל ער אַלס קריגסמיניסטער האָט עס נישט געקאָנט פאַרליידן, אַז מחוץ דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור זאָל עקזיסטירן אַ גרויסע און מעכטיקע פאָלקסבאַוועגונג, וועלכע איז נישט געווען אונטערגעוואָרפן אונטער זיין רשות און האָט פונדעסטוועגן דאָך געהאַט צו פאַרצייכענען גרויסע און דעצידירנדיקע מיליטערישע דערפאָלגן. כל זמן די באָלשעוויקעס זענען נאָך אַליין געווען שטאַרק באַדראָט פון דער קאָנטררעוואָלוציע, האָבן זיי נאַטירלעך נישט געקאָנט זיך דערוועגן צו דערלאַנגען אַ גרויסן קלאַפּ מאַכנאָ און זיינע אָנהענגער. בפרט, ווען די מאַכנאָווטשינאַ אין קאַמף קעגן פּעטלוראַ, דעניקין, גריגאָריעוו און ווראַנגעל, איז פאַר זיי געווען די גרעסטע און, אין פאַל פון דעניקין, אַפילו די אַנטשיידנסטע טובה, וואָס קיין שום סאָפיסטיק וועט דאָס נישט קענען צונישט מאַכן.

דערפאַר טאַקע איז די שטעלונג פון דער באָלשעוויסטישער פּרעסע לגבי

מאַכנאָ געווען זייער פאַרשידן און האָט זיך תמיד געביטן לויט די באַדינגונגען. כל זמן מען האָט מאַכנאָ באַדאַרפט האָבן, איז ער אין די קאָמוניסטישע בלעטער געלויבט געוואָרן ווי דער „גרויסער פאָלקסהעלד פון אוקראַינע“, דער „אמתער היטער פון דער אַרבעטער און פּויערים־רעוואָלוציע“ און מען האָט אים געהויבן ביז אין הימל אַריין. ווי נאָר אָבער די צייטווייליקע געפאַר איז פאַרביי „האָט מען אים אין די זעלבע בלעטער געשטעמפּלט פאַר אַ „געוועזענעם באַנדיט“, „אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָמען אויף ייִדן“ און „קאָנטררעוואָלוציאָנער“. די דאָזיקע באַהנטע שפּיל צווישן אַ מלאך און אַ טייוול האָט זיך איבערגעחזרט דריי מאָל אין משך פון דריי יאָר. צום עקלהאַפטסטן און ליגנערישסטן אין דעם פּרט האָט זיך באַנומען טראָצקי, וועלכער האָט אַפילו אויסגעבריייעט אין דעם נומער 51 פון זשורנאַל וופּוטי, אַז די מאַכנאָוושטשינע איז אַן אינסטרומענט פון די רייכע פּויערים (קולאַקעס) און זי וויל זיי פאַרשאַפן די הערשאַפט איבער גאַנץ רוסלאַנד; אַ בולטער און באַקאַנטער שקר, וואָרים טראָצקי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די גרויסע ערד־אייגנטימער אין דער אוקראַינע זענען בעת דער דייטש־עסטרייכישער אינוואַזיע געווען אויף דער זייט פון די פרעמדע אינוואַזאָרן און פון דעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, וועלכע מאַכנאָ האָט אויף דעם פאַרביסנסטן אופן באַקעמפט. זיי האָבן אויך באַלד געמאַכט יד־אַחת ביי אַלע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן מיט פּעטליוראַ, דעניקין און וראַנגעל, קעגן וועלכע מאַכנאָ און זיין באַוועגונג האָבן דריי יאָר געפירט אַ קאַמף אויף מעסערס.

אויב מען וויל זיך שאַפן אַ קלאָר בילד וועגן דעם אמתן כאַראַקטער פון יענע גרענעצלאָזע רכילות, וואָס די באָלשעוויסטישע פּרעסע האָט אין יענע יאָרן פאַרשפּרייט וועגן מאַכנאָ און זיין באַוועגונג, און וועלכע זענען דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט, דאַרף מען בלויז לייענען דעם אָפּמאַך, וואָס די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט אין אָקטאָבער 1920 אָפּגעשלאָסן מיט מאַכנאָ. דער דאָזיקער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן, ווען די רעגירונג איז שטאַרק באַדראָט געוואָרן מצד דעם ווייסן גענעראַל וראַנגעל און זי האָט זיך דעריבער געמוזט דעצידירן צו אַ בונד מיט מאַכנאָ. די פּאָליטישע טייל פון יענעם אָפּמאַך איז מצד דער סאָוועטישער רעגירונג אונטערגעשריבן געוואָרן דורך י. יאַקאָוולעוו; פאַר די מאַכנאָווצעס האָבן אונטערגעשריבן קורילענקאָ און פּאָפּאָוו.

די מיליטערישע טייל פון דעם אָפּמאַך, ווו עס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן די טעכנישע באַדינגונגען פון דער מיליטערישער צוזאַמענאַרבעט, איז פאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג אונטערגעשריבן געוואָרן דורך פרונזע, דעם קאָמאַנדאַנט פון דרום־פראָנט, און דורך די צוויי מיטגלידער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריגסאָוויעט אויף דעם דרום־פראָנט, בעלא קון און גוסיעוו, בעת מצד די מאַכנאָווצעס האָבן קורילענקאָ און פּאָפּאָוו אונטערגעשריבן די דאָזיקע טייל פון דעם אָפּמאַך. אין דער פּאָליטישער טייל האָט די סאָוויעטן־רעגירונג

זיך מתחיבֿ געווען באַלד אַרויסצולאָזן אויף דער פֿריי אַלע געפֿאַנגענע אַנאַר-כיסטן און מאַכנאָווצעס, אויב זיי האָבן נישט געקעמפֿט קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד מיט געווער אין האַנט און זיי גאַראַנטירן פֿולע פֿאַרזאַמלונג-פֿרייהייט, פֿרייהייט פֿון פּרעסע און אומגעשטערטע מיטאַרבעט אין די סאָוויעטן. מען האָט טאַקע דעמאָלט באַפֿרייט אַ גרויסע צאָל באַקאַנטע אַנאַרכיסטן, אָבער בלויז, כדי נאָכדעם ווי די מיליטערישע געפֿאַר איז געווען באַזייטיקט, זיי אויפֿסניי צו אַרעסטירן.

קאָן מען אַפֿילו בלויז אויף איין רגע אָננעמען, אַז די סאָוויעטן-רעגירונג וואָלט געשלאָסן מיט מאַכנאָ אַזאַ ברייטן אָפּמאַך, ווען אירע פֿאַרשטייער וואָלטן טאַקע געווען איבערצייגט, אַז מאַכנאָ איז באמת אַ באַנדיט, אַ פּאָגראָמשטשיק, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער? מען מוז זייער נידעריק אָפּשאַצן די אינטעליגענץ פֿון מענטשן, כדי צו גלויבן אין אַזאַ מעגלעכקייט.

אַז די מאַכטהאָבער פֿון קרעמל האָבן קיינמאָל נישט גענומען ערנסט זייער אָפּמאַך, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, בעת מיט וראַנגעלס מפּלה, צו וועלכער מאַכנאָ האָט נישט ווייניק בייגעשטייערט, איז די לעצטע ווייסע אַרמיי געווען אינגאַנצן אָפּגעווישט. וואָרים ווי נאָר די דאָזיקע געפֿאַר איז געווען אינגאַנצן באַזייטיקט, האָט די רויטע אַרמיי פּלוצלינג אָנגעגריפֿן אויף אַ פֿאַררעטערישן אופֿן אירע פֿריִערדיקע אַליאירטע, וואָס עס איז זיכער געטון געוואָרן לויט אַ פֿריִערדיקן באַשלוס. מאַכנאָ, וועלכער האָט אין די שווערע קאַמפֿן מיט וראַנ-געלן געהאַט געליטן גרויסע פֿאַרלוסטן, איז שוין נישט בכוח געווען אויסצו-האַלטן דעם דאָזיקן נייעם אָנגריף. אַרומגערינגלט דורך עטלעכע קאַוואַלעריע-דיוויזיעס פֿון דער רויטער אַרמיי, האָט ער זיך דורכגעריסן מיט זיין קליינער מחנה ביי כסדרדיקע קאַמפֿן ביז צו דער רומעניש ער גרענעץ. ביים אַריבערגיין די גרענעץ איז די קליינע גרופּע באַלד אַנטוואָפֿנט געוואָרן און מען האָט זי געבראַכט אין אַ לאַגער, ביז עס איז מאַכנאָ געלונגען אין פֿרילינג 1922 צו אַנטלויפֿן קיין פּוילן. דאָרט איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרן און געמשפּט פֿאַר כלומרשט שעדיקן פּוילישע אינטערעסן, ער איז אָבער שפּעטער באַפֿרייט געוואָרן פֿון אַרעסט. ער איז דעמאָלט אַוועק קיין דאַנציג, ווו ער איז אויפֿסניי אַרעסטירט און אינטערנירט געוואָרן. מיט דער הילף פֿון עטלעכע דייטשע און רוסישע חברים איז אים אָבער געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון דעם לאַגער. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער איז געקומען קיין בערלין, ווו ער איז אָבער בלויז געבליבן עטלעכע וואָכן, ביז ער האָט געקאָנט אַוועקפֿאָרן קיין פּאַריז.

בעת זיין קורץ פֿאַרבלייבן האָט ער אונז אָפֿט וויזיטירט, און היות עס איז נאָך דעמאָלט נישט געהאַט דערשינען אַרשינאָווס בוך וועגן דער מאַכ-נאָווטשינאַ, האָבן מיר זיך דערוווּסט פֿון אים וועגן טייל אינטערעסאַנטע פּרטים, וועלכע זענען אונז דעמאָלט נאָך געווען אומבאַקאַנט. וואָס ביי מיר האָט דעמאָלט אַרויסגערופֿן אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט, איז געווען זיין

מאָדנע אויפרעגן זיך, וואָס די באָלשעוויקעס אין דער גאַנצער וועלט האָבן אים פאַרשריגן פאַר אַן אַנטיסעמיטישן פּאָגראָם־העלד. דאָס וואָס מען האָט אים פאַרשוואַרצט דאָס פּנים, דערקלערנדיק אים פאַר אַ פּשוטן רויבער, קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און פּאַרטיידיקער פון די קולאַקעס, האָט אויסגעוויזן נישט צו מאַכן אויף אים קיין באַזונדערן איינדרוק, אָבער דאָס וואָס מען האָט גע־פּרוווט אים פאַראַנטוואָרטלעך צו מאַכן פאַר די אומצאָליקע פּאָגראָמען אויף ייִדן, וואָס זענען אין יענע יאָרן דורכגעפירט געוואָרן כמעט אין אַלע טיילן פון אוקראַינע דורך אמתע קאָנטררעוואָלוציאָנערן, איז פאַר אים געווען אומדערטרעגלעך.

איך דערמאָן מיך נאָך היינט גאַנץ דייטלעך אַ סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אונזער וווינונג. מאַכנאָ איז אין אָוונט געקומען צו גאַסט און אויך מאַרק מראַטשני איז געווען אַנוועזנט. ווי תמיד, אַזוי האָט אויך אין יענעם אָוונט אונדזער שמועס זיך געדרייט אַרום דער גרויסער אויפשטאַנד־באַוועגונג אין אוקראַינע, וועגן וועלכער איך האָב געוואָלט וואָס מער וויסן. דערביי זענען אויך דערמאָנט געוואָרן די באָלשעוויסטישע רכילות וועגן די כלומרשטע אַנטיסעמיטישע שטרעבונגען פון דער מאַכנאָווטשינאַ. ווען מראַטשני האָט ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, אַוודאי אָן שום כוונה צו באַליי־דיקן מאַכנאָ, אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז בעת מלחמה איז קיין שום אַרמיי־פירער נישט בכוח ערב צו זיין פאַר יעדן איינעם פון זיין מיליטער, איז מאַכנאָ פּלוצלינג זייער אויפגערעגט געוואָרן און האָט געזאָגט:

„הייסט עס, אַז אויך איר זענט אין דער מיינונג, אַז די באַשולדיקונגען פון די באָלשעוויקעס זענען אמת און מיר האָבן געמאַכט פּאָגראָמען?״

מראַטשני איז אַ ביסל צעטומלט געוואָרן, וואָרים קיין שום געדאַנק איז אים אַוודאי נישט געווען ווייטער ווי דער דאָזיקער, ער האָט אָבער געענט־פערט זייער רואיק:

„איך פאַרשטיי נישט, מאַכנאָ, ווי אַזוי איר קענט פון מיינע רייד קומען צו אַזאַ אויספיר, איך האָב נאָר געוואָלט פעסטשטעלן, אַז אין יעדער באַוועג־גונג זענען פאַרהאַן שוואַרצע שאָף, פאַר וועמעס האַנדלונגען מען קאָן נישט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן די פירער. איר ווייסט דאָך אַליין צום בעסטן, אַז אַפילו סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך באַטייליקט אין פּאָגראָמען אויף ייִדן און זיי זענען דערפאַר דערשאָסן געוואָרן, און פונדעסטוועגן האָט מען נישט געקאָנט פאַר אַזעלכע עקסצעסן פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן די באָלשעוויסטישע רעגירונג. אָט דאָס און נישט עפּעס אַנדערש איז געווען דער זין פון מיינע רייד. איך האָב אַפילו נישט געזאָגט, אַז טייל פון אייערע מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין אַזעלכע מעשים, ווייל איך האָב נישט דערצו קיין שום באַווייזן. איך האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז ווען אַפילו עס זאָלן האָבן פאָרגעקומען איינצל־נע אַזעלכע פאַלן, קאָן מען נישט לויט דעם משפּטן די גאַנצע מאַכנאָווטשינאַ״.

אָבער מאַכנאָ האָט זיך נישט באַגניגנט מיט דער דאָזיקער לאָגישער דערקלערונג, נאָר איז נאָך מער אויפגערעגט געוואָרן. דער שמועס איז אין יענעם אָוונט פאַרשטייט זיך געפירט געוואָרן אין רוסיש, ווייל מאַכנאָ האָט נישט געקענט קיין שום אַנדער לשון. די גאַנצע צייט האָט מיר מראַטשני בעת די קורצע צווישן־פויזעס איבערגעזעצט יעדעס וואָרט פון דעם געשפּרעך, אָבער ווען מאַכנאָ איז וואָס אַמאָל געוואָרן אויפגעבראויזטער, האָט ער דאָס דאָזיקע פאַר־געסן צו טון. איך האָב מיך בלויז געקאָנט משער זיין, אַרום וואָס די מחלוקה דרייט זיך, אָבער נישט מער. מחמת דעם האָט איך זיי לסוף געבעטן מיר דאָך צו זאָגן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ווען מראַטשני האָט איבערגעזעצט מיינע ווערטער פאַר מאַכנאָ, האָט ער זיך באַלד באַרואיקט, אָבער דערמיט איז אויך געווען פאַרענדיקט אונזער שמועס, ווייל מאַכנאָ האָט באַלד דערנאָך זיך געזעגנט מיט מילי און מיט מיר, אָבער איז שטום פאַרבייגעגאַנגען פאַר מראַטשני.

אויף צו מאָרגנס האָב איך געמוזט פרי אַוועקגיין פון דער היים. בעת מיין אָפּוועזנהייט איז מאַכנאָ געקומען צוגיין און האָט געבעטן מילי, מיט וועלכער ער האָט זיך געקאָנט צוזאַמענרעדן, מען זאָל אים אַנטשולדיקן פאַר זיין אויפ־געגרעגט באַנעמען זיך דעם פריערדיקן אָוונט, ער איז אָבער געבליבן ביי זיין מיינונג, אַז מראַטשני האָט אים אַן עוולה געטון. עס איז פאַר מיר געווען לחלוטין אומפאַרשטענדלעך, אַז דער זעלבער מענטש, וועלכער האָט אויף דעם שלאַכטפעלד אַפילו אין די געפערלעכסטע סיטואַציעס געקאָנט בלייבן אינגאַנצן קאַלטבלוטיק און קיינמאָל זיך נישט געלאָזט אַרויסברענגען פון דעם גלייכ־געוויכט, האָט געקאָנט זיין אַזוי עמפינדלעך גראַד אין דעם דאָזיקן פונקט. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז די גיפטיקע רכילות פון די באָלשעוויקעס האָבן פאַר אים נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק, אָבער דאָס, וואָס מראַטשני האָט געזאָגט, איז דאָך געווען אינגאַנצן עפּעס אַנדערש.

אוקראַינע איז זינט אַ סך יאָרן געווען אַן אמתע נעסט פון אַנטיסעמיטישע אידעען, וואָס זענען קינסטלעך קולטיווירט און אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג און האָבן איר געדינט ווי אַן אויסגעפּרוווט מיטל פאַר איר אינערלעכער פּאָליטיק אויף אָפּצולענקען די אומצופרידנקייט פון פאָלק אין פאַלשע קאַנאַלן. פונקט אַזוי זענען די קאָנטררעוואָלוציאָנערע בונטן אין אוק־ראַינע, ווי די אויפשטאַנדן פון פּעטליוראַ, גריגאָריעוו, דעניקין געווען באַגלייט פון שרעקלעכע שחיטות אויף יידן. מאַכנאָס אָנהענגער זענען געווען פּשוטע פויערים, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו אים, ווייל זיינע פרייהייט־שטרעבונגען האָבן צום בעסטן געפּאַסט צו זייער גערעכטיקייט־געפיל. ביי דעם רוב פון זיי איז דאָס געקומען אויף אַ ריין געפילמעסיקן אופן, ווי דאָס טרעפט ביי אַלע רעוואָלוציאָנערע פאָלקסבאַוועגונגען. די אין מוחות אַריינגעהאַמערטע און קינסטלעך איינגעפלאַנצטע פאַראורטיילן לאָזן זיך נישט באַזייטיקן איבער באַכט; עס וואָלט דעריבער נישט געווען קיין שום חידוש, אויב עס וואָלטן אין

זיינע מחנות זיך געפונען איינצלנע שוואַרצע שאַף פונקט ווי אין דער רויטער אַרמיי. אָבער ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך באַמיט באַוווסטזיניק־פאַלש צו שטעמפּלען אים און זיין באַוועגונג פאַר אויפהעצער צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן, איז דאָס געווען בלויז אַ דעמאַגאָגיש שפּיצל, כדי אַ שלעכטן שם צו מאַכן דער זיי פאַרהאַסטער באַוועגונג.

דאָס וואָס מען האָט זיך באַמיט צו פאַרשרייען מאַכנאָ פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און באַנדיטן־פירער, האָט אים געקאָנט זיין גלייכגילטיק שוין בלויז דערפאַר, ווייל עס איז דעמאָלט אומעטום געווען באַקאַנט, אַז ער באַ־קעמפט אַלע קאָנטערעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, פון סקאָראָפּאַדסקי ביז פּעטליוראַ און פון דעניקין ביז וראַנגעל, מיט אַ ביישפּיללאָזער ענערגיע און ער האָט טאַקע צום מיינסטן בייגעשטייערט צו זייער מפּלה. אָבער די דאָזיקע רכילות האָט אים שוין געמוזט אַריינברענגען אין כעס, ווייל ער האָט פון אָנהייב אָן זיך קעגנגעשטעלט מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט די אַנטיסע־מיטישע עקסצעסן, ווי עס באַווייזן גענוג דייטלעך זיינע פּילצאָליקע ווענדונגען צום אוקראַאינישן פאָלק. אין זיין אַרמיי האָבן געקעמפט אַ סך יידישע אַנאַר־כיסטן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אייניקע, וואָס זענען מיר באַקאַנט געווען נאָך פון לאָנדאָן. צום דייטלעכסטן אָבער האָט ער אויסגעדריקט זיין שטעלונג קעגן פּאָגראָמען און יידן־פאַרפאָלגונגען, בעת ער האָט אויף אַ קאָנ־פערענץ פון אוקראַאינישע פאַרטיזאַנער, וואָס איז פאָרגעקומען אין יולי 1919 אין דאָרף סענטאָוואָ, כערסאָנער גובערניע, מיט זיין אייגענער האַנט דערשאָסן דעם טרויעריק־באַרימטן רעאַקציאָנער גריגאָריעוו — וועלכער איז פאַראַנט־וואָרטלעך געווען פאַר דעם שרעקלעכן פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד, ווו עס זענען אומגעקומען דריי טויזנט מענטשן — נאָכדעם ווי ער האָט אים אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע אייגענע אָנהענגער אויסגערעכנט אַלע זיינע פאַרברעכנס.

מאַכנאָ איז, ווי שוין געזאָגט, נישט לאַנג געבליבן אין בערלין און באַלד אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. אין עטלעכע חדשים אַרום האָב איך דערהאַלטן פון אים אַ בריוו, צו וועלכן עס איז געווען בייגעלייגט אַ בילד פון אים און זיין פרוי און טאָכטער. די ידיעות, וועלכע איך האָב געהאַט וועגן אים שפּעטער, זענען געקומען דורך וואָלין און בריוו פון אַנדערע חברים, וואָס האָבן אים געקענט אין פּאַריז. עס זענען נישט געווען קיין גוטע. מאַכנאָס אויפהאַלטן זיך אין פּאַריז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנגער און פּיינלעכער ירידה. תחילת האָט ער נאָך געהאַט די האָפענונג, אַז ער וועט פריער אָדער שפּעטער זיך צוריקקערן קיין רוסלאַנד, ביז ער האָט זיך, פונקט ווי אַזוי פיל אַנדערע, ביסלעכווייז איבערצייגט, אַז דערפון איז נישטאָ וואָס צו קלערן. דאָס נישט קענען די שפּראַך און די נייע פרעמדע סביבה, צו וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן, האָבן אים טאָפּלט שווער געמאַכט די לאַגע. דערצו האָט אים זיין קראַנקהייט זייער באַלעסטיקט און אויך וואָס טייל פון זיינע אַלטע וווּנדן האָבן זיך אויפסניי געעפנט און זיך נישט געוואָלט פאַרהיילן. חוץ דעם האָט

ער געלעבט אין זייער אָרימע באַדינגונגען, וועלכע האָבן אים אויך מאָראַליש שווער געדריקט און אים פּאַרביטערט זיינע לעצטע יאָרן.

אַ קורצע צייט פאַר דעם פאַלן פון דער שפּאַנישער מאַנאַרכיע האָבן עט־לעכע שפּאַנישע חברים זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו באַקומען מאַכנאָ ווי אַ מיליטערישן פירער פאַר אַן אויפשטאַנד־באַוועגונג אין צפון־שפּאַניע. אָבער דער שווער־קראַנקער מאַן איז שוין נישט פעאיק געווען דערצו. סיי ווי סיי וואָלט ער אין אַ פרעמד לאַנד, ווו די שפּראַך און די באַדינגונגען זענען אים געווען לחלוטין אומבאַקאַנט, מסתמא נישט געקאָנט אויפטון דאָס, וואָס ער האָט באַוויזן צו טון אויף דעם היימישן באָדן. נאָך אונזער אַנטלויפן פון דייטשלאַנד האָבן מיר, מילי און איך, אים געזען דאָס לעצטע מאָל אין פּאַריז. אָבער די איינגעגעסענע קראַנקהייט האָט שוין אַזוי געהאַט אויסגעשעפּט זיינע פיזישע כוחות, אַז מיר האָבן אים קוים דערקענט. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער געפּרוווט אויפצושרייבן די געשיכטע פון זיינע קאַמפן אין אוקראַינע, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פאַרענדיקן דאָס ווערק. דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין דער רוסישער און פראַנצויזישער שפּראַך. צוויי ווייטער־דיקע בענד אין רוסיש זענען דערשינען ערשט נאָך זיין טויט.

מאַכנאָ איז געשטאָרבן אין יולי 1935. זיינע רעשטן זענען באַערדיקט געוואָרן אויף דעם צמענטער פּער לאַשעז. מיט אים איז אַוועק איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און העראָאישסטע געשטאַלטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

פון די רוסישע חברים, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן געפונען אַן אַזיל אין דייטשלאַנד, דאַרפן דאָ נאָך דערמאָנט ווערן צוויי, וועלכע האָבן געהערט צו יענעם היימישן קרייז, וועמעס אומדערמידלעכע פּרעציזע אַרבעט און אומבאַ־גרענעצטער אַלטרואיזם זענען דער חוט־השדרה פון יעדער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, — מאָלי שטיימער און סעניאַ פלעכין. ביידע זענען דעמאָלט נאָך געווען יונגע מענטשן, אָבער זיי האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַ לעבן, וואָס איז רייך געווען אין געשעענישן.

מאָלי שטיימער איז געבוירן געוואָרן אין 1897 אין אַ קליינער שטאָט פון רוסלאַנד. אירע עלטערן האָבן אין 1912 עמיגרירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו פאַרשאַפן פאַר זייערע קינדער אַ בעסערע צוקונפט. דאָס איז פאַר־שטייט זיך געווען אַן אילוזיע, וואָרים די לעבנסבאַדינגונגען פאַר נייע איינוואַנ־דערער זענען אין יענער צייט געווען זייער שווער, בעיקר ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַמיליע מיט פינף קינדער ווי אין דעם דאָזיקן פאַל. שוין אין צווייטן טאָג נאָך זייער אָנקומען איז דאָס יונגע מיידל געווען געצוווּנגען אָנצונעמען אַ שטעלע אין אַ שניידער־וואַרשטאַט, כדי צושטייער צו געבן דער פאַמיליע אויף פּרנסה. די אַרבעט־באַדינגונגען אין דעם דאָזיקן פאַך זענען דעמאָלט נישט געווען די וואָס היינט. די אַרבעט־צייט איז געווען לאַנג, די לוינען קנאַפּ. נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג פלעגט מאָלי אין אָוונט באַזוכן די שול, כדי זיך צו פאַרשאַפן אַזויפיל קענטענישן ווי עס איז נאָר מעגלעך געווען.

פון דער נאַטור באַשאַנקען מיט אַ גרויסער ווילן־קראַפט און אַ נאַטיר־לעכער אינטעליגענץ, איז דער יונגער פייערדיקער קאָפּ באַלד באַהערשט גע־וואָרן פון רעוואָלוציאָנערע אידעען. נאָכדעם ווי זי האָט זיך געהאַט אָנגעשלאָסן אין סינדיקאַט, איז זי אין 1917 באַקאַנט געוואָרן מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, וועלכער זי האָט פון דעמאָלט אָן געווידמעט איר גאַנצע טעטיקייט. די גרופּע, צו וועלכער מאָלי האָט זיך אָנגעשלאָסן, איז באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, וואָס זענען מיט דעם גאַנצן יוגנטלעכן אידעאַליזם געווען איבערגע־געבן דער זאַך. אַלע זענען געווען אַרבעטער, וואָס האָבן געמוזט לעבן ביי גאָר נעבעכדיקע באַדינגונגען. באַלד דערנאָך איז אַמעריקע אַריינגעטרעטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און די גרופּע האָט דורך גרויסע אָנשטרענגונגען אַרויסגעגעבן אַ קליינע צייטונג, The Storm וואָס איז מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט אַרויסגעטרעטן קעגן דעם גרויסן פעלקער־מאָרד. ווען עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד די רעוואָלוציע, זענען די יונגע ענטוזיאַסטן געווען פעסט איבערצייגט, אַז עס האָט געשלאָגן די שעה פון דער סאָציאַלער באַפרייאונג און אַז עס האַלט אין אָנקומען אַ נייע צוקונפט.

דעריבער איז זייער גרויס געווען זייער אויפברויז, ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט געפּרוווט מיליטעריש צו אינטערווענירן אין רוסלאַנד. די קליינע גרופּע האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן געהיימע פלוג־שריפטן, אין וועלכע יענער פּרווו איז אויף דעם שאַרפסטן אופן קריטיקירט געוואָרן. עס איז טאַקע אַנט־שטאַנען אין לאַנד אַ גאָר שטאַרקע באַוועגונג, וואָס האָט עפנטלעך פּראָטעס־טירט קעגן דער אינוואַזיע פון דער רעגירונג. אָבער נאָך איידער די דאָזיקע אינוואַזיע איז דורכגעפירט געוואָרן, זענען די מיינסטע מיטגלידער פון דער קליינער גרופּע אין אויגוסט 1918 אַרעסטירט געוואָרן. אַ געוויסער ראָזענסקי, וועלכער האָט נישט געהערט צו דער גרופּע, אָבער סימפּאַטיזירט מיט אירע שטרעבונגען, האָט באַקומען פון עטלעכע מיטגלידער פלוגשריפטן צום פאַר־שפּרייטן, אָבער ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער בעת דער אויס־פאָרשונג אַרויסגעגעבן אַלע נעמען, וועלכע זענען אים געווען באַקאַנט.

אַזוי אַרום איז אויך מאָלי אַריינגעפאַלן צו דער פּאָליציי אין די הענט. אונטער דעם איינפלוס פון דעם דעמאָלטיקן מלחמה־פּסיכאָז זענען בעיקר די מענלעכע מיטגלידער פון דער גרופּע באַזונדערס שווער געפּייניקט געוואָרן און אַלע זענען אונטערגעוואָרפן געוואָרן דעם טרויעריק באַרימטן Third Degree. איינער פון די אַרעסטירטע, יאַקאָב שוואַרץ, איז בעת דעם פּאָליצייאישן פאַר־הער אַזוי שרעקלעך צעמזיקט געוואָרן, אַז ער איז נאָך פאַר דעם פּראָצעס געשטאָרבן מחמת די שווערע טאָרטורן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען.

דער פּראָצעס קעגן די פיר אָנגעקלאָגטע האָט געדויערט עטלעכע וואָכן, בעת וועלכן די באַשולדיקטע האָבן מוטיק פאַרטיידיקט זייערע איבערציי־גונגען. דער סוף איז געווען, אַז יאַקאָב אַבראַמס, היימאַן ליאַכאָווסקי און סאַמועל ליפּמאַן זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו צוואַנציק יאָר אויסבעסערונג־תפיסה. מאָלי

שטיימער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט פופצן יאָר אויסבעסערונג־תפיסה. מיט דער הילף פון אַ פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשאַפן, האָבן די פאַרמשפטע אַפּעלירט קעגן דעם דאָזיקן משונהדיקן אורטייל און זיי זענען דערווייל אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי אויף אַ קויציע פון צען טויזנט דאָלער פאַר יעדן איינעם. מאָלי האָט זיך באַלד צוריקגעקערט צו איר טעטיקייט און איז אין משך פון די ווייטערדיקע אַכט חדשים אַרעסטירט געוואָרן נישט ווייניקער ווי עלף מאָל, ביז מען האָט זי לסוף איינגעזעצט אין אַרבעטהויז פון שטאָט ניו־יאָרק אויף זעקס חדשים. זי איז דאָרט געהאַלטן געוואָרן די גאַנצע צייט אין איינצל־אַרעסט און טאָג און נאַכט באַוואַכט, כדי נישט צו דערלאָזן קיין פאַרבינדונגען מיט אַנדערע אַרעסטירטע. דערווייל האָט דאָס העכסטע געריכט באַשטעטיקט דעם ערשטן אורטייל און מאָלי איז געשיקט געוואָרן אין דער תפיסה פון דזשעפערסאָן אין שטאָט מיסורי, בעת אירע דריי חברים זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין דער תפיסה פון אַטלאַנטאַ. אָבער אין נאָוועמבער 1921 זענען מאָלי און אירע דריי חברים דעפּאָרטירט געוואָרן קיין רוסלאַנד, דערביי האָט מען זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן מוזן אָפּזיצן זייער פולע שטראָף, אויב זיי וועלן זיך צוריקקערן קיין אַמעריקע.

מאָלי איז געפאָרן קיין רוסלאַנד מיט די גרעסטע האָפענונגען, אָבער זי איז באַלד נאָך איר אָנקומען איבערגעגאַנגען אַנטוישט געוואָרן. אַ סך פון אירע אַנאַרכיסטישע חברים האָבן זיך שוין געפונען אין תפיסה און מאָלי האָט באַלד געהאַט אַ סך אַרבעט, כדי צוזאַמען מיט אַנדערע חברים צו העלפן די אַרעסטירטע. אין נאָוועמבער 1922 איז זי אויך אַרעסטירט געוואָרן צום ערשטן מאָל, אָבער צוזאַמען מיט סעניא פלעכין, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקאַנט אין לעבינגראַד, אין עטלעכע טעג אַרום ווידער באַפרייט געוואָרן. זייער באַפרייאונג האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען דער שתדלנות פון דער פראַנצויזישער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער דעלעגאַציע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט געפונען אין רוסלאַנד. אָבער באַלד אין אַ קורצער צייט אַרום זענען זיי ביידע אויפסניי אַרעסטירט געוואָרן. נאָכדעם ווי זיי זענען געווען וואָכנלאַנג אַרעסטירט און עס איז נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן קעגן זיי קיין שום באַשולדיקונג, האָט מאָלי אָנגעהויבן אַ הונגער־שטרייק, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן סעניאָ און עטלעכע פון די פרויען, וועלכע זענען געזעסן אין תפיסה. די אַרעסטירטע האָבן אין משך פון אַכט טעג נישט גענומען קיין שום שפייז, ביז מען האָט אַרויסגעגעבן אויף זיי אַן אורטייל. פון די ניין און פערציק חברים, צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט מאָלי און סעניאָ, זענען כמעט אַלע פאַרשיקט געוואָרן. מאָלי און סעניאָ זענען פאַרמשפט געוואָרן אויף דריי יאָר פאַרשיקונג אויף דער טרויעריק באַרימטער סאָלאָוויעצקי־אינזל, אָבער מען האָט זיי געגעבן די ברירה דעפּאָרטירט צו ווערן פון רוסלאַנד מיט דעם באַדינג, אַז מען וועט זיי דערשיסן, אויב זיי וועלן זיך אַמאָל צוריקקערן קיין רוסלאַנד אָן דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג. אויף דער עצה פון

די חברים האָבן זיי זיך בײדע אַנטשלאָסן צו דעפּאָרטאַציע. זיי זענען דעמאָלט בײדע אין סעפּטעמבער 1923 געקומען קיין בערלין, ווו מילי און איך האָבן זיך מיט זיי פּערזענלעך באַקאַנט און זינט דעמאָלט פאַרבליבן מיט זיי פאַרבונדן אין נאָענטער פרײנטשאַפט. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי, מיט עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן אין אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו העלפן די אַרעסטירטע חברים אין רוסלאַנד. מאָלי און סעניאַ זענען דערנאָך אַוועק קיין פּאַריז, זיי זענען אָבער אין 1929 צוריקגעקומען קיין בערלין, ווו זיי האָבן געלעבט ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט און דערנאָך קוים מיט גרויסע שוועריקייטן באַוויזן זיך צו ראַטעווען צוריק קיין פּאַריז. דאָרט האָבן זיי שפּעטער איבערגעלעבט די אינוואַזיע פון די נאַציס, אַנטלאָפן קיין דרום־פראַנקרייך און געפירט אַן אַוואַנטוריסטיש און סכנות־פול לעבן, ביז מיר האָבן זיי מיט דער הילף פון זייערע פרײנט אין אַמעריקע ענדלעך געקאָנט פאַרשאַפן די מיטלען צו קענען אַוועקפאָרן קיין מעקסיקע.

סעניאַ פלעכין, מאָליס לעבנסבאַגלייטער, איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין קיִעוו און איז שוין אין דער פריער יוגנט באַקאַנט געוואָרן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין 1913 האָט ער עמיגרירט מיט זיין פאַמיליע קיין אַמעריקע, ווו ער האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין דער פעדעראַציע פון די רוסישע אַרבעטער־פאַרבאַנדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע און זיך שפּעטער באַטייליקט אין דעם חודש־זשורנאַל Mother Earth, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון עמאַ גאָלדמאַן און בערקמאַן. נאָך דעם אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער זיך צוריקגעקערט אין 1917 מיט איינער פון די ערשטע גרופּעס פּאָליטישע פּליטים אין זיין היימלאַנד.

דאָרט האָט ער צוערשט געאַרבעט צוזאַמען מיט שאַפּיראָ, וואָלין און אַנדערע באַקאַנטע חברים אין דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער פעדעראַציע. שפּעטער אָבער איז ער אַוועק אויף דרום, ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין דער געהיימער באַוועגונג קעגן פּעטליורא און דעניקין. ביי דער דאָזיקער אַוואַנטוריסטישער און געפערלעכער אַרבעט איז ער דריי מאָל אַרעסטירט געוואָרן דורך די ווייסע, אויסגעשטאַנען פּייניקונגען און לסוף פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דאָך איז זיינע חברים געלונגען צו דערגרייכן דורך כאַבאַר זיין באַפרייאונג. סעניאַ האָט אויך אַ געוויסע צייט זיך באַטייליקט אין דער מאַכנאָ־באַוועגונג, ביז ער איז שפּעטער צוזאַמען מיט אַנדרעי אַנדרעיעוו, די ברידער יאָזעף און לעאָ גאָטמאַן און נאָך פינף אַנדערע חברים אַרעסטירט געוואָרן אין כאַרקאָוו דורך דער טשעקאַ. אַלע ניין זענען דעמאָלט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער דער אורטייל איז אַנולירט געוואָרן דורך לעבינען אַליין, ווייל די שוידערלעכקייט דערפון האָט זיך שוין אַוודאי אויך אים געמוזט וואַרפן אין די אויגן. דעמאָלט זענען נאָך אַזעלכע זאַכן מעגלעך געווען אין רוסלאַנד.

סעניאַ האָט אויך גענומען אַ גרויסן אַנטייל אין די אַרבעטן פון דער

קאָנפעדעראַציע נאַבאַט און איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן דורך דער טשע־קאַ אונטער כלערליי אויסריידן, אָבער אַלע מאָל ווידער פריי געלאָזט. לסוף איז ער אַוועק קיין לענינגראַד, ווו ער האָט געאַרבעט פאַר דעם מוזעאום פון דער רעוואָלוציע. אין יענער צייט האָבן די רוסישע קאַמעראַדן צוזאַמען מיט די חברים אין אויסלאַנד געגרינדעט אַ הילף־קאָמיטעט אויף אונטערצושטיצן די אַרעסטירטע חברים אין רוסלאַנד און סעניאַ איז דורך דער דאָזיקער קער־פערשאַפט באַשטימט געוואָרן צו פאָרן קיין אַרכאַנגעלסק און צו די קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן פון צפון, כדי צו פאַרזאָרגן די אַרעסטירטע מיט שפּייז און מלבושים. באַלד נאָך זיין צוריקקומען איז ער צוזאַמען מיט אַכט און פערציק אַנדערע חברים אַרעסטירט געוואָרן, הגם עס איז קעגן זיי נישט געווען קיין שום אַנדערע באַשולדיקונג, ווי אַז זיי האָבן אַרויסגעהאָלפן זייערע אַרעסטירטע חברים. יענער אַרעסט האָט זיך געענדיקט מיט זיין דעפּאָרטאַציע פון רוס־לאַנד דעם 27סטן סעפּטעמבער 1923.

מאָלי און סעניאַ לעבן שוין אַ סך יאָרן אין מעקסיקע, ווו זיי שלאָגן זיך דורך מיט דער פּרנסה ווי גוטע פאָטאָגראַפיסטן. זייער הויז איז נאָך דער מיטל־פונקט פון אַ גרויסער צאָל חברים, וועלכע דער גורל האָט פאַרטריבן פון דער היימישער ערד און וואָס האָבן אין מעקסיקע געפונען אַן אַזיל. אמת, זיי זענען נישט צופרידן מיט זייער געצוווּנגענעם גלות, דאָך פּאַסן זיי זיך צו ווי זיי קענען צו דער סיטואַציע, נישט באַקלאָגנדיק זיך אָדער אויף זיך אַליין רחמנות צו האָבן, ווייל דאָס שטעקט נישט אין זייער כאַראַקטער. פאַר דער גרויסער זאַך פון דער מענטשלעכער באַפרייאונג טוען זיי נאָך היינט אַלדינג, וואָס זיי זענען בכוח, מיט דער זעלבער מוסטערהאַפטער טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, ווי אַמאָל אין די גאָלדענע טעג פון זייער יוגנט.

שפּאַנישע געסט אין דייטשלאַנד

חוץ די רוסישע אַרויסגעשיקטע האָבן דעמאָלט געלעבט נאָך אַ גאַנצע ריי חברים פון פאַרשידענע לענדער אין בערלין. טייל זענען געקומען בלויז צופעליק ווי געסט און האָבן געוווינט מיט אונז אַ געוויסע צייט, כדי זיך צו באַקענען מיט די דייטשע באַדינגונגען פון דעם סאַמע קוואַל, אָבער די מיינסטע זענען געווען פּאָליטישע פּליטים, וועלכע דער גורל האָט פאַרוואָרפן קיין דייטשלאַנד.

אין זומער 1922 איז געקומען קיין בערלין דיעגאָ אַבאַד סאַנטיזשאַן, וועלכער איז מיר באַקאַנט געווען לויט דעם נאָמען, און געבליבן מיט אונז אַ לענגערע צייט. ער איז געקומען פון אַרגענטינע און האָט נישט געזוכט אין דייטשלאַנד קיין אַזיל, נאָר איז טעטיק געווען בעת דער צייט פון זיין פאַרבלייבן ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער אַנאַרכיסטישער טאָג־צייטונג לאַ פּראָטעסטאַ אין בוענאָס איירעס. דער דירעקטער מאָטיוו פון זיין קומען איז געווען זיך צו פאַרנעמען מיט סאָציאַלע שטודיעס און זיך צו פאַרפולקאָמען אין דער דייטשער שפּראַך.

סאַנטיזשאַן, וועלכער איז היינט אַ מאַן פון 53 יאָר, איז געבוירן געוואָרן אין די בערג פון דער שפּאַנישער פּראָווינץ לעאָן. אויפוואַקסנדיק אין אַ פּויערישער סביבה, האָט ער שוין אין דער סאַמע פריער יוגנט געמוזט שווער אַרבעטן און זיין אַ פּאַסטוך, ביז זיין פאַמיליע האָט עמיגרירט קיין אַרגענטינע. אָבער אין יאָר 1912 איז ער צוריקגעפאָרן קיין שפּאַניע, כדי דאָרט צו שטודירן. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהאַלטן זיין רייפקייט־עקזאַמען, איז ער געגאַנגען אין דער אוניווערסיטעט פון מאַדריד, וווּ ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און ליטעראַטור. נאָך אַלס סטודענט איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דער פרייהייטלעכער באַוועגונג אין לאַנד און אין אויגוסט 1917 איז ער בעת דעם גרויסן גענעראַל־שטרייק אַרעסטירט געוואָרן און איינגעזעצט אין קאַרסעל מאָדעלאָ. דאָרט איז ער געבליבן אַ גאַנץ יאָר, ביז ער איז דורך דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַמנעסטיע פון 1918 ווידער באַפרייט געוואָרן.

לויט זיין אייגענער אינפאָרמאַציע, איז די צייט פון זיין דעמאָלטיקן אַרעסט

געווען פאַר אים אַ זייער פּרוקטבאַר יאָר. ווי אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט האָט ער געהאַט גענוג צייט צום לייענען, און היות די נאַטור האָט אים באַשאַנקען מיט אַ סך אויסדויער און אַן אויסערגעווענלעכער אַרבעט־פעליסיקייט, האָט ער אויסגענוצט די געצוווּנגענע רו, כדי זיך איינגאַנצן איבערצוגעבן זיין שטודיום. ווי אַ סך אינטעלעקטועלע אין שפּאַניע, איז אויך סאַנטיזשאַן דורך אַ פליסיקן שטודיום פון די גרויסע ליבעראַלע דענקער פון זיין לאַנד קאָנסעקווענט דערגאַנגען צום אַנאַרכיזם. חוץ דער רייכער ליטעראַטור פון דעם ענגלישן ליבעראַליזם איז באמת קוים פאַראַן נאָך אַ לאַנד אין איראָפּע, וואָס זאָל האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ ברייטע און פילזייטיקע ליטעראַטור פון ליבעראַלן געדאַנקענגאַנג ווי דווקא שפּאַניע.

בלויז מיט דער געשיכטלעכער ליטעראַטור וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון די שפּאַנישע „פועראָס“ *) און סטאַטוטן פון שטעט וואָלט מען געקענט אויספילן אַ גרויסע ביבליאָטעק. דערצו קומט נאָך די גאַנצע אידעען־עשירות פון אַ לאַנגער ריי אויסגעצייכנטע און גלענצנדיקע דענקער ווי פראַנסיסקאָ פּי אי מאַרגאַל, ראַמאָן דע לאַ סאַרגאַ, פערנאַנדאָ גאַרידאָ, כאָאַקין קאָסטאַ, פּעדראָ דאָראַדאָ מאָנטעראָ, כינער דע לאָס ריאָס און אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אין זייערע סאָציאַל־פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע ווערק באַקעמפט מיט דער גאַנצער קראַפט די פּאָליטישע צענטראַליזירונג, דעם ווירטשאַפטלעכן מאָנאָפּאָליזם און די אידעע פון רוימישן רעכט, אַנטקעגנשטעלנדיק זיי די שעפערישע באַדייטונג פון פעדעראַליזם, פון דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט, פון מנהגים־רעכט און פון אַסאָציאַציע, מיט וועלכן זיי דערנענטערן זיך זייער אָפט צום אַנאַרכיזם. די דאָזיקע גרויסע גייסטיקע טענדענצן, וואָס האָבן געשלאָגן אין שפּאַניע טיפע וואָרצלען און וועלכע זענען נאָר געווען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון דער עלטערער געשיכטע פון לאַנד פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער קלעריקאַלער מאָנאַרכיע, האָבן נישט וויניק בייגעשטייערט דערצו, אַז גראָד אין שפּאַניע זאָל דער אַנאַרכיזם זיך קענען אַנטוויקלען צו אַן אמתער פאָלקס־באַוועגונג. סאַנטיזשאַן, וועלכער האָט זיך גאָר פרי פאַראינטערעסירט מיט געשיכטלעכע פאָרשונגען און זיך באַמיט צו באַנעמען די היסטאָרישע צוזאַמענהאַנגען פון די סאָציאַלע דערשיינונגען, האָט דערמיט אַ סך געוווּנען, וואָס עס איז אים זייער צוניץ געקומען ביי זיין שפּעטערער אַנטוויקלונג.

נאָך זיין אַמנעסטירונג אין 1918 איז סאַנטיזשאַן אַוועק צוריק קיין בוענאָס איירעס, ווו ער האָט פון דעמאָלט אָן גענומען אַן אַנגעזעענעם אנטייל אין דער אַרגענטינישער פרייהייטלעכער באַוועגונג. אַנאַרכיסטישע אידעען זענען זייער פרי אַריינגעדרונגען אין אַרגענטינע. זיי זענען דאָרט, אַזוי ווי אין אַלע

*) געזעצן, פּריווילעגיעס — איבערז.

לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, פאַרפלאַנצט געוואָרן דורך אַקטיווע אָנהענגער פון דעם שפּאַנישן אינטערנאַציאָנאַל און זיי האָבן געפונען אין די אַרבעטער־קרייזן און ביי אַ סך אינטעלעקטועלע אַזאַ אָנהענגערשאַפט, אַז די אַנאַרכיס־טישע באַוועגונג, צוזאַמען מיט די אין דער פעדעראַסיאָן אָברעראַ רעגיאָנאַל אַרכענטינאַ אָרגאַניזירטע סינדיקאַטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו די זעלבע צילן, זענען אַ לאַנגע צייט געווען די שטאַרקסטע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פון לאַנד.

אויך די ענערגישע טעטיקייט פון עריקאָ מאַלאַטעסטאַ, וואָס האָט געלעבט אין בוענאָס איירעס פון 1885 ביז 1889 און פון דעם אויסגעצייכנטן דאָקטאָר זשואַן גריג זענען דער באַוועגונג גוט צונוץ געקומען. גריג, אַ געבוירענער אירלענדער, האָט זיין גאַנצן קליין פאַרמעגן אַוועקגעגעבן דער באַוועגונג און איר דערמעגלעכט, אַז די צייטונג לאַ פּראָטעסטאַ זאָל פון 1902 אָן קענען דערשיינען טעגלעך. דאָס בלאַט האָט זיך געקאָנט כמעט דרייסיק יאָר האַלטן ווי אַ טאָג־צייטונג, ביז עס איז געפאַלן אַ קרבן פון אוריבורוס דיקטאַטור. צוזאַמען מיט ע. לאָפּעז אַראַנגאָ איז סאַנטיזשאַן שפּעטער געוואָרן איינער פון די שריפטשטעלער פון לאַ פּראָטעסטאַ און האָט אָנגעהאַלטן די דאָזיקע פּאָזיציע, ביז מען האָט נאָך אַ מוטיקן קאַמף געמוזט אָפּטרעטן פון פּלאַץ. אינגאַנצן פאַרשווונדן איז לאַ פּראָטעסטאַ קיינמאָל נישט. אין די יאָרן פון דער דיקטאַטור האָט זי בלויז געקאָנט פירן אַן אונטערערדישע עקזיסטענץ; זי עקזיסטירט נאָך היינט און איז, נעבן דער פרייער אַרבעטער שטימע אין ניו־יאָרק און Le Reveil אין גענף איינער פון די עלטסטע אָרגאַנען פון אונזער באַוועגונג; אָבער טעגלעך האָט זי שוין נישט געקאָנט מער דערשיינען.

בעת זיין טעטיקייט אין לאַ פּראָטעסטאַ האָט סאַנטיזשאַן זיך פאַרשאַפט אַ ספּעציעלן זכות דורך זיין ליטעראַרישן צוגויפּשטעלן דעם Suplemento de La Protesta, די וועכנטלעכע בייל‌אַגע פון דער טאָג־צייטונג, אין וועלכער עס האָבן מיטגעאַרבעט אַ סך פון די באַקאַנטסטע חברים פון אַלע לענדער און וועלכע עס איז אַ לאַנגע צייט געווען איינע פון די בעסטע צייטשריפטן פון אונזער באַוועגונג. חוץ דעם האָט דער פאַרלאַג לאַ פּראָטעסטאַ, אונטער סאַנטיזשאַנס געניטער אָנפירונג, אַרויסגעגעבן אַ לאַנגע סעריע אָנגעזעענע ווערק פון דער עלטערער און נייער פרייהייטלעכער ליטעראַטור און דערצו אַ גאַר גרויסע צאָל אויסגעצייכנטע, געוויילטע פּראָפּאַגאַנדע־שריפטן. פון די גרעסערע ווערק זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן בלויז די פינף בענד פון דער באַקונין־אויסגאַבע מיט די ווערטפולע הקדמות פון מאַקס נעטלאַאו, רודאָלף ראָקערס ביאָגראַפיע פון יאָהאַן מאָסט, מאַקס נעטלאַאוס מאַלאַטעסטאַ־ביאָגראַפיע און קודם כל זיינע צוויי ביכער: Miguel Bakunin, la Internacional y la Alianza en España, און Documentos inéditos sobre la Internacional y la Alianza en España וועלכע אַנטהאַלטן אַ כמעט אומדערשעפּלעכן היסטאָרישן מאַטעריאַל, וואָס איז ביז דעמאָלט צום גרעסטן טייל געווען כמעט אינגאַנצן אומ־

באַקאַנט. דער רוב פון יענע אויסגאַבן זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף שפּאַ־ניש פון סאַנטיזשאַן.

אויך די גרויסע באַקונין־ביאָגראַפיע פון מאַקס נעטלאַו, וואָס איז ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן און פון וועלכער עס איז פאַרהאַן בלויז פּאָפּציק פון דעם מאַנוסקריפּט נאָכקאָפּירטע עקזעמפּלאַרן, האָט דער פאַרלאַג געוואָלט אַרויסגעבן אין פיר בענד. נעטלאַו האָט זיך שוין געהאַט פאַרשטענדיקט מיט סאַנטיזשאַנען וועגן אַלע צוגרייטונגען פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע און סאַנ־טיזשאַן האָט שוין געהאַט כמעט אינגאַנצן איבערגעזעצט דעם ערשטן באַנד, פון וועלכן עס איז שוין אַ טייל געווען פאַרעפנטלעכט אין סופּלעמענט, אָבער גראָד איז אין יענער צייט געפאַלן די רעגירונג פון איריגאָזשען דורך דעם דיקטאַטאָר אוריבורו און דאָס האָט גורם געווען, אַז לאַ פּראָטעסטאַ זאָל גע־שלאָסן ווערן, אַזוי אַז עס האָט מער נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן ווייַ־טערדיקע פאַרלאַג־אונטערנעמונגען.

זייענדיק אַ פּליט אין אורוגוויי, איז סאַנטיזשאַן נאָך דעם פאַלן פון דער שפּאַנישער מאָנאַרכיע צוריקגעפאָרן קיין שפּאַניע, ווו ער האָט אָנגעטראָפן אַ סך ברייטער טעטיקייט־פעלד, ווי ער וואָלט ביי די דעמאָלטיקע באַדינ־גונגען געווען געקאָנט געפינען אין אַרגענטינע. איך האָב אים באַגעגנט באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין מאַדריד, ווו עס איז אין 1931 פאָרגעקומען דער קאָנ־גרעס פון דער C.N.T. און אין פאַרבינדונג דערמיט די סעסיע פון דער I.A.A. ער האָט דאָרט שפּעטער אויף אַן אָנגעזעענעם אופן זיך באַטייליקט אין שפּאַנישן בירגערקריג פון אָנהייב ביז צום סוף און ספּעציעל טעטיק געווען אין דער אָפּטיילונג אונטערצושטיצן דעם ווירטשאַפטלעכן אויפבוי. ביי דעם אַלעם האָט ער נאָך געפונען צייט רעגלמעסיק מיטצואַרבעטן אין דער צייט־שריפט טיעמפּאָס נועוואָס, וועלכע ער האָט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געהאַט געגרינדעט און שפּעטער אַפילו אַרויסצוגעבן דעם אויסגעצייכנטן 200 זייטן אַנטהאַלטנדיקן חודש־זשורנאַל טימאַן, אין וועלכן עס האָבן מיטגעאַרבעט די בעסטע אַנאַרכיסטישע שרייבער פון שפּאַניע און פון אויסלאַנד.

צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע אין געפאַר זיך געפינענדיקע חברים איז אויך סאַנטיזשאַנען געלונגען קורץ פאַר דעם איינעמען באַרסעלאָנאַ דורך די פאַשיסטן צו אַנטלויפן קיין פראַנקרייך און אַזוי אַרום זיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט. נאָך דעם פאַרבלייבן אַ קורצע צייט אין פּאַריז האָט ער זיך אין 1939 צוריקגעקערט קיין דרום־אַמעריקע. בעת דער דורכרייזע האָט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי עליזע, אַ טאָכטער פון פריץ קאַטער, פאַרבראַכט מיט אונז אַ קורצע צייט אין מאָהיגען קאַלאַניע, ווו מיר האָבן זיך דורך אים דער־וווּסט טייל פּרטים פון שפּאַניעס גרויסער טראַגעדיע, וואָס זענען אונז ביז אַהער געווען אומבאַקאַנט.

אין בוענאָס איירעס האָט סאַנטיזשאַן קודם כל געפּרוווט ווידער אַרויס־

צוגעבן זיין אויסגעצייכנטן זשורנאַל טימאָן. עס איז אים געלונגען צו פאַר־עפנטלעכן זיבן נומערן צו 160 זייטן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן אַ שלל ווערט־פולע אָפּהאַנדלונגען פון אים גופא און אַנדערע באַקאַנטע שרייבער פון אונ־זער באַוועגונג. עס איז באמת אַ שאָד געווען, וואָס דער זשורנאַל האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן. סאַנטיזשאַן האָט זיין גאַנצע ענערגיע אַריינגעטון אין שאַפן דעם נייעם פאַרלאַג Americalee אין בוענאָס איירעס, וועלכער האָט אין משך פון די לעצטע אַכט יאָר כסדר פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל ווערק פון הויכן ווערט, צווישן זיי אַ סך פון די בעסטע אַרבעטן פון פּרודאָן, קראָ־פּאָטקין, פאַברי, לאַנדאַאוער, ראָסעלי, פּי אי מאַרגאַל און נאָך אַנדערע. אויך דאָס גרויסע ווערק פון וויליאַם גאָדווין Political Justice וואָס איז קיינמאָל נישט איבערגעזעצט געוואָרן פולשטענדיק אויף אַן אַנדערער שפּראַך, חוץ דער דייטשער אויסגאַבע, וואָס איז אין 1845 דערשינען אין ווירצבורג, אָבער היינט מער נישט צו באַקומען אין גאַנץ דייטשלאַנד, איז דורך דעם פאַרלאַג Americalee צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שפּאַנישער שפּראַך.

סאַנטיזשאַן איז היינט בלי ספק איינער פון די טאַלאַנטירטסטע און פּרוכט־באַרסטע שריפטשטעלער פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, וועמען אונזער ליטע־ראַטור האָט צו פאַרדאַנקען עטלעכע גוטע און באַלערנדיקע ווערק. זאָלן דאָ בלויז דערמאָנט ווערן זיינע צוויי ווערק El movimiento anarquista en la Argentina. און La F.O.R.A. Ideología y trayectoria del movimiento obrero revolucionario en la Argentina, וואָס אַנטהאַלטן אַ ווערטפולע געשיכטע פון אַרגענטינעס פרייהייטלעכער באַוועגונג מיט אַ רייכן היסטאָרישן און ביבליאָגראַפישן מקורים־מאַטעריאַל. דערצו דאַרפן נאָך דער־מאָנט ווערן Ricardo Flores Magón, apóstol de la revolución social mexicana, El organismo económico de la revolución, La Revolución y la guerra en España, La bancarrota del sistema económico y político del capitalismo, Las cargas tributarias - ensayo sobre las finanzas contemporáneas, Reconstrucción social - nueva edificación económica argentina וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט כ. לאַזאַרטע, און נאָך אַנדערע.

אָבער סאַנטיזשאַן האָט זיך אויך קודם כל אַרויסגעוויזן פאַר אַ געוויסנ־האַפטיקן איבערזעצער, וועלכער האָט דורך דער גרויסער צאָל פון זיינע אי־בערזעצונגען פון פאַרשידענע שפּראַכן אויפגעטון ממש אַ דערשטוינלעכע זאַך, וואָס האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג אַפילו ביי אַזאַ פלייסיקן אַרבעטער ווי מאַקס נעטלאַו, וועלכער האָט זיך וועגן דעם אַרויסגעזאָגט פאַר מיר אין אַ בריוו פון 8טן מאַי 1935:

„אָראָבאָן און קודם כל דער אומדערמידעכער סאַנטיזשאַן האָבן דורך זייערע פיינע איבערזעצונגען באַרייכערט אונזער שפּאַנישע ליטעראַטור אין

אַזאַ מאָס, וואָס פּאַרדינט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. וואָס מיר געפעלט צום בעסטן ביי סאַנטיזשאַנען איז זיין גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג, וואָרים נישט קענענדיק זי איז שווער צו פאַרשטיין אונזערע היינטיקע פּראָבלעמען".

אינדעראמתן האָט סאַנטיזשאַן אַ סך געלערנט דורך דער דערפאַרונג פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע און פון דער פאַרגאַנגענער וועלט־מלחמה. ער האָט איינגעזען, אַז אין אַכט נעמענדיק דעם סאָציאַלן כאַאָס און די מאָראַלישע פאַרווילדערונג, וואָס די מלחמה האָט אונז איבערגעלאָזט, איז קודם כל נויטיק אַ גייסטיקע קאָנצענטרירונג, כדי אויפצונעמען די נייע פּראָבלעמען און צו פאַרהיטן פון פאַרניכטונג דאָס גייסטיקע פאַרמעגן פון אונזערע גרויסע פאָרגייער. די דערפאַרונג האָט אונז געוויזן, אַז ענגהאַרציקער פאַנאַטיזם און אומפּרוכטבאַרער דאָגמאַטיזם זענען פאַר דער זאַך פון פרייהייט פּונקט אַזוי געפערלעך ווי די איבערגעטריבענע אָפּשאַצונג פון גרויסע מאַסנבאַוועגונגען, וואָס זענען נישט אינספּירירט פון קיין גייסטיקער דערקענטעניש און קענען דעריבער מיסברויכט ווערן פון יעדן כבוד־גייציקן דעמאַגאָג. די סכנה פון דער טאָטאַליטאַרער רעאַקציע, וואָס באַדראָט היינט די גאַנצע וועלט, פאָדערט נייע פּערספּעקטיוון און שעפערישע פעאיקייטן, וואָס נאָר זיי אַליין קענען מעגלעך מאַכן אַ נייעם אָנהייב.

סאַנטיזשאַן, וועלכער באַשעפטיקט זיך היינט ווי רעדאַקטאָר פון דער בייער צייטשריפט לאַ קאַמפּאַנאַ אין בוענאָס איירעס, פּרוּווט מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט פון זיין כאַראַקטער צו פאַרשטאַרקן דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין, נישט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן, מיט וועלכע ער האָט בסדר צו קעמפן ביי דער וואַקסנדיקער רעאַקציע און איך בין איבערצייגט, אַז זיינע שטענדיקע באַמיאונגען וועלן נישט בלייבן אָן רעזולטאַט.

אין אַ צייט אַרום איז אַן אַנדערער שפּאַנישער חבר געקומען קיין בערלין און פאַרבליבן דאָרט מיט אונז עטלעכע יאָר, וואַלעריאַנאָ אָראָבאָן פערנאַנדעז. אָראָבאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1901 אין וואַליאַדאָליד, ער איז בכן געווען אַ ביסל יינגער ווי סאַנטיזשאַן און, פּונקט ווי ער, אַ זייער טאַלאַנטירטער מענטש מיט גרויסע גייסטיקע פעאיקייטן, וועלכע האָבן לײדער נישט געקאָנט דערגרייכן צו דער פולער אַנטוויקלונג, ווייל אַ פריצייטיקער טויט האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין יונג לעבן.

אָראָבאָן האָט פאַרנומען אין דער בערליץ־שול אין בערלין אַ פּאָסטן פון אַ שפּאַנישן לערער און אין זיין פרייער צייט האָט ער אַ סך געשריבן פאַר אונזערע שפּאַנישע צייטונגען אָדער זיך באַשעפטיקט מיט איבערזעצונג־אַרבעט. ער האָט בכלל פאַרמאָגט אויסגעצייכנטע שפּראַך־קענטענישן און זיך אויסגעלערנט דייטש אין אַן איבעררעשנדיק קורצער צייט.

מיט דער פרייהייטלעכער באַוועגונג איז אָראָבאָן באַקאַנט געוואָרן, נאָך בעת ער איז געווען אַ יונגער סטודענט. זיין פאָטער האָט אַפילו געהערט צו

דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דאָס אָבער האָט אים נישט געשטערט אָנצו־פּאַרטרויען וואַלעריאַנען און זיין ברודער פּעדראָ אַ פּריוואַטלעכער שול אין וואַליאַדאָליד, ווו די לערן־מעטאָדן זענען בערך געווען אין דער זעלבער ליניע ווי די לערן־קורסן אין דער עסקועלאַ מאָדערנאַ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך פראַנסיסקאָ פערער אין באַרסעלאָנאַ. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז עס געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז ביידע ברידער זענען שפּעטער שטאַרקער און טי־פער באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער זייער אַנטוויקלטער אַנאַרכיסטישער באַ־וועגונג אין לאַנד ווי פון דעם פּאַטערס געמעסיקטע סאָציאַליסטישע אָנשוי־אונגען. אָראַבאַן איז טאַקע גאָר שנעל צוגעצויגן געוואָרן פון דער באַוועגונג, וועלכער ער האָט ביז צו זיין טויט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע כוחות.

ווען שפּאַניע איז אין סעפּטעמבער 1923 געפאַלן אַ קרבן פון פּרימאָ ריוועראַס מיליטערישער דיקטאַטור, וואָס האָט געבראַכט פאַר אונזער באַוועגונג איינע פון די שרעקלעכסטע און בלוטיקסטע תקופות, איז אויך אָראַבאַן געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַנטלויפן קיין פראַנקרייך. ער איז אין יענער צייט געווען באַשעפטיקט ווי אַ רעדאַקטאָר פון דער שפּאַנישער צייט־שריפט „אַקסיאָן" אין פּאַריז, וואָס האָט אַ סך בייגעשטייערט אויף צונויפצו־זאַמלען די צעשפּרייטע כוחות און אָנצוהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג אין שפּאַניע.

איך האָב אין בערלין אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אָראַבאַן און האָב אים באַלד זייער ליב געקריגן. היות ער איז געווען זייער להוט וואָס מער צו וויסן, האָבן מיר אָפט געהאַט זייער לאַנגע שמועסן, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן ביז אין דער טיפער נאַכט און פון וועלכע ער גופא פלעגט אָפּגעבן אַ באַריכט אין דעם Almanaque de La Revista Blanca און שפּעטער אין אונזער צייטונג C.N.T. אין מאַדריד. וואָס עס האָט באַלד אין אָנהייב געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט ביי אָראַבאַנען, איז געווען דער פאַקט, וואָס נישט געקוקט אויף זיין יוגנט, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גייסטיקע רייפקייט, וואָס איז זעלטן צו געפינען אין זיין עלטער. אין זיינע אַרטיקלען, וועלכע איך האָב תמיד געלייענט מיט הנאה, איז נישט געווען קיין פוסטע פראַזעאָלאָגיע, נאָר תמיד קלאָר דורכגעטראַכטע געדאַנקען, וואָס האָבן קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו מאַכן אַן איינדרוק. ער איז געווען גרינטלעך באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער באַוועגונג אין זיין לאַנד און האָט אויך פאַרמאָגט גוטע קענטעניש וועגן דעם מצב פון דער באַוועגונג אין טייל אַנדערע לענדער. ער האָט בכלל געהאַט אַ באַזונדערע נטיה צו געשיכטלעכע פאָרשונגען און זיין קענטעניש פון די סאָ־ציאַלע צוזאַמענהאַנגען האָט אים פאַרהיט פון פוסטע פאַנטאַזיעס און זינלאָזע גוזמאות.

ווען מיר האָבן אין איינעם אַן אָוונט ווידער פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם גרויסן ווידערשטאַנד־כוח און דער אויסערגעוויינלעכער אויסברייטערונג פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין שפּאַניע, האָט אָראַבאַן געזאָגט:

„עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז דער אַנאַרכיזם האָט זיך ביי אונז אַנטוויקלט צו אַן אמתער פאָלקסבאַוועגונג אין אַ פאַרנעם, ווי עס איז נישט צו זען אין קיין שום אַנדער לאַנד. אָבער דאָס אומגליק אונזערס איז, וואָס אונדזער לאַנד האָט אַלעמאָל אויפסניי אויסצושטיין פון פעריאָדישע רעאַקציעס, וואָס זייערע מיטלאַלטערלעכע בייזע רדיפות צווינגען אונז כסדר צוזאַמענצו־נעמען אונזערע בעסטע כוחות אויף צו פאַרטיידיקן זיך. ביי די דאָזיקע באַדינ־גונגען האָבן מיר בלויז זעלטן אַ מעגלעכקייט אויסצופּרווון אונזערע קאָנסטרוק־טיווע כוחות. אַוודאי פעלט נישט סיי צווישן דער אַרבעטערשאַפט, פונקט ווי צווישן די אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען איבערגעגעבן אונזער אידעאַל, קיין שעפערישער טאַלענט און גוטע מיטלען, אָבער ביי דעם איצטיקן סיסטעם אין שפּאַניע ווען זיי זיך קיינמאָל נישט קענען געהעריק אַנטוויקלען".

די דאָזיקע ניכטערנע אָפּשאַצונג האָט דייטלעך עדות געזאָגט אויף אַ געזונטן און קלאָרן שכל, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרפירן צו אַן איינזייטיק באַטראַכטן געשיכטלעכע דערשיינונגען לויט אַן אָנגענומענער מיינונג, נאָר פרוווט אַריינדרינגען אין דעם תוך פון די זאַכן. דערפאַר טאַקע האָט מאַקס נעטלאַאו אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון אַראָבאַן. אַראָבאַן איז אין 1927 געפאָרן אויף אַ געוויסער צייט קיין ווין און איך האָב אים מיטגעגעבן אַ וואַרעמע רעקאָמענדאַציע צו נעטלאַאו. באַלד דערנאָך האָט מיר נעטלאַאו געשריבן:

„דער ווילער שפּאַניער, וועלכן איר האָט מיר רעקאָמענדירט, איז אַ זייער טאַלענטירטער און אויסגעצייכנטער מענטש. ער פאַרמאָגט היסטאָרישן חוש און באַגרייפט די Continuity of history (צוזאַמענהאַנג פון געשיכטע, ר. ר.). דאָס פאַרהיט אים פון איבערטרייבונגען, וואָס מוזן נאָר פירן צו פאַלשע מסקנות. וואָרים סוף כל סוף איז די אמונה אין דער אַלמעכטיקייט פון דער רעוואָלוציע, דורך וועלכער מען וויל זיך איינרעדן צו קענען מיט איין קלאַפּ אויסמעקן אַלע צוזאַמענהאַנגען מיט דער פאַרגאַנגענהייט און פון אַ גאַר־נישט צו באַשאַפן אַ נייע זאַך, נישט מער ווי אַ משיח־אמונה. די יאַקאָבינער און נאַפּאָלעאָן האָבן טאַקע געגלויבט אין אַזאַ מעגלעכקייט, אָבער אַנאַרכיסטן דאַרפן זיין די לעצטע צו גלויבן אין אַזאַ אילוזיע".

בעת זיין אויפהאַלטן זיך אין בערלין זיך האָט אַראָבאַן זיך אויך באַטייליקט גאָר לעבהאַפטיק אין דער דייטשער באַוועגונג און איז בעיקר מיט די יינגערע חברים געווען פאַרבונדן דורך אַ זייער נאָענטער פריינדשאַפט. ער האָט אויך דעמאָלט געשריבן פאַר אונזער פאַרלאַג אַ גאַנץ גרויסע בראָשור אין דער דייטשער שפּראַך, שטורעם איבער שפּאַניע.

כדי זיך צו פאַרפולקאָמען אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט ער שפּעטער אָנגענומען אַ שטעלע אויף אַ יאָר אין דער בערליץ־שול אין לאָנדאָן, אָבער ווען עס איז געקומען דער ווינטער מיט זיינע געדיכטע נעפּלען, האָט ער באַלד געמוזט אַוועקפאָרן פון לאָנדאָן און איז צוריקגעקומען קיין בערלין. ער איז שוין דעמאָלט געווען לונגען־קראַנק און האָט דורך זיין אויפהאַלטן זיך אין

לאָנדאָן נאָך פאַרערגערט זיין געזונט־צושטאַנד. דאָך האָט דער רוב פון אונז בכלל נישט געוווּסט, אַז עס פעלט אים עפּעס, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיינע שוואַכקייטן. בלויז דורך זיין געטרייער לעבנסבאַגלייטערין הילדעגאַרט, וועלכע האָט געהערט צו אונזערע יוגנט־קרייזן און איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיט מילי און מיר, האָבן מיר זיך פון צייט צו צייט דער־וווּסט, אַז מיט זיין געזונט איז גאָרנישט היימלעך.

ווען ער איז אין אַ צייט אַרום נאָך דעם פאַלן פון דער מאָנאַרכיע צוריקגעפאָרן מיט הילדען קיין שפּאַניע און זיך באַזעצט אין מאַדריד, האָט ער צוערשט זיך ענערגיש באַטייליקט אין דער באַוועגונג, וואָרים ער איז געווען נישט בלויז אַ טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער, נאָר אויך אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אויף די צוהערער. אָבער דאָס רעדן האָט אים געשאַדט און ער איז אינגיכן אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז ער איז כמעט שטענדיק געווען צוגעבונדן צום בעט. ער איז געשטאָרבן בערך אַ חודש פאַר דעם אויסברוך פון שפּאַנישן בירגערקריג אין דעם זעלבן טאָג, ווען אויך אַלעקסאַנדער בערק־מאַן האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין ניצאַ.

מיר האָבן שוין דעמאָלט געלעבט אין אַמעריקע און איך האָב באַקומען די טרויעריקע ידיעה דורך מאַקס נעטלאַו, וועלכער האָט מיר דעם 9טן יולי 1936 געשריבן פון באַרסעלאָנאַ:

„דער 28סטער יוני, אַ זונטיק, איז געווען פאַר מיר אַ זייער שיינער טאָג, ווייל איך האָב געקאָנט מיטפאָרן מיט פעדעריקאַ מאָנטסעני, וואָס האָט געגעבן רעפעראַטן אין כיראַנעלאַ און בערגאַ (אין אויבערשטן טייל פון לאָברעגאַט). דאָס אוראַלטע בערגאַ און דער באַרג קעראַלטאַ, פון וועלכן מען קאָן אַרומנעמען מיט דעם בליק אַ גרויסן טייל פון קאַטאַלוניע.

„אָבער 6 אַזייגער אינדערפרי איז געשטאָרבן דער אָרימער אָראָבאָן — 26 חדשים לונגען־קראַנק — וועלכער איז נאָך שבת אין אָוונט געלעגן אין גאָרטן אויף דעם האַמאַק. אינדערפרי אַ שרעקלעכע הוסט־אַטאַקע, פלוצלינג פאַרפעלט אָטעם — ער האָט שמייכלענדיק זיך אַרומגעקוקט, אויף דער מוטער, אויף דער פרוי און שוועסטערס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, כדי זיי צו באַרויִקן, און באַלד איז ער געווען טויט — שמייכלענדיק געשטאָרבן. אַ מוטיקער מענטש".

מיט אָראָבאָן האָט די שפּאַנישע באַוועגונג פאַרלוירן איינעם פון אירע פּעאיקסטע מענטשן, וואָס וואָלט גראַד אין יענער צייט, בעת אַלע כוחות זענען אַזוי נויטיק געווען, געוווען געקאָנט אַ סך אויפטון, ווען די בייזע קראַנקהייט זאָל אים נישט געווען מקצר ימים זיין, בעת ער איז קוים געהאַט אַריבער דאָס פינף און דרייסיקסטע יאָר פון זיין לעבן. דעם אמת געזאָגט, איז אים דורך זיין פריצייטיקן טויט פאַרשפּאַרט געוואָרן די גרויסע טראַגעדיע צו מוזן צוזען דעם פאַרצווייפלטן טויט־קאַמף פון אַ העלדיש פאָלק קעגן דער רעאַקציע פון דער גאַנצער וועלט, וואָס וואָלט פאַר אים אפשר נאָך ערגער געווען.

אין האַרבסט 1928 זענען אונזערע שפּאַנישע חברים בועגאווענטורא דורו־טי און פראַנסיסקאָ אַסקאַסאָ מיט זיין פרוי, אַ פראַנצויזישע חברטע, געקומען קיין בערלין. עס איז געווען דאָס צווייטע מאָל, וואָס זיי האָבן אין דייטשלאַנד געזוכט אַ שוץ־אָרט. מיט אַ יאָר פריִער האָט מען זיי געהאַט אַרויסגעטריבן פון פראַנקרייך, נאָכדעם ווי מען האָט זיי צוזאַמען מיט זייער פריינט כאָווער געהאַלטן אַרעסטירט העכער אַ יאָר פאַר אַ כלומרשט צוגרייטן אַן אַטענטאַט אויף דעם לעבן פון אַלפאָנס דעם XIII און זיי האָבן יעדן טאָג מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי איבערגעבן צו שפּאַניע אָדער אַרגענטינע, ווו זיי האָבן זיך געקאָנט ריכטן אויף דעם ערגסטן. בלויז מחמת דער גרויסער פּראָטעסט־באַוועגונג אין פראַנקרייך, אין וועלכער עס האָבן זיך ענערגיש באַטייליקט די פאַרשידנסטע ריכטונגען און באַרימטע פּערזענלעכקייטן ווי מאַדאַם סעווערין און אַנדערע, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג נישט נאָכגעגעבן די אויסליפע־רונג־פאַרשלאָגן פון שפּאַניע און אַרגענטינע און זיך באַגנוגנט מיט אַרויסשיקן זיי פון לאַנד. היות בעלגיע און לוקסעמבורג האָבן זיי דעמאָלט אָפּגעזאָגט דעם אַריינפאָר, זענען זיי געקומען קיין דייטשלאַנד, פונוואַנען זיי זענען אָבער באַלד אין עטלעכע וואָכן אַרום אויף דעם פאַרשלאָג פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּרייסישן אינערן־מיניסטער אַרויסגעשיקט געוואָרן. אַ פּרווו צו געפינען אַן אַזיל אין רוסלאַנד איז געבליבן אָן רעזולטאַט, ווייל די סאָוויעטן־רעגירונג האָט זיי געשטעלט באַדינגונגען, וועלכע זיי האָבן אַלס אַנאַרכיסטן נישט געקאָנט אָננעמען. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז זיי נישט געבליבן קיין אַנדערע זאַך, ווי אונטער פאַלשע נעמען ווידער צוריקצופאָרן קיין פּאַריז, ווו זיי זענען עטלעכע חדשים געווען אויסבאַהאַלטן ביי חברים, ביז עס איז זיי געלונגען צו געפינען אַרבעט אין ליאָן, וואָרים זיי האָבן נישט געוואָלט לענגער אויסניצן די סאָלידאַריטעט פון די חברים. אָבער אין אַ האַלב יאָר אַרום זענען זיי אויס־געפונען געוואָרן דורך דער פּאָליציי, פאַרמשפּט געוואָרן אויף זעקס חדשים תפיסה פאַר עובר זיין אויף דער אַרויסשיקונג־פאַראָרדענונג און נאָך דעם אָפּקומען די שטראָף זענען זיי ווידער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך. נאָך אַ קורץ געהיים פאַרבלייבן אין בעלגיע, זענען זיי געקומען קיין בערלין, היות זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה.

איך האָב מיך מיט זיי נישט געהאַט באַקענט בעת זייער ערשטן באַזוך, ווייל איך האָב מיך גראָד געפונען דעמאָלט אויף אַ רעפעראַטן־טורנע אין דעם גרויסן אינדוסטריע־באַצירק אין מערב, וואָס האָט מיך לאַנגע חדשים געהאַלטן ווייט פון בערלין. אַוודאי האָב איך שוין געהאַט אַ סך געלייענט אין פראַנצוי־זישע און שפּאַנישע צייטונגען וועגן די צווי דרייסטע לייט, וועלכע מען פלעגט אין די קרייזן פון שפּאַנישע אַנאַרכיסטן צוזאַמען מיט זייער פריינט כאָווער אָנרופן די דריי מוסקעטירן. זיי האָבן דעם דאָזיקן נאָמען ערלעך פאַרדינט, וואָרים עס זענען נישט געווען קיין סך מענטשן, וועלכע זאָלן אין משך פון דעם קורצן ביסל צייט, וואָס איז זיי באַשערט געווען, האָבן געפירט אַזאַ איינ־

שטעלעריש לעבן און באַוויזן אַזויפיל דרייסטקייט, אַזאַ אַן אַ שיעורדיקע קרבנות־גרייטקייט און אַזאַ ממש אומבאַגרייפלעכע גרינגשאַצונג צום טויט. ניטשעס וואָרט „געפערלעך לעבן" איז פאַר מענטשן פון דורוטיס און אַסקאַסאָס שניט געווען ווי אַנגעמאָסטן, וואָרים זייער לעבן האָט זיך תמיד באַוועגט אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט, וועלכער האָט זיי געדראָט צו פאַרשלינגען און מיט אַכט יאָר שפּעטער אין דער סאַמע בליאונג פון זייערע יאָרן טאַקע פאַר־שלונגען.

איך האָב זיי ביידע געזען אין טאָג פון זייער אָנקומען אין הויז פון מיין פריינט אויגוסטין זוכי, וועלכער האָט מיר באַלד צוויסן געטון, מיין נאָמען איז זיי ביידע געווען באַקאַנט דורך מיינע שריפטן און אַרטיקלען, וואָס זענען געהאַט דערשינען אין שפּאַניש. זיי האָבן מיך דעריבער באַגריסט מיט דער טיפּישער שפּאַנישער חברשאַפט, וועלכע באַוייטיקט באַלד יעדע פרעמדקייט און שאַפט אַ געפיל, ווי מען וואָלט זיך שוין געקענט זינט יאָרן.

אַסקאַסאָ איז געווען אַ מאַן פון מיטעלער הייך און אַנגענעמע פּנים־שטריכן. זיין אויסערלעכקייט האָט אַפילו אַרויסגעוויזן אַ געוויסע רחבות, וועלכע האָט קוים געקאָנט געבן אַן אָנדייט, וואָס פאַר אַן אומגעצוימטע ענער־גיע עס שטעקט אין דעם מענטש. אַנדערש דורוטי, ער איז געווען הויך געוויק־סיק, געהאַט אַ ברייט געשטאַלט, ווי פון אַ פעלז אויסגעהאַקט. יעדע באַוועגונג איז געווען ווי פון אַ מאַן מיט אומגעוועלעכער פיזישער קראַפט און אייזערנער אַנטשלאָסנקייט. עס איז שווער צו פאַרגעסן זיין פּנים, אויב מען האָט עס נאָר איינמאָל געזען, דאָס איז געווען אַ קלוג פּנים מיט שאַרפע ליניעס און עקשנות־דיקע שטריכן, וואָס בעת עס איז געוואָרן ערנסט, האָט עס באַקומען אַ געוויסע האַרטקייט. די געדיכטע שוואַרצע האָר און די טונקעלע בליציקע אויגן האָבן נאָך פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן איינדרוק. איך רעכן, אַז דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן, האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַט דאָס געפיל פון פיזישער מורא. דורוטי איז געווען איינער פון יענע זעלטענע מענטשן, וועלכע וואָלטן באַרוועסערהייט דורכגעגאַנגען דאָס גיהנום, נישט קיין פּינטל טוענדיק מיט דעם אויג, אַבי אויסצופירן וואָס זיי ווילן. בלויז ווען ער האָט געלאַכט זענען פאַרענדערט געוואָרן די דאָזיקע פאַר־ביסענע שטריכן און עס האָט זיך געזען די גאַנצע זאַרגלאָזיקייט פון אַ קינד, וואָס ווייזט פריי אַרויס זיין פרייד און באַמיט זיך צו כאַפּן פון לעבן אַלדינג, וואָס עס פאַרמאָגט נאָר. זיין געזונטער הומאָר האָט געמאַכט פון אים אַן אויס־געצייכנטן מיטשמועסער, ווייט פון יעדן מין אָנשטעל. זיין גאַנץ וועזן האָט דעמאָלט אויסגעשטראַלט אַן אינערלעכע וואַרעמקייט, אויף וועלכער מען וואָלט זיך קוים געקאָנט ריכטן בּון אַזאַ מענטש פון מעשים ווי ער.

דווקא די דאָזיקע טיפע פאַרשטענדעניש פאַר אַלעם מענטשלעכן, געפּאָרט מיט אויסערגעוועלעכער דרייסטקייט, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר קיין

שום ריזיקע, האָט אים מיט אַכט יאָר שפּעטער געמאַכט פאַר דעם געבוירענעם פירער פון די צעבונטעוועטע פאַלקסמאַסן, וואָס זענען מיט אַ פאַרצווייפלטער אַנטשלאָסנקייט אויפגעשטאַנען קעגן דעם פאַרראַט פון אַ פאַשיסטישער מיליטער־קליקע און כמעט דריי יאָר לאַנג אָוועקגעגעבן זייער בלוט, כדי צו ראַטעווען זייער לאַנד פון דער טיראַניע פון אַ באַנדע אומפאַרשעמטע האַלזשנייִדער, וועלכע האָבן בלויז דורך דער הילף פון פרעמדע באַצאָלטע האָרדעס און פאַר דעם פּרייז פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשלעכע לעבנס געקאָנט אויספירן זייערע פינסטערע פלענער. דעמאָלט איז נישט בלויז דער גורל פון שפּאַניע, נאָר דער גורל פון אייראָפּע און פון דער גאַנצער וועלט געשטאַנען אויף דער וואָגשאָל. דורך דעם געוויסנלאָזן אויסשטעלן דאָס שפּאַנישע פאָלק צו דער בעסטיאַליטעט פון פראַנקאָ, היטלער און מוסאָליני, האָט מען אַרויסגערופן די גרויסע וועלט־ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אונז אַרייננגעוואָרפן אין אָפּגרונט. דער רויטער מבול, וואָס האָט שפּעטער איינגעשלונגען מיליאָנען בלוטיקע מענטשנלעבנס און האַלבע לענדער פאַרוואַנדלט אין מדבריות, איז געווען דער פּרייז, וואָס די מענטשהייט האָט געמוזט צאָלן פאַר דער אומהיילבאַרער בלינדקייט פון די מלוכה־פירער און די אַטענטאַטן פון געוויסנלאָזע מאַכטגיריקע פּאָליטיקער. דעמאָלט, ווען אַ גאַנץ פאָלק האָט מיט אַ ביישפּיללאָזן העראָאיזם געקעמפט פאַר זיין פרייהייט, איז דער נאָמען דורוטי געוואָרן אַ לעבעדיקער סימבאָל פון אַ גאַנץ לאַנד און זיך איינגעגראָבן אין די הערצער פון מיליאָנען מענטשן, כדי שוין קיינמאָל נישט צו פאַרשווינדן.

אין דער צייט פון זייער קורץ פאַרבלייבן אין בערלין האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרברענגען טייל אינטערעסאַנטע שעהען מיט אונזערע פריינט. מיר האָבן דורוטי, אַסקאַסאָ און זיין פרוי איינקוואַרטירט ביי חברים אין אָבערשענעווידע, אַן אינדוסטריעלע פאָרשטאָט פון בערלין, ווו זיי זענען געווען ווייניקער אויסגעשטעלט אויף דער סכנה געפונען צו ווערן. דאָס איז פאַר זיי געווען אומבאַקוועם, אָבער מען האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן. די חברים, ביי וועלכע זיי האָבן געוווינט, האָבן בלויז געקענט דייטש; אָבער דורוטי און אַסקאַסאָ האָבן בלויז גערעדט פראַנצויזיש און שפּאַניש. דאָס האָט אָפט געפירט צו קאָמישע מיספאַרשטענדענישן, וואָס האָבן ביי אונז אַ סך מאָל אַרויסגערופן אַ האַרציק געלעכטער. אָבער אונזערע חברים האָבן די זאַכן אויפגענומען מיט גוטן הומאָר און זיך באַלד געפילט אין זייער נייער סביבה ווי ביי זיך אין דער היים. דורוטי האָט זיך זייער שנעל געפילט היימיש ביי דער דייטשער פאַמיליע. באַלד נאָך דעם ערשטן מאָלצייט האָט ער זיך אַרומגעבונדן מיט דעם פאַרטוך און אויסגעוואַשן דאָס געפעס צו דער גרויסער דערשטוינונג פון דער הויז־באַלעבאָסטע און איר מאַן, וואָס זענען די דייטשן נישט געוווינט געווען צו אַזעלכע זאַכן. די ביידע קינדער פון דער פאַמיליע זענען באַלד געוואָרן צוגעלאָזט צו זיי, וואָרים דורוטי איז געווען אַ גרויסער קינדערפריינט און געפּראָוועט שטיק מיט די קליינע, אַז עס איז געווען אַ נחת צו

קוקן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ שלל ווערטער פון דעם פרעמדן לשון, און דאָרט, ווו עס האָט אים אויסגעפעלט אַ וואָרט, האָט אים אַרויסגעהאָלפן זיין געשיקט שטום-לשון.

פאַרנאַכט-צו פלעגן מיר אָפט נעמען אונזערע דריי פאַרטריבענע אין שטאָט אַריין און פאַרברענגען מיט זיי דעם רעשט אָוונט אָדער ביי אונז, צי ביי אויגוסטין זוכי אָדער אין הויז פון עריך מיזאַם. די פּאָליציי האָט זיך דעמאָלט נישט צופיל פאַרנומען מיט די אויסלענדער אין בערלין, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט ריזיקירן מיט טייל זאַכן, וואָס זענען בעת דער קייזער-הערשאַפט געווען אוממעגלעך. דאָרט, ווו עס איז נישט געווען קיין דירעקטע מסירה אָדער אַ דרוק פון די פרעמדע רעגירונגען, האָט מען די פרעמדע בדרך כלל געלאָזט צורו. דאָס וואָלט אפשר אויך געווען אַזוי מיט דורוטי און אַסקאַסאָ, אָבער היות זייער לאַגע איז געווען אַ סך געפערלעכער, האָבן מיר געהאַלטן פאַר בעסער צו פּרוּוון אַרויסבאַקומען פאַר זייביידע לעגאַלע ווויינרעכט.

איך האָב מיך דעריבער געווענדט צו מיין פריינט פּאָול קאַמפּפמייער, וועלכער האָט געהאַט אַ סך איינפלוסרייכע פאַרבינדונגען און ער האָט אונז פריִער שוין געהאָלפן צו ברענגען עמאַ גאָלדמאַן, בערקמאַן און שאַפּיראָ קיין דייטשלאַנד. קאַמפּפמייער איז דעמאָלט געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פּאַרטיי-אַרכיוו אין בערלין. ער האָט אין די נייַנציקער יאָרן געהאַט געהערט צו דער באַוועגונג פון די יונגע, אָבער שפּעטער איז ער וואָס אַמאָל מער אַוועק אויף רעכטס. ער איז אָבער געווען אַן ערלעכער כאַראַקטער, וועלכער האָט קיינמאָל נישט באַשמוצט זיינע געוועזענע חברים און שטענדיק אָנגעהאַלטן זיין סימפּאַטיע צו די אַלטע פריינט. איך האָב מיך דעריבער געקאָנט גאַנץ אָפן אָנפאַרטרויען פאַר אים און נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר עפּעס אַ סכנה. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו טון, וואָס ער וועט קאָנען. אָבער אין צוויי וואָכן אַרום האָט ער זיך געפילט געצוווּנגען מיר מודיע צו זיין, אַז ער קאָן וועגן דעם ענין גאָרנישט טון. די פּרייסישע רעגירונג איז דעמאָלט געלעגן אין די הענט פון אַ קאָאַליציע פון סאָציאַל-דעמאָקראַטן, דעמאָקראַטן און פון דער קאַטוילישער צענטער-פּאַרטיי, און הגם די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט ווי די שטאַרקסטע פּאַרטיי געהאַט פאַרנומען די מיינסטע מיניסטער-פּאָסטנס, האָט זי פונדעסטוועגן זיך געמוזט אַרויסווייזן נאָכגעביק לגבי די אַנדערע פּאַרטייען, כדי צו פאַרמיידן אַ קריזיס און כדי נישט צו שטעלן אין סכנה איר פּאָזיציע אין דעם רייך.

וואָס שייך דורוטי און אַסקאַסאָ איז בעיקר געקומען אין באַטראַכט, וואָס זיי האָבן געהאַט דערשאָסן אין סאַראַגאָסאָ דעם שטאַרק רעאַקציאָנערן קאַרדינאַל סאָלדעווילאַ, איינעם פון די פאַרביסנסטע שונאים פון דער שפּאַנישער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכער האָט מיט זיין געלט אונטערגעשטיצט די טרויעריק באַרימטע פּיסטאָלעראָס, וועלכע האָבן אומגעבראַכט אַזוי פיל פון אונזערע בעסטע חברים.

„ווען זיי זאָלן האָבן דערשאָסן דעם שפּאַנישן קעניג״, האָט מיר קאַמפּפ־מייער געזאָגט, „וואָלט איך נאָך אַלץ געקאָנט עפּעס טון פאַר זיי. אָבער דאָס דערשיסן איינעם פון די העכסטע דיגניטאַרן פון דער קאַטוילישער קירך וועט זיי די צענטער־פּאַרטיי קיינמאָל נישט מוחל זיין. עס איז דעריבער לחלוטין אויסגעשלאָסן, זיי ביידע צו פאַרשאַפן דאָס פּאָליטישע אַזיל־רעכט אין דייטש־לאַנד״.

ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן מיר איינגעזען, אַז עס טויג נישט אויס־צושטעלן זיי ביידע אויף דער סכנה געכאַפּט צו ווערן, וואָס קאָן געשען דורך אַ צופאַל און אויף זיי ברענגען אַ צרה. מיר האָבן דעריבער געמוזט זען וואָס גיכער אַרויסצובעמען דורוטי און אַסקאַסאָ פון זייער געפערלעכער לאַגע און זיי אַוועקשיקן אין אַן אַנדער לאַנד. אָבער וווהין? עס איז דעמאָלט נישט גע־ווען אין איירָאָפּע קיין שום לאַנד, וואָס וואָלט זיי פרייוויליק אויפגענומען; און לעבן ערגעץ אין געהיים איז געווען אַ ריזיקאַלישע שפּיל, וואָס וואָלט געקאָנט האָבן שווערע קאָנסעקווענצן. ווען זוכי און איך האָבן זיי דערקלערט די גאַנצע לאַגע און געפרעגט, וואָס מען זאָל טון, זענען זיי נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג געקומען צום אויספיר, אַז מעקסיקא וואָלט אפשר געווען דאָס איינציקע לאַנד, ווו זיי וואָלטן געקאָנט געפינען אַ מקום מקלט. זיי האָבן טאַקע אַפילו דאָרט נישט געקאָנט פאַרבלייבן אונטער זייערע ריכטיקע נעמען, אָבער זיי האָבן געגלויבט, אַז אין אַ לאַנד, ווו זיי קענען די שפּראַך, וועלן זיי האָבן אַ בעסערע געלעגנהייט ערגעץ־ווו זיך צו באַהאַלטן און געפינען אַרבעט. מיר זענען דע־ריבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז דער בעסטער פּלאַן. כדי דאָס דאָזיקע דורכצופירן, האָבן זיי קודם געמוזט אין געהיים אַריינקומען קיין בעלגיע, ווו זיי זענען געווען זיכער, אַז מיט דער הילף פון נאָענטע קאַמעראַדן וועלן זיי זיך קענען פאַרשאַפן די נייטיקע פּאַפּירן, כדי צו קענען אַרויספאָרן פון אַנטווערפּען.

פאַר אונז איז דעריבער געשטאַנען די פראַגע צו פאַרשאַפן די נישט קליינע רייזע־הוצאות. דערפון האָבן מיר זיי פאַרשטייט זיך גאָרנישט געזאָגט, ווייל זיי וואָלטן אַוודאי נישט געווען אַנגענומען אַזאַ קרבן. די באַוועגונג האָט דעמאָלט געשטעלט צו יעדן פון אונז גרויסע פאָדערונגען, וואָרים מיר האָבן אין יענער צייט געלעבט אין כסדרדיקע גרויסע אינדוסטריעלע קאַמפן און דערצו נאָך אין אַ פאַרבאַרגענעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס.

דאָס געלט האָט געמוזט שנעל געשאַפן ווערן. איך האָב דעריבער גערעדט מיט מיין פריינט עריך מיזאַם וועגן דער זאַך און ער האָט געמאַכט דעם פאָרשלאָג, אַז מיר ביידע זאָלן אויפזוכן דעם באַקאַנטן שוישפּילער אַלעקסאַנ־דער גראַנאַך, וועלכער וועט אונז דערביי אפשר קענען עפּעס העלפן. מיר זענען ביידע געווען גוט באַפריינדט מיט גראַנאַכן און געוווסט, אַז מען האָט קיינמאָל נישט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר אומזיסט, כל זמן ער האָט געהאַט עפּעס צו געבן. אָבער דאָס איז טאַקע געווען דער נעוראַלגישער פּונקט.

גראַנאַך איז געווען אַ געבוירענער באַהעם. ער האָט פּאַרדינט שטיקער געלט, אָבער די גרעסטע סומע איז אים באַלד צערונען געוואָרן צווישן די פינגער, וואָרים זיינע פאַרלאַנגען זענען תמיד געווען גרעסער פאַר זיינע הכנסות. שפּאָרן געלט איז נישט געווען זיין טבע און אַלץ, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אויסגעגעבן מיט אַנדערע. אָבער פּרווון האָט דאָך נישט געקאָנט שאַדטן, האָבן מיר אים געשריבן אַ בריוו, אַז מיר ווילן מיט אים רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין. ער האָט אונז באַלד געענטפערט און אונז איינגעלאַדן אים צו באַזוכן אין עטלעכע טעג אַרום. מיר האָבן אים נישט געטראָפן אינדערהיים, אָבער ער האָט אָנגעזאָגט זיין באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל אונז מכבד זיין מיט אַ גוטן כיבוד און אונז זאָגן, אַז מיר זאָלן אויף אים וואַרטן, ווייל ער איז יענעם איבערפרי גראָד געווען פאַרנומען ביים פילמירן. אין אַ שעה אַרום איז ער געקומען אַן אויפגערוימטער און אין אַ גוטער שטימונג ווי שטענדיק. איך האָב אים געזאָגט וועגן וואָס מיר זענען געקומען, אָבער נישט אָנגעבנדיק קיין נענטערע פרטים.

„איר קומט גראָד אין דער ריכטיקער צייט!" האָט ער געזאָגט כמעט אויסשרייענדיק. „אָט האָט איר, וואָס איך האָב היינט אינדערפרי פאַרדינט!" דערביי האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע דריי אָדער פיר הונדערט־מאַרק באַנקנאָטן און זיי אַ וואַרף געטון אויף דעם טיש. אויף אַזוי פיל האָבן מיר זיך באמת נישט געריכט און דערפאַר טאַקע זיך מער געפרייט, ווייל עס איז געווען אַ גוטער אָנהייב. דער גוטער גראַנאַך האָט זיך קיינמאָל נישט דערוווסט, וועמען ער האָט מיט זיין געלט געהאָלפן. עס איז פאַר אים געווען גענוג, אַז מיר דאַרפן זיין הילף פאַר אַ גוטן צוועק; דאָס איבעריקע האָט אים נישט געקימערט.

ווען מיר האָבן געהאַט צונויפגענומען דאָס גאַנצע געלט אויף רייזע־הוצאות, האָבן אונזערע פריינט זיך האַרציק געזעגנט מיט אונז, כדי צו פאָרן קיין בעלגיע. אין צוויי וואָכן אַרום האָבן זיי אונז געשריבן פון בריסעל, אַז זיי זענען גוט אַדורך די גרענעץ און פילן זיך דערווייל אין זיכערקייט. עס זענען דערנאָך פאַרביי עטלעכע חדשים, ביז מיר האָבן ווידער געהאַט פון זיי אַ ידיעה. זיי האָבן אונז געשריבן, אַז דאָס פאַרשאַפן זיך די נויטיקע פאַפּירן קומט זיי אָן שווערער ווי זיי האָבן זיך געריכט און זיי זענען דעריבער געצוווּנגען צו בלייבן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט אין בעלגיע.

דערווייל האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע אין שפּאַניע וואָס אַמאָל מער פאַרשאַרפט, אַזוי אַז מען האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף דעם באַלדיקן סוף פון דער דיקטאַטור און אפשר אויף דעם פאַלן פון דער מאָנאַרכיע בכלל. נאָכדעם ווי מיר האָבן אַ לענגערע צייט גאָרנישט מער געהערט פון דורוטי און אַסקאַסאָ, האָבן מיר פלוצלינג באַקומען פון זיי אַ בריוו, אין וועלכן זיי האָבן אונז צוריקגעשיקט דעם גרעסטן טייל פון דעם געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט געזאַמלט פאַר זיי און אונז מיטגעטיילט, אַז זיי האָבן רעזיגנירט פון דער רייזע קיין מעק־

סיקאָ, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוריקצופאָרן קיין שפּאַניע. פון דעם געלט האָבן זיי זיך איבערגעלאָזט בלויז אַזויפיל, אַז עס זאָל זיי סטייען אויף הוצאות אַהיימצופאָרן.

מען וועט קיינמאָל נישט קענען פאַרשטיין אַזעלכע מענטשן ווי פון דורוטיס און אַסקאַסאָס שניט, אויב מען קען נישט די שפּאַנישע סביבה, אין וועלכער זיי זענען אויפגעוואַקסן און די באַדינגונגען, ביי וועלכע זיי האָבן געמוזט דורכפירן זייער טעטיקייט. שפּאַניע איז זינט יאָרהונדערטער געווען אַ לאַנד, ווו די פּאָליטישע און סאָציאַלע קעגנזאַצן שטויסן זיך צוזאַמען איינע קעגן די אַנדערע שטאַרקער ווי אין אַנדערע מדינות. בעת די פרייהייט־שטרעבונגען און פעדעראַליסטישע טראַדיציעס האָבן אין פאָלק קיינמאָל נישט אָנגעווירן זייער צוציאונגקראַפט, האָט די קלעריקאַלע מאָנאַרכיע קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט קיין שום מיטל, כדי מיט באַרבאַרישער ברוטאַליטעט אויסצוראָטן די דאָזיקע שטרעבונגען. אין קיין שום אַנדער לאַנד האָט זיך דער פּאַראַליזירנדיקער איינפלוס פון דער קירכע נישט געהאַלטן אַזוי לאַנג אין פּאָליטישן לעבן און טאַקע דערפאַר געשאַפן אין פאָלק אַזאַ טיפן ווידערווילן קעגן יעדער מלוכהשער אַפּיטרופּסות. די דאָזיקע טיפע אינערלעכע קעגנזאַצן האָבן זינט די טעג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע תמיד אויפסניי געפירט צו גרויסע אינערלעכע דערשיטערונגען, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט באַזייטיקן דורך קיין שום פּשרה. די באַגריפן רעאַקציע און רעוואָלוציע האָבן אין שפּאַניע באַקומען אַ גאָר אַנדערע באַדייטונג ווי אין אַנדערע לענדער. יעדער ציטווייליקער קאָמפּראָמיס איז תמיד בלויז געווען אַ מין וואָפנשטילשטאַנד, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט דער אויסזיכט אויף ווייטערדיקע קאַמפן. צווישן די רעאַקציאָנערע שטרעבונגען פון דער קלעריקאַלער דינאַסטיע, וועלכע האָבן געהאַט אַ טיפן שורש אין דער פאַרגאַנגענהייט, און די פאָדערונגען פון דעם מאָדערנעם לעבן, איז נישט מעגלעך געווען קיין שום פאַרשטענדיקונג. יעדע ציטווייליקע הנחה, וואָס מען האָט בעל כרחו אַרויסבאַקומען פון די הערשנדיקע אויבערשטע שיכטן אונטער דעם דרוק פון די באַדינגונגען, איז תמיד בלויז געמאַכט געוואָרן, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט זי ווידער צוריק צו נעמען. דער גייסט פון דער אינקוויזיציע אויף דער אַנדערער זייט פון די פּירענעען איז קיינמאָל נישט פאַרשוווּנדן און האָט זיך ביי יעדן נייעם פּרווו פון דער רעאַקציע באַוויזן מיט אַ באַרבאַרישער ווילדקייט, ווי מען האָט זי שוין לאַנג נישט געהאַט געזען, ביז דעם אויפקומען פון טאָטאַליטאַרע מלוכות אין דעם רעשט אייראָפּע.

צום שווערסטן איז אויסגעקומען צו ליידן אונטער דעם דאָזיקן ביישפּיללאָזן דעספּאָטיזם דער פרייהייטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איר געשיכטע אין שפּאַניע ציט זיך פון 1840. איר געשיכטע איז אַ גרויסע מאַרטיראָלאָגיע, ווי קיין שום אַנדער פאָלק האָט עס נישט געקענט אין אַזאַ פאַרנעם. זי איז אין משך פון יאָרן אָן אויפהער פאַרפאָלגט געוואָרן; אירע סינדיקאַטן זענען אויפ־

געלייזט געוואָרן און נידערטרעכטיקע אויסנאַם־געזעצן האָבן זי אַפּט געצוווּנגען צו אַן אונטערערדישער טעטיקייט. אָבער די שפּאַנישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך קיינמאָל נישט פרייוויליק אונטערגעוואָרפן דעם יאָך, וואָס די מאַכטהאָבער פון לאַנד האָבן אויף איר אַרויפגעוואָרפן און זי איז פון אַלע קאַמפן אַרויס־געקומען געשטאַרקט, נישט געקוקט אויף אַלע בלוט־קרבנות, וואָס זי האָט געמוזט ברענגען פאַר איר זאַך. די פּעריאָדישע פאַרפאָלגונגען האָבן נאָך פאַרהאַרטעוועט איר ווילן און געשאַפן אין יעדן פּעריאָד פון דער רעאַקציע אַ גרופּע פון דרייסטע און אומדערשראָקענע מענטשן, וועלכע האָבן אַנטשלאָסן ריזיקירט זייער לעבן און זיך קעגנגעשטעלט דער געוואַלט פון זייער אַכזריות־דיקן קעגנער. די ווערטער פון דעם אַלטן ליד פון די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן "antes que esclavo prefiere morir" (בעסער שטאַרבן איידער זיין אַ שקלאַף) זענען נישט בלויז געזונגען געוואָרן; די בלוטיקע גרויזאַמקייט פון אַ טיראַנישער רעגירונג, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן אונטערצוּוואַרפן אירע קרבנות אין די תפיסות צו די שרעקלעכסטע פּייניקונגען, איז שוין אַליין מסוגל געוועזן, אַז זיי זאָלן ביי אַ סך אַריינדרינגען אין פלייש און בלוט.

ווען איך האָב מיך מיט דורוטי און אַסקאַסאָ באַקענט אין בערלין, זענען זיי געווען יונגעלייט פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. זיי זענען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, בעת עס איז שוין געווען אין גאַנג אַ נייע רעאַקציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט זיך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער פונאַנדערגעגאָסן איבער גאַנץ שפּאַניע און אַוועקגעפירט די טעטיקייט פון די צוויי מענער אויף אַזאַ געפערלעכן וועג.

דורוטי איז געבוירן געוואָרן דעם 14טן יולי 1896 נישט ווייט פון דער שטאָט לעאָן. זיין פאָטער איז געווען אַ פּשוטער אייזנבאַן־אַרבעטער, וועל־כער האָט באַדאַרפט באַשפּייזן ניין קינדער. דורוטי איז געוואָרן אַ מעכאַניקער און האָט זיך שוין באַטייליקט אין דעם גרויסן אייזנבאַן־שטרייק פון 1917. בערך צוויי יאָר שפּעטער איז ער דורך דעם אַלטן חבר מאַנועל בוענאַקאַסאַ אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם אידעענגאַנג פון אונזער באַוועגונג, וועלכער ער האָט זינט דעמאָלט געווידמעט זיין גאַנצע ענערגיע. אונטער דעם איינפלוס פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד האָט די באַוועגונג אין שפּאַניע באַקומען אַ גרויסן אויפבלי, בעיקר אין קאַטאַלוניע. אין אַלע גרע־סערע שטעט פון לאַנד זענען אויפגעקומען צייטונגען פון דער C.N.T. און זיי זענען שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער אַרבעטערשאַפט. דערצו זענען צוגעקומען נאָך אַ גאַנצע ריי אַנאַרכיסטישע בלעטער און צייטשריפטן אין אַלע טיילן פון שפּאַניע. שולן און דערציאונג־אַנשטאַלטן פון אַרבעטער האָבן זיך אומעטום אַנטוויקלט; כמעט יעדע גרעסערע שטאָט האָט געהאַט איר אַטע־נעאָ, איר אַרבעטער־אַקאַדעמיע.

אָבער די דאָזיקע צייט פון גרויסן אויפבלי האָט נישט לאַנג געדויערט און איז באַלד פאַרביטן געוואָרן דורך אַ תקופה פון בלוטיקער רעאַקציע,

וועלכע האָט זיך לסוף פאַרענדיקט מיט דער דיקטאַטור פון פרימאָ ריוועראַ און אַפילו געשטעלט אין שאָטן די שרעקלעכע געשעענישן פון יאָר 1896, ווען די דערשיטערנדיקע טאָרטורן־סצענעס אין די קאַזעמאַטן פון מאָנטכואיטש האָט אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. אין נאָוועמבער 1920 איז פאָרגעקומען אין באַרסעלאָנאַ אַ קאָנפערענץ פון אַלע רעאַקציאָנערע פּאַרטייען, וואָס איז פאַררופן געוואָרן פון דעם שטאָט־בירגערמייסטער, מאַרטינעז דאָמינגאָ און דעם מיליאָנער גראַאופּערא, דעם פּרעזידענט פון קאַטאַלאַנישן אונטערנע־מער־פאַרבאַנד, כדי אַ סוף צו מאַכן צו די סינדיקאַטן פון דער C.N.T. דער אונטערנעמער־פאַרבאַנד האָט צוליב דעם דאָזיקן צוועק שוין פריִער געהאַט געשאַפן דעם סינדיקאַטאָ ליברע, יענע טרויעריק באַרימטע מאָרד־צענטראַלע, וואָס איז באַשטאַנען פון פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, וועלכע זענען באַצאָלט געוואָרן פון די רעאַקציאָנערן, כדי צו טעראָריזירן די אַרבעטערשאַפט. ווען דער גובערנאַטאָר פון קאַטאַלוניע, סעניאָר פּראַט האָט זיך קעגנגעשטעלט די דאָזיקע מאַכינאַציעס און אָפן דערקלערט, אַז ער קאָן נישט דורכקומען מיט זיין געוויסן צו טאָלערירן פּראָפעסיאָנעלע מערדער, האָט מען אים געצוווּנגען זיך צוריקצוציִען פון זיין אַמט און אים פאַרביטן דורך דעם ברוטאַלן תלין מאַרטינעז אַנידאָ, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דעם פּאָליציי־פּרעזידענט אַרלעגי איינגעפירט אין קאַטאַלוניע אַן אמתע טעראָר־הערשאַפט.*) אויפן סמך פון אַ נבזהדיק אויסנאַם־געזעץ, לעי דע פוגאַס, זענען די סינדיקאַטן געוואָרן אויפגעלייזט, זייער פּרעסע אונטערדריקט און טויזנטער מענטשן אַריינ־געוואָרפן אין די תפיסות, ווי אַ סך זענען געפייניקט געוואָרן אויף דעם אַכזריותדיקסטן אופן. די אָרגאַניזירטע מאָרד־באַנדעס פון דעם סינדיקאַטאָ ליברע און פון דער סאָמאַטען, וואָס זענען באַשיצט געוואָרן דורך דער רעגי־רונג, האָבן אומגעשטעלט געקאָנט דורכפירן זייער בלוטיקע אַרבעט. באַקאַנטע פאָרשטייער פון די סינדיקאַטן זענען אינמיטן דער גאַס, אין קאַפעהויז און אָפט אין זייערע אייגענע וווינונגען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר די אויגן פון זייערע פרויען און קינדער. אין באַרסעלאָנאַ אַליין זענען אויף דעם דאָזיקן אופן דערמאָרדעט געוואָרן 107 אַרבעטער בעת די בלוטיקע יאָרן פון 1920—23, צווישן זיי אַזעלכע באַקאַנטע פאָרשטייער פון דער C.N.T. ווי ראַמאָן אַרטשס, סאַלוואַדאָר סעגי און אַ סך אַנדערע. אַנדערע באַקאַנטע חברים זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, צווישן זיי אויך אַנכעל פּעסטאַניאַ. ווען מען האָט אים מיט עטלעכע קוילן אין קערפּער צוגענומען פון דער גאַס און אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, האָבן די מערדער אַפילו דאָרט זיך אַריינגעריסן, כדי מיט אים

---

*) דער באַקאַנטער שפּאַנישער שרייבער אונאַמונאָ האָט געצייכנט פון אַנידאָ דאָס פאָלגנדיקע בילד: „דער דאָזיקער מענטש איז אַן אמתדיק פאַרזעעניש, וואָס קען אַפילו נישט רעדן, נאָר רעוען און זידלען; הגם זיין רעווען און שרייען האָבן תמיד אַ באַשטימ־טע כוונה.

אַ סוף צו מאַכן. בלויז דעם ענערגישן קעגנשטעלן זיך פון די מעדיקער האָט ער צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז דעמאָלט אַרויס מיט דעם לעבן.

דער טעראָר איז נישט בלויז געווען געווענדט קעגן אַנאַרכיסטן און מיט־גלידער פון דער C.N.T. ער האָט נישט געשוינט אַפילו די וואָס האָבן גע־פּרוווט צו פאַרטיידיקן די רעכט פון די אַרבעטער און מאָנען ביי די מערדער אַ דין וחשבון. אַזוי איז אין באַרסעלאָנאַ דער רעפּובליקאַנער אַדוואָקאַט קאָמ־פּאַניס איינגעזצט געוואָרן אין תּפיסה לויט אַ באַפעל פון דער מאַכט, ווייל ער האָט געהאַט די העזה צו וועלן פאַרטיידיקן פאַר דעם געריכט מיטגלידער פון דער C.N.T. ער האָט עס נאָך געקאָנט האַלטן פאַר אַ גליק, וואָס עס איז אים נישט געשען עפּעס ערגערס, אַזוי ווי דעם רעפּובליקאַנישן דעפּוטאַט פראַנ־סיסקאָ לאַירעט, וועלכער איז איבער דעם זעלבן מאָטיוו געפאַלן אַ קרבן דורך די קוילן פון די פּיסטאָלעראָס. אַן אַנדערער אַדוואָקאַט פון די געפּסלטע סינ־דיקאַטן, לאַסטראַ אי אוליעד, איז דורך אַנידאַסעס מערדער־באַנדעס שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, בעת זיין באַגלייטער, דער אַדוואָקאַט י. עסטראַדאַ איז געהרגעט געוואָרן דורך אַ קויל. אָבער די קעמפער פון דער פרייהייטלע־כער באַוועגונג האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן דורך די געמיינע פאַר־ברעכער פון די באַצאָלטע מערדער־באַנדעס און זייערע באַפעל־געבער אין דער רעגירונג און אין דער פּאָליציי, און מחמת דעם וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען אַלע געזעצלעכע רעכט, האָבן זיי גענומען דאָס רעכט אין זייערע אייגענע הענט און זיך פאַרטיידיקט אויף וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט.

דאָס איז געווען אין יענע בלוטיקע טעג, ווען דורוטי, וועלכער האָט געאַר־בעט אין סאַן סעבאַסטיאַן אַלס מעכאַניקער, איז לויט דער עצה און מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון זיין אַלטן לערער בוענאַקאַסאַ געפאָרן קיין באַרסעלאָנאַ, כדי דאָרט זיך צו באַטייליקן אין דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פון זיינע חברים. ער האָט זיך דאָרט אָנגעשלאָסן אין דער געהיימער גרופּע פון די סאָלידאַריאָס, אַ קליינעם קרייז פון אומדערשראָקענע מענטשן, צו וועלכן עס האָבן אויך געהערט פראַנסיסקאָ אַסקאַסאָ, גרעגאַריאָ כאָווער, גאַרסיאַ אָליווער, ריקאַרדאָ סאַנז און עטלעכע אַנדערע, וואָס זייערע נעמען וועלן תּמיד בלייבן אומפאַר־געסלעך פאַר דער שפּאַנישער אַרבעטערשאַפט. די סאָלידאַריאָס האָבן גע־שטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דער בלוטיקער געוואַלט פון זייערע קעג־נער און פאַרטיידיקט ביי אַ שטענדיקער לעבנסגעפאַר דאָס אָנגעגריפענע רעכט פון די אַרבעטער.

אין יענעם בלוטיקן קאַמף, וואָס האָט געדויערט העכער צוויי יאָר און אין וועלכן עס זענען געפאַלן קרבנות אַזויפיל גוטע חברים, זענען אויך די אָנרעגער פון יענער באַרבאַרישער טעראָר־הערשאַפט און זייערע באַצאָלטע אַגענטן נישט אַרויס אינגאַנצן פּטור פון גאָרנישט. דער פּרעזידענט פון דעם קאַטאַלאָנישן אונטערנעמער־פאַרבאַנד, גראַאופּערא, איז געפאַלן דורך די קוילן פון די סאָלידאַריאָס. אים זענען שנעל נאָכגעגאַנגען איינער נאָך דעם אַנדערן

די דריי באַקאַנטע פירער פון דער מאָרד־צענטראַלע באַרעט, בראַוואָ פּאָר־טיזשאָ און עספּעכאָ, און באַלד דערנאָך דער געוועזענער גובערנאַטאָר פון באַרסעלאָנאָ, וועלכער האָט ספּעציעל באַגינסטיקט דאָס גרינדן דעם סינדיקאַטאָ ליברע. אין דער נאַכט פון דעם 8טן מערץ 1921 איז דער שפּאַנישער פּרע־מיער־מיניסטער עדואַרדאָ דאַטאָ, וועלכער האָט דעם מאָרד־רעזשים אין קאַטאַלוניע געשיצט מיט דער אויטאָריטעט פון זיין נאָמען, דערשאָסן געוואָרן אין זיין אייגענעם אויטאָ אינמיטן אַ גאַס פון מאַדריד דורך פּעדראָ מאַטעאָו און לואיס ניקאָלאַו.

דער דאָזיקער פּאַרביטערטער קאַמף האָט וואָס אַמאָל מער אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ וואַנדעטאַ*) און איז געפירט געוואָרן פוןביידע צדדים מיט אַ פּאַרביסנקייט, וואָס מען קען קוים באַגריפן אין אַנדערע לענדער. בעת עס זענען אין יענע שרעקלעכע צוויי יאָר געפאַלן אַלס קרבנות פון מערדערלעכע אַטענטאַטן הונדערטער אַרבעטער פון דער C.N.T. אין באַרסעלאָנאָ און אַנ־דערע שטעט פון קאַטאַלוניע, זענען לויט דער אינפאָרמאַציע פון דער בירגערלעכער פּרעסע אומגעבראַכט געוואָרן בערך דריי הונדערט פון די באַצאָלטע מערדער און פון זייערע רעאַקציאָנערע באַצאָלער. אַ סך פּרטים פון יענער שוידערלעכער צייט, וואָס געהערט שוין לאַנג צו דער געשיכטע, זענען ביז היינט פּאַרבליבן אומבאַקאַנט, ווייל די מייסטע, וועלכע זענען געווען דערביי באַטייליקט, האָבן מיטגענומען זייערע ידיעות אין קבר אַריין.

דורוטי, אַסקאַסאָ און זייערע חברים זענען אין יענע שרעקלעכע יאָרן כמעט שטענדיק געווען אין אַ טויט־סכנה. בעת זייער אויפהאַלטן זיך אין בערלין האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן טייל עפּיזאָדן פון יענער צייט פון פּחדים און ווילדע פּאַרפאָלגונגען, וואָס מאַכן דעם איינדרוק כמעט ווי לעגענדעס פון אַן אומבאַקאַנטער צייט. אַזוי האָט מיר דורוטי אין איינעם אַן אָוונט דערציילט אין דער קעגנוואַרט פון אָראַבאַן, וועלכער האָט אים נאָך געקענט פון שפּאַניע און אים דאָרט געהאַט באַהאַלטן ביי זיך עט־לעכע טעג, וועגן אַ פּאַסירונג, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל דאָס ווייזט פון וואָס פּאַר אַ שטאָף עס זענען געווען געמאַכט יענע מענטשן, וואָס האָבן מיט אַ קאַלטער אַנטשלאָסנקייט און אומאייגנוציקער קרבנות־גרייטקייט זיך אַנטקעגנגעשטעלט יעדער סכנה, ריזיקירנדיק מיט זייער לעבן, אויף וועלכן עס האָבן יעדע מינוט געלויערט אַ באַנדע געוויסנ־לאָזע מאַכטהאָבער און געדונגענע פּאַרברעכער. די זאַך איז זיך אַזוי פּאַר־לאָפן:

דורוטי און אַסקאַסאָ האָבן זיך שוין אַזוי געהאַט צוגעוווינט צו דער סכנה, פון וועלכער זיי זענען שטענדיק געווען באַדראָט, אַז זיי זענען גאָר אינגאַנצן

*) נקמה פון אַ גואל הדם פּאַר דעם מאָרד פון אַ קרוב. — איבערז'.

גלייכגילטיק געוואָרן און אָפּט פאַרגעסן אין יעדער פּאָרזיכטיקייט, וואָס איז גראָד אין זייער מצב געוועזן זייער נייטיק. אַזוי אַרום זענען זיי אין איינעם אָן אָוונט אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין קאַפע־הויז, נישט באַמערקנדיק אַז מען איז זיי נאָכגעגאַנגען. ווי נאָר זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין הינטערגרונט פון לאָקאַל און באַשטעלט אַ קאַלטן טרונק, זענען אַריינגעקומען פינף אָדער זעקס מערדער־יונגען פון דעם סינדיקאַטאַ ליברע און זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ טיש נעבן דעם אַריינגאַנג. דער פירער פון דער באַנדע האָט אַוועקגע־לייגט זיין פיסטויל אויף דעם טיש און געזאָגט מיט חוזק: „אָט האָבן מיר זיי ענדלעך. אָבער מיר וועלן זיי צוערשט לאָזן אויסטרינקען זייער קאַווע, כדי זיי זאָלן נישט ניכטערנערהייט אַריינגיין אין גיהנום".

„מיר וועלן כלומרשט אָנהייבן טרינקען", האָט דורוטי אַ שושקע געטון צו אַסקאַסאָ, „און מיר וועלן זיי באַלד אָנגרייפן". געזאָגט און געטון. ווי נאָר מען האָט פאַר זיי אַנידערגעשטעלט די גלעזער, זענען זיי בליצשנעל אויפ־געשפּרונגען און אָנגעהויבן צו שיסן אויף זייערע שונאים. דער פירער און נאָך אַן אַנדערער זענען באַלד אַנידערגעפאַלן און דורוטי און אַסקאַסאָ זענען אַרויס אויף דער גאַס, נישט באַקומענדיק אַפילו קיין קראַץ. בלויז מענטשן מיט אַן אייזערנעם ווילן, וואָס האָבן מיט פולער זיכערקייט אין איין רגע אויפגעכאַפּט יעדע סיטואַציע, זענען פעאיק אויף אַזעלכע זאַכן. אָבער דורוטי האָט נישט געמאַכט פון דער זאַך קיין צו גרויסן ענין. זיין דערציילונג איז געווען פשוט אָן פּאָזע, גלייך ווי ער אַליין וואָלט גאָר דערביי נישט געווען.

נאָך דעם דערשיסן דעם קאַרדינאַל סאַלדעווילאַ אין סאַראַגאָסאַ, איז דאָס פאַרבלייבן אין שפּאַניע געוואָרן פאַר זיי ביידע אַזוי געפערלעך, אַז זייערע חברים האָבן דרינגלעך פאַרלאַנגט, זיי זאָלן לפּחות אויף דערוויילע זוכן אַ מקום מקלט אין אויסלאַנד. סאַלדעווילאַ, דער דאָזיקער חשובער געטלעכער מאַן, וועלכער האָט אין סאַראַגאָסאַ אויסגעהאַלטן עטלעכע פון די גוט באַקאַנ־טע שפּילהייזער, וואָס האָבן אים אַריינגעבראַכט גרויסע פאַרדינסטן, האָט אויסגעגעבן אַ טייל פון זיינע הכנסות אויף פינאַנסירן די מאַרד־צענטראַלע פון דעם סינדיקאַטאַ ליברע, וואָס האָט אַזוי אָפּט אַריינגעפירט טויט און שרעק אין אַ סך אַרבעטער־פאַמיליעס. איז אָט איז ער געפאַלן אַ קרבן פון זיין אייגענער טאַקטיק.

דורוטי און אַסקאַסאָ זענען צוערשט אַוועק קיין פּאַריז, אָבער מען האָט זיי אויך דאָרט נישט געלאָזט צורו, און ווען מען האָט זיי פון אַ זיכערער קווע־לע צוגעוויסן געטון, אַז די שפּאַנישע רעגירונג האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי אַרויסגעבן, זענען זיי ביידע אַנטלאָפן קיין אַרגענטינע. אָבער ביי די דע־מאָלטיקע רעאַקציאָנערע באַדינגונגען אין יענעם לאַנד האָבן זיי אויך דאָרט נישט געקאָנט געפינען קיין זיכערקייט. אויפגעהעצט דורך דער שפּאַנישער רעגירונג, האָט מען זיי באַשולדיקט אָן דעם מינדסטן באַווייז, אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע רויב־אָנפאַלן, אַזוי אַז די צוויי גערודפטע האָבן,

כדי נישט אַרויסגעגעבן צו ווערן, געמוזט אַנטלויפן קיין אורוגוואַי און באַלד דערנאָך קיין פּאַראַגוואַי, טשילע, מעקסיקאָ און קובאַ, ביז זיי האָבן זיך לסוף אַנטשלאָסן צוריקצופאָרן קיין פּאַריז. דאָרט זענען זיי אין אַ קורצער צייט אַרום אַרעסטירט געוואָרן און נאָך דעם אָנמאַטערן זיך העכער אַ יאָר אין תפיסה, האָט מען זיי אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך. דעמאָלט זענען זיי צום ערשטן מאָל געקומען קיין בערלין. ווען עס איז פאַר זיי דערנאָך אין עטלעכע יאָר אַרום געעפנט געוואָרן דורך דער שפּאַנישער רעוואָלוציע דער וועג אַהיים, זענען זיי בײדע אַוועק קיין באַרסעלאָנאַ, וווּ זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם ווידעראויפבוי פון דער C.N.T. און F.A.I. דאָרט האָב איך זיי געזען צום לעצטן מאָל אין מאַי 1931 אויף מיין וועג צום קאָנגרעס פון דער I.A.A. אין מאַדריד. זיי זענען צו מיר געקומען באַלד נאָך מיין אָנקום אין האָטעל און זיך באַגריסט מיט קאָנטיקער פרייד.

דאָך אַפילו אין דער רעפובליק זענען זיי געווען אויסגעשטעלט אויף שטענדיקע רדיפות. נאָך דעם אויפשטאַנד אין פיגאַלס אין יאַנואַר 1932 איז דורוטי מיט אַ סך פון זיינע חברים פאַרשיקט געוואָרן קיין אַפריקע, ביז מען האָט זיי דורך אַן אַלגעמיינער אַמנעסטיע געגעבן די מעגלעכקייט צוריקצוקומען קיין באַרסעלאָנאַ.

אַזעלכע מענטשן ווי דורוטי און אַסקאַסאָ און זייערע חברים אין דער C.N.T. און F.A.I. איז בעיקר געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס דער אויפשטאַנד פון דער פאַשיסטישער מיליטער־קאַמאַרילע האָט די באַרסעלאָנער אַרבעטער־שאַפט נישט אָנגעטראָפן אַ נישט צוגעגרייטע. דאָס פאַלן פון באַרסעלאָנאַ, וואָס איז פאַרזיכטיק צוגעגרייט געוואָרן דורך סאַנכורכאַ, פראַנקאָ און זייערע מיט־קאָנספּיראַטאָרן, וואָלטן דעמאָלט געווען פאַרשאַפט די פאַשיסטן אַ לייכטן זיג און מסתמא געבראַכן דעם ווידערשטאַנד פון לאַנד אין עטלעכע וואָכן אָדער חדשים. אָבער דער פּלאַן איז נישט געלונגען אַ דאַנק דער וואַכזאַמקייט פון די אַרבעטער. דורוטי, וואָס איז נאָך אַן אָפּעראַציע געווען קראַנק און געלעגן אין בעט, איז באַלד אינפאָרמירט געוואָרן דורך זיינע פריינט, בעת עס איז דעם 19טן יולי 1936 אָנגעקומען די ידיעה וועגן דעם אויפשטאַנד פון די אַרמײ־פירער אין באַרסעלאָנאַ. נישט געקוקט, וואָס זיינע וווּנדן זענען נאָך נישט גע־ווען פאַרהיילט, האָט ער זיך באַלד געשטעלט אויף די פיס, כדי צו פאַרלויפן דעם וועג די קאָנספּיראַטאָרן. בעת דאָס פאָלק האָט שוין אויפגעשטעלט באַ־ריקאַדעס אין די גאַסן, האָבן דורוטי און אַסקאַסאָ, בראש פון אַ שטאַרקער אַר־בעטער־מחנה אָנגעגריפן די קאַזאַרמע, אין וועלכער דער גענעראַל גאָדעד האָט זיך געהאַט פאַרשאַנצט מיט זיין מיליטער. עס איז געווען אַ שווערער קאַמף, וואָס האָט געקאָסט אַ סך קרבנות. אַסקאַסאָ איז געפאַלן טויט נעבן דורוטי. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די פאַשיסטן געמוזט אַוועקלייגן דאָס גע־ווער. באַלד דערנאָך זענען טאַראַגאָנאַ, לערידאַ, מאַטאַראָ און גאַנץ קאַטאַלוניע

באַפרייט געוואָרן פון די פאַשיסטישע האָרדעס און דורוטי האָט אַריינמאַר־שירט מיט אַכט טויזנט מאַן פון דער .C.N.T קיין אַראַגאָן, כדי צו באַ־פרייען סאַראַגאָסאַ און הועסקאַ. דער נאָמען פון דעם דרייסטן אויפשטענדלער האָט דעמאָלט געקלונגען מיט באַוווּנדערונג איבער גאַנץ שפּאַניע און דער שם פון דער דורוטי־קאָלאָנע האָט אַרויסגערופן אומעטום אין לאַנד בטחון און צו־טרוי. אין איינעם פון יענע גרויסע קאַמף־טעג האָט דורוטי געזאָגט צו אַ קאָ־רעספּאָנדענט פון דער .C.N.T צייטונג אין מאַדריד, וועלכער האָט אים באַ־זוכט אויף דעם פראָנט: „אונזערע חברים אויף דעם פראָנט ווייסן, פאַר וואָס און נאָכוואָס זיי קעמפן. זיי פילן זיך פאַר רעוואָלוציאָנערן, וועלכע שלאָגן זיך נישט פאַר פוסטע ווערטער אָדער פאַר אַ מער אָדער ווייניקער ראַדיקאַלער געזעצגעבונג, נאָר פאַר איינעמען די ערד, די פאַבריקן און די וואַרשטאַטן, די טראַנספּאָרט־מיטלען, דאָס ברויט, מיט איין וואָרט: פאַר אַ נייער קולטור. און זיי ווייסן, אַז זייער לעבן איז אָפּהענגיק פון זייער זיג".

ווען מאַדריד האָט זיך געפונען אין דער העכסטער געפאַר איינגענומען צו ווערן פון פראַנקאָס אַרמיי, איז דורוטי מיט עטלעכע טויזנט פון זיין דרייס־טער מחנה אַוועק צו דער הויפּטשטאָט, ווו זיין באַווייזן זיך איז באַגריסט גע־וואָרן מיט פרייד. דאָס איז געווען אויף דעם אָרט, ווו ער איז געטראָפן געוואָרן דורך אַ מערדערישער קויל און געפאַלן ביי דער פולער קראַפט פון זיין טע־טיק לעבן. ווען זיין טויטער גוף איז דעם 22סטן נאָוועמבער 1936 אַריבערגע־פירט געוואָרן קיין באַרסעלאָנאַ, זענען נאָך זיין אָרון נאָכגעגאַנגען מער ווי אַ האַלבער מיליאָן מענטשן. די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אין טיפסטן טרויער, וואָרים די שפּאַנישע אַרבעטער און פויערים האָבן געוווּסט, אַז מיט דורוטי איז אַוועקגעגאַנגען דער סאַמע דרייסטער, אומדערשראָקנ־סטער און ערלעכסטער פאַרטיידיקער פון זייער זאַך.

וואָרים דער דאָזיקער פשוטער אַרבעטער, וועלכער האָט געאַרבעט מיט זיינע חברים אין די וואַרשטאַטן, ברידערלעך געטיילט מיט זיי זייערע פריידן און ליידן און איז אין קאַמף תמיד געווען אויף דעם געפערלעכסטן אָרט, איז געווען אַ מענטש מיט אַ גאָר זעלטענער נשמה־גרויסקייט און איידעלע גע־פילן. דער מאַגנעטישער איינפלוס, וואָס ער האָט געהאַט אויף הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, האָט געשטעקט אין דער טיפער מענטשלעכקייט פון זיין כאַראַקטער, אין זיין אומענדלעכער קרבנות־גרייטקייט און אין זיין גרויסן אידעאַליזם, וואָס האָט אַלדינג איינגעשטעלט פאַר אַ גרוי־סער זאַך און וועלכן עס איז פרעמד געווען יעדער פּערזענלעכער געווין. אַזוי אַרום איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן סימבאָל פון די נאָמענ־לאָזע מאַסן, פון וועלכע ער איז אַרויסגעקומען און פאַר וועלכע ער איז גע־וואָרן אַ לעגענדאַרע פיגור.

אויב דאָס וואָרט העלד האָט בכלל אַ זין, איז דאָ געווען איינער, וואָס האָט אין זיין נאַטירלעכער פשטות קיינמאָל זיך נישט געפילט ווי אַ העלד

און דווקא דערפֿאַר פֿאַרדינט דעם דאָזיקן נאָמען ערלעכער ווי טייל אַנדערע, וועלכע ווערן דורך די קומענדיקע דורות אָפּטמאָל צופֿיל ברייטהאַרציק באַצייכנט פֿאַר העלדן.

אַ טראַגישער גורל האָט געשוועבט איבער דער פֿאַמיליע פֿון דורוטי. איינער פֿון זיינע ביין ברידער איז אין 1934 געפֿאַלן אין אויפֿשטאַנד פֿון אַסטוריאַס. די אַנדערע צוויי זענען דורך פֿראַנקאָס האַרדעס קאַלטבלוטיק אויסגעשאָכטן געוואָרן ביז צום לעצטן, וועלכער האָט געקעמפֿט ביי מאַדריד. דאָס לעבן פֿון בוענאַווענטוראַ דורוטי האָט זיך טאַקע נישט געקאָנט אַנדערש פֿאַרענדיקן. אַ קורצע צייט פֿאַר זיין אַוועקפֿאָרן קיין מאַדריד האָט ער געזאָגט צו סאַנטיזשאַנען, גלייך ווי ער וואָלט שוין געוווּסט געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל פֿון זיין נאָענטן טויט: „איך האָב אַזוי אינטענסיוו געלעבט בעת די דאָזיקע פֿיר חדשים מלחמה קעגן די פֿאַשיסטן, אַז עס וואָלט מיך גאָרנישט געאַרט, אויב איך זאָל שטאַרבן“.

פֿאַר אים איז אַוודאי געווען גוט, וואָס דער טויט האָט אים אָנגעיאָגט, בעת זיין גרויס האַרץ איז נאָך געווען פֿול מיט דער האָפֿענונג און בטחון אויף דעם זיג פֿון זיין זאַך. עס איז געווען אַ פּריצייטיקער טויט, אָבער אַ טויט אין באַגינען פֿון דער פֿרייהייט, וועלכער האָט אים איינגעשפּאָרט די ביטערע אַנטוישונג פֿון אַ פֿאַרלוירענער רעוואָלוציע.

אַחוץ סאַנטיזשאַן, אַראַבאַן, דורוטי און אַסקאַסאָ האָב איך געטראָפֿן אין בערלין אין יענע יאָרן נאָך עטלעכע אַנדערע שפּאַנישע חברים, וועלכע האָבן אָבער ביי אונז זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף דערווייל אָדער בעת דעם פֿאַרבייפֿאָרן. אַזוי האָט מיך באַזוכט אַנכעל פּעסטאַניאַ בעת זיין צוריקפֿאָרן פֿון רוסלאַנד. ער איז, ווי עס איז שוין פֿריער דערמאָנט געוואָרן, געהאַט געפֿאָרן ווי אַ דעלעגאַט פֿון דער C.N.T. קיין רוסלאַנד, כדי דורכצופֿירן איר אָנשליסן זיך צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל. ווען מען האָט נאָך אין שפּאַניע גאָרנישט געוווּסט וועגן די אמתע באַדינגונגען אין רוסלאַנד. פּעסטאַניאַ איז געבליבן עטלעכע חדשים אין מאָסקווע, ער איז אָבער באַלד געוואָרן אינגאַנצן אַנטוישט, בעת ער האָט זיך באַקענט פֿון דער ערשטער קוואַל מיט דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. דורך זיין פֿאַרבינדונג מיט קראָפּאָטקינען, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, איז ער ערשט גוט באַקאַנט געוואָרן מיט אַ סך זאַכן, וועלכע מוזן פֿאַר אַן אויסלענדער, וואָס קען נישט די שפּראַך, בלייבן אינגאַנצן פֿאַרהוילן. ער איז בלויז עטלעכע טעג געבליבן אין בערלין און איז געווען שרעקלעך נידערגעשלאָגן, בעת ער האָט מיך באַזוכט. מען האָט געקאָנט אויף אים דערקענען, אַז די ידיעות, וואָס ער האָט באַקומען אין רוסלאַנד האָבן אויף אים איבערגעלאָזט אַ טיפֿן רושם. ער איז געפֿאָרן קיין מאָסקווע מיט די גרעסטע האָפֿענונגען און איז צוריקגעקומען ווי פֿון אַ שיף־ברוך. אים האָט צום מייסטן געקלעמט די פֿראַגע, ווי אַזוי ער זאָל זיינע חברים אין שפּאַניע איבערגעבן וועגן דעם אמתן מצב פֿון די זאַכן.

„עס איז כמעט ווי אַ מאָרד“, האָט ער געזאָגט, „צו פאַרניכטן האָפענונגען, וואָס זענען געווען אַזוי שטאַרק אַנגעשפּאַנט און וועלכע האָבן דווקא אין שפּאַניע געפונען אַזאַ מעכטיקן אָפּקלאַנג, ווייל מען האָט געגלויבט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז דער סיגנאַל פאַר אונזער אייגענע באַפרייאונג“.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי זייער גוט זיין לאַגע, ווייטער אָבער בין איך מיט דער מיינונג, אַז אַ פאַרשוויגן דעם גאַנצן אמת קאָן נאָר פאַרגרעסערן דאָס אומגליק, היות אַזעלכע זאַכן לאָזן זיך נישט לאַנג באַהאַלטן. ער האָט דאָס מודה געווען, אָבער ער האָט פריער געוואָלט רעדן וועגן דעם מיט מאַלאַטעסטאַ, כדי אויך זיין מיינונג צו הערן. מיט דעם דאָזיקן באַשלוס איז ער געפאָרן קיין איטאַליע, אָבער ווען ער איז באַלד דערנאָך ווידער געקומען קיין שפּאַניע, איז ער באַלד אַרעסטירט געוואָרן. בעת זיין אַרעסט האָבן די שפּאַנישע חברים זיך שוין דערוווּסט דעם גאַנצן אמת וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד, אַזוי אַז פּעסטאַניאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט צו זיין דער ערשטער איבערצוגעבן זיי די דאָזיקע ידיעה.

אויך מיט די מיטגלידער פון דער צווייטער שפּאַנישער דעלעגאַציע, וואָס איז אונטער דער פירונג פון אַנדרעס נין און אַרלאַנדיס געפאָרן קיין מאָסקווע, האָב איך מיך בעת זייער צוריקרייזע איבערפלעכלעך באַקענט. די דאָזיקע דעלעגאַציע, וואָס איז נישט געווילט געוואָרן דורך קיין שום קאָנגרעס פון דער C.N.T. און וואָס זייערע רייזע־הוצאות זענען אפילו באַצאָלט געוואָרן דורך רוסלאַנד, איז באַלד לכתחילה געווען אַנטשלאָסן צו פאַרהאַנדלען די C.N.T. צום קאָמינטערן. דער איינציקער צווישן זייערע מיטגלידער, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ לויב פאַרדינענדיקער אויסנאַם, איז געווען דער אַנאַרכיסט גאַסטאָן לעוואַל. דער פּרווו פון נין און די אַנדערע צוניפּצופּאָרן אויף גוט אָדער שלעכט די C.N.T. מיט די באָלשעוויקעס האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן דערפאָלג און נישט געקאָנט אַראָפּפירן די C.N.T. אויף קיין האָר פון זייערע פרייהייטלעכע אידעען; ער האָט גיכער צוגעהאָלפן, אַז די C.N.T. זאָל וואָס שנעלער זיך אָנשליסן צו דער I.A.A.

אויך עאוסעביאָ קאַרבאָ, אַן אַלטער קעמפער פון דער C.N.T. וועלכער האָט מחמת זיין טעטיקייט געמוזט נישט איין יאָר פאַרברענגען אין תפיסה, איז איין אָדער, אויב איך האָב נישט קיין טעות, צוויי מאָל געווען אין בערלין, כדי זיך צו באַטייליקן ווי אַ דעלעגאַט אויף קאָנפערענצן פון דער I.A.A. פונקט אַזוי גאַלאָ דיעז. קאַרבאָ איז אויך גראָד געווען אין בערלין, ווען עס האָבן זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן די געשעענישן, וועלכע האָבן געעפנט דעם וועג פאַר דער אומפאַרשטעלטער רעאַקציע און זענען געווען דער אַריינפיר צום שפּעטערדיקן פאַלן פון דער רעפּובליק. אָבער וועגן דעם וועט נאָך גערעדט ווערן אויף אַן אַנדער אָרט.

סאָפיע קראָפּאָטקין אין בערלין

דעם 7טן פעברואַר 1921 איז פּיאָטער קראָפּאָטקין געשטאָרבן אין דמיטראָוו. הגם מען האָט זיך געמוזט ריכטן אויף זיין פּטירה, וואָרים ער איז שוין געווען אַ מאַן פון 79 יאָר, האָט מיך די ידיעה וועגן זיין טויט שווער געטראָפן. איך האָב קראָפּאָטקינען זייער אַ סך געהאַט צו פאַרדאַנקען; פון אַלע מענטשן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג, האָט ער געהאַט די טיפסטע השפּעה אויף מיין גאַנץ לעבן. צום מיינסטן באַדויער איך, וואָס ער האָט די שקיעה פון זיין לעבן געמוזט פאַרענדיקן ביי אַזעלכע אומגליקלעכע באַדינגונגען. ער האָט געלעבט מיט זיין פרוי אין דעם קליינעם שטעטל כמעט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער אויסערלעכער וועלט, וואָרים אין יענער צייט איז פון מאָסקווע קיין דמיטראָוו געגאַנגען די באַן בלויז איין מאָל אין חודש, אַזוי אַז די צאָל באַזוכער, וואָס ער האָט אויפגענומען, איז נישט געווען קיין צו גרויסע. צום מיינסטן האָבן דעמאָלט דעם אַלטן געפעלט צייטונגען און זשורנאַלן פון אויסלאַנד, וואָס זאָלן אים קענען האַלטן אינפאָרמירט וועגן דעם גאַנג פון די געשעעענישן. זיין טאָכטער האָט מיר שוין וועגן דעם געהאַט צווויסן געטון פון מאָסקווע דורך אַ פּריינט, וועלכער איז דורך בערלין צוריקגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מיך געבעטן, אַז איך זאָל צו איר פאָטער שיקן אַלדינג, וואָס איך וועל נאָר קענען צונויפנעמען פון פּעריאָדישע שריפטן. איך האָב דעם דאָזיקן פאַרלאַנג באַלד דערפילט און פלעג דורך דייטשע חברים יעדן חודש שיקן צו קראָפּאָטקינען אַ גאַנצע ריי פון די בעסטע צייטשריפטן אין דייטש, ענגליש און פראַנצויזיש. אָבער ביי די דעמאָלטיקע פּאָסט־פאַרבינדונגען פלעגט דויערן חדשים־לאַנג, ביז די אַרויסגעשיקטע זאַכן זענען אָנגעקומען קיין דמיטראָוו, אויב זיי זענען נאָר אויף דעם לאַנגן וועג און ביי די אומזיכערע באַדינגונגען בכלל נישט פאַרלוירן געגאַנגען.

אַ שטיקל צייט נאָך פּיאָטערס טויט האָט אונדז באַזוכט זיין טאָכטער סאַשאַ אין בערלין. דורך איר זענען מיר ערשט געוואָר געוואָרן נענטערע פּרטים וועגן די לעצטע יאָרן פון איר פאָטערס לעבן. כּל זמן פּיאָטער האָט געלעבט אין מאָסקווע, האָט ער זיך באַמיט, נישט געקוקט אויף זיין הויכער עלטער,

אַקטיוו צו באַטייליקן אין די געשעענישן און מיטצווירקן אין דער נייער געשטאַלטונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז אַזוי דרינגנדיק נויטיק געווען, כדי אַרויסצוקומען פון דעם עקזיסטירנדיקן כאַאָס און מעגלעך צו מאַכן אַ נייעם אָנהייב. פאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט ער צוזאַמען מיט אַנ־דערע געגרינדעט דעם בונד פון די פעדעראַליסטן, אַ גרופּירונג פון טעכני־קער, אַגראָנאָמען, אינזשיניערן, כעמיקער און אַנדערע פּראָפעסיעס פאַר פּראַקטישער באַניצונג פון וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן אין דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, וואָס וואָלטן אויף אַ ממשותדיקן אופן געקאָנט אונטער־שטיצן די סאָוויעטן פון אַרבעטער און פּויערים ביי דעם אויפבוי פון אַ נייער געזעלשאַפט.

דאָך נאָך דער באָלשעוויסטישער מלוכה־איבערקערעניש און דער אַנט־וויקלונג פון דער אַזויגערופענער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט זענען אַזעלכע פּרוּוון געוואָרן וואָס אַמאָל אויסזיכטלאָזער, ווייל די נייע מאַכטהאָבער זענען קודם כל אויסן געווען צו באַפעסטיקן די מאַכט פון זייער פּאַרטיי. צוליב דעם דאָ־זיקן מאָטיוו האָבן זיי זיך באַלד פון אָנהייב אָן באַצויגן מיט דעם טיפסטן אומ־צוטרוי צו אַלע פּרוּוון, וואָס זענען געווען מחוץ די ענגע פּאַרטיי־ראַמען און אפילו די פּרוכטבאַרסטע אָנרעגונגען זענען אומברחמנותדיק צעריבן געוואָרן אונטער די רעדער פון אַ נייער ביוראָקראַטיע, וועלכער עס איז פרעמד געווען יעדעס מענטשלעכע נאָכטראַכטן. אַזוי אַרום איז פּונקט ווי די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע וואָלטן צוזאַמען מיט די סאָוויעטן געווען געקאָנט דורכפירן אַזאַ פּרוכטבאַרע אויפבוי־אַרבעט, אויך דער בונד פון די פעדעראַליסטן באַלד גע־פאַלן אַ קרבן פון דער נייער טיראַניע.

קראָפּאָטקין, וועראַ פיגנער און אין יענער צייט אויך מאַקסים גאָרקי האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געפּרוּווט צו קעמפן קעגן דער וואָס אַמאָל מער זיך באַוויזנדיקער פלאָג פון אַ נייעם דעספּאָטיזם, ווי קראָפּאָטקין האָט דאָס געטון אין זיין בריוו צו לענינען, אָבער זייערע רייד זענען געבליבן אָן אַן אָפּ־קלאַנג. ווי ריכטיק קראָפּאָטקין האָט שוין דעמאָלט אָפּגעשאַצט די לאַגע אין רוסלאַנד, דרינגט אַרויס פון זיין באַקאַנטן אויפרוף צו דער אַרבעטערשאַפט פון מערב־אייראָפּע, וועלכן מיס באָנפילד, וואָס איז דעמאָלט געקומען אַלס דעלעגירטע פון ענגלאַנד קיין מאָסקווע, האָט אַרויסגעשמוגלט פון רוסלאַנד.

בעת זיין אָפּגעזונדערטקייט אין דמיטראָוו האָט קראָפּאָטקין געלעבט מיט זיין פרוי ביי זייער בצימצומדיקע באַדינגונגען. עס איז געווען אַ דוחק אין אַל־דינג. ווינטער איז נישט געווען קיין גענוג הייצמאַטעריאַל, אַז די אַלטע לייט זאָלן האָבן וואַרעם. די שפּייז איז געווען זייער קנאַפּ און אָן דערנערונג־ווערט, וואָס קראָפּאָטקין האָט ביי זיין עלטער אַזוי באַדאַרפט האָבן. דעריבער איז טאַקע ביסלעכוויז געקומען אַ ירידה אין זיינע קערפּערלעכע כוחות און צו אָפטע קראַנקהייטן. דאָס האָט נישט באַדאַרפט זיין, וואָרים די אָפּטיילונג פאַר רע־גירונגס־פּובליקאַציעס, וואָס האָט אין יענער צייט אַרויסגעגעבן די ווערק פון

סאָציאַליסטישע קלאַסיקער, האָט קראָפּאָטקינען אָנגעבאָטן 250.000 רובל פאַר דעם פאַרעפנטלעכן זיינע ווערק, ער אָבער האָט דאָס אָפּגעוואָרפן מיט דעם מאָטיוו, אַז ער האָט ביז אַהער נישט אָנפּאַרטרויט קיין שום רעגירונג דאָס פאַרעפנטלעכן זיינע ווערק. אויב די רוסישע רעגירונג האָט פונדעסטוועגן דאָך פאַראָרדנט אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן, איז דאָס געשען קעגן זיין ווילן; ער האָט דעריבער אויף יעדן פאַל זיך געמוזט אָפּזאָגן פון אַ באַצאָלונג דערפאַר. קראָפּאָטקין האָט זיך אַפילו אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די אַזויגערופענע אַקאַדעמי־שע פּאַרציע („פּאַיאָק), וואָס לונאַטשאַרסקי האָט פאַר אים באַשטימט און אויף וועלכער ער האָט אַלס געלערנטער געהאַט אַ רעכט. ער האָט נישט געוואָלט קיין שום טובות פון דער דאָזיקער רעגירונג, וואָס האָט אונטער דער מאַסקע פון סאָציאַליזם געבראַכט אויף דעם רוסישן פאָלק בלויז אַ נייעם און ערגערן דעספּאָטיזם.

מילי און מיר האָט דאָס האַרץ געוויי־קט, בעת מיר האָבן פון סאַשאַס אייגענעם מויל זיך דערוווסט די טראַגישע פּרטים פון איר פאָטערס לעצטע יאָרן. ווי אַ לעצטן אָנדענק פון מיין גרויסן לערער, פריינט און חבר, וואָס איז מיר ביים לעבן געווען אַזוי נאָענט, האָט אונז סאַשאַ געבראַכט קראָפּאָטקינס אַ בילד אויף דעם טויטנבעט צוזאַמען מיט אַ קליין צווייגל פון אַ קראַנץ, וואָס איז אין טאָג פון זיין קבורה אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף זיין קבר. איך האָב דעם דאָזיקן אָנדענק טריי אָפּגעהיטן. דאָס איז געווען איינע פון די ווייניקע זאַכן, וואָס איך האָב אָפּגעראַטעוועט ביי אונזער שיפּברוך אין דייטשלאַנד. טויטער־הייט אפילו האָט דאָס דאָזיקע אידעלע פּנים געוויזן די גאַנצע מענטשנפריינט־לעכקייט פון זיין גרויסער נשמה. אין דעם גרויסן קעניגרייך פון פאַרגאַנגענע דורות איז אַריינגעגאַנגען אַ מאַן, ווי די וועלט האָט גאָר זעלטן געזען.

אין פרילינג 1922 איז אויך געקומען סאָפיע, קראָפּאָטקינס פרוי קיין בערלין. זי איז געבליבן עטלעכע חדשים מיט אונז און איז דערנאָך אַוועקגע־פאָרן דורך פאַריז קיין לאָנדאָן. דער צוועק פון איר קומען איז געווען צו ברענ־גען קיין רוסלאַנד פאָטערס גרויסע און ווערטפולע ביבליאָטעק און די גאַנצע איינאָרדענונג פון זיין אַרבעט־קאַבינעט, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ, אין אַ גוטן צושטאַנד, געפונען ביי אַלטע פריינט אין לאָנדאָן. סאָפיע האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט, זינט מיר האָבן זי געהאַט געזען דאָס לעצטע מאָל אין ענגלאַנד. עס איז געווען אַ האַרציק אָבער גלייכצייטיק אַ ווייטיקלעך ווידערזען, וואָרים מיר האָבן נישט געקאָנט רעדן וועגן קיין שום זאַך, נישט אַרויסרופנדיק דער־ביי פּיאָטערס שאָטן. סאָפיע איז אָנזעעוודיק עלטער געוואָרן און איז געגאַנגען איינגעבויגן; מען האָט אין איר געקאָנט דערקענען, אַז די יאָרן אין רוסלאַנד האָבן אויף איר שלעכט געווירקט. ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָט פּיאָטערס טויט געמוזט אויף דער אָרימער טאָפּלט שווער ווירקן. סאָפיע איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטון אין דער אַרבעט פון איר מאַן און קראָפּאָטקין האָט קיינ־מאָל נישט אַרויסגעגעבן קיין מאַנוסקריפּט פון דער האַנט, אַז ער זאָל אים

נישט פריער האָבן פאַר איר איבערגעלייענט. עס איז דעריבער געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז זי זאָל נאָך זיין טויט פּרווון זיך אָנצוקלאַמערן אין עפּעס, כדי אויך נאָך זיין אַוועקגיין צו קענען, ווען אַפילו בלויז אין אירע געדאַנקען, ווייטער לעבן מיט אים. אָט דער דאָזיקער אינערלעכער דראַנג האָט איר איינגעגעבן די מחשבה איינצואָרדענען אין מאָסקווע אַ מוזעאום, ווו עס זאָלן צונויפגעזאַמלט ווערן פאַר די קומענדיקע דורות נישט בלויז זיינע פּילצאָליקע שריפטן אין פאַרשידענע שפּראַכן, נאָר אויך אַלדינג, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו קראָפּאָטקינס פּערזענלעך לעבן.

ווען זי האָט פאָרגעלייגט איר פּלאַן דעם קאָמיטעט, וואָס האָט איינגעאָרדנט קראָפּאָטקינס קבורה, האָבן אַלע געגעבן זייער הסכמה. די זעלבע קערפּערשאַפט האָט זיך דעמאָלט טראַנספאָרמירט אין אַ קראָפּאָטקין־מעמאָריאַל־קאָמיטעט און אויסגעווילט סאָפיען פאַר פאָרזיצערין, אַלעקסאַנדער בערקמאַן פאַר סעקרעטאַר און עמאַ גאָלדמאַן פאַר פאַרוואַלטערין. נאָך עמאַס און בערקמאַנס אַוועקפאָרן זענען ביידע פּאָרטרעטן געוואָרן דורך ווערא פיגנער, וועלכע האָט צוזאַמען מיט סאָפיען געווידמעט אין משך פון גאַנצע יאָרן איר טעטיקייט דעם מוזעאום. דער נייער קאָמיטעט האָט זיך צוערשט געווענדט צום מאָסקווער סאָוויעט מיט דער בקשה, מען זאָל אים איבערגעבן דאָס אַלטע משפחה־הויז פון די קראָפּאָטקינס, אין וועלכן פּיאָטער איז געבוירן געוואָרן, פאַר אַ מוזעאום. דער סאָוויעט האָט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן איינצווענדן און סאָפיע מיט אירע פריינט האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט, כדי איינצואָרדענען דאָס אַלטע הויז פאַר זיין נייעם צוועק.

סאָפיע האָט פאַר מילי און מיר דערקלערט אַלע פּרטים פון איר פּלאַן און לסוף געפרעגט, וואָס פאַר אַ מיינונג איך האָב וועגן אים. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האַלט דעם פּלאַן פאַר אויסגעצייכנט, אָבער נישט פאַרבאָרגן פאַר איר מיין חשש וועגן איינאָרדענען אַ מוזעאום אין מאָסקווע ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען. קודם כל האָב איך איר אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז פאַר אויסלענדער מיט פרייהייטלעכע איבערצייגונגען וועט שווער זיין זיך צו באַנוצן מיט דעם שריפטלעכן מאַטעריאַל פון מוזעאום, ווייל מען מוז זיך רעכענען דערמיט, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג וועט זיי נישט דערלויבן אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד. אַחוץ דעם איז נאָך פאַראַן אַן אַנדער פּרט: אונטער דער הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס איז נישט געווען קיין שום זיכערקייט פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם מוזעאום, ווייל מען האָט געמוזט יעדן מאָמענט מורא האָבן, אַז די מאַכטהאָבער אין קרעמל וועלן מיט אַ וועלכן עס איז אויסרייד פאַרמאַכן דאָס אָרט און די גאַנצע זאַמלונג וועט איבערגעגעבן ווערן דעם מאַרקס־ענגלעס־מוזעאום. איך האָב איר דעריבער געראַטן, לכל הפחות דערווייל זיך נישט צו איילן מיט דער דאָזיקער זאַך און לאָזן פּיאָטערס זאַמלונג אין ענגלאַנד, ווו זי איז געווען גוט אָפּגעהיטן, ביז מען וועט קענען זען, ווי אַזוי די באַדינגונגען אין רוסלאַנד וועלן זיך ווייטער אַנטוויקלען.

„אפשר וואָלט בכלל בעסער געווען", האָב איך געזאָגט, „צו זוכן פאַר דעם מוזעאום ערגעץ־ווו אַ נייטראַל לאַנד אין מערב־אייראָפּע, ווו עס וואָלט געווען צוגענגלעך פאַר יעדן. קודם כל וואָלט דאָך אויך פאַר דיר בעסער געווען צו לעבן ביי פאַרהעלטנישמעסיק דערטרעגלעכערע באַדינגונגען ווי אין מאָסקווע. פיאָטער איז טויט; סאַשאַ איז דערווייל אין בערלין און וועט ביי די איצטיקע באַדינגונגען אוודאי נישט צוריקקערן קיין רוסלאַנד, נאָר זיך באַזעצן ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד. וואָס זשע האַלט דיך צוריק אין מאָסקווע?"

„פיאָטערס קבר", האָט סאָפיע געענטפערט מיט אינערלעכער עמאָציע. „איך קאָן נאָר לעבן דאָרט, ווו פיאָטער ליגט באַגראָבן".

דערויף האָב איך מיר אין זיך געמאַכט פאַרוואורפן און כמעט שוין חרטה געהאַט, וואָס איך האָב איר דאָס אַלדינג געזאָגט. דערצו איז סאָפיע געווען ביי דער מיינונג, אַז די באַלשעוויקעס וועלן זיך נישט דערוועגן, עפּעס צו טון קעגן דעם מוזעאום. אפשר איז זי גערעכט געווען. איך אַליין בין כלל נישט זיכער געווען דערין, אָבער איך האָב איר דאָס נישט געזאָגט, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז זי קאָן זיך פילן באַליידיקט.

סאָפיע האָט אונז דערציילט עטלעכע אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען פון פיאָטערס לעצטע יאָרן. ווען די קראַנקהייט האָט אים נישט צו שטאַרק געמאַטערט, פלעגט ער אַרבעטן מיט דעם גאַנצן ברען ביי זיין לעצט ווערק די עטיק, וואָס ער האָט ליידער נישט פאַרענדיקט. אין דעם הויז אין דמיטראָוו זענען געווען צוויי גרויסע צימערן. איינס האָט פיאָטער באַנוצט פאַר אַן אַרבעט־צימער; אין דעם אַנדערן האָט סאָפיע דערליידיקט איר הויז־ווירטשאַפט. ביידע צימערן זענען געווען אָפּגעטיילט דורך אַ דיקער וואַנט, אין וועלכער עס איז, לויט דעם רוסישן שטייגער, געווען איינגעמויערט אַן אויוון, וואָס האָט באַהייצט ביידע צימערן. היות אָבער עס איז אין ווינטער געווען זייער קנאַפּ הייצמאַטעריאַל, האָט סאָפיע תמיד פאַרמאַכט דעם שיבער פון איר צימער, כדי די גאַנצע היץ זאָל אַריינשטראָמען אין פיאָטערס צימער, אַז עס זאָל אים זיין וואַרעם ביי דער אַרבעט. אָבער פיאָטער האָט זיך באַלד געכאַפּט אויף סאָפיעס כיטרעקייטן און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט זיך אויסדרייען, איז ער שטילינקערהייט ווי אַ מויז צו צום אויוון און צוריק געעפנט דעם שיבער, ביז סאָפיע האָט לסוף געמוזט אויפהערן.

דורך סאָפיען האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט, אַז קראָפּאָטקין האָט זיך נישט מיט דעם פריינען ווילן צוריקגעצויגן קיין דמיטראָוו. ערשט נאָכדעם ווי די טשעקאַ־אַגענטן האָבן אים צוויי מאָל אָפּגעשטאַט וויזיטן און געמאַכט רעוויזיעס אין דער דירה, ווו ער האָט צוזאַמען מיט דער פאַמיליע געוווינט אין מאָסקווע, האָט דער אַלטער מאַן זיך נישט געוואָלט מער אויסשטעלן אויף נייע דערנידערונגען און ליבערשט אויסגעקליבן צו וווינען אין דמיטראָוו, הגם דאָס דאָזיקע איז ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען געווען אַלצאיינס ווי אַ פאַרשיקונג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אים געוואָלט דערווייטערן

פון מאָסקווע, מסתמא כדי אים אינגאַנצן אָפּצוזונדערן פון דער אויסערלעכער וועלט. סאָפּיע האָט אַפּילו נישט געגלויבט, אַז די רעגירונג זאָל האָבן געוווּסט וועגן די דאָזיקע מעשים פון דער טשעקאַ, וואָס איז אפשר טאַקע אַזוי געווען, וואָרים די טשעקאַ האָט אַ סך זאַכן געטון אויף איר אייגענעם רעכענונג, נישט אָנפרעגנדיק פריִער ביי דער רעגירונג. מען האָט אייגנטלעך באַשאַפן אַ גולם, וועלכן מען האָט שוין מער נישט געקאָנט איינצוימען.

אין שאַרפער סתירה צו דער דאָזיקער אומווירדיקער האַנדלונג לגבי אייַנעם פון רוסלאַנדס גרעסטע זין איז געווען לעניגס באַציאונג, ווען ער האָט באַקומען די ידיעה וועגן קראָפּאָטקינס לעצטער קראַנקהייט. ער האָט באַלד געשיקט די בעסטע מעדיקער קיין דמיטראָוו מיט געהעריקע שפּייז־פּראָדוקטן און אַלדינג, וואָס עס איז נויטיק געווען. חוץ דעם האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל אים יעדן טאָג שיקן באַריכטן וועגן דעם קראַנקנס צושטאַנד, וועלכע זענען לויט זיין פּאַראָרדענונג פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע. אָבער די מעדיקערס קונסט איז דאָ שוין געקומען צו שפּעט, וואָרים פּיאָטערס טעג זענען שוין געווען געציילטע. ווען מען פּאַרגלייכט די יאָרן פון נויט, וואָס זענען באַשערט געווען קראָפּאָטקינען אין דעם בין השמשות פון זיין לעבן, מיט דער פּלוצלינגער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען האָט אים אַרויסגעוויזן, בעת ער האָט זיך שוין געראַנגלט מיט דעם טויט, מאַכט דאָס דעם איינדרוק פון אַ חוזק. אָבער, ווי געזאָגט, עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז, ווי סאָפּיע האָט געמיינט, לעניג גופא האָט נישט געוווּסט וועגן די דאָזיקע זאַכן. אין אַ טאָטאַליטאַרער פּאָליציייאישער מדינה איז אַלדינג מעגלעך.

סאָפּיע האָט מיטגעבראַכט פּאַר אונז אַ גרויסע צאָל בילדער פּאַר אַן אָנדענק, פּיאָטערס פּאָטאָגראַפּיעס פון זיינע לעצטע יאָרן און גרופּעס־בילדער פון דער גאַנצער פּאַמיליע. איינע פון די דאָזיקע פּאַמיליע־פּאָטאָגראַפּיעס איז גאָר באַזונדערס געפעלן געוואָרן מילין און סאָפּיע האָט דעריבער אין איר ווידמונג אויפגעשריבן אויף דער אַנדערער זייט פון דעם בילד די שפּאַסיקע ווערטער: „In case of a divorce this ficture belongs to Mily” (אין פאַל פון אַ גט וועט דאָס דאָזיקע בילד געהערן צו מילי). צו קיין גט איז ביי אונז נישט געקומען און שוין לאַנג ווי מיר האָבן געפּייערט אונזער פּופציקיעריק צוזאַמענלעבן, אָבער צו אונזער גרויסן צער זענען די דאָזיקע אַלע פּרעכטיקע פּאָטאָגראַפּיעס שפּעטער פּאַרלוירן געגאַנגען.

סאָפּיע איז שפּעטער געפאָרן קיין פּאַריז און לאָנדאָן, כדי צו באַזאָרגן דאָס איבערפירן פּיאָטערס ביבליאָטעק קיין רוסלאַנד און איז דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע.

בערך זיבן יאָר שפּעטער איז זי נאָכאַמאָל געקומען קיין בערלין, און היות סאַשאַ האָט שוין דעמאָלט געלעבט אין פּאַריז, האָט זי געוווינט ביי אונז און מיר האָבן צוזאַמען פּאַרבראַכט אַ ביסל אנגענעמע טעג, אָפט אין ענגן קרייז פון די חברים אָדער אין הויז פון עריך מיזאַם, וועלכער האָט געוווינט גאָר

באַענט פון אונז. סאָפיע האָט מיר דעמאָלט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, איך זאָל קו־מען אויף עטלעכע חדשים קיין מאָסקווע, כדי אויסצוסדרן צוזאַמען מיט איר פּיאַטערס בריוו און זעען, וואָס מען וועט אפשר קענען פון זיי אויסניצן פאַר אויסגאַבן אין מערב־אייראָפּע. די קלאַסיפיצירונג פון די פּאַפּירן מוז געמאַכט ווערן אין רוסלאַנד גופא, ווייל די סאָוויעטישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, לויט וועלכן אָריגינאַל־מאַנוסקריפּטן, בריוו אא״וו פון באַקאַנטע רו־סישע שריפטשטעלער טאָרן נישט אַרויסגעשיקט ווערן קיין אויסלאַנד. בלויז קאָפּיעס מעגן אַרויסגעשיקט ווערן קיין אויסלאַנד און סאָפיע האָט געהאַלטן, אַז איך בין דער פּאַסיקסטער מענטש צו מאַכן דעם געהעריקן אויסוואַל.

איר פאָרשלאַג האָט מיך איבערראַשט, וואָרים זי האָט געגוי געוווּסט מיין שטעלונג לגבי די רוסישע מאַכטהאָבער. מיין שריפט דער באַנקראָט פון דעם רוסישן מלוכה־קאָמוניזם, וואָס איז נאָך אין 1921 דערשינען אין בערלין און איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן, איז געווען דער ערשטער קאַמף־אָנזאָג קעגן דעם נייעם אַבסאָלוטיזם. חוץ דעם האָב איך אָנגעווענדט מיינע בעסטע כוחות, כדי צו שטערן, אַז די סינדיקאַליסטישע באַוועגונג זאָל זיך אָנשליסן אין דעם רויטן סינדיקאַלן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס אַלדינג איז געווען גוט באַקאַנט אין רוסלאַנד און עס איז דעריבער געווען שווער אָנצו־נעמען, אַז מען וועט מיר דערלויבן אַריינצופאָרן קיין רוסלאַנד. סאָפיע האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערע מיינונג און איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז מיין פּאָליטישע שטעלונג וועט נישט זיין קיין מניעה, כל זמן איך וועל אין רוס־לאַנד נישט פירן קיין פּראָפּאַגאַנדע און באַגרענעצן מיין טעטיקייט בלויז אויף דעם אָנגעוויזענעם ציל. זי אַליין האָט געוואָלט זיך אונטערנעמען דורכצופירן אין רוסלאַנד אַלדינג, וואָס עס איז נויטיק, כדי מיר צו פאַרשאַפן די דערלוי־בעניש אַריינצוקומען אין לאַנד.

אַזוי ווי איך האָב זי נישט געקאָנט איבערצייגן אין דעם קעגנזאַץ דערפון, האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל קומען אויף דריי חדשים קיין מאָסקווע, אויב עס וועט מיר געגעבן ווערן די מעגלעכקייט דערצו. ווען סאָפיע איז אין אַ יאָר אַרום צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע, האָט זי באַלד אָנגעהויבן די נויטי־קע באַמיאונגען און מיר געשריבן אַ זייער אָפּטימיסטישן בריוו, אין וועלכן זי האָט מיר מיטגעטיילט, אַז זי האָט זיך שוין געזען מיט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער זאַך און זיך דערוווּסט פון זיי, אַז מען וועט מיר מסתמא נישט מאַכן קיין שוועריקייטן אַריינצוקומען אין לאַנד. אָבער אין צוויי חדשים אַרום האָב איך באַקומען פון איר אַן אַנדערן בריוו, וואָס האָט שוין גאָר אַנדערש געקלונגען. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט מען איר לסוף מיטגעטיילט, אַז פאַר מיין אַריינפאָר זענען טאַקע נישט פאַראַן קיין שטערונגען, אָבער די רעגירונג קאָן נישט געבן קיין גאַראַנטיעס, ווען איך וועל ווידער קענען אַרויספאָרן פון רוסלאַנד. דערמיט איז די זאַך געווען ליק־ווידירט, וואָרים אויך סאָפיע האָט איינגעזען, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען קאָן

מען גאָרנישט טראַכטן וועגן מיין אַהינקומען, הגם זי האָט דאָס זייער באַדויערט.

אין האַרבסט פון זעלבן יאָר, ווען סאָפיע איז ביי אונז געווען צוגאַסט, בין איך געפאָרן קיין אַמעריקע, ווו איך האָב מיך געהאַט אונטערגענומען צו מאַכן אַ רעפעראַטן־טור. ווען איך בין סוף מאַי 1930 צוריקגעקומען פון דער רייזע, האָט מיך מילי אָפּגעוואַרט ביי דער שיף אין ליווערפּול, ווייל זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַזוכן אירע עלטערן און שוועסטערס אין לאָנדאָן. מילי האָט מיר דערציילט, אַז סאָפיע איז מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען פון פּאַריז, כדי צו באַזוכן אירע פריינט אין ענגלאַנד, איידער זי פאָרט צוריק קיין מאָסקווע, ווייל עס איז שוין געהאַט פאַרביי דאָס יאָר, וואָס זי האָט זיך דערלויבט פון דאָרט אַוועקצופאָרן. אַזוי ווי מיר זענען געבליבן עטלעכע וואָכן אין לאָנדאָן, האָבן מיר זיך אָפט געזען מיט סאָפיען פאַר אונזער צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד. עס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן זיך מיט איר צוזאַמענגעטראָפן; אָבער איך בין געבליבן מיט איר אין אַ שטענדיקער שריפטלעכער פאַרבינדונג, ביז מיר האָבן אין 1933 געמוזט אַנטלויפן פון דייטשלאַנד.

ווען מיר זענען דערנאָך אין סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָבן מיר זיך אויך ווידער געטראָפן מיט סאַשאַ קראָפּאָטקין, וועלכע האָט אונז דערציילט, אַז זי האָט שוין זינט חדשים גאָרנישט געהערט וועגן איר מוטער. דערנאָך איז געקומען די מלחמה און דערמיט האָבן אויפגעהערט אַלע מעגלעכקייטן צו באַקומען ידיעות. אַ קורצע צייט איידער די פּאַראייניקטע שטאַטן זענען אַריין אין דער מלחמה, האָב איך נאָך געזען אַ נעקראָלאָג־אַרטיקל אין דער ניו־יאָרק טיימס, פון וועלכן איך האָב מיך דערוווּסט, אַז ווערא פיגנער איז געשטאָרבן, וועלכע האָט אין משך פון יאָרן צוגעהאָלפן סאָפיען אין איר אַרבעט אין דעם מאָסקווער מוזעאום. אָבער פון סאָפיען גופא האָבן מיר נישט געהערט מער קיין איין וואָרט און אפילו נישט געוווּסט, צי זי לעבט נאָך. ערשט אַ לענגערע צייט נאָך דעם סוף פון דער צווייטער וועלטמלחמה איז אַ ביסל אַוועקגענומען געוואָרן די אומקלאָרקייט וועגן סאָפיעס גורל. דער רעדאַקטאָר פון איינער פון אונזערע איטאַליענישע צייטונגען האָט צו איר געשריבן אַ בריוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויף דער אַלטער אַדרעס פון מוזעאום און געבעטן ידיעות, ווי עס האַלט מיט איר און מיט דעם מוזעאום. ווי אַן ענטפער האָט ער דערהאַלטן אַ קורץ בריוול פון דעם פאַרוואַלטער פון אַ ליטעראַרישן אינסטיטוט אין מאָסקווע, וועלכער האָט אים מיטגעטיילט, אַז סאָפיע איז נאָך פאַר דעם אָנהייב פון דער מלחמה געשטאָרבן; דער קראָפּאָטקין־מוזעאום עקזיסטירט שוין נישט מער און פון זיינע מאַטעריאַלן זענען טייל איבערגעגעבן געוואָרן דעם מאַרקס־ענגעלס־מוזעאום, און טייל צו צוויי אַנדערע ביבליאָטעקן.

ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען סאָפיע איז געשטאָרבן, צי דער מוזעאום איז פאַרמאַכט געוואָרן, בעת זי האָט נאָך געלעבט אָדער ערשט נאָך איר טויט,

האָט ביז איצט נישט געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערן. מיר וויסן בלויז, אַז דער מוזעאום עקזיסטירט שוין נישט און סאָפיעס חלום צו שאַפן פאַר איר מאַן אן ערנאָרט אין זיין געבוירנלאַנד, ווי ער האָט עס פאַרדינט ווי קיין שום אַנדערער, איז אינגאַנצן צונישט געוואָרן.

צו פרעגן וועגן די סיבות, וואָס האָבן געקאָנט באַוועגן די סטאַלין־רעגי־רונג צום דאָזיקן געוואַלט־אַקט איז איבעריק. ווער עס שטעלט נאָך היינט אַזעלכע פראַגן, באַווייזט בלויז, אַז ער האָט בכלל נישט באַנומען דעם תמצית פון דער רוסישער דיקטאַטור. אין אַ לאַנד, וווּ דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן איז אונטערגעוואָרפן דער השגחה פון אַ מגושמדיקער פּאַרטיי־ביוראָקראַטיע, וואָס קוקט מיט הונדערט אויגן, אַז דער וויסנשאַפטמאַן, דער קינסטלער, דער פּאָעט, פילאָזאָף אָדער מוזיקער זאָל אויף קיין איין האָר נישט אָפּווייכן פון דער פּאַר־געשריבענער געדאַנקען־ליניע; ווּ עס ווערן פעריאָדיש אויסגערוימט הונדער־טער טויזנטער אַלטע באַריכטן, טעקסט־ביכער און דרוקזאַכן פון כלערליי מי־נים, כדי צו פעלשן די געשיכטע לויט די נייעסטע אידעען פון די מאַכטהאָבער; אין אַ לאַנד, ווו דער סטאַלין־קולט האָט דערגרייכט צו אַ פאַרנעם, וואָס שטעלט ווייט אין שאָטן דאָס ביזאַנטינערטום פון אַלע צייטן, קאָן נישט עקזיסטירן קיין שום אינסטיטוציע, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין די ראַמען פון דער אַלגע־מיינער גייסטיקער פאַרשקלאַפונג. פּונקט ווי וועגדעל פיליפּס האָט אַמאָל גע־זאָגט, אַז די מענטשהייט קאָן קיינמאָל נישט זיין פריי, כל זמן עס וועט נאָך זיין איין מענטש געשמידט אין קייטן, אַזוי האָבן אויך די טרעגער פון טאָטאַלי־טאַרן דעספּאָטיזם ריכטיק איינגעזען, אַז דאָס צוואַנג־העמד פון זייער מענ־טשנפיינטלעכן סיסטעם וועט קיינמאָל נישט זיין פולקאָם, כל זמן עס וועט אויף דעם שטח פון זייער מאַכט זיך געפינען נאָך איין פלאַץ, ווו גייסטיקע פרייהייט וועט האָבן אַן אָרט.

פּאָליטישע פּליטים און אַנדערע געסט פון אַלע לענדער

בערלין איז אין יענער צייט געווען אַ צענטער פאַר פּאָליטישע פּליטים ווי אַמאָל פּאַריז, לאָנדאָן, גענף און ציריך. אין יענע יאָרן האָבן דאָרט אויך געלעבט אַ סך הינדוסן. זיי האָבן אויף דער מערב־זייט געהאַט אַן אייגענעם קלוב, וועלכער האָט בעיקר געדינט פאַר געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט און חוץ דעם געהאַט דעם ציל צו פאַרלייכטערן זיינע אָרימע מיטגלידער זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ. דער רוב מיטגלידער פון דעם קלוב זענען געווען אינדישע סטודענטן, וואָס זענען בעת דער מלחמה אָדער שפּעטער פאַרוואָרפן געוואָרן קיין דייטשלאַנד און פאַרגעזעצט זייערע שטודיעס אין דער בערלינער אוניווערסיטעט. כמעט אַלע זענען געווען בפירושע אינדישע נאַציאָנאַליסטן, אָבער עס איז צווישן זיי אויך געווען עטלעכע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס פאַר פרייהייטלעכע אידעען ווי אונזער יונגער חבר אַכאַ־ריאַ, וועלכער איז גוט באַקאַנט געווען אין אונזערע קרייזן. אַכאַריאַ האָט גע־לעבט עטלעכע יאָר אין בערלין און זיך שפּעטער צוריקגעקערט קיין אינדיע, ווו ער באַטייליקט זיך זייער אַקטיוו אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג.

די נשמה פון קלוב איז געווען דער באַקאַנטער אינדישער נאַציאָנאַליסט כאַטאָבאַטאַיאַ אָדער כאַטאַ, ווי מיר פלעגן אים קורץ רופן. ער האָט דעמאָלט געלעבט אין בערלין מיט דער אַמעריקאַנערין אַגנעס סמעדליי, וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ זשורנאַליסטין און פאַרפאַסערין פון עטלעכע ביכער וועגן כינע. איך בין מיט ביידע באַקאַנט געוואָרן דורך עמאַ גאָלדמאַן, וואָס האָט זיך מיט ביידע באַקענט נאָך אין מאָסקווע און מילי און איך פלעגן אָפט זיך מיט זיי צוזאַמענקומען.

כאַטאַ איז געווען איינער פון די אייגנאַרטיקסטע מענטשן, וועלכע איך האָב אין מיין לעבן באַגעגנט. ער האָט געשטאַמט פון אַ יחסנישער פאַמיליע אין אינדיע און באַקומען אַן אויסגעצייכנטע דערציאונג. מחמת זיין רעוואָלו־ציאָנערער טעטיקייט קעגן ענגלאַנד איז ער געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן אינדיע און האָט פון דעמאָלט אָן געלעבט אין פאַרשידענע לענדער פון איי־ראָפּע. בעת דעם אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געלעבט

אין דער שווייץ און הגם ער גופא האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם, קאָן מען דאָך מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז ער האָט דעמאָלט אָנגעהאַלטן באַציאונגען מיט דער דייטשער רעגירונג, ווייל ער איז געווען פעסט איבערצייגט אַז אַ זיג פון דייטשלאַנד וועט אַ סוף מאַכן צו דער ענגלישער הערשאַפט אין אינדיע. ווען מילי איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אינטערנירט אין דער פרויען־תפיסה פון עילסבערי אין ענגלאַנד, האָבן זיך צווישן אירע מיטאַרעסטירטע געפונען דריי אָדער פיר פרויען, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט כאַטאַ און זענען דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן אונטער דעם חשד פון שפּיאָנאַזש. איינע פון אירע מיטאַרעסטירטע, אַ געבוירענע אין דער שווייץ, האָט אפילו דערציילט מילי, אַז ענגלישע אַגענטן אין דער שווייץ האָבן אים געוואָלט אומברענגען, אַזוי אַז ער איז געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן קיין דייטשלאַנד. ווען מילי האָט שפּעטער דערציילט כאַטאַ אין בערלין, אַז זי האָט זיך באַקאַנט מיט עטלעכע פון זיינע אַלטע באַקאַנטע אין עילסבערי, האָט ער שנעל אָפּגעפּטרט די זאַך מיט עטלעכע ווערטער און געשיקט אַוועקגעפירט דעם שמועס אויף אַן אַנדערער זאַך. עס איז געווען צו דערקענען, אַז עס איז אים נישט ניחא געווען זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס וועגן זיינע באַציאונגען מיט יענע פרויען.

פאַר דער אַלטער קייזערלעכער רעגירונג אין דייטשלאַנד האָט כאַטאַ נישט געהאַט קיין גוט וואָרט. איך גלויב נאָך ביז היינט גאַנץ זיכער, אַז ער האָט נישט געזוכט ביי איר קיין פּערזענלעכע טובה; אָבער ער איז דורך און דורך געווען דער מענטש, וואָס וואָלט שותפות געמאַכט מיט דעם טייוול אַליין, ווען ער זאָל דערמיט קענען שאַדן ברענגען פאַר ענגלאַנד. דער נאַציאָנאַליזם ברענגט אָפּטמאָל אַרויס אויסטערלישע זאַכן.

ווען מיר האָבן זיך מיט אים באַקאַנט אין בערלין, איז ער נישט לאַנג פריער געהאַט צוריקגעקומען מיט אַגנעס סמעדליי פון מאָסקווע, וווּ ער האָט מן הסתם געפּרוווט צו באַקומען פינאַנסיעלע מיטלען פאַר דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג אין אינדיע. צי דאָס איז אים געלונגען איז מיר נישט באַקאַנט, ווייל ער האָט קיינמאָל דערפון נישט גערעדט. אָבער ער איז געווען שרעקלעך אַנטוישט פון די באַדינגונגען אין רוסלאַנד און האָט געהאַלטן, אַז די טיראַניע פון די באָלשעוויקעס שטייט גאָרנישט אָפּ פון דעם דעספּאָטיזם אין דער אַלטער צאַריסטישער אימפּעריע; אדרבא, זי שטייגט אים נאָך איבער.

כאַטאַ איז געווען גוט באַהאַוונט מיט אונזערע אָנשויאונגען און האָט ביי געלעגנהייטן זיך אַליין אָנגערופן אַנאַרכיסט, אָבער עמאַ גאָלדמאַן איז אַוודאי גערעכט געווען, ווען זי האָט אין אירע זכרונות געשריבן: „כאַטאַ איז געווען גייסטיק זייער פעאיק און וויציק, אָבער איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז געווען אַ ביסל אַ כיטרער מענטש. ער האָט זיך אָנגערופן אַנאַרכיסט, אָבער עס איז געווען דייטלעך קענטיק, אַז זיין הינדואישער נאַציאָנאַליזם איז געווען דער ציל, צו וועלכן ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן“.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, כאַטאַ איז געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער מענטש און אַן אויסגעצייכנטער און געשיקטער מיטשמועסער, וועלכער האָט צוגעגעבן אַ טעם צו יעדער פּאַרווילונג און תמיד אַריינגעבראַכט גוטע איינפאַלן. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ פּאָליטישן ווייטן בליק און האָט דייטלעך איינגעזען, אַז אַ סאָציאַלע איבערקערעניש אין מערב קאָן קיינמאָל נישט האָבן קיין דערפאָלג, כל זמן די פראַגע פון דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק וועט נישט זיין געלייזט און די פאַרשקלאַפטע פעלקער פון אַזיע וועלן נישט געניסן די גלייכע רעכט ווי די מערב־פעלקער. ווען מיר האָבן אַמאָל געשמועסט וועגן דער פראַגע פון נאַציאָנאַליזם און איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז אין דער מיינונג, אַז די טיראַניע פון די גרויסע און קליינע ראַדזשאַס אין אינדיע איז גלייכער ווי די ענגלישע הערשאַפט, האָט ער אָן אַ לאַנגן ישוב הדעת געענטפערט: „אוודאי נישט! אָבער אַ פרעמדע הערשאַפט איז תמיד ערגער ווי דער דעספּאָטיזם פון אייגענע רעספּאָטן, ווייל זי שאַפט ביי די אונטערדריקער און אונטערדריקטע אַ געוויסע סאָלידאַריטעט קעגן די פרעמדע אַריינדרינגער, וועלכע מוז ערשט פריער געבראָכן ווערן, איידער מען קען טראַכטן וועגן אַ סאָציאַלער איבערקערעניש". איך האָב נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון וועגן היינעס וויציקער באַמערקונג, אַז די דייטשן ווילן געשלאָגן ווערן מיט אַן אייגענעם שטעקן און נישט מיט קיין פרעמדן, אָבער איך האָב אויך אין זין געהאַט, אַז כאַטאַס באַמערקונג איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. כאַטאַ איז באַגאַנגען דעם גרויסן פעלער, נאָך דער מלחמה ווידעראַמאָל צו פרווון זיין מזל אין רוסלאַנד. דאָרט איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן אָן אַ שום שפור און איז שוין אוודאי לאַנג טויט.

אויך אַגנעס סמעדליי לעבט שוין נישט. זי איז געשטאָרבן אין אָקספאָרד אין מאַי 1950 נאָך אַן אָפּעראַציע אין עלטער פון 56 יאָר. ווען מיר האָבן זיך מיט איר באַקאַנט, איז זי געווען אַבסאָלוט אַנטי־קאָמוניסטיש און האָט נאָר געוווּסט וועגן איין שונא: ענגלאַנד. אין 1928 איז זי געפאָרן ווי אַ קאָרעספּאָנדענטין פון דער פראַנקפורטער צייטונג קיין כינע. דאָרט איז פאָרגעקומען איר גרויסע איבערקערונג צום קאָמוניזם, וואָס איז אין 1933 בעת איר צווייטן וויזיט אין מאָסקווע געשטעמפּלט געוואָרן.

איך קאָן מיך שוין נישט דערמאָנען גענוי די צייט, אָבער עס האָט געמוזט זיין אין האַרבסט אָדער ווינטער 1921, ווען צוויי יונגע איטאַליענישע חברים, פראַנסיסקאָ געזי און אוגאָ טרעני (פעדעלי), זענען געקומען פון מאָסקווע קיין בערלין.ביידע זענען געהאַט אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד מחמת די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך דעם באַקאַנטן אַטענטאַט אין דיאַנאַ־טעאַטער פון מילאַן אין איטאַליע, הגם זיי האָבן לחלוטין גאָרנישט געהאַט קיין שייכות מיט יענער זאַך. טרעני און געזי זענען געווען צוויי פּראַכטע יונגעלייט, וואָס זענען געווען גוט באַקאַנט מיט אונזערע אידעען און איך האָב תמיד געערן מיט זיי געפירט שמועסן. ביידע זענען בעת קראָפּאָטקינס קבורה

געווען אין מאָסקווע און זיי האָבן אונז געבראַכט די פאָטאָגראַפישע בילדער, וואָס אונזער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אין אַ ספּעציעלן אַלבום.

איך האָב שוין פריער באַמערקט, אַז די דייטשע פּאָליציי האָט אין יענע יאָרן זיך נישט צופיל פאַרנומען מיט די פּאָליטישע פּליטים אין לאַנד, אויב עס איז נישט געווען קיין ספּעציעלער דרוק פון די אויסלענדישע רעגירונגען. געזי און פעדעלי האָבן טאַקע אַ לאַנגע צייט רואיק געלעבט אין בערלין, ביז די איטאַליענישע רעגירונג האָט זיך וועגן זיי דערוווּסט און פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי אַרויסגעבן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז זייער אַרעסט איז דורכגעפירט געוואָרן, בעת יוסטיץ־מיניסטער פון רייך איז געווען דער סאָציאַל־דעמאָקראַט ד״ר ראַדברוך, וועלכער האָט שוין פריער געהאַט אַרויסגעוויזן זיין העפלעכ־קייט צו דער איטאַליענישער און שפּאַנישער רעגירונג מיט דעם אַרויסגעבן דעם איטאַליענישן אַנאַרכיסט ג. גאַלדריני און צוויי שפּאַנישע חברים, וועלכע די שפּאַנישע פּאָליציי האָט באַשולדיקט אין דעם אַטענטאַט אויף דעם פּרעמ־יער־מיניסטער דאַטאָ.

דער סאָציאַליסטישער יוסטיץ־מיניסטער ראַדברוך האָט זיך צוזאַמענגע־שטעלט אַ גאַר ספּעציעלע טעאָריע וועגן „די מאָטיוון פון פּאָליטישן פאַר־ברעכן״, וואָס איז געווען אַ מוסטער פון יוריסטישן פּלפּול. איך האָב נאָך דעם אַרעסט פון געזי און פעדעלי געשריבן וועגן דעם אַן אַרטיקל, אין וועלכן איך האָב אויפגעוויזן, אַז לויט דער דאָזיקער טעאָריע קאָן כמעט יעדער פּאָ־ליטישער פּליט אַרויסגעגעבן ווערן. „איז דאָס נישט קיין חרפּה״, האָב איך געשריבן, „אַז אַ סאָציאַליסטישער יוסטיץ־מיניסטער פון דער דייטשער רע־פּובליק מוז ערשט גיין אין דער שול פון אַ בורזשואַזער רעגירונג, ווי עס איז די ענגלישע, כדי זיך צו דערוויסן וועגן די מאָטיוון פון פּאָליטישן פאַרברעכן? די ענגלישע רעגירונג האָט בשעתה זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן סטעפּניאַק (קראַווטשינסקי), וועלכער האָט אינמיטן גאַס דערשטאָכן דעם באַרימטן גע־נעראַל מעזענצעוו, פּונקט ווי זי האָט זיך אויך שפּעטער אָפּגעזאָגט אַרויסצו־געבן דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער האַרטמאַן, וועלכן מען האָט באַשולדיקט צו זיין באַטייליקט אין דעם אומברענגען אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דער ענג־לישער אינערן־מיניסטער האָט נישט געמאַכט קיין סאָפיסטישע אויסטיי־טשונגען וועגן מאָטיוון, נאָר באַטראַכט די האַנדלונגען פון זיי ביידע ווי פּאָ־ליטישע אַקטן און זיי געגעבן פּאָליטיש אַזיל־רעכט אין ענגלאַנד. אין דעם פאַל געזי־טרעני איז אַפילו נישטאָ קיין מינדסטער באַווייז, אַז זיי זאָלן זיך האָבן באַטייליקט אין אַ וועלכן עס איז פאַרברעכן; דאָס איינציקע פאַרברעכן וואָלט געווען דאָס אַרויסגעבן זיי״.

מיר האָבן באַלד פאַררופן גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען און געטון אַלדינג, וואָס עס מוז אין אַזעלכע פאַלן געטון ווערן. קודם אָבער האָבן מיר געפּרוּווט צו באַוועגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטערשאַפט זיך צו באַ־טייליקן אין דעם פּראָטעסט; מיר האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ גאַר לעבלעך

אַנטקעגנקומען. דאָך איז אונז געלונגען צו שטערן דאָס אַרויסגעבן אונזערע צוויי חברים, אָבער זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד. טרעני איז צוערשט באַפרייט געוואָרן און באַלד דערנאָך אויך געזי, נאָכדעם ווי ער האָט צוגעזאָגט אַרויסצופאָרן פון דייטשלאַנד אין משך פון אַכט טעג. היות פראַנקרייך האָט אים אָפּגעזאָגט דאָס אַריינקומען, האָט ער זיך באַמיט וועגן אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש פון רוסלאַנד, וועלכע ער האָט באַקומען. דער דאָזיקער באַשלוס איז פאַר אים געווען פאַטאַל, וואָרים ער איז אין רוסלאַנד פאַרשוווּנדן געוואָרן אָן שום שפור.

אויגוסטין זוכי, וואָס האָט אומגעפער מיט אַ יאָר צוריק געשריבן צו פּע־דעלי, כדי אים מיטצוטיילן אַלדינג, וואָס אים איז באַקאַנט וועגן געזיס וויינ־אַרט, האָט פון פּעדעלי דערהאַלטן אין אָקטאָבער 1949 פון איטאַליע די פאָלגנ־דיקע שורות: „פון געזי האָבן מיר שוין אַ לאַנגע צייט פאַר דעם אָנהייב מלחמה נישט געהאַט קיין דירעקטע ידיעות. אפילו זיין משפחה האָט פון אים גאָרנישט געהערט. לויט באַגלויבטע מקורים איז ער געשטאָרבן אין אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אין רוסלאַנד".

פּעדעלי אַליין איז דעמאָלט אַוועקגעפאָרן פון בערלין דורך עסטרייך און דער שווייץ קיין פראַנקרייך. פון דאָרט איז ער שפּעטער געפאָרן קיין אורו־גוואַי, ער איז אָבער פון דער דאָרטיקער רעגירונג אַרויסגעגעבן געוואָרן צו איטאַליע. אונטער דער פאַשיסטישער הערשאַפט איז ער לאַנגע יאָרן געווען געפאַנגען אויף דער אינזל ליפּאַרי. ערשט נאָך מוסאָליניס פאַלן איז ער ווי־ווידער באַפרייט געוואָרן און איז היינט דער סעקרעטאַר פאַר אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענץ אין דער איטאַליענישער אַנאַרכיסטן־פעדעראַציע.

אין זומער 1920 האָט מיך באַזוכט אין בערלין אַרמאַנדאָ באָרגי, דער סעקרעטאַר פון דער Unione Sindacala Italiana עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים פּערזענלעך באַגעגנט, הגם זיין נאָמען איז מיר שוין אין ענגלאַנד געווען באַקאַנט פון די באַריכטן וועגן דעם קאָנגרעס אין מאָדענאַ, ווו די U.S.I. איז אין 1912 געגרינדעט געוואָרן. ווען איך האָב מיך מיט אים באַקענט, איז ער געווען אויף דער דורכרייזע קיין מאָסקווע, ווו ער האָט געזאָלט אַלס דעלעגאַט פון דער U.S.I. זיך באַטייליקן אין דעם ערשטן קאָנגרעס פון דעם רויטן סינדיקאַלן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער זאָל אָנקומען קיין מאָסקווע, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונגען. איך האָב אים גראָד אין דעם פּרט געקאָנט באַהילפיק זיין און אים געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע צו דעם חבר אָטאָ ריגער אין שטעטין, דעם פאָרזיצער פון מאַטראָסן־סינדיקאַט, וואָס איז דע־מאָלט נאָך געווען אָנגעשלאָסן אין דער F.A.U.D. ריגער האָט טאַקע באַלד געהאַט אַ געלעגנהייט אַריינצונעמען באָרגי אין אַ טראַנספּאָרט פון רוסישע מלחמה־געפאַנגענע, וועלכע זענען צוריקגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין

רוסלאַנד. אויף דעם דאָזיקן אַ ביסל משונהדיקן אופן איז ער גוט אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

אָבער די דערפאַרונגען וואָס באַרגי האָט געהאַט אין רוסלאַנד, האָבן אים באַלד אויסגעהיילט פון אַלע אילוזיעס וועגן דעם אמתן כאַראַקטער פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, אַזוי אַז ער איז צוריקגעפאָרן קיין איטאַליע פונקט אַזוי אַנטוישט ווי פעסטאַניאַ קיין שפּאַניע.

באַרגי איז נאָך באַצייטנס אָנגעקומען אַהיים, ווען דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז, וואָס האָט זיך געשאַפן אין איטאַליע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה מיט דעם אָקופּירן די גרויסע מעטאַל־וואַרשטאַטן אין מאַילאַנד דורך די אַרבעטער. די דירעקטע סיבה פון יענער געשעעניש איז געווען אַ באַשלוס פון דער אונטערנעמער־אָרגאַניזאַציע צו דערקלערן אַ לאָקאַאוט, כדי צו אַנולירן די דערגרייכונגען, וועלכע די אַרבעטער האָבן שוין געהאַט אויסגעקעמפט. אין יענער קריטישער צייט איז דאָס געווען אַ שפּיל מיט פייער, אָבער עס האָט אויסגעזען, אַז די אונטערנעמער האָבן זיך דעמאָלט געפילט גענוג שטאַרק, כדי זיך דערוועגן צו אַ פּאַרמעסט.

די אַרבעטער אָבער האָבן אויסגעדרייט דאָס געווער און אָקופּירט אין אויגוסט און אין סעפּטעמבער 1920 די פאַבריקן, כדי צו לאָזן אין גאַנג די אַרבעט אָן די אונטערנעמער, נאָר אויף זייער אייגענעם חשבון. כדי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אַרויסגעשטויסן צו ווערן אויף כּוח דורך דער פּאָליציי אָדער מיליטער, האָט מען אַרום די פאַבריקן געמאַכט אָקאָפּעס, וואָס זענען געווען פאַרזען מיט מאַשין־געווער, אַזוי אַז יעדע פאַבריק איז געווען ווי אַ פעסטונג. יענע מעכטיקע באַוועגונג, וואָס האָט באַלד אַרומגענומען אויך אַנדערע אינדוסטריעס, האָט מחמת דער נייקייט פון אירע מעטאָדן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע לענדער און וואָלט זיך געוועזן געקאָנט לייכט פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַלן אויפשטאַנד אין גאַנץ איטאַליע, וואָרים זי האָט געהאַט אַלע שאַנסן אויף אַ דערפאָלג. די אָפענע פּראָוואָקאַציע פון די אונטערנעמער האָט די אַרבעטער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ביז צו דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע ביז צו דער סינדיקאַליסטישער יוניאָן פּלוצלינג צונויפגעבראַכט צו אַ בשותּפותדיקער פאַרטיידיקונג, וואָס איז בכוח געווען אַלדינג צו געווינען, ווען די אייניקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אונטער דעם דרוק פון די באַדינגונגען, וואָלט ווייטער געווען אָנגעהאַלטן. דאָך ווען די פירער פון דער Confederazione Generale del Lavoro וועלכע האָבן פריער מיט אַן אינערלעכער קעגנערשאַפט געמוזט נאָכגעבן דער אַלגעמיינער שטימונג פון די אַרבעטער, זענען אין דער זיבעטער וואָך פון דער פאַבריקן־אָקופּירונג אויף אייגענער האַנט איינגעגאַנגען, לויט דער עצה פון דער גיאָליטי־רעגירונג, צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט די אונטערנעמער און פאַרגעשטעלט זייערע מאָגערע הנחות ווי אַ גרויסן זיג, איז דער גורל פון דער באַוועגונג,

וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן מיט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען, געווען געשטעמפּלט. דערמיט איז אָבער אויך געווען געשטעמפּלט דער גורל פון איטאַליע, וואָס וואָלט קיינמאָל נישט געווען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם פאַשיזם, ווען נישט דאָס דאַזיקע בייזווילליקע דורכלאָזן אַ געלעגנהייט, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל מער נישט מאַכן. מאַלאַטעסטאַ האָט דעמאָלט גאַנץ ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע, בעת ער האָט געזאָגט צו די אַרבעטער:

„די דאָזיקע, וועלכע פייערן דעם אין רוים אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך ווי אַ גרויסן זיג, נאַרן אייך אָפּ. דער זיג געהערט פאַקטיש צו גיאַליטי, צו דער רעגירונג, צו דער בורזשואַזיע, וועלכע זענען געראַטעוועט געוואָרן פון דעם תהום, איבער וועלכן זיי האָבן געשוועבט. נאָך קיינמאָל איז די רעוואָלו־ציע אין איטאַליע נישט געווען אַזוי נאָענט און געהאַט אַזוי פיל אויסזיכטן אויף דערפאָלג. די בורזשואַזיע האָט געציטערט, די רעגירונג איז געשטאַנען מאַכטלאָז קעגנאיבער דער לאַגע. עס איז נישט אָנגעווענדט געוואָרן קיין מאַכט און קיין צוואַנג, ווייל איר האָט פאַרשטאַנען אַנטקעגנצושטעלן דער מאַכט פון דער רעגירונג אַ העכערע מאַכט; ווייל דורך דעם איינגעמען די פאַבריקן און די מיטלען זיי צו באַשיצן, וואָס מען האָט אייך אין דער מלחמה געלערנט, האָט איר געוויזן, אַז איר וועט קעגנשטעלן כוח קעגן כוח, און אַז דאַסמאָל זענט נישט איר געווען די שוואַכערע, נאָר אייערע שונאים זענען עס געווען".

באָרגי האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אין די אַלע קאַמפּן פון יענער שטורמישער צייט און האָט דורך זיינע פעאיקייטן פון אַ טאַלענטירטן רעדנער באַקומען אַ גרויסן איינפלוס. דערפאַר טאַקע איז ער באַלד געוואָרן איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער אויפקומענדיקער רעאַקציע. ווי נאָר די באַוועגונג אין מילאַן האָט זיך פאַרענדיקט, האָט די רעגירונג זיך פאַרמאָסטן צו אַ גרויסן קלאַפּ. דעם 12טן אָקטאָבער איז באָרגי אַרעסטירט געוואָרן אין מילאַן און עטלעכע טעג שפּעטער מאַלאַטעסטאַ. זיי זענען נישט געווען די איינציקע; אין מילאַן אַליין זענען אין יענע טעג דורכגעפירט געוואָרן מער ווי אַכציק אַרעסטן.

דער פּראָצעס קעגן מאַלאַטעסטאַ־באָרגי און חברים איז געווען איי־נער פון די שענדלעכסטע יוסטיץ־קאָמעדיעס, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן. דער אויספאָרשונג־ריכטער קאַרבאָנע, וועלכן עס איז איבערגעגעבן געוואָרן צוזאַמענצושטעלן די באַשולדיקונג, האָט זיך באַמיט פאַראַנטוואָרטלעך צו מאַכן די אָנגעקלאָגטע פאַר כלערליי מעגלעכע און אוממעגלעכע זאַכן און האָט פאַר דעם דאָזיקן צוועק צונויפגעזאַמלט אַ גאַנצן פּאַק דאָקומענטן, לויט וועלכע עס זאָל אויסקומען, אַז די אָנגעקלאָגטע האָבן געגעבן דעם מאָראַלישן שטויס צו באַשטימטע פאַרברעכערישע מעשים. אָבער שוין דעם 30סטן נאָוועמבער האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין באַשטימטע באַווייזן, מען זאָל אויף דעם סמך קענען צוציען די באַשולדיקטע צו פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. נאָך דעם דאָזיקן רעזולטאַט וואָלט מען דאָך געמוזט באַלד באַפרייען די

אַנגעקלאָגטע, וואָרים ווי עס זענען נישט פאַרהאַן קיין שום באַווייזן, איז דאָך אפילו לויט דעם געזעץ נישט דערלויבט קיין אַרעסט. דערמיט איז אָבער דער מילאַנער פּראָקוראָר גאָסטי נישט געווען איינשטימיק, ווייל ער האָט אוודאי באַקומען פון רוים באַשטימטע אָנווייזונגען און ער האָט געפאָדערט פון קאַר־באָנע, אַז ער זאָל פון דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל אומבאַדינגט אַרויסקוועטשן אַ פאַרברעכערישע פאַרשווערונג, דורך וועלכער די אַרעסטירטע זאָלן אויף דעם יסוד פון זייערע כוונות, דאָס הייסט אויף דעם יסוד פון זייערע איבער־צייגונגען, קענען פאַרבלייבן אין אַרעסט. אָבער אפילו דער דאָזיקער אופן, וואָס איז געווען אין סתירה צו אַלע יוסטיץ־פּרינציפּן, האָט נישט געפירט צו דעם געווינטשטן ציל און קאַרבאָנע איז געווען געצוווּנגען צו באַפרייען אַלע 22 אָנגעקלאָגטע, חוץ מאַלאַטעסטאַ, באָרגי און קוואַגלינאָ. עס איז גע־ווען קלאָר, אַז מען האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז אָפּשלעפּן דעם דאָזיקן פּראָ־צעס. ווען דער פּראָצעס איז נאָך גיאָליטיס פאַלן דאָך פאָרגעקומען אין יולי 1921, האָט ער זיך געענדיקט מיט אַ באַפרייאונג־אורטייל, היות מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויפווייזן, אַז די אָנגעקלאָגטע זאָלן זיך האָבן באַ־טייליקט אין אַ פאַרשווערונג. אָבער די ניין חדשים, וואָס זיי האָבן געמוזט אומשולדיק שמאַכטן אין תפיסה און די ממש געמיינע באַהאַנדלונג, וואָס זיי האָבן, בעיקר אין דער ערשטער צייט פון זייער אַרעסט, געמוזט אויסשטיין, האָט זיי, פאַרשטייט זיך, קיינער נישט געקאָנט פאַרגיטיקן.

בעת באָרגי און מאַלאַטעסטאַ זענען געזעסן אין תפיסה, האָבן די לייט פון קאָמינטערן נישט געוואָלט דורכלאָזן די גינסטיקע געלעגנהייט, כדי אַרונ־טערצונעמען די U.S.I. אונטער די מאָסקווער פליגל. צוליב אָט דעם צוועק איז איינער פון זייערע אַגענטן, ניקאָלאַ וועקי, ספּעציעל געפאָרן קיין מאָסקווע, ווי ער האָט באַקומען 300.000 לירעס, אין יענער צייט נאָך אַ היפּשע סומע, וואָס זענען אייגנטלעך אָנפּאַרטרויט געוואָרן באָמבאַטשיס השגחה און באַ־שטימט געווען אויף אַרויסצושטויסן באָרגי פון דער U.S.I. און זי אָנשליסן צו דער Confederazione Generale del Lavoro, ווייל מען האָט אין מאָס־קווע געהאָפט צו קענען אויף דעם אופן פאַרכאַפּןביידע אָרגאַניזאַציעס. דער דאָזיקער זויבערער פּלאַן איז טאַקע דורכגעפאַלן און איך דערמאָן אים דאָ בלויז, כדי צו ווייזן, מיט וואָס פאַר אַ נידעריקע מיטלען די נייע מאַכטהאָבער אין רוסלאַנד האָבן זיך שוין דעמאָלט באַנוצט, אויב זיי האָבן געהאָפט צו האָבן דערפון דערפאָלג.

ניקאָלאַ וועקי אָבער, וועלכער האָט זיך גאָרנישט אָפּגעשטעלט צו פאַר־האַנדלען פאַר מזומן געלט די U.S.I. צום קאָמינטערן, איז באַלד נאָכדעם אי־בערגעגאַנגען צו די פאַשיסטן און ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה דערשאָסן געוואָרן דורך איטאַליענישע פאַרטיזאַנען. וועקי איז אָגב קיינמאָל נישט געווען קיין אַנאַרכיסט און האָט געהערט, ווי באָרגי האָט מיר דערציילט, צו אַ ספּעציעלן סעקטאָר פון דעם איטאַליענישן סינדיקאַליזם, וועלכער האָט

זיך געהאַט געשאַפֿן פֿון פֿריערדיקע אָנהענגער פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי צווישן 1904 און 1910. דער גייסטיקער פֿירער פֿון דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען ליבעראָ טאַנקרעדי, וועלכער האָט פֿון געדאַנקען־ברעקלעך פֿון שטירנער, ניטשע און סאָרעל צונויפֿגעשטוקעוועט פֿאַר זיך אַ באַזונדערע טעאָריע און שפּעטער איז ער אַזוי ווי וועקי אַריבער אין פֿאַשיסטישן לאַגער.

אין פֿעברואַר 1923 איז באָרגי צום צווייטן מאָל געקומען קיין בערלין צוזאַמען מיט זיין ווײַלער לעבנסבאַגלייטערין ווירגיליאַ ד׳אַנדרעיאַ. ער איז דעמאָלט געקומען, כדי זיך צו באַטייליקן אין אַ קאָנפֿערענץ פֿון I.A.A. און האָט בדעה געהאַט צוריקצופֿאָרן קיין איטאַליע, ווו מוסאָליני איז שוין געהאַט געקומען צו דער מאַכט. בעת זייער ווײַלן אין בערלין האָבן זיי אָבער באַקומען די ידיעה, אַז זייער גאַנצער באַגאַזש, וואָס זיי האָבן פֿאַר דעם אַוועקפֿאָרן געהאַט איבערגעלאָזט אין דער דרוקעריי פֿון La Guerra di Classe איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און מען האָט אַרעסטירט דעם דרוקער. ער איז שפּעטער באַפֿרייט געוואָרן, אָבער דער אַדוואָקאַט פֿון דער U.S.I. אין מילאַן האָט מודיע געווען באָרגי, אַז קעגן אים און ווירגיליאַ איז פּאַרפֿירט געוואָרן אַ פּראָצעס און זיי ביידע געגעבן די עצה דערווײַל צו בלייבן אין אויסלאַנד. זענען זיי ביידע געבליבן כמעט אַ גאַנץ יאָר אין בערלין, ביז זיי האָבן סוף 1923 געקאָנט פֿאָרן קיין פּאַריז. דערווײַל האָט דער פֿאַשיזם, וועלכן די מאָנאַרכיע האָט איבערגעגעבן די גאַנצע מאַכט, אָנגענומען אַזעלכע פֿאַרמען, אַז עס איז מער נישט געווען צו טראַכטן וועגן אַ צוריקפֿאָרן.

בעת זייער ווײַלן אין בערלין זענען מיר זיך אָפֿט צוזאַמענגעקומען און מיט ביידע גוט באַפֿריינדט געוואָרן. ספּעציעל ווירגיליאַ איז צו מילי און מיר געוואָרן זייער צוגעבונדן, מחמת מיר האָבן זיי אַרויסגעהאָלפֿן אין טייל קליינע ענינים און זיך באַמיט צו מאַכן זיי דאָס לעבן אין קאַלטן צפֿון אויף ווי ווייט מעגלעך אויסהאַלטעוודיק. די דאָזיקע קליינע שוואַכלעכע פֿרוי מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן און ליבלעכן פּנים־אויסדרוק האָט פֿאַרמאָגט נישט בלויז אַן אויסערגעוויינלעך רירעוודיקן גייסט, נאָר אַ וואַרעם האַרץ, וואָס האָט געהאַט אַ טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר יעדן מענטשלעכן געפֿיל. זי איז זיכער איינע פֿון די באַדייטנדיקסטע פֿרויען, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

ווירגיליאַ איז געבוירן געוואָרן אין 1889 אין דעם שטעטל סולמאָנאַ אין די אַברוזן און דורכגעלעבט אַ גאַנץ באַקוועמע יוגנט־צייט. נאָכדעם ווי זי האָט מיט דערפֿאָלג געענדיקט אירע שטודיעס אין דער אוניווערסיטעט פֿון נעאַפּעל, האָט זי אויסגעוויילט פֿאַר זיך די לערער־פּראָפֿעסיע, וואָס וואָלט אפֿשר צום בעסטן געווען צוגעפּאַסט צו אירע באַזונדערע פֿעיִקייטן און כאַראַקטער, ווײַל זי האָט פֿאַרמאָגט אַלע דערצו נויטיקע תּנאָים. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט זי מסתּמא געהאַט די פֿולע סאַטיספֿאַקציע ביי דער דאָזיקער פּראָפֿעסיע, וואָס איז געווען צוגעטראָפֿן צו איר גאַנצן אינערלעכן מהות. אָבער ווען עס האָט אין 1914 זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַנטימיליטאַריסטישע באַוועגונג קעגן

איטאַליענס באַטייליקן זיך אין דער מלחמה, איז ווירגיליאַ אַוועק אויף אַן אַנ־דערן וועג. ווי אַ יונגע דיכטערין מיט אַן אויסערגעוויינלעך קרעפטיקער שפּראַך, האָט זי געהאַט אַ ספּעציעלע נייגונג צו נייע אידעען און אויפגעשטורעמט קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט פון אַ סיסטעם, וואָס לאָזט אָפּגיין מיט בלוט זיין בעסטע יוגנט אויף די מלחמה־פעלדער, כדי צו דערגרייכן מאַכט־פּאָליטישע צילן. זי האָט דעריבער מיט דעם גאַנצן ענטוזיאַזם פון דער יוגנט זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג קעגן דער מלחמה. אַזוי אַרום איז זי ממילא אַריין אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, ווו עס איז געווען איר ריכטיקער פּלאַץ.

אין 1917 האָט זי זיך באַקענט מיט אַרמאַנדאָ, מיט וועלכן זי איז געבליבן פאַרבונדן אויפן גאַנצן לעבן. זי האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער U.S.I. עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט און דער־נאָך אויך אַריינגעצויגן אין דער באַשולדיקונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן קעגן מאַלאַטעסטאַ, באָרגי און חברים.

נאָך זייער אַוועקפאָרן פון בערלין, האָבן זיי ביידע געלעבט אין פּאַריז, ביז אַרמאַנדאָ איז אין 1926 אַוועקגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווירגיליאַ האָט געזאָלט באַלד נאָכקומען, אָבער זי האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן זיך צו פאַרשאַפן די פּאַפּירן, וואָס זענען נויטיק פאַר דער אימיגראַציע. אין מאַי 1928 בין איך געווען אויף דעם קאָנגרעס פון דער I.A.A. אין ליעזש און נאָך דעם פאַרענדיקן די באַראַטונג בין איך אויף אַ קורצער צייט געפאָרן קיין פּאַריז. דאָרט האָבן מיר, מילי און איך, ווידער זיך געטראָפן מיט ווירגי־ליאַ. זי האָט זיך געפונען אין אַ זייער געדריקטער שטימונג און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווי אַזוי זי זאָל קומען קיין אַמעריקע. מיר האָבן דע־ריבער גערעדט וועגן דעם מיט עמאַ גאָלדמאַן, וועלכע האָט געהאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ סך פאַרבינדונגען. עמאַ האָט טאַקע באַלד גענומען מיט איר געוויינלעכער ענערגיע די זאַך אין דער האַנט אַריין און דערגרייכט, אַז ווירגיליאַ האָט נאָך אין דעם זעלבן יאָר געקאָנט פאָרן קיין אַמעריקע.

ווירגיליאַ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן רעדנער־טאַלאַנט, האָט אין אַמע־ריקע געפונען אַ ברייט טעטיקייט־פעלד. זי איז אויסגעפאָרן דאָס גאַנצע לאַנד פון ברעג צו ברעג און האָט באַרייכערט אונזער פּרעסע מיט אַ ריי ווערטפולע אַרטיקלען. די בעסטע פון זיי זענען אין 1925 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך אונטער דעם טיטל L'ora di marmaldo, וואָס איז שוין געווען דאָס צווייטע בוך נאָך אַ זאַמלונג פון אירע דיכטונגען, פאַרעפנטלעכט אין 1922. די דאָזיקע זאַמלונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מילאַן אונטער דעם נאָמען Tormento מיט אַ ספּעציעלער הקדמה פון עריקאָ מאַלאַטעסטאַ, פאַר וועלכן זי האָט געהאַט אַ האַרציקע סימפּאַטיע.

ווען איך האָב בערך זעכצן חדשים נאָך אונזער לעצטער באַגעגעניש אין פּאַריז אָנגעהויבן אַ רעפעראַטן־טורנע דורך די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַ־

נאָדע, האָב איך מיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן מיט ווירגיליאַ אין דעם סיל־וועסטער־אָוונט 1929 אין סאַן פראַנסיסקאָ. זי האָט דאָרט גערעדט אויף אַן איטאַליענישער פאַרזאַמלונג. בעת איך בין מיט מיין אַלטן פריינט י. נאַטאַן אַריינגעקומען אין זאַל, האָט זי מיך באַלד דערקענט, איבערגעריסן איר רעדע, מיר אַנטקעגנגעלאָפן און מיך אַרומגענומען מיט פריידיקער איבעראַשונג. ווירגיליאַ איז געבליבן בלויז נאָך עטלעכע טעג אין סאַן פראַנסיסקאָ און איז אַוועקגעפאָרן פון דאָרט קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווו עס זענען געווען צוגעגרייט פאַר איר פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן זיך אין יענע טעג אָפט צוזאַמענגעטראָפן און קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז דאָס וועט זיין אונזער לעצטע באַגעגע־ניש. אָבער די צאַרטע פרוי איז שוין דעמאָלט געווען אַ סך קראַנקער, ווי זי אַליין האָט אפשר געוווסט. זי פלעגט שוין אויך פריער אָפט אויך ליידן פון קראַנק־האַפטע קערפּערלעכע שטערונגען און שוואַכקייט־אַנפאַלן, זי האָט אָבער נישט געהאַט די מינדסטע מחשבה, אַז איר יונג לעבן געפינט זיך אין סכנה דורך אַ שווערער קאַנסער־קראַנקהייט. אין 1931 האָט זי געמוזט דורכמאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע, וואָס האָט איר אָבער שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן. זי איז גע־שטאָרבן דעם 11טן מאַי 1933 אין אַ שפּיטאָל אין ניו יאָרק. אירע לעצטע יאָרן זענען געווען באַטריבט דורך שווערע יסורים, אַזוי אַז דער טויט איז געווען פאַר איר אַ דערלייזונג. איר פריצייטיק אַוועקגיין פון לעבן האָט אין דער אי־טאַליענישער באַוועגונג איבערגעלאָזט אַ פילבאַרן בלויז, ווייל אין ווירגיליאַ האָט זי פאַרלוירן איינע פון די פעאיקסטע און געטרייעסטע חברטעס און מילי און איך אַ ליבע פריינדין, וועלכע וועט תמיד בלייבן פאַר אונז אומפאַר־געסלעך.

פאַר אַרמאַנדאָ איז איר פריצייטיקער טויט געווען אַ שווערער קלאַפּ, וועלכער איז פאַר אים געוואָרן נאָך שאַרפער, ווייל ער האָט זיך אין אַמעריקע קיינמאָל נישט געקאָנט איינלעבן. פאַר אַ מענטש פון זיין טעמפּעראַמענט, וועל־כער האָט אין זיין היימלאַנד זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַזעלכע גרויסע גע־שעענישן, איז זיין לעבן אין גלות געווען טאָפּלט שווער. אין אייראָפּע האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין די געשעענישן. ביז צו זיין אַוועקפאָרן קיין פאַריז האָט ער זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן פון דער I.A.A. וואָס האָט אים אַפילו אין 1925 צוגעטיילט די אויפגאַבע צו פאָרן קיין פּאָרטוגאַל. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט ער זיך באַטייליקט בעת דער סאַמע שאַרפער דיקטאַטור אין אַ געהיימער קאָנפע־רענץ פון דער C.G.T. אין מאַדריד. אַזאַ טעטיקייט־פעלד האָט אים געפעלט אין אַמעריקע, בפרט נאָך ווייל ער איז אַריינגעקומען אין לאַנד אומלעגאַל און ער האָט מחמת דעם געהאַט תמיד צו קעמפן מיט גרויסע שוועריקייטן.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל גראַד זיין אין ניו יאָרק, בעת עס איז פאָרגעקומען יענע טראַגישע געשעעניש אין קופּערס אינסטיטוט (דאָס איז געווען אין זעלבן יאָר, ווען איך האָב מיך ווידער באַגעגנט מיט ווירגיליאַ

אין סאַן פראַנסיסקאָ). איך האָב גראָד געהאַט פאַרענדיקט מיין רייזע און גע־זאָלט אין עטלעכע טעג אַרום פאָרן קיין מאָנטרעאַל און פון דאָרט צוריקקערן זיך קיין אייראָפּע. באַרגי האָט געוואָלט מיך באַזוכן מאָנטיק אין מיין וווינונג און מיר נאָך איבערגעבן פאַרשידענע שליחותן פאַר פריינט אין אייראָפּע. מיט אַן אָוונט פריער האָט ער אין דעם אַלטן היסטאָרישן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ גע־פירט אַ וויכוח מיט אַן איטאַליענישן סאָציאַליסט. פּלוצלינג אָבער האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ באַאַמטער פון דער עמיגראַציע־מאַכט און אים דערקלערט פאַר אַרעסטירט, ווייל ער איז אומגעזעצלעך אַריינגעקומען אין לאַנד. באַרגי, וועלכער האָט גוט געוווּסט, וואָס עס באַדייט פאַר אים דע־פּאָרטירט צו ווערן קיין איטאַליע אונטער מוסאָליניס הערשאַפט, איז נאָך אַ קורצן ישוב הדעת אַנטשלאָסן אַראָפּגעשפּרונגען אין פאַרזאַמלונג־זאַל און פאַר־שוווּנדן געוואָרן צווישן עולם. דער באַאַמטער, וועלכער איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן, האָט נאָכגעשאָסן הינטער אים אַ קויל, וואָס האָט געטראָפן אַ באַזו־כער, אַ גאָר יונגער מענטש און אים געטויט.

ווען איך האָב מאָנטיק אינדערפרי געלייענט אין די צייטונגען וועגן דער געשעעניש, בין איך דערציטערט געוואָרן, וואָרים איך האָב געוווּסט, וואָס עס האָט באַרגי געדראָהט, ווען מען זאָל אים אַרויסגעבן צו איטאַליע. אַ טאָג פאַר מיין אַוועקפאָרן האָט מיך באַזוכט אַ יונגע פרוי אין מיין וווינונג און מיר גע־בראַכט עטלעכע שורות פון באַרגי, אין וועלכע ער האָט מיך געבעטן אים צו באַזוכן. געוויס האָט איך אים די דאָזיקע בקשה נישט געקאָנט אָפּזאָגן און בין אַוועק מיט דער איבערברענגערין פון דעם צעטל אין אַ פאָרשטאָט נישט ווייט פון ניו יאָרק, וווּ ער האָט זיך דעמאָלט באַהאַלטן. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנצן האַלבן טאָג צוזאַמען און פון אים האָב איך מיך טאַקע דערוווּסט דעם גאַנצן ענין פון דער בלוטיקער געשעעניש אין קופּערס אינסטיטוט.

יענע טראַגישע פּאַסירונג האָט פאַרשטייט זיך די שוין אַזוי אויך שווערע לאַגע, אין וועלכער באַרגי האָט זיך געפונען, געמאַכט נאָך שווערער. וועגן פאַרזאַמלונגען האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד. אָבער ער האָט געטון דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט טון אין זיין סיטואַציע און געשריבן אַ גאַנצע ריי ביכער, פון וועלכע עס זאָלן דאָ בלויז דערמאָנט ווערן Mussolini, in Camicia וואָס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש און ענגליש Errico Malatesta און L'Italia tra due Crispi, Mischia Sociale in 60 Anni di Lotte Anarchiche, וואָס אַנטהאַלט אַ גאַנצע ריי ווערטפולע פּרטים פון מאַלאַטעסטאַס פערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ווען מיר האָבן זיך שפּעטער נאָך אונזער אַנטלויפן פון דייטשלאַנד באַ־זעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן מיר אָפט געהאַט די געלעגנהייט זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט באַרגי, וועלכער פלעגט אונז תמיד באַזוכן צוזאַמען מיט אַנדערע איטאַליענישע חברים. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער צו־ריקגעפאָרן קיין איטאַליע. ער האָט דאָרט זייער בולט געשילדערט זיינע איבער־

לעבונגען אין זיין לעצטן בוך: Conferma anarchica - Duo Anni in Italia און טייל דערפאַרונגען, וועלכע עס מיידט נישט אויס קיינער, וואָס איז געצווונגען צו לעבן יאָרנלאַנג אין גלות און לסוף זיך נישט קענען איינוואָרצלען אין אייגענעם לאַנד. באָרגי איז היינט שוין אַ מאַן פון זיבעציק יאָר, וועלכער האָט דורכגעלעבט אַ סך אַנטטוישונגען, אָבער געבליבן טריי צו זיינע איבערצייגונגען.

אין אַפּריל 1922 זענען עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן און א. שאַפּיראָ געקומען קיין בערלין. מיר האָבן זיי שוין דערוואַרט אין דעצעמבער 1921, נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט פאַרלאָזט רוסלאַנד. אָבער עס האָט זיך זיי געשטעלט אין וועג אַ גאַנצע מאַסע אומגעריכטע מניעות, וועלכע, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווסט, זענען אַנטשטאַנען בעיקר דורך די געהיימע באָלשעוויסטישע מאַכינאַציעס. כדי אַריינצוקומען קיין בערלין, האָבן זיי געמוזט דורכפאָרן לעטלאַנד און אין ריגע באַקומען זייער וויזע קיין דייטשלאַנד. מיט דער הילף פון פּאַול קאַמפּפמייער האָבן מיר געמאַכט אַלע נויטיקע צוגרייטונגען, אַזוי אַז אַלע שוועריקייטן פאַר דעם אַריינקומען האָבן זיך אויסגעוויזן צו זיין באַזייטיקט. דער דייטשער קאָנסול אין ריגע איז געווען קאַמפּפמייערס אַ קוזין און האָט אוודאי געטון אַלדינג, וואָס ער איז געווען בכוח, אָבער ער האָט זיך אויך געמוזט האַלטן ביי די תקנות, וואָס זיין אַמט האָט אים אָנגעוויזן. דעריבער האָט זיך די זאַך פאַרצויגן לענגער, ווי מיר האָבן דאָס געקאָנט פאַראויסזען.

דערוויל האָבן אונז אונזערע דריי טעלעגראַפיש צווויסן געטון פון ריגע, אַז מען מוז זיך זייער צואיילן, ווייל די לעטישע מאַכט האָט זיי געגעבן בלויז אַ גאָר קורצע צייט און זיי זענען געווען אין דער סכנה צוריקגעשיקט צו ווערן קיין רוסלאַנד. איך האָב דעריבער באַלד אינפאָרמירט מיין פריינט אַלבערט יענסען, דעם רעדאַקטאָר פון אונזער טאָגצייטונג אין שטאָקהאָלם, וועגן דער סיטואַציע און אים געבעטן באַלד אָנצונעמען מיטלען, אַז אונזערע דריי חברים זאָלן לפחות דערוויל באַקומען די דערלויבעניש אַריינצופאָרן קיין שוועדן, ביז מיר וועלן זיי קענען פאַרשאַפן די וויזע קיין דייטשלאַנד. אין צוויי טעג אַרום האָט מיר פּאַול קאַמפּפמייער געשריבן, אַז אַלדינג איז אין אָרדענונג און די דריי קאָנען אָפּנעמען זייער וויזע אין דייטשן קאָנסולאַט אין ריגע, וואָס איך האָב עס זיי באַלד טעלעגראַפיש צווויסן געטון. אין קאָנסולאַט האָט מען זיי דערקלערט, אַז די איינרייזע איז זיי באַוויליקט געוואָרן און מען וואַרט בלויז אויף דער לעצטער אָנווייזונג פון בערלין, וועלכע וועט זיכער אָנקומען אין משך פון דריי טעג. די אָנווייזונג איז טאַקע אָנגעקומען, אָבער בלויז כדי זיי מיטצוטיילן, אַז מען האָט דעם ערשטן באַשלוס, נישט אָנגעבנדיק די מאָטיוון, ווידער אָנולירט.

איצט איז דער ענין געוואָרן שווער. די לעטישע באַאַמטע, וועלכע האָבן די דריי אומבאַקוועמע געסט באַלד פון אָנהייב אָן אויפגענומען מיט חשד, ווייל

זיי האָבן מן הסתם געמיינט, אַז זיי האָבן דאָ פאַר זיך דריי באָלשעוויסטישע אַגענטן, האָבן זיי איצט דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן אין משך פון פערציק שעה נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועט מען זיי מיט אָדער אָן אַ וויזע אַריבער־שטעלן אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ קיין רוסלאַנד. צום גליק איז נאָך אין דער רעכטער צייט אָנגעקומען די וויזע. זיי זענען בכן אָוועקגעפאָרן מיט דער באַן קיין רעוואַל, כדי פון דאָרט צו פאָרן מיט דער שיף קיין שטאָקהאָלם. אָבער נישט ווייט פון דער עסטלענדישער גרענעץ האָט זיך דער צוג פּלוצלינג אָפּגעשטעלט. דריי לעטישע געהיים־אַגענטן, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געהאַט מיטגעפאָרן, זענען אַריינגעקומען אין קופּע, האָבן צוגענומען ביי די דריי זייערע פּאַספּאָרטן און זיי דערקלערט פאַר אַרעסטירט. ביים צוג איז שוין געשטאַנען אַן אויטאָ, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט און אנשטאט קיין שטאָק־האָלם האָבן זיי געמאַכט אַ רייזע אין תפיסה. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן עטלעכע טעג און רעווידירט זייער באַגאַזש מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז מען האָט זיך געריכט צו געפינען דאָרט וויכטיקע זאַכן. די באַאַמטע זענען קענטיק געווען אַנטוישט, ווען זיי האָבן לסוף געמוזט איינ־זען, אַז זייער טרחה איז געווען אַרויסגעוואָרפן. עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען צו עמאַ אַ באַאַמטער און איר דערקלערט מיט כלומרשטער העפלעכ־קייט, אַז דער אַרעסט איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ טעות, פאַר וועלכן עס איז אָבער נישט פאַראַנטוואָרטלעך זיין רעגירונג, נאָר אירע באָלשעוויסטישע פריינט. ווען עמאַ האָט געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן דעם, האָט ער געענט־פערט, אַז ער קאָן איר ליידער נישט געבן קיין שום אינפאָרמאַציע, אָבער זיינע דערקלערונגען זענען געשטיצט אויף אמת. די טשעקאָ האָט אוודאי דורך אַן אַגענט איינגערוימט די לעטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז די דאָזיקע דריי האָבן געהאַט דורכצופירן אַ געהיימע מיסיע מצד דער רוסישער רעגירונג. דאָס דאָזיקע שטימט אויך מיט אַ דערקלערונג פון דעם דייטשן קאָנסול אין ריגע, וועלכער האָט געשריבן צו זיין פעטער פּאַול קאַמפּמייער, אַז פאַר די דאָזיקע אַלע מיאוסע אינטריגעס זענען פאַראַנטוואָרטלעך די לייט אין מאָסקווע.

דער סאָציאַליסטישער קאַנצלער פון שוועדן, הער בראַנטינג, האָט אונזערע דריי פריינט דערלויבט צו פאַרבלייבן אַ חודש, ער האָט אָבער אויפגעקלערט אונזער שוועדישער ברודער־אָרגאַניזאַציע, אַז זי זאָל זיך באַמיען, די גאַסט־פריינטלעכקייט פון לאַנד זאָל נישט אויסגעניצט ווערן לענגער. בראַנטינג איז טאַקע געווען אַ דורכאויסיקער קעגנער פון באָלשעוויזם, אָבער ווי אַ פאַר־שטייער פון דער רעגירונג האָט אים נישט געפעלט קיין דאגות, וואָרים די רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבן קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אים עפנטלעך צו באַשולדיקן, אַז ער דערלויבט אַריינצוקומען אין לאַנד אַנאַר־כיסטן און באָלשעוויקעס און דערמיט גראָבט ער אונטער די זיכערקייט פון לאַנד.

דערווייל האָבן מיר נישט אויפגעהערט מיט אונזערע באַמיאונגען אין

דייטשלאַנד און אין דריי חדשים אַרום האָבן מיר טאַקע אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל די דריי דערלויבן צו קומען קיין בערלין, אָבער בלויז אויף צען טעג. אָבער מיר זענען געווען כמעט ווי זיכער, אַז אויב זיי וועלן שוין דאָ זיין, וועט אונז אוודאי געלינגען צו פאַרשאַפן זיי אַ דערלויבעניש פּערמאַנענט צו בלייבן. עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַן אַנדערע שוועריקייט: בערקמאַן און שאַפּיראָ, וואָס זענען מיד געוואָרן צו וואַרטן, האָבן אויף אייגענער אחריות געפּרוווט אַריינצוקומען קיין דייטשלאַנד און זיי זענען טאַקע נאָך עטלעכע אויסטערלישע איבערלעבונגען גוט אָנגעקומען קיין בערלין. דאָס איז געשען עטלעכע טעג, איידער דער דייטשער קאָנסול אין שטקהאָלם האָט באַקומען די אָנווייזונג צו געבן די דריי אַ וויזע. באַלד דערנאָך איז אויך עמאַ גאָלדמאַן אָנגעקומען קיין בערלין. מיט קאַמפּפמייערס הילף איז אונז געלונגען ,אַז בערקמאַנס און שאַפּיראָס אומלעגאַלע אַריינקומען אין לאַנד זאָל געענדערט ווערן אויף לעגאַל.

עמאַ און שאַפּיראָ האָב איך געקענט שוין זינט אַ סך יאָרן, אָבער הגם איך פלעג מיך טיילמאָל מיט בערקמאַנען איבערשרייבן, האָט זיך מיר קיינמאָל נישט געמאַכט די געלעגנהייט מיך מיט אים פּערזענלעך צו באַקענען. ערשט אין בער־לין האָבן מיר, מילי און איך, געמאַכט מיט אים אונזער ערשטע באַקאַנט־שאַפט; אָבער היות מיר האָבן שוין זייט לאַנגע יאָרן אָנגעהאַלטן ברייוולעכע פאַרבינדונגען, האָט זיך צווישן אונז באַלד אַנטוויקלט אַן אינטימע און האַר־ציקע פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צו זיין טויט.

עמאַ האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט, זינט מיר האָבן זי אין 1907 געזען דאָס לעצטע מאָל אין לאָנדאָן. אמת, איר אומצעשטערבאַרער כוח פון ווילן איז געבליבן פעסט, דאָך האָט מען געקאָנט אין איר דערקענען, אַז די ביטערע אַנטטוישונגען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט בעת די צוויי יאָר, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, האָבן פאַרט איבערגעלאָזן אויף איר געוויסע סימנים. דאָס מיינט נישט, אַז זי זאָל האָבן אומזיכער געוואָרן אין אירע איבערצייגונגען. דערפון האָט ביי איר גאָרנישט געקאָנט געמאָלט זיין; פאַרקערט, די אומפאַר־מיידלעכע קאָנסעקווענצן פון דער דיקטאַטור, וועלכע זי האָט געהאַט די מעג־לעכקייט צו באַטראַכטן ביים סאַמע שורש, זענען בלויז עלול געווען צו פאַר־שטאַרקן אירע מיינונגען און האָבן איר מיט דער פולער דייטלעכקייט געוויזן, אַז מיט דעם דאָזיקן וועג קאָן מען נאָר אָנקומען צו אַן אומענדלעכן דעספּאָטיזם, אָבער בשום אופן נישט צו אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער איר בליק איז געוואָרן קריטישער און מער פאַרטיפט אין זיך. מחמת דעם האָט נישט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון טייל אילוזיעס, וועלכע זענען פריער געווען פאַר איר זעלבסטפאַרשטענדלעכע אמתן. פונקט ווי פאַר אַזויפיל אַנדערע, איז אויך פאַר איר דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד געוואָרן אַ מערדער־הייל, ווו אַזויפיל איבערגעטריבענע האָפענונגען זענען דערשטיקט און באַגראָבן געוואָרן.

עמאַ איז געווען אַ מוטיקע פֿרוי, וועלכע איז נישט אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך דורך קיין שום אַנטטוישונג, אָבער זי האָט אויך פֿאַרמאָגט גענוג פֿאַר־שטענדעניש, כדי עפּעס צו לערנען פֿון דורכגעלעבטע דערפֿאַרונגען און נישט ווייטער זיך צו האַלטן ביי פֿאַנטאַזיע־פֿאַרשטעלונגען, וועלכע האָבן אַזוי גרינט־לעך און קענטיק אָפּגענאַרט.

נאָכדעם ווי זי איז אַוועק פֿון רוסלאַנד, האָבן מיר אָנגעהויבן פֿירן אַן אָפֿטן בריוו־אויסטויש, וואָס האָט אָנגעהאַלטן רעגלמעסיק ביז צו איר טויט. סוף פֿעברואַר 1922 האָב איך דערהאַלטן פֿון איר אַ לאַנגן בריוו פֿון שטאָק־האָלם, פֿון וועלכן איך גיב־איבער די ווייטערדיקע ווערטער, וועלכע ווייזן דייטלעך, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אינעווייניק אין איר געמיט:

„עס איז נישט גרינג צו באַשרייבן מיין נשמהדיקן און גייסטיקן צושטאַנד. שוין דערפֿאַר נישט, ווייל עס זאַמלען זיך אָן ביי מיר וואָס אַמאָל נייע פֿראַגן, פֿאַר וועלכע איך קאָן נישט געפֿינען קיין ענטפֿער. לכל הפּחות אַצינד נישט, אפֿשר אויך קיינמאָל נישט, ווייל עס איז שווער צו געפֿינען אַן אַרויסגאַנג פֿון דאָזיקן לאַבירינט. אַ קורצע צייט פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד אין קראָנשטאַט זענען מיר אַריינגעפֿאַלן אין דער האַנט לאַנדאַאוערס*) Revolutions briefe. איך האָב די דאָזיקע צוויי בענד צוויי מאָל גרינטלעך געלייענט און זיי זענען פֿאַר מיר געווען ווי אַן אינערלעכע אַנטפּלעקונג. ווען איך זאָל האָבן דאָס דאָזיקע ווערק געלייענט מיט צען יאָר פֿריער, וואָלט עס אוודאי אויך דעמאָלט נישט געווען פֿאַרפֿעלט איבערצולאָזן אויף מיר זיין איינדרוק, נאָר די איינדריקן וואָלטן גע־ווען אַנדערש. אין מאָסקווע אָבער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן פֿאַרגלייכונגען, וועלכע האָבן זייער אָפּגעשוואַכט מיין אַלטן גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פֿון דער רעוואָלוציע. לאַנדאַאוערס ווערק האָט מיר געוויזן די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע אין אַ ניי ליכט און איך גלויב שיעור, אַז די רעוואָ־לוציע בכלל. נאָך די דערפֿאַרונגען, וואָס איך האָב געהאַט אין רוסלאַנד, שטעל איך מיר אָפּט די פֿראַגע, צי ביי אונז איז דער פֿאַרלאַנג נישט געווען שטאַרקער ווי די ווירקלעכע לעקציעס פֿון דער געשיכטע. מיר האָבן זיך צו־פֿיל געלאָזט פֿאַרבלענדן דורך די אַזויגערופֿענע העראָאישע זייטן פֿון דער רע־

---

*) עס האַנדלט זיך וועגן דעם ווערק Briefe aus der Französischen Revolution, וואָס לאַנדאַאוער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1919. דער אויסוואַל און די איבערזעצונג פֿון די פֿראַנצויזישע אָריגינאַלן איז אויסגעצייכנט. עס קומען דאָרט צום אויסדרוק שטימען פֿון אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג: דער הויף, מלוכה־לייט, פּאַרטיי־פֿירער, גענעראַלן און פּשוטע סאָלדאַטן, פּויערן, בעלי מלאכה און קרבנות פֿון דער רעוואָלוציע. דאָס גיט־צו לאַנדאַאוערס ווערק אַ גאָר גרויסע פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג. דאָ גיט אונז נישט איבער קיין היסטאָריקער די געזעלשאַפֿטלעכע פּאַסירונג; די רעוואָלוציע רעדט, אַזוי צו זאָגן, פֿאַר זיך גופֿא מיט אַלע אירע אינערלעכע סתירות און דעם גאַנצן כאַאָס פֿון די געוואַגטסטע האָפֿענונגען און טיפֿסטער פֿאַרצווייפֿלונג.

וואָלוציע, נישט נעמענדיק אין אַכט דעם הינטערגרונט, וואָס מאַכט ערשט שלימותדיקער דאָס בילד.

„פונוואַנען נעמט זיך, וואָס דווקא זיגערישע רעוואָלוציעס האָבן זיך פאַר־ענדיקט מיט דיקטאַטור? מען קאָן נישט רעדן וועגן רעוואָלוציאָנערע מרידות ווי פון 1848 אָדער וועגן דעם אויפשטאַנד פון דער פּאַריזער קאָמונע, ווייל זיי זענען פאַר דער צייט געפאַלן קרבנות פון דער רעאַקציע און האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט רייף צו ווערן. אָבער די ענגלישע רעוואָלוציע איז דערגאַנגען צו דער דיקטאַטור פון קראָמוועל און פון דער אַרמיי; די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע צו דער דיקטאַטור פון ראָבעספּיער און פון די יאַקאָבי־נער; די רוסישע רעוואָלוציע צו לענינס דיקטאַטור און פון די באָלשעוויקעס. זאָלן דאָ נישט זיין געוויסע צוזאַמענהאַנגען, אויף וועלכע מען האָט ביז איצט נישט געלייגט קיין אַכט? איך רעד מיר נישט איין צו האָבן געפונען אַן ענט־פער אויף דער דאָזיקער פראַגע, ווייל מיר אַליין זענען נאָך אַ סך זאַכן נישט קלאָר, כדי מיר צו קענען דערלויבן אַרויסצוזאָגן אַ דעפיניטיווע מיינונג. אָבער איך פיל, אַז מען מוז די דאָזיקע פראַגן פאָרשן, אויב מען נעמט ערנסט די זאַך פון סאָציאַלער באַפרייאונג.

„דו קענסט מיך צו גוט, אַז איך זאָל דיר ערשט דאַרפן פאַרזיכערן, אַז איך האָב נישט אָפּגעטרעטן פון מיין טיפסטער איבערצייגונג. איך בין היינט מער ווי ווען עס איז פריער איבערצייגט, אַז די פרייהייט איז נישט בלויז אַ ציל, נאָר אויך דער איינציקער וועג דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן. אָבער דערצו דאַרף מען האָבן נייע פּערספּעקטיוון, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דער היינ־טיקער לאַגע און זיי דאַרפן געזוכט ווערן, אויב מיר ווילן נישט אינגאַנצן פאַרזונקען ווערן אין דעם זומפּ פון טיפסטן באַרבאַריזם. ווער עס באַטראַכט די רעוואָלוציע בלויז ווי אַ גלאַדיאַטאָרן־קאַמף אויף דער אַרענע, פאַר דעם וועלן פרייהייט און גערעכטיקייט תמיד בלייבן אַן אומבאַקאַנט לאַנד".

די צען טעג, וואָס מען האָט אונזערע דריי חברים באַוויליקט צו פאַר־בלייבן אין דייטשלאַנד, זענען שנעל פאַרביי און מיר האָבן געהאַט אַ סך שווע־ריקייטן זיי צו פאַרשאַפן אַ נייע דערלויבעניש צו בלייבן. אין דער ערשטער צייט האָט מען זיי געגעבן בלויז פאַרלענגערונגען אויף אַ קורצער צייט, שפּע־טער אָבער איז מען מילדער געוואָרן און זיי נישט געמאַכט קיין וויטערדיקע שוועריקייטן. פאַר עמאַ און בערקמאַן האָט זיך אין דייטשלאַנד אויך פאַרבע־סערט זייער עקאָנאָמישע לאַגע. שוועדן איז געווען אַ יקרותדיק לאַנד און די נישט גרויסע מזומנים, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זענען דאָרט זייער איינגע־שרומפן געוואָרן. אין דייטשלאַנד אָבער האָבן מיר זיך דעמאָלט געפונען אין סאַמע מיטן כאַאָס פון דער אינפלאַציע און היות זיי ביידע האָבן באַקומען זייע־ערע הכנסות פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן, איז זיי איינגעשפּאָרט געוואָרן דער שווערער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס מען האָט דעמאָלט געמוזט פירן אין דייטשלאַנד. זיי האָבן נאָך אפילו געקאָנט

אַרויסהעלפֿן אַ וועלכן עס איז נויטבאַדערפֿטיקן, וואָס זיי האָבן געוויסנהאַפֿט־טיק געטון. עמאַ און בערקמאַן האָבן אין דער צייט, וואָס זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין בערלין, פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע ביכער און פֿלעגן אויך פֿון צייט צו צייט געבן אַרטיקלען פֿאַר אַמעריקאַנער חודש־זשורנאַלן, וועלכע זענען גוט באַ־צאָלט געוואָרן.

דאָס איז געווען די צייט, בעת קאָרעספּאָנדענטן פֿון אַמעריקאַנער צײַ־טונגען האָבן זיך געקאָנט פֿאַרגינען צו וווינען אין דעם האָטעל אַדלאָן אונ־טער דען לינדען און ווען מען האָט אין בערלין פֿאַר זעקס אָדער אַכט הונדערט דאָלאַר געקאָנט קויפֿן גאַנצע הייזער. מחמת דעם, וואָס די דייטשע מטבע האָט זיך כמעט יעדער שעה געענדערט, האָט קיין אַמעריקאַנער נישט אויסגעביטן מער ווי איין דאָלער, וואָס האָט, בעת דאָס דייטשע געלט איז דערגאַנגען צו זײַן גרעסטער ירידה, געהאַט דעם ווערט פֿון העכער אַ ביליאָן מאַרק. ווען מײַן פֿרײַנט ד״ר מיכאל קאָן, וועלכער איז דעמאָלט געווען מיט זײַן פֿרוי צוגאַסט אין בערלין, האָט מיך אין איינעם אַ טאָג אײַנגעלאַדן צו פֿאָרן מיט אים קיין ווײַמאַר, כדי זיך צו באַקענען מיט דער שטאָט פֿון געטע און שילער, זענען מיר געבליבן דאָרט נעכטיקן אין האָטעל ערבפּרינץ, ווו פֿאַר דער מלחמה פֿלעגט דאָרט וווינען בלויז די אַריסטאָקראַטיע. מיר האָבן געגעסן אין אָוונט אַן אויס־געצייכנטע וועטשערע און אײַנדערפֿרי אַ גרויסאַרטיק אָנבײַסן. ווען קאָן האָט באַצאָלט דעם רעכענונג פֿאַר דרײַ פּערזאָן, האָט ער געשאָקלט מיט דעם קאָפּ און געזאָגט צו מיר: „דו ווייסט, איך שעם מיך כמעט״. די גאַנצע געשיכטע האָט אים קיין צוויי דאָלאַר נישט געקאָסט. מען קאָן זיך קוים פֿאָרשטעלן יענע משוגענע צײַט, אויב מען האָט זי נישט אַליין איבערגעלעבט.

פֿאַר עמאַן און בערקמאַנען איז אויך נישט שווער געווען צו באַקומען אין בערלין אַ באַקוועמע דירה ,נישט געקוקט אויף דעם גרויסן דוחק אין וווינונגען, וואָרים ווער עס האָט געקאָנט באַצאָלן דירה־געלט אין דאָלאַרן, האָט נישט געהאַט קיין שום דאגה אין דעם פּרט. אמת, עס איז טאַקע געווען אַ געזעץ, אַז בײַ געשעפֿטלעכע ענינים האָט נישט געטאָרט באַניצט ווערן קיין פֿרעמדע וואַלוטע, אָבער קיינער האָט דאָס נישט גענומען אין אַכט, ווײַל עס איז נישט מעגלעך געווען קיין שום קאָנטראָל. עמאַ האָט געדונגען בײַ אַ פֿאַר־מעגלעכער פֿאַמיליע אַ גרויסע, עלעגאַנטע אויסמעבלירטע וווינונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ גאַנצער רײַע צימערן. דאָרט האָט זי געוווינט מיט בערק־מאַנען, און מיט איר פּלימעניצע סטעלאַ באַלאַנטינע, וועלכע איז מיט איר זונעלע געהאַט געקומען אויף אַ באַזוך פֿון ניו יאָרק, און נאָך אַנדערע צוויי פּערזאָן. די פֿאַמיליע, בײַ וועלכער זי האָט געדונגען די דירה האָט געוווינט אין דאָרף און געצויגן איר חיונה דורך פֿאַרדינגען איר דירה אין שטאָט צו אויסלענדער, וועלכע האָבן געצאָלט מיט דאָלאַרן.

פֿאַר עמאַן און בערקמאַנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ צײַט פֿון פֿליסיקער אַרבעט. זיי האָבן געהאַט צוגעזאָגט די חברים אין רוסלאַנד, אַז זיי וועלן איב־

פֿאַרמירן אויסלאַנד וועגן די אמתע באַדינגונגען אין רוסלאַנד. סאַשאַ האָט באַלד געשריבן איינע נאָך דער אַנדערער דריי בראָשורן, וואָס זענען פֿאַר־עפֿנטלעכט געוואָרן אין פֿאַרלאַג סינדיקאַליסט אין ענגליש און דייטש: Die russische Tragödie, Die russische Revolution und die Kommunistische Partei, Der Aufstand in Kronstadt.

עטלעכע חדשים נאָך איר אָנקומען קיין בערלין האָט אַ פֿאַרשטייער פֿון דעם באַקאַנטן McClure Newspaper Syndicate אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאָרגעשלאָגן עמאַן, אַז זי זאָל אָנשרייבן אירע איבערלעבונגען אין רוסלאַנד, וואָס וועלן צוערשט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין די צייטונגען פֿון סינדיקאַט און דערנאָך אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ באַזונדער בוך. די באַדינגונגען זענען פֿאַר עמאַן געווען גאָר גוטע און זי האָט אָנגענומען דעם פֿאָר־שלאָג מיט דעם תּנאַי, אַז עס זאָל גאָרנישט געענדערט ווערן אין טעקסט פֿון מאַנוסקריפּט. זי האָט דעם בוך געגעבן דעם טיטל My Two Years in Russia (מיינע צוויי יאָר אין רוסלאַנד), אָבער ווען דאָס בוך איז אין אַ יאָר אַרום אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז דער טיטל געווען געענדערט אויף My Disillusionment in Russia (מיינע אַנטטוישונגען אין רוסלאַנד) אין טעקסט האָט מען טאַקע נישט געמאַכט קיין שום ענדערונגען, אָבער עס האָבן געפֿעלט די לעצטע צוועלף קאַפּיטלען. עמאַ איז אַריין אין כּעס און האָט איינגעריסן וועלטן, כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז די דאָזיקע אויסגאַבע זאָל פֿאַר־שפּרייט ווערן. דאָס איז איר נישט געלונגען, אָבער זי האָט כאָטש דערגרייכט, אַז אין 1924 זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די פֿעלנדיקע קאַפּיטלען אין אַ באַזונדערן באַנד אונטער דעם טיטל My further Disillusionment in Russia (מיינע ווייטערדיקע אַנטטוישונגען אין רוסלאַנד). אין אַ באַמערקונג פֿון פֿאַר־לאַג, וואָס איז געגעבן געוואָרן פֿאַר דעם טעקסט פֿון צווייטן בוך, איז דער־קלערט געוואָרן, אַז דער פֿאַרלאַג האָט בכלל נישט באַקומען פֿון דעם סינ־דיקאַט די לעצטע צוועלף קאַפּיטלען. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ טעות; אָבער דאָך איז עס נישט צו פֿאַרשטיין, אַז מען האָט דאָס ערשטע בוך געקאָנט אַרויסגעבן אין אַזאַ פֿאַרקריפּלטן צושטאַנד, וואָרים אַפֿילו אַ בלינדער האָט געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט, אַז עס איז נישט גע־ווען גאַנץ.

אויך בערקמאַן האָט געפֿונען אין ניו יאָרק אַ פֿאַרלעגער פֿאַר זיין בוך The Bolshevik Myth, וועגן וועלכן עס איז שוין גערעדט געוואָרן און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1925. אָבער אויך ער האָט געהאַט שוועריקייטן. זיין בוך איז געווען, ווי ער אַליין האָט עס אָנגערופֿן, אַן אומפּרעזענלעכע שיל־דערונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד, אַזוי ווי ער אַליין האָט זיי איבערגעלעבט און געוויסנהאַפֿטיק פֿאַרצייכנט אין זיינע טאָגביכער טאָג נאָך טאָג. ערשט אין דעם לעצטן קאַפּיטל האָט ער אַרויסגעבראַכט זיינע אייגענע מסקנות, אָבער גראָד דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט דער פֿאַרלאַג נישט

אָנגענומען מיט דער באַגרינדונג, אַז פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט באַטראַכט, איז עס בלויז אַן אַנטי־קלימאַקס, וואָס וועט האָבן אַ שלעכטע ווירקונג. בערקמאַן האָט געמוזט איינגיין דערויף, כדי דאָס בוך זאָל בכלל געדרוקט ווערן, מחמת דעם איז ער געווען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע פעלנדיקע קאַפּיטל אויף זיינע אייגענע הוצאות, וואָס איז באַלד נאָך דעם דערשיינען פון זיין בוך אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטער דעם טיטל The Anti Climax

נישט געקוקט אויף די אַלע צעמישונגען, האָבן עמאַ און סאַשאַ ביכער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אין אַמעריקע, וואָרים אין יענער צייט האָט מען דאָרט וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד געוווּסט אַ סך ווייניקער ווי אין אייראָפּע. פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמוניסטישע פּרעסע האָט פוןביידע ביכער געמאַכט אַש און שטויב. ספּעציעל אויף עמאַן האָט זיך אויסגעגאָסן אַ גאַנצער שמוץ־מבול פון די עקלהאַפטסטע רכילות. דער היינטיקער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע וויליאַם ז. פאָרסטער, אַ געוועזענער סינדיקאַליסט, איז אין זיין אומפאַרשעמטקייט דערגאַנגען אפילו אַזוי ווייט, צו דערקלערן אין אַ רעצענזיע וועגן איר בוך, אַז „מען האָט אין מאָסקווע שוין לאַנג געוווּסט, אַז עמאַ גאָלדמאַן איז אַ באַצאָלטע אַגענטין פון דער אָפּטיילונג פאַר געהיימדינסט אין אַמעריקע". היינט האָבן אַזעלכע סיסטעמאַטישע אפּיקורסים־פאַרפאָלגונגען אויף דעם באַפעל פון מאָסקווע שוין לאַנג פאַרלוירן זייער ווירקונג און מאַכן נאָך העכסטנס אַן איינדרוק אויף דער פאַנאַטישער סוויטע פון די קרעמל־לייט. דעמאָלט אָבער זענען זיי געווען פונקט אַזוי ווי אַ מאָראַלישער חרם, כדי פּאָליטיש צו ליקווידירן ספּעציעל פאַרהאַסטע קעגנער. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אפילו עטלעכע אַנאַרכיסטן האָבן דעמאָלט מיטגעהאָלפן מיט דעם אַלגעמיינעם צאָרן־געשריי קעגן עמאַן.

עמאַ און בערקמאַן האָבן געפּרוּווט זיך איינצולעבן אין די דייטשע באַדינגונגען, אויף וויפל זיי האָבן געקאָנט און זיי זענען באַלד געווען אין אַ היימישן קאָנטאַקט מיט אַלע באַקאַנטע חברים. זייער וווינונג איז אָפט געווען דער צענטער פאַר אַ צונויפקום פון דייטשע און אויסלענדישע חברים, ווו מען האָט זיך אין די אָוונטן פריי פאַרווילט און אנגענעם פאַרבראַכט די צייט. ביי עמאַ אין הויז האָב איך מיך אויך באַקענט מיט עטלעכע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פון אַמעריקע, וועלכע זענען מיר ביז דעמאָלט געווען באַקאַנט בלויז לויט דעם נאָמען, ווי דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט הענרי אַלסבערג, פראַנק האַריס און עלענאָר פיצגעראַלד, וואָס האָט צוזאַמען מיט בערקמאַנען אַרויסגעגעבן אין סאַן פראַנסיסקאָ The Blast.

עמאַ האָט פאַרשטייט זיך נישט געוווּסט, ווי לאַנג זי קאָן פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד. אַלדינג איז געווען אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אויסרעכענען אין פאָראויס. צום ליבסטן וואָלט איר געווען צו לעבן אין אַ לאַנד, ווו זי זאָל זיך קענען אַקטיוו באַטייליקן אין דער באַוועגונג. ווי אַן אויסגעצייכנטע רעדנערין איז פאַר איר די עפנטלעכע טע־

טיקייט געוואָרן אַ באַדערפעניש. היות זי האָט פולשטענדיק באַהערשט די דייטשע שפּראַך, האָט זי פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע אין בערלין און אין לאַנד שוין געהאַט געהאַלטן אַ גרויסע צאָל רעפעראַטן; אָבער זי האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט בלויז רעדן וועגן ליטעראַרישע אָדער אַלגעמיינע קולטור־ענינים. צו רעדן וועגן פּאָליטישע פראַגן אין דייטשלאַנד איז פאַר אויסלענדער, אפילו בעת דער דייטשער רעפּובליק, געווען אַ ריזיקאַלישע זאַך, וואָס האָט לייכט געקאָנט פירן צו אַן אַרויסשיקונג. אין די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער איז דאָס אויך נישט געווען אַנדערש; בלויז ענגלאַנד איז געווען אַ לויבנסווערטער אויסנאַם אין דעם פּרט.

ווען זי איז איינמאָל צו אונז געקומען אויף אַ באַזוך, האָט זי אַליין אַרויפּ־געפירט דעם שמועס אויף דעם ענין און זיך אויסגערעדט פאַר מילי און מיר, ווי זייער אומבאַקוועם זי פילט זיך איבער דער דאָזיקער זאַך. איך האָב איר געזאָגט, אַז קודם כל מוז זי זיך דעצידירן, צי זי וויל אויף שטענדיק פאַר־בלייבן אין דייטשלאַנד. אין אַזאַ פאַל וואָלט שוין געווען אַ מיטל אויסצומיידן אַן אַרויסשיקונג; זי וואָלט באַדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ דייטש און דורך דעם באַקומען די דייטשע בירגערשאַפט. קעגן דעם האָט זי אָבער אַרויסגע־שטעלט אַ פּרינציפּיעלע איינווענדונג; נאָר מילי און איך האָבן איר געזאָגט גאַנץ אָפן, אַז ביי די היינטיקע באַדינגונגען איז קיין שום מענטש נישט אימ־שטאַנד צו לעבן אינגאַנצן אין הסכם מיט די אייגענע פּרינציפּן און ער מוז טון טייל זאַכן, וואָס זענען אים אינערלעך דערווידער.

„אַז אַנאַרכיסטן וואָלטן באַדאַרפט פירן זייער לעבן לויט דער אייגענער איינזעעניש, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך", האָב איך געזאָגט, „איז אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך, וועגן וועלכער מיר דאַרפן גאָרנישט דיסקוטירן, ווייל מירביידע האָבן וועגן דעם איין מיינונג. אָבער פּרינציפּן טאָרן נישט פאַר־וואַנדלט ווערן אין קברנים פון יעדער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, אויב מיר ווילן נישט סוף כל סוף פאַרענדיקן מיט זעלבסטמאָרד".

עמאַ איז דערמיט געווען איינשטימיק און מיר זענען באַלד איבערגע־גאַנגען צו רעדן וועגן אַ מעגלעכקייט פון אַזאַ פראָ פאָרמאַ־חתונה. מען האָט דערצו נישט געקאָנט נעמען דעם ערשטן בעסטן, נאָר געפינען אַ פּערזאָן, צו וועלכער מען קאָן האָבן דעם פולן צוטרוי, כדי שפּעטער אויסצומיידן שווע־ריקייטן. ווען עמאַ האָט מיר דערויף אָנגעוויזן, האָב איך זי באַלד באַרואיקט, ווייל איך האָב שוין אין זינען געהאַט מיין אַלטן געטרייען פריינט אָסקאַר קאָהל און בין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז ער וועט איר נישט אָפּזאָגן דעם שפּאַציר צום ציוויל־אַמט. ווען איך האָב עמאַן געזאָגט וועגן מיין פּלאַן, איז זי געווען צופרידן מיט מיין אויסוואַל און געזאָגט, אַז זי וויל זיך מיישב זיין וועגן דער זאַך.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זי מיר מיטגעטיילט, אַז נאָך אַ גרינטלעכן

ישוב הדעת איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין דער ענגלישער שפּראַך וועט זי קענען מער אויפטון ווי אין דייטש. די דייטשע באַוועגונג, וואָס האָט אין יענער צייט דורכגעפירט אַ זייער לעבעדיקע און פרוכטבאַרע טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן, האָט אפילו געמאַכט אויף איר אַ זייער גינסטיקן איינדרוק, אָבער עס זענען געווען אין דייטשלאַנד אַנדערע זאַכן, מיט וועלכע זי האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן. איך האָב גאַנץ גוט געקאָנט פאַרשטיין אירע טענות און האָב אפילו נישט געפּרוווט זי איבערצורעדן.

„אויב אַזוי", האָב איך געזאָגט, „מוזסטו טאַקע זען צו באַקומען אַן אריינ־פאַר־דערלויבעניש קיין ענגלאַנד. אָבער אפילו דעמאָלט, וואָלט איך דיר גע־ראָטן אײַנזינען צו האָבן וועגן אַ חתונה, ווייל אַן ענגלישער פּאַס וואָלט דיר אין דער היינטיקער צעפלאָנטערטער וועלט געקאָנט זיכער צוניץ־קומען, אין וועלכער סיטואַציע דו זאָלסט דיך אַליין געפינען".

זי האָט טאַקע שפּעטער געפאָלגט די דאָזיקע עצה און חתונה געהאַט מיט דעם מינע־אַרבעטער דזשיימס קאָלטאָן, אַן אַלטער ענגלישער חבר, און דורך דעם זיך איינגעשפּאָרט אַ סך שוועריקייטן, וועלכע וואָלטן זי נישט געווען אויסגעמיטן. צום בעסטן פאַר איר וואָלט אפילו געווען, אויב זי זאָל געווען האָבן די מעגלעכקייט צוריקצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי האָט זיך געפילט גאָר היימיש אין לאַנד און געהאַט דאָרט אַ סך פאַרבינדונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין משך פון איר לאַנגער טעטיקייט דאָרט. אָבער דערצו וואָלט איר נישט געקאָנט העלפן, ווען זי זאָל אפילו געווען חתונה האָבן מיט אַן אַמעריקאַנער, וואָרים לויט אַ ביי געזעץ האָט אַ פרוי שוין נישט געקאָנט באַקו־מען די אַמעריקאַנער בירגערשאַפט דורך חתונה, ווי דאָס איז געווען פריער, נאָר זי אַליין האָט זיך געמוזט ווענדן וועגן דעם, וואָס אין עמאָס פאַל וואָלט דאָס לחלוטין נישט געהאָלפן.

עמאַ האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר אין דייטשלאַנד, ביז פראַנק האַריס, וועל־כער האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט דער דעמאָלטיקער אַרבעטער־רע־גירונג אין ענגלאַנד, האָט באַוויזן איר צו פאַרשאַפן אַן אריינפאַר־דערלויבע־ניש. זי איז אַוועק פון בערלין אין יולי 1924 און נאָך אַ לאַנגן אָפּשטעל אין פּאַריז געפאָרן קיין לאָנדאָן. שאַפּיראָ איז בלויז עטלעכע חדשים געווען אין בערלין און האָט זיך שוין געפונען אין פּאַריז. אַזוי אַרום איז פון די דריי, וועלכע זענען אַוועק פון רוסלאַנד ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, בלויז בערקמאַן נאָך געבליבן אין בערלין און ער האָט זיך זייער גוט געפילט אין אונזער ענגן קרייז. אונזער פאַרלאַג האָט דעמאָלט דורך מיין איניציאַטיוו באַ־שלאָסן אַרויסצוגעבן זיינע אויסגעצייכנטע געפענקעניש־זכרונות פון אַן אַנאַר־כיסט. סאַשאַ האָט מיט מיר גערעדט וועגן דעם און מיך געפרעגט, צי עס וואָלט מיר אפשר געווען מעגלעך אַליין צו מאַכן די איבערזעצונג פון דעם בוך. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין גערן גרייט דאָס צו טון, אָבער איך קאָן די אַרבעט נישט אָנהייבן פריער ווי אין זעקס חדשים אַרום.

איך האָב דעמאָלט געהאַט גענומען אויף מיר אַ התחייבות פון אַ רעפּע־ראַטן־טור אין קאַנאַדע און די פּאַראייניקטע שטאַטן אויף האַרבסט און ווינ־טער פון 26־1925, און אויף אַזאַ לאַנגער און שווערלעכער רייזע איז פאַרשטייט זיך געווען אויסגעשלאָסן יעדע ליטעראַרישע אַרבעט. בערקמאַן האָט טאַקע דאָס פאַרשטאַנען זייער גוט, וואָרים ער האָט געוווּסט פון דערפאַרונג, וואָס אַזאַ רייזע באַדייט. ער איז דעריבער באַשטאַנען אַפּצולייגן דאָס פאַרעפנט־לעכן די דייטשע אויסגאַבע אויף זעקס חדשים, היות ער האָט געוווּסט, אַז די איבערזעצונג איז ביי מיר אין די הענט.

ווען איך בין אין יוני 1926 צוריקגעקומען פון אַמעריקע, איז סאַשאַ שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן פון בערלין און האָט געלעבט אין פּאַריז. בעת מיין אַפּ־וועזנהייט האָט אים די באַקאַנטע דענישע שריפטשטעלערין קאַרין מיכאַעליס, וועלכע איז געווען גוט באַפריינדט מיט בערקמאַנען, רעקאָמענדירט אַ יונגע דאַמע אין בערלין, וועלכע איז לויט איר מיינונג געווען זייער פּאַסיק צום איבערזעצן זיין בוך. היות סאַשאַ האָט געוווּסט, אַז איך בין תמיד געווען אי־בערגעלאָדן מיט אַרבעט, האָט ער זיך געלאָזט דערצו איבעררעדן, כדי מיר איינצושפּאָרן צייט. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין בערלין, איז דאָס בוך שוין געווען איבערגעזעצט, און וואָס נאָך ערגער — שוין געזעצט. סאַשאַ האָט מיר געשריבן פון פּאַריז, אַז איך זאָל אים טון די טובה און לייענען די קאָ־רעקטור־בויגנס, וואָס איך האָב פאַרשטייט זיך גערן געטון. אָבער ווען איך האָב דערזען די קאָרעקטור־בויגנס, איז מיר שיער נישט גוט געוואָרן. קעגן דעם דייטש פון דער איבערזעצערין איז נישט געווען וואָס פאַרצוואַרפן, דער־פאַר אָבער איז איר קענטעניש פון דער ענגלישער שפּראַך געווען זייער בדוחק און האָט אָפטמאָל דערפירט צו איבערזעצונגען, וואָס האָבן מיך דערמאָנט אין דעם איטאַליענישן שפּריכוואָרט. „איבערזעצער זענען פאַררעטער". די אַר־בעט איז פאַר איר געווען נאָך שווערער מחמת דעם, ווייל דאָס אַמעריקאַ־נער ענגליש פאַרמאָגט געוויסע אייגנטימלעכקייטן, וועלכע זענען איר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. דאָס ערגסטע אָבער איז פאַר איר געווען, וואָס אָפט זע־נען גאַנצע האַלבע זייטן פון דעם בוך געווען געשריבן אין דעם דיאַלעקט פון די אַמעריקאַנער נעגער אָדער אין זשאַרגאָן פון די האָבאָס, די אַרומוואַנדערער איבער די וועגן, מיט וועלכע בערקמאַן איז צוזאַמען געזעסן אין תפיסה. דאָ האָט דער איבערזעצערין אפילו קיין ווערטערבוך נישט געקאָנט העלפן און זי האָט אַליין געמוזט טרעפן דעם זין פון די ווערטער, און דאָ האָבן זיך ביי איר אָפט אַריינגעכאַפּט גאָר משונהדיקע גרייזן.

אַזוי למשל האָט בערקמאַן געשילדערט אין זיין בוך אַן עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען, בעת ער איז איינגעזעצט געוואָרן אין דער אויסבעסערונג־תפיסה פון פּיטסבורג. בעת דעם ערשטן שפּאַציר אין תפיסה־הויף איז צו אים צוגע־קומען אַ נעגער, וואָס האָט אים געגעבן אינפאָרמאַציעס וועגן פאַרשידענע אַרעסטירטע. דערביי האָט ער אים אָנגעוויזן אויף איינעם און געזאָגט:

די איבערזעצערין נעבעך האָט אוודאי נישט "This man is going bugs" געוווּסט, וואָס זי זאָל מאַכן מיט דעם פאַלקסטימלעכן אויסדרוק going bugs. עס איז קלאָר, אַז זי האָט נאָכגעזוכט אין ווערטערבוך, וואָס דער אויסדרוק מיינט. דאָרט האָט זי, פאַרשטייט זיך, נישט געפונען, וואָס זי האָט געזוכט, אָבער האָט אָנגעטראָפן דאָס וואָרט bug, וואָס מיינט אין ענגליש זשוק אָדער וואַנץ. זי האָט דעריבער איבערגעזעצט גאַנץ פשוט: „דער דאָזיקער מענטש איז אַ וואַנץ", בעת די ריכטיקע איבערזעצונג וואָלט באַדאַרפט זיין: „דער דאָזיקער מענטש האַלט ביים אַראָפּגיין פון זינען".

אַזעלכע מוראדיקע אומזיניקייטן האָבן זיך געפונען כמעט אויף יעדער זייט, אַפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ליטעראַרישן ענגליש און נישט וועגן דיאַלעקט־אויסדריקן. ווען איך האָב מיין פריינט נעטלאַאו, וועלכער איז דעמאָלט גראַד געווען אויף אַ באַזוך אין בערלין, געוויזן די קאָרעקטור־בויגנס, האָט ער נישט געוווּסט, צי ער זאָל לאַכן אָדער וויינען. ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט גאַנץ ערנסט: „ראָקער, איר וואָלט באַדאַרפט שרייבן וועגן דער דאָזיקער איבערזעצונג אַ בראָשור, אומגעפּער מיט אַזאַ טיטל: „ווי אַזוי מען טאָר נישט איבערזעצן קיין בוך".

ווען איך האָב בערקמאַנען צו וויסן געטון וועגן דעם ענין און בייגעלייגט עטלעכע צענדליק קאָרעקטור־בויגנס, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג און האָט מיך באַשווירן, אַז איך זאָל מיך באַמיִען, זיין בוך זאָל דערשיינען אין אַ געהעריקן באַשטאַנד אָדער עס זאָל אינגאַנצן נישט דערשיינען. אויך עמאַ האָט מיר באַלד געשריבן אַ בריוו אין דעם זין. זי איז אַפילו געווען נאָך מער אויפגערעגט ווי סאַשאַ און האָט אים געמאַכט שטאַרקע פאַרווּרפן, פאַרוואָס ער האָט די איבערזעצונג נישט איבערגעלייענט, איידער מען האָט זי איבערגעגעבן צום זעצן. איך האָט געטון דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געקאָנט, אָבער עס איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע און אומאַנגענעמע אַרבעט, וועלכע האָט ביי מיר גענומען גאַנצע אַכט וואָכן. כדי איינצושפּאָרן הוצאות, האָב איך קודם כל געמוזט זעען אָפּצוראַטעווען פון דעם זאַץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען צו ראַטעווען. איך האָב אָבער צום באַדויערן נישט געקאָנט פאַרמיידן, אַז מען זאָל כמעט אַ העלפט פון בוך נאָכאַמאָל זעצן.

חוץ די מענטשן, וואָס זענען דערמאָנט אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, זענען נאָך אין יענע יאָרן געקומען קיין בערלין אַ סך אַנדערע געסט, צווישן זיי טייל אַלטע באַקאַנטע, וועלכע זענען דאָרט פאַרבליבן בלויז אַ קורצע צייט. אַזוי האָב איך מיך אין באַזעל ווידער געזען מיט מיין אַלטן פריינט האַרי קעלי, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון ניו יאָרק, כדי צו באַגריסן עמאַ און בערקמאַן. אַ גאַר באַזונדערער פאַל איז מיט מיין פריינט פּ. גדאַליאַ, מיט וועלכן איך האָב מיך באַקענט נאָך אין פּאַריז. נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער דאָרט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך. נאָך פאַרשידענע פּאַסירונגען אין שפּאַניע איז אים לסוף געלונגען צו פאָרן קיין

אורוגוואַי, ווו ער האָט אין מאָנטעווידעאָ, געעפנט אַ קליין געשעפט. זיין יונגע לעבנסבאַגלייטערין סאָניע איז דערווייל אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד אוןביידע האָבן דורך דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה גאָר נישט געהערט איינער פון אַנדערן. ווען די מלחמה האָט זיך לסוף געענדיקט, האָט גדאַליאַ לענגער נישט אויסגעהאַלטן אין מאָנטעווידעאָ. ער האָט אַוועקגעשענקט זיין געשעפט די אַר־בעטער און איז אַוועק קיין בערלין, כדי פון דאָרטן צו פאָרן קיין רוסלאַנד, און אויפזוכן סאָניען. ער האָט זי טאַקע געפונען, אָבער אין תפיסה. עס איז אים געלונגען אויסצופועלן איר באַפרייאונג מיט דעם באַדינג, אַז זי וועט מיט אים אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד. אַזוי אַרום האָבן מיר צו אונזער פרייד ווידער זיך געטראָפן מיט ביידע אין בערלין. זיי זענען פון דאָרט אַוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדע און דערנאָך אַ לאַנגע צייט געלעבט אין מעקסיקע, ביז זיי האָבן געפונען אַן אַנדער וווינאָרט.

אויך אונזער פריינט יאַקאָב אַבראַמס, וועלכער איז אין פּראָצעס קעגן מאָליע שטיימער און חברים פאַרמשפט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף צוואַנציק יאָר תפיסה און שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין רוסלאַנד, האָבן מיר ווידער געטראָפן אין בערלין צוזאַמען מיט זיין פרוי, נאָכדעם ווי זיי זענען שווער אַנטטוישטע צוריקגעקומען פון דעם פּראָלעטאַריאַטס פאָטערלאַנד. און אויך סאַם אַגורסקי, מיט וועלכן איך האָב שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק מיך געהאַט באַקענט אין לידס, האָט אונז אויפגעזוכט בעת זיין דורכרייזע אין בערלין. ער האָט דערנאָך געלעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איז נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער בלויז כדי אַנטטוישט צו ווערן אין אַלע האָפענונגען. אַגורסקי האָט זיך צוריקגעקערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, גייסטיק צעבראָכן און שוין מער נישט פעאיק צו קיין נייער באַגייסטערונג, ווי אַ סך אַנדערע אין יענער צייט פון צעפאַלענע חלומות און אַנטטוישטע האָפענונגען.

מיין רייזע דורך שוועדן

אין יוני 1929 איז פֿאָרגעקומען אין שטאָקהאָלם דער יערלעכער קאָנגרעס פֿון אונזער שוועדישער ברודער־אָרגאַניזאַציע: Sveriges Arbetares Central organisation (S.AC.) - די חברים האָבן אויסגעדריקט דעם פֿאַרלאַנג, אַז איך זאָל אויף דער דאָזיקער באַראַטונג אַנוועזנד זיין ווי אַ פֿאָרשטייער פֿון I.A.A. איך האָב אָנגענומען די פֿריינטלעכע איינלאַדונג גאָר גערן, היות עס איז אויף נאָך דעם קאָנגרעס געווען פֿאַר מיר צוגעגרייט אַ רעפֿעראַטן־טור, וואָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די וויכטיקסטע שטעט פֿון לאַנד ביז אַרויף צו די צפֿונדיקע ברייטן פֿון דעם אייזן־ראַיאָן פֿון קירונאַ. איך בין קיינמאָל פֿריִער נישט געהאַט געווען אין שוועדן, הגם איך בין געווען גוט באַקאַנט מיט דער פּראָכטבאַרער אַרבעט פֿון אונזער דאָרטיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהערט צו די וויכטיקסטע באַשטאַנדטיילן פֿון דער I.A.A. און אויף אַ מוסטערהאַפֿטן אופֿן אויסגעפֿירט איר אינטערנאַציאָנאַלע התחייבות. די איינלאַדונג איז מיר דעריבער געווען זייער אָנגענעם. די שוועדישע דעלעגאַטן, מיט וועלכע איך האָב מיך באַקענט אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און קאָנפֿערענצן פֿון דער I.A.A. בעיקר מיין גוטער פֿריינט אַלבערט יענסען, דער לאַנגיעריקער אָנפֿירער פֿון אונזער טאָגצייטונג אַרבעטאַרען אין שטאָקהאָלם, האָבן דורך זייער רואיקער און זאַכלעכער שטעלונג אין אַלע פֿראַגן איבערגע־לאָזט ביי מיר אַ זייער גינסטיקן איינדרוק, וואָס האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט מיין פֿאַרלאַנג זיך צו באַקענען אויפֿן אָרט מיט דער שוועדישער באַוועגונג.

יענער קאָנגרעס האָט דעריבער געהאַט אַ ספּעציעלע באַדייטונג, ווייל אויף אים האָט באַדאַרפֿט דעצידירט ווערן דער ווייטערדיקער גורל פֿון דער S.A.C., עטלעכע זייער פֿעאיקע און איינפֿלוסרייכע מיטגלידער פֿון דער סינדיקאַליס־טישער באַוועגונג אין שוועדן, צווישן זיי אויך דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פֿון אַרבעטאַרען האָבן געהאַלטן, אַז די באַוועגונג דאַרף זיך אָפּזאָגן פֿון עק־זיסטירן ווי אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע און זיך אָנשליסן צו דעם אַלגעמיינעם פֿאַרבאַנד פֿון שוועדישע סינדיקאַטן. וואָסערע עס האָבן געזאָלט זיין די טעמים וועלכע האָבן געפֿירט צו יענער מיינונג, איז אָבער געווען קלאָר, אַז עס איז דערפֿון אַנטשטאַנען אַ קריזיס אין דער באַוועגונג, וואָס וואָלט געקאָנט זייער אומגינסטיק ווערן פֿאַר איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. היות עס זענען מיר שוין

געווען באַקאַנט אַזעלכע זאַכן, האָב איך מיך געריכט אויף אַ זייער שטורמישער פאַרזאַמלונג. הגם די גרויסע מערהייט פון די שוועדישע חברים איז נישט מרוצה געווען צו רעזיגנירן פון איר באַוועגונג, איז פונדעסטוועגן געווען אָנ־צונעמען, אַז אַ טייל פון די אַנגעשלאָסענע פאַרבאַנדן וועט זיך צוהערן צו יענע עצות און אַזאַ שפּאַלטונג וואָלט געקאָנט האָבן שלעכטע קאָנסעקווענצן.

דער קאָנגרעס, וואָס איז געווען איבערגעוועגלעך גוט באַזוכט, האָט די סעסיעס דורכגעפירט אין דער אייגענער היים פון דער .S.A.C, אַ פּרעכטיקער בנין, וועלכער האָט פריער געדינט ווי אַ מאַסאָנען־לאָזשע און איז שפּעטער אָפּגעקויפט געוואָרן דורך אונזער אָרגאַניזאַציע. אויך די אינערלעכע איינאָר־דענונג פון הויז איז געווען אַ זייער באַקוועמע. אין רחבותדיקן פּאַרטער האָט זיך געפונען די מאָדערן איינגעאָרדנטע דרוקעריי פון דער צייטונג. די אַנדערע לאָקאַלן האָבן געדינט פאַר דעם רעדאַקציע־שטאַב און פון פאַרשידענע אַדמי־ניסטראַציע־אָפּטיילונגען אָדער זענען געווען איינגעאָרדנט פאַר אַ געזעל־שאַפטלעך צונויפקומען זיך פון די מיטגלידער אין דער הויפּשטאָט. פאַר די זיצונגען פון דעם קאָנגרעס איז געווען באַשטימט דער גרויסער זאַל פון בנין.

דער קאָנגרעס איז געווען טעטיק פון דעם 23. ביז צום 29. יוני און האָט דורכגעפירט זיינע אַרבעטן מיט אַ רואיקייט, וואָס האָט ביי מיר ממש אַרויס־גערופן באַוואונדערונג. איך בין געווען צוגעגרייט צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן, ווארים איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, וואָס עס וואָלט זיך אָפּגעטון אין דייטש־לאַנד אָדער אין פראַנקרייך, אויב עטלעכע פון די באַקאַנטסטע פירער פון דער באַוועגונג וואָלטן פאָרגעלייגט די חברים, זיי זאָלן ליקווידירן זייער אָרגאַניזאַ־ציע און זיך אָנשליסן צו די רעפאָרמיסטישע סינדיקאַלע פאַרבאַנדן. אָבער די טומל־סצענעס, אויף וועלכע איך האָב מיך געריכט, זענען נישט געקומען. בלויז עטלעכע דעלעגאַטן האָבן אונטערגעשטיצט דעם פאָרשלאַג. מען האָט זיי אויסגעהערט רואיק און זיי געגעבן יעדע מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען. אָבער שוין די ערשטע זיצונג האָט דייטלעך געוויזן, אַז זייער פּלאַן האָט נישט קיין שום אויסזיכטן אויף דערפאָלג. אַלבערט יענסען, וועלכער איז געווען דער הויפּטרעדנער קעגן דער פאָרגעשלאָגענער צוזאַמענשמעלצונג, האָט אויסגעפירט זיין אויפגאַבע מיט אַ מוסטערהאַפטער זאַכלעכקייט. זיינע מסקנות זענען געווען קלאָר און פעסט און האָבן אַריינגעטראָפן אין תוך פון דער זאַך, נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין פּערזענלעכע נעבנזאַכן, וואָס וואָלטן בלויז עלול געווען אָפּצושוואַכן דעם טיפן איינדרוק פון זיין רעדע און אַראָפּפירן די דיס־קוסיע פון גלייכן וועג.

דעם הויפּט־אַרגומענט פון דער קליינער צאָל אָנהענגער פון דער צוזאַמענ־שמעלצונג, אַז מען מוז שטאַרקן די איינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, כדי צו דערגרייכן גרעסערע דערפאָלגן, האָט יענסען צונישט געמאַכט מיט דעם טרעפלעכן ענטפער, אַז סינדיקאַליסטן האָבן ביז אַהער אָן שום באַדינגונ־

געו אונטערגעשטיצט די קאמפן פון די סינדיקאטן פון אלע ריכטונגען און קיינמאל נישט אויסגענוצט זייער זעלבסטשטענדיקייט, כדי הינטן ארום צו באַפאלן אנדערע ארבעטער. אבער ער האט אויך באטאנט, אז צווישן די אנדערע סינדיקאלע פארבאנדן און דער S.A.C. זענען פאראן אידעאלאגישע אונטערשיידן, וועלכע קענען דערוויל נישט אויסגעגלייכט ווערן און דעריבער באַרעכטיקן זיי די עקזיסטענץ פון אן אייגענער ארגאניזאציע. ווארים די אינערלעכע איבערצייגונג פון דעם מענטש איז א פראגע, וואס קאן נישט געלייזט ווערן דורך סתם פאראייניקונג־פּרווון און מען וועט דער אלגעמיינער ארבעטער־באוועגונג גארנישט טון קיין טובה, אויב מען וועט איר צונעמען די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט אנדערע אידעען, וואס וואלטן זי געקאנט גייסטיק באפרוכפערן.

דער רואיקער און זאכלעכער אופן, מיט וועלכן יענסען האט אויסגעדריקט זיינע מיינונגען, האבן דעם גאנצן גאנג פון קאנגרעס געגעבן א בכבודיקן און ערנסטן כאראקטער, ווארים אויך די אנדערע רעדנער האבן זיך קאנטיק באַמיט אויסצומיידן יעדן מין פון פערזענלעכע אנגריפן און צו האלטן די דיסקוסיעס אויף א גייסטיקער מדרגה, וואס איז צוגעפאסט צו איר ציל. עס איז דעריבער נישט געקומען צו קיין שארפע וכוחים און נישט צו קיין שפאלטונג פון דער באוועגונג, אזוי ווי איך האב תחילת מורא געהאט. די הויפּט־אנהענגער פון דער צוזאמענשמעלצונג זענען אוועק פון דער באוועגונג און האבן זיך אויסגעזוכט אן אנדער טעטיקייט־פעלד אין דער סאציאליסטישער פארטיי אדער אין די אלטע סינדיקאלע פארבאנדן. די לאקאלע ארגאניזאציעס אבער זענען געבליבן טריי דער S.A.C. און ווייטער געווען טעטיק אין זין פון סינדיקאליזם.

דער גאנצער גאנג פון קאנגרעס האט אויף מיר געמאכט א זייער גינסטיקן איינדרוק און באקרעפטיקט די דערפארונג, וואס איך האב שוין געהאט געמאכט אין ענגלאנד. אין לענדער, ווו דאס פרייע אויסדריקן א מיינונג איז זינט יארהונדערטער נישט געשטערט געווארן, האט זיך ממילא אנטוויקלט א געוויסע טאלעראנץ פאר פרעמדע מיינונגען און א טיף פערזענלעך אחריות־געפיל, וועלכע זענען די ערשטע פארבאדינגונגען פון גייסטיקער פרייהייט, וואס שאנעוועט די רעכט פון אנדערע, וויל זי אליין האט תביעות אויף שוינונג.

די קורצע צייט, וואס איך האב דעמאלט פארבראכט אין שטאקהאלם, בין איך געווען צו גאסט ביי אלבערט יענסען און זיין פרוי עליזע, וועלכע האבן געוווינט אין א פריינטלעך שטעטל, עטלעכע מייל פון דער הויפטשטאט. דאס זענען געווען שיינע, אנגענעמע טעג אין דער סטימולירנדיקער געזעלשאפט פון די דאזיקע פריינטלעכע מענטשן, וואס איך האב קיינמאל נישט פארגעסן. אויך די צייט איז געווען גוט צוגעטראפן, ווארים עס איז גראד געווען די תקופה פון די ווייסע נעכט, יענער אויסטערלישער פענאמען פון די צפון־לענדער מיט זיין

באַצווינגערישן כשוף, וואָס ווירקט אַזוי באַצויבערנדיק אויף די חושים. מען קאָן נישט די דאָזיקע נעכט פאַרגלייכן מיט דעם בין השמשות, וואָס קומט ביי אונז פאַר דעם טאָג אָדער נאָך אים. עס איז אַ מאַטאָווע, גלייכמעסיקע זילבער־גרויקייט, וואָס איז אַזוי אינטענסיוו, אַז מען קאָן אין האַלבער נאַכט נאָך גוט אונטערשיידן די שורות פון אַ בוך; דאַך, די אויסערלעכע קאָנטורן פון אַלע זאַכן זענען אַזוי צאַרט פאַרהילט, גלייך ווי אין דעם דאָזיקן אויסטערלישן ליכט זאָל זיך אַנטפּלעקן זייער פאַרבאָרגענער תוך, וועלכן דער טאָג פאַרטרייבט. ווען מען גיט זיך איבער אינגאַנצן דעם שטילן כשוף פון אַזאַ נאַכט, באַקומט מען אַ שטיל פאַרגעפיל פון אַן אומבאַקאַנטער וועלט, וועלכע מאַכט־דורך אירע שטומע קרייזן, נישט קימערנדיק זיך מיט דעם אַלטעגלעכן האַוועניש.

אויך דאָס וועטער איז צו מיר געווען לייטזעליק. איך האָב דורך דער גאַנ־צער צייט נישט געהאַט כמעט קיין איין שלעכטן טאָג און די גאַסטפריינטשאַפט פון די שוועדישע חברים האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז איך זאָל גוט פאַר־ווענדן מיין צייט און זען וויפל עס איז נאָר מעגלעך. שטאָקהאָלם איז זיכער איינע פון די שענסטע שטעט אין אייראָפּע. די דאָזיקע צפונדיקע ווענעדיג, ווי מען רופט זי אָפט, אונטערשיידט זיך טאַקע זייער פון דער אַלטער אַזיערע־שטאָט און האָט צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיקן נאָמען בלויז איר פּאָזיציע אויף פאַרשידענע אינזלען צווישן דער פּרעכטיקער מעלאַר־אָזיערע און דעם באַל־טישן ים. די שטאָט איז, ווי אַלע סקאַנדינאַווישע שטעט, זייער ריין און פאַר־מאָגט אַ סך אינטערעסאַנטע בנינים פון היסטאָרישער באַדייטונג. אַ סך הייזער האָבן געדענק־אויפשריפטן. אויך דאָס הויז, אין וועלכן באַקונין האָט געוווינט, בעת ער האָט זיך אין 1863 אַרויסגעלאָזט אויף זיין מאָדנער אָבער אומגעלונ־גענער רייזע קיין פוילן, פאַרמאָגט אַזאַ אויפשריפט און ווייזט, אַז די שוועדן זענען אין דעם פּרט נישט עגאָאיסטיש און גיבן־אָפּ כבוד נישט בלויז נאַציאָ־נאַלע העלדן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויך נישט פאַרפעלט מיר צו ווייזן די באַרימטע שענק, וווּ דער ווילדער באָהעם און געניאַלער דיכטער צ. מ. בעלמאַן (1795—1741) פלעגט מיט זיין פריילעכער חברותא וויינטרינקער פּראַ־ווען הוליאַנקעס, וואָס האָבן, פונקט ווי זיין נייע דיכטערישע קונסט, אַנגע־וואָרפן אַ געהיימען פחד אויף די פאַרפּודערטע פאַרשטייער פון אַן אויסגעצאַצ־קעטער און טרוקענער פּאָעזיע.

בעלמאַן איז בלי ספק געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע דיכטער פון זיין צייט, וואָס האָט גענומען זיינע טעמעס פון דעם שוועדישן פאָלקס לעבן און אַרויסגעוויזן, בעיקר אין זיינע לידער און לירישע דיכטונגען, אַ שלימות, צו וועלכער עס האָבן בלויז ווייניקע דערגרייכט. זיין שפּרודלדיקער הומאָר, זיין אומדערשעפּלעכע פאַנטאַזיע און אָריגינעלקייט אין אַלעם, וואָס ער האָט באַ־רירט, פאַרזיכערן אים אַן אייביקן פּלאַץ אין דער ליטעראַטור פון זיין לאַנד, וואָס ער האָט אַזוי טיף איינגעשלאָסן אויך ביי זיך אין האַרץ. ער איז באמת

געוועזן אַ מיוחד במינו, און בעת די לאַנגוויילִיקע אַלעקסאַנדרינער פון זיינע קלאַסישע צייט־חברים זענען שוין לאַנג פאַרגעסן, לעבן זיינע לידער נאָך היינט אין פאָלק און ווירקן מיט זייער כשוף. צו אַ סך פון זיינע לידער האָט ער אַליין געשאַפן מוזיק און געפונען פאַר זיי אָפּטמאָל מעלאָדיעס פון ווונדערלעכער צאַרטקייט אָדער האַרציקער פריילעכקייט, וואָרים פונקט אַזוי ווי פאַר אונזער אַמאַדעאוס האָפמאַן, אַזוי איז אויך פאַר אים די מוזיק געוואָרן אַן אינערלעכע אַנטפּלעקונג.

דאָס בעלמאַן־הויז פאַרמאָגט אַ סך אינטערעסאַנטע דעראינערונגען: שפּריכווערטער און פּערזן פון דעם דיכטער און פון זיינע שענק־חברים און אויך טייל שטיפערישע צייכענונגען פון בעלמאַנס האַנט, צווישן זיי אויך דער אויטאָ־פּאָרטרעט מיט דער לאַנגער טערקישער ליולקע. דאָס אָרט דערמאָנט אויף אַ געוויסן אופן דעם האָפמאַן־קעלער ביי לוטער און וועגנער אין בערלין, ווו דער דעמאָנישער דייטשער ראָמאַנטיקער צוזאַמען מיט זיין גייסטיק־קרובעשאַפטלעכן פריינט דעווריענט, דעם גרויסן שעקספּיר־אַקטיאָר אויף דער דייטשער בינע, פלעגן מער ווי איין נאַכט פּטרן ביי אַ גלאָז ווין און דרייסטע פאַנטאַזיעס פון זייער קינסטלער־קאַפּריז.

נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אין שטאָקהאָלם און אין דער סביבה אַ גרעסערע צאָל רעפעראַטן, וועלכע זענען אַלע גוט באַזוכט געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע רייזע אויף צפון פון דער מדינה, ווו די זון לייכט אין האַלבער־נאַכט. מיין רייזע־באַגלייטער איז געווען צ. י. ביערקלונד, דער אַרויסגעבער פון דער אַנאַרכיסטישער צייטונג בראַנד, איינע פון די עלטסטע צייטונגען אין אונזער באַוועגונג, וואָס עקזיסטירט נאָך היינט. איך האָב אומעטום גערעדט אין דייטש און ביערקלונד, וועלכער האָט גאַנץ גוט געקענט די דייטשע שפּראַך, האָט איבערגעזעצט מיינע אויספירונגען אויף שוועדיש. די פאַרזאַמלונגען זענען כמעט אומעטום פאַרגעקומען אונטער דעם פרייען הימל, וואָרים דער לאַנגער ווינטער איז גורם, אַז די שוועדן ווילן די שיינע זומער־חדשים פאַרברענגען אויף דער פרייער לופט. אַלע פאַרזאַמלונגען אין זומער ווערן דורכגעפירט אין די אַזוי גערופענע פאָלקס־פּאַרקן, וועלכע געפינען זיך אין יעדער שטאָט. די רייזע גופא איז געווען זייער אָנגענעם און אויסערגעוויינלעך רייך אין אָפּוועקסלונגען און האָט מיך געפירט צום ערשטן מאָל אין ברייטן, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען איבער דעם צפונדיקן פּאָלאַר־קרייז. שוועדן איז אַ זייער שיין לאַנד און זיין רייכקייט אין אַזיערעס, טייכן און גרויסע וועלדער איז ממש אומדערשעפּלעך. דאָס לאַנד פאַרמאָגט וויניק באמת גרויסע שטעט, מחמת בלויז שטאָקהאָלם, געטעבאָרג און מאַלמע קאָנען האָבן פּרעטענזיעס אויף אַזאַ נאָמען. די איבעריקע שטעט זענען מייניסטנס קליינע, אָפט אין אַ הערלעכער סביבה זיך געפינענדיקע ערטער, פון וועלכע בלויז גאָר וויניקע האָבן מער ווי פערציק טויזנט איינוווינער. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג גע־

פינט זיך אין די דרום־פּראָווינצן, בעת דער צפונדיקער טייל פון לאַנד איז קנאַפּ באַפּעלקערט.

מיר האָבן צוערשט באַזוכט עטלעכע קלענערע שטעט אין אינערן פון לאַנד און זענען דערנאָך געפאָרן קיין גאָוולע און זונדסוואַל, צווי פּאָרט־שטעט ביים ברעג פון דער באָטנישער ים־בוכטע. פון זונדסוואַל האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע רייזע צום הויכן צפון און די איינדריקן פון איר האָבן זיך אַזוי טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז זיי שטייען מיר נאָך היינט דייטלעך פאַר די אויגן. איך האָב אין אָוונט גערעדט אין פאָלקספּאַרק פון זונדסוואַל פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר פאַרבראַכט עטלעכע אָנגענעמע שעהען אין דעם ענגערן קרייז פון די חברים און מיר זענען דערנאָך אָוועקגעפאָרן אין אַן אויטאָ צו אַ קליינער סטאַציע אין אינערן פון לאַנד, וואָס איר נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון, כדי צו נעמען דעם צוג צו דער אייזן־שטאָט קירונאַ. די רייזע אין אויטאָ האָט געדויערט כמעט דריי שעה און איך האָב גראָד אויף דעם דאָזיקן וועג באַקומען עטלעכע פון די אומפאַרגעסלעכסטע איינדריקן, וואָס איך האָב געהאַט אין שוועדן.

עס איז געווען אַ פּרעכטיקע ווייסע נאַכט, וואָס איר באַצווינגענדיקער כשוף האָט אָנגעפילט די נשמה מיט אַ שטומער פרומקייט. די גאַנצע לאַנדשאַפט איז געווען ווי אָפּגעטובלט אין אַ מאַגישן זילבער, אַזוי אַז כאָטש יעדע זאַך איז געווען גאָר דייטלעך צום זעען פאַר דעם אויג, איז דאָס אָבער געווען אין אַזאַ צאַרט און איינגעהאַלטן ליכט, אַז די גאַנצע סביבה האָט קוים געמאַכט אַן איינדרוק פון ווירקלעכקייט און גיכער זיך אויסגעדאַכט ווי אַ וועלט פון חלומות. אַ שטיק צייט האָט אונז דער וועג געפירט ביים ברעג פון אַ שמאָלער אָזיערע, און איר גלאַטע זילבער־גרויע אויבערפלאַך האָט פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון אַ כמעט אומענדלעכער פאַנטאַסטישקייט. אַלץ האָט אויסגעזען ווי אָנגעזאַפּט מיט דער דאָזיקער סודותדיקער פייערלעכער שטילקייט, וואָס איז בלויז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם פאַרטויבטן מאָטאָר־געוויש. אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט האָב איך ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס סטרינדבערג האָט געשריבן וועגן דעם כשוף פון דער שוועדישער נאַטור און לאַנדשאַפט.

ווען מיר זענען אינדערפרי אָנגעקומען קיין קירונאַ, האָט אונז אָפּגעוואַרט ערווין לינדסמאַן, דער דירעקטאָר פון דער סינדיקאַליסטישער טאָגצייטונג נאָרדלאַנדספּאָלקעט, אויף דעם וואָקזאַל און אונז באַגריסט מיט פרייד. מיר האָבן זיך שוין געקענט און דאָס ווידער־באַגעגענען זיך האָט אונז דעריבער פאַרשאַפט אַ טאָפּלטע פרייד. קירונאַ איז אַ רעלאַטיוו יונגע שטאָט. מיט נישט קיין לאַנגער צייט צוריק איז די גאַנצע געגנט געווען ווי אַ גרויסער מדבר, וווּ נאָר די לאַפּלענדער מיט זייערע הירשן האָבן געקאָנט עקזיסטירן. אָבער דאָס אַנטדעקן און דאָס עקספּלאָטירן די רייכע אייזנגרובנס אין צפון פון לאַנד האָבן

אין אַ קורצער צייט געמאַכט די קליינע שטאָט פאַר אַ צענטער פון דער שוועדישער אייזן־אינדוסטריע. פּאַקטיש איז דאָס דאָרטיקע אייזן פון דעם זעלבן ווערט און קוואַליטעט ווי דאָס אייזן פון דער שפּאַנישער פּראָווינץ ביסקאַיאַ און קאָן זיך מיט יענעם פאַרגלייכן. עס זענען דעמאָלט געווען ווייניק שאַכטעס אין דער סביבה פון קירונאַ און דאָס מעטאַל איז מייסטנס אַרויסגעצויגן געוואָרן פון דער אויבערפלאַך פון די בערג.

דאָס שטעטל געפינט זיך כמעט גענוי אויף דעם 68־טן מערידיאַן, דאָס הייסט אויף צפון פון פּאָלאַר־קרייז און איז אין יענער צייט באַשטאַנען בלויז פון קליינע, אָבער באַקוועם איינגעאָרדנטע הילצערנע הייזער. אַפילו די אין אַ גאַנץ מאָדנעם סטיל אויפגעבויטע קירכע איז געווען אַ הילצערנער בנין מיט אינעווייניקסטע איינריכטונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ משונהדיקן איינדרוק.

הגם מיר האָבן שוין געהאַלטן ווייט אין יולי, איז געווען אַ גאַנץ שיין וועטער, אָבער אַ סך קילער ווי אין די דרומדיקע טיילן פון לאַנד. אַ סך הויכע ערטער זענען נאָך טיילווייז געווען באַדעקט מיט שניי און אין דער נאָענטער אָזיערע האָבן מיר נאָך געזען אַרומשווימענדיקע אייז־קריעס. אין טאָג פון אונזער אָנקומען האָבן מיר מיט די חברים נאָך געמאַכט אַן עקסקורסיע נישט ווייט פון שטעטל. עס איז געווען אַן עכט צפונדיקע לאַנדשאַפט, וואָס איר רויע פּרימיטיווקייט איז נאָך קוים געהאַט באַרירט געוואָרן פון דער ציוויליזאַציע. מען האָט נאָר בלויז געזען נאָדל־ביימער; דעם איינציקן בלעטער־בוים, וואָס מען טרעפט נאָך ערגעץ אין יענע ברייטן, איז די בעריאָזע, נאָר דאָ האָט זי שוין נישט אויסגעזען ווי אַ בוים נאָר גיכער ענלעך צו אַ קוסט.

די עקסקורסיע איז געווען פּרעכטיק, אָבער זי האָט אויך געהאַט אירע חסרונות, לפּחות פאַר מיר. די בראַזיליענער זאָגן, אַז זייער לאַנד געהערט נישט צו די מענטשן, נאָר צו די מוראַשקעס. פון יענער טייל שוועדן קען מען רואיק זאָגן, אַז דאָס לאַנד געהערט נישט צו די מענטשן, נאָר צו די מאָסקיטן. זיי האָבן אונז באַגלייט אין געדיכטע מאַסן און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַט צו מיר אַ באַזונדערע נייגונג. מען רעדט אין אַמעריקע אַ סך וועגן די מאָסקיטן אין ניו דזשערסי, וועלכע זענען ספּעציעל באַקאַנט פאַר בלוט־דורשטיק; אָבער איך קאָן פון אייגענער דערפאַרונג זאָגן, אַז זיי וועלן נישט אויסהאַלטן קיין פאַרגלייך מיט די מאָסקיטן פון קירונאַ. דאָס איז אַ ספּעציעל בייזוויליקער מין; דיק און אָנגרייפעריש און צודרינגלעך ווי אַ בייזער שילגער. זיי זענען מיר געקראָכן אין די אויגן, אין די אויערן, אין דער נאָז. און וואָס מער איך האָב מיך באַשיצט פון אַלע זייטן, אַלץ בעסער האָט עס אויסגעזען זיי צו געפעלן ביי מיר. ערשט ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף אַ געוויסער הייך און די לופט איז קעלטער געוואָרן, זענען זיי ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן געוואָרן און אַז מיר זענען לסוף אָנגעקומען צום שפּיץ פון אַ קליין בערגל, זענען שוין נישט געווען קיין שום מאָסקיטן. דערפאַר אָבער איז גע־

ווען גאָר קאַלט און די חברים האָבן אָנגעצונדן אַ גרויס פייער, פון וועלכן מיר האָבן אין יענעם זומערדיקן טאָג געהאַט גרויס הנאה.

פון דעם שפּיץ באַרג האָבן מיר געהאַט אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע אויף דער נאָענטער אַזיערע און אויף דער ספּעציפישער צפון־לאַנדשאַפט אין איר רויער, כמורנער שיינקייט. מיר זענען דאָרט פאַרבליבן אויבן, ביז די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק, אַזוי ווי אין אונזערע ברייטן אומגעפער אַרום פינף אַזייגער נאָכמיטאָג אין סאַמע מיטן זומער. דערנאָך האָט זיך שוין ווידער אָנגעהויבן דער נייער טאָג, וואָרים אין יענער געגנט פאַרגייט בכלל נישט די זון אין משך פון פיר אָדער פינף וואָכן. דערפאַר אָבער איז קירונאַ אין ווינטער פונקט אַזוי לאַנג איינגעהילט אין שטאָק־נאַכט, וואָס ווערט בלויז פון צייט צו צייט בין־השמשותדיק באַלויכטן פון דעם צפון־ליכט.

אין דעם אַנדערן טאָג — עס איז געווען אַ זונטיק — האָב איך גערעדט אין פּאַלקספּאַרק פון קירונאַ פאַר אַ גרויסן עולם, וואָס איז באַשטאַנען כמעט פון אַלע איינוווינער פון שטעטל. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע עובדה, וואָרים די מאָסקיטן האָבן באַלאַגערט די רעדנער־בינע אין געדיכטע מחנות און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַט צו מיר דעם זעלבן אינטערעס וואָס די מענטשן. אַ שאָד, וואָס די חברים אין קירונאַ האָבן נישט צוגעגרייט קיין פילם־אויפנאַמע פון יענער פאַרזאַמלונג. עס וואָלט געווען אַ פאַרוויילנדיק בילד, פון וועלכן מיינע פריינט וואָלטן געקאָנט אַמאָל הנאה האָבן. בעת מיינע צוהערער האָבן אומבאַוועגלעך רואיק זיך איינגעהאָרכט צו מיינע אויספירן, האָב איך געהאַלטן אין איין וואַרפן מיט די הענט אַרום מיר, זיך געגלעט די האָר און מיר צעקראַצט די נאָז ווי אַ דערוויש, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין עקס־טאַז זעענדיק דאָס אָפענע גן עדן. איך האָב טאַקע שוין גאָרנישט געזען קיין גן עדן, אָבער געפילט, אַז מיינע פייניקער לאָזן זיך ווילגיין אויף מיין הויט ווי אין גן עדן.

צום מיינסטן האָב איך באַוווּנדערט מיינע צוהערער; זיי האָבן אַוודאי גע־מוזט האָבן אַ הויט פון פאַרמעט, וואָרים זיי האָבן זיך נישט קיין ריר געטון פון אָרט. ביי אונזער פּיקניק אויף דעם באַרג מיט אַ טאָג פריער האָט איינער פון די חברים, וואָס איז אַ ביסל פאַרשפּעטיקט אָנגעקומען, מיך געפרעגט, ווי עס געפעלט מיר די געגנט. „די געגנט", האָב איך געענטפערט, „איז פּרעכ־טיק און איינציק אין איר מין; אָבער אייערע מאָסקיטן וואָלט מען מיר גע־מעגט צוגנבענען".

„מאָסקיטן?", האָט ער געפרעגט כמעט מיט אַ טענה. „אָבער איך בין דאָך געקומען מיט דעם זעלבן וועג און איך האָב קיין איינע נישט באַמערקט". אָט אַזוי זענען שוין די מענטשן. זיי גייען אַלע אויף די זעלבע וועגן, אָבער יעדער זעט עפּעס אַנדערש, אָדער דאָרט, וווּ איינער זעט, איז דער אַנדערער בלינד. ווען מיין פריינט וואָלט געווען געפילט אויף זיין הויט די קליינע מזיקים, אַזוי

ווי איך האָב זיי געפֿילט, וואָלט ער זיי מסתמא אויך געוועזן געזען; אָבער ער האָט זיי פּשוט נישט געפֿילט און דעריבער האָבן אויך זיינע אויגן נישט באַמערקט די דאָזיקע פֿליענדיקע פֿעסט. אָבער יאָ מאָסקיטן אָדער נישט, עס זענען געווען הערלעכע טעג אין קעניגרייך פֿון דער האַלבער נאַכטיקער זון און איך וואָלט אַ סך געגעבן, אַז איך זאָל אַמאָל אויך אין ווינטער קענען זען קירונאַ אין דער ביינאַכטיקער לאַנדשאַפֿט.

אונזער צוריקרייזע אויף דרום איז געווען הערלעך און זייער רייך אין אָפּוועקסלונגען. וועלדער, אָזיערעס, טייכן, בערג און שטעטלעך אינמיטן אַ פּרעכטיקער סביבה, ריין און ציכטיק ווי אַ צירונג-קעסטל. איך האָב פֿאַרגעסן די נעמען פֿון דעם רוב קלענערע ערטער, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווייל איך האָב אין דייטשלאַנד פֿאַרלוירן אַלע מיינע פֿאַרצייכענונגען; אָבער די איינדריקן, וואָס איך האָב דעמאָלט באַקומען, זענען נאָך אַלץ פֿריש אין מיין זכרון, פּונקט ווי די גאַסטפֿריינטשאַפֿט, וואָס די שוועדישע חברים האָבן מיר צוגעטיילט מיט אַ ברייטער האַנט. אַזוי זענען מיר בשלום אָנגעקומען קיין געטעבאָרג, דער פּרעכטיקער פּאָרט-שטאָט ביים קאַטעגאַט מיט זיין פּרעכטיקער סביבה. איך האָב דאָרט געהאַט צוויי גרויסע פֿאַרזאַמלונגען און פֿאַרבראַכט אַ פּאָר אָנגענעמע שעהען אין דעם סטימולירנדיקן קרייז פֿון די דאָרטיקע חברים. פֿון דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן די צוריקרייזע אויף מזרח קיין שטאָקהאָלם, וועלכע געהערט צו מיינע שענסטע דעראינערונגען.

איין אָרט איז מיר געבליבן אויף תמיד אומפֿאַרגעסלעך, טראָלהעטאַן מיט זיין הערלעכער סביבה, וואָס שטייט מיר נאָך היינט לעבעדיק פֿאַר די אויגן מיט איר פּרימיטיווער שיינקייט. די געגנט איז מיר שוין באַקאַנט געווען פֿון ביכער און פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָרים איך בין שוין פֿון לאַנג געווען בקי אין דער אַלטער שוועדישער לעגענדע וועגן דעם שניידער פֿון טראָלהעטאַן, וואָס איך האָב נאָך געלייענט אין מיין יוגנט. דאָס שטעטל געפֿינט זיך גאָר נאָענט פֿון דער פּרעכטיקער ווענערן-אָזיערע, די גרעסטע פֿון אַלע שוועדישע אָזיערעס, וואָס איר אויגוס-פֿלאַץ, דער געטאַ-עלף, שאַפֿט דאָרט די באַרימטע וואַסערפֿאַלן, אַ בילד פֿון ווילד-ראָמאַנטישער שיינקייט, וואָס ווערט לײדער אָביסל צעשטערט דורך אַ געוויסער צאָל קוימענעס. אָבער נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן פּגם, בלייבט פֿונדעסטוועגן טראָלהעטאַן אַן אָרט, וואָס מען פֿאַרגעסט נישט קיינמאָל, ווען מען האָט עס איינמאָל געזען. די הערלעכע סביבה פֿון דער קליינער שטאָט פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל איבערראַשנדיקע פּאַנאָראַמעס, אַז מען פֿילט זיך ווי אין אַ פֿאַרכישופֿטער וועלט און מען וואָלט עס געהאַלטן פֿאַר גאַנץ נאַטירלעך, ווען עס זאָל פֿון ערגעץ אַ באַרג-שפּאַלט זיך באַווייזן אַ בייזער רוח, כדי אונדז צו דערמאָנען, אַז אין דער דאָזיקער סביבה פֿון שדים איז נישט אינגאַנצן זיכער. מיר זענען אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ גאָר משופּעדיקן באַרג, וואָס פֿון זיין שפּיץ האָט מען פֿאַר זיך אַ וואונדערלעך שיינעם אויסבליק אויף דער דאָזיקער וועלט פֿון שטילע וואונדער, וואָס פֿאַנגען אַלע חושים.

די גאַנצע רייזע פון געטעבאָרג קיין שטאָקהאָלם איז געווען זייער אָנגע־נעם און פול מיט איינדריקן. די אומגעהויערע רייכקייט פון לאַנד אין אַזיערעס און טייכן מאַכט מעגלעך, אַז מען זאָל קענען אַריבערפירן שיפן פון דעם מערב־ברעג אויף דעם לאַנד־וועג דירעקט צו דעם מזרח־ברעג. דאָס דורכפירן ווערט באַזאָרגט מיט זייער גרויסע שלוזן, וואָס ברענגען די שיפן איבער אַלע הויכ־קייטן. עס איז אַ זייער טשעקאַווע בילד, בעת מען געפינט זיך טיף אין טאָל, פלוצלינג צו דערזען אויף די נאָענטע באַרג־קייטן די מאַסטביימער פון אַ שיף זיך פאַמעלעך באַוועגן פאָראויס, ביז זיי ווערן ביסלעכווייז פאַרשווונדן פון אויג. טייל פון די דאָזיקע שלוזן זענען אמתע וווּנדערווערק פון מאָדערנער טעכניק.

איך האָב אין שטאָקהאָלם געהאַט נאָך עטלעכע פאַרזאַמלונגען און מחמת דעם, וואָס דאָס וועטער האָט מיר ביז צום סוף גוט צוגעדינט, האָב איך גע־האַט אַ געלעגנהייט בייטאָג בעסער זיך צו באַקענען מיט דער שטאָט, ביי וועלכן די חברים און בעיקר עליזע יענסען זענען מיר אויף יעדן אופן געווען באַ־הילפיג. ווען איך האָב מיך לסוף געמוזט שיידן פון די ליבע חברים אין שטאָק־האָלם, האָב איך געהאַט דאָס אָנגענעמע געפיל, אַז איך האָב געמאַכט איינע פון די שענסטע רייזעס, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך נייע איינדריקן און אי־בערגעלאָזט טייל שיינע דעראינערונגען, וואָס זענען מיר ביז היינט געבליבן אומפאַרגעסלעך.

אויך מיט די רעזולטאַטן פון מיין רעפעראַטן־טור האָב איך געקאָנט בלייבן צופרידן, ווייל איך האָב אומעטום געהאַט גוט־באַזוכטע פאַרזאַמלונגען און אויפמערקזאַמע צוהערער. אונזער באַוועגונג האָט דעמאָלט געהאַט אַן ערך 28.000 מיטגלידער אין שוועדן און פאַרמאָגט אַ סך אָרטיקע גרופּעס אין גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן זיך געפונען סיי פינאַנציעל, סיי מאָראַליש אין אַ גוטער לאַגע און געפירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט. פאַר אַ קנאַפּ באַפעלקערט לאַנד ווי שוועדן איז דאָס געווען אַ זייער אָנגעזעענע צאָל, וואָס האָט זיך טאַקע נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער מיטגלידער־צאָל פון די גרויסע סינדיקאַלע פאַר־באַנדן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָבער ווי אַ גוט אָרגאַניזירטע מינ־דערהייט האָט זי געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס, מיט וועלכן מען האָט זיך געמוזט רעכענען.

פון שטאָקהאָלם בין איך מיט ביערקלונדן געפאָרן צום דרום־טייל פון לאַנד, ווו עס זענען נאָך געווען פאַר מיר באַשטימט פאַרזאַמלונגען אין פאַר־שידענע שטעט. מיין לעצטע פאַרזאַמלונג איז געווען אין מאַלמע. פון דאָרט זענען מיר צוזאַמען געפאָרן קיין קאָפּענהאַגען, ווו אונזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט. ביערקלונד, וועלכער האָט יאָרנלאַנג דורכגעפירט אַן אומדערמידלע־כע טעטיקייט אין דער שוועדישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, איז מיר בעת דער גאַנצער רייזע געווען אַ גוטער חבר און אַן אָנגענעמער באַגלייטער, וואָס האָט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט מיר צו ווייזן שוועדן פון דער

בעסטער זייט און צו מאַכן אונזער רייזע אַזוי אינטערעסאַנט ווי עס איז נאָר מעגלעך געווען. ער האָט מיך אַודאי געמוזט ליב באַקומען, וואָרים ער איז געווען אין קירונאַ דער איינציקער, וואָס האָט זיך פּונקט אַזוי אָפּט געמוזט קראַצן ווי איך. ווען נישט, וואָלטן אַלע מאָסקיטן געווען צו מיר אַליין געקומען און איך וואָלט דאָס נישט געווען געקאָנט אויסהאַלטן. אָבער ער איז צוזאַמען מיט מיר אויסגעשטאַנען די צרות און פאַר דער דאָזיקער פּריינטשאַפטלעכער טובה בין איך אים נאָך היינט דאַנקבאַר.

אויסגאַבן פון דער בוכגעמיינשאַפט ביי דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

הומאַהואַקאַ 4318 בוענאָס־איירעס

כאַסע אַנטיטש — פראַנסיסקאָ פעררערס פעדאַגאָגיע, 30 זייטן

זשאַן גראַוו — בורזשואַזיע און פרייהייטלעכע דערציאונג, 28 זייטן

פּ. אוראַלעס — די פרייע שול, 30 זייטן

י. פּ. עלסלאַנדער — אַ באַזוך אין אַ מאָדערנער שול, 43 זייטן

¿Qué es el antisemitismo? (Encuesta mundial) 80 págs.

סעבאַסטיאַן פאָר — ווערטער פון אַ דערציער, 96 זייטן

פראַנסיסקאָ פעררער — די מאָדערנע שול, 200 זייטן

רודאָלף ראָקער — די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער ווירטשאַפט און דער אַרבעטער־קלאַס, 168 זייטן

לואידזשי פאַברי — עררייקאָ מאַלאַטעסטאַ — זיין לעבן און זיינע סאָציאַלע אידעען, 48 זייטן

א. מילער־לעניגג — שטאַט און מאַרקסיזם, 32 זייטן

ע. מאַלאַטעסטאַ — אין קאַפע־הויז, 120 זייטן

א. י. זאַקוסקי — י. ל. פּרץ, 64 זייטן

רודאָלף ראָקער — נאַציאָנאַליזם און קולטור, 744 זייטן

רודאָלף ראָקער — „אין שטורעם", 840 זייטן

יונה גאָראָדיסקי — דוד עדעלשטאַט, 32 זייטן

אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 1טער באַנד, 460 זייטן

אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 2טער באַנד, 464 זייטן

א. אַלמי — אין גערעַנגל פון אידייען, 226 זייטן

אבא גאָרדין — אין געראַנגל פאַר פרייהייט, 476 זייטן

אבא גאָרדין — דרייסיק יאָר אין ליטע און פוילן, 496 זייטן

מאַרטין בובער — שטעגן אין אוטאָפּיע, 208 זייטן

שמואל לעווין — צווישן צוויי תהומען, 440 זייטן

רודאָלף ראָקער — עסייען, 224 זייטן

רודאָלף ראָקער — רעוואָלוציע און רעגרעסיע, 1טער באַנד, 344 זייטן

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Copyright by:
Asociación Racionalista Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 30 de octubre de 1963 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS. S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires, Rep. Argentina.

RUDOLF ROCKER

REVOLUCION
Y
REGRESION

★

Editado por:
"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1963

RUDOLF ROCKER

REVOLUTION AND REGRESSION

★

"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1963